STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00599

ARAYNBLIKN IN YIDISHN LITERARISHN SHAFN

Yaakov Ziper

Permanent preservation of this book was made possible by
Natalie & Manny Charach
in loving memory of our daughter, Janice Charach and our parents,
Joseph & Rose Miller and Irvin & Clara Charach

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב זיפּער

ארײנבליקן אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן

Araynblikn in Yiddishn Literarishn Shafn

In Guter Dermonung Fun Khaverim Un Tuer

(Collected essays on yiddish literature)

(Recollections of friends and community workers)

Yaacov Zipper

הילע, שער בלאַט און אויסגעפּאַרטיקט שלמה פּאָמעראַנץ

© Copyright 1983
by the estate of Jacob Zipper
5786 McAlear
Montreal, H4W 2H1
Quebec, Canada

Adler Printing Publishing
4180 De Courtrai, suite 218
Montreal, Quebec

1 9 8 3

ת ש מ " ד

To the Ministry of State
for Multi-cultural Affairs of Canada,
for its generous grant toward
the publication of this volume,
and most expecially for its interest
in the survival of the Yiddish
language as a vital element
in the cultural mosaic of our
democratic land, the author
expresses his sincere
appreciation and deep gratitude.

דער מחבר דריקט אויס זיין אנערקענונג
און דאנק צום מיניסטעריום פאַר מולטי־קולטור
ענינים אין קאַנאַדע,
פאַר דער סובסידיע אויף אַרויסצוגעבן
דאָס בוך, און באַזונדערס
פאַר דער לויבנסווערטער באַציאונג
צום דערהאַלטן די יידישע שפּראַך
ווי אַ וויכטיקער שאַפונג־אויסדרוק
אין דער קולטור־מאָזאַיק
פון אונדזער דעמאָקראַטיש לאַנד.

מיט דאַנק ווערן דערמאָנט:

איי.דזשיי.סי.עס. — דער פאַרבאַנד פון יידישער
קהילה באַדינונג פון מאָנטרעאַל.
דער ״יעקב זיפּער בוך פאָנד״
די חיה און פּנחס הובערמאַן פונדאַציע פאַר
יידישער קולטור״, וואַנקווער, קאַנאַדע.

באזונדערע אַנערקענונג צו:

שלמה פּאָמעראַנץ פאַר זיינע עצות און אָנווייזונגען
ביים דרוקן דאָס בוך.



יעקב זיפער

תרס"א — תשמ"ג

1983-1900

א י נ ה אַ ל ט

אַריינבליקן אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן

אונטערן צייכן פון "יאָ און נישט געשטויגן" — **צבי אייזנמאַן** 1
אין חשבון מיט זיין דור — **מנחם באָריישאָ** 6
פלאַקאַטן און לידער — **זישע באַגיש** 20
ווי איך האָב אים געקענט — **יחזקאל בראָנשטיין** 25
"וואַגאַבונדיאַדע" — **יחזקאל בראָנשטיין** 32
מיט אויגן פון באַוווּנדער און ליבשאַפט — **יחזקאל בראָנשטיין** 37
דאָס גוטע מזל פון אַ יידישן ישוב **שמעון גובערעק** 41
לערער, פאָרשער און מייסטער איבערזעצער — **שמשון דונסקי** 46
א פּאָר באַמערקונגען צו פּרץ הירשביינס באַזוך 53
אַ דיכטערין פון שטילע טענער — **פעסי הערשפעלד־פאַמעראַנץ** ... 56
"אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין" — **מרדכי חסיד** 65
אַן אַריינבליק אין די "ווייסע טויערן" — **משה יונגמאַן** 73
מחשבות ביים לייענען "מיין טאַטנס פּרנסות" — **משה יונגמאַן** 80
ה. לייוויקס וועג צו גאַנצקייט 85
צום 50 יאָריקן יובילײ — **ה. לייוויק** 98
אַן אַריינבליק אין זיין דיכטער־געשטאַלט — **איציק מאַנגער** 101
פּאָעט פּאַר־עקסעלענץ — **מאַני לייב** 115
די אוראייניקלעך קומען צום זיידן — צום מענדעלע יובילײ 126
וועגן י.י. סיגאַל 130
אַ פּאָעט אין רייפקייט — **י.י. סיגאַל** 138
"אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" — **יהודה עלבערג** 143
אַ גרוס דורך לידער — **י. פּאַפּיערניקאָוו** 152
דריי דורות ביי פּרצן 155
חיים לייב פוקס 163
אונטערן צייכן פון כינוס און חשבון — **חיים לייב פוקס** 166
אויפן שוועל פון ערב — **שיינדל פראַנצוזסקי־גאַרפינקל** 171
אין יעקב פרידמאַנס פּאָעטישן הויף 182
אַן אַריינבליק אין רחל קאָרנס שאַפן 194
פון "אַ סטעזשקע אין דער הויך" צו "פאַרביטענע וואָר" — **רחל קאָרן** 203
סאָציאָלאָג און פאָרשער — **ל. ראָזנבערג** 212
צום דערגרייכן דאָס יאָר פון די גבורות — **מלך ראַוויטש** 221
אַן אָנווּונק בלויז אויף ראַוויטשעס דרך 226
דער שעפערישער דרך פון י.י. שוואַרץ 228

א י נ ה אַ ל ט

אין גוטער דערמאָנונג פון חברים און טוער

חבר אַרטור, שמואל מרדכי זיגלבוים.......................................239
וואָלף אָסטרעגער.......................................249
שעיה בעלקין.......................................256
מ.י. גאָרעליק.......................................259
חיהלע גראָבער.......................................262
דריי יוביליאַרן — **ש.מ. זעלטשען, י.א. טשערניאַק, ב. שעפּס**......265
ב.ג. זאַק.......................................272
חיים טאָלמאַטש.......................................280
פאַניע טשערניאַק.......................................284
אַלטער טשערניאַק.......................................287
משה מענאַכאָווסקי.......................................294
לייזער צוקער.......................................298
ברוך צוקערמאַן.......................................304
שרה קייזערמאַן.......................................316
הערשל רייזלער.......................................323
יואל שטערנטאַל.......................................326

אַ צאָל פון די עסייען זיינען געדרוקט געוואָרן אין די פאָלגנדע זשורנאַלן: אונדזער אייגן וואָרט, ביי זיך, די גאָלדענע קייט, העפטן, חשבון, ליד, די צוקונפט, פראָלעטאַרישער געדאַנק.

אַ צאָל פון די דערמאָנונגען זיינען געדרוקט געוואָרן אין קענעדער אַדלער.

אונטערן צייכן פון ״יאָ און נישט געשטויגן״

(ראַנד באַמערקונגען ביים לייענען ״מזלות״ און ״צווישן גרעניצן״ פון צבי אייזנמאַן)

מיט זיין ערשט ביכל קורצע דערציילונגען ״די באַן״, וואס איז דערשינען מיט עטלעכע יאר צוריק, האט צבי אייזנמאַן געגעבן אַן אַדערויף און אַן אָנווונק פון אַן אייגנאַרטיקן צייכענער פון מיניאַטורן פון מענטשלעכע לעבנס. דער סימבאָלישער נאָמען פון דער באַשיידענער זאַמלונג, האָט אויך מרמז געווען אַז סיי דער מחבר, סיי די מענטשן זיינע האַלטן נאָך אין מיטן פאָרן. קוים וואָס מיר ווייסן פון וואַנען זיי קומען און אוודאי ווייסן מיר נאָך ווינציקער וווּהין זיי וועלן דערפאָרן. וואָס מיר ווייסן יאָ, איז אַז זיי שלעפּן זיך איבער די וועגן און אומעטיקע סטעפּעס; די באַן פייפט אין דער נאַכט אַריין, דער ווינט יאָגט צוריק דעם געבראַזג פון די רעדער צוזאַמען מיט קנוילן רויך וואָס צעשווימען אין דער ליידיקייט, און די מענטשן זיינען קוים בכוח אַראָפּצוכאַפּן זיך אויף אַ סטאַציע צו קריגן אַ טעפּל וואַרעם וואַסער. עס דאַכט זיך אפילו אַז מער ווי אַ טראָפּן וואַרעם וואַסער דאַרפן זיי נישט און קענען נישט אַראָפּשלינגען. דאָס גורלדיקע אַרומשלייַען זיך זייערס איז דער טאָן און אונטערטאָן פון אַלץ וואָס פּאַסירט. דער מחבר צילט נישט צו דערציילן אונדז אַ גאַנצע מעשה מיט אַן אָנהייב און אַ סוף, נאר דער עיקר איז ביי אים דער אין דער מיטן — דאָס אָרט ווו ער האט געטראָפן און האַלט דעם העלד פון זיין פאַרצייכענונג. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דער מחבר וואָלט אונדז געוואָלט זאָגן: וואָס מאכט עס דען אויס וואָס פריער איז געווען, עס איז סיי ווי נישט די סיבה פון וואָס עס איז איצט, און אין סאַמע עיקר פירט עס נישט צו עפּעס אַ נייעם סך הכל.

מיט דעם אָנווונק זענען די קויל־פאַרצייכענונגען אין דעם דינעם ביכעלע געוואָרן אַן אָנהייב פון אַ צייכן פונעם סימבאָל פאַר אַ דור וואָס האָט איבערגעלעבט אַזעלעכס וואָס האָט אים ממש דערטשמעליעט. דער זיכרון איז ביי אים נישט סתם פאַרווירט, נאָר ווי אָפּגעווישט, און די וויזיע, די מאָרגן־פאָרשטעלונג — געדיכטער גליווערדיקער נעפּל. זעלטן ווען אַ העלער שטראַל דרינגט דורך די בלינדע וואַנט.

אין זיין נאָר וואָס דערשינענער זאַמלונג פון פאַרצייכענונגען און קורצע דערציילונגען ״מזלות״ איז אייזנמאַן שוין אויסגעשטיגן פון דער

"באַן". זייִנע מענטשן זענען שוין אין ישראל זיי זענען שוין אַ טייל פון דער ווירקלעכקייט און יעדער אויף זייִן אופן האָט זיך צוגעטוליעט צו אַ פּיצל ווינקל חדר אָדער שטוב. זיי זענען אָבער אַלע בלויז שפּליטערן פון לעבנס. די ווירקלעכקייט אין וועלכער זיי געפינען זיך איז טאַקע א רעאַלע און פילט אָן זייערע טעג און נעכט, און דאָך הענגען זיי אין מיטן. אין עפּעס אַן אַנדערער רעאַליטעט. דו זעסט מיטן מחברס אויגן און זייִן דין געשניצט בילד ווי זיי דאַרפן און ווילן בלויז קרישקעלעך מיט וועלכע דאָס חיות צו דערהאַלטן. דו זעסט אבער נישט ווי אַזוי און מיט וואָס זיי זענען געקומען אַהער און וואס זיי ווילן מיטן דערהאַלטענעם חיות צוטראגן צו דעם ברויז פון אַרום. זייערע "מזלות" שטייען אונטער אַן אַנדער צייכן, עפּעס נישט פון דעם עולם גאָר. זייער ווירקלעכקייט איז פון דעם מין וואָס אַ צו שאַרפער רעאַליזם קען גאָר נישט באַנעמען און דער ליריש אינדיווידועלער טאָן פון מחבר האַלט זיי כסדר אויפן ראַנד פון סימבאָל און שפּיל פון גורל, ווו דער ווו־איין און ווו־אויס איז אַליין אַ גרויס־אויגיקער, שטוינענדיקער ספינקס. זיי גייען געפּאַרט מיט די "אויסגעברענטע קנויטן", מיט יענער גרופּע לאַגערניקעס ערגעץ אין דער טייגע, וואָס קריגן אַביסל חיות בלויז פון וויסן אַז עמיץ צווישן זיי האָט נאָך אויפגעהיט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ לעבעדיקן וועזן פון דער אנדערער ווירקלעכקייט, וואָס איז ביי זיי שוין אינגאַנצן פאַרווישט געוואָרן. נישט זיי און נישט דער מחבר פּרווון אָנקליידן די פאָטאָגראַפיע מיט פלייש און בלוט. ס'איז גענוג פאַר זיי וואָס דורכן וויסן אַז ס'איז דאָ אַזאַ פאָטאָגראַפיע, אַנען זיי עפּעס פון יענער, איצט אי־רעאַלער ווירקלעכקייט פון וועלכער זיי און מוני, דער באַזיצער פון דער פאָטאָגראַפיע קומען אוודאי.

די קורצע דערציילונג און מיניאַטור צייכענונג, מעג זי זייִן ווי רעאַל געזען און דורכגעפירט, האָט די טבע אויפצוכאַפּן די ווירקלעכקייט סילועטיש און טראָגט זיך לייכט צונויף מיטן סימבאָל וואָס וואַקסט אַריבער דאָס מינוטנדיק איצטיקע. עס געפינט זיך אַלעמאל צווישן דעם ווירקלעכן און איבער־ווירקלעכן. אַ מין הינטער־באַוווסטזיניקע רעאַליטעט וואָס וועבט זיך ביים ראַנד פון ווירקלעכן. אין דער ליטעראַטור פון "פאַרן מבול", האָבן גאָר אַ סך מייסטער דערגרייכט דורך דער פאָרם דאָס צייכענען און פאַרויסצואַנען דאָס אומגליק וואָס גרייט זיך פאַר דער וועלט. אייזנמאַנען גיט זיך איַין דורך דער פאָרם אַרייִנצוקוקן אין דעם "פה נטמן" נאָכן מבול. ער נוצט די פאָרם מיט גרויס טאַלאַנט און טיפן לירישן טרויער. מיט אַ מינימום פון וואָרט סיי אין דערציילן סיי אין שילדערן האַלט ער אונדז געשפּאַנט. די דאָזיקע פאָרם דינט אים צו קענען אויפכאַפּן אַן איבערגעריסענעם פאָדעם און אים לאָזן וויקלען זיך אַרום זיך אַליין און פלאַטערן זייטיק אָן וועלכער עס איז מעגלעכקייט צו קענען ווען עס איז זיך

פֿאַרקניפּן און פֿאַרלירן זיך אין אַ ווירקלעך געוועב. עס איז עפּעס אַזאַ רעאַל אי־רעאַל לעבן, וואָס בלויז דאָס אויג פֿון קינסטלער זעט עס לעבן און פּילט עס ווי ווירקלעכקייט. נישט דערציילנדיק אונדז קיין גאַנצע מעשה און נישט אויפֿדעקנדיק דעם פֿריער פֿון זײַנע מענטשן, ווינקט ער פֿאַר אונדז גענוג אָן צו זען פּונקט ווי ער, אַז אויך זיי זײַנען אַ טייל פֿון לעבנס שפּיל און טראָגן מיט זיך נישט דערלעבטע גאַרונגען און חלומות וואָס ווערן אויסגעדריקט דורך טיפּן שווײַגן, דורך אילוזיעס אין וועלכע שיפֿן וועלן נאָך ברענגען צו פֿירן דאָס אויסגעבענקטע געשטאַלט און די וועלט ווערט אויפֿסניי געוועבט פֿון נאָך נישט געזעענעם וואָל. עס קען דאָך נישט געמאָלט זײַן אַז די בלינדע וואָרזאָגערין פֿון אַמאָל האָט טאַקע אומזיסט פֿאָרויסגעזאָגט אַ נישט געשטויגן.

לויטן שטײַגער פֿון דעם פֿאָרם און איר כאַראַקטעריסטישער אינדיווידואַליסטישער אייגנשאַפֿט, פֿאַרוועבט זיך דער מחבר אַליין אויך אַרײַן ווי איינער פֿון די העלדן זײַנע, וואָס בלויז אַ דין שפּעלטעלע איז אָפֿן אַרײַנצוקוקן אין דער בלינדער וואַנט זייערער. די פֿאַנטאַסטישע זעענישן זײַנע שפּילן זיך אָפּ אויף דער גרעניץ פֿון האַלב חלום און וואָר; נישט געשטויגן און דאָך צאַפּלדיקע שפּליטערן פֿון ווירקלעך לעבעדיקער וואָר, אפֿילו אַ מעשה אַ רעאַליסטישע ווי ס'איז די באַגעגעניש מיטן מיידל וואָס זוכט איר פּיעראָן פֿון די יוגנט יאָרן, לאָזט זיך אויס אַז ווען זי פֿאַרשווינדט פּלוצים, ווערט ער איר פּיעראָ וועמען זי האָט צוליב איר אילוזאָרישער בענקשאַפֿט נישט דערקענט.

די פֿאַרצייכענונגען שליסן זיך אָפּ מיט דער דערמאָנונג אינעם קונצנמאַכער פֿון זײַנע קינדער יאָרן אין אַ וואַרשעווער הויף ביי וועלכן ער בעט זיך איצט זיצנדיק שוין אין ישראל, ער זאָל זיך ווידער באַווייזן און אים פֿאַרשפּילן מיט דער וועלט פֿון "נישט געשטויגן" טוסטו אָבער אַ מיש די בלעטלעך אויף צוריק אין די "מזלות", שטייען אויף די יאָ געשטויגענע קורצע פֿאַרצייכענונגען און זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש. קענסט בשום אופֿן מער נישט אָננעמען, אַז דער מחבר וועט שוין ווען עס איז זיך קענען אָפּרײַסן פֿון דער נאָגנדיק אומעטיקער דערקענטעניש, אַז אין סאַמע סך הכל איז דער מענטש אַליין מיט זײַן גורל און קיין שום פֿאַרשפּילעניש איז נישט בכוח צו מאַכן עס אַנדערש. עס וועט נישט העלפֿן זײַן בעטן זיך ביי דער וואָרזאָגערין זי זאָל אויסמעקן די "טייגע יאָרן" פֿון זײַן וואַנדער־שפּיל. זיי שטעקן צו טיף אין זײַן געמיט און ער קען שוין אַנדערש נישט זען ווי אָפּגעריסענע שפּליטערן וואָס זייער גאַנצע צוגעבונדנקייט צום לעבן הענגט אויף אַ האָר. אין יעדן איינעם פֿון זיי האָט זיך עפּעס אין מיטן גאַנג אָפּגעריסן און קענסט עס מער נישט גאַנץ מאַכן. אמת, יעדער איינער וואַרט

נאָך אויף עפּעס וואָס דאַרף געשען, וואָס וועט אָנקומען פֿון אַן ערגעץ מיט אַ שיף צי מיט אַן עראָפּלאַן, אין חלום צי אויף דער וואָר, דערווייל אָבער קענען זיי אפילו נישט אויפקלערן פֿאַר זיך אַליין וואָס מיט זיי איז געשען. אין קורצע דינע נאָדלשטיכן צייכנט ער סילועטן־אַרטיק דעם צער זייערן פֿון הענגען אין צווישן דעם באַוווּסט און נישט־באַוווּסט זיין. דער גורל פֿון שטומקייט הויערט איבער זיי און אין זיי, און אַלץ וואָס זיי טוען איצט איז בלויז כדי דעם טאָג איבערצוקומען.

אויך אין דער זאַמלונג "צווישן גרעניצן" ווו עס קומט שוין בולט אַרויס דאָס נייע לעבן אין לאַנד, זענען נאָך אלץ די טיפֿן באַצוווּנגען מיטן קאָשמאַר פֿון פֿריער. די לאַנדשאַפֿט איז געמאָלן שאַרף רוי און אומדערבאַרעמדיק שרעקיק פֿרעמד, דורך צוגעבן איר מענטשלעכע אייגנשאַפֿטן ווי האָפֿן, טרויערן, לאַכן און וויינען. כדי אָנצעוואָרפֿן אַן אימה "קראַצט אַ צווייג אין פֿענצטער..." אין סך הכל הענגט איבער אַלץ אַ פֿאַרהוילן בענקענדיקער קאָשמאַר. אַפילו די וואָס זענען, דאַכט זיך, שטאַרק פֿאַרבונדן מיט דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט און שטייען אין סאַמע מיטן פֿון דעם איצטיקן ישראל לעבן וואָס איז פֿאַרנומען מיט באַדעקן די זאַמדן מיט גראָז און רייסן די שטיינער פֿון טויזנט יאָריקן גליוועער אויפֿצובויען די וויסטעניש, אויך צו זיי דערשווימט עפּעס אַן איבערלעבונג אפילו דורך דער דריטער האַנט, דורך אַ מעשה אַ געהערטער וועגן אַן אומגעקומענער מומען. די טראַגישע איבערלעבונג פֿון יענער מומע אין לאַנד פֿון פֿראָסט, גרויליקן פּחד און מענטשלעכער רשעות דערטראָגט זיך אַהער אין דער דערדריקנדיקער איינזאַמקייט פֿון מדבר־גלי צו יאָלן דער טאָכטער פֿון ישראל, וואָס האָט די מומע קיינמאָל נישט געזען. דאָ אין דער וועלט פֿון צעגליעטע פֿעלזן ווו בלויז דער אָדלער קרייזלט אַרום וואַרפֿנדיק אַ גרויל שאָטן ביום אָנשטעל זיין שאַרפֿן שנאָבל און צעשפּרייטן זיינע גרוי־זאַמע פֿליגל; דאָ אינעם אויגנבליק ווען דער שנאָבל פֿאַלט אַריין אין אַ שפּאַלט צו פֿאַרצוקן זיין קרבן, דערזעט יאָעל דעם פֿרירנדיקן שרעק־געלאַף פֿון יענער מומען אירער, וואָס איז אויפגעשטאַנען פֿון מאַסן־קבר און איר בלוט גליוווערט אַרום אַלע דאָרפֿישע כאַטעס וועלכע פֿאַרהאַקן טיר און טויער פֿאַר איר. אינעם האַלב חלום און וואָר פֿון איר אייגענעם פּחד פֿאַרן מדבר־גרויל און פֿאַרציקונג, קלעפּט יענערס פֿאַרגליווערט העמד צו איר־אייגן לייב. קיין שום וואַסער־שטראָם קען עס מער נישט אָפּוואַשן. ווי די צוויי פֿארפֿרוירענע "סקולפּטורן" אין דער "טייגעמדבר" שטעקט עס אין געמיט און איז אַ טייל פֿון דעם ביטערן מזל וואָס הענגט איבער דער צייט און מענטשלעכן עלנט. אַלע, דער לאַגערניק וואָס וויל נישט פֿאַלן ווי אַ בוים אַ צעזעגטער, עס נורעט דאָך אין אים אַ לעצט ביסל תאווה צו אַ האַלבן לאַבן ברויט, וועלכן דער הונט פֿוילט זיך אָנצורירן — און דער

סטרעליאַק און אויך דער הונט, וואָס דערכאַפּן זיך אין דער לעצטער סעקונדע צו פֿאַרהאַלטן דעם זינלאָזן אויסגעדאַכטן כאַפּלאַפּ פֿון דעם בעל־תאווה, זענען אַ שטיק פֿון דעם "סקולפּטור" וואָס גליווערט פּאָספּאָריש מאַקאַבריש נישט נאָר אין דער "טייגע".

אַנטקעגן הילפלאָזן ביטערן מזל פֿונעם לאַגערניק דערזעט אייזנמאַן בליציק שאַרף אַרויסשיינען פֿונעם קאָשמאַר ארויס דעם ייד אברהם וואָס האָט נאָך דער עקדה אויף יענער זייט אויפגעשטעלט זיין ניי הייזל אין לאַנד מיטן פאַרלאַנג און האָפענונג אַז דאָ און דאָסמאָל וועט דער מלאך פֿון אַמאָל ווידער קומען אין צייט אָפּצושטעלן די עקדה פֿאַר זיין זון וועמען ר'האָט דאָ אויפגעהאָדעוועט... מיט דער גאָרער פּשטות פֿון חומש נוסח גיט זיך אים איין אַרויסצופירן די אייביקע עקדה ווו דער מלאך האָט זיך באַוויזן און די נייע עקדות ווו ר'האט זיך נישט באַוויזן. און אויך דאָ בלייבט אַ פּאַרציטערטער דער ייד אברהם פּנים אל פּנים מיטן פאַרהווילענעם אייביקן נסיון פֿון אַ באַשערטן גורל אָן אַ באַשייד.

מיט אַזא זען און געמיט־צושטאַנד איז נישט קיין ווונדער וואָס דער רוב פֿון צבי אייזנמאַנס מענטשן ציען די טעג און נעכט מיט קנעטן אילוזאָרישע מענטשעלעך און די אויסגעצברענטע קנויטן פֿאַררויכן דאָס דינע שפּעלטעלע דורך וועלכן מ'זעט די גרויל־שפּיל פֿון גורל. אפילו די הייסע זון פֿון ישראל קען נישט צעשמעלצן די פּראָסטיקע אימה פֿון דער טייגע וואָס טראָגט זיך איבער די נייע עקדות.

ס'איז דעריבער נישט קיין ווונדער וואָס דער מחבר וויל נישט בלייבן **דאָס** קניילעבל פֿאַר די ליידיקע שפּיזלען וואָס וועבן אָן וואָל. דערפֿאַר אפשר רופט ער צוהילף דעם קונצנמאַכער פֿון די קינדער יאָרן וואָס קען אים קוים העלפֿן איצט, ווייל כאָטש "די יאָרן האָבן זיך טאַקע אָפּגעוויקלט ווי באַנדאַזשן"...אָבער די ווונדן זענען געבליבן. דעם קונצנמאַכערס סטענגעס קענען די ווונדן נישט פֿאַרדעקן. סימבאָליש גענומען רייסט ער זיך טאַקע אַרויס פֿונעם געשפּענסטיקן געוועב, צי קען ער אָבער מיטרייסן און אַרויסציען אויך די די מענטשן זיינע זיי זאָלן קענען מיטמאַכן אַ נייע קונצנמאַכערישע שפּיל? וועט עס אים אויך געראָטן צו ווייזן אונדז ווי די מזלות וועלן זיך איבערשפּינען אין אַ ניי געוועב מיט ממשותדיקער וואָל? דאָס וואָלט געווען גאָר אַן אינטערעסאַנטער נייער "יאָ און נישט געשטויגן".

אין חשבון מיט זיי̇ן דור

(צום 25סטן יאָרצייט פון מנחם באָריישאָ)

דאָ נישט לאַנג איז געוואָרן 85 יאָר זינט מנחם איז געבאָרן געוואָרן, 56 יאָר פון זיין דעביוטירן אין דער יידישער ליטעראַטור מיט פּרצעס סמיכה, און 25 יאָר זינט זיין פּטירה אין אַ גאַנץ יונגן עלטער. זיין פולער אמתער נאָמען איז מנחם גאָלדבערג, נאָר מן הסתם ווייל זיינע ברידער זיינען געווען באַקאַנטע שרייבערס, האָט ער ווי זיין פען־נאָמען אויסגעקליבן "מנחם" (וואָס האָט אַגב אינעם פאָלקס־לשון אַ ספּעציעלע באַדייטונג) און שפּעטער אָנגענומען דער מאַמעס פאַמיליע־נאָמען "באָריישאָ".

זיין טאַטע נח, איז געווען אַ העברעישער לערער, אַ האַלבער משכיל, וועלכער האָט אויך געשריבן אויף העברעיש און אינספּירירט זיינע קינדער צו ווערן שרייבערס. עס זעט אָבער אויס, אַז אַ טיפערן איינפלוס האָט אויף אים געהאַט אַ זיידע מיט וועלכן ער האָט זיך אין שפּעטערע יאָרן גייסטיק געראַנגלט, דערווייטערט זיך פון אים און פאָרט געזוכט אידעיש און קינסטלעריש אַ וועג צו אים און זיין וועלט.

צוליב דעם וואָס מנחם איז געווען אַ קרענקלעך יינגל, האָט מען אים נישט געשיקט אין חדר. אין דער היים, אויף אַ פּריוואַטן אופן, האָט ער באַקומען אַ גרונטיקע יידישע דערציונג. זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין זיין געבוירן־שטאָט בריסק, אין דער ליטע. דאָרט האָט ער אויך באַקומען זיין אַלגעמיינע בילדונג אין רוסיש. צו 16 יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און אין 1905 איז ער געקומען קיין וואַרשע, וווּ ער איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון פּרצן און זיין דרך. פון 1914 אָן האָט ער געלעבט אין ניו־יאָרק, מיטגעאַרבעט אין דער יידישער טאָג — און וואָכן־פּרעסע און זיך באַטייליקט אין די וויכטיקסטע ליטעראַרישע זאַמלונגען פון די "יונגע" און אַנדערע מיט לידער און עסייען. ער האָט אַרויסגעגעבן זיינע ווערק, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן מערסטנטייל מיט אַ סך באַוואָרענישן און אָפּט מיט אַ גאַנץ פּראָסטיקער קאַלטקייט. ער איז אויך אַ שטיקל צייט געווען אַ לערער אין אַן אַרבעטער־רינג שולע און גאָר שטאַרק אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס אַ סך האָבן עס געהאַלטן פאַר גאָר אַ קנאַפּע מעלה פאַר אַ קינסטלער.

פּרץ האָט אים טאַקע שטאַרק מקרב געווען, מ'קען זאָגן מדריך געווען, דערמוטיקט און געדרוקט אין זיינע זאַמלונגען, אָבער בעל־מחשבות, דער אייראָפּעיש געשולטער קריטיקער, האָט אים אָפּגעזאָגט דאָס קינסטלערישע לעבן און אים פּשוט געהייסן לאָזן דאָס שרייבן פאַר

מער באַרופֿענע ווי ער. אויך די שפּעטערדיקע קריטיקערס און זיינע אייגענע חברים פֿון די "יונגע" האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אים. זיי האָבן אים באַטראַכט ווי אַ זייטיקן אין דער ליטעראַטור, כמעט ווי אַן אַנטי־קינסטלער, וועלכער שרייבט אין בעסטן פֿאַל ספרים וואָס מ׳קען נישט פֿאַררעכענען ווי קונסט־ווערק. באַריישאַ אַליין רעדט וועגן דעם גאַנץ אויספֿירלעך און כמעט אָן תרעומות אין אַן עסיי אינעם בוך "אַ דור", אַז ער איז יאָרנלאַנג געזעסן צווישן די חברים שרייבערס און פּאָעטן ווי אַ זייטיקער, אַ פֿרעמדער, וואָס געהערט עפּעס נישט צו דער חברייא.

ס׳איז אָבער אַזוי געשען, אַז ער האָט אין משך פֿון איבער 40 יאָר שאַפֿן אויפֿגעשטעלט אַן אייגענעם בנין אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס לאָזט זיך מער נישט פֿאַרשטעלן אָדער פֿאַרשטופּט ווערן אין אַ ווינקל אַריין. אין יעדן ווערק זיינעם, ווי פֿאַרנעפּלט עס זאָל נישט זיין, פֿירט ער אַ חשבון מיט זיך ווי אַ יחיד וועמעס אויסערלעכע שטומקייט איז באַהעלט מיט אַ טיפֿן שטרעבן צו קומען צום אויסדרוק. ער פּרוווט אויך כסדר צו מאַכן אַ חשבון פֿון דעם דור אין וועלכן ער לעבט, דורך ראַנגלען זיך מיט אים און זיינע אידייען און זוכט אַלע מאָל אָנצובינדן דאָס יחידישע איבערלעבן ווי אַן אויסדרוק פֿונעם גאַנג פֿון דעם דור, ווי אַ טייל פֿון דעם היסטאָרישן דרך פֿונעם מין מענטש. און דער עיקר זוכט ער צו געפֿינען אַ באַשייד פֿון "דעם רעטעניש ייד" אי ווי אַ יחיד און אי ווי אַ כלל, וועלכער איז אַרויף אויף דער מענטשלעכער אַרענע אין אַ ווייטן "אַמאָל" און שפּאַנט אַזוי פֿון דור צו דור דורך יסורים און פּיין צו אַ מאָרגנדיקן "אַמאָל", וועמעס זין איז נאָך פֿאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקט געוואָרן.

כדי צו קענען מאַכן אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקן אַריינבליק אין אַלע זיינע ווערק, איז נאַטירלעך נויטיק אַ טיפֿערער און ברייטער אַנאַליז ווי מיר קענען זיך אונטערנעמען. וועלן מיר זיך דעריבער באַגרענעצן דאָס מאָל מיט אָנצייכענען בלויז אַ פּאָר הויפּט־שטריכן פֿון זיין שאַפֿן, בלויז אַ פּאָר עיקרים פֿון זיין דרך.

גלייך אין אָנהייב, נאָך אינעם אָנפֿאַנגערישן שטאַמלדיקן יוגנט־ברוויז זיינעם, אין די "תפילות", וועלכע זענען אַן אויסדרוק פֿון אַ בענקשאַפֿט צו אַן אמתן גלויבן אין דער געטלעכקייט פֿונעם גאַנצן באַשאַף, אַ בענקשאַפֿט צו געפֿינען אַ זיכערן אָנשפּאַר אינעם "אחד", וועלכער פֿילט אָן דעם "מלוא כל הארץ", און אַ בענקשאַפֿט צו עכטער אמונה וואָס דערפֿירט צו קדושה — שוין דאָרט פּייניקט ער זיך מיט די יחידישע מענטשלעכע שוואַכקייטן, וועלכע זענען סענסועל גשמיותדיק און שטייען אין גאַנצן אין ווידעראַנאַנד מיט זיין בענקשאַפֿט און זיין שטרעבונג צו קדושה. דער עיקר פּייניקט אים דאָס געוויסן, אַז אַפֿילו זיינע שטאַרקסטע בענקשאַפֿטן זענען נישט גאַנץ

געליײַטערט און ריין און קענען ממילא נישט פֿירן צו דעם וואָס ער באַגערט. ער קלאָגט זיך למשל:

״ס׳האָט מײַן בענקשאַפֿט צו דיר זיך פֿאַרפלאָכטן
מיט אַ בענקשאַפֿט צו פֿרוי,
נאָר אויך דאָס, ווייס איך נישט ווער זי איז
און וווּ איך זאָל זי זוכן.״

די דאָזיקע בענקשאַפֿט אָן אַ דירעקטן אַדרעס וואַרפֿט אים אַרײַן אין אַ געווירבל פֿון שווערע ספֿיקות: ווו איז די גרענעץ צווישן טומאה און קדושה? ווען נעמט די אַבסטראַקטע בענקשאַפֿט אָן די קאָנקרעטע פֿאָרם און ווערט געשטאַלט? וואָס איז בכלל דער זינען פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשטעלטקייט, וועלכע פֿאַרפֿירט און פֿאַרמישט, כּסדר די יוצרות?

נישט קענענדיק דערוואַרטן קיין קלאָרן ענטפֿער, טוט ער אַ קרעכץ אין פֿאַרצווייפֿלונג און ווענדט זיך צו דעם גאָט, וואָס איז פֿאַרהוילן פֿון אים:

״גאָט מײַנער,
דו ביסט אַליין,
איך בין אַליין —
זענען מיר ביידע אַליין.״

דאָס דאָזיקע זוכן פֿאַר זיך אַן אָנהאַלט, דאָס וועלן דערזען אַ זינען אין דעם וואָס קומט מיט אים פֿאָר, צווינגט אים צו זוכן זײַן אייגענעם שורש און אויך די סיבות פֿאַרוואָס ער האָט זיך דערווייטערט פֿון אים. אפֿשר וועט ער דורך דעם זיך ראַטעווען פֿון דער בלאָנדזשעניש, פֿון דער אַליינקייט און פֿון דעם פּחד, אַז די טומאה וואָס איז אין אים פֿונקט אַזוי לעבעדיק ווי דאָס לעבצן זיינס צו קדושה, זאָל אים נישט אין גאַנצן פֿאַרפּלייצן.

וואָס איז זײַן שורש? וועלכע לאַנדשאַפֿט האָט אים אַרויסגעפֿירט אויף דער ליכטיקער שיין? וואָס זענען די זאַפֿטן, וועלכע האָבן אים גענערט ביז אַהער און ווי אַזוי זענען זיי אַטראָפֿירט געוואָרן און פֿאַרוואָס? צו וועמען זאָל ער אַרויפֿקוקן ביים זוכן דעם וועג צום שורש? צו וועמען זאָל ער זיך צובינדן כּדי צו קענען זיך אָנשפּאַרן ביזן אַרויסרייסן זיך פֿון דעם בלאָנדזשען? אָט מיט דעם געראַנגל ווערט פֿון איצט אָן געצייכנט דער וועג פֿון זײַן שאַפֿן.

געוויינטלעך שפּאַרט זיך אַ קינד אָן אויפֿן טאַטן. ווי זאָגט עס דאָרט פּרץ: "אַ קינד אויפֿן טאַטנס אַקסל, איז העכער פֿון טאַטן." ביים טאַטן זיינעם, דעם האַלבן משכיל, געפֿינט ער אָבער די זעלבע נישט־זיכערקייט, די זעלבע בלאָנדזשעניש און דעם זעלבן פּחד פֿאַרן נישט קענען דערהאַלטן זיך אין דער וועלט פֿון פֿאַרמישטע יוצרות, ווי דאָס ווערט דורך אים קלאָר אַרויסגעברענגט אַסאַך שפּעטער אין זיין קרוין־ווערק "דער גייער". שפּרינגט ער דעריבער איבער דעם טאַטן און ווערט פֿאַרבליפֿט פֿונעם זיידנס לאַנדשאַפֿט, וועלכע איז אַ וועלט פֿון אמונה, אַ וועלט וואָס איז זיכער — אַז עס קען נישט זיין קיין וועלט פֿון "לית דין ולית דיין." עס איז דאָ אַ זין — כאָטש ער איז פֿאַרהוילן פֿון אונדז, און דאָס איז טאַקע די עובדא פֿון מענטשן, פֿון יידן, צו האָרעווען אויפֿן דערנענטערן זיך צו דער פֿאַרהוילנקייט. איז דעריבער אויך אַלץ וואָס געשעט, נאָר אַ כסדרדיקער גאַנג צום אַנטפּלעקן דעם זינען פֿון אַלץ. דעריבער איז נישט קיין וווּנדער וואָס עס קומט אָן אַזוי שווער.

אָט אויף דער וועלט וויל ער זיך אָנשפּאַרן, אָבער ערשט דאָ הייבן זיך אָן צו קנוילן די שווערסטע פֿראַגעס, און די ענטפֿערס וואָס מ'קריגט אויף זיי, זענען נאָך האַרבער ווי די ספֿיקות וואָס שפּאַרן פֿון אַלע ווינקלען. ער אַליין געהערט שוין צו אַ דור און לעבט אין אַ צייט וואָס האָט אויסגעליידיקט די הימלען און אַוועקגעשטעלט דעם מענטש אין צענטער פֿון אַלץ. ציטערט אויף אים דערפֿאַר די הויט —

"ווער זאָל מיר ענטפֿערן,
אַז ערד און הימל איז אויסגעפֿילט מיט מיר,
"איך", איינציקער געוועלטיק און רעגיר?"

אַזאַ איז ער דאָך דער דור זיינער, וואָס האָט זיך "באַפֿרייט" פֿון דעם "זיידע־גלויבן", פֿון דער אַבסטראַקטקייט: אַ דור וואָס קען זיך מער נישט באַנוגענען מיט תּפֿילות און לעבצעניש: אַ דור וואָס וויל מער נישט וואַרטן, נאָר וויל מיט די אייגענע הענט בויען אַ נייע וועלט און דערזען דעם זינען מיט די אייגענע אויגן און חושים. כדי דאָס גוט צו באַנעמען און אפשר דורך דעם דערבליקן עפּעס אַ פֿאַרבינדונגס־ליניע, אַ וועג־ווייזער, פּרוּווט ער זיך קלאָר מאַכן און נאָך אַ מאָל דערזען דעם זיידנס לאַנדשאַפֿט, פֿון וועלכער זיין דור איז אַנטלאָפֿן. ער לאָזט דעריבער זיין הויפּטהעלד אין "גייער" לעבן און אַרומוואַנדערן אין דער ווירקלעכקייט פֿון זיין צייט דורכמאַכנדיק אַלע פּיינען און ספֿיקות פֿון דעם דור, אָבער אין דער זעלבער צייט לעבט ער אויך אין פֿריערדיקע צייטן און די קינסטלערישע פֿאַנטאַזיע שטעלט פֿאַר אים פֿאַר די פֿאַרשווונדענע לאַנדשאַפֿטן פֿון יענע געשטאַלטן מיט זייערע פּיינען ווי אַ לעבעדיקער ביישפּיל פֿאַר אַלע צייטן.

לאַמיר פּרוּוון דערזען די לאַנדשאַפט ווי ער האָט זי געזען: זיצן אַ גרופּע בחורים ערגעץ אין אַ שטיבל צי אַ בית־מדרש און טוען דאָס וואָס יידישע קינדער דאַרפן טאָן. זיי לערנען גאָטס תורה און לעבן אין דער יידישער צייט, וואָס איז אין סך־הכל אַ פּירוש אויף דעם וווּנדערלעכן אויסדרוק פון דער יידישער פאָלקסמעשה "אַמאָל איז געווען און אַמאָל וועט זיין". נישט ווייט פונעם בית־מדרש איז דער מאַרק־פּלאַץ, ווו מ'האַנדלט און וואַנדלט און מ'קריגט זיך און מ'שלאָגט זיך פאַרן ביסן ברויט און מ'ציטערט פאַרן זשאַנדאַר און שיכורן פּויער. דאָ אַהער גרייכט נישט דער ליאַרעם פון דרויסן. דאָ איז מען גאָר אין ירושלים איצט ווו עס שטייט נאָך דאָס בית־המקדש אין זיין פּראַכט. צי מ'איז גאָר אין די אכסניות פון תורה אין אייבערשטן גליל, אין די ישיבות פון בבל, נישט ווייט פון די געמאַרקן פון מחוזא, פּומבדיתא, נהרדעא און סורא.

תלמידי חכמים אַמפּערן זיך, דרשנים זינגען אויס מיט אַ סיני־ניגון ווּנדערלעכע מעשות און שאַרפע טייטשן. זיצט דאָ אויך אין אַ ווינקל ביים עק טיש רבי יחיאל בריסקער, וועלכער איז איינער פון די גרעאָטנסטע טיפּן פון באָריישאָס "דער גייער". אַ ביטערער אָרעמאַן איז ער דער רבי יחיאל און אַ זיידענער מענטש, וואָס ווייטיקט אויפן צער פון אַלע דערשלאָגענע און באַליידיקטע. נישט נאָר זיין אייגענער צער פון נישט האָבן וואָס צו געבן דער רביצין אויף צו מאַכן שבת פּייניקט אים איצט, נאָר דער עיקר מוטשעט אים דער עול פון גלות און דער פּיין פון די כסדרדיקע שרעקן, וועלכע האַלטן זיך אין איין מערן, אַז ס'איז שוין ממש נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן. ראַטעוועט ער זיך מיט אַ פּרק משניות אינעם ירושלים פון אַמאָל, אין דער פּראַכטיקער שיינקייט פון אַ נאַכט און אַ פרימאָרגן אין בית־המקדש.

רבי יחיאל זינגט זיך דערביי צו מיט אַ סיני ניגון, וואָס פאַרוויגט אי מיט לעכצעניש, אי מיט טרייסט, אָבער די ביטערקייט פון דער גרויער ווירקלעכקייט קען עס אַלץ נישט פאַרטרייבן און האַלט אין איין איבעררייסן און צעמישן די טרייסט. (זע "רבי יחיאל ראַטעוועט זיך פון מחשבות זרות". (דער גייער, באַנד איינס, זייט 50).

ווי קען מען דען זיין פול געטרייסט און געשטאַרקט מיט דער אַמאָליקער פּראַכט און שיינקייט, אַז עס שטייט כסדר פאַר די אויגן און פאַרקאָרטשעט דאָס האַרץ —

"זאָל די שעה נישט זיין — וואָס וועלן העלפן שלעסער, פּרענטן,
ווען דאָס רוצחישע בלוט פון שונא וועט אַ ברען טאָן,
אַז דער גביר און אָרעמאַן אין זיבן פּאַלעס,
זיינען ביידע אין גלות.
גלות, גלות, אוי, אוי, אוי..." (דאָרטן)

ביטערט די איצטיקע ווירקלעכקייט מיטן יאָמערלעך צוגעלייגטן ניגון, ראַנגלט זיך מיט די אייגענע מחשבות, וואָס אַפילו ווען זיי דערשלאָגן זיך צו אַ פּיצל טרייסט, בלייבט זי הענגען אין דער לופֿטן אין אַ פֿאַרהווילעניש

„אוצרות גאָלד און זילבער קענען נישט דעם גלות נאַרן,
יוספֿס מאַכט וועט קיינמאָל נישט איבערשטייגן פּרעהן,
און די לייבן פֿון יהודהס מעכטיקע חיילות
וועלן אַלע מאָל אין קייטן גיין מיט טיטוסן אין גלות,
זאָלן אשור און מצרים מיט דער גבורה זיך פֿאַרמעסטן
ווען עמעס שווערדן זענען גרעסער, ווען עמעס פֿויסטן זענען פֿעסטער,
יעקבֿס אוצרות דאַרפֿן נישט קיין שוץ פֿון שווערד און פֿיילן.
אין די היילן פֿון דער תורה, אין די פֿעסטונגען של מעלה,
מעלה, מעלה, אוי, אוי, אוי, — "

(דאָרטן)

פֿון אַן אַנדער ווינקל אין זעלבן בית־מדרש ציט זיך אַן אַנדערער ניגון פֿון אַ בחור, וועלכער שטייט שוין מיט אַן אויג אויפֿן דרויסן. דער טאָן איז דער זעלבער נאָר עס הערט זיך שוין אין אים אַ תרעומותדיקער אָפּקלאַנג אמר רב יהודה אמר רב, האָט רב יהודה נאָכגעזאָגט פֿון רבס וועגן: בכל יום ויום, אַלע טאָג, בת־קול יוצאת וּמַכְרֶזֶת, גייט אַרויס אַ קול פֿון הימל און רופֿט אויס; כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט אין זכות פֿון חנינא מיין זון, וחנינא בני, און חנינא מיין זון, דַיו בקַב חרובין מֶערב שבת לערב שבת און חנינא מיין זון באַנוגנט זיך מיט אַ טאָפּ באָקסער פֿון איין ערב שבת צום אַנדערן". „נאָך אַמאָל" — ציקלט זיך דאָס קול און ווערט פּלוצים שאַרף און אָנגרייפֿעריש: דַיו!? האָט ער דען גענוג? זו תורה וזו שכרה, רבונו של עולם!? ניין! און ניין! — לויפֿט ער אַרויס פֿון בית־מדרש ווי אַ ווילכער!

אַזוי איז מען דאָך איינציקווייז און דערנאָך מאַסנווייז אַרויס פֿון בית־מדרש מיטן געשריי: ניין, עס קען מער אַזוי נישט גיין!

עפּעס ענלעכעס דערפֿון און מיטן זעלבן אויסגעשריי האָט זיך דאַן גענומען טראָגן פֿון די וועבשטולן אין באַלוט, פֿון די וואַרשטאַטן פֿון די שניידערס און שוסטערס אין די הינטער־געסלעך און אויך פֿון די באַלעבאַטישע טישן פֿון איינגעזעסענע היימען, וועלכע האָבן זיך גענומען טרייסלען צוליב די נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן. די יסודות פֿון דער אַלטער וועלט מיטן איינגעשטעלטן סדר האָבן זיך גענומען ברעקלען, און אין רעזולטאַט איז געקומען דער גרויסער געלויף און דערווייטערונג פֿון אַלטן גאַנג און פֿון דער שטאָלענער אמונה.

אויך באָריישאַ ווי אַ קינד פֿון דעם דור איז געלאָפֿן, אָבער ערשט אין דער פֿרעמד, ווייט אַוועק פֿון דער היים און איר איינגעשטעלטן סדר, האָט

ער דערשפּירט, אַז דער נייער לעבנס־שטייגער האָט אים נאָך ווייניק וואָס פֿאַרענטפֿערט. קלאָגט ער זיך:

"כ'האָב שוין אַזוי לאַנג אָן די תּפֿילין פֿאַרגעסן,
כ'האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געדאַוונט,
צי האָט זיך מיין קוואַל פֿון געבעטן פֿאַרשלאָסן?
צי האָט זיך פֿאַרשלאָסן מיין וועג צום הימל?"

ערשט אין דער פֿרעמד האָט ער באַנומען די גאַנצע גרויל און עלנט פֿון אַ וועלט, וווּ נאָר דער מענטש אַליין איז דער גאַנצער באַלעבאָס. ציט עס אים צו זוכן שוץ אינעם יידנס וועלט און קוויקט זיך דערמיט, וואָס ער דערשפּירט זי נאָך אין זיך. ער ווייסט איצט, אַז זי האָט אים פֿאַרט נישט פֿאַרלאָזט אינגאַנצן, כאָטש ער איז אַנטלאָפֿן פֿון איר —

"....דאָס האָט געלעבט אירס אַן אייגן לעבן
אין מיר די נשמה פֿון טאַטע און זיידע.
....אַליין פֿאַרן שלאָפֿן קריאת־שמע געלייענט
אַליין אין פֿרימאָרגן איר שחרית געדאַוונט..."

דאָס דאָזיקע דערשפּירן, מוז אים אין די שפּעטערדיקע ווערק פֿירן צום דערגרונטעוועון זיך אין דער טיף, כּדי אויפֿצודעקן די טיפֿע וואָרצלען פֿון יידנס דרך און דערזען, אַז דער דאָזיקער דרך איז שוין גאָרנישט נישט אַזאַ גלייכער און שטאַרקער, ווי עס האָט זיך אים אויבנאויפֿיק געדאַכט. ער איז גאָר זיגזאַגיש און פֿאַרשיידן לויט די צייטן און ממילא קען ער אויך גיין צו אים מיט אָפּנקייט. ער נעמט דעריבער נאָר אָן, אַז דער זיידע איז גערעכט מיט דעם, אַז דער מענטש מיט זיין באַגרענעצטקייט און זיין פֿאַרזונקענקייט אינעם זומפּ פֿון קליינקייט, קען נישט זיין די איינציקע מאָס און דער זין פֿון "זיין". מ'מוז עס זוכן אין דעם נאָך פֿאַרהוילענעם, אין דעם נאָך נישט אַנטפּלעקטן, דער ערשטער ווידעראַנאַנד מיט זיין דור איז שוין אָבער דורך דעם אַ קלאָר געצייכנטער.

דאָס פֿירט אים אויך צום צווייטן ווידעראַנאַנד מיט זיין דור. ער קען נישט אָננעמען, ווי זיין דור האָט עס אָנגענומען, אַז די קונסט און שאַפֿערישקייט קען געבן זין און דערהויבנקייט ביז צום פֿאַרהייליקן דאָס מענטשלעכע זיין, ווייל די קונסט איז דאָך אין תּוך און עיקר געשטעלט אויף בילד, געשטאַלטונג פֿון דעם וואָס סע איז און מ'שטעלט זיך פֿאָר — קען מען עס דאָך בייטן ווי עס ווילט זיך: קען עס דאָך אויך זיין שפּיל לשם שפּיל און מוז גאָרנישט דווקא האָבן אַ זין. זיין יידישער באַוווּסטזיין ציטערט אויף פֿון אַזאַ באַנעם, ווייל נישט נאָר זיין אייגענער גורל ווי אַ יחיד שטייט דאָ אין

קאָן, נאָר אויך דורותדיקער גורל פונעם ייד צווישן פעלקער, ווערט דאָ אין גאַנצן געשטעלט אונטער אַ פרעג־צייכן. ער שטייט דעריבער אין אַ שווערן געראַנגל מיט זיין קינסטלערישן מעדיום.

די קונסט פון בלויזער געשטאַלטונג, אַפילו די שענסטע, איז אַלץ נישט קיין קדושה. פאַרקערט גאָר, זי קען ווערן עבודה־זרה. זוכט ער עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער רופט יידישע קונסט. וועלכע זוכט צו אַנטפּלעקן דעם זין פונעם געראַנגל צווישן קדושה און טומאה. סתם קונסט, וואָס זעט נאָר בילד און בוקט זיך פאַר שיינקייט, מעג עס זיין ווי ברוטאַל, אַמאָראַליש און זינלאָז, קען ער נישט אָננעמען. דאָס מיינט נישט, אַז ער זאָגט זיך בכלל אָפּ פון מייסטערן די פאָרם, דאָס נישט, ווייל אָן פאָרם איז דאָך בלויז כאַאָס און צעמישונג. עס גייט אים נאָר אין דעם, אַז פאָרם אַליין איז נישט דער גאַנצער עיקר. זי מוז באַלויכטן ווערן מיט אַ זין וואָס פירט ערגעץ פון יחידישער פערפעקציע צו פאַרבינדונג מיט דעם וואָס איז פאַרהוילן און מוז זיין דער פּראָטאָטיפּ פון קדושה.

לויט מנחמען, ווי איך פאַרשטיי אים, באַשטייט דער אונטערשייד צווישן דעם יידישן און נישט יידישן באַנעם פון קונסט אין דעם, אַז לויטן יידישן באַנעם איז: אַז קונסט וויל און שטרעבט טאַקע אויפצודעקן און געשטאַלטיקן דאָס פאַרהוילענע נאָר, ס׳איז ווי מ׳זאָגט עס נאָך פון מיקל אַנדזשעלאָס ווענן: ״אין יעדן שטיין זע איך אַ בילד. מיין אַרבעט איז בלויז אַוועקצושאַרן דאָס וואָס פאַרשטעלט עס״. אַזוי האָט אויך געטהע געזען די ראָלע פון וואָרט. זענען דעריבער אַלע מאַטעריאַלן גוט פאַר דער קונסט און אַלע האָבן דעם זעלבן ווערט פאַרן מייסטער. קען מען דעריבער פון אַלץ, וואָס איז מייסטעריש געוויזן, הנאה האָבן אָן אַ מה קא־משמע לן.

דער יידישער דרך אָבער זוכט צו דערשפּירן דעם זין אין דעם פאַרהוילענעם און ווען עפּעס ווערט אָפּן און אַנטפּלעקט זיך שטייט עס אַלץ אונטער דעם שטענדיקן מה קא־משמע לן? וואָס לערנט עס אונדז? דער יידישער אופן פון שאַפן קען זיך דעריבער נישט באַנוגענען מיט בילד אַליין און בלייבן שטיין דערביי מיט פאַרגאַפטקייט און שטוינונג. נאָר זוכט דער עיקר צו באַנעמען דעם ווערט דערפון. פון וואַנען קומט עס און וווּהין גייט עס? ממילא מיינט עס, אַז אַלץ איז אַ רינגל אין אַ קייט, אָדער ווי ס׳זאָגט עס דער בראַצלאַווער ז״ל, אַז ס׳איז געגליכן צום גיין אין אַ באַרגקייט געגנט: ״מ׳גייט אַלץ אַרויף, און ווען מ׳קומט צום שפּיץ און מ׳דאַרף נאָך אַלץ גיין ווייטער, הייבט זיך אָן אַ באַרג־אַראָפּ פון דער צווייטער זייט, כדי ווידער צו גיין באַרג־אַרויף״.. אַזוי אַרום איז דעם יידנס וועלט, וואָס לעבט אין אים נאָר דער אָנהייב וועג, מיט וועלכן ער קען גיין דעם יידישן גאַנג אין צייט, וואָס איינער פון די לעצטע גרויסע פרשנים פון

תנ״ך, דער מלבים ז״ל, טיילט איין אין אַ צייט וואָס הייסט ״עת״ און אַ צייט וואָס הייסט ״זמן״.

״עת״, מיינט די אייביקע צייט, וועלכע ציט זיך משֵשת ימי בראשית. אָט די צייט איז אייביק און אין איר לעבט נאָר דער באַשאַפער אַליין. נאָר ער ווייסט איר זין, און נאָר ער — קען זי ענדערן לויט זיין רצון, ווייל נאָר ער איז אַ ״משנה עתים״. דער מענטש אָבער לעבט נאָר אין ״זמן״. אין זיין אייגענעם לעבנס-שפּאַן, וואָס איז פאַרגענגלעך און אונטערגעוואָרפן צו די באַדינגונגען, וועלכע בייטן זיך. קען דעריבער דער מענטש נישט וויסן דעם אמתן זין וואָס איז פאַרהוילן אינעם ״עת״. דער מענטש קען נאָר זיך אויפשטעלן ״חגים״ און ״זמנים״. זיין אויפגאַבע איז אָבער אַריינצופירן זיינע מעשים אין דער אייביקער צייט אַריין. ווי אַזוי? — דורך ״מקרא קודש״, דורך אויסרופן הייליקייט, דורך באַשאַפן פאַר זיך אַ שבת קודש, יום-טוב אין זיין זמן. און דערמיט זיך באַהעפטן מיטן ״אַמאָל איז געווען״, ווען דער מענטש האָט געקענט אַרומגיין אַ ריינער און לויטערער אין גן-עדן. דורך דעם ווערט עס ממילא דער ציל און זין פאַרן ״אַמאָל וועט זיין״...

דאָס רוב מענטשן זיינען אָבער פאַרפירט, זייערע חושים טרייבן זיי אָנצונעמען די צייטווייליקייט פאַר אייביקייט, און שלאָגן זיך אַרום בלויז פאַר מאַכט, פאַר דערפילן די תאוות פון דער מינוט, צעמישן זיי אינגאַנצן דעם ציל און דעם זין פון אַלץ, און ס׳קומט דעריבער פאַר אַן אייביקער גערAַנגל צווישן דעם וואָס מיר רופן ״קדושה״ און ״טומאה״. די דערהויבענע ראָלע פונעם מענטש אין זיין ״זמן״ באַשטייט טאַקע אין דעם לייטערן מיט זיין לעבן דעם גאַנג צום ״אַמאָל וועט זיין״. אָט דאָס שליחות פירן אויס די יחידי סגולה פונעם מין מענטש און דאָס אויסדערוויילטע פאָלק ישראל.

דער דאָזיקער געדאַנקען-גאַנג איז מחייב צו אַ לעבנס-פּיר, וואָס האַלט, אַז דאָס לעבן פון איצט און די מעשים פון איצט, זיינען געבונדן מיטן ״אַמאָל איז געווען״, וועלכער וואָרצלט אינעם פאַרהייליקטן מיטאָס, אַז דער מענטש איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט און וואָלט געדאַרפט לעבן אין אייביקן גן-עדן אַ ריינער און אַ לויטערער. האָט זיך אַריינגעמישט דאָס מענטשלעכע גלוסטן צום פאַרהוילענעם וויסן, וואָס האָט דעם מענטש געדאַרפט אַוועקשטעלן אין דער זעלבער מדרגה מיטן באַשאַפער. איז דער מענטש דערפאַר פאַרטריבן געוואָרן פון גן-עדן און האָט געמוזט גיין זיין אייגענעם וועג אין אַ באַגרענעצטער צייט פון יאָרן, אין בענקשאַפט צום מקור, און אין יסורים צוליב זיין אומוויסן ווי אַזוי אָנצוקומען צום ״אַמאָל וועט זיין״, ווו עס איז פאַרבאָרגן דער אמתער זין פון אַלץ. דער דאָזיקער פּיינלעכער וועג און ביטערער געראַנגל איז אָבער נאָר אַ מין לייטערונגס-

פּראָצעס פאַרן אויסדערוויילטן יחיד אין וועלכן עס לעבט אי דער שיין פון אַמאָליקן גן־עדן, אי די פינצטערניש און צעמישעניש פון היינטיקן "זמן", וואָס דאַרף פאָרט דערפירן צום אמתן וויסן פון אַלץ. אין דער דאָזיקער בחינה געפינט זיך אויך דאָס אויסדערוויילטע פאָלק ישראל ווי אַ כלל, און דאָס איז די ראָלע פון ישראל בין העמים. מיט די מעשים פון דער באַגרענעצטער צייט דאַרף יעדער דור געפינען זיין צובינד צום אייביקן גאַנג און ווערן אַ וויטערדיק רינגעלע אין דער קייט פון געשעענישן.

איז ערשט דאָ שטעלן זיך אַוועק די תהומיקע פראַגן: פאַרוואָס ? און ווי אַזוי קען דער מענטש בייקומען זיינע אייגענע חושים ? און דער עיקר, ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז די יידישע מחשבה, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו דער הייך פון דערפירן דעם מענטש צו ריינער קדושה, זאָל נישט צעריבן ווערן און פאַרלוירן גיין אין דער מגושמדיקער וועלט פון תכלית און חיהשן גערעאַנגל? אין אַנדערע ווערטער מיינט עס אויך: ווי אַזוי קען מען זיך דערהאַלטן ביזן "אַמאָל וועט זיין" און נישט צעריבן ווערן אינעם ככל הגויים, וואָס האָט גאָר קיין אַנונג נישט פון דעם.

אָט דאָס זוכן אַן ענטפער אויף די און אַנדערע קשיות, ווערט דער אויסגאַנג־פּונקט פון באַריישאָס קינסטלערישן זוכן און פון זיין געראַנגל מיט זיך. אַלע זיינע טיפן און לירישע אויסגוסן פון די "תפילות", דורך די ווערק "זאַמד", "גלגול", "זאַוול רימער", "גייער" און "פון דור צו דור" ביזן "חשבון אויף אַש", זענען געבונדן מיט די קערפּערלעכע חושים און רייסן זיך גלייכצייטיק צו באַפרייען זיך פון דעם אויף פאַרשיידענע אופנים.

זיינע פּערסאָנאַזשן אין "גייער" פּירט ער דורך אַלע נסיונות נישט נאָר פון זייער צייט, נאָר פון אַלע "זמנים", וועלכע זיינען שוין איצט רינגעלעך אין אייביק פליסנדיקן "עת". דורך זיי שטעלט ער די פראַגן און געשטאַלטיקט די יידישע צייט און דעם יידישן גאַנג אין דער וועלט. דער ציל איז אָבער אַלע מאָל פאַרן אויג, כאָטש יעדער ביטערער נסיון בלייבט אַלץ אין זיין צייט פאַרהוילן אין זיין תוך. באַריישאָס טיפן לעבן אין מער ווי איין צייט, זיי לעבן אין זייער אייגענער רעאַליטעט און גלייכצייטיק אויך אין פריערדיקע רעאַליטעטן, וועלכע זיי לעבן נאָכאַמאָל איבער.

"דער גייער" למשל, גייט דורך די גאַנצע גאַמע פון אַ שווער פאַרהאָרעוועט לעבן, ער איז אַ מלמד, אַ מענטש ביי יענעם אין וואַלד, אַ משרת און אַ וואָגלענדיקער פאַרקויפער פון "פּלעטן". די דאָזיקע באַשעפטיקונגען זיינע גיבן אים אַ געלעגנהייט צו זען די גאַנצע רויקייט פון לעבן און די מענטשלעכע געפאַלנקייט פלוס זיין אייגענער שפלות ווי אַ טאַטע וואָס דאַרף געבן פרנסה און ברענגט נויט צו זיין משפחה, אָבער אין דער זעלבער צייט לעבט ער דורך אַלע יחידישע און נאַציאָנאַלע ספיקות

און טראַגיזמען. אָפּשלאָגנדיק די שוועלן פון אָרעמקייט און רייכקייט פון זיין צייט, לעבט ער אויך איבער די טראַגיק פון אלישע בן אבויה דעם אַפּטריניקן אין די צייטן פון נאָכן בר־כוכבא אויפשטאַנד. ער גייט אויף די שפּורן פון די חכמים פון אַלע דורות אין די פאַרשיידנסטע לענדער צו זוכן ביי זיי אַן ענטפער פאַר זיין צייט. ער זעט זיי, שפּירט זיי אין זיך ווי ער וואָלט געוועזן זייער בן־דור. דערנענטערנדיק זיך צו די משכילים פון זיין צייט, גייט ער נאָך דער לוויה פון משה מענדעלסאָן און צאַפּלט מיט שרעק ווי ער וואָלט געשטאַנען דערביי —

„הייב זיך אויף פון וואָגן
און זע דעם בראָך,
דיינע קינדער טראָגן
אַ צלם דיר נאָך...."

דורך זיינע טיפן מאַכט מנחם דעם שאַרפסטן חשבון מיט דער השכלה און עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט פאַרבלענדט מיט אַ פאַלשן גלאַנץ און אַראָפּגעפירט אַ דור פונעם אייגענעם דרך. אַפילו ווען דער נייער נוסח מיינט שוין, אַז ער האָט געפונען דעם פשוטן יחיד נישט־ייִד, וואָס איז גרייט מיט אים אָנצוהייבן אַ ניי לעבן, קומט די פאַרפלייצונג פון שנאה און מאַכט אַפילו אַזוי גערופענע סאָציאַליסטן און ליבעראַלן אין פאַרשטעלטע חיות רעות, וואָס פאַרצוקן איינהילנדיק זיך אין אַ מאַנטל פון צדקות. אויך די גאולה דאַרף אַ קרבן — און ער, דער גייער, דאַרף עס זיין...אַוודאי וויל ער נישט און קען עס נישט אָננעמען. שטייט ער ווידער ביי אַ ליידיקער קאָריטע.

מיט אמתער מייסטערשאַפט מאָלט ער די דורותדיקע פאַרשטייער פון אַלע זמנים, ער זעט זיי אָט אַזוי אין זייער גאַנג:

„אהין ווו הימל בויגט זיך צו דער ערד
אַ מחנה ציט, תנאים, פוסקים, מקובלים, פילאָזאָפן —
מיט קעפּ אין הימל און פיס אויף דער ערד."

דאָס איז דער שורש. אָט דעם קוואַל דאַרף מען עפענען. ער זעט זיי, די אַלטע חכמים, שפּאַנען אַמאָל געבויגן, אַמאָל דעם קאָפּ אין דער הויך, און מיט זיי שפּאַנען זיינע טיפן. דורך זיי זוכט ער דעם זין. דורך זיי ווייזט ער די ביטערע אַנטוישונג פון אונדזער דור אין די כלערליי איינגערעדטע „באַפרייונגס־אידייען". וואָס האָבן פאַרפירט און אונדז אַוועקגעשטעלט אָדָם נאַקעט פאַר ליידיקע הימלען.

ער דערנענטערט זיך אַזוי אַרום סיי אין זיין פאָרם און ס׳׳י אין זיין אינהאַלט צום אַלט־יידישן נוסח פון שאַפן, ווו מעשה און בילד איז בלויז אַ

פירוש אויף דער אידייע פונעם אייביקן גאַנג ווי פאַרשיידנאַרטיק ער זאָל נישט זיין. ער נוצט דערביי אַלע מיטלען וואָס די קונסט נוצט; דורך דער ליריק לאָזט ער זיינע טיפן אַרויסברענגען זייערע געפילן מיט זייער הילף מאָלט ער פלאַסטישע בילדער פון געשטאַלטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ תקופה, אַן אָפּשניט פון דער יידישער איבערלעבונג.

אַן אַריינבליק אין זיינס אַ ווערק איז דערפאַר פול מיט שפּאַנונג און איבערלעבונג פון גאָר אַ דויערנדיקן ווערט. איר ציטערט אויף צוזאַמען מיט אים ווען אין מיטן דער גרויסער לעבצעניש צו גאָט, פּלאַצט אַרויס די טיפע פּיין פון דער דערקענטעניש:

זענען מיר די קרוין פון לעבן,
זענען מיר געשטאַלט פון גאָט,
איז ער דאָך אַליין אויך שטן,
זענען ביידע איינער — גאָט;
ער — דער קאָזאַק מיט דער פּיקע,
ער — דאָס אָנגעשטאָכן קינד,
ער — באַשאַפער און פאַרדאַרבער
ווייס און שוואַרץ אין ווירבל־ווינט".

פון אָט דער דערקענטעניש נאָך אַלע זוכענישן, איז נאָר איין טראָט צו אויפטרייסלענדיקן אויסטענהן זיך כמעט מיט לעסטער מיטן יידישן גאָט, וואָס לאָזט אַלעמען זיך באָדן אין יידיש בלוט. די זעלבע אויפגעטרייסלטקייט פילט איר ביים זיצן מיט אים אויפן ליידיקן פעלד, ווען ער מאַכט דעם "חשבון אויף אַש" אַרויסרופנדיק זיין רבין פּרץ, און יענער פירט פאַר אים דורך די געשטאַלטן פון דער וואַרשעווער געטאָ אין זייער לעצטן נסיון, דער נסיון וואָס שטעלט זיי אַריין אין דעם אייביקן גאַנג ווי דאָס צאַפּלדיקסטע רינגעלע אין דער קייט.

מעג מען דאָך דאָ אַוודאי פרעגן: האָט ער געפונען אַן ענטפער? האָט ער כאָטש דערבליקט דעם זין דערפון? אויף דעם, דאַכט זיך מיר, איז מעגלעך צו ענטפערן בלויז מיט נאָך אַ פראַגע: קען אַ דור וואָס מאַכט דעם חשבון אויף אַש געבן אַ פולן ענטפער? ביים ראַנד פון גרויל קען מען בלויז לעקן די וווּנדן און ווייטער זוכן די שפּורן פונעם פאַרהוילענעם. דאָס אַליין איז אַ טייל פון דעם גאַנג אין יידישער צייט.

אויף דער פראַגע אָבער צי ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דער קונסט, קען מען זאָגן, אַז ער האָט געפונען דעם אויסדרוק פאַר זיך און זיין דרך. און כאָטש ער איז געשטאַנען אין ווידעראַנאַנד מיט זיין דור, האָט ער דעם דור זיינעם אויסגעדריקט מיט אַלע זינע לעבצענישן, ספיקות און

ראַנגלעניש. ער האָט זיין דור נישט באַזונגען נאָר געגעבן געשטאַלט צו זיין ראַנגלען זיך און זיינע בלאָנדזשעניש.

* * *

צום שלוס פון איצטיקן שמועס וועל איך זיך דערלויבן אַ פערזענלעכע דערמאָנונג. מיט מנחמען האָב איך זיך געטראָפן בלויז עטלעכע מאָל. דאָס ערשטע מאָל בלויז פון וויטנס אין אַ קאַפעטעריע אין ניו־יאָרק, ווו ר׳איז געזעסן מיט דער ליולקע אין מויל און די גאַנצע צייט געשוויגן. אַרום אים האָט ממש געבושעוועט אַ רייסעריי און דינגעניש וועגן ווערט פון וואָרט און דער איינציקער שורה אין ליד. דער גאַנצער פער פון דער פּאָעטישער חברייא איז דאָרט געווען און ער האָט דאָס מויל נישט געעפנט. אַפילו ווען איינער פון זיי האָט אָפן געמאַכט צו בלאָטע זיינס אַ ליד און עס גענומען ווי אַ ביישפּיל ווי אַזוי מ׳טאָר קינסטלעריש נישט שרייבן, האָט ער בלויז געפּיפּקעט האַסטיקער און געקוקט פאַר זיך ווי אין אַן ערגעץ אַריין. ער האָט מיר דאַן אויסגעזען ווי זיין זאַוול רימער, וואָס שפּילט נאָר ווען עס צוויקט אים ביים האַרץ און נישט ווען עס ליאַרעמט אַזוי אַרום אים. דאָס צווייטע מאָל איז שוין געווען ביי אונדז אין הויז, אין מאָנטרעאָל, נאָך אַ לעקציע, ווען ער האָט אויך פאָרגעלייענט אויסצוגן פון "גייער". ווי דער שטייגער האָט מען אַ ביסל געשמועסט, געפרעגט מער קשיות ווי געגעבן ענטפערס און צום סוף גענומען פאַרציען אַ ניגון. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בריסקער ליטוואַק איז דווקא אויסגעוייקט אין חסידישע ניגונים. איז מען זיך אַזוי פאַרזעסן ביזן ווייסן טאָג אַריין, ווייל ער האָט נאָר געוואָלט זיך אויסלערנען מיט אַלע קנייטשן "קאַ קאָצק פּורט מע ניש, קאַ קאָצק גייט מע". דערפאַר האָט ער אונדז געלערנט "דער רבי האָט געהייסן" מיט זיינע אייגענע קנייטשן. דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געטראָפן ווידער אין ניו־יאָרק ביים אַריינגאַנג צום זאַל, ווו ס׳איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, דאַכט זיך, פון ציק״אָ ווו מיר האָבן ביידע געדאַרפט זיין. ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, האָט ער מיך אַ צי געטאָן צו זיך: זיפער, איר מוזט מיר איבערזינגען "קאַ קאָצק," עס פעלן מיר אַ פּאָר קנייטשן. אויף דער גאַס האָט גערעשט פון אויבן און פון אונטן און מענטשן האָבן זיך אין איילעניש פאַרבייגעטראָגן און געגאַפט ווי מיר שטייען ביי אַ וואַנט און ניגונען. איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט זיינען אָנגעקומען ב. לאַפּין און ה. לייוויק, און אַלף כץ און אפרים אויערבאַך און עס האָט זיך געשאַפן אַ רעדל אַרום אונדז, וואָס האָט מיטגעברומט און זיך אַזוי אַריינגעטאָן, אַז מיר האָבן פאַרשפּעטיקט אַ האַלבע דערעפענונג, נאָר די קנייטשן זיינע פון " דער רבי האָט געהייסן" לעבן מיט מיר ביז היינט:

דער רבי האָט געהייסן, געהייסן
באַרעלעך רייסן, באַרעלעך רייסן
אוי, ווי הויך זענען די ביימעלעך
אוי, ווי קליין זענען די יידעלעך,
זיי קענען נישט דערגרייכן...

פלאַקאַטן און לידער

(באַמערקונגען ביים לייענען "לערנט ליב האָבן ס'לעבן" פון זישע באַגיש, פאַרלאַג "פריינט", בריסל — 1935)

לעצטנס האָבן זיך געגומען איינבירגערן ביי אונדז — און נישט נאָר ביי אונדז — אייניקע נייע פאָרמען פון אויסדרוק; סיי אין דער פראָזע און סיי אין דער פאָעזיע. פאָרמען וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון שאַפן מיט קויל צייכענונגען און אויף שנעל אויפגעכאַפּטע פאַסירונגען. דער שרייבער זוכט בלויז צו פאַרפיקסירן אַ געוויסע זעאונג כדי אויף אַ ווייַל כאָטש אונדז צושמידן צו דעמזעלבן צו וועלכן ער איז צוגעשמידט געוואָרן. איבערקלייבעריש זענען נישט די נייע פאָרמען נישט אין בילד און נישט אויפלעבן פון אינווייניק דאָס געשעענע, נאָך וואַרפן אַ דיקן שאָטן אָדער אַ העלן סנאָפּ ליכט, כדי דערמיט עס אויסצוטיילן פון דעם ווירוואַריקן ארום און ציען אונדזער אויפמערקזאַמקייט. אזוי זענען געוויינטלעך די "ליטעראַרישע רעפּאָרטאַזשן" אין דער פערזן פאָרם. ביידע צילן, דאַכט מיר, צו איין און דעם זעלבן און ליידן פון די זעלבע חסרונות, אָבער פאַרמאָגן אויך די זעלבע מעלות, דער עיקר וואָס זיי קענען אָפּט נעמען אַ שטיק רוי־לעבן און עס אַ וואָרף טאָן פאַר די אויגן; און אין אונדזער היינטיקער צעשרויפטקייט איז מעגלעך, אַז מיר נויטיקן זיך אין אָט די נייע פאָרמען און זיי האָבן זייער ווערט.

אָט די פאָרמען גייען געוויינטלעך אין די פיס־טריט פון זייערע סטעראָטיפּן דעם צייטונגס רעפּאָרטאַזש און געוויינטלעכן פלאַקאַט אויף פּלויטן; און אזוי איז שוין די אייגנשאַפט פון אַ פלאַקאַט. ער מוז זיין קורץ, שאַרף און איינפּונקטיק; מער ווי איין זייט האָט נישט קיין פלאַקאַט, די אַנדערע — מוז מען צו עפּעס צוקלעפּן... פון אַ פלאַקאַט קען מען נישט פאַרלאַנגען צו זיין ראַפינירט, ווייל די עצם אויפגאַבע פון אַ פלאַקאַט איז דאָך צו זיין אויסרופעריש, שרייעריש אין וואָרט און אין פאַרב. בלויז איין דיקער שטריך און דער פלאַקאַט האָט דערגרייכט זיין ציל: דעם פאַרבייגייערס אויגן הענגען שוין אויף אים.

האָט דעריבער די עכטע פאָעזיע געוויַכט פון פלאַקאַטן און פרעטענזיעזע געשרייען. די אמתע פאָעזיע זוכט אַלעמאָל צו עפענען פאַר אונז אַ טירעלע צו יענע אינטים מענטשלעכע איבערלעבונגען, וואָס וואָרצלען אין דער טיף און לעבן אַן אייגן לעבן. רירט זיך צו די עכטע פאָעזיע צו מענטשלעך לעבן, מוז זי עס ארויסציען גאַנץ און דערוואַקסן. זי קען זיך נישט באַנוגענען מיט פיצלעך און ברעקלעך, זי קען נישט געבן בלויז

שאָטן אָדער צופֿיל ליכט; ס׳איז די לעבעדיקע שפּיל פֿון ליכט און שאָטן, וואָס אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז די עכטע איבערלעבונגען און אמתן פֿון לעבן.

דאָס פּלאַקאַטנאַרטיקע אָבער, לעבט אַלעמאָל אַ פֿרעמד לעבן, הויערט איבער די געשעענישן און זעט נישט מער ווי אַ שפּיץ דאָ, אַ צייכן דאָרט; וואָס מער אַ זאַך שטאַרט אַרויס, אַלץ פּאַסיקער פֿאַר אַ פּלאַקאַט. קיין אייגן פּנים האָט עס נישט, העכסטנס איז עס כאַראַקטעריסטיש ווי אַן אָפּצייכענונג פֿון עפּעס. ס׳אַנטפּלעקט נישט קיין גאַנץ לעבן, נאָר כאַפּט אַרויס אַ שטיק רוי פֿלייש און אַקצענטירט עס אַזוי, ס׳זאָל זיך דאַכטן אַז בלויז דאָס אַליין איז דאָ אויף דער וועלט.

איז דעריבער די עכטע פּאָעזיע ליריש פֿליסנדיק — אין טיפֿסטן זין פֿון דעם באַגריף — גרייכט זי טיף און ווו מען דאַרף גלעט זי און לאַשטשעט, און ווו ס׳איז נויטיק שניידט זי מיט נאָדלדיקער שפּיציקייט. גייסט אַריין אין יענער וועלט און ווערסט מיטגעריסן מיט די שטילע אָבער אייביק ריזלענדיקע וואַסערן. מאַכן זיך אָבער צייטן ווען עס סטייעט נישט קיין געדולד, נישטאָ געווּנג כּוח צו קענען אַריינגיין אין דער דאָזיקער וועלט; צייטן אַזעלכע צעדריבלטע און צעשרויפֿטע ווען אבר מן החי, שטיקער רוי פֿלייש וואַלגערן זיך אין גאַסן און ס׳עיפּושט אַן אַוועק אין אַלע געמאַרקן. פֿאַרשטאָפּן די נאָז וועט נישט העלפֿן, ווייל די פֿוילקייט נעמט דורך און קריכט אין אַלע גלידער, קומט דאַמאָלסט דאָס פּלאַקאַטנדיקע אינעם וואָרט און שרייט מיט, פֿאַר ווייטיק, פֿאַר צער און עלנט.

ווייל די צייטן זענען אַזעלכע, ווען דאָס לעבן אַליין שטייט פֿאַרשעמט און דערנידעריקט פֿון די מענטשלעכע מעשׂים. שטייט אויך דאָס עכטע וואָרט אַ דערוווּיטערטס, אַ פֿאַרשעמטס. נישט חלילה, ווייל ס׳האָט אָנגעוואָרן דעם ווערט, אָדער חס ושלום געפּעלטשט אין זיך, ניין — דאָס נישט. אמת׳ע פּאָעזיע קען נישט פֿעלשן אין זיך, נאָר דערפֿאַר ווייל דאָס רויִע און גרויליקע פֿון דער צייט, האָט אויף אַ ווײַלע גובֿר געווען, און כּדי דאָס אַרויסצוברענגען און בייקומען, מוז מען גאָר אַנדערע מיטלען נוצן, אַנדערע וועגן באַטרעטן.

וואָגן אייניקע אָנצונעמען דעם וועג, וואָס אַלע מיידן אויס און נוצן דאָס פּלאַקאַטנאַרטיקע מיטן שרייערישן טאָן. הערן אויף צו זען דאָס גאַנצע, דאָס אייביקע, זוכן אפֿילו נישט דאָס גורמדיקע, וואָס פֿירט די מענטשן אין פֿריידן, צערן, מאַכטיקייטן און שוואַכקייטן, לעבן און טויט — נאָך דווקא דאָס איצטיקע, פֿאַרבייגייענדיקע און געשפּענסטיקע. בלויז דער קאָשמאַר קומט אַרויף פֿון אויבן. מאָלן זיי אים נישט, נאָר הענגען אים אויף אויף פּלאַקאַטן און טייטלען אויף אים מיט די פֿינגער. גייסטו אַריין אין דער פּלאַקאַטן וועלט איז ווי אַריין אין אַ יאַטקע: קעפּ באַזונדער, פֿיס באַזונדער,

אברים צעפּאַלפּערטע און איבער אלץ מיסט און טריפנדיק געדיכט פארגליווערט בלוט.

איז דאָס דער איינציקער אמת פון זיין און אלץ וואָס ס׳איז דאָ? זיכער נישט. אויסער דער יאַטקע איז נאָך דאָ אַ וועלט און אַ זון וואָס שיינט, אָבער אויך דאָס איז וועלט און מענטש, איינזייטיק און גראָטעסק, אָבער ס׳איז דאָ. אַוודאי וואָלט געווען גוט ווען ס׳זאָל געלונגען מיט קונסט מיטלען אויסדריקן דאָס אַלץ, דערווייל איז עס אָבער נישט גאַנץ געראָטן. באַטראַכטן מיר זייער אָפּט די פּלאַקאַטנאַרטיקע פּאַר פּאַרבלאָנדזעטע און האַלבע אַמאָל נאָך ווינציקערע זעער און שאַפער. אויפנעמען זיי מוזן מיר אָבער. לכל הפּחות ווי אַן אויסדרוק פון דער צייט, אַ צייכן פון דער צייט.

איינער פון די יונגסטע וואָס איז אַוועק מיטן וועג פון פּלאַקאַט איז זישע באגיש. שוין דער נאָמען "לערנט ליב האָבן ס׳לעבן" איז אַ פּלאַקאַט. פּאָעזיע לערנט נישט. זי איז אַליין לעבן און צו איר קומט מען דורך געפיל, איבערלעבן און מיטלעבן. פּלאַקאַטן אָבער זעען זייער ציל אין לערנען, באַלערן.

באַגיש אונטערשיידעט זיך אָבער מיט אַ סך פון דער פּלעיאַדע פּלאַקאַטן שרייבער. קודם זוכט ער צו נוצן דעם פּאָעטישן טאָן אין זיינע פּלאַקאַטן. נישטאָ ביי אים דער "היי, היי" און "האָ האָ" געשריי פון דאָס רוב פּלאַקאַטניקעס. ער ווינקלט זיך נישט אָפּ, כדי צו ווערן אַ רופער, אַ מאָנער און אַ וועקער, נאָר וויל ווייזן לעבן און געשעעניש. ער איז דערמיט נעענטער צום פּאָעטישן רעפּאָרטאַזש. ער איז אויך דעריבער אייגענער, און א סך פון זיינע איבערלעבונגען ווירקן אמת פון זייער אייגן לעבן. ער קען, פּאַרשטייט זיך, נישט אויסמיידן די איינזייטיקייט און גראָבשטריכיקייט פון דעם פּלאַקאַט. אָבער אָפּט געראָט אים צו ראַטעווען זיך מיט אַביסל הומאָר און איראָניע — זאָל זיין גאַליקן הומאָר אָבער דאָס העלפט אים שוין אַראָפּלאָזן דעם טאָן און מיר קענען דערזען אים אַליין, דעם מענטש וואָס שטייט הינטער די פּלאַקאַטן און זעט דעם קרומען שפּיגל פון די גרויסשטעטישע גאַסן ווו אלץ איז מסחר און ווערט צעגראַשנט אויף קופּערדיקן מינץ. מיר גלייבן אים און גייען מיט אים מיט אין די הינטערגעסלעך ווו עס —

"ראָיען זיך קינדער
מיט אויגן ווי ביי קראַנקע קעץ".

און מיר זעען זיי גלייך ווי ער:

"לויפן זיי אום ווילד, ווי אין אַ שטייג פּאַרסאַמטע מייז".

און אזוי הערן מיר זיך איין אין זיין יאָמערן:

״הויערט אום אויף אַלעמען דער טויט,
און דער עלנט בליט און בליט —
ווי אַן אויפגעריסענע צעאייטערטע וווּנד
אין האַרץ,
אין סאַמע מיט
פון דער וועלט״...

ווערט פאַרשטענדלעך דער אָנקלאָג זיינער און דער פּראָטעסט וואָס וואַקסט אָן אויף אַ נאַטירלעבן אופן. זענען מיר אים אפילו מוחל די שפּראַכלעכע צעפלאָסנקייט און מיר זאָגן אים נאָך אַזוי גרוי און איינטאָניק:

״יעדער סענט
איז אַ שעה פון אונדזער לעבן
וואָס פאַלט ווי אַ רויטער זיגל בלוט
אויף אייערע הענט.״

אומעטום גייען מיר מיט אים מיט און ווילן זען דאָס וואָס ער וויל ווייזן. אָבער ווי נאָר ער גיט זיך אַ לאָז אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון אַלע פלאַקאַטן, באַווייזט זיך גלייך די יינגלעשע ווויליונגעשקייט וואָס קאָקעטירט מיט פראַזן און אויסגעטראַכטע ״בריאַקענישן אויף גאָט״ (אין ״אַ שיכור צעפּיסנס דעם ציילעם״) נישט דאָס איינציקע פאַלשע חן גריבעלע אויף די פלאַקאַטן. פאַרשטייען מיר אפשר פון וואַנען די ווויליונגעשקייט נעמט זיך, אָבער נעמען זי נישט אָן, ווייל לעסטערן איז אויך אַן עבודה און מ׳גיט עס נישט איבער אַ ליאַדע שיכור פון גאַס. דאָ זעט זיך די גאַנצע אויסגעטראַכטקייט און אומבאַהאָלפנקייט פונעם פלאַקאַט ווען ער קומט צו אמת׳ער טיפער איבערלעבונג. דאָ בלייבט דער פלאַקאַט הויל, אָן לייב און לעבן. בלויז די געדיכטע טינט פלעקן שפּאַרן זיך אַרויס און גלאָצן אין טומל אַריין.

באגיש, ווייזט אויס, פילט עס אַליין און זוכט זיך ווי צו פאַרענטפערן מיט אַ דעקלאַראַציע־מאָטאָ:

״זינגט זיך אונדזער ליד נישט סתם אַזוי,
ווי ס׳רינט אַראָפּ פון דאַך אַמאָל
אַ פּערלדיקער טראָפּן טוי״.

מילא, אַ תירוץ איז עס. פּאַר אַ מאָטאָ פּאַסט עס טאַקע אויך, אָבער דער עיקר איז דאָס ס׳זאָל זיין אַ ליד. איז מיר דעריבער ליבער דער ציקל ״ליכט אין שאָטן״ ווו מיר הערן דעם איבערגעבראָכענעם געשריי פון אַ מענטשן:

״גיי לייז אויס,
ווען ס׳הייליקט זיך אַ ברכה אויפן שאַרף פון חלף.״

אָדער אַזאַ פיין געטאָקט ליד ווי ״אין שפּיטאָל״.

אָט דער ציקל מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן, ווייזט פּאָרט אויף אַ פּאָעט פון וועמען מ׳קען א סך דערוואַרטן.

אין די פּלאַקאַטן איז אים אָפּט געראָטן אַוועקצוגיין פונעם שאַבלאָן, אָבער ס׳איז זייער שווער ארויסצוקריכן פונעם ווערטער־וואַלד און איבערלויפיקן שוים. ביי ווייטערדיקן ארבעטן אויף זיך קען זיין, אַז ס׳זאָל אים געלונגען ארויסצופירן דעם פּלאַקאַט אויף שאַפערישערע וועגן.

און ווען ס׳זאָל האַלטן ביי אַן עצה, וואָלט איך אים ס׳ערשטע גע׳עצה׳ט ווייכן פון טעמעס, וואָס זענען אַביסל אָפּגערוקט פון די הינטערגאַסן פון זיינע שטעט. נישט אַלע הינטערגאַסן זיינען די זעלבע און ס׳איז גאָרנישט קיין מצוה אַז אַפילו פּלאַקאַטן זאָלן זיין אויסגעטראַכטע.

דאָס וועט אים קודם אויסהיטן פון דאַרפן אַריבערשווימען דעם אַטלאַנטיק קיין ניו יאָרק, בלויז אין אויסטראַכטעניש, און דערנאָך וועט ער באַהיט ווערן פון נאָכזאָגן אַנדערע אפילו מיט די גרייזן — ווי ער טוט עס אין ״בלוט מסחר״ —

נישקשה, די היגע פּלאַקאַטניעס וועלן שוין באַזאָרגן ניו יאָרק מיט דער אומגעגנט. און צווייטנס וועט עס אים אפשר העלפן צו קענען אונדז ווייזן די געשעענישן אַליין, נישט נאָר זיין פאַרקרימט פּנים ביים זען די געשעענישן.

ס׳איבריקע וועט שוין אַליין קומען.

ווי איך האָב אים געקענט

(לזכר יחזקאל בראָנשטיין ע״ה, 1897 — 1968)

א

אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, האָב איך זיך דאָס ערשטע און אויך דאָס איין און איינציקע מאָל געטראָפן מיט יחזקאל בראָנשטיין. געווען איז עס אין ווינ־פעג ווו מיר האָבן דאן געוווינט. אויפן וועג פון זיין וואַנדערן איבערן לאַנד, איז ער פלוצים אַריינגעפאַלן אויף אַ ווײַלע צו זיינע קרובים דאָרט און פונקט אַזוי פלוצים פאַרשוווּנדן. פאַר זיינע קרובים און פריינד, איז עס נישט געווען קיין איבעררראַשונג. ״אָט אַזוי איז ער אַלעמאָל געווען. דער אומרו טראָגט אים״.

פון דער באַגעגעניש איז פון דעסטוועגן אויסגעוואַקסן אַ נאָענטע פאַרבינדונג צווישן אונדז אויפן גאַנצן לעבן, וואָס איז אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך אָפטן דורכשרייבן זיך.

די באַגעגעניש מיט בראָנשטיינען איז געבליבן פריש אַיינגעקריצט אין זיכרון אויף לאַנגע יאָרן צוליב דעם מאָדנעם אופן ווי זי איז פאָרגעקומען, און דער עיקר וואָס זיין גאַנץ באַנעמען זיך איז אויסגעקומען אַזוי אויסטערליש, אַז די פאָר שעה מיט אים האָבן זיך אויסגעוויזן אי ווי אַ המשך פון אַ נאָענטן קענען זיך אין אַ וויטן פריער, אין אַן אַנדער גילגול, אי ווי עפּעס אַן אומרו־אָנזאָג אויף צייטן שווערע וואָס קומען ערשט, און ער לעבט שוין מיט זיי אויף זיינע וואַנדער־וועגן און שרייט מיט עפּעס אַ צוגעלייגטן ניגון דאָס ליד פון נויט און אַרבעטסלאָזיקייט פון יענע טעג: ״ברודער, קענסטו מיר שענקען אַ דאַים!?״ ס׳איז געווען פרעמד דער אופן פון זיין נישט קענען אַיינזיצן מער ווי אַ פאָר מינוט, און אינמיטן פאַרכליניען זיך ממש מיט די נייע אויפגאַבעס פון אַ שרייבער אין די טעג פון אויפרודער און פיין, זיך פלוצים אַוועקזעצן ווי א פאַרגליווערטער און אָנהייבן אַרויסציען פון זיך היימיש וואַרעמע ניגונים וועלכע מ׳קען נישט אַנדערש ווי מיטציען ביז צום פאַרגעסן זיך. און אָט שטייט ער שוין ווידער מיטן ברוינעם בריזאַנטענעם זעקל מיט וועלכן ער איז אַריינגעקומען, גרייט צו געזעגענען זיך און זעצט זיך ערשט אַנידער שטיל און געמיטלעך אויסצולאָדן זיך וועגן ״די נייע האָריזאָנטן וואָס מ׳מוז אַנטקעגנגיין מיט אַן

אָפּן האַרץ און נישט פֿאַרשטעלן דאָס פּנים פֿאַרן דרויסן״. דערבײַ האַלט ער אין איין אַריינשטעקן די האַנט אינעם האַלב ליידיקן פּעקל זײַנעם ווי ער וואָלט מי יודע וואָס פֿאַר אַ באַהאַלטענע אוצרות דאָרט געזוכט.

ווי עס זאָל נישט אויסקוקן מאָדנע, האָט די באַגעגעניש שוין דאַן זיך אָפּגעשטעלט אין געמיט ווי אַן אויסטערליש איינמאָליקע. זײַן גאַנץ האַלטן זיך איז עפּעס געווען ווי אַ טייל פֿון אַ סור־רעאַליסטישער מאַסקן־שפּיל, וואָס איז אַ נאַטירלעכער אויסדרוק אי פֿון דעם געווירבל פֿון דער צײַט און פֿון דער צופֿעליקער אויסנעמלעכקייט פֿון יענעם טאָג. ס׳איז פּונקט געווען אין די טעג פֿון אַ זאַמד־שטורעם וועלכער פֿלעגט זיך טרעפֿן אין יענע מקומות נאָך אַ לאַנגער צײַט פֿון זומער טריקעניש מיט בלײַערנע הימלען אָן רעגן.

עטלעכע טעג שוין ווי די פּרייריע ווינטן האָבן געבלאָזן מיט דינעם הייסן זאַמד און דער בלײַערנער הימל, אַ פֿאַרקוויטיקטער, פֿאַרקאָפּטשעט ווי אַן איבערגעקערטער טאָפּ, ״רעגנט״ מיט אַ ברוינער שטעכיקייט וואָס בײַסט די אויגן, שטעכט דאָס פּנים, פֿאַרטריקנט די ליפּן און פֿאַרשטאָפּט די נאָזלעכער און אויערן. ס׳איז גאָרנישט מעגלעך אויסצוהיטן זיך דערפֿון. די גאַנצע שטאָט איז ברוין פֿאַרקוויטיקט. די זון קען קוים, אַפֿילו אינמיטן טאָג, דורכקריכן מיט אַ פֿאַרחלשטן שטראַל אויף אַ ווײַלע און פֿאַרהוילט זיך צוריק ערגעץ אין פֿאַרקאָפּטשעטן טאָפּ. אין אַזעלכע טעג אײַלט מען זיך נישט אין גאַס אַרײַן. ווי ווײַט מ׳קען, זיצט מען אין הויז הינטער פֿאַרמאַכטע טירן און פֿענצטער, און אַפֿילו דאָרט איז מען נישט אינגאַנצן באַוואָרנט פֿון דער זאַמדיקער לופֿט. פּונקט אין אַזאַ אַ טאָג טאַקע נאָך גאָר פֿאַרטאָג ווען די זון איז נאָך אינגאַנצן געווען פֿאַרהוילן אונטער אַ געדיכט ברוינעם שלייער, קלאַפּט עמעץ אין דער פֿאָרנדיקער טיר, און נאָך איידער מ׳גייט צו, איז די טיר שוין האַלב אָפֿן און עס שטעלט זיך אַרײַן אַ צעפּלאַטערטער קאָפּ שוואַרצע האָר איבער אַ שמאָל אײַנגעפֿאַלן פּנים מיט שאַרפֿע קינבאַקן אינגאַנצן ברוין און אַ פּאָר לאַכעדיקע פֿריילעכע שוואַרצע אויגן וואָס קיצלען דיך ממש מיטצולאַכן.

בין זיך געקומען באַקענען מיט אײַך — א־ז ער שוין אַריבער די שוועל.

שטעקט אַרײַן אַ האַנט ווי אַן אײַגענער יאַט! — האַלט ער שוין מײַן האַנט אין זײַנער און ווינצלט זיך מיט אַ מאָדנער היימישער פֿריילעכקייט, וואָס פֿילט אָן דעם שטילן פֿרימאָרגן מיט עפּעס אַ מאָדנער — אי פֿרעמד, אומבאַקאַנט און אי נאָענטער היימישקייט — ״ איך בין בראָנשטיין. מיט יאָרן צוריק בין איך, נישט היינט געדאַכט, אויך געווען אַ וויניפּעגער. דאָ האָב איך אָנגעהויבן אונטער־צוזינדיקן מיט לידער, אָט האָט איר עס —

דערלאַנגט ער מיר אַ דין נישט געבונדן העפטל — איר וועט לייענען שפּעטער. דערווייל וויל איך בלויז אָפּכאַפּן אַביסל דעם אָטעם און אויסלופטערן דעם האַלדז פונעם זאַמד. מ׳האָט מיר געזאָגט אַז איר האָט ליב צו פאַרציען אַ ניגון צו יעדער צייט. זיינען מיר שוין מיט דעם נאָענטע מענטשן, כאָטש אינעם אופן פון אייער שרייבן ביז איצט, זענט איר גאַנץ ווייטלעך פון מיין געמיט. עס האָט מיך אָבער געצויגן צו באַקענען זיך מיט אייך. שוין אַ שטיק צייט. דעריבער בין איך עס געקומען אין די היגע קאַנטן איצט און בלאָנקע אַרום ווי אין אַ הינערפלעט, — האָב איך נאָך אַלץ נישט באַוויזן אפילו דאָס מויל צו עפענען און כאָטש פאָרשטעלן פאַרן גאסט מיין פרוי און קליין טעכטערל וואָס האָט שוין אַריינגעשטעקט די הענטלעך אינעם בריזאַנטענעם זעקל אַריין, — דאָס איז אוודאי אייער פרוי, — כאַפּט ער אויך דאָס אויס מיט דערזעלבער פריילעכער היימישקייט — איר האַלט שוין נאָך, צי פאַר איבערבייסן? — איז ער שוין היימיש אַז ער גייט גלייך איבער אויף דו מיט אונדז ביידן און אויפן ערשטן נאָמען — כ׳האָב אָבער געהאַט דאָס געפיל, אַז איר מוזט זיין פון מיינע מענטשן אָן אָנשטעל, כאָטש מ׳האַלט אייך דאָ פונעם אייבערשטן ״פער״ און זענט איינגעזעסן אויפן אָרט, און איך בין דאָך ״אַן אָפּגעריסן צווייגל וואָס זוכט נאָך זיין בוים״ און שלעפּ זיך אַרום ווי אַ ״האָבאָ״ אויף די ווילדע וועגן — איז אַלץ עפּעס אויסגעקומען ווי, אַז נישט מיר טרעפן זיך איצט צום ערשטן מאָל, נאָר ס׳איז אַ מין ווידער באַגעגענען זיך נאָך אַ לאַנגען איבעררייס. דער שפּרינגענדיקער שמועס איז בלויז אַ המשך אַזאַ און אַן איילן זיך אויסצולאָדן זיך איידער עס רייסט זיך ווידער איבער.

עס געדענקט זיך מער נישט ווי לאַנג עס האָט געדויערט. אַ טאָג צי צוויי, צי אַ פּאָר וואָכן גאָר און אפשר בלויז אַ פּאָר שעה. איינס איז זיכער, אַז צו קיין אמת געזעגענען זיך איז נישט געקומען. פונקט ווי ער האָט זיך אומגעריכט אַריינגעשטעלט, אַזוי האָט ער אומגעריכט אַ כאַפּ געטאָן דאָס זעקל, פאַרוואָרפן אויף די אַקסל, און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך מיט אַ פריילעכער צושמייכלטקייט: ״מעט זיך׳ נאָך טרעפן״.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוול געשריבן אין איילעניש. פון ערגעצוו אַרום דעם פּאַסיפישן ברעג, ״אַז די וועגן פונעם וווּנדערלעכן, זוניקן לאַנד״, לאָזן נישט פאַרקערעווען זיך אויף צוריק צו די פאַרדרימלטע געסלעך פון ווינעפּעג פון וואַנען ער האָט זיך קוים אַרויסגעריסן מיט יאָרן צוריק מיט גאַנצע ביינער.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ווידער געקומען אַ בלעטל פּאַפּיר אַרויסגעריסן פון עפּעס אַ פאַרלעגן נאָטיץ־ביכל פאַרשריבן אויף ביידע זייטן מיט שפּיציק צעדרייטע אותיות, אָן אַ דאַטע און אָן אָנווייזונג פון

וואַנען. פון עפּעס אַ מיטן, האָט עס געיאַכמערט: "פּאַר מיר גייט די זון אויף מיט פרייד און זי לאַכט, און איך אויף די וועגן גיי אויף מיט געזאַנג".

באַלד נאָכדעם ווידער אַן ענלעך לענגלעך בלעטל מיט נאָך מער פאַרשפּיציקטע אותיות וואָס שפּרינגען, דאַכט זיך, אַריבער איינס דאָס אַנדערע אַרויף און אַראָפּ מיט אַן אימפּעטיקן אומרו. "אמת טאַקע, עס בענקט זיך אָפּט צו די קאַנאַדער פּריריס מיט די בייזע ווינטן און אפילו צום גרויסן דאָרף וויניפּעג" ווו ר'האט פאַרנודיעט די פּאָר יינגלעשע יאָרן מיט נאַיווע חלומות און שטאַמלענדיקע לידער פון וועלט שמערץ אין גרויס נויט און אָרעמקייט (פון 1913 — 1918) עס ציט אים אַהין אָבער נאָר צוליב דעם היימיש יידישלעכן געזאַנג פון זיין ברודער בנימין דער חזן און לערער אין די יידישע שולן. "זיינע לידער און ניגונים זינג איך אָבער איצט אַנדערש אויף די צעהוליעטע וועגן פון גרויסן לאַנד פון ווילד און שיין און פריי און הפקר. איך זינג אויך פון נויט און רויט און גרויליקן אומרו" — האבן זיך די קרומע שורות פאַרענדיקט מיט אַן אונטערשריפט "יאַמב", וואָס כ'האָב ערשט שפּעטער אויסגעפונען אַז דאָס איז איינער פון זיינע פסעוודאָנימען און נישט קיין אָנהייב פון אַ ניגון סטראָף ווי כ'האָב לכתחילה געמיינט.

ב

אין די נאָענטע עטלעכע יאָרן, זיינען מיטן זעלבן אימפּעט און צעיאַכמערטקייט אָנגעקומען פון אים גרוי־געבונדענע און בראָשירטע ביכער מיט צעבראָסטעטע לידער געשריבן אין איילעניש פון דעם הפקרדיקן אונטערוועגנס זיינעם. "לידער פון א וואַגאַבונד"; "וואַגאַבונדיאַדע". אין לאַנגע שורות און אין קורצע דערציילט ער אויס וואָס ער האָט אַלץ געזען, געהערט און דורכגעמאַכט אין דעם אַרומיאָגן זיך אינעם אָפענעם דרויסן. אויך פאַרשידענע וואָכן און חודש שריפטן, וואָס ער האָט רעדאַקטירט און כמעט אַליין אויסגעהאַלטן, קומען איינס נאָכן אַנדערן. עס זעט אויס ווי ער האַלט ביים געפינען דאָס אָרט ווו זיין ביימעלע שטייט. "לאַכט נישט, נאָר פרייט זיך מיט מיר. איך און מיין "דיבוק", יהודית הייסט זי, וועלן צוזאַמען אויפשטעלן אַ ווינקעלע פאַר זיך" — לאָזט ער וויסן מיט אַ סך אויסרוף צייכנס, און זיי אויך וויסן: "אז צום געליאַרעם פון דער וואַגאַנבונדיאַדע האב איך געשטעלט אַ סוף פסוק." עס קומט טאַקע באַלד א ניי בוך לידער "צווישן טאָג און נאַכט", אַ פאַרטיפטער פּרווו שוין אויסצודריקן דעם אייגענעם אינעווייניק — ווי ער רופט עס אין איינעם פון זיינע שמאָלע צעטעלעך מיט די שפּיזלדיקע אותיות. ער שרייבט שוין נישט "פון דער פרעמד" און פון הפקרדיקן אַרומשלייען זיך און כאַפּן "ליפּטס" סתם אין דער וועלט אַריין, נאָך פון דער היים און היים־ווי. ער הייבט אָן

הנאה צו האָבן פֿון דער אײגענער הײם און חלומט פֿון "צונויפֿנעמען אַלע יונגע שרײַבערישע כּוחות אין אײן אכסניה". פֿאַרנעמט זיך איבערצודיכטן אין ייִדיש דאָס געװײן און ביטערן פֿון די נעגערישע פּאָעטן, איז אַרײַנגעטאָן אין אויפֿנעמען די פֿיליזאָפֿישע פֿאַרחלומטקײט פֿון יאַפּאַנעזישע און כינעזישע זינגער. "אַלע עכטע קלאַנגען פֿון די ברידער זינגער אין דער װעלט, דאַרפֿן זײַן אין ייִדיש" שפּרודלט ער מיט באַגײַסטערונג, און דאָך הײבט זיך אָן ביסלעכװײַז דורכרײַסן אין די שמאָלע דינע בריװעלעך אַן עסנדיקער טרויער און אַ קלאָגן זיך אויף עלנטקײט. די פֿריערדיקע פֿרייד מיטן געפֿינען אַן אײגענע הײם און אװעקזעצן זיך אויף אַן אָרט רינט אויס מיטן דערװיסן זיך, אַז ער מוז גאָר זײַן צוגעבונדן צו אײן אָרט. די לונגען זײַנען אָנגערירט. די פּלוצים אײַנגעשטילטע װאַגאַבונדיאַדע האָט אויך אומגעריכט צוגעשטעלט איר חשבון. "אינעם צעטראַמפּלטן גוף װאָגלען אַרום כלערליי מחלות". אויף אַ װײַלע כאַפּט ער זיך װידער אַרויף אויף אַ פֿאַרבײַלויפֿיקן אויטא, אין דער פֿאַנטאַזיע פֿאַרשטײט זיך. ער דערכאַפּט זיך אָבער באַלד, אַז ער "שפּאַנט שוין נישט איצט צו קײן נײַע האָריזאָנטן". פֿונעם געשלענגלטן װעג אויף װעלכן דער אויפֿגעכאַפּטער "ליפּט" יאָגט זיך איצט, גײען אים אויף אין געמיט לעצטע חשבון שורות: "און אַז די שעה װעט שלאָגן, װעל איך פֿאַלן װי אַ בוים אין װינט..."

די שעה האָט אָבער נאָך נישט געשלאָגן דאַן. די דאָקטוירים האָבן טאַקע אויסגעפּרוּװט שוין אַלע מעדיצינען און אָפּגעפּסקנט: " אַ שברי כּלי און שוין", קומט אין א צײַט אַרום גאָר אָן אַ בריװעלע אויף אַ דין, פֿײַן צוגעקליבן פֿיר־עקיק בײַגעלע פּאַפּיר געשריבן אויף אַ שרײַבמאַשינקע מיט אַן אָנזאָג: "פֿאַרלאַטעט דערװײַל װי עס איז דאָס געזונט. די כּלי װעט דערהאַלטן װערן נישט מיט שברים, חלילה, נאָר מיטן װוּנדערלעכן װײַן פֿון ייִדיש שאַפֿן. זינגט אַ ניגון מיט מיר. גאָר בקרוב װעל איך אײַך שיקן אַן אדערױף אויף מײַן אײגענער מעדיצין. זי הײסט "אימפּרעסיעס פֿון אַ לײענער". זײערע מעדיצינען קריכן מיר פֿון האַלדז."

מיט דעם בוך האָט זיך אנגעהויבן אַ נײַער שאַפֿונג פּראָצעס בײַ בראָנשטײנען. אין די לעצטע פּאָר צענדלינג יאָר, האָט ער ממש געלעבט מיט אַלץ װאָס איז געשאַפֿן געװאָרן אין ייִדיש און אַ װערק נאָך א װערק איז דערשינען װוּ ער האָט זיך געטײלט מיט זײַן פֿרייד פֿון דער יצירה אין ייִדיש. פֿונעם פּעריאָד פֿון װאַגאַבונדעװען, האָט ער אָפּגעשפּאָרט דאָס געפֿיל פֿון באַװוּנדערן דאָס גרויסע װי דאָס קלײנע, צוטוליען זיך מיט ליבשאַפֿט צו אײגנס און נישט אַזוי אײגנס אַבי עס גיט עפּעס צו און דריקט עפּעס אויס װאָס איז װערטיק אינעם גראַנגל פֿאַרן לעבן און זײַן אויף דער װעלט. איז דאָס געװאָרן זײַן מאָס און זײַן ריכטשנור בײַם אויפֿנעמען און אָפּשאַצן אַ שרײַבער און זײַן װערק. קײן באַזונדערן װעג אין דער קריטיק האָט ער נישט

אויסגעאַרבעט און נישט פּרעטענדירט אויסצואַרבעטן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גועניסער וואָס קומט צום טעם דורך טועם זיין פון אַ פּרי אָן באַשטימטע כּללים.

זייער ווייניק האָבן געוווסט ווי שווער עס איז געווען אַרומצושפּאַצירן אין פּרדס פון יידיש שאַפן (ווי ער רופט איינע פון זיינע לעצטע עסייען זאַמלונג) און שפּרודלען מיט דער "פּרייד פון יצירה" (דאָס לעצטע בוך זיינס) ווען ער האָט אין די לעצטע יאָרן גאָר געמוזט מער ליגן ווי אַרומגיין. אויך שווערע פאַמיליע צופאַלן האָבן פאַראומערט זיינע לעצטע יאָרן. אין זיין שרייבן אָבער, אַ חוץ אין אַ ליד דאָ און דאָרט, האָט עס זיך נישט אָנגעזען. טאַקע אַן אָפּגעזונדערטער און דערוויטערטער פון דער ליטעראַרישער סביבה ביי זיך אין שטאָט, (לאָס־אַנגעלעס) אָבער א היימישער און נייגעריקער איז ער געווען אין אַלע סביבהס וווּ עס ווערט יידיש געשאַפן. אין איינעם פון די לעצטע בריוו ווידער געשריבן מיט דער האַנט מיט נאָך מער אַ פאַרשפּיצטער שריפט פאַרענטפערט ער זיך פאַרן נישט שטעלן קיין דאַטע אויף זיינע בריוו. "שוין יאָרן ווי מיין דאַטע איז אַפּגעפרעגט. איך נעם אויך נישט מער קיין מעדיצינען. איך לייען און שרייב, קומט מיר צו אַ שטיק געזונט אויסצושטיין מיינע יסורים. און וואָס מער איך לייען זיך אַריין אַלץ מער פאַרגאַפט בין איך ווי איר האָט מיך באַצייכנט. דאָס איז מיין מעדיצין..."

צו דעם דאָזיקן געפיל פון פאַרגאַפט זיין פונעם וואָרט און פונעם קוואַל פון יצירה דאַרף מען אויך צוגעבן זיין הויפּט אייגנשאַפט פון קענען זיך אַריינלעבן מיט אַן אָפן געמיט אין אַ צווייטן שאַפערס געפיל־וועלט און ממש מיט האַרציקער ליבשאַפט אַרויסברענגען דעם אמתן טעם און ריח זיינעם. איינס פון זיינע געזאַמלטע עסייען וועגן ליטעראַטור האָט ער אָנגערופן מיטן סימבאָלישן נאָמען "אינאיינעם און באַזונדער". דערמיט האָט ער געוואָלט אָנווונקען אויף זיין דרך, אַז יעדער "באַזונדער" איז אים טייער און פאַר יעדער שאַפינג אויסדרוק שטייט ער מיט דרך־ארצדיקן באַוווּנדער, ווייל טיף אין אים איז רייף די וואָר, וואָס איז אָפּט פאַרהוילן פון אַ סך פראָפעסיאָנעלע קריטיקער אַז אין יעדערן באַזונדער וויברירט דער חיות־זאַפט וואָס אַנטפּלעקט און שטעלט צונויף דעם "אינאיינעם" פון אַ פאָלקס שאַפן. פון דאַנען שטאַמט אויך זיין גרויס ליבשאַפט צו שרייבער, וואָס האָט אים געפירט צו פאַרברייטערן און נישט פאַרקלענערן דעם שטח פון "פּרדס".

אַזוי האָט ער אין די לעצטע יאָרן געלעבט אין זיין יסורים־פולן אייגענעם "באַזונדער" וועלכער איז געמילדערט געוואָרן נאָר פונעם פאַרטיפן זיך אינעם "אינאיינעם" פון יידיש שאַפער אין גאר דער וועלט.

אמת, זעלטן ווען ס׳איז געקומען עפּעס אַן אפרוף פון ערגעץ אויף זיין אייגענעם שאַפן. בכוונה צי שלא בכוונה — מ׳האָט אים פאַרשוויגן, האָט עס אים נאַטירלעך ווײ געטאָן און אין דער שטיל געליטן דערפון, נאָר אויך דאָס האָט ער געלינדערט מיט פאַרהיימישן זיך מיט נאָך אַ שאפערישן ״באַזונדער״ וואָס מאַכט פולער און רייכער דעם ״אינאיינעם״.

אַזוי ביז אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, אַרויסגייענדיק בלויז אויף אַ ווייל אַוועקצושיקן אַ בריוו צי גאָר אַ ניי געפינס פון עמיצנס אַ שאַפערישן ״באַזונדער״ צום אויסגעהלומטן ״אינאיינעם״, האָט די נישט באַצייכנטע־דאַטע זיך פּלוצים אַ שיקל געטאָן פאַר די אויגן: די שעה האָט נאָר וואָס געשלאָגן, נאָר נישט ״ווי אַ בוים אין ווינט״ איז ער געפאַלן, נאָר אַ פאַרביילויפנדיקער אויטאָ האָט אים אומגעוואָרפן אויפן ברייטן הפקר וועג וועלכן ער האָט אַזוי לוסטיק פריי אַמאָל באַוווּנדערט און באַזונגען.

אינעם ״אינאיינעם״ פון יידישן שאַפן האָט ער אַרייַנגעשטעלט דרייצן ספרים פול מיט אומרו און נישט געשטילטן נייגער וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ערגעצוווּ אין נאָוועסעליץ אין בעסאַראַביע און זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען אינעם לאַנד פון ברייטע וועגן וואָס ציען צו ווייטע האָריזאָנטן. האָט ער זיך פאַר אַ וועכטער געשטעלט אין גאָרטן פון יידיש און געלאָבט זיך מיט די פירות וועלכע ער האָט דערבליקט מיט ווונדער און ליבשאַפט. ווער עס קען און וויל, וועט אַ ברכה מאַכן און זיך פאַרנייגן מיט כבוד צום וועכטער.

(1969)

"וואַגאַבונדיאַדע"

פון יחזקאל בראָנשטיין

שוין אַ היפּשע פּאָר יאָר זינט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט זיך פּאַרמאָסטן קינסטלעריש איינצונעמען דאָס גרויסע און רחבותדיקע לאַנד — אַמעריקע. איינצונעמען — אין דעם זין פון געבן צו פילן דעם ריח פון דער אַמעריקאַנער ערד; אַ שוים טאָן מיטן שוימען פון די רוישיקע וואַסערפאַלן, אַ קלעטער טאָן מיטן שווינדלדיקן געדריי פון די בערג-קייטן וועלכע קרייצן דורך און פאַרקייטלען די פאַרשיידנסטע טיילן פון לאַנד, און אַן אָטעם געבן און איינזאַפּן אין זיך דאָס גרויסע וווּנדער פון אָט דער ריזיקער וועלט אין וועלכער מיר זענען געקומען צו זיין און לעבן.

דער דאָזיקער פּאַרמעסט באַגלייט די היגע יידישע ליטעראַטור פון אירע סאַמע ערשטע טריט. שוין די ערשטע שאַפער אירע האָבן גענומען שעפּן פונעם נייעם לעבן אינעם נייעם לאַנד. דער גרעראַנגל פונעם יידישן עמיגראַנט מיט דער נייער סביבה, זיין צער און עלנט, בענקשאַפט און טיפע איינזאַמקייט ווי אויך זיינע קאַמפן און האָפענונגען האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור. דאָס נייע לעבן און די נייע איבערלעבונגען האָבן געמאָנט און זיך געריסן צום אויסדרוק, און די ליטעראַטור האָט לויט אירע מעגלעכקייטן אויפגעכאַפּט דאָס אייגנאַרטיקע און עס אויסגעזונגען, אויסגעשריען און געמאָלן.

אַמעריקע איז אָבער דורך דעם ניט איינגענומען געוואָרן, געוואָרן אייגן, ס'איז בלויז געוואָרן אַ נייע טעמע, צוגעקומען נייע טיפּן, נאָך אַ ווינקל פון יידיש לעבן, אָבער די פרעמדקייט בלאָזט נאָך פון אַלע ווינקעלעך. די טיפּן זענען אין דער פרעמד און די ליטעראַטור מיט זיי. ס'איז צוגעקומען נייע גרויסשטאָט אָבער ניט קיין נייער הימל, נייע ערד, אַ פּאַרשטיקטע לופט הערשט אין די מערסטע שאַפונגען פון די ערשטע צייטן. גרויע טונקעלע ליכט אין די עמיגראַנטישע היימען און נשמות געדיכטע שאָטנס אין דער ליטעראַטור. אוודאי, קאָן מען זייער לייכט אָנווייזן אויף די סיבות וואָס האבן צו דעם געפירט, אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט.

אַ פרייע מינוט איז סתם אַ זעלטנקייט. דאָס נייע לעבן האָט געגעבן אַ סך שטאָף פאַר הומאָר — איז אין דער ליטעראַטור געוואָרן דערפון, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, בלויז שאַרזש און קאַריקאַטור, וואָס איז סוף כל סוף אויך נאָר שוים פון לעבן. אָבער וועגן דעם דאַרף מען שמועסן באַזונדער. דער עיקר איז וואָס אויף אַלץ ליגט דער חותם פון

פאַרשטיקטקייט, אָפּגעריסנקייט פון שורש. די נאַטור שילדערונגען אויף וויפל זיי זענען שוין דאָ, עפּעס ווי יאָ געזען און ניט געזען, באַמערקט — אבער ניט דערקענט, נאָך ניט איינגעהיימישט. ניטאָ די הויכע באַגייסטערונג פאַר די נייע דערשיינונגען און אוודאי ניט די טיף לירישע איינגעבאַקנקייט אין האַרצן און אין דער נשמה וואָס עס פילט א פּאָעט צו זיין אייגן היימלאַנד.

די זעלבע שרייבער, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ היימישן שליאַך פון דער אַלטער היים, האָט אַזש אַ סקריפּ געטאָן אונטער די פּיס ראָס ווייכע זאַמד. דאָס היימישע פעלד האָט אַ רעד געטאָן מיטן אייגענעם לשון, דאָס טייכל האָט זיך מחיה׳דיק צערוישט. בקיצור, די היים האָט אַ זונג געטאָן און זיך באַוויזן אין כל׳ערליי קאָלירן און קלאַנגען, אָבער קומען זיי נאָר צוריק אַהער דערזעט מען לעבנס אין אמעריקע אָבער ניט אַמעריקע אין די לעבנס.

ערשט מיטן אָנקום פון די ״יונגע״ הייבט זיך אָן דאָס אמתע איינהיימישן זיך מיטן לאַנד ניט נאָר מיט די מענטשן. דאָס לאַנד ווערט בכלל גרעסער און ברייטלעכער. ס׳באַווייזן זיך נייע בילדער, נייע געגנטן, ס׳גייט אויף דער ריח פון נייער ערד.

זיי זענען אָבער נאָך אַלץ צופיל איבערראַשט, פאַרוווּנדערט פון דער שפע, רייכקייט און בונטקייט פון קאָלירן אין נייעם לאַנד. זיי ווייסן שוין, אַז זייערע קינדער זענען שוין אַ טייל פון דער נייער ערד, זיי אַליין אָבער זענען נאָך ״די געקומענע פון דער פרעמד און דער ווייט״ די — ״וואָס האָבן ערגעץ געלאָזן דעם שטאַם״. אַמעריקע האָט זיי אויפגענומען. זיי אָבער האָבן נאָך אמעריקע ניט אויפגענומען אין זיך אינגאַנצן. ס׳איז נאָך אַלץ אַ צו ״גרויסער ראַזמאַך״ וואָס הויערט איבער זיי און איז נאָך ניט אַריין אין זיי.

קיין וווּנדער איז עס אפילו ניט. דאָרט זענען דאָך די שטעגלעך געוווען אייגענע, די וועלדער פאַרהיימישטע, לייגסט צו אַן אויער און ווערסט דערהערן אַן אייגענעם ניגון, דעם אָפּקלאַנג פון אַלט באַקאַנטע טריט, און דאָ וואָס? אויף די ערשטע פּיאָנערן — וואָגנס וועלכע האָבן געשניטן די פּרייריס זענען אונדזער אייגענע ניט געזעסן. אונדזער ניגון האָט זיך דאָ ניט געטראָגן און די ערשטע טריט פונעם ״ייד״ מיטן פּאַק זענען דאָך נאָך ניט ווי געהעריק אַריינגעפּרעסט אינעם ווייכן זאַמד. איז דערפאַר אַלץ נאָך פרעמדלעך, כאָטש דאָס געפיל פון היים איז שוין דאָ. דער ערשטער ציטער פון אַוועקשטעלן אַ געצעלט פלאַטערט שוין אין לופט. (י.י. שווארצס ״קענטאקי״ איז דער ערשטער אָנהייב דערפון).

אין די לעצטע יאָרן אָבער האָט זיך אין דער הינזיכט געענדערט צום

גוטן. דער דור נאָך די ״יונגע״, די ״אינזיכיסטן״ און די אַנדערע נאָך זיי, סיי אין דער פּראָזע, סיי אין דער פּאָעזיע נעמען שוין אויף די היגע לאַנדשאַפט אויף אַן אייגענעם אופן. זיי גייען צו צו אמעריקע נענטער, קוקן איר אַריין אין פּנים און זענען מער ניט איבערראַשט. ניט נאָר א שטאָט מיט אַ יידישער געטאָ איז אַמעריקע פאַר אונדז, נאָר דאָס גאַנצע, גרויסע, רחבותדיקע לאַנד הייבט אָן געפינען זיין אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. מיר האָבן שוין אויך דאָ צו וואָס צו בענקען און אויף וואָס צוריק צוקוקן, פּילט עס דער פּאָעט — שפּיגלט עס אָפּ די ליטעראַטור.

אמת, אפילו איצט איז נאָך די שטאָט דאָס וויכטיקסטע וואָס מיר האָבן דערגרייכט. דער אימפּעט און פאַרנעם צוזאַמען מיט דער קורץ אָטעמדיקייט פון דער שטאָט, איז שוין כמעט אַריין אין בלוט פון אַ סך און זעט זיך אָן ניט נאָר אין דער טעמע און בוי פון ווערק, נאָר אויך אין סטיל, אָבער דאָס איז פאַרשטענדלעך צוליב אונדזער שטאָטישקייט.

פונדעסטוועגן קאָן מען שוין אָנווייזן אויף דערגרייכונגען אינעם איינעמען די לאַנדשאַפט צוזאַמען מיט די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך און און שטעטלעך פונעם גרויסן לאַנד.

אַ פּרוּוו צו געבן אמעריקע און ניט דוקא דעם ״אַמעריקאַנער״ איז אויך דאָס נאָר־וואָס דערשינענע בוך לידער און פּאָעמען ״וואַגאַבונדיאַדע״, פון יחזקאל א.מ. בראָנשטיין.

מיט דער אָפּנקייט און ״זאָרגלאָזיקייט״ פון אַ וואַגאַבונד, שפּאַנט ער אַרום איבער דעם גרויסן לאַנד.

״אַלע טאָג שטיי איך אויף ביי אַן אַן אַנדערן טראַקט,
מיט חלום אין די אויגן און אויסגערוטע פיס
גרייט צו גיין מיט ריטם און מיט טאַקט
אַנטקעגן דער זעאונג פון מיין צעהעלטן געמיט...״

(ווירדזשיניא און איך).

אַן אויסגעטאָגענער פון אַלץ וואָס טוט זיך אין שטאָט, שעפּט ער אין זיך אַריין דעם וווּנדער פון יאָסעמיטי־טאָל און גליישער, אַגב, טאָקע דער געלונגענסטער טייל אין בוך. ער איז שוין ניט קיין פרעמדער דאָ, כאָטש נאָך ניט קיין איינגעזעסענער. ס׳איז אים אַלץ נאָענט און ער קען זיך אויף אַ פּשוטן אופן פאַרכליניען מיט אַלץ וואָס ער באַגעגנט אויפן וועג. אָפט קומט ער אויס ווי אַ דאָרפסמאַן וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען די שטאָט: יעדע זאַך איז ניי פאַר אים און חידוש שפּאַרט פון אַלע ווינקעלעך. ער קלייבט דעריבער ניט אָפּ דאָס בילד, פונקט ווי אַלס ״טרעמפּ״ קלייבט ער ניט אויס די אויטאָמאָבילן אין וועלכע אים קומט אויס צו פאָרן. ער נאָטירט

אַלץ וואָס האָט מיט אים געטראָפן אין וואַנדער, פאַרפּלאָנטערט ער זיך דעריבער זייער אָפט אין אַ בלויזן בייטן פון אויטאָמאָבילן און פלעצער. עס שטעלט זיך זעלטן אָפּ אַ גאַנץ בילד. ליידט אויך דער פערז פון א געוויסער הויכטאָניקייט און לויזקייט.

דאָס ווערט אָבער פאַרגיטיקט מיט אַן אימפּעטיקייט וואָס גיט איבער אַ גאַנץ און וואַרעם געפיל פון אַ וואַגאַבונד פּאָעט וועלכער טראָגט זיך איבערן לאַנד ווי ער וואָלט געוואָלט אַלץ איינשלינגען און איינזאַפּן אין זיך.

"דער מענטש גייט מיט אָפענע אויגן דאָ אַרום
און גאַפּט פון דער שיינקייט,
וואָס בלענדעט פון אלע ווינקלען".
(יאָסעמיטי וואַנדער)

ער ווערט אַזוי אַרומגענומען פון אַלץ, אַז ער דערהערט זיך אַליין און דערפילט אַז,

"אשרי — אַז וואויל איז צו די וואָס זיצן
אין אָוונט דאָ — אַליין;
און פּרוּוון דיך אַן רייד באַנעמען".

(דאָרט).

וואָלט בראָנשטיינען נאָך אויך געראָטן איבערצוגעבן אונדז אין בילד אָט דאָס געפיל, וואָלט עס באמת געווען אַ גרויס ווערק און אַ באַנייונג פאַר אונדז. דאָס אָבער וואָס איז אים יאָ געראָטן איז אַן אייגענע באַנייונג. ער אַליין איז אויסגעוואַקסן און געטאָן אַ היפּשן טראָט ווייטער אויף זיין פּאָעטישן טראַקט.

אין דער "וואַגאַבונדיאַדע" איז ניטאָ מער דער בראָנשטיין פון די פריערדיקע לידער זיינע. ניטא מער די מרה שחורה און כמעט מיסטישע שרעק וואָס די ברייטע פאַרשנייטע פעלדער פון קאַנאַדע האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן. ניטאָ מער די פאַרלאָרנקייט און אויסגעוואָרצלטקייט. אויף דעם אָרט לעבט און שומט אַ פלאַטערנדיקע פרייד פון דערפילן און נאָענט ווערן מיטן נייעם לאַנד ביז פאַרגעסנקייט, ביז אויפגעלייזקייט

"דו ווייסט ניט צי דו ביסט דאָ — צי ניט
דו ווערסט אַ טייל פון אַלץ — אַ ליד...
דאָס לעבן דיינס זינגט אויף און רעדט
צו זיך אַליין — צו אַלץ"...

(דאָרט).

אָט דאָס געפיל אין דאָס שטאַרקסטע און גערעאַטנסטע אינעם בוך און ס׳ווערט ממילא מער ווי דאָס וואָס ער וויל זיך אַליין פאַרטייטשן:

„מיט שטעקן אין האַנט און מיט זון אינדערמיט
עס גילגולט אויף וועגן, מיין לעבן — מיין ליד״.

(„וואַגאַבונדיאַדע״)

ס׳איז עפּעס מער ווי דאָס, ווייל מיר דערפילן דורך אים אָפּט דעם אָטעם פון ברייטן לאַנד און מיר הערן דעם רויש און קלאַנג פון די וואַסערפאַלן און דאָס זוניקע פייער — פאַלן פון יאָסעמיטי וואונדער.

ס׳איז נאָר א שאָד וואָס מיר זעען ניט אויך וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פונעם וואַנדער און נאָך מער זעען מיר ניט די מענטשן וואָס ער האָט באַגעגנט סע זעט אויס ווי ער וואָלט זיך געיאָגט איבער אַ טראַקט און וואָס עס טוט זיך אין לאַנד ניט באַמערקט. אָט פרוווט ער וויזן מענטשן, זענען זיי אָבער בלויז אויפגעכאַפּט, זעען זיך קוים אָן. אַנדערע זענען, ווי ביי דער „ליין״ אין רינאָ, אַלטע, שוין געגעבענע בילדער און גיבן קיין סך ניט צו, סיי צו דער „וואַגאַבונדיאַדע״, סיי צו דער טעמע. ער איז נאָך, ווייזט אויס אַזוי פאַרחידושט פון אַלץ, אַז ס׳קלעקט אים קוים צייט אָפּצושטעלן זיך אַ שילדער צו טאָן קומט ער אָפּ מיט דערציילן און דאָס איז אין אַ בוך פון אַזאַ פאַרנעם ווייניק.

(1936)

מיט אויגן פון באַוווּנדער און ליבשאַפט

(כמו אַ באַגריסונג צום אָוונט פון באַצייכענען דאָס דערשיינען פון יחזקאל בראַנשטיינס "אין פּרדס פון יידיש")

איך האָף, אַז דער בעל הפרדס וועט נישט האָבן קיין פאַריבל אויף מיר פאַרן פאַרלויפן זיך אַליין און אַנדערע דעם וועג מיט אַ שפּאַן טאָן ווייטער ווי מיר האלטן איצט, און גלייך דאָ אויפדעקן עפּעס וואָס איז נאָך דערוויייל אין דער בחינה פון אַ סוד אין צייט. גאָר בקרוב וועט יחזקאל בראָנשטיין אַריינטרעטן אין די "שיבה יאָרן" (סיווּוע־יאָרן, די 70) אויף וועלכע עס ווערט געזאגט " מפּני שיבה תקום" — טייטשט עס אַ שאַרף חסידישער זאָג: "פון זיין פּנים זאָלסטו אַליין דערהויבן ווערן", און פונקט צו דער צייט וועט ער אויך גרייכן די קיילעכדיקע יובל־ציפער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט שאַפן ווי אַ דיכטער און עסעיסט ביי די יידיש־יידן.

די מסיבה לכבוד זיין "אין פּרדס פון יידיש" איז דעריבער אַ גוטער אַדערויף צום אָנהייבן פאַרטיפן זיך אין דעם דרך פון זיין שאַפן און טוען, און אויך אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צוצוטראָגן אים אונדזער דאַנק און אַנערקענונג פאַר דעם וואָס ער האָט דערגרייכט ביז איצט און אַ ברכה צו דעם וואָס וועט מיט מזל און גוטן געזונט נאָך קומען.

יחזקאל בראנשטיין, האט אָנגעהויבן, און פאַרבליבן ביז היינט, ווי א דיכטער וואס איז פאַרגאַפט אויפן וווּנדער פון וואָרט.

"דאס ערשטע וואָרט, מיט גאַפונג קומט,
אַנטפּלעקט זיך ווי אַ ווונדער.
עס שטעלט זיך אויף די פיס אַליין
און שפּאַנט אַוועק באַזונדער."

(פון ליד" דאס ווארט")

מיטן דאָזיקן געפיל פון פאַרגאַפונג, זעט ער נישט נאָר זיין אייגן וואָרט ווען עס אַנטפּלעקט זיך צו אים, נאָר אויך דאָס וואָרט פון אַלע וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין יידישן שאַפן. עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער וואָס ער האָט גלייכצייטיק זיך גענומען באַנוצן מיט דער עסעיסטישער פאָרם כדי צו אַנטפּלעקן די שאַפונגס כוחות וועלכע קומען צום אויסדרוק

" אין לידער איבער גאָרער וועלט
פון יידישע פּאעטן."

(דארט)

אויך זיין בסדרדיקע אנשטרענגונג ארויסצוגעבן זשורנאַלן און זאַמלונגען מיט חברים פּאָעטן, דערקלערט זיך דערמיט. ס׳איז נישט געקומען פון אַ ווילן אַרויסצושטעלן זיך נאר פון אויסגעפינען און אַרויסהייבן שותפותדיקע שאַפונגס כוחות וואס ליגן ערגעץ פאַרבאָרגן.

ער געהער, דאַכט זיך מיר, צו די שרייבער וואָס גלייך מיטן ערשטן ווערק זייערן דערפילסטו, אַז זיי קומען נישט נאָר כדי זיך אליין צו באַווייזן מיט זייערע אייגענע מעלות פון אויסדרוק און געפיל, נאר דער עיקר כדי צו באַוואונדערן דעם שאַפונגס פּראָצעס בכלל, וואָס ווי יחידיש ער זאָל נישט זיין, איז ער אין סך הכל אַ מין ״נמנו וגמרו״ אויסדרוק פון אַ באַשטימטער (מ׳האָט זיך געצײלט און באַשלאָסן) סביבה און צייט. אונטער דעם צייכן שטייט זיין גאנצער שאַפונגס וועג. אַוודאי האָט ער דורכגעמאַכט אַלערליי גלגולים און זיך שווער געראַנגלט אי מיטן וואָרט, וואָס ווי פאַרגאַפּט מ׳זאָל נישט ווערן דערפון, דעקט עס קוים דאָס צעברויזטע געפיל, און אי מיטן צעברויזטן געפיל וואָס שוימט אָפּט אַריבער די צוימען פון באַגרעניצטן קלאַנג און באַצווינגענדיקער פאָרם. אָבער אפילו אין דעם פּעריאָד פון דער ״וואַגאַבונדיאדע״ זיינער און שטורעם־דראַנג צו צעברעכן דאָס פּאָעטישע מעבל פון יענער צייט, האָט אים דאָס געפיל פון פאַרגאַפונג באַהערשט און פאַרהיטן פון פאַרלירן זיך און פאַרכלינעט ווערן פון די מעשי־בראשית און מעשי־בני אדם, וועלכע זעען פון אויבן־אויף אויס ווי איין גרויסער שטיק כאַאָס אָן אַ זין און אָן אַ סדר. פון דער שרעק און פארגאפונג איז אין אים אויפגעקומען דער גרויס־וואונדער און טיף־באַנעמען אַז

״דער ווייַן פון ליד
איז אַלט, איז נײַ״

און יעדער וויין האט זיין ריח, זיין טעם, און דאַרף פאַרזוכט ווערן אפילו ווען מ׳קען זיך נישט אָנשיכורן מיט אים. זיין וועג איז דעריבער נישט דער וועג פון אַ פּוסק אחרון וואָס גיט אָדער זאָגט אָפּ דאָס לעבן פון אַ ווערק; ער באטראַכט זיך אויך נישט ווי קיין פרשן וואָס פאַרטייטשט און דערקלערט אין וואס דער טעם פון אַ ווערק באַשטייט, נאר ער גיט גאר צו פאַרזוכן און אַליין אַנטפלעקן דעם באַזונדערן אַראָמאַט וואָס גייט אויף פון אַ יחיד, אַ שאַפער. ער גייט צו צו יעדן דיכטער ניט מיט קיין פאָרויסבאַשטימטער מאָס און פאַרגרייטע כללים פון וועלכע עס איז קונסט־אני מאמינס און ליניעס, נאָר מיטן אָפענעם געמיט אַריינצולעבן זיך און אויפנעמען יענעמס געפילס־וועלט, כדי אַזוי אַרום צו דערשפּירן דעם טעם און ריח זיינעם.

יעדער "באַזונדער" אויסדרוק איז אים טייער און פאַר יעדער שאַפונג שטייט ער מיט דרך־ארצדיקן באַוווּנדער, ווייל טיף אין אים איז שוין לאַנג רייף געוואָרן די פארהוילענע וואָר פאַר אַ סך פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער, אַז אין יעדער אמת "באַזונדער" וויברירט דער חיות־זאַפט וואָס אַנטפּלעקט און שטעלט צונויף דעם "אינאיינעם" פון אַ פאָלקס־שאַפן. (אַזוי רופט ער איינס פון זיינע ביכער).

פון דאַנען שטאַמט אויך זיין גרויס ליבשאַפט צו שרייבער, וועלכע פירט אים צום פארברייטערן און נישט פארקלענערן דעם שטח פון זיין פּרדס.

זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן אַז פאַר מיר איז עס שוין לאַנג אַ גרויסער ווונדער וואָס כאָטש ער איז אַליין אַ גרויסער בעל־יסורים און געפינט זיך די גאנצע צייט ווייט פון אונדזער ליטעראַרישן יאַרידל, וואָס האָט אים און זיין שאַפן גאָר היפשלעך פאַרזען פילט זיך דאָך נישט קיין שמץ פון פאַרביטערטקייט אין זיין שרייבן און איר קאָנט ביי אים נישט באַמערקן קיין ספּעציעל פאַוואָריטע, וואָס נאָר אין זייער זכות געדייעט דער פּרדס.

אין זיין אייגענעם "באַזונדער" איז ער"אינאיינעם" מיט אַלע יידישע שאַפער אין גאָר דער וועלט און זעט זיי אַלע פאַרפלאַנצט אין זיין גאָרטן. נישט אַלע הייבן זענען די זעלבע, אַנדערש זענען אויך די טעמים און ריחות; אָפט זעט אויס אפילו אַז זיי שליסן אויס איינס דאָס אַנדערע, דער גערטנער אָבער באַוווּנדערט זיי אַלעמען ווייל ער ווייס דעם סוד, אַז די ערד און צייט וואָס נערט זיי, איז נישט פון דער פרעמד נאָר זייער אייגנס, און כל זמן דאָס איז קלאָר מעג מען אַ ברכה מאַכן.

און אַזוי ווי כ׳האָב אנגעהויבן מיט אַ פערזענלעכער נאָטע, וויל איך מיר אויך דערלויבן צו שליסן מיט אַ פּאָר פערזענלעכע פּסוקים. מיט יחזקאל בראנשטיין האב איך זיך געטראָפן אויף א קורצער ווייַלע מיט איבער דריי צענדלינג יאר צוריק., אין וויניפעג, אין אַ זומער־טאָג פון א הייסן זאַמד־שטורעם, ווען אַלץ איז גרוי. ס׳איז מיר געבליבן אין זיכרון זיין אריינשטעלן זיך אין הויז, אַ הויכער, אַן אויסגעמאָגערטער מיט אַרויסשטאַרנדיקע קינבאַקן, וואָס האָבן נאָך בולטער געמאַכט דעם שאַרף אומרואיקן בליק פול מיט נייגעריקייט. "איך בין יאַמב. איר קענט מיך נישט, איך האָב אָבער געהערט פון אייך — האָט ער זיך אַביסל פאַרהאַקט און כמעט שעמעוודיק, אָבער היימישלעך אויסגעשטרעקט די האַנט — איך האַלט איצט אין מיטן שפּאַנען איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע, האָב איך אַריינגעשפּאַנט אַהער צו זען די אייגענע און דער עיקר באַקענען זיך מיט נייע מענטשן דאָ. אזא טבע שוין ביי מיר — איז ער באַלד געוואָרן אַזוי היימיש, ווי מיר וואלטן זיך שוין יאָרן געקענט. איז די היימישקייט

געבליבן ביז היינט, און כאָטש דאָס שפּאַנען האָט ער שוין לאַנג פאַרלאָזן, זע איך אים אָבער נאָך אַלץ אַ נייגעריקן מיט אויגן פול וווּנדער און אומרו וואָס וואַכן איבערן פּרדס פון יידיש און לאָבן זיך מיט די געשמאַקע פּירות וועלכע ער דערבליקט מיט ליבשאַפט. זאָל עס אים און אונדז זיין אויף לאַנגע, געזונטע יאָר.

(1966)

דאָס גוטע מזל פון אַ יידישן ישוב אין לאַטיין אַמעריקע

(מחשבות ביים לייענען "אַ ייד אין קאָלאָמביע" און "אַ יידיש אינדזעלע אויפן דרום אַמעריקאַנער קאָנטינענט," פון שמעון גובערעק).

עס טרעפט זיך נישט אָפט, אָבער עס טרעפט אַז דו באַגעגענסט נישטגעריכטערהייט אַ מענטשן וועמעס נאָמען האָסט קיינמאָל נישט געהערט און אוודאי נישט געוווסט אַז ער ווייסט דווקא יאָ וועגן דיר דורך אַ בשותּפותדיקן יוגנט־פריינד, וועלכער האָט צום באַדויערן קיינמאָל נישט געפונען פּאַר נויטיק צו דערמאָנען עס, כאָטש אין זיינע גאַנץ באַריידעוודיקע און זייער אינטערעסאַנטע בריוו אין משך פון אַ סך יאָרן, האָט ער דערציילט גאָר פּיל וועגן דעם לאַטיין אַמעריקאַנער לאַנד אין וועלכן ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן, און ווי פּרימיטיוו עס איז." די אָרעמקייט דאָ, גייט אַרום נאַקעט און באָרוועס אין שאָטן פון פּאַרפּוצטע קירכעס, וואָס פאַרהאַקן דעם אָטעם מיטן שטיקנדיקן ריח פון ווייִרויך און די גלאַנציקע פּאַלאַצן פון די פּריוויליגירטע איינצלנע משפּחות." — האָט ער זיך געקלאָגט. וועגן יידישן לעבן פון די פאַראיינזאַמטע אימיגראַנטן, האָט ער געשריבן איינגעהאַלטן און דיסקרעט און בלויז צוגעגעבן: "אין דער קאַטוילישער געדיכטקייט דאָ און די יידישע אויסגעליידיקטקייט אַרום מיר, פּיל איך זיך ווי אויף אַן אינדזל פאַראיינזאַמט אין אַ טריבן עלנט". דאָס האָט נאַטירלעך געווירקט אַז נאָכדעם ווי מיין יוגנט־פריינד אַ זייער סענסיטיווער און עכט קולטורעלער פאָלקס־אינטעליגענט, איז פּלוצים נפטר געוואָרן פון אַ האַרץ־שלאָג אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל פּאַמפּלאָנאַ, קאָלאָמביע, און די פאַריתומטע משפּחה זיינע, האָט נאָכן לאָזן ווּיסן וועגן זיין פּטירה מער זיך נישט אָפּגערופן, איז געבליבן שטעקן אין געמיט בלויז זיין פראַזע: "אַן אינדזל אין טריבן עלנט". דער וויטערדיקער גאַנג און אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער מדינה און די ראָלע פון יידישן יישוב דאָרט איז פּאַר מיר געבליבן פאַרשטעלט. צוגעהאָלפן צו דעם האָט דאָס, וואָס דאָס לאַנד איז זעלטן דערמאָנט געוואָרן אין דער פּרעסע, סיידן אין פאַרבינדונג מיט עפּעס אַ סאָציאַלן אויפרודער דאָרט. ממילא איז דער "נאַקעט און באָרוועס" געבליבן הויערן איבער דעם דאָזיקן לאַנד ביז, ווי עס דערציילט זיך אין די אַלטע מעשה ביכלעך: ויהי היום, קלינגט דער טעלעפאָן און אַ נישט באַקאַנטע שטימע שטעלט זיך פאָר — "דאָס רעדט אַ ייד פון קאָלאָמביע, פריער פון זשעלעכאָוו, איר ווייסט דאָך די שטאָט פון י.מ. ווייסנבערג, יחיאל לערער און שלמה ברייינסקי ע"ה. מיין נאָמען איז שמעון גובערעק. כמעט 40 יאָר אַז איך ווייס וועגן אייך. מיר האָבן געהאַט אַ בשותּפותדיקן

פֿריינד, אַ טייערער ייִד געווען גאָדל ראָזנבאַנד ע״ה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גוטן מזל ביי אונדז״.

שוין פֿון די ערשטע פּאָר ווערטער דערשפּירסטו אַ היימישקייט און אַזאַ מענטשלעכע וואַרעמקייט, אַז דו קענסט זיך שוין קוים דערוואַרטן צום טרעפֿן זיך מיט אים. אין די פּאָר שעה וואָס מיר פֿאַרברענגען צוזאַמען, קומט אויס דאָס קול אַזוי באַקאַנט און דער וואַרעמער פֿאָלקסטימלעכער טאָן אַזוי נאָענט און אייגן ווי פֿון גאָר אַ נאָענטן ווען איר בלויז אויף אַ ווײַלע געווען דערווייטערט. עס פֿאַרגעסט זיך אינגאַנצן אַז דו זעסט אים צום ערשטן מאָל אין דיין לעבן. פֿונעם איינהערן זיך אין דעם וואָס ער דערציילט אַזוי פּשוט און בילדלעך קלאָר, קומט אויס אַז נאָך פֿון דעם ביסל וואָס איז פֿון צייט צו צייט אויסגעקומען צו הערן וועגן די יידישע ישובֿים אין די לאַטיין אַמעריקאַנישע לענדער, האָסטו טאַקע געהאַפּט און זיך פֿאָרגעשטעלט אַז עס געפֿינען זיך דאָרט אַזעלכע יידישע יידן, וואָס האָבן נישט נאָר זיך אַליין אַריינגעבויט אין דאָרטיקן לעבן און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג און וווּקס פֿונעם לאַנד, נאָר אויך מיט גרויס מי און פֿאַרשטענדעניש זיך געראַנגלט צו דערהאַלטן זיך גייסטיק קולטורעל. זייער איינגעשפּאַרטקייט צו דערהאַלטן ווי ווייט מעגלעך דעם גייסטיקן אוצר, וואָס האָט זיי גענערט אין דער אַלטער היים, כאָטש צוליב די באַדינגונגען אין אַ שטאַרק באַגרעניצטער און מאָגערער פֿאָרם, האָט זיי דאָך געשטאַרקט און פֿאַרהיטן נישט צו פֿאַרלירן זיך אין גאַנצן און פֿאַרשווינדן אין דער נייער־פֿרעמד צו וועלכער דער יידישער וואַנדער גורל האָט זיי פֿאַרוואָרפֿן ביים ראַטעווען זיך פֿון די פֿאַרמשפּטע שטעט און שטעטלעך אין מזרחאייראָפּע.

פֿון מינוט צו מינוט צייכענען זיך בולט אָן די באַריר־פּונקטן פֿון יענעם יישוב פֿון וואַנען ער קומט איצט, מיט אַנדערע קלענער און גרעסערע יידישע ישובֿים אויפֿן דרומדיקן און צפֿונדיקן קאָנטינענט. אַזעלכע יידן ווי שמעון גובערעק האָסטו דאָך געקענט דאָ הי, נאָר אונטער אַנדערע נעמען, פֿאַרשטייט זיך, און צוזאַמען זיך געראַנגלט פֿאַר יעדן שפּאַן און גאַנג נעענטער צום אויפֿבוי פֿון אַן אייגן געזעלשאַפֿטלעך קולטור־לעבן דאָ.

אינעם שמועס, פּרווו איך אים עטלעכע מאָל איבעררייסן מיט אַ בקשה: ״איר דאַרפֿט עס פֿאַרשרייבן, פֿריינד גובערעק, ס׳איז ווערטיק און וויכטיק נישט נאָר פֿאַר אייך און אייער קאָלאָמביער ישוב״. שמייכלט ער בלויז און איילט זיך אויסצולאָדן אויף זיין באַריידעוודיקן אופֿן זיינע נייע איינדרוקן פֿון אַ נאָר וואָס לויפֿיקן באַזוך אין קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ און פֿון דעם וואָס ער האָט געזען דאָ ביי אונדז, און ערשט צום סאַמע סוף, ביים געזעגענען זיך שוין גיט ער זיך אויס, און דאָס אויך מיט אַן התנצלות פֿריער,

וואָס איך האָב טאַקע שפּעטער געפֿונען אין איינעם פֿון זיינע ביכער וואָס כ׳האָב שפּעטער באַקומען. ער כאַראַקטעריזירט זיך אַזוי: ״איך בין אַ ייד אַ סוחר, אַן אינדוסטריאַל, מיין גאַנץ לעבן. נישט קיין שרייבער פֿון ״פֿאַך״, אָבער מעגלעך יאָ פֿון באַרוף. איך האָב שטענדיק געפֿירט טאָג־ביכער. פֿון צייט צו צייט פּובליקירט אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג. דאָס איז איינע פֿון מיינע שוואַכקייטן; די צווייטע, איז מיין שאַרפֿער אינטערעס פֿאַר — מענטשן.״

וועל איך זיך נישט דינגען מיט אים וועגן זיין כאַראַקטעריזירן זיך. וואָס איך וויל אָבער יאָ זאָגן איז, אַז זיינע צוויי ביכער לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס און דורך דעם אופֿן פֿון זיין באַשרייבן די מענטשן וועלכע ער קען אַזוי גוט פֿון דער נאָענט, האָט ער אויפֿגעשטעלט אויך זייער סביבה. מיט זייער באַגרעניצטע שפּראַך־מיטלען באַוויזט ער צו געשטאַלטיקן זיי אַזוי, אַז זיי שטייען דיר פֿאַר די אויגן און קענסט זיי זען און באַנעמען סיי צוליב די אייגנטימלעכקייטן וואָס טיילן זיי אויס פֿון דער סביבה און סיי ווען זיי זענען בלויז אַן אָפּבילד פֿון דעם ניוועלירנדיקן אַרום וואָס איז שטאַרקער פֿון זיי. עס געלינגט אים אויך, דער עיקר אין צווייטן בוך צו ווייזן אונדז די קאָליר רייכע, פֿאַרשיידנאַרטיקע נאַטור פֿון דעם דאָזיקן לאַנד. די הויפּט מעלה דערפֿון איז, וואָס פּונקט ווי איבער זיינע באַשרייבונגען פֿון מענטשן שוועבט אַ טיף געפֿיל פֿון פֿאַרליבטקייט און באַוואונדערן, אַזוי דערשפּירט מען זיין פֿאַרגאַפּטקייט מיט דער שיינקייט און גראַנדיעזקייט פֿון דער נאַטור. דאָס לאַנד אין וועלכן ער האָט זיך אין אָנהייב געפֿילט אַזוי פֿרעמד און אַפֿילו זיך געשראָקן פֿאַר דער גרויסקייט און פּרימיטיווקייט, איז אים געוואָרן אייגן נאָענט.

נישט אַרויסזאָגנדיק עס אָפֿן, פֿילט איר אַז ער גרויסט זיך, און מיט אַ געוויסער רעכט טאַקע, וואָס אָט די מענטשן וועלכע ער באַשרייבט האָבן אַ גרויסן חלק אינעם אַנטוויקלען דאָס לאַנד. אין יעדן טייל, אַפֿילו אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך, געפֿינט ער וועמען און וואָס צו באַשרייבן און עס ווערט אַ טייל פֿונעם קאָלירפֿולן מאָזאַישן בילד וואָס ער שטעלט אויף.

עס וואָלט געקומען צו פֿיל אָרט אָפּצושטעלן זיך אויף די באַזונדערס געראָטענע באַשרייבונגען אָדער מענטשן וואָס קריצן זיך איין אין זיכרון, אָדער פּרוּוון גאָר אָנווייזן אויף בלויזן און נישט נויטיקע איבערחזרונגען דאָ און דאָרט. דאָס איז אין דער אמתן נישט וויכטיק אינעם צוגאַנג צו אַזאַ בוך. וויכטיק איז דאָס גאַנצע בילד וואָס עס שטעלט אויף. מ׳דאַרף אָבער יאָ צוגעבן, אַז כאָטש פֿון אויבן אויף זעט עס אויס, באַזונדערס דאַכט זיך עס אַזוי אויס ביים אָנהייבן לייענען דאָס ערשטע בוך ״אַ ייד אין קאָלאָמביע״, אַז ער האָט לכתחילה פֿאַרטראַכט צו שרייבן נאָר וועגן זיינע אייגענע איבערלעבונגען, וואָס זענען אי אינטערעסאַנט אי כאַראַקטעריסטיש, האָט

אים אָבער דער באַשרייבערישער חוש געפירט דערצו צו באַשרייבן, דער עיקר, די מענטשן וועלכע האָבן דאָס רוב איבערגעלעבט דאָס זעלבע ווי ער, און וועגן זיך זיין איינגעהאַלטן און דערציילן נאָר דאָס וואָס האָט אַ שייכות צום גאַנצן בילד פון דער אימיגראַנטן גרופּע וועלכע האָט זיך געראַנגלט מיט די באַדינגונגען פונעם אַרום צו באַשאַפן פאַר זיך אַן עקאָנאָמישע באַזע און אַ סאָציאַל געזעלשאַפטלעכע סביבה וואָס זאָל דערמעגלעכן אויך אַ גייסטיק קולטורעל אויסלעבן זיך. און אין רעזולטאַט איז אַרויסגעקומען עפּעס וואָס איז אי פּערזענלעכע זכרונות, אי אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פונעם יישוב און דער עיקר, אַ שאַרף און בולט בילד דורך וועלכן עס וואַקסט אויס אין גאַנצן פאַרנעם די ברויזנדיקע ענערגיע און פלייס פון די דאָזיקע מענטשן וואָס האָבן דורכגעפירט אין לעבן פון קאָלאָמביאַנער פאָלק "אַ פרידלעכע רעוואָלוציע"., ווי עס באַצייכנט עס איינער פון די אָנגעזעענסטע פּובליציסטן פון קאָלאָמביע אַלבערטאָ ליעראַס קאַמאַרגאָ. אין זיין אָפּרוף אויפן בוך " אַ ייד אין קאָלאָמביע", וואָס איז דערשינען אין שפּאַניש אונטערן נאָמען "איך האָב געזען וואַקסן אַ לאַנד", שרייבט ער צווישן אַנדערן: " שמעון גובערעק איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער פרידלעכער יידישער "רעוואָלוציע" אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן".. "די יידישע איינוואַדערונג, יענע אימיגראַנטן, צווישן זיי גובערעק, האָבן אַריינגעבראַכט די סיסטעם פון געבן קרעדיט צו אַזעלכע מענטשן וועלכע מ'האָט דורכויס באַטראַכט ווי נישט פאַרטרווילעבע פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט"..."זיי אָ האָבן אַרומגערייזט דאָס לאַנד מיט אַ פּעקל סחורה אויף די פּלייצעס און באַשאַפן אַן אינערלעכן מאַרק"..."אין עטלעכע יאָרצענדלינג איז באָגאָטאַ געוואָרן נישט צו דערקענען. עס האָט זיך שנעל אַנטוויקלט אַ היימישע אינדוסטריע". ...די יידישע אימיגראַנטן-מאַסע פון די דרום-אַמעריקאַנער לענדער, האָבן נישט געוווּסט, אַז מיט זייער פּעדלעריי סיסטעם, האָבן זיי אונטערגעיאָגט דעם פּראָצעס פון אַן עקאָנאָמישער רעוואָלוציע". ער פאַרענדיקט זיין לויב אַרטיקל אַזוי: "איך גלייב, אַז ווען די לאַטיין-אַמעריקאַנער וועלן זיך באַקענען מיט גובערעקס בוך וועלן זיי פילן אַ דאַנקשאַפט צו די יידישע אימיגראַנטן, וואָס זענען געווען דער הייוון וואָס האָט געהאָלפן אויפגיין דאָס טייג פון דער קאָלאָמביאַנער עקאָנאָמיע".

צו דעם ווילט זיך בלויז צוגעבן: די לויב-ווערטער פון דעם חשובן ליבעראַלן קאָלאָמביאַנער שרייבער, זענען טאַקע זייער ערלעך, אָבער צי די דאַנקשאַפט אויף וועלכער ער האָפט איז אַ ממשותדיקע אין די איצטיקע שווערע צייטן, איז אַ גרויסער פרעג-צייכן. עס דאַרף אָבער נישט אָפּגעפרעגט ווערן דאָס באַזונדערע גוטע מזל פון קאָלאָמביאַנער יישוב

וואָס זייער שמעון גובערעק, געוועזענער "קלאַפּער" און איצטיקער אינדוסטריאַל און ראש־הקהל, האָט מיט זיין דערציילערישן כוח אונדז געוויזן וואָס ס'האָט זיך געטאָן אינעם דאָרטיקן יידישן אינדזל, וואָס איז אַ ביישפּיל אויך פֿאַר אַנדערע אינדזעלעך. פֿאַר דעם אונדזער דאַנק און יישר־כוח!

(1978)

שמשון דונסקי, לערער, פאָרשער און מייסטער איבערזעצער

(צום אָוונט פון באַצייכענענען זיין באַקומען דעם ״מאַנגער פּריז״ 4 טן אָקטאָבער 1980, כד׳ תשרי תשמ״א)

די היינטיקע מסיבה וואָס איז אַן אויסדרוק פון אונדזער מיטפרייען זיך מיטן חתן־המדרש, אונדזער טייערער חבר שמשון דונסקי זאָל געזונט און שטאַרק זיין, צו זיין קריגן דעם מאַנגער־פּריז פאַר דער איבערזעצונג פון די חמש מגילות, איז לויט מיר נאָך פּאַסיק אָנצוהייבן מיט אַן איבער־פראַזירונג פון אַ געפליגלטן מאַמר, וואָס ווי עס ווערט געברענגט אין דער גמרא איז געזאָגט געוואָרן אויף אַ באַרימטן אמורא פון יענער צייט: ״ארץ שינער הרה וילדה וארץ צבי גידלה שעשועיה״ — בבל האט געטראָגן און געבאָרן און ארץ ישראל האָט אויפגעהאָדעוועט איר באַליבטן. אויף ר׳ שמשון דונסקי קען מען זאָגן: יאַשינאָווקי, דאָס קליינע שטעטעלע נישט ווייט פון ביאַליסטאָק, וואָס איז געשטאַנען צווישן ליטע און פּוילן האָט געטראָגן און געבאָרן, ביאַליסטאָק, סוואַלק און איישישאָק מיט זייערע ישיבות האָבן אויפגעהאָדעוועט און פאַרזייט קערנער פון יידישן וויסן און אין מאָנטרעאַל איז אויפגעגאַנגען די פרוכט וואָס איז פול מיטן גוטן טעם פון אַ געצייטיקטער פרי וועלכע איז זאַפטיק און פריש.

אויפן סאַמע לעצטן טרעפּל פון 19 טן י.ה איז שמשון דונסקי געבאָרן געוואָרן אין אַ משפחה פון יידישע מילנער, וועמעס ווינט־מילן זענען געשטאַנען אין א געגנט איבער וועלכער עס האָבן זיך היסטאָריש געקריגט גאָר אַ סך יאָרן ליטע און פּוילן־אין פּאָליטישן זין, און יידן צווישן זיך, זענען נאָך ביז היינט נישט זיכער צו וועמען מ׳דאַרף זיי, די דאָרטיקע יידן, צורעכענען צי צו די ליטוואַקעס וואָס לערנען קענען זיי טאַקע און אויף יעדער שאלה און קשייא קענען זיי דיר געבן אַן ענטפער און אַ תירוץ לויט א פסוק און אַ בפירושע גמרא וואָס צילט צום פּראָסטן פּשט און טרעפט אין סאַמע פּינטל אַריין, צי צו די פּוילישע יידן, מיט זייער יידיש פּויליש חסידישן ברען און די שאַרפקייט פון אַן אויסטייטש, וועלכער נעמט טאַקע דעם עניין אָפּט אַרויס פון פּראָסטן פּשט, דערפאַר אָבער הייבט עס דעם מוח און צעשטורעמט דאָס האַרץ.

ווי ליטוואַקעס זענען טאַקע די דאָזיקע יידן מתנגדים און ווילנערנער און היטן פּינקטלעך אַלע דינים פון שולחן־ערוך, אבער די נשמה יתרה, דאָס דערהויבענע פון חסידישער אמונה און איינגעגלויבטקייט אין אַ רבין, וואס גיט חיזוק און טרייסט אין דער ביטערער נויט פון לעבן, באַנעמען זיי

נישט. אפשר איז דאס איינע פון די סיבות וואָס צוליבן נישט באַנעמען דעם מדרש חסידות מיטן פרייען פלי פון דער חסידישער מעשה און ניגון, האָבן זיי זיך אַזוי געקלאַמערט אין דער אגדה פון די פאַרהייליקטע מדרשים וואָס זענען צונויפגעזאַמלט אין מדרש רבה, תנחומא און עין־יעקב. אויף דער אגדה ווערט דאָך געזאָגט: ״ווילסטו דערקענען די נשמה פון דער דאזיקער אומה, גיי צו דער אגדה.״ אין דער הלכה, די משנה מיט דער גמרא, איז אויסגעסדרט דער גאנצער לעבנספּיר פון יידן וועלכער איז געבויט אויף די פּסוקים אין דער תורה לויט באַשטימטע כללים פון אויסטייטשן. די אגדה און מדרש איז אויך אָנגעהאָנגען אין די פּסוקים און מעשות פון דער תורה, נביאים וכתובים, אָבער דאָ קומט צום אויסדרוק די יידישע מחשבה, דער יידישער צוגאַנג צום גורל פון מענטש און זיין שליחות אין דער וועלט: דאָ ווערן באַטראַכט פּראָבלעמען און ראַנגלענישן פון יידישן מענטשן מיט זיין אייגענעם גורל ווי אַ יחיד און אַ רבים. דא טענהט מען זיך אויס אי מיט זיך אליין, אי מיט די אומות העולם און אַפילו מיטן רבונו של עולם אַליין. מיט אַן אויסטייטש פון אַ פּסוק באַווייזט מען גאַנץ שאַרף און אָפן, אַז ער דער שופט כל הארץ איז נישט גאַנץ גערעכט און נישט גאַנץ אומשולדיק לגבי דעם יידישן פאָלק, און ווען די ריכטיקע שעה וועט קומען לעתיד לבוא, וועט ער טאַקע דאַרפן איבערבעטן די כנסת ישראל. עס ווערט גרינגער דאָס געמיט צו וויסן פון הייליקן מדרש אַז דער רבונו של עולם וועט זיך בעטן ביי די יידן: בתי במה אפייסך? טאָכטער מיינע, מיט וואָס זאל איך דיך איבערבעטן? די מדרש שאַפונג ווען מ'לערנט זיך אין איר אַריין, אַנטפּלעקט דעם סאַמע תוך פון דעם נשמה געראַנגל פון יידישן שאַפערישן מענטשן, און ווייל די אויסטייטשונגען זיינען ארויסגעבראַכט געווארן פון פאַרשיידענע יחידים תלמידי חכמים אין פאַרשיידענע צייטן, קענסטו דורך דעם אפילו אַריינבליקן אין די איינפלוסן פון דער אַרומיקער וועלט אויף יעדן פון זיי און דורך דעם באַנעמען דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער מחשבה. פון דאָרט פינקלט ארויס דער פיין און טרויער פון פאָלק אינעם געראַנגל מיט זיין גורל און די פרייד און האָפענונג און שטאַרקונג אויף דעם וואָס וועט קומען ווען די וועלט וועט סוף כל סוף אָפּגערייניקט ווערן פון דער רשעות אין וועלכער זי איז פאַרזונקען.

דורך אויסטייטשן אַ פּסוק, אָפט אַרויסנעמנדיק אים פונעם פשוטן קאָנטעקסט, איז מען געקומען צום פאַרהייליקן אַ געוויסן איינפיר אָדער אויפקלערן אַ געוויסע נויטיקע האַנדלונג כדי צו געבן איר אַ פאַרהייליקטן טראַדיציאָנעלן יסוד. דאָס אַריינטייטשן און אויסטייטשן פון די פּסוקים איז געקומען פון די זעלבע חכמים וואס האָבן צונויפגעשטעלט די משנה און גמרא, די תנאים און אמוראים, וואס נעמט ארום א פעריאָד פון איבער 500 יאָר, איז נאַטירלעך נישט קיין וווּנדער וואָס דער צונויפשטעל, די רעדאקציע

איז נישט קיין איינהייטלעכע און אָפט אַפילו פאַרפּלאָנטערט. ס׳איז רעכט אַז אַן אויסטייטש פון אַן אמורא וואָס האָט געלעבט מיט דורות שפּעטער זאָל קומען פריער ווי פון אַ תנא פון אַ דור פריער. דאס מיינט אַז. דער אמתער לערנער איז נאר פאראינטערעסירט אינעם עיקר געדאנק וואס ווערט־דורך דעם ניואַנסירט. אין זיין איבערזעצונג וואס איז צו דערזעלבער צייט אַ פירוש, מאַכט ח׳ דונסקי כסדר אויפמערקזאַם אויף דעם אי דורך אַן אויפקלערונג און אי דורך ספּעציעלן דרוק.

חבר דונסקים פאָטער און זיידעס וועלכע האבן שווער געהאָרעוועט אין די ווינט מילן זייערע אויף פרנסה, האָבן געשעפּט חיות פאר דער נשמה פון מדרש און צוגעצויגן צו דעם די קינדער אפילו ווען זיי האבן בלויז געקענט איבערנעמען דעם ניגון מיט וועלכן עס איז געלערנט געוואָרן.

צוליב דעם וואס די מיל איז געשטאנען הינטערן שטעטל, האָט דער זיידע ר׳ צבי הירש ע״ה, וואס האט געהאט גאָר אַ גרויסן איינפלוס אויף שמשונען, געלערנט מיט אים ביז אַכט יאָר ווען ער האָט שוין געקענט גיין אין שטעטלשן חדר אַריין צו לערנען גמרא, אבער אויך ווייטער אנגעהאלטן צו לערנען מיט אים מדרש און עין־יעקב וואס האט באווירקט דאס יונגע יינגל אויפן גאַנצן לעבן.

דאס ווייטערדיקע לערנען אין די ישיבות, האָט באַרייכערט זיין ייִדישן וויסן און אַנטוויקלט אין אים דעם חוש צו זיין א מבין דבר מתוך דבר — (פארשטיין איין עניין פון א צווייטן,) צו פארגלייכן און אויסגעפינען דעם ריכטיקן פשט, דעם אמתן נוסח, וואס איז אים שפּעטער, נאכן אנזאמלען אַלגעמיינעם וויסן, שטאַרק צונוצגעקומען צו קענען צואייגענען זיך דעם אַזוי געראָפענעם עקזאַקטן וויסנשאַפטלעכן מעטאָד און צוגאַנג צו דעם דאזיקן גרויסן אוצר, וואס איז ביז איצט אַ פאַרשלאָסענער פּאַלאַץ פארן ייִדישן לייענער.

מיר מעגן דאָ אָפּווייכן אויף אַ ווײַלע און דערמאָנען אין וועלכער צייט די דאזיקע צוגרייטונג איז פארגעקומען א צייט ווען די יסודות פון דער אלטער וועלט, האבן זיך גענומען טרייסלען און באַזונדערס די הילצערנע הייזלעך מיט אַלע ייִדישע ווינט־מילן פון מזרח־אייראָפּע. ס׳איז די צייט פון דער ערשטער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע, דערנאָך די ערשטע וועלט מלחמה און די גרויליקע רעזולטאַטן פון אָט דעם אלעם. כ׳קען זיך דאָ נישט פארשפּרייטן וועגן דעם. איר קענט זיך שוין אַליין פאָרשטעלן ווי שווער ס׳איז געווען און וואס פאר מדרש מ׳וואלט פון דעם אַליין געקענט מאַכן. לאז איך דעריבער ארויס די פרטים און מיר קומען צום יאר 1922 ווען דונסקי קומט אָן קיין מאָנטרעאָל און עס הייבט זיך אָן די פרשה לערער דונסקי. דא האָט ער נאָך געטראפן פונקט ווי אַ צאָל אנדערע וועלכע זענען

געקומען אביסל פריער אָדער שפּעטער, די ערשטע פּיאָנערן פון יידישן שול־וועזן וועלכע האָבן אויך מיט גרויס מי אויפגעשטעלט כמעט אַלע אונדזערע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס וואָס זענען היינט דאס שיינדל פון אונדזער קהילה לעבן. מיט זיי האָט ער זיך פאַרבונדן און ווי איינער פון די הויפּט־לערער פון די יידישע פאָלקסשולן דערנאָך ווי וויצע פּרינציפּאַל באַאיינפלוסט מיט זיין וויסן און באַשיידענער איידל־מענטשלעכער באַנעמונג אונדזער גאַנצע סביבה, אָפּגערעדט שוין פון דער גרויסער צאָל תלמידים פון וועלכע א היפשער טייל איז געבליבן אין אונדזער סביבה און זיינען איצט זיינע פּערזענלעכע פריינד און חברים.

אין יענע יארן האבן זיך אנגעהויבן זיינע ליטעראַרישע פּרוון באַארבעטנדיק אַ גרויסע צאָל שפּילן און אינסצעניזאַציעס פאַר אונדזערע שול אויפטריטן וועלכע זענען אויך גענוצט געווארן אין די יידישע שולן אויסער מאנטרעאַל און געשריבן א צאָל פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען ווי אויך פּאַרטיפּטע עסייען וועגן גייסטיק יידישער פּראָבלעמאַטיק פון וועלכע מיר האבן א סך געלערנט. פון צייט צו צייט טוט ער עס נאָך היינט אויך און האַלט נאָך אָן זיין חוש פאַר אינסצעניזאַציע פון וועלכע מיר געניסן דורך די אויפפירונגען פון דער היגער טעאַטער גרופּע.

איך קען זיך דא נישט אריינלאזן אינעם שילדערן פאר אייך די שוועריקייטן וועלכע ר׳האָט געדאַרפט בייקומען. דאָס געהער איצט נישט צום עניין. כ׳וויל אבער יאָ דערמאָנען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אים און דאס אויך זייער איינגעהאַלטן און מיט געציילטע ווערטער. ס׳איז געווען אינעם ערשטן זומער פון מיין אָנקומען אהער; אין א גאַנץ הייסן אָוונט צווישן די בערגלעך וואָס הויערן אויף צפון־מערב פון ״פּלעטשערס פעלד״. איין בערגל האָבן מיר גערופן דאס שלום־עליכם בערגל אויף וועלכן די עלטערע תלמידים פון שלום עליכם קלוב און לערער פון די פאלקס־שולן האבן פארבראכט מיט געזאַנג, שפּיל און שמועסן וועגן ליטעראטור און דאס צווייטע, נישט ווייט פון דארט האָבן מיר גערופן דאס יעקב דינעזאָן בערגל, די תלמידים פון יעקב דינעזאָן קלוב פון די פּרץ שולן האָבן פאַרבראַכט מיט זייערע לערער כמעט מיטן זעלבן פּראָגראַם. די געזאַנגען מיט די לידער האָבן זיך אָפּט באגעגנט אין דער לופט: די תלמידים און די לערער גאַנץ זעלטן, ווייל שפּאַצירן איז מען אוועק אין אנדערע ריכטונגען. האָט זיך איינמאל געמאכט א פּלוצימדיקער זומער רעגן און מ׳איז אלע געלאָפן אין איין ריכטונג. איז חבר דונסקין מיט מיר אויסגעקומען איבערוואַרטן דעם רעגן אונטערן דעכל פון דער ״אַרמאַרי״ אויף עספּלאַנייד און רייטשל. אוודאי האבן מיר זיך שוין פריער געהאט געטראָפן אבער דאס מאל האבן מיר זיך באקענט. וואס מיר האבן גערעדט געדענק

איך נישט מער געגוי, נאר דעם טעם פונעם שמועס שפיר איך עד היום, ווייל גייענדיק אהיים איז מיר עפּעס זייער לינד געוואָרן אויפן געמיט און כ׳האָב זיך עפּעס דערפילט היימישער אין מאַנטרעאַל. איך געדענק עס ווי היינט אַז ס׳האָט זיך עפּעס ווי פון זיך אַליין געזונגען אין מיר מיט אַ חסידיש ניגונדל: ״כאָטש אַ ליטוואַק, דאָך אַ בעל לב.״

און פון דאַן אָן, עס זאָל זיך נישט טרעפן ווי עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז עס ווערט אַביסל אומעטיקלעך אויפן הארצן, און איך באַמי מיך צו שטאַרקן מיט אַרומקוקן זיך אויף אונדזער קיין עין־הרע־נישט בכבודיקער חברייא פון שרייבער לערער און טוער און וואָס זיי טוען איצט פאַר דעם ביסל האַב און גוטס אונדזערן יעדער אויף זיין אופן, ווערט מיר טאַקע לייכטער אויפן הארצן. און טאָפּל לייכטער ווערט ווען כ׳דערזע פאַר זיך דאָס שטילע צימערל פון חבר דונסקי אַ גאַנץ יאָר אין שטאָט און אין די זומערן אויף דעם אויבער־גאָרן אין סט. אַגאַט אָנגעפּראָפּט מיט אָפענע פּאָליאָנטן מדרשים אויסגאַבעס און פאַרשיידענע הילפס־ביכער אין וועלכע ער איז געווען פאַרטאָן היפּשע צענדליקער יאָרן אויף צו געפינען דעם ריכטיקן טייטש און נוסח און אַרויסציען דעם פאָלקסטימלעכן אויסדרוק פון דער אַרכאַישקייט און אים אוועקשטעלן אַזוי קלאָר, אַז מ׳זאָל אי פאַרשטיין אי הנאה האָבן פון דער באַנייטער פרישקייט און צוגעפּאַסטקייט זיינער. ס׳איז מער ווי סתם אַן איבערזעצונג. ס׳איז קודם כל אַן אויסגלייכן פון נישט קלאָרע טעקסטן פונעם העברעיש־אַראַמעיִשן אָריגינאַל מיט פולער פּונקטואַציע. ס׳איז אַן איבערגיסן, כ׳וואָלט געזאָגט אַ שפּראַכלעך איבערשאַפן די מדרשים אויף אַ היימיש פאָלקסטימלעכן לשון וואָס באַרייכערט אין איין ווענס אונדזער לעקסיק און פּרעציזן אויסדרוק.

ס׳איז דערביי אויך אַ פּירוש דורך קורצע צוגאָבן וואָס מאַכן קלאָרער דעם טעקסט, אי דורך גרעסערע אויפקלערונגען אין וועלכע ער ווייזט אַרויס גרויס בקיאות און איז שטאַרק אָפּגעהיט צו דערמאָנען פון וואַנען ס׳איז גענומען און פאַר וואָס עס דאַרף אַזוי געטייטשט ווערן.

פון גאָר אַ באַזונדערן ווערט זענען די אַריינפירן צו יעדן פון די פינעף מגילות אין וועלכע ער ווייזט אַרויס אַ טיפע פאַרשטענדעניש און ערודיציע צוזאַמען מיט אַמתער פאַרליבטקייט אין דעם אַלטן אוצר וועלכן ער פּרישט אָפּ כדי צו קענען אים דערזען מיט היינטיקע אויגן. איבער צוויי צענדלינג יאָר האָט געדויערט די אַרבעט און דאָס אַרויסגעבן דעם מדרש אויף די פינעף מגילות. דאָס ערשטע ספר ״איכה״ איז אַרויס אין 1956, אסתר און רות אין 1962, קוהלת אין 1967, און אחרון אחרון דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען: שיר השירים אין יאָר 1973. אַלע ספרים זענען שטאַרק געלויבט געוואָרן פון פאָרשער, לערנער און לייענער. אַלע טיילן האָבן אין זייער

צייט געקראגן פריזן וואָס האָבן געשטאַרקט דעם מחבר און דערמוטיקט אויף צו נעמען די צוגאבן און אויסגלייכן פון נוסחאות צוזאמען מיט די אריינפירן און איבערזעצן איז אַ משנה סטיל די דראַמעישע טיילן פון די מגילות, וואס ווען בקרוב דערשיינען אין איינעם פון די אנגעזעענסטע פאַרלאגן אין ישראל.

ס׳איז פאר אונדז, זיינע חברים און תלמידים אַן אמתער שמחת תורה, וואס ס׳איז אים היינטיקס יאר צוגעטיילט געוואָרן דער בכבודיקסטער פריז פאַר יידיש שאַפן וואָס מיר פאַרמאָגן, דער מאַנגער פריז. דערמיט איז געקרוינט געווארן זיין שעפערישע אַרבעט וואָס שטעלט אים אוועק אין דער ריי פון גאר גרויסע חכמים ונבונים וואס האבן אויסגעמייסטערט די שליסלען צו אונדזערע אוצרות און זיי געגעבן אין דער האנט פון די וואס ווילן לערנען און וויסן.

ווי איר זעט, רבותי, איז אונדזער היינטיקער יום־טובדיקער צונויפקום באַצייכענונג פון עטלעכע לכבודס, וואס צוליב יעדן איינעם פון זיי איז כדאי צו פראַוועון א שמחה, בפרט נאך אז זיי זענען אלע פארבונדן מיט איין מענטשן און זיין שאפערישן כוח, איז טאקע זיין זכות, אז די אלע לכבודס זאלן אים צוגעטראגן ווערן ווי איינס מיט דאַנק און צוזאַמען מיטן טראַדיציאָנעלן צווינג: אשריך, ווויל צו דיר והדרך עלינו און דיין שיינקייט זאל אויך רוען אויף אונדז, חבר שמשון דונסקי, וואָס איר האָט זוכה געווען אריינצוטראָגן אינעם היכל יידיש דעם אוצר פון מדרש חמש מגילות. א לויב וואָס פון איבער 50 יאר וווינען אין דער עיר ואם בישראל מאָנטרעאַל און טראגן מיט כבוד דעם היימיש און פיל זאָגנדיקן טיטול "לערער דונסקי". נישט נאָר אייערע תלמידים יוגנטלעכע און עלטערע רעדן ארויס דעם נאמען מיט גרויס דרך ארץ און וואַרעמקייט, נאר אויך אייערע חברים לדעה און אפילו א צאָל פון די וואָס זענען מיט אייך נישט מסכים און דינגען זיך דא און דאָרט וועגן אַ טייטש און אַן אויסדרוק, ווייסן ווי וויל מיר האבן אַלע געניאָסן און געלערנט פון אייער וויסן און אוודאי פון אייער באַשיידנקייט.

מיט גרויס אַנערקענונג און כבוד דערמאָנען מיר אויך אייער טייערע אסתרן וואס האט די גאנצע צייט געוואַכט איבער אייך און געשטאַרקט אייך אין משך פון די אלע יאָרן. אויף איר קען געזאָגט ווערן דאס וואס ר׳ עקיבא האט געזאָגט צו זיינע תלמידים און חברים וועגן זיין רחלען: "אין אייער תורה און מיינער, איז דאָ א גרויסער חלק פון איר ליבשאַפט און מי!!!" "צוזאַמען מיט אייך און אייערע קינדער און אייניקלעך זענען מיר באַצערט אויף דעם וואס זי קען זיך איצט נישט מיט פרייען אין דער שמחה. שטארקט זיך מיט דעם וואס זי איז געווען ביי דער התחלה און ביים סיום

און געשעפּט נחת פון אייער אויסמייסטערן די שליסלען צום עפענען די אוצרות פון יידישן לערנען און טראַכטן ווי דער בעל המדרש האָט עס אַרויסגעדרונגען פון אַ פּסוק: ״נצר מטעי — אַן אויפשפּראָץ פון מיינע פלאַנצונגען, מעשי ידי להתפאר — די פּרוכט פון מיינע הענט מיט וועלכן מ׳מעג זיך באַרימען״.

זאָל מיר אויך צום שלוס דערלויבט זיין צו צוגעבן נאָך אַ לכבוד צו אַ פּאָר פון די יחידי סגולה וועלכע האָבן דאָ אין אונדזער שטאָט געשאַפן מיט יאָרן צוריק און אַריינגעטראָגן אין יידיש אוצר אַ טייל פון די שליסל־ווערק פון אונדזער אַלטן קוואַל. זאָל דערמאָנט ווערן דער למדן מופלג און מקובל הרב רבי יודל ראָזנבערג ז״ל וואָס האָט איבערזעצט גרויסע טיילן פון זוהר און דער פּוילישער עילוי ר׳ שמחה פּיעטרושקע ז״ל וואָס האָט דאָ אויסגעמייסטערט דעם יידיש נוסח פון דער משנה מיט אַ קלאָרן פּירוש.

אויף געוויסע זאַכן וואָס געשעען אויף אַן אָרט און מיר ווייסן נישט דעם באַהאַלטענעם טעם דערפון ווערט געזאָגט אין אַ מדרש: המקום גורם — און ס׳איז באַקאַנט אַז המקום אין דעם קאָנטעקסט האָט צוויי טייטשן, די קאָנקרעטע פּראָסטע טייטש המקום, דאָס אָרט, אַ פּאַסיק אָרט, די העכערע טייטש אָבער איז, המקום דאָס אָרט פון דער וועלט, דער אייבערשטער. מעגן מיר דאָ אויסדריקן לויב לויט ביידע טייטשן: אַ לויב צום אָרט מאָנטרעאַל, וואָס נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייט מיט וועלכע חבר דונסקי איז געפּרוווט געוואָרן ביים טוען זיין אַרבעט און נאָך מער ביים געפינען די מיטלען, איז עס פּאָרט דאָ אין רוב געשאַפן געוואָרן און אַ לויב דעם אייבערשטן צו קענען היינט אַרויסברענגען די לכבודס צום בעל יובל און אַ דאַנק צו אַלע די יחידים און קערפּערשאַפטן וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם און אחרון אחרון אַ האַרציקער ווונטש און ברכה אויף לאַנגע יאָרן מיט געזונט און הרחבת הדעת צו קענען ווייטער טאָן די מלאכת הקודש.

1980

אַ פּאָר באַמערקונגען צו פּרץ הירשביינס באַזוך

יעדער אמתער קינסטלער ברענגט מיט זיך דער ליטעראַטור זיין טאָן און זיין צוגאַנג צו דער וועלט און די מענטשן, און דאָס אייגנטלעך, וואָלט געדאַרפט זיין די מאָס צו מעסטן דעם קינסטלער.

נישט יעדער אָבער האָט דעם כח זיין טאָן אַזוי אויסצופיינערן און שלייפן, אַז ער זאָל זיך בולט אָנזען, אַזוי אַז מ׳זאָל נישט דאַרפן טאַפּן מיט די פינגער, נאָר פשוט איבערלייענענדיק אַ פּאָר שורות, זאָל מען גלייך דערפילן דעם אייגנאַרטיקן טאָן, וואָס דער קינסטלער ־טראָגט מיט זיך.

אָפט טרעפט עס, אַז מ׳ארבעט אָפּ אַ לעבן לאַנג אויסצוגעפינען דעם אייגענעם טאָן, אַנדערע ווערן וווי געבוירן דערמיט און פון דער ערשטער שאַפונג פילט זיך גלייך דער וועג אויף וועלכן דער קינסטלער גייט.

פּרץ הירשביין, געהערט דאַכט מיר, צו די קינסטלער, וואָס פון אָנהויב אָן, פון די ערשטע טריט זייערע — איז זייער אייגענער טאָן ווי אָנגעצייכנט. צו וואָס פּרץ הירשביין זאָל זיך נישט נעמען, איז עס גלייך באַ׳חנ׳ט מיט דעם באַזונדערן הירשביינישן ציטער פאַר קליינקייטן, וואָס זענען איז דער אמתן גרויסיקייטן: דאָס וועלן אַרויסבאַקומען פון דעם מענטש דאָס באַהאַלטענע און פארשלייערטע אין אים, און מאכן דאָס נישט רעאַלע פאר רעאַל ווירקנדיק.

און דאָס זעט זיך אַרויס נישט בלויז אין די ערשטע פאָלקסטימלעכע דראַמעס זיינע, נאָר אויך אין די נייע דערציילונגען זיינע, ווו ער פּרוווט זייער אָפט אָנשלאָגן זיך אין אַ רעאַלן באָדן — אומעטום באגלייט דער זעלבער דורכזיכטיקער געפיל, וואָס לאָזט זיך כמעט אויסטייטשן: עפּעס איז פארהוילן פון אונז און ס׳ווירקט — כאָטש מיר ווייסן נישט.

פון דער דאָרפישער איינזאמקייט, איז ער געקומען צו אונדז און געבראַכט מיט זיך די שטומע התפעלות און אוראַלטע שרעק פונעם דאָרפס מענטש, פאר זיין זון פאַרגאנג, וואָס זיידעס נאָך האָבן געזען ווי ער, און האָבן פונקט ווי ער נישט געוווּסט דעם באַטייט פונעם גאַנצן אַרום, נאָר אים געפילט אין זיך און — היפּשלעך מורא געהאַט פאר דעם אומבאַוווּסטן.

אַ ניי ווינקל פון יידישן יישוב־לעבן האָט אונדז הירשביין געבראַכט אין זיינע דראַמעס. ער האָט עס אָבער געזען נישט אין דער געזונטקייט, נאַטירלעכקייט און האָרעפּאַשניקייט, נאָר געזען די צוגעוואַקסנקייט פון די מענטשן צו דער נאַטור און פאָרט עפּעס פרעמדלעך; ווי אַ מחיצה וואָלט

נאָך געשטאנענע צווישן זיי און דער ארומיקער נאַטור: יאָ אין דער היים און נישט אין דער היים.

האָט ער אויפגענומען זייער לעבן ווי א סימבאָל און אפילו דאָס רעאַלע איז אויך באַאיינפלוסט און געפּירט געוואָרן פונעם מיסטישן, וואָס ליגט באַהאַלטן אין אונדז און ארום אונדז. פון דאַנען די נייגונג און דער פּיעטעט פאַר די קלייניקייטן, פאַר די שטיקלעך און ברעקלעך, ווי זיי קאָנען שפּילן די הויפּט ראָלע.

ער איז אָבער אַזוי אַרום אויך געוואָרן צום נאָענטסטן, צום פאָלקס קוואַל, — אפילו דער אָבערגלויבן ווערט געלייטערט, ווען ס׳רירט זיך צו אים צו די פּשוטע פאָלקס נשמה. הירשביין איז אין דער נייער ייִדישער דראַמע, אַן אָנהויב, דער ערשטער שליאַך, וואָס פירט צו דער פאָלקס נשמה מיט אַלע אירע חנ׳ען און פּייַנען.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער טוער הירשביין, דער וואָס האָט געמאַכט דעם ערשטן פּרווו מיט אַ דראַמאַטיש קינסטלערישן טעאַטער אין ייִדיש. אַ נאָך נישט דערשאַצט קאַפּיטל איז הירשביין דער רייזנדער. ס׳איז נישט בלויז דער נייגער צו זען נייע וועלט טיילן און מענטשן, אויך נישט בלויז בלויזער אומרו און נישט קענען איינזיצן אויף אַן אָרט.

ס׳איז עפּעס פון דעם, וואָס פירט אים צו צו יענע ייִדישע "נוסעים" פון מיטל אלטער, וואָס האָבן געהאַט נאָך א צוועק: אויפצוזוכן די עשרת השבטים און דעם סמבטיון. ס׳איז אפשר ווידער דער זעלבער מיסטישער געפיל, וואָס זוכט צו געפינען די אלע צעשפּרייטע קלייניקייטן, כדי אויפצובויען אַן אנדע ווירקלעכקייט.

און מיטציענדיק מיט הירשביינען אויף זיינע נסיעות, באַגלייט אייך אַלעמאָל דאָס געפיל, פון וועלן נישט סתם זען, נאָר אריינדרינגען און ארויסשיפן דאָס פאַרבאָרגענע אין יעדער וועלט טייל: נישט בלויז זען דער וועלטס צעשפּרייטקייט און דערוווייטערקייט, און קוקן אויף דעם ווי ביי רוב רייזנדע, ווי אויף עקזאָטיק — נאָר וועלן ארויסקריגן דעם תוך פון זאַכן, וואָס מאכט זאַכן לעבן. ווידער, מ׳קען זיך נישט איינהאלטן נישט צו פאַרגלייכן, ארויסצוקריגן די "ניצוצות דקדושה" וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט.

דאָס זעלבע פילט איר אויך, ווען ער דערציילט וועגן אונדזער אייגענער צעשפּרייטקייט און צעוואָרפנקייט איבער גאָר דער וועלט. ער איז אפשר דער איינציקער ייִדישער שרייבער, וואָס קען זאָגן אויף זיך: "איך קען דאָס היינטיקע ייִדישע לעבן", לכל הפחות געזען האָט ער עס, און די צוויי

בענדער "ארץ־ישראל" און "שוואַרצבּרוק" ווייזן, אַז ער האָט עס אויך דורכגעפילט און דורכגעווייטיקט.

* * *

ווי דער לעקסיקאָן פון זלמן רייזען ווייזט, איז פּ. הירשביין אויך אַ יובילאַר: לעצטן יאָר איז ער אַלט געוואָרן 50 יאָר.

50 יאָר איז טאַקע נישט קיין סטאַנציע פאַר אַ שרייבער, אָבער אַ מעגלעכקייט צו צוטראָגן אַ מזל טוב, איז עס דאָך. און הירשביין האָט זיך עס כשר פאַרדינט.

ווי ווינטשן זיך עס זיינע פּשוט׳ע פּאָלקס מענטשן: צו געדייען און וואַקסן!

און אַז די ברכה, איז נישט סתם קיין ברכה, באַווייזט דער יובילאַר אַליין וואָס האָט זיך לעצטנס פאַרנומען אויפן וועג פון נאָוועליסט און דערציילער.

ס׳רופן זיך ווייזט אויס אָפּ די איינדרוקן פון אונדזער צעשפּרייטקייט: דערציילט ער אונדז היינט פון פּיאָנער פון רוסלאַנד, מאָרגן פון חלוץ פון ארץ־ישראל און אַן אַנדערש מאָל פון אַ מענטש אין אַ האָטעל... און אומעטום דער זעלבער הירשביינישער טאָן, נאָר טיפער און שניידיקער.

זאָלן זיינע ווייטערדיקע יאָרן זיין יאָרן פון פרוידיקן שאַפן.

(1931)

אַ דיכטערין פון שטילע טענער

(אַן אַרייַנבליק אינעם פּאָעטישן שאַפן פון פּעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ־האָניגבוים ע"ה. מאַי 1900 — אויגוסט 1978)

— א —

מיטן אַוועקגיין אין דער פאַרהוילענער אייביקייט אַריין פון פּעסי הערשפּעלד־פּאָמעראַנץ־האָניגבוים, האָט זיך אָפּגעשיידט פון אונדז איינע פון די שטילסטע און צאַרטסטע יידישע דיכטערינס, וואָס האָט געשטעלט אירע ערשטע נישט גאָר זיכערע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור אויף דעם קאָנטינענט, אין די סוף־יאָרן פון ערשטן פערטל פון היינטיקן יאָרהונדערט. פּעסי הערשפּעלד איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל קאָמענבראָד, וואָלין, אין אַ משפחה, וואָס לויט יענע יאָרן האָט מען זי באַטראַכט ווי אַן אויפגעקלערטע. אירע עלטערן האָבן שטאַרק געזאָרגט פאַר דער דערציאונג פון זייערע קינדער. צוזאַמען מיט דער יידישער דערציאונג האָט זי אויך געענדיקט אַ רוסישע דרייקלאַסיקע שולע און ווי אַ צוגאָב געלערנט שפּראַכן ביי פּריוואַטע לערער. פון איר פאָטער דעם קונסטגראַווירער, האָט זי ווייזט אויס געיאַרשנט די ליבשאַפט צו דער סובטיל געצייכנטער איידעלער ליניע און פּרעציז דינע שטריכן, וואָס איז שטאַרק אָנזעעוודיק אין מערסטנס פון אירע ערשטע לידער, ווי אויך אין איר אויסערלעכער האַלטונג.

אין איינעם פון אירע שפּעטערדיקע לידער כאַראַקטעריזירט זי זיך אַזוי אין די קינדער־יאָרן:

״צווישן פינעף בין איך געוועזן די ייִנגסטע,
אַ קינד אַן אומעטיקס, אַ בלייכס, אַ פאַרטראַכטס,
צווישן פינעף בין איך געווען דאָס שטומסטע,
צער אין אויג — אַ רעגנדיקע נאַכט.
פון קינדווייז אַן געזאַפּט אין זיך דעם טרויער פון מיין שטעטל
ארעם און קליין״.

אין 1913 איז זי מיט דער משפחה געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ ווו זי האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ און ווייטער זיך געלערנט. אין 1918 האָט זי אָנגעהויבן דרוקן אירע לידער אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און אין יאָר 1926 איז דערשינען איר בוך לידער ״קאַרעלן״ מיט עטלעכע צייכענונגען פון טאָדרעס געלער ע״ה. דערנאָך זענען געקומען פיר

לידער זאַמלונגען: ״געקליבענע לידער״ 1931; ״רויטער טוי״ 1939; ״רגעס פון געגנאַד״ 1957, און ״פון אַלע מיינע לידער״ 1969. אַ צאָל יאָרן האָט זי צוזאַמען מיט איר ערשטן מאַן, דער באַקאַנטער לערער, שרייבער און קולטור־טוער דר. חיים פּאָמערנץ ע״ה אויך געוווינט אין ניו יאָרק, אָבער שיקאַגאָ איז געבליבן די היים שטאָט, ווו זיי האָבן צוזאַמען געווירקט געזעלשאַפטלעך קולטורעל.

די לעצטע יאָרן פון איר לעבן האָט זי געוווינט אין מיאַמי, פלאָרידע ווו צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן, דער זייער איבערגעגעבענער ייוו״אָ טוער מ. האָניגבוים ע״ה, זיך באַטייליקט אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן. זייער הויז איז אַ צאָל יאָרן געווען נישט נאָר אַן אַדרעס, נאָר אַ היימישלעך וואַרעמער טרעף־פּונקט, כמעט אַ מין ליטעראַרישער סאַלאָן פאַר יידישע שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער. נישט איין וויכטיקע אונטערנעמונג אויף צו פאַרשטאַרקן יידיש שאַפן איז דאָרט פאַרטראַכט און דורכגעפירט געוואָרן.

— ב —

אין איר ערשטן ביכל לידער ״קאַרעלן״ דאָמינירט אַ שטילער געצאַמטער טרויער, אויסגעדריקט אין קורצע ריטמישע שורות פון מערסטנס צוויי און דריי פערזן. דער טריבער טרויער וואָס דריקט איר יוגנט געמיט, איז פון דעם מין שטימונגען וואָס מ׳פלעגט אַמאָל באַצייכענען מיטן קלינישן נאָמען ״יוגנטווייי״ פון וועלכן סענסיסטיווע יוגנטלעכע ליידן אין די איבערגאַנגס יאָרן צו דערוואַקסנקייט. דער דאָזיקער טרויער איז דורכויס אַ יחידישער און דריקט ניט אויס קיין סאָציאַלן אָדער נאַציאָנאַלן מאָטיוו, און ווי אַ סך פסיכאָלאָגן מיינען איז עס דער אַטאַוויסטישער דערשרעק פון דעם יוגנטלעכן פאַר זיין ווייטעדיקער עקזיסטענץ וואָס איז נאָך פאַרהוילן און נישט באַוווסט.

די ״קאַרעלן״ הייבן זיך אָן שנירלען ביי דער יונגער דיכטערין אין אַ געמיש פון אַ צוויי־זייטיקן געפיל: ביי די ״טויערן״ וואָס זי שטייט איצט, ווי זי רופט דאָס ערשטע ליד, ״טרויערן די טעג ווי איינזאַמע ווערבעס אין האַרבסט״. איר גאַרנדיקע האָפענונג איז אָבער אַז ״די באַרג־אַראָפּ און און באַרג־אַרויף־וועגן״ אויף וועלכע זי גייט, וועלן זי סוף כל סוף דערפירן צו ״די גאָלד־באַזוימטע טויערן, וועלכע וואַרטן אויף איר ערגעצוווּ..״

צי ס׳איז טאַקע אַזוי געשען צו איר, וועלן מיר זיך דערוויסן ווען מיר וועלן זיך באַקענען מיט אירע שפּעטערדיקע לידער. צו איר ערשטער סטאַדיע פון פּאָעטישן שאַפן, וויל איך בלויז דערמאָנען מיט לויב די קריטיק

וואָס האָט זי גלייך באַמערקט נישט קוקנדיק אויפן אַזוי גערופענעם ״צייט־גייסט״ פון יענע יאָרן גלייך נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, וואָס האָט אַנטבלויזט די מענטשלעכע רשעות אין איר גאַנצן גרויל פון איין זייט און גלייכצייטיק גורם געווען צום אויפוועקן די וווּנדערלעך דערהויבענע בלויע־דערוואַרטונג פון דורות צו אַ נייעם אויפקום פון אמתער באַפרייאונג פון אַלע פאַרשקלאַפטע און געדריקטע. דער דאָזיקער סאָציאַל צעברויזטער ״צייט גייסט״ האָט פאַרלאַנגט און געמאָנט גאָר נייע פאָרמען פון קינסטלערישן אויסדרוק מיט אַ נייער שטורעמדיק אויפרייסנדיקער שפּראַך וואָס האַמערט און קנאַלט. ס׳איז באמת אַ וווּנדער וואָס כאָטש דער טאָן פון דער יונגער דיכטערין איז געווען גאָר אַנדערש פון דעם וואָס דער צייט־גייסט האָט געמאָנט, האָט מען זי נישט פאַרזען און אויפגענומען אַזאַ ווי זי איז און אָנערקענט די עכטקייט פון איר אויסדרוק און קלאָרקייט פון איר שפּראַך. אינעם ליד ״לויטערע מינוטן״ שטעלט זי זיך פאַר אַזוי:

״כהאָב ליב די האַלב־שטילע טענער
וואָס ברענגען ליכט אַריין אין שאָטן;
כ׳האָב ליב די האַלב־שטילע טענער,
וואָס ברענגען לויטערע מינוטן״.

מערקט אייך, אַז די ״האַלב־שטילע טענער״, זענען נישט קיין ציל פאַר זיך. זי האָט זיי ליב צוליב דעם ליכט און לויטערע מינוטן וואָס זיי ברענגען מיט זיך. דאָס דאָזיקע געפיל פון גאָרן נאָך ליכט און טרייסט, איז דער אויסגאַנג־פּונקט פון כמעט דעם גרעסטן טייל פון אירע שפּעטערדיקע לידער. זענען טאַקע דערפאַר די האַלב שטילע טענער, כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר די לידער פון איר אָנהייב, זי קערט זיך צו זיי ווי נאָר די בענקשאַפט צו די לויטערע מינוטן באַהערשט זי.

אָבער דאָס ליכט און שאָטן פון לעבן צוזאַמען מיטן נאַטירלעכן אַרייַנגיין אין די יאָרן פון רייפקייט, האָבן זי ווי יעדן געפילפולן מענטשן, געפירט צום קוקן אַ סך ווייטער פון זיך אַליין און דערבליקן די נאַטור פון וועלכער זי איז אַ טייל און דערשפּירן איר פאַרבינדונג מיט די מענטשן און זייער גורל וואָס איז אויך אירער, און פון איר משפחה און איר גאַנצן שטאַם מיט זייער לייד און פרייד. ס׳איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך וואָס מיטן אויסברייטערן זיך פון איר טעמאַטיק, איז אויך איר שפּראַך־אויסדרוק געוואָרן פאַרשיידנאַרטיקער, פולער, געדיכטער און אָפּטמאָל גאָר ווייט פון די שטילע טענער צו וועלכע זי וואָלט זיך נאָך אַלץ געוואָלט צוטוליען. זי קען מער נישט שטיין ווי אַ זייטיקער צוקוקער מיטן טרויער ״פון אירע האַרבסטיקע טעג״. זי איז אין מיט פון אַלץ ביז ממש אינטימער אידענטיטעט. דעם ״פרילינג נס״ גיט זי איבער אַזוי:

..."אין זון־ליכט האָט אַן אַלטער בוים צעשטראַלט זיך,
אַ בין האָט אַ בלענד געטאָן מיט גאָלד,
אַ ווינטל האָט צעכוואַליעט מיינע האָר
און כ'האָב דערפילט מיט אַלע חושים,
דעם פרילינג אויף דער וואָר."

זי פאַרמענטשלעכט אויך אָפט די נאַטור אַלעגאָריש און פאַריידישט זי ווי למשל אין ליד "אַ חתונה אין כמאַרע לאַנד".

משפחותווייז האַלטן זיך כמאַרעס אינאיינעם
זיי דאַוונען אין ווייסע, גאַזעווע קיטלען;
זיי גרויסן זיך. בלאָזן זיך אַריבער די אַנדערע
מיט ווייסע בערד און פיאות און גרויע הימלען"

און אין קעגנזאַץ אין אַ ווייטערדיקן פערז:

..."אַרומגענומען שווימען די יונגע כמאַרעס,
זיי אַנטלויפן פון די בייזיקע טאַטע־מאַמעס,
זיי זוכן זייער אייגענעם וועג ביים האָריזאָנט
רק עס ציט זיי צו די פרעמדע פאַנאָראַמעס."

פאַראַן אויך אַן אָנגעלאָדענע שטילקייט אין אַ טייל פון די נאַטור לידער, כאָטש אויך דעם ברויז און געראַנגל אין דער נאַטור וואָס בייטשט מיט שלאַקסן די דערשראָקענע צווייגן פון משפחהדיק צעצווייגטן שטאָלצן בוים, זעט זי אויך די "שקראָפלדיקע גראָזן" וואָס שפּראָצן אין אָרעמקייט און ענגשאַפט "מיט סם אין זייער בלוט". פנים אל פנים מיט דער נאַטור, דערשפירט זי אויך איר אייגענעם מענטשלעכן גורל פון פאַרגיין:

..."אין אַזאַ טאָג פון לעצטן בלי שטייגט אויף אין מיר אַ דין געוויין,
אַז ווי אַ בלאַט אין לעצטן פלי, וועל איך אַ פלי טאָן און פאַרגיין..."

ס'דאַרפן אויך באַזונדערס אַרויסגעהויבן ווערן די "רגעס פון גענאָד" וואָס זי באַצייכנט ווי די "ציטערדיקע שעהן פון מיין לעבן" אין וועלכע זי לעבט איבער "די דינסטע פרייד פון יוגנפרוילעכע באַגערן", וואָס זענען "מיט טויזנט בענקשאַפטן באַוואַכט" און "גלידער מיינע, זינגעדיקע לידער. בענקענדיקע שוואָמען אין דער נאַכט". און מיט דעם איז זי איבערפולט מיט "דעם זיסן פּיין, ווען לעבן ציטערט אויף אין מאַמעס טראַכט". זי דערפילט זיך אויך ווי די מאַמע ערד אַליין:

״איך און דאָס פעלד — מיר זענען איינס,
מיר נעמען און מיר גיבן,
מיר האָדעווען די וועלט מיט מענטש און ברויט״.

מיטן ווערן אַליין אַ מאַמע און דערנאָך אַ באָבע, ווערט אויך רייפער אין איר דאָס געפיל פון נאָענטקייט און אידענטיפיקאַציע מיט אירע נאָענטע און ווייטע אָבות וואָס האָבן דורות לאַנג געוואַרט אין טיפן גלויבן אָנצוקומען צו די ״גאָלד באַזוימטע טויערן״. איצט גאַרט זי, אַז איר אייניקל זאָל ווי זי און זיי איבערנעמען דעם דאָזיקן גלויבן:

״איך טראָג מיין באָבעשאַפט צו דיר —
אַ קרוג מיט אַלטן וויין
פון דורתדיקע פרייד
און דורותדיקן פיין״.

פון טענער

א

אויך דאָס שולד געפיל וואָס זי שפירט איצט אָפט פאַרן אַמאָליקן אָפּפרעמדן און דערווייטערן זיך פון די דורותדיקע וואָרצלען דורך אין זינען האָבן נאָר דעם אייגענעם ״יוגנט-וויי״ פאַרשאַרפט איר סענסיוויטעט צו דערשפירן זייער נאָענטקייט דורך אַלץ וואָס איז אַרום איר. אָט שטייט זי אין איר ווינונג גלעטנדיק איר נייעם פשוטן און גלאַטן טיש. טוט ער פּלוצים אַ שיין אויף פאַר איר ״מיט בלאָנדקייט, מיט זוניקע פרימאָרגנס פון וואַלדיקן לעבן״. עס דאַכט זיך איר, אַז זי הערט אים שעפּטשען קלאָר:

...״נאָך דאַן
ווען כ׳האָב געלעבט מיין וואַלדיק לעבן,
האָב איך דורך מיינע וואָרצלען אַריינגעזויגן דאָס געביין
פון דיינע עלטער, עלטער-זיידעס,
אָ, היט מיך אָפּ,
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר״.

עס איז כדאי דאָ צוצוגעבן, אַז דער דאָזיקער פּערז, באַשטעטיקט אין אַ גרויסער מאָס די מיינונג פון אַ צאָל קריטיקער און קונסט פאַרטייטשער, אַז אַ קינסטלער דריקט אויס דעם עטאָס פון זיין פאָלקס-געניוס אפילו נישט

באוווסטזיניקערהייט. די שפּירונג איז אַן אינטואיטיוו פאַרהוילענע און נישט דווקא קיין אָפענע און דירעקטע. ביים לייענען דעם פערז מער ווי איינמאָל, איז מיר קלאָר געוואָרן אַז מיט דעם דערשפּירן אַ קרובהשאַפט מיט דעם אַמאָליקן וואַלדיקן לעבן פון טיש וואָס בעט זיך ביי איר זי זאָל אים אָפּהיטן, האָט די דיכטערין קינסטלעריש אינטואיטיוו זיך איבערגעוווּנקען מיט דער מיסטיש פאַרטיפטער טראַדיציע פון אירע אָבות, וואָס האָבן געהאַלטן דעם טיש אין דער בחינה פון אַ מזבח. איידער מ'זעצט זיך אַרום אים, דאַרף מען זיך ספּעציעל צוגרייטן מיט ריינע הענט. מ'טאָר אים נישט לאָזן שטיין אומריין און נאַקעט אָן אַ צודעק. נאָכן מאַכן די געהעריקע ברכות קען מען זיך קוויקן מיט דעם וואָס איז צוגעגרייט אויף אים. פאַרן בענטשן באַהאַלט מען דאָס מעסער, וואָס כאָטש מ'קען זיך אָן דעם נישט באַגיין, איז עס דאָך אָבער פאָרט דער סימבאָל פון איבעררייסן דאָס אורשפּרינגלעכע לעבן פון אַלע נאַטורבאַשעפענישן. אפילו ווען מ'איז זיכער אַז זי איז דאָס נישט אויסן געווען, האָט זי עס דאָך אויסגעדריקט.

פון אָט דעם פאַרטיפערטן באַנעמען און אידענטיפיצירן זיך מיט אַלץ וואָס רינגלט זי אַרום איז בלויז אַן אויגנבליק-אויפבליץ צום דערשפּירן קלאָר און שאַרף ווי:

..."עס שניידט דער היינט מיט מעסערדיקן ווינט"

און אַז

..."אַ רויטער טוי פון וועלטס פרימאָרגן רינט..."

עס רייסן זיך אַרויס פון איר אַזעלכע שורות:

..."איבער ערד רינט גרינער סם" און ווייטער:
..."מיט ווילדן אומרו און פיין. פאַרנעם איך דער וועלטס געשריי"

איר געהער ווערט אינגאַנצן אָנגעשפּיצט צום "פיין פון געשמיסענע ברידער".
זי פילט זיך אויך שולדיק פאַר איר אייגענער זאַטקייט ווען:

.."די וואָס האָבן די זאַט פאַר דיר פאַרגרייט,
ביי די מיסט-קאַנען זענען איצט געסט."

זי איז אַזוי איבערגענומען פון דעם אַלעם, אַז זי איז פאַרציטערט פון דעם גזר וואָס זי שפּירט הענגען איבער אירע לידער:

.."לידער מיינע לידער, זעגלען מיינע ווייסע,
איבער אייערע העלדזער ווינט-חלפים פייפן.."

אין איר טריבער אומבאַהאָלפנקייט קעגנצושטעלן זיך און מיט עפּעס

לינדערן דעם פּיין פון געשמיסענע ברידער ווענדט זי זיך צו די קינדער פון דער גאַנצער וועלט:

..כ׳האָב זיך היינט פאַרשעמט פאַר אייך,
פאַר זיך און פאַר גאַנצער וועלט״.

די גרוילן פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן, פאַרשטעלן כמעט אינגאַנצן איר יחידישן ציטער און טרויער. זי צערטלט מער ניט יעדן שורה, גראַם און אַסאָנאַנס. זי באַנוצט זיך זייער אָפט מיטן ריטמישן פרייען פּערז כדי שאַרפער אַרויסצוברענגען אירע צעברויזטע געפילן. אין געאייל פון אויסדריקן זיך פאַלט זי אַפילו אַריין אין טייל לידער אין אַ מין סטאַקאַטאַ סטיל, וואָס איז אינגאַנצן פרעמד איר דינעם שטילן טאָן פון אַמאָל. די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון דאָמינירן איצט, נישט נאָר אין איר ליד, זיי באַווירקן אויך און ברייטערן אויס איר טאָגטעגלעך פּערזענלעך און געזעלשאַפטלעך לעבן. צוזאַמען מיט איר ערשטן מאַן דר. חיים פּאָמעראַנץ ע״ה, באַטייליקט זי זיך יאָרן־לאַנג אַקטיוו אין די וויכטיקסטע אַרבעטן פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן כאַראַקטער, אַרויסהייבנדיק באַזונדערס יידישע דערציאונג און הילף פאַר יידישע שרייבער און קינסטלער און זייער שאַפן. דאָס האָט אפשר אין אַ געוויסער מאָס אויך געדאַרפט דינען צום לינדערן אַביסל דאָס אייגענע שולד־געפיל פונעם אַליין זאַט זיין און געפינען זיך ווייט פון די גרוילן פונעם מעסערדיקן היינט.

ב

דער פּלוצימדיקער טויט פון איר חיימען האָט זי אויף אַ היפּשער ווײַלע שיער נישט צעבראָכן און פאַרשטומט. קוים וואָס זי שעפּטשעט אין איינעם פון די רירנדע לידער פון צער און עלנט נאָך זיין פּריצייטיקן טויט.

״אונטער זיבן מאַסקעס,
שטומט מיין דינסטער טרויער.
ווער איך שטילער, קלענער,
איינזאַמער און גרויער״.

שטייענדיק ביי זיין מצבה שטיין, אומעט עס אין איר:

...״אז איך קען נישט וויינען
און איך קען נישט שרייען —
כ׳וועל אויסרייסן אַ גרעזל
און שטומערהייט עס קייען.״

אָבער געטריי צו איר אָנהייב, ווען זי האָט נאָך געוואַרט ביי די אָפֿענע טויערן און האָט נישט קוקנדיק אויף די "טרויעריקע האַרבסטטעג", געהאָפּט אויף "לויטערע מינוטן", זוכט זי איצט שטאַרקונג און כוח אין "די יאָרן פֿון גוטסקייט און גענאָד" מיט אים. אינעם ליד "אויב ס'וועט מיר זיין באַשערט" רעדט זי צו אים:

כ'ווער קלענער און געשלאָגענער אָן דיר — —
...נאָר כ'וועל איינזאַמלען כוחות פֿון אַלע יאָרן מיט דיר.
פֿון דיין טואונג, מחשבה וואָס ליכטיקט אין מיר".

אָבער כאָטש ס'איז איר שוין קיין סאַך נישט באַשערט געווען, און די "רגעס פֿון גענאָד" האָבן זיך זעלטענער באַוויזן, איז איר פֿאָרט באַשערט געווען נאָך אַביסל לויטערע מינוטן. ווי זי גיט עס איבער אין ליד "לבנה שטויב" פֿון וועלכן מיר וועלן ציטירן בלויז צוויי פֿערזן:

...."עס האָט די איינזאַמקייט געשטאָכן מיך,
געברענט,
און געשראָקן האָבן מיך די שטומע שאָטנס אויף די ווענט.
ביז עס האָט אַ שטראַל פֿאַרבלאָנזשעט
אויף מיין שוועל; — "

ווי זי דערציילט ווייטער, האָט דער דאָזיקער "לבנה שטראַל" געפֿירט צום "לאַנד ווו עס גרינען תּפֿילהדיקע פּאַלמעס" (געמיינט מיאַמי, פֿלאָרידאַ) און זי צונויפֿגעפֿירט מיט "אַ מענטשן געבענטשט פֿון זעלבן גורל" ווי זי, און —

"צום בין השמשותדיקן בריק פֿון לעבן —
מיר האָבן זיך אַ תּקיעת־כּף געגעבן
מיר זאָלן קענען נאָך באַווייזן
צו אָנצינדן אַ שטערן ווו,
איידער ס'וועט די וועלט פֿאַר אונדז
אינגאַנצן פֿינצטער בלייבן."

מיר ווייסן איצט, אַז אויף דעם "בין השמשות־בריק", איז איר דאָס קענען "אָנצינדן אַ שטערן" ערגעצוווּ קוים באַשערט געווען. די דערוואַרטעטע "גאָלד באַזוימטע טויערן" און די "לויטערע מינוטן פֿון די אָנהייב־יאָרן, זענען לאַנג שוין פֿאַרטונקלט געוואָרן און נישט דורכגעלאָזט קיין "לבנה שטויב". זי האָט בלויז באַוויזן אַרויסצוגעבן אין 1969 דאָס פֿינעפֿטע בוך "פֿון אַלע מיינע לידער". אַן אָפּקלייב פֿון די פֿריערדיקע זאַמלונגען אירע מיט אַ צאָל לידער געשריבן נאָכן טויט פֿון איר ערשטן מאַן.

צום באַדויערן איז מיר נישט באַקאַנט צי ס'איז געווען אַן אָפּרוף ערגעץ אויף דעם בוך. עס זעט אויס אַז אפֿילו די וואָס האָבן יאָ געלייענט

און זיך אָפּגערופן מיט אַ נאָטיץ, האָבן זיך באַנוגנט מיט דעם וואָס מ׳האָט נאָכן ערשטן און צווייטן בוך אירן באַצייכנט ווי ״עכטער אויסדרוק און איינגענער טאָן״. ווי דער שטייגער איז ביי אַ סך רעצענזענטן באַמיט מען זיך נישט צו רעוווידירן דאָס אָנגענומענע און מ׳נעמט פון גרייטן. סיי ווי קיין ערנסטער אַנאַליז פון איר שאַפן איז אויף וויפל מיר איז באַקאַנט נישט געמאַכט געוואָרן, כאָטש זייער הויז איז געווען אַלעמאָל אָפן פאַר אַלע אָרטיקע און צוגעפאָרענע שרייבער. זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן דעם גאַנץ באַריידעוודיקן עולם אַן אַריינגעטאָענע אין זיך, כ׳וואָלט געזאָגט ממש אויף די שפּיץ פינגער. שטיל און באַזאָרגט האָט זי ווי די באַלעבאָסטע געהאַט פאַר יעדן אַ שמייכל און זיך קיינמאָל נישט אַרויפגעצוווּנגען מיט איר ליד, וואָס אַ סך פון די געסט האָבן עס דווקא יאָ געטאָן. דאָס איז מן הסתם נישט די איינציקע סיבה וואָס נאָכן דערשיינען ״פון אַלע מיינע לידער״ האָט מען אַזוי זעלטן געזען אין דרוק אירס אַ ליד. גיכער איז ווייל די ערשטע סימנים פון איר שפּעטערדיקער קראַנקייט האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן באַווייזן און אוודאי נישט געבראַכט מיט זיך קיין ״לויטערע מינוטן״. נאָך איר צווייטן מאַנס טויט און איר אייגענער שווערער קראַנקייט האָט זי געלעבט אַליין, כמעט איזאָלירט. זעלטן ווען געקומען צווישן מענטשן און ווען זי האָט אַמאָל געקענט אויפנעמען אַ נאָענטן פריינד, איז עס געווען מער אַ באַגעגעניש פון שווייגנדיקן אָנקוקן זיך. די קראַנקייט האָט נישט צעשטערט די צאַרטקייט פון איר אויסזען נאָר פאַרשאַרפט מיט אַ באַזונדערער שיין פון לויטערער איידלקייט. זי האָט געשעפּטשעט און געקענט מיטהאַלטן אין אַ לענגערן שמועס. מאָמענטווייז האָט אַ מין דורכזיכטיקע אומרואיקייט אַ בליץ געטאָן פון איר מיט עפּעס אַ דערמאָנונג וועגן אירס אַ באַליבטער פּאָעטעסע, צי אַזוי אַ שרייבער וואָס האָט איר צוגעשיקט אַ ניי בוך און זי פילט זיך שולדיק פאַרן נישט ענטפערן. ״ס׳איז מיר דאָך שווער צו לייענען. די אויגן מיינע. כ׳בעט אייך, זאָגט זיי דאָס...״

ביי אונדזער לעצטן טרעפן זיך מיט איר ביי דער ״בת מצווה שמחה״ פון איר יינגסטן אייניקל האָבן מיר זיך מערסטנס איבערגעשוויגן מיט די בליקן, און אין מיר האָט כסדר וויברירט דער עכאָ פון אַ פּאָר שורות פון אירס אַ ליד וועגן זיך:

״אַ קלאַנג פון אַ ליד,
אַ פאַרשניטנס
אין מיטן געזאַנג..״

גלייכצייטיק אָבער האָט אַ טיף פאַרבאָרגן געפיל געשעפּטשעט שטיל און קלאָר: דער קלאַנג און תוך פון איר נישט פאַרשניטן ליד וואָס בלייבט מיט אונדז, וועט אַלעמאָל פון גאָר אַ סך אויפגענומען ווערן ווי אַ זייער חשובער ציישטייער צום געזאַנג־אוצר פון אונדזער פאָלקס שאַפן.

"אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין"
פון מרדכי חסיד

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, איז געוואָרן 25 יאָר זינט מרדכי חסיד איז געקומען קיין מאָנטרעאַל און איז דאָ טעטיק ווי א לערער אין די יידישע פאָלקס שולן און פרץ שולן פון יידיש און העברעיש. ער איז אויך אַן אויסגעצייכנטער לעקטאָר וועגן דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור און אירע שאַפער אין ביידע לשונות וועלכע ער קען גרינטלעך. דער עיקר איז אָבער פאַר אונדז זיין אייגן פּאָעטיש שאַפן פון די לעצטע יאָרן. אין די צוויי ביכער "דורות שרייען מיך אַריבער" און "אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין", וואָס ער האָט דאָ אַרויסגעגעבן וועלכע שטעלן אים אַוועק ווי אַ פּאָעט מיט אַן אייגענעם דרך און ביז גאָר אייגנאַרטיקן אויסדרוק. שוין די נעמען אַליין פון די לידער זאַמלונגען זענען מער ווי אַ בלויזער אָנווונק אויף זיין באַנעם וועגן דער וועלט אין וועלכער אים קומט אויס צו לעבן.

נאָר איידער מיר וועלן פּרוּוון אַריינקוקן אינעווייניק כדי צו דערהערן זיין קול און דערשפּירן דעם אָטעם און טעם פון זיין פּאָעטישער וויזיע, גלויב איך אַז ס׳איז כדאי פריער צו באַקענען זיך מיט אַ פּאָר ביאָגראַפישע פאַקטן וואָס כאָטש זיי זענען פון אויבן אויף נישט מער ווי בלויז צופעליקע, נישט געבונדענע פּרטים, גיבן זיי אָבער פאָרט דאָ און דאָרט אַ שטיקל שליסל און אָנטייַט אויף דער געשטאַלטונג פונעם פּאָעטס דרך.

בדרך כלל האַלט איך, אַז אפילו ווען ס׳איז אָפּטמאָל נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן דער קלאַסיש קריטישער זאָג "אַז מ׳וויל דעם דיכטער דערקענען מוז מען צו זיין לאַנד געגענען," מאַכט עס אָבער פאָרט דעם דיכטער היימישער און נעענטער און שאַפט אַביסל אָפּ די מחיצה פון פרעמדקייט וואָס איז אַלעמאָל דאָ צווישן פּאָעט און זיינע לייענער.

מירן עס פּרוּוון איבערגעבן אין קירצסטן בקיצור: מרדכי חסיד איז געבאָרן געוואָרן איז 1909, ביי אַ חסידיש באַלעבאַטישער משפחה אין שטעטל סעקוראַן, בעסאַראַביע, אַ געגנט וואָס האָט פאַרמאָגט אַ געזונט פאַרוואָרצלטן יידישן יישוב און אַרויסגעגעבן אַ היפשע צאָל טיף יידישע פּאָעטן, בעלעטריסטן, תלמידי חכמים און וויסנשאַפטלער. די משפּחה האָט געצויגן חיונה פון אַ שניט־קראָם און געגעבן די קינדער אַ גרינטלעך יידישע און אַלגעמיינע דערציונג. אַגב, דער באַרימטער שפּראַכמייסטער

אין העברעיש, ראָמאַניסט און פאָרשער פון חסידות ווי בכלל פון אַלטן אוצר פון יידיש שאַפן אלעזר שטיינמאַן ע״ה, איז געווען זיינער אַ נאָענטער קרוב. נאָכן ענדיקן די העברעישע גימנאַזיע אין 1926, איז מרדכי חסיד אָנגעקומען אינעם פעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין ווין וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון פראָפעסאָר חיות ע״ה ווו זיינע לערער זענען געווען באַוווסטע ייִדישע געלערנטע, צו דערמאָנען בלויז צוויי צבי דיזנדרוק ע״ה ויבדל לחיים ארוכים פראָפעסאָר סאָלאָ באַראָן. פון 1930 ביז 1944 געווען לערער אין אַ העברעיש פינלענדישער גימנאזיע אין העלסינקי: פון 1944 ביז 1950 געווען אַסיסטענט פאַר סלאַווישע שפּראַכן אין אוניווערסיטעט אין שטאָקהאָלם, שוועדן, און ווען בערנאַדאָט האָט אַריבערגעבראַכט קיין שוועדן 10.000 יידישע פליטים, האָט חסיד אָנגעפירט מיט דער קולטור אַרבעט צווישן זיי אונטער דער השגחה פון דזשוינט און דער דאָרטיקער יידישע קהילה. דאַן האָט ער אויך געהאַט די געלעגנהייט אַריבערצובורעגען פון פוילן אַ צאָל גרעאַטעוועטע יידישע שרייבער. צווישן זיי רחל קאָרן און יוסף רובינשטיין.

אין 1948 האָבן מיר זיך מיט אים באַגעגנט צום ערשטן מאָל אין ניו־יאָרק ווו ר׳איז געקומען ווי אַ דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער און ווי עס האָט זיך מיר געדאַכט אַ פאַרומערטער, אָבער דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך. ס׳איז אָבער אויפן פּלאַץ דאָ צו דערמאָנען מיט ליבע און זכות די פּאָעטעסע איידע מאַזע ע״ה, די זאָרגערין פאַר יידישע שרייבער, ״די מאַמע״ ווי מיר האָבן זי טיטולירט אונטער די אויגן, וועלכע האָט מיט דער הילף פון אַ פּאָר פריינט דאָ זיך באַמיט אַריבערצונעמען אַהער יידישע שרייבער און קינסטלער ווי הערץ גראָסבאַרד און אַנדערע. אויף איר איניציאַטיוו האָבן די יידישע פאָלקס־שולן אריבערגענומען אהער חסידן אין 1950, עד כאַן זיין ״ויסעו ויחנו״ פון סעקוראַן, דורך ווין, פינלאַנד, שוועדן, ניו־יאָרק ביז קאַנאַדע. איר דאַרפט בלויז אַביסל באַנוצן די אייגענע פאַנטאַזיע אָנצופילן די פּאָר דאַטעס מיטן ברויז און צער פון יענער צייט, וועט עס אייך עפענען אַ פענצטערל צו זיינע איבערלעבונגען, וואָס ווערן געלייטערט דורך זיין פּאָעטישער פריזמע.

בלויז נאָך אַ פּאָר פּרטים און מיר וועלן זיך קענען פאַרגינען אַריינצובליקן אין זיין ליד. ער האט דעביוטירט אין 1929 מיט אַ דערציילונג ״טעג און נעכט״ אין אַ ליטעראַרישן קאָנקורס אין ״אונדזער צייט״, קעשענעוו און געקראָגן דעם ערשטן פּריז. זיין ערשט בוך דערציילונגען ״פאָרמען אין ברען״ איז דערשינען אין 1937 אין קלעצקין פאַרלאַג, ווילנע און איז שטאַרק געלויבט געוואָרן פון דער קריטיק. דערווייל האָט

אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און בלויז איינציקע קאַפּיטלען זענען פֿון דעם בוך געבליבן. ער האָט אויך געדרוקט לידער אין יידיש און העברעיש אין פֿאַרשיידענע זשורנאַלן. ער האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן פֿון יידישן לעבן אין רומעניע פֿון פֿאַר דער מלחמה, נאָר אין אָנבליק פֿונעם גרויסן בראָך האָט עס אים אויסגעזען בלאַס און אויסער דער צייט, האָט ער דעם ראָמאַן דן געוועזן לגניזה און אין די וואַנדערונגען פֿון לאַנד צו לאַנד איננאַנצן פֿאַרלאָרן. ס'איז ביי אים אָנגעשטאַנען אַ צייט פֿון שווייגן און לאָזן די פֿען אויף אָפּרו. צו דעם קאַפּיטל קענען מיר זיך איצט נישט צורירן. אפֿשר וועט חסיד אַליין ווען עס איז האָבן עפּעס צו זאָגן וועגן דעם. נאָכן אָפּשווייגן אַן ערך 15 יאָר, האָט ער זיך צוריק גענומען צום שרייבן און דרוקן, אָבער נאָר לידער. זיין ערשט בוך לידער "דורות שרייען מיך אַריבער" איז דערשינען אין 1969 און באַקומען דעם ליטעראַטור פּריז פֿון מאָנטרעאַלער "י.י. סיגאַל קולטור פֿאָנד." דאס צווייטע בוך "אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין", איז דערשינען הייַנטיקס יאָר.

אַ מאָטאָ צו דער זאַמלונג "דורות שרייען מיך אַריבער" האָט חסיד אויסגעקליבן אַ פֿאַרצאַפּלטע פֿראַזע פֿון אַ פּסוק פֿון איוב: "פַּחַד קְרָאַנִי ורְעָדָה", יהואש זעצט עס איבער: "האָט מיך אַ פּחד געטראָפֿן און אַ ציטערניש", און באלד אינעם אַריינפֿיר ליד עפֿנט ער פֿאַר אונדז אַ טירל צום אינעווייניק פֿון די מחשבות און געפֿילן וואָס ער ברענגט צום אויסדרוק אין דעם בוך, וואס איז פֿול מיטן אייביקן פּחד און ציטערניש ביז פֿאַרווירטקייט אויף דעם וואָס עס האָט זיך געטאָן און טוט זיך מיט די דורות וואָס שרייען אים, דעם הייַנטיקן מענטשן, אַריבער.

דאס ליד לייענט זיך אין איין אטעם:

"מיינסט,
אַז טויזנט יאָר נאָך מיר נאָך
וועט אַ דיכטער אַנדערש זיין?
און עס וועט אים ניט מיין אומעט
מיט שגעון אין קאָפּ אַריין?
און פֿון ראַנגלען זיך מיט שַדי
וועט ניט הינקען ער אויף דר'ערד —
און דאָרט אויסוויינען מיין ניגון
כאָטש ער האָט אים ניט געהערט?"

אויף דאָס נייע בוך "אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין" הייבט ער ווידער אָן מיט אַ ליד "דיין פּסק" וואָס ווינקט אָן אויפֿן יאושדיקן געראַנגל פֿונעם פּאָעט מיט זיין פּחד און ציטערניש. כ'ציטיר בלויז דעם ערשטן און לעצטן פֿערז:

״לערן אויס זיך שטיל זיין
ווי עס איז א שטילע טויב.
(א טויב איז שטיל?)
פרעג מער קיין קשיות ניט,
הער אויף צו זיין
אַ נודנע גריל.״
... בלייב, פורכטיק
ווי אין אַ סוף־אלולדיקער נאַכט.
עס קומט דער יום־הדין.
דו האָסט דיין פסק,
אין זיך אַליין,
דיר מיטגעבראַכט.

שפּאַנען מיר טאָקע פורכטיק אַריבער די שוועל פונעם הויערדיקן ״שאָטן״ און בליקן אַריין אינעם סאַמע אינעווייניק פון דער ״קרוין״, דערשפּירן מיר און דערזען, אַז

מרדכי חסיד איז אַ היינטצייטיקער, אייגנאַרטיקער פּאָעט מיט אַן אייגן קול און לשון וואָס איז אָפט קאָמפּליצירט לויטן בילד און וויזיע וואָס ער ברענגט אַרויס. גלייכצייטיק וואָרצלט ער טיף אין יידישן עפּאָס וועמעס סימבאָלן זיינען אַלמענטשלעך אוניווערסאַל און זענען פּאַר אים די בולטע ביישפּילן פון דעם ״קויטיקן היינט״ ווי ער זעט אים און באַנעמט אים; ווי אַ צייט ווען, וואָס מער דער מענטש גרייכט אין די הייכן, אַלץ נידעריקער פּאַלט זיין מאָראַלישער ניוואָ. עס באַקומט זיך דאָס פּאַרקערטע פון דעם מיסטישן באַנעם פון ״ירידה צורך עלייה היא״ (דאָס פּאַלן טראָגט דעם אויפשטייג אין זיך)

דער פּאָעט פילט עס מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און דאָס געמיט איז אים באַטריבט און שווער. מ׳קען זאָגן אַז קיין איין ליכט־שטראַל און זעלטן ווען אפילו אַ שפּליטער פון אַ שמייכל זאָל זאָל זיך עס דורכרייסן דורך דעם פּאָעטס טרויעריקן און פחדימדיקן זען, זיינע וויזיעס און רעאַל זען, זענען מערסטנס אַפּאָקאַליפּטיש פּאַרהוילן און פול מיט שרעק און יאוש. דער אַלטער עפּאָס פון דער שלאַנג אויף דער שוועל פון אדם און חוהס אויסגעטרוימטן גן־עדן, דער ברודער־מאָרד אין סאַמע אָנהייב פון מענטשנס שטעלן זיך אויף די פיס, צוזאַמען מיטן לייטער־חלום פון יעקבן און זיין שפּעטערדיקן ראַנגלען זיך מיטן מלאך און אוועקהינקען אין דער ווייטקייט אַריין מיט א נייעם נאָמען אָן אַ באַשייד און אַ צו וואָס, לעבט אין אים כסדר מיטן גאַנצן פחד פון די בראשיתדיקע טעג און יענער גרויליקער געראַנגל־נאַכט פון נישט־וויסן צי ס׳וועט נאָך אויפשפּראָצן אַ מאָרגן.. ער זעט עס ווידער און ווידער אַרום זיך און דריקט עס אויס אין היינטצייטיקן לשון מיט בילדער און אימאַזשן וואָס לעבן אין אים פון דער ווייטער

פאַרהוילעניש און האַלטן זיך אין איין איבערגעשטאַלטיקן דור אויס דור איין. אַזוי דערשפּירט עס דער טיפערער לייענער פון זיין בוך "דורות שרייען מיך אַריבער" און נאָך שאַרפער און קלאָרער אין "אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין".

אָט דאָס דאָזיקע פילן און באַנעמען די וועלט ביטערט אין אים און דערפירט צום נישט קענען מער גלויבן, צום גרויסן צווייפל אין מענטש, אין גאָט און אין דער אמונה אַז ס'איז דאָ אין עפּעס זיך אָנצוהאַלטן. דער פאַרהוילענער גרויל פון נעכטן הויערט איבער דעם אָפן אַנטפּלעקטן היינט ווי אַ קאָשמאַר פון וועלכן מ'קען נישט אַרויס. דער נעכטן ווי דער היינט פאַרשטעלן אויך דעם מאָרגן און שטעלן אונטער אַ פראַגע צייכן דעם אויסגעחלומטן והיה באחרית הימים.. ער קען דעריבער נישט אָננעמען דאָס פאַרפּוצטע בילד פון דעם מאָלער, אַז ס'איז טאַקע געוועזן אַ גן־עדן און מ'וועט ווען עס איז קומען צו אים.

אָט זאָגט ער אינעם ליד "פּאַרטאָגן"

נאָגן
פּאַרטאָגן־
איך האָב זיי ניט מער
וואָס צו זאָגן.
פון ספר אַ שורה
מאַכט שטום אַ געוואַלט:
— סטייטש, והיה באחרית...
קוקט שטעכיק דאָס אויג
און פאַרזשמורעט זיך קאַלט:
— סאַרא שייכות
צום קויטיקן שחרית?
גלאָצט בייזלעך, מיין אַלטער
צעקנייטשטער פּאָרטרעט
אַרויס פון זיין ראַם
און ער שפּעט;
אַ שניי און אַ ווינט
און אַ קוימען
וואָס האָסטו דען נאָך
אין די רוימען?

(דאָס בילד האָט פאַררינכט
מיר
אַ מאָלער,
נאָר, אָסור,
צי עס איז
עפּעס
קלאָרער.)

נעמען זיך אונטער
פּאַרטאָגן
דאָס בילד צו מיין ליד
אָפּצוטראָגן.
לאָז איך וואָיוּוען
מיין ליד
ווי עס וויל
און עס דרייט זיך
אין ווילדן
קאַדריל.

נאָך שאַרפער און אינטים נעענטער צו זיך דערציילט ער וועגן זיך אין ליד: „איך בין נאָך אַלץ נישט פאַרטיק"

„איך בין אַלץ נאָך נישט פאַרטיק
מיטן מדבר אין מיר
און אוראַלטע חיות
וואס רעווען —
און ווייס איך דען
צי מיטן קעניג
אַמאָל
ניט געזינדיקט האָב איך
מיט בת־שבען ?

איך בין נאָך נישט פאַרטיק
צו האָבן אַ האַר
וואָס מעסט מיינע טעג
און וועגט אָפּ שטרענג
מיין שכר
ווען איך גיי,
ווען איך לויף
צי אַראָפּ
צי אַרויף.

און אָט וואַקס איך צוריק
אַ פאַרעלטערטער ייד
און בין גלייך ווי אַ בוים
מיט פאַרוויאַנעטן צוויט.
וואָס לויפן די בערג
ווי פארשיכורט
אויף מיר ?

ווער טוט מיך אין מיטן
פון שלאָף
שטיל אַ ריר
און איך הער ווייטע שטערן
וואָס בלאָנקען אין שלאָף
און זיי ווערן דערטראָנקען
אין בלויקייט
סוף־סוף,
נאָר לויפן עס לויפט נאָך
זייער מאָנענדיק קול:
ישראל,
וואָס האָסטו פון אַלע געלויפן
אַהער ?
וואָס האָסטו פון לעבן ?
וואָס האָסטו פון טויט ?
ברויט ?
זעסט דיין פאַרפלעקטן מאַרשרוט ?
אַ ים פול מיט בלוט.
נאָס איז דער וועג.
צייל,
אַזויפיל דערטרונקענע טעג.
פאַראומגליקלעבט קול ?
עס שרייט דורך דיין קעל:
שמע ישראל!

פאַראַן אויך אַ צווייטער שטריך אין זיין צעווייטיקט געמיט ווען דער צווייפל צי ס׳איז דאָ עפּעס אין וואָס זיך צו האַלטן אָדער ס׳איז טאַקע אַלץ בלויז אַ „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן" דערפירט צו אַן אָפּפרעגן דעם צווייפל אַליין, ווי אין ליד: „צי דאַרף איך זיך נישט גרייטן"

„מיט איין פוס שטעק איך אין פחדים טיף —
ווו שטעק איך מיטן צווייטן ?
איך דאַרף זיך שוין נישט גרייטן מער —
איז דאַרף איך זיך נישט גרייטן ?

עס גייט בלויז עמעצער אַדורך מיר דורך
און מאַכט צו אַלע טירן —
צי וועט ער נאָר מיט שרעק אַליין
מיך ערגעץ דערפירן ?"

פלוצים טוט זיך אַלץ אַ דריי:
טירן, טירן, טירן —
וועלן שטערן אין דעם הימל
כסדר אין מיר פרירן ?
דער אין־סוף וואַרפט אַ שיין מיר צו
פון ריזן פייער־וואָגן.
די נאַכט נעמט שטיל די ערד אַרום
אין תהום אַראָפּצוטראָגן.
מיט איין פוס בלייב איך שטעקן טיף,
ווו שטעק איך מיטן צווייטן ?
איך דאַרף זיך מער נישט גרייטן שוין.
איז דאַרף איך זיך נישט גרייטן ?״

ער דערשרעקט זיך אָבער פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער נישט זיכערקייט וואָס מאַכט אָפּהענטיק. ער קלאָגט זיך:

״אפשר שעלט איך
אפילו, — אָט דאָס וואָס איך בענטש ?!״

ווילנדיק זיך באַפרייען פון דער דאזיקער שרעק פון נישט זיכערן וויסן, רייסט ער זיך צום ספרים גלויבן ווי צו אַן אַנקער און אָנהאַלט אין דער צעשויבערטער וועלט און דריקט עס אויס אין אַ צאָל לידער פון אמת תהילימדיקן געמיט. באַלד דערשפּירט ער אָבער אַז ער קען זיך מער נישט אָנבינדן אין דעם, ווייל אָט זעט ער דאָך ווי ״דער יוון איז ארויס פון דער שטייג״ און וועלכער ער איז גאָר קיינמאָל נישט ווי געהעריק פאַרשפּאַרט געוואָרן און איז איצט אין אונדז אַלעמען און אויך אין אים אַליין... דערזעענדיק דאָס, נעמט זיך דער טיפער טרויער און אַנגסטיקע עלעגיע חברן מיט אַ שפּיזיק ביטערער איראָניע און דינער סאַטירע אויפן באַשעפער און זיין באַשאַף.

ווי קען מען דען אַנדערש אויסלאָזן דעם פאַרצווייפלטן געיאָמער אין זיך, ווען מ׳זעט ווי ער אין ליד״ קעפּ געעפנטע״. קינדער וואָס האבן נאר וואס געשמייכלט ליגן מיט געעפנטע קעפּ אויף וויסטע פעלדער און ״איבער זיי פון אויבן קוקט אַרונטער די פמלייא של מעלה פון אַ גן־עדן לאָזשע..״ דעריבער פאַרחברט ער זיך מיט איובן און בעט ביי אים אַ שערבעלע אויף צו קראַצן די ווונדן. ער פרעגט אויך ביים רבונו של עולם צי ער האָט אַ קרעטשמע ווו מ׳קען זיך פאַרטרינקען ביז פאַרגעסן. ער מאַכט אויך אַ גאָר שאַרפן חשבון אין גאָר דינע לירישע שורות, חשבון ייד און גוי אין ליד ״עֵשָׂוס חוב״ און מיט דער יעזוס געשטאַלט אין ליד ״הענגען״. כמעט יעדער יידישער פּאָעט פון באַטייט, האָט געמאַכט און מאַכט נאָך דעם דאָזיקן חשבון, זיינער איז אבער אינגאַנצן אַ היינטצייטיקער און אייגנאַרטיקער.

כ׳האָב דאָ באַוויזן אָנצווווינקען בלויז אויף אַ פּאָר שטריכן וואָס גיבן אונדז אַן ארייַנבליק אין מרדכי חסידס וועלט און געמיט. כ׳האָב זיך איינגעאַנצן נישט אָפּגעשטעלט אויף זיין פּשטותדיק און דאָך זייער קערנדיק לשון, וואָס דאַרף באַזונדער אַרויסגעהויבן ווערן. אויך נישט אויף דעם שלל אריגינעלע ווערטער־פֿאַרבינדונגען און פֿרישע אימאַזשן, סוררעאַליסטישע פֿאַרכאַפּנדיקע בילדער מיט וועלכע די לידער זיינען באַקרוינט. סע וואָלט אפשר אויך כדאי געווען אויסצולופטערן די טענה פֿון אַ טייל אַז ער איז צו אידעיש און מ׳פֿאַרשטייט אים נישט, אז זיין זען בלויז שרעק־בילדער איז צו איינזייטיק און וואָלקנדיק פֿאַנטאַסטיש, און אז די שאָטנס פון די דורות וואס שרייען אים אריבער הויערן צו שווער איבער דער קרוין.. מ׳קען דאָך אָבער נישט מיט איין שעפּ אויסשעפּן אַ קוואַליקן ברונעם, און דאס פֿאַרלאַנגט גאָר אַ באַזונדערע פֿאַרטיפֿונג. וועל איך בלויז פֿאַרענדיקן מיט דעם, אַז מרדכי חסידס לידער דאַרף מען באַנעמען מיט מער ווי איין געפּילמאָס און דאַן דערשפּירט מען דעם אמתן טעם פֿון זיין אייגנאַרטיקייט וואָס שטעלט אים אַוועק אין גאָר אַ באזונדערער קאַטעגאָריע צווישן די היינטצייטיקע ייִדישע פּאָעטן. מיר ווילן אויך האָפֿן, אַז אין די ווייטערדיקע שאַפֿונגען זיינע זאָל ער קענען קלאָרער און אָפֿענער אויסדריקן דעם צווייפל אינעם צווייפלען כדי באַהיט צו ווערן פון אינגאַנצן צו פֿאַרצווייפלען. סימנים אויף דעם געפינען זיך שוין אין דעם בוך.

(1975)

אַן אַרייַנבליק אין די "ווייַסע טויערן"

מיט זייַן נייַעם בוך לידער "ווייַסע טויערן" האָט משה יונגמאַן געעפנט פאַר זיך ברייט די טירן פון דער יידישער פּאָעזיע, ווו עס וואַרט אויף אים אַ גאַר חשוב אָרט.

מיט זייַן דין ליריש ליד האָבן מיר זיך פריער באַקענט אין דער זאַמלונג "יונג־ישראל", אין די "גאָלדענע קייט" און אין זייַן לידערבאַנד "אין שאָטן פון מולד", דערשינען מיט איבער אַ צעדנלינג יאָר צוריק. מ'האָט גלייַך פון אָנהייב געקענט זען, אַז ער איז אַ פּאָעט מיט אַ אייגן זען און אַ טיף רייַכער אינעווייניקסטער וועלט.

אין משך פון די יאָרן איז ער כסדר געוואַקסן סיי אין אויסדרוק, סייַ אין פאַרטיפונג פון באַנעם. ער האָט גענומען אַרייַנוואַקסן אין דער ישראל־ווירקלעכקייט און אויף אַן אייגענעם אופן דערזען די ישראל־לאַנדשאַפט.

אין איצטיקן בוך באַווייַזט ער זיך פאַר אונדז מיט דער רייַכקייט וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון די יאָרן. שוין די אייַנטיילונג פון בוך אויף אַזעלכע ציקלען ווי "פון פינקס", "דער נייַער יישוב", "גליל", "נגב", ווייַזט אויף דעם וועג וואָס ער איז דורכגעגאַנגען און ווי עס האָט זיך אויסגערייַפט זייַן געפיל און זע־וועלט.

ווי יעדער יידישער פּאָעט, וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זייַן וועלט קיין ישראל, איז ער געשטאַנען פאַר דער גורל־פראַגע ווי אַזוי דריקט מען אויס די דאָזיקע וועלט אין נייַעם לאַנד: וואָס איז איר שייַכות מיט דעם וואָס קומט דאָ פאַר און ווי אַזוי גייט דאָ אויף דאָס נייַע אויפן אַלטן בוים. אַפילו די, וואָס זענען געקומען מיטן באַוווסטזייַן אָפּצווווישן אַלע שפּורן פון פריער און אָנצוהייבן אַלץ אויף ס'נייַ, האָבן געמוזט דורכמאַכן אַ שווערן געראַנגל מיט זיך, כדי צו געפינען דעם געהעריקן אויסדרוק פאַר די נייַע איבערלעבונגען, בפרט נאָך די וואָס האָבן די מיטגעבראַכטע וועלט ניט געוואָלט אויפגעבן. גאָר ווינציקע האָט זיך בכלל אייַנגעגעבן צו געפינען אַן אייגענעם וועג פון אויסדריקן זיך אָן שאָדן פאַר זייער פּאָעטישער ערלעכקייט און פולקייט.

ס'איז נאָך אַוודאי צו פרי צו וועלן מאַכן אַן אַרומנעמענדיקן חשבון־הנפש וועגן דעם ענין. אָט דער גורלדיקער געראַנגל איז ערשט בייַם סאַמע אָנהייב און די ווילדע דערנער צוזאַמען מיט די גאָלדענע פרוכטן גייען נאָך אויף צוזאַמען. איז נאָך ניט שייך צו וועגן און מעסטן וואָס און ווער עס האָט געפונען אַן ענטפער. עס דאַכט זיך מיר אָבער אַז אויף משה יונגמאַן קען

מען זאָגן, אַז פאַר זיך האָט ער יאָ געפונען אַן אויסוועג. ער האָט אַן אָרט פאַרביידע וועלטן און געפינט אַן אויסדרוק פאַר זיי אין שטילע טענער וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט תּפילהדיקן טרויער אויף דעם וואָס איז געווען און לעבט נאָר אין זייַן "פינקס" און מיט אַ מיט ציטערדיק רירנדיק האָפן, אַז עס וועט זיך פאָרט אַרייַנוועבן אינעם נייַעם, אַז כאָטש:

ניט פון מייַנע קוואַלן טוט טרינקען מייַן זון

דאָך פילט ער:

וואָס כ׳האָט ניט דערהאָרכט אין מיר —
זינגט איצט אַרויס פון מייַן זון.

וואָס כ׳האָב ניט דעריאָגט אין מיר —
שטייט אָגגעזאָטלט פאַר זייַן שוועל.

("צו מייַן זון")

דורך די "ווייַסע טויערן" פירט ער אונדז אַרייַן אין זייַן אָפענעם "פינקס" ניט נאָר אַהין ווו עס שטייען די

נעכטיקע טעג, געבוירענע אין יַמען גראָז,
נעכטיקע טעג, וואָס צעפאַלן זיך ביַי יעדן בלאָז.
נעכטיקע טעג, וואָס מאַכן שיכור מייַן כּוס.

(פון ליד "טעג")

נאָר — און דער עיקר — אויך אין דער שטילקייט פון "טונקעלן וואָרט" ווו עס לעבן ווידער אַלע גאַסן פון זייַן דאָרף, מיט אַלע ביימער און גראָזן, מיט אַלע שטיינער וואָס זוכן זיך אַן אָרט. אויך די מענטשן און ווערטער שפּאַרן זיך אַהין אַרייַן און זיי לייַכטן דאָרט מיט אַלע בלויע קאָלירן און שטערן וואָס פאַרכּישופן אים נאָך אַלץ.

דער פינקס מייַנער פול באַלאָדן מיט יידן
זומערדיקע, ווינטערדיקע,
גייענדיקע אין לאַנגע שורות צו יאַרידן,
אַהיימקומענדיקע בייַם סוף וועג.

("פון פינקס")

דאָרט לעבט ווידער די וועלט פון די קלאַסיקערס, פון דער יידישער פאָלקס־מעשה. יונגמאַן צייכנט זי אין נוסח און פאַרב פון שאַגאַליש־פאַנטאַסטישן פענדזל: רעאַל און מיסטיש.

בלאָער טשאַד פון "ויתן לך"
קוימענס רויכערן אַרויף שטערן צום הימל.
אליהו שפּרייַזט מיט קאַראַמיסל
איבער די שמאָלע געסלעך פון פינקס.

(דאָרט)

ס׳איז אויך אַ וועלט פון
גויים מיט ווידלעס און מיט העק
און מײַן טאַטע אין דער מיטן
מיט אַ פּאַראומערט בינטל טעג
אויף וואָגן צי אויף שליטן.

דאָרט עפנט זיך אַ טונקעלע טיר דורך וועלכער משיח קומט אַרײַן, און דאָרט אין דרויסן ערגעץ שטייט גרייט ״דאָס אייזעלע מיטן גאָלדענעם זאָטל, וואָס דער טאַטע האָט אָנגעגרייט״.

אַלץ איז אויפגעזאַמלט אין די זינגעוודיקע שורות און ציטערט מיט בענקשאַפט און בלויע שטערן אינעם ״פּינקס״, נאָר צי קענען זיי אויך אַזוי בלינצלען און כּישופן אין די הויכע הימלען איבער די הײַנטיקע טעג אין ישראל? יונגמאַן פרעגט עס ניט. עס גייט אָבער אויף פון גאַנצן געמיט זײַנעם, פון דעם דינעם טרויער — מיט וועלכן ער גלעט די בלויע שטערן זײַנע. עס קען דאָך ניט זײַן, אַז ער האָט בלויז אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אויפגעלעבט די וועלט פון די נעכטיקע טעג, כּדי זיי צו פאַרשליסן הינטער די ווײַסע טויערן. ער זוכט טאַקע אין די ווײַטערדיקע לידער צו געפינען אַן אָנוווּנק און אַ שפּור פון זײַן ״פּינקס״ נײַעם לעבן.

צו דעם ציקל דאַרף מען אויך צורעכענען די מײַסטעריש אויסגעפורעמטע לידער פון טײַגע און סיביר. דער גרויל פון אײַז און שניי גיט זיך איבער מיט אַזא שאַרפקייט אַז מ׳דערפילט דעם גליווער אין אייגענעם געביין. ניט אומזיסט זאָגט ער אין איינעם פון די לידער, אַז ער איז געוואָרן אַ פּאַספּאָרנער זײַל פון שרעק און אַז אַלע שליטנס וואָס ער האָט אײַנגעשפּאַנט קענען די טײַגע מער ניט אַרויסרײַסן פון אים. דערפאַר מעג מען אפשר אויך די לידער וועגן ״צפת״ וואָס זענען מיט צאַרטע נאָדלשטעך געצייכנט צורעכענען אַהער, אַוודאי דערקענען זיי אים — די מענטשן וואָס ער באַגעגנט דאָרט, און ס׳איז ניט קיין רבותא וואָס ער דערקענט די בילדער און די מענטשן. ווי קען ער זיי פאַרגעסן און ווי קענען זיי אים ניט דערקענען און זיך ניט וווּנדערן אויף זײַן אויסגעוואַקסנקייט? זיי זענען דאָך פון דער זעלבער וועלט פון זײַן ״פּינקס״.

און אָט מיט דער פולער וועלט זײַנער וואַקסט ער זיך אַרײַן אין לאַנד. מיטן זעלבן ציטער און געשליפענעם שטילן וואָרט לעבט ער זיך אַרײַן אין די הײַנטיקע טעג אין ישראל, אין ״די נײַע ישובים״ ווו ער אַליין איז אַ טייל פון דעם גורלדיקן געראַנגל פון יידישן מענטשן מיט דער ווירקלעכקייט אַרום. אַ געראַנגל מיט די אָנגעהויפטע חורבות, זאַמדן און גליאיקן שטיין פון מידבר, וואָס בלויז מיט דער גבורה פון אַ שמשון און פלאַמיקער וויזיע פון אַ ישעיה קען מען זיי פאַרשטופּן הינטער די הרי־חושך און באַוואָרענען,

אַז זיי זאָל שוין מער ניט קענען פֿאַרשיטן די ווידער געעפֿנטע קוואַלן און ערשט שפּראָצנדיקע גראָזן. אַ געראַנגל מיט אַ ווירקלעכקייט אין וועלכער אַזוי פֿיל שבֿטים, בראָכשטיקער פֿון אַ פֿאָלק, באַגעגענען זיך ווידער נאָך אַזוי פֿיל יאָרהונדערטער דערוווּיַטערטקייט. אַ ווירקלעכקייט וואָס אָטעמט מיטן גורל און גרויל פֿון אַנטרונענע און אַ געשטאַלטן ווילן צו באַנייַען זיך און ווידער אויפֿשטעלן דעם געבראָכענעם לייטער פֿון יעקבֿס חלום.

דער ערשטער אויסדרוק בייַם דערזען וואָס עס טוט זיך אין די נייַע ישובֿים, איז דאָס געפֿיל פֿון פֿאַרוווּנדערונג און טיפֿן שטאָלץ:

ווייַסע כאַטעס —
ווער האָט אייַך דאָ אַוועקגעשטעלט?
ווער האָט אייַך דאָ אָפּגעלאָדן
קליינע, מיט רויטע דעכער
פֿון אַ מעשה־ביכל?

און אין אַ פֿריערדיקער סטראָפֿע אין זעלבן ליד "פֿאַר טאָג" זינגט ער מיט שטאָלץ און ליבּ:

וועל איך אָנטריקנען ווידער די לידער
מיט אַ הויכן שטילן פֿאַר טאָג;
ווייַזן דער גאַנצער וועלט ווידער
וויפֿל טויען און טרעלן כ'פֿאַרמאָג.

ער קען זיך ממש נישט אָפּוווּנדערן פֿון דעם וואָס געשעט אַרום אים:

אויסגעשייערטע
מיט לאַבעדיקע אויגן
ווער האָט אייַך דאָ אַוועקגעשטעלט
אין דער מיט פֿון דער וועלט?

(דאָרט)

ס'איז אַ נייַ ליד אין לאַנד, אַ נייַער פֿאַר טאָג, און אונטער די טונקעלע הימלען מיט די אַלטע שטערן וואַקסט אַ נייַע שטאָט. ער פֿאַרכליניעט זיך אַזש פֿון שׂימחה.

דער אוצר וואַקסט, ניט שייַך מאָס, צי גרענעץ,
ניט שייַך הויך פֿון גאָרנס, צי פֿון דאַך.
דער קלענסטער טשוואָק גיט צו אַ נייַעם רמז;
דער גרינגסטער שטיין — אַ פּשט: ס'וועט זייַן אַ כּרך.

אַ נייַ ליד מיט אומגעריכטן גראַם אַפֿילו, אַז ס'ווילט זיך גאָרניט חשבונען מער: ווער. וואָס און ווי אַזוי:

און זאָל יעדערער דערפֿילן אויף זייַן אופֿן
ווי דער סך־הכּל איז דער זעלבער: היים.

("נייַע שטאָט")

פון דעם ביטערן געראַנגל און רויע ווירקלעכקייט קומט אויף: היים; און אויב נאָר מ׳וועט גוט זוכן, וועט מען זיך דערוויסן, אַז אויך די דערוויַיטערטע שפּליטערן־שבטים קענען זיך ווי עס איז שוין פון לאַנג.

שותּפותדיקע זכרונות, געפילן און שטיקלעך שטייגער, פאַרבינדן זיי. מ׳דאַרף נאָר גוט אַ נישטער טאָן און מ׳וועט געפינען אַז כּמעט ווי פון איין ״פּינקס״ אַרויס קומען זיי, די שפּליטערן פון מחנה־ישראל. אין סאַמע מיטן פון דער אָפּגעפרעמדקייט פון וועלטן, ווילדער אַנדערשקייט פון צעגליטן מידבר אָן אַ פּיצל שאָטן צו ראַטעווען זיך פון בלענדעניש, אין מיטן נגב — דאָרט, דערזעט ער אויפגיין דעם ״בלאָען טשאַד״, אָן אַלטער באַקאַנטער׳ ״פון פּינקס״. אַוודאי איז עס ניט דער זעלבער ״בלאָער טשאַד״ פון ״ויתּן־לך״, אָבער אַ וויַיטער קרוב קומט צו חלום דער נײַע וואָר.

אין דער פרייד אָבער און אין דעם פּולן באַוווסטזיַין פון היים נעסטיקט אויך דער פּחד, אַז די שוועריקייטן זאָלן ניט קריגן, חלילה, די אייבערהאַנט. אויך דאָס איז אַ טייל פון דער וואָר, וואָס וועפּט אויס דעם חלום פון לייטער צום הימל און פאַרטריקנט די בלאָע קוואַלן. לייענט זשע דאָס ליד ״פּלויטן״ און איר וועט דורכגענומען ווי ער מיט דעם דאָזיקן פּחד און איר זענט מתפּלל מיטן דיכטער, אַז אונטער זיַין מאַנטל זאָל טאָקע די נײַע ישובים זיַין וואָרעם און דער לייטער צום הימל זאָל זיי צו חלום קומען און זיי זאָלן ניט נאָר וויסן, נאָר אויך פילן און גלייבן ״אַז ערגעץ ווו איז נאָך האָ אַ ליד״... ווען משה יונגמאַן זאָל נאָר געוועזן אָנשרײַבן דאָס איינע ליד, וואָלט ער זיך מיט דעם אַליין שוין פאַרדינט, אַז ״די נײַע ישובים״ זאָלן טאָקע באמת וויסן, אַז עס וווינט אין ישראל אַ יידישער פּאָעט וואָס האָט זיך אַריינגעזונגען אין סאַמע תּוך פון די ״נעבעכטיקע און הײַנטיקע טעג״ פון ישראל. וואָס וויַיטער און טיפער עס פירן אים די ״וויַיסע טויערן״ אַלץ שאַרפער דערשפּירט ער דאָס נײַע און דריקט עס אויס מיט אַלע צאַפּלען און ציטערן. עס גיט זיך אים איַין צו געפינען אַ שלל נײַע און פרישע אימאַזשן און בליציקע ווערטערפאַרבינדונגען. עס דינען אים אַלוזיעס פון תּנכישן עפּאָס און פאָלקסטימלעך יידישע אויסדרוקן, כּדי צו דערזען די לאַנדשאַפט און די מענטשן אי אייביק אַלט און אי פריש באַנײַט.

ער ווערט היימיש אין דער היים און מיט די אויסגעחלומטע שטערן, וואָס זענען געוואָרן וואָר און בלישטשען מיט פרייד איבער

״...פּשוטע מיטן־דער־וואָכן
באַלויכטענע דורך אַ בוים,
דורך אַ קוסט,
דורך אַ שטיין״.

(אַלונים)

פולע עמערס בלויע שטערן גייען אויף פון זיַין שטיל און תפילהדיק וואָרט, פון זיַין דין ליריש ליד.

די באַלויכטענע "מיטן־דער־וואָכן" רינגלען זיך אַרום מיט שטיבער וואָס וואַקסן ווי דעמבעס און וואָרצלען וואָס זייגן פון דער ערד און קושן זיך מיט זון. עס גייט דעריבער פון סאַמע תוך אויף די תפילה:

לאָז אונדז קניען צו גראָזן,
לאָז אונדז זיַין געצנדינער צו אַ בוים, צו אַ שטיין;
וואָס נאָך גרעסערס וועלן מיר קאָנען אויסטראַכטן,
ווי אַ וואָרצל וואָס בינדט צונויף די ערד,
ווי אַ טראָפּן טוי,
וואָס נעמט אין זיך אַריַין
די זון?

ס'איז גאָר אַ נייער באַנעם פון וועלכן עס גייט אין אים אויך אויף אַ טרייסט און אַ האָפן, אַז מיט דעם וועט ער אויך אויפגעבויט ווערן:

יעדער בלאַט,
וואָס דער ווינט האָט אין מיר אָפּגעריסן —
פלאַטערט שוין ווידער — גרין —
אין זיַינע אויגן.

("צו מיַין זון")

ער ווייסט אָבער אויך אַז:

איך און די זיידעס —
לויפן שוין נאָך אָן אָטעם
ווען ער — הויך אויפן פערד,
איז מעביר
מיט ווייַסע קלינגענדיקע שעפסן
די גרינע פּאַשע פון דער וואָך —
ביז צו סאַמע זון.

(דאָרט)

מיט די פּאָר באַמערקונגען זענען אַוודאי נאָך ניט אויסגעשעפּט אַלע מאָטיוון אין דעם בוך און אַלע מחשבות און געפילן צו וועלכע עס רעגט אָן. גאָר באַזונדערס דאַרף מען נאָך שמועסן וועגן דער קינסטלערישער דערגרייכונג אין אַ ריי לידער. עס גלוסט זיך פּשוט מאַכן אַ ברכה איבער אַ טייל פון זיי און עס ציט צום לייענען איין מאָל און נאָך אַ מאָל און דערביַי ווייסטו, אַז עס וועט אַ צי טאָן ווידער צו לייענען. אין די פּאָר באַמערקונגען האָט זיך געוואָלט בלויז אַרויסהייבן אַ טייל עיקר־זאַכן אין דעם בוך און זיך טיילן מיט די מחשבות און געפילן צו וועלכע עס האָט אָנגערעגט.

עס ווילט זיך אויך שליסן מיט אַ ווונטש צום דיכטער, אַז פונקט ווי עס איז אים געגעבן געוואָרן אַרייַנצופירן אונדז אין דער וועלט פון זייַן "פינקס" און מאַכן אונדז פאַר שותפים צו זייַן ברכה איבער די הייַנטיקע טעג פון ישראל, זאָל ער אויך דערגרייכן צו קענען אונדז ווייַזן ווי זייַן זון וועט זיך פאַרקוקן אויף זייַנע בלויע שטערן און זיי אַרייַנפינקלען אין דעם חלום פון די נייַע טעג אין דער אייגענער היים.

(1965)

מחשבות ביים לייענען "מיין טאַטנס פּרנסות"

פון משה יונגמאַן, (פאַרלאַג ישראל־בוך, תל־אביב, 1981)

א.

משה יונגמאַן, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער פּאָעזיע גלייך נאָכן חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך מיט זיינע ערשטע דריי לידער זאַמלונגען, "הגדה של פסח", "אין הינערפלעט" (אַרויסגעגעבן אין רוים אין 1946) און "אין שאָטן פון מולד" (אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אין 1954) געשאַפן אַן אויבנאָן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור דורך זיין ליריש פאַרטיפטן אויסדריקן זיינע איבערלעבונגען און מאַכן אַ חשבון פון זיין צייט. מיט די גאָר פשוטסטע פאָלקסטימלעכע מיטלען, האָט ער אויף אַ ראַפינירטן אופן געצאַמט אין זיך אפילו דעם שאַרפסטן אויפברויז און ביטערסטן טרויער וואָס איז גלייכצייטיק אָפּט באַגלייט געוואָרן מיט איבערראַשנדיקע אימאַזשן און ווערטער — פאַרבינדונגען און פריש נייע גראַמען. אפילו דער זייער אָפּט סימבאָליסטישער שלייער אין אַסך לידער, איז אַ קלאָרער און דאַרף נישט קיין פירוש, וואָרן ס׳איז אַ טייל אי פון זיין רעאַלן זען און גלייכצייטיק אַ שפּירן אין אַלץ דאָס אי־רעאַלע און מיסטעריעז נישט פאַרשטענדלעכע.

ס׳איז דעריבער פאַרן ערנסטן לייענער, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין די ווייטערדיקע לידער זאַמלונגען ווי "ווייסע טויערן" (1964), "שמייכלען פון ארץ הקודש" (1969), רעגנבויגן צו קאָפּנס" (1973), און "אין לאַנד פון אליהו הנביא" (1977), — נישט געווען קיין וווּנדער אויסצוגעפינען אַז צוזאַמען מיט דער פאַרברייטערונג פון זיין מיליע און פאַרטיפערונג פו זיינע טעמעס דורכן פאַרוואָרצלען זיך אין לאַנד, זאָל ער אויפן זעלבן אופן כסדר אָפּן און פאַרשטעלט דורך אַלוזיעס האַלטן אין מאַכן זיין חשבון מיט זיך און מיט דער וועלט ארום.

סיי די שטיינער און זאַמדן אין לאַנד אונטער וועלכע סע הויערן די פאַרגעסענע "אַמאָלן" און סיי דער געוואַלטיקער מסירת־נפשדיקער אויפבוי־דראַנג וועלכער רייסט זיך צו די ווייטע בלויע הימלען וואָס בלינצלען מיט "בלויע שטערן" וועלכע ער וויל סע זאָל רעגענען מיט זיי אויף אַלץ וואָס וואַקסט, זענען סימבאָליסטישע מיסטעריעזע פיגורן דורך וועלכע ער וויל ווערן איינס מיטן לאַנד. אין דער זעלבער מאָס און שפּירונג וויל ער געפינען און אַרויסברענגען דאָס וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אין לאַנד. ער גראָבט טיף אין די פאַלדן פון די זאַמד־דיונעס אין מדבר

און נייע געבייען אויף די בערג און טאָלן אַן אָרט צו פאַרוואָרצלען דעם גייסטיקן אוצר זיינעם פון יענער זייט ים און צייט, ווו ס׳זאָל אַרויסוואַקסן אַ סינטעז אַ נייער פאַראַנקערט אינעם יצירה־קוואַל וואָס האָט דערפירט און גענערט ביז אַהער.

אַלע פיר ביכלעך (דערשינען שוין אין ישראל), זענען פאַרפלאָכטן איינס מיטן אַנדערן נישט נאָר מיטן פרייען זיך מיטן ״ערשטן פאַרזיי״ צי מיט די ערשטע ״ליפּעביימער״ אין מיטן ברויז פון ״בית שאן״, ״בית־אל״ שטילקייט פון ״עבדת״ און ״עפרה״, נאָר אויך מיט די פלאָים פונעם ״אַמאָל איז געווען.״ מיט דער הייליקער נאָסטאַלגיע פון אַ שבת־צו־נאַכטס אין זיין היים־שטעטל ביי שלוש סעודות, צי ביי זיין רבינס טיש אין איינזאַפּן אין זיך די מעשות וועגן ״חוני המעגל״ מיט זיין עיגול אַרום זיך.

אין זיין ווונדערלעכער סעריע ״חוני המעגל״ (זע ״אין לאַנד פון אליהו הנביא״) טרויערט ער נאָסטאַלגיש:

...״ווי אַ בוים ביסטו געשטאַנען — אינעַנווייניק —
און געפּילט
ווי די וואָרצלען דיינע
ווערן אַלץ טיפער.
האָסט אויסגעשטרעקט די אָרעמס
צום הימל —
איז געפאַלן אַ רעגן;
האָסט אין זיך אַריינגעקוקט —
האָסטו געפינען די זון״.
ער ווייסט אָבער איצט, אַז
...״מיר זענען די קינדער
וואָס האָבן דיין קרייז
אַריבערגעהיפּערט״

ער האָט דעריבער מורא אַז

...״פון צופיל רייטוועגן —
האָב איך פאַרגעסן דאָס ליד
וואָס איז אין דיר געווען.
צי איז דאָס ליד נאָך דאָ?״

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע מורא איז נאָך אויף אַן אַנדערן אופן אויסגעדריקט אין די ״ווייסע טויערן״ ווו עס קומט צום אויסדרוק זיין פאַרכליניעטקייט מיטן גראַנדיעז נייעם ווערק פון בויען און איינוואָרצלען זיך אין לאַנד. סע צאַפּלט אין אים דאָרט אַן אָפענער פּחד פאַר דעם וואָס ער קען נישט נאָכלויפן זיין זון וואָס שפּרייזט מיט אַזעלכע גרויסע טריט אויפן שליאַך צום באַגראָזן און באַביימערן דעם מדבר און

אַריינשטעלן נייע שויבן אין אַלע הייזער אַז סע סטייעט אים מער נישט געדולד אומצוקוקן זיך אויף זיך און זיין וועלט וואָס קען חלילה אַזוי בלייבן אָן אַ יורש.

זיין אייגן פנים וואָס איז געשטאַלטיקט געוואָרן אינעם קרייז פון חוני המעגל, איז דאָך באַפליגלט און באַשיינט געווען מיטן ווונדער פון דעם לאַנד פון אליהו־הנביא, האָט ער מורא אַז טאָמער פאַרלירט ער עס, פאַרלירט ער אויך זיין אייגן פנים, זיין אייגן ליד.

אגב, דעם אליהו הנביא וואָס ער וויל דאָ צוריק ברענגען איז נישט דווקא דער וואָס אין תנ״ך, אַ צעבייזערטער, אַ מוראַדיקער שטראָפער און מקנא קנאת ה׳ צבאות, וואָס האָט נאָר איינמאָל מחיה מתים געווען און סוף כל סוף אַן אַנטרונענער אין דער מדבר זיך דערוווסט, אַז נאָר אין קול דממה דקה רוט דער סוד פון דער אייביקייט. זיין אליהו איז דער פאַרשווונדענער פייער־פלאַם אין דער פאַרהוילנקייט אַריין וואָס די שפעטערדיקע אגדה און פאָלקס־מעשה פון נוסח אשכנז, האָט איבערגעשאַפן אין אַ געשטאַלט פון אַ זיידן וואָס איז אָנגעברייט צו זיין דער אָנזאָגער פון דער גאולה. און — ביז דאַן? שפּאַנט ער אויף די אָפענע און פאַרבאָרגענע זאַמדיקע וועגן פון יידישע ישובים צעוואָרפן איבער גאַר דער וועלט מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און אָנגעשפיצטע אויערן אויף צו הערן פון וואַנען סע קומט אַ קרעכץ פון אַ געפייניקטן וואָס רופט נאָך הילף. (זע וועגן דעם אויך אין דעם ארומנעמענדיקן מאמר פון דר. ישראל שטערן (איש יאיר) וועגן משה יונגמאַנס שאַפן אין ״יידישער קולטור, סעפט. אָקט. 1981) דערפאַר ציטערט ער אַזוי אַז מיטן פאַרענדערטן פנים זיינעם זאָל אויך דאָס ליד פון חוני המעגל, זיין אליהו הנביא, נישט פאַרשווינדן פון לאַנד. פאַרענדיקט ער מיט אַמאָל דעם ציקל לידער אַזוי:

...״יעדער טאָג ברענגט מיך נעענטער צו מיין טאַטן.
אויך אַזאַ קליינער חוני המעגל געווען —
אַ פאַרטיפטער אין שווייגן,
זיין קרייז איז געווען דער קרייז
פון גראָז,
פון סטעזשקע און קלויז;
אין זיין קרייז האָט ער געקאָנט אַריינעמען
שטערן אין מעשהלעך.
שטענדיק ווען ער פלעגט ווערן מיד
פלעגט ער זיך איבערדעקן מיט אַ זאַק
פון בטחון —
כדי נישט צו זען די לעכער
וואָס וואַקסן אַלץ מער
אין זיין האַרץ״.

ב.

דערפֿאַר דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן, וואָס אין איינע פֿון זײַנע ווידמונגען דריקט ער זיך אויס:

..."ווען עס קײַקלען זיך נעענטער צו דנאָען די יאָרן, הייבט אָן צו רעדן וואַלד פֿון זכרון"... און די נײַע זאַמלונג לידער איז אינגאַנצן פֿון דער וועלט פֿון טאַטן זײַנעם דעם קדוש, וועלכער האָט אַ לעבן לאַנג זיך דערהאַלטן מיטן "זאַק פֿון בטחון" און

"מער ווי אַ בײַטש
זײַן אייגנס
האָט ער נישט פֿאַרמאָגט
נאָר סילענדיק די טרערן פֿון חצות
מיר פֿאַרירשנט
אַ מדינה."

דעריבער גייט אים אַזוי אין לעבן ממש, אַז דעם טאַטנס "סקריפּנדיקער וואָגן" וואָס איז געוועזן אַרומגערינגלט מיט אַזוי פֿיל פּחדים פֿון הוצולן פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן זאָל דאָ צוגעשטעלט ווערן צו אליהו הנביאס פֿײַער וואָגן, וואָרן ביידע דאַרף מען כדי צו קענען ווערן זיך און בייקומען די שדים, וואָלקולאַקן און דאָמאָוויקעס וואָס לויערן פֿון אינעווייניק און די הוצולן פֿון דרויסן; ביידע דאַרף מען כדי ווידער צו פֿאַרבינדן די צעפֿאַלענע שטיקער פֿון חוני המעגלס עיגול און ווידער דערווײַטערן דעם חזון פֿון אחרית הימים צוליב וועלכן מ'איז אויסגעשטאַנען אַזוי פֿיל פֿורעניותן.

צוזאַמען מיט דער הויך קינסטלערישער מדריגה פֿון פּשטות (פּאַשטעס) און אויסגעקלאָרטער פֿינקלדיקער ליריק וואָס יונגמאַן דערגרייכט אין "דעם טאַטנס פּרנסות" דורך איבעראַשנדיקע אימאַזשן און גראַמען, וואַקסט דאָס ווערק אויס אין אַ סילועט־אַרטיקן סימבאָל פֿונעם מיסטעריעז גרויליקן גורל פֿון ייִדישן לעבן צווישן די פֿעלקער ניט נאָר פֿון איין צײַט און אין איין לאַנד, ווען אין אַ מאָמענטאַלער פֿאַרצווייפֿלונג ווילט זיך זאָגן ווי די מאַמע זײַנע זאָגט ווען זי מעלקט אומזיסט די ציג אירע:

..."נישט ווערט די מי!
אַ גאַנצן טאָג זי קײַט אין קײַט
און מילך, כאָטש פֿון באַלקן צי!...

סע לעבט אין אים כסדר דאָס בילד ווי —

...״דער טאַטע שטייט אין בלויזן העמד
מיט אונטערגעבונדענע באַקן;
אַ שטויביקער וויכער ברענט
נאָך אַנטלויפנדיקע קאָזאַקן.
אויסגעלאָשן און שוואַרץ ווי קויל
גליווערן ווענט — קאַרפּאַטן״.

(פון ליד ״פּאָגראָם״)

ואף אל פּי כן, שליסט ער אָפּ ״דעם טאַטנס פּרנסות״ מיט דער זעאונג און ליד ״ליכט״, וואָס איז אַ מין אני מאמין וועלכער באַלויכט אַלע זיינע קינסטלערישע געראַנגלען פון פריער און איצט צו דערשלאָגן זיך צוריק צו די וואָרצלען פון ווייטן אַמאָל און דערהאַלטן זיי ווי אַ סם־מרפּא דורכן געלייטערטן זיכרון:

...״אָפּגילטן די שטיינער;
אַריינפלעכטן אין זיי בלומען;
אויסלעבן זייערע ווונדן
וואָס געבליבן פון אַלע משיחים;
טרעטן אויף זיי פריי
מיט אַ הויכן טראָט
און הערן אין זיי דעם אָפּקלאַנג
פון טאַטעס, זיידעס און אור־זיידעס
וואָס שפּאַנען ווי איך,
הויכע, פליעסקען מיט די הענט,
קנאַקן צו מיט פינגער אין טאַנץ;
זאָגן מיין טאַטן וואָס קוקט מיר
אַריבער דער פּלייצע:
״זע — נישט אין ווינאָזש דו ביסט
אין אוקראַינע
נאָר דאָ צווישן שטיינער
וואָס הייבן אָן בליען מיט ליכט
זע, טאַטע:
דו ביסט דאָס ליכט!״

ה. לייוויקס וועג צו גאַנצקייט

א

וואָס מער מ׳לייענט זיך אַריין אין דער ״גאולה קאָמעדיע״. אַלץ קלאָרער ווערט, אַז אין אָט דעם ווערק זוכט לייוויק צו געבן סך־הכלען, צו וועלכע ער איז לעצטנס געקומען אין זיין וועלט־באַטראַכט — און נישט נאָר ציען די ליניע פון שטעלן פּראָבלעמען, ווי אין ״גולם״ און ״קייטן״.

די ״גאולה קאָמעדיע״ איז אַ פּרווו פון שלום מאַכן צווישן קעגנזאַצן — נישט דורך באַקעמפן איינע אָדער די אַנדערע, נאָר דורך אויסשטעלן זיי אין באַשטימטע גראַדאַציעס, באַלויכטן זיי אַזוי, כדי ס׳זאָל קלאָר ווערן, אַז אַקעגנזאַץ איז נישט קיין אָפּפּרעג, — נאָר אַ מדריגה, וואָס מ׳מוז דורכגיין, כדי צו קומען צום גאַנצן. ס׳איז אינעם נוסח פונעם אַלט יידישן זאָג: לְבָל ידח ממנו נִדָח״, — ווייל, אַלץ וואָס געשעט איז נאָר אַ שטאַפּל, אַ מין דורכגאַנג און נישט קיין אייביקייט: אייביק איז נאָר דאָס געשעען אַליין, דורך וועלכן מיר דערזען דעם געשיכטלעכן גאַנג מיט אַלע די שטרויכלונגען און שווערקייטן, וואָס ליגן אויפן וועג. דערביי איז אָבער קלאָר, אַז קיין זאַך טאָר נישט פאַרדעקט ווערן, פּונקט ווי קיין זאַך קען נישט אויסגעמיטן ווערן.

פון אויבנאויף קען זיך אפילו אויסדאַכטן, אַז דאָס דאַרף פירן צו אַ מין פאַטאַליסטישן באַנעמען די וועלט, פון וועלכן מ׳קען זיך גאָר נישט אויספּלאָנטערן. אין דער אמתן, אָבער, איז עס בלויז אַ זען די וועלט אָן ראָזעווע ברילן און אַ גענערט ווערן פון אַ טיפן פאַרשטיין, אַז קיין זאַך געשעט נישט צופעליק און איז אויך נישט דאָס לעצטע וואָרט: נאָר דורך אָפן קוקן איז פּנים פונעם מענטש — דעם געשטאַלטער פון דער געזעלשאַפט: נאָר דורך דערזען זיינע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן: נאָר דורך באַנעמען זיין פיל געשטאַלטיקייט, קען מען קומען צום האָפענונגס־פולן גלויבן: — ווען אַלע גלוסטונגען און וועלענישן וועלן אויסגעלעבט ווערן, ווען אַלע שוידערלעכקייטן וועלן זיין אַדורכגעגאַנגען, וועט זיך אָפּ־שטעלן דאָס גאַנצע, וואָס האַלט איַן, שאַפט דעם לעבעדיקן מענטשן, וועל־כער וועט נישט זיין ״איינער״ און נישט ״מאַסע״, נישט בלויז גייסט און נישט בלויז מאַטעריע: נישט הוילער רחמנות און נישט דער היפּוך דערפון — נאָר דאָס אַלץ צוזאַמען. זיין ליד וועט שוין דאַן זיין נישט כולו חייב אָדער כולו זכאי, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש, וואָס מיר קענען נאָך אפילו נישט אַנען.

אַזוי געזען — איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס ווערק מוז, נישט נאָר וואָרצלען אין די טיפסטע טיפענישן פון דעם געשיכטלעכן איבערלעבן אונדזערן, נאָר אויך אין זיינע צווייגן — אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן. זיין אויסגאַנג־ליניע דאַרף זיך אַריינרייסן אין דער גאָרער ווייטקייט אַריין.

ב

די סימבאָלן, וועלכע לייוויק באַנוצט, זענען אַלט לויט זייער לבוש. לויטן תוך אָבער — זענען זיי פונקט אַזוי איצט ווי נעכטן, ווי מאָרגן: אויב מ׳קען דורך זייער האַנדלען דערזען אויך אונדזער צייט, דערפילן אונדזערע איבערלעבונגען — מיינט עס בלויז, אַז אונדזער צייט איז אַ גליד און אַ שטאַפּל אינעם אייביקן גאַנג, אינעם שטענדיקן געראַנגל פון ווערטן, אינעם אייביק מענטשלעכן אָנשטרענגען זיך צו דערגיין אַ טאָלק.

ס׳איז דעריבער מער ווי נאַטירלעך די סכעמאַטישקייט פון די טיפן. ס׳ווערט ממש אַ קינסטלערישער מוז, ווייל יעדער טיפּ דאָ איז קווינטעסענץ נישט נאָר פון זיך אַליין, נאָר אויך פון אַ דור, אַן עפּאָכע און איז אויך אַ ליניע דורך דורות, עפּאָכעס. מ׳קען דאָ נישט צוגיין מיט דער מאָס פון קלאָרקייט, ווייל ס׳איז שוין גאָרנישט אַזוי קלאָר דער סדר פון צייטן.

יעדע געשעעניש אין דער וועלט פאַר זיך אַליין, קען זיך טאַקע זיין גאַנץ קלאָר, אָבער אין דער פאַרבינדונג, אָדער אָפּבינדונג מיט אַנדערע געשעענישן, דאַרף מען ערשט די קלאָרקייט אַרויסברענגען... און אויב מיר קענען נאָך דורך "איינציקע" אָדער "מאַסן" געבן אַ "שטיק לעבן", איז דאָס שוין נישט מעגלעך ווען מ׳וויל געבן געשעענישן, וואָס זענען נישט געבונדן דווקא מיט איין שטיק לעבן. אזא געשעעניש לאָזט זיך נישט אַרויסברענגען דורך אַ טיפּ אָדער טיפּן, ווייל יעדער איינער פאַרמאָגט בלויז אַ פּינטעלע, א ניואַנס פונעם גאַנצן און איז נישט דאָס גאַנצע אליין. כדי צו געבן דאָס, מוז מען געפינען אַזאַ מעדיום, וואָס זאָל אין זיך האָבן איינגעזאַפּט אָט די אַלע פּינטעלעך: און צו דעם איז צום פּאַסיקסטן דער סימבאָל, וואָס איז, ווי דער מיטאָס, דער קווינטעסענץ פון זאַכן און געשעענישן — כאָטש נישט די זאַכן אַליין, די געשעענישן אַליין.

אמת, דורך דעם ליידט דאָס לעבעדיקע בילד, דאָס קאָנקרעטע, וואָס מיר נעמען געוויינטלעך אויף אין פאַרבינדונג מיט צייט, סביבה, קאָליר און ענלעכע אַטריבוטן, — געווינען מיר אָבער דערביי אַן אַריינבליק אין יענע טונקלקייטן פונעם מענטשלעכן האַנדלען, אין די קאָמפּליצירטקייטן פון אונדזער זיין, וועלכע טראָגן זיך איבער פון צייטן צו צייטן אין די פאַרשיידענסטע לבושן און פאָרמען.

די, פון דער פאַנטאַזיע געשפּונענע פיגורן אָדער סימבאָלן העלפן אונדז דערזען דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס אייביקע, וואָס טראָגט זיך איבער צייט און איבער אָרט, בייט זיך כסדר און איז פאָרט דאָס זעלבע — שפּראָצט פון די זעלבע וואָרצלען.

דערפאַר, דאַכט זיך מיר, זעט מען ביי לייוויקן אַזאַ מין דערשיינונג: אין "גולם", "קייטן" און "גאולה־קאָמעדיע" — וואָס נעמען אויף כמעט דיזעלבע פּראָבלעמען און בילדן אַ געוויסע גאַנצקייט, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער, — ווערן די טיפן מיט יעדן נייעם ווערק אַלץ סכעמאַטישער אָבער די אידייען און געשעענישן אַרום זיי קלאָרער און פאַרטיפטער, ווייל די טיפּן ווי לעבעדיקע ווערזנס זענען דאָ נאָר די אויסדריקער פון דעם געשען, די מעדיומס, דורך וועלכע לייוויק זוכט אַריינצוקוקן אין די נצחונות און מפּלות פון דעם מענטשן אין זיין שטענדיקן גאַנג צו אחרית־הימים.

פאַרשיידן זענען די וועגן, דורך וועלכע דער מענטש דאַרף זיך דורכקריגן, אָבער דער ווילן — דערזעלבער: צו געפינען דעם וועג אויף וועלכן ס'זאָל קענען גיין דער באַפרייטער מענטש אָן זיין שאָטן — דער שקלאַף: אַ פרייער מענטש — אָן בלוט־פלעקן אויף זיין נשמה.

די סטעשקעס, וואָס פירן צו דעם וועג, זענען אויך פאַרשיידן און פאַרפּלאָנטערט, ווי פאַרשיידן און פאַרפּלאָנטערט עס זענען די מענטשן און זייער געזעלשאַפט. נעמט מען דערפאַר אָן די פאַרשיידנסטע מיטלען, און דערפאַר אַזוי פיל דורכפאַלן. פון אויבנאויף קען זיך דאַכטן אז ס'איז בלויז די מענטשלעכע בלינדקייט וואָס פאַרפירט. אין דער אמתן, אָבער מוז מען די אַלע וועגן דורכגיין, ווייל אויף יעדן איינעם פון זיי ליגט אַ פינטעלע, וואָס איז נויטיק.

באַלייכטן די סטעשקעס מיינט אויסגעפינען די פינטעלעך, די ליכטפלעקן, וואָס דאַרפן שאַפן דעם גרויסן לייכטטורעם, דורך וועלכן מיר וועלן ווען־עס־איז אָנקומען צום געגאַרטן לאַנד. קינסטלעריש דאַרפן די אַלע סטעשקעס אויפגענומען ווערן ווי דורכגאַנגען, וואָס קייטלען זיך אונטערערדיש און פלאַסטערן אויס דעם טראַקט אפילו דורך די בלאָנדזשענישן.

געבן דאָס דורך קאָנקרעטן, וואָלט געמיינט נעמען בלויז טיילן: דער סימבאָל אָבער, וועלכער איז אויסגעאַרבעט דורך דורות, איז אַ סך קאָנקרעטער און בילדערישער. די אויפגאַבע איז דאָ אַרויסצוטראָגן דעם סימבאָל אַזוי, אַז ער זאָל אריבערקוקן צייטן און אין דערזעלבער צייט וואָרצלען טיף אין זיי.

אין די אויבנדערמאָנטע דריי ווערק בליקט לייוויק אַריין אין די געשעעענישן: און פונקט ווי אין זיינע לידער, קערט ער זיך כסדר אום צו זיין סיביר — אַזוי אויך אין די דראַמאַטישע פּאָעמען, קומט ער צוריק צום גולמס חלום. בעסער, צו אונדזער חלום ווי אויסנוצן דעם גולם, כדי פון אים פטור צו ווערן אינגאַנצן...

יעדער ווערק איז געבויט פאַר זיך. די טעמאַטיק אַן אַנדערע. אַן אַנדער קינסטלערישע באַאַרבעטונג, אָבער דאָס וואָס סע קומט צו, איז בלויז אַ דערגאַנצונג צום פריערדיקן און אַ בריק צום ווייטערדיקן.

אין "גולם" נעמט לייוויק אויף דעם פּראָבלעם דורך אַ היסטאָריש קאָנקרעטער סביבה; אין "קייטן" — אין ליכט פון היינטיקער ווירקלעכקייט, און אין דער "גאולה־קאָמעדיע" — אין אַן איבער־רעאַלער אַטמאָספערע, וואָס איז נישט ווירקלעכקייט, אָבער וואָרצלט טיף אין אַלע ווירקלעכקייטן און נאָר פון איר וואַקסט זי אַרויס.

אין "גולם", איז דאָס פּראָבלעם אַזוי: איבערן פאַרפייניקטן ייִדישן לעבן הענגט אַ האַק. די האַק פון שונא, וועלכער נוצט זי אויס ביי יעדע געלעגנהייט. באַפרייען זיך פון איר — לערנט דער גלויבן פון פאָלק — וועלן מיר זיך נאָר דאַן, ווען די האַק וועט אויפהערן צו עקזיסטירן, ווען קיין שונאים וועלן בכלל מער נישט זיין, ווען קיין שנאה וועט נישט עקזיסטירן.

דאַרף מען זיך צו דעם גרייטן, אַלע האָפענונגען אָנצילן אויף אָט דער צייט און מיטן כח פון דער האָפענונג אָנהאַלטן און אויסהאַלטן. גיט עס טאַקע כח, נערט עס אַ ווייטן חלום, אָבער דערווייל, —

דערווייל איז דער פּחד גרויס. דאָס אַריינקריכן אין זיך — שווער און ווייטיקדיק, און אַז מ׳שפּרינגט שוין אַמאָל אַרויס, איז עס דורך משוגעת אָדער קידוש־השם. איז עס אָבער דאָך איןביידע פאַלן נאָר אַ פאָרם פון פאַרגעסן זיך, ווייל אפילו קידוש השם איז דאָך אויך נאָר אַ אויף אַ מינוט, אייביק קען עס נישט אָנהאַלטן. מ׳קען נישט זיין קיין קדוש יעדן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר: און ווידער, קידוש השם איז דאָך נישט לעבן... און יעדער לעבעדיק וועזן וויל קודם כל לעבן. איז ווי זשע לעבט מען איבער?

פּלאַצט טאַקע אַמאָל ס׳געדולט אויך. האָט עס ביי איינעם געפּלאַצט. "אויפכאַפּן די האַק — באַשליסט דער פּראָגער רב — און מיט דערזועלבער האַק געבן דעם שונא איבערן קאָפּ. "שלעבטס — באַשליסט דער פּראָגער רב באַקעמפן מיט שלעבטס. נישט וואַרטן ביז די זינד וועט אויפהערן, נאָר נעמען אויסראָמען די זינדיקע. צום ענדציל וועט עס טאַקע נישט פירן, אָבער ,חיי־שעה, אַביסל אָפּאָטעמען זיכערער — וויסנדיק אַז ס׳איז דאָ ווער, וואָס גיט צוריק, וואָס מאָנט אויף אַן אויג פאַר אַן אויג, לעבט אויס די תאווה פון נקמה.

ווער זשע זאָל עס טאָן ? דער, וואָס דאַרף אײַנגאַנצן אָפּשאַפֿן די האַק ?
— דער דערוואַרטעטער משיח ? ניין, ער טאָר זיך צו דער האַק נישט צורירן. דער פּראָגער רב מיינט אפילו, אַז יענער טאָר בכלל נישט זען דעם פּײַן פון דער וועלט מיט די אייגענע אויגן, ווײַל דאָס רחמנות צום געפּלאָגטן קאָן אים נאָך אַזוי איבערנעמען, און ער וועט, חלילה, מיט עפּעס שלעכטס ענטפערן — לויט זיין ערשטן אימפולס — און דאַן וועט דאָך אין אים אַליין שוין זיין אַ טייל פון דער האַק... פאַרטרייבט ער אים דערפאַר פון די גרענעצן פון פּראָג. זאָל ער בעסער ליגן אין די מדבריות און דאָרטן חלומען דעם חלום פון צייטן, אָן העק, פון א יום שכולו שבת. זאָל ער דאָרטן וואַרטן ביז מ׳וועט אים רופן, ביז אַלע וועגן וועלן שוין זיין גערייניקט פאַר אים.

אַן אנדערן וועט ער ברענגען, אַ געוועזענעם הויפן־ערד וועט ער לעבעדיק מאַכן. אָט דער הויפן־ערד, וואָס ליגט אין עק־שטאָט פאַרלאָזן פון אַלעמען, דאַרף געקנאָטן און אויסגעפורעמט ווערן אין א געשטאַלט פון א מענטשן, און טאַקע בלויז אין אַ געשטאַלט, ווײַל זיין נשמה, זיין לעבן וועט ער — דער פּראָגער רב — האַלטן אין די הענט און קערעווען ווו ער וועט וועלן. אָט דאָס געשטאַלט, דער גולם, וועט טאָן דאָס, וואָס מ׳דאַרף: אויפכאַפּן די האַק.

דער גולם מעג, — ער איז בלויז אַ שליח אויף אַ ווײַל : און ווען ער וועט אָפּטאָן זיינס ? וואָס דאַן? — ציטערט ער טאַקע דערפאַר, דער פּראָגער רב, אָבער ער האָפט.. און דער עיקר, — ער ווייסט, אַז קיין אנדערע ברירה איז איצט נישטאָ. נעמט ער עס אָן און גלויבט און האָפט, אַז נאָכדעם, וועט מען זיך צוריק אומקערן צו דעם, וועלכער אײַנזאַמט אין דער מדבר, און איז דער, וואָס וועט קומען צו זיין די דערפילונג פון אייביקן האָפן.

האָט אָבער דער מהר״ל פאַרגעסן אַ קלייניקייט, ער האָט פאַרזען אַז ביז וואַנען דער הויפן־ערד ווערט לעבעדיק, דאַרף ער, דער באַשאַפער, טראָגן אין זיך די רציחה, וואָס ער דאַרף אים איבערגעבן, און ווי וועט ער זיך שפּעטער אָפּטשעפּען פון איר ? און ווידער, ווען דער גולם וועט איבערנעמען דעם פּראָגער׳ס רציחהדיקע אויגן, וועט ער דען נישט מיטנעמען עפּעס פון דעם פּראָגערס מענטשלעכע אויגן ? וועט ער דען אויך דאַן זיין צופרידן פון זיין בלויז אַ שליח ?

וואָס־זשע איז געוועזן דער סוף? א ווײַל איז מען טאַקע ניצול געוואָרן. די שרעק איז אָבער נישט אינגאַנצן אַוועק און מיט קיין איין טראָט איז מען נישט נעענטער געקומען צום פאַרניכטן די האַק. פאַרקערט, די האַק האָט זיך גאָר אַ הויב געטאָן אויף די אייגענע קעפּ... איז זי דאָך פאָרט געלעגן אין

דער האַנט פון איינעם אָן אחריות, בלויז אַ שליח, וואָס ווערט געפירט. לאָזסטו אָפּ אויף א סעקונדע די פירנדיקע האַנט, און שוין פּאַכעט זי איבער אַלץ און אַלעמען אָן חשבון און אָן זין.

קומט עס אויס, ווי אין יענעם תלמודישן מעשהלע: צום רב פון שטאָט, א גרויסער תנא, איז אַ טייוול געקומען צו חלום און אים געוואָרנט: זאָלסט וויסן זיין, אַז אין דעם שטאָטישן ברונעם, וווּ איך ווין שוין פון קדמונים, וויל זיך באַזעצן דער טייוול בן—תמליון, דו ווייסט דאָך, אז איך האָב קיינעם נישט געטשעפּעט, ער אָבער וועט אלעמען מזיקן, ווייל זיין עובדא איז מזיק צו זיין. — וואָס־זשע ווילסטו, — פרעגט דער רב. — איך וויל, — זאָלסט מיר העלפן פאַרטרייבן בן־תמליונען. ווי זשע קען איך דען העלפן דיר, אַ שד? — קלייב אויס, אָדער בן תמליון און א שטאָט וועט ניזוק ווערן, אָדער דו העלפסט מיר, טאַקע אַ שד אָבער אַ גוטער... — וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן? — א קלייניקייט, איר גייט ארויס אין די גאַסן און שרייט: אונדזערער האָט געזיגט, אונדזער טייוול האָט געזיגט. דאָס וועט מיר געבן כח אים בייצוקומען.. האָבן זיי אזוי געטאָן, אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן און געשריגן: אונדזערער האָט געזיגט, אונדזער טייוול האָט געזיגט...

וווּ־זשע איז טאַקע די גאַראַנטיע, אַז אונדזער טייוול, וואָס שלאָגט דערוויל בן תמליונען, זאָל נישט נעמען שלאָגן אויך אונדז? — טאַקע נישטאָ, בלייבן מיר פאַרציטערטע. "ווער האָט דיין פּנים אַזוי פאַרקרימט? — צאַפּלט זיך דער פראָגער רב. ווער? קיינער נישט. ס'איז נאָר זיין אייגן פּנים, וואָס ער האָט אָנגעטאָן, ווי נאָר דער מהר"ל האָט אים געלאָזט אויף אַ מינוט אַליין. פירט לייוויק אַוועק דעם גולם אין דער הייל, און ס'קומט אויס, אַז דריי אויסלייזער האָבן זיי געדאַרפט זיין: דער מענטש מיטן קרייץ, וואָס קען בלויז שטאַרבן פאַר יענעם און איז אין דער אמתן געשטאָרבן בלויז פאַר זיך. נו, טראָגט ער זיך מיטן קרייץ, איז עמעצן לייכטער געוואָרן דערפון? איז עמעצער אויסגעלייזט געוואָרן? — "אָ, אַ טויטקייט יאָגט פון דיר, מאַן מיטן קרייץ": און דער, וואָס טאָר קיין האַק נישט הייבן, איז אזוי ווייט, א פאַרטריבענער, אַ באַשפּיגענער און פאַרוווּנדיקטער. "אָ אַ פוילקייט טראָגט פון דיר!" וואָס קען ער, משטיינס געזאָגט, העלפן? — בלייבט דער גולם מיט דער האַק. איז ער אָבער אַזוי צעקרימט. אמת, ער קען האַקן קעפּ, אָבער ער טוט עס, נישט זייענדיק אַליין דערביי. (ער דאַרף דאָך אָן אינו נראה צו הילף.) זיין טוען, איז אָן אַ צוועק און זין. אויף אים, וואַרט דאָך קיינער נישט, ער איז דאָך בלויז א שליח, צו וואָס־זשע זאָל ער זיך אָנשטרענגען? און אויב שוין יאָ אָנשטרענגען זיך און טאַקע אליין מיטן אייגענעם ווילן עפּעס טאָן, ווו איז די גאַראַנטיע, אַז קיין אייגענע קעפּ וועט ער נישט האַקן? — נישטאָ טאַקע.

האָט די לעגענדע אויף אים, דעם אַליין־געבראַכטן — צוריקגעשיקט אויפן בוידעם און צוגענומען דעם שם־המפורש... איז עס אפשר אַן אידעי־שער אויסוועג אבער איז עס אויך אַ קינסטלערישער אמת? איז עס אַ לעבעדיקער אמת? — ניין, דער גולם לעבט און פאַרמאַכט נאָך אַלץ און עפנט די לאָדנס פון פראָג.

ענדיקט זיך "דער גולם" אין פארצווייפלונג, ווייל ס׳איז געזען יעדן איינעם פון די דריי אָפּגעזונדערט און פאַר זיך.

ג

אין "קייטן" פירט אונדז לייוויק צוריק צו ווירקלעכקייט — צו סיביר. נישט די טעמע און אוודאי נישט די באַארבעטונג, האָבן אַ דירעקטע שייכות צום "גולם", אָבער פאָרט איז עס דערזעלבער פאָדים, איבערגעטראָגן פון דער יידישער צו אַלעמענס געטאָ.

איינגעשלאָסן אין תפיסה זיצן זיי, די באַפרייער. איבער אַלעמען דער זעלבער גרויל און דיזעלבע אימה — איזאָלירט און פאַרפּיניקט. ווייסן זיי, אַז אין דרויסן קאָכט און רוישט אַ לעבן, וואָס דאַרף זיי האָבן, וואַרט אויף זיי צו העלפן אַראָפּוואַרפן דעם יאָך, רייסן זיי זיך צו דעם. דער עלנט אָבער און די ענגשאפט מאַכט זיי פארביטערט, שלעכט. שפּיצט צו דאָס ברוטאַלע אין זיי: אויבנאויף הערשט אַ קאָמונע, אינערלעך אָבער איז יעדער איינער אַליין, די ווירקלעכקייט איז אַזאַ וואָס טיילט די קאָמונע אויף "הינטער־נאַרעדיקע" און "אויבן־נאַרעדיקע", מוטלאָזע און בראַווע, אָפּגעפאַלענע און זיך האַלטנדיקע, קראַנקע און געזונטע. דער כח, וואָס דאַרף העלפן באַפרייען, איז אַ צעברעקלטער. די קאָמונע צעפאַלט זיך צוליב אינערלעכער שוואַכקייט. נישט קיין הילף זענען זיי איינער צום אַנדערן, נאָר אַ לאַסט. עס באַוועלטיקט זיי דאָס געפיל פון פאַרביטערונג: קענען זיך מער נישט פאַרטראָגן און זוכן זיך איינס דאָס אנדערע ווייַ צו טאָן, שוין אפילו נישט פילנדיק...

באַשולדיקן איז דאָ נישט שייך, דאָס איז די ווירקלעכקייט, די זעלבע ווירקלעכקייט צווינגט אַרויף אויף לעווינען — דעם קלאָרן און גראַדליניקן — אָנצונעמען דעם קרבן פון דניאלן — דעם ליכטיקן און נאַיוו־גלויביקן, — ער איז געצוווּנגען צו זיין צופרידן, אַז דניאל זאָל גיין אין קאַרצער פאַר אים, זיין לערער און חבר. געצוווּנגען, — ווייל אַניט, וועט דער גאַנצער פּלאַן צו אַנטלויפן צונישט ווערן... און דיזעלבע ווירקלעכקייט איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טרעטן איבער קראַנקע חברים ביים אַנטלויפן. ס׳איז נישט קיין ראַטעווען זיך ווער ס׳קען, נאָר פשוט — די, וואָס קענען

לויפן, זענען נויטיקער... דאָס איז דאָס אייזן פון דער ווירקלעכקייט, וואָס בריט מיט גרויזאַמער קעלט, און מ׳מוז זיך מיט דעם רעכענען. מיט ״סענטימענטאַליטעט״ ווי מענטשלעך זי זאָל נישט זיין, וועסטו פון טורמע זיך נישט באפרייען, וועסטו קיין פירער פון אַן אויפשטאַנד נישט זיין. דער, וואָס האָט דעם ציל פאר די אויגן און דעם מוט אויך, דער גייט און נעמט און פירט. ווו? — מיר דארפן בלויז אָנהויבן. דאָס געדולד האָט געפּלאַצט און נישטאָ מער קיין צייט צו וואַרטן. לעווינע שטעלט אויף דער איינציקער און לעצטער קאָרט. — אַ שפיל ״וואַ באַנק״? — יאָ: סאיז אַוואַנטיורע אָנצוהויבן אַן אויפשטאַנד ערגעץ אין אַ העק? — יאָ: סאיז אַוואַנטיורע אָנצוהויבן אַן אויפשטאַנד ערגעץ אין אַ העק! — אָבער, ווען־עס־איז מוז מען דאָך אָנהויבן! אויסרעכענען צום פּינטל וועט מען סייווי קיינמאָל נישט קאָנען, פאַרוואָס נישט פּרווון שוין? — ס׳וועט קאָסטן בלוט? אומזיסט בלוט? — וואָס קאָסט דען נישט? הויב די האַק און פאַרמעסט זיך!

דניאל אָבער קען מיט דעם נישט שלום מאכן. גאנץ אנדערש האָט ער עס זיך אויסגעמאָלט: אין זיין חלום וועגן אחרית הימים האָט ער געזען, אַז מ׳דאַרף דאָס אַלץ, כדי צו הייליקן דאָס מענטשלעכע לעבן, דאָס מענטשלעכע זיין. אָבער מפקיר זיין? עס שווידערט אים, און ער איז דערפאַר דער ערשטער צו גיין צוריק אין טורמע, די אויפגעכאַפּטע האַק הויערט שוין אויף אייגענע קעפ. די זעלבע נאַרע גראַמער נאָר אַביסל. די זעלבע קאמער — נאָר מיט אויסגעהאַקטע פענצטער נאָך, — מ׳האָט דאָך געמיינט, אַז מ׳וועט זי נישט באַדאַרפן: אפילו די זעלבע גנבים פאַר מיטזיצער. נאָר איינס האָט זיך געענדערט: די היטער זיינען אַנדערע: נאָענטע, אייגענע חברים: און ביידע זענען אומגליקלעך, די היטער — וואָס מוזן זיין וועכטער, און די געהיטענע — וואָס ווערן נאָכאַמאָל די קרבנות, נאָר שוין אויפן אליין אויפגעשטעלטן מזבח. ווו זשע איז דער אויסוועג?

דערווייל נישטאָ נאָך. די ווירקלעכקייט האָט קיינעם קיין גערעכט נישט געגעבן. אַן אנדער כוח, שטאַרקער פון זיי ביידן, האָט געזיגט. די האַק איז ווידער אין דרוזשינינס האַנט.

פאַרן אָפּגעטוענעם דאַרף דאָך אָבער עמעץ צאָלן, צאָלט דער, וואָס איז מער פאַראַנטוואָרטלעך — צאָלט לעווינע. ער קויפט זיי אויס מיט זיין לעבן. העראָיזם? גרויס? ניין, נישט קיין העלדן־שפּיל. אַ נייער קידוש השם בלויז, וואָס איז, ווי יעדער קידוש השם, נישט אויסגעפּלאַנירט פון פריער, נאָר אַ מוז און אַ זכיה.

פאלן אַוועק אין ליכט פון דעם זכות דניאלס אַלע טענות, ווייל מיט זיין לעצטן טאַט איז לעווינע אַליין געוואָרן אַ שטיק דניאל: שיינט פאר אונדז אויף דאָס האַרטע פּנים פון לעווינען אין אַן אַנדער ליכט: די מאַכט

וואָס ער האָט זיך גענומען, זי באַנוצט — — איז צוליב דעם ציל, נישט צוליב מאַכט, אָבער פּאָרט שטייט די פראַגע ווי פריער: באַנוצסטו נאָר די האַק, איז זי דאָך עלול צו האַקן די אייגענע קעפּ אויך, וויפל זשע וועט מען פאַר דעם דאַרפן צאָלן?

דורך "קייטן" ווערט אויפגעהויבן דער שלייער איבער אַ פאַרהייליקטן "טאַבו" און באַוויזן מענטשן אין זייער נאַקעטקייט, בייזקייט און קליינקייט צוליב נויט, און די שווערע נסיונות, וואָס שטייען אויפן וועג צו דער גרויסער טאַט. גאָר אָפט ווערט פאַרטונקלט דער אמתער שיין, וואָס באַלייכט דעם וועג צו גאולה. בלויז דורך קידוש השם ווערט דער וועג צוריק געלייטערט.

איז אָבער געפונען געוואָרן דער וועג, אויף וועלכן דניאל און לעווינע זאָלן קענען גיין געאַרעמט דורך לעבן? — ניין.

איינס אָבער איז יאָ קלאָר געוואָרן: צוריק אויפן בוידעם, ווי דער גולם, קען מען מער נישט גיין. דעם מהר"לס "אויסוועג" איז שוין פאַרוואַקסן, מ'קען אים מער נישט גיין. דעס מהר"לס "אויסוועג" איז שוין פאַרוואַקסן, מ'קען אים מער נישט באַטרעטן. ס'מוז אויסגעטראָטן ווערן אַ נייער וועג, אַ נייע דערקענטעניש. אויף לעווינעס אָרט וועלן אנדערע קומען און פאַר זיי מוז געפונען ווערן דער אויסוועג.

אויך פון "קייטן" ציטערט אַרויס דערזעלבער אומרו: ווער קען ראַטעווען? ווער דאַרף ראַטעווען? נאָר מיט אַ ניואַנס: ווי אַזוי ראַטעווען?

ד

אין "גולם" זעען מיר דאָס פאָלק נאָר דורך זיין פּחד: אין "קייטן" — דורך זיין ציטערן טאָמער פאַרשפּעטיקט מען: אין דער "גאולה קאָמעדיע" הערן מיר שוין דאָס געשריי פון פאָלק און זיין ווילן, נאָר דער ווילן ווערט געשליידערט פון כאַאָס, אין וועלכן משיחס צייט איז אַריינגעוואָרפן.

ס'איז די צייט פון ערב אחרית הימים, נישט קיין געבונדענע מיט איין ווירקלעכקייט, נאָר אין אַלע ווירקלעכקייטן. אַלע מאָל איז ערב, קיין איין סעקונדע האָט זיך נאָך דער גאַנג צו אחרית הימים נישט אָפּגעשטעלט, אויף קיין איין סעקונדע וועט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּשטעלן. ס'איז אַזוי דער סדר פון צייטן. ווער האָט דאָס אזוי אַוועקגעשטעלט? ווער קען דען געבן דעם קלאָרן באַשייד? נאָר שפּליטערן פון מענטשלעכן איבערלעבן דערציילן אין האַלבע ווונקען און אָנדייטונגען: האַרט ווי דער שטיין און אייביק ווי די באַוועגונג איז דער ווילן צו אַנדערשמאַכן און ערגעץ אָנקומען. ווער סע דערהערט דעם טאָן, דער שפּילט אים אויס און גייט מיט:

וועמ סאיז טויב צום קלאַנג פון צייטן, מוז פאַרשווינדן. דאַרף מען קענען אַריינקוקן דעם ספינקס אין די אויגן אַריין און אַרויסלייענען דעם סוד. ווער ס׳קען דאָס, איז אַליין געהאַרטעוועט ווי שטיין און ווי די צײַט. ס׳איז דער נביא פון צייטן. סע בייטן זיך גורלות און מיט זיי זיין נביאות. ער אַליין אָבער איז אייביק ווי זיין זיך בייטנדיק וואָרט, וואָס איז אויך אַ טייל פון דעם כאַאָס אין דעם שטענדיקן ערב. ער איז נישט נאָר אַן אָנזאָגער, נישט נאָר דער גלאָק פון צייטן, נאָר אויך דער אויספירער — דורך זיין וואָרט. דער אמתער שליח איז ער, וועמעס שליחותן לאָזן זיך גאָרנישט אויס. ווי נאָר ס׳ענדיקט זיך איין שליחות, דערהערט ער־שוין דעם טאָן פון אַ נייער. שווידערלעך צו קוקן דעם ספינקס אין די אויגן, אָבער ער איז דאָ סיי־ווי — וויפל מ׳האָט אים נישט אוועקגעשטעלט ביי די זאַמדן פון מדבר, איז ער אַלץ מיט אונדז און דעקט אויף דעם סוד פון צייטן. מ׳מיינט אַז ער איז כסדרדיקער פאַרראַט, פונדעסטוועגן וויל יעדער הערן זיין וואָרט, ער אליין אויך.. סוף כל סוף זענען מיר נישט די גאַנצע באלעבאטים איבער זיך.

מוז דאָך אַמאָל קומען אַ מאָמענט, ווען פחד און ציטער פאַר־פאַרשפעטיקן, זאָל אַרויספלאַצן, און אַ שטורעם טאָן אזוי אַז דער גולם אויפן בוידעם זאָל זיך אויפכאַפּן, און מיט אים — זיין חלום און בענקשאפט נאָכן דערלייזער, וואָס מ׳האָט פאַרטריבן אין די מדבריות. גייט ער נאָך אים אין דער מדבר אַריין און פירט אים אַריין אינמיטן פון דער ערבוביה: ס׳איז אים אינגאַנצן נישט קלאָר, וואָס וועט זיין דער וועג פון בן־דוד׳ן, בלויז די בענקשאפט פירט אים צו אים, און — מער וועט ער זיך שוין נישט אָפּשרעקן פאַר אַ מהר״ל, ער איז געקומען אויף צו פארבלייבן. מער וועט ער שוין נישט זיין אין דרויסן פונעם געשען נאָר אַ טייל, אַ שטיק פון אלץ זאָל געשען וואָס ס׳דאַרף.

איז טאַקע געווען זיין אָנוועזנהייט בלויז צו באַוועגן אַלעמען צו אַן אויפשטאַנד און באַפרייען בן־יוסף׳ן אָט דעם אויסדרוק פון געפּלאַצטן געדולד, וואָס האָט ווי יאָסעלע אַמאָל אויפגעכאַפּט די האַק און פאַרמעסט זיך איבער שונאס קאָפּ. וואָלט זיך דאָ געקענט, געדאַרפט אפשר ענדיקן די שפּיל אָדער אָנהויבן די גאולה, — אָבער פונקט ווי יאָסעלע אַמאָל וויל ער נישט בן־יוסף זיין בלויז אַ פאָרגייער. ביים אָפּטאָן דאָס זייניקע, קען ער נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיין צייט איז אַריבער. אַמאָל האָט יאָסעלע געבעטן צו זיין כאָטש אַ מיטגייער מיטן מהר״ל, איצט וויל דאָס בן־יוסף נישט. כאָטש בן דוד וואָלט װעלן ס׳זאָל זיין ווי אין אָנהויב. בן־דוד מיט זיין אָנוועזנהייט און בן־יוסף מיט דער אָפּגעטוענער שליחות...

ער וויל נישט, ווייל — צו לאַנג איז בן־דוד געווען אין דער מדבר און ער ווייסט נישט, אַז דאָס פאָלק, אפילו יאָסעלע, וואָס האָט אין חלום און

אין גרויס בענקשאַפט אָנגענומען דעם אויסזען פון בן־דוד, דאַרפן אויסלעבן אַזוי פיל תאוות: דאַרפן אָפּצאָלן פאַר אַזוי פיל פּיין, פּחד און ציטער. פאַר זיי איז בן־יוסף דער גורל: האָט ער דען נישט געגעבן אַלץ נאָך וואָס מ׳האָט אַזוי געלעכצט? האָט ער דען נישט מיט זיין אייגן בלוט באַצאָלט פאַר אַלץ? האָט ער דען נישט אַלץ מקריב געווען? — פאַרוואָס זאָל ער דאַרפן אָפּטרעטן, אפילו טיילן זיך מיט איינעם, וואָס קיינער קען נישט? מיט איינעם, וואָס איז בלויז געווען אַ ווייטער חלום פון כולו זכאי! אמת, דער איינער האָט מיטגעליטן, אָבער מיט זיין צדקות וואָלט דאָך קיינמאָל צו גאולה נישט געקומען.. אפילו פאַר זיין מיטליידן צאָלט דאָך אויך בן־יוסף. ווי זשע קען ער אָפּטרעטן? —

טרעט ער טאַקע נישט אָפּ און מ׳טאַנצט אין אַלע גאַסן דעם הפקר־טאַנץ: חלום פון בן־דוד ווערט פאַרטונקלט, ס׳קומט אַרויס דער בלויזער חשבון. פאַרגעסט מען, אַז אין שיין פון גאולה דאַרפן אפילו קרעכצן פון שונאים באַטרויערט ווערן — אויב מ׳קען די קרעכצן שוין נישט אויסמיידן. — פאַרגעסט מען אויך, אַז די האַק דאַרף פאַרשווינדן. פאַרקערט גאָר — זי געוועלטיקט, נאָר אַזוי ווי די אַמאָליקע שונאים זענען שוין נישטאָ הויבט זי זיך איבער בן־דוד׳ס קאָפּ, ווייל נאָר ער אַליין טאַנצט נישט מיט: ער אַליין לעבט נאָך מיטן חלום פון בן־דוד...

פאַלט אויף אים דער חוזק פון המון, וואָס איז פאַרכלינעט פונעם שווערפאַרדינטן ניצחון, די שינאה פון בן־יוסף, — וואָס איז אמאָל געווען ליבשאַפט: דער פאַרביטערטער עלנט פון יאָסעלען, — וואָס איז אַמאָל געווען ברודערשאפט, צוזאמען מיטן אייביקן אומפאַרמיידלעכן וואָרט פון נביא, וואָס האָט נאָך דעם נייעם טאָן נישט דערהערט, און איבער אַלץ דער תליון מיט דער האַק. אויף אייביק? — ניין, ס׳איז דאָ איינער, וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ, — די צונג האָט מען אים אויסגעשניטן... — און דער איינער איז פונקט אזוי אַלט, ווי דער חלום פון בן־דוד, און ער ווייסט אַלע שטעגן און סטעשקעלעך, אויף וועלכע בן־דוד מוז גיין: און ער ווייסט, אַז בן דוד דארף דערווייל זיין דער, וואָס וואַרט, דערווייל וועט ער פאַרזוכן דעם טעם פוןליידן אַליין צווישן אַ ברויזנדיקן המון, דערפילן דעם יאָמער אין געביין פון זיין פאַראַטן, און בלויז אין שטומען צער זאָל עמעץ אויף זיינע יסורים טרויערן — דבורהל, די מאַמע פון אַלץ.

און פונקט, ווי דניאל אין "קייטן", אזוי לייגט זיך בן־דוד אויפן מזבח. דאָס ליגט בלויז דער גוף, דער חלום — די נשמה פון בן־דוד — איז נישט פאַרפיייניקט, בלויז פאַרטונקלט אויף א ווייל. משיחס גוף איז דאָך נאָבאַלעמען נישט וויכטיק, זיין גוף טראָגן אַ סך — יאָסעלע למשל. מיטן גוף מעג זיין וואָס ס׳וויל זיך, דער עיקר איז דאָך דער פאָדים, וואָס קניפּט און

בינדט אים צו צום חלום פון אחרית הימים, ווען קיין האַק וועט מער נישט זיין: און דער פּאַרדים איז נישט איבערגעהאַקט. אַז ס'איז אַזוי, ליגט דאָך פונאויבן אויף: אַט האָט בן יוסף זיין גוף דערהיטן, האָט דאָס גופישע דערטרונקען דעם גואל אין אים. האָט ער פאַרגעסן, אַז גואל איז מען נאָר אַ ווײַלע און מענטש און זיין חלום איז אייביק. פאַדערט ער צופּיל, בן־יוסף, ער וויל אויך פאַר זיך עפּעס און דאָס איז פאַרן גואל נישט באַשערט. שפּאַרט ער זיך אָבער איין און מוז סוף כל סוף אוועקגיין און מיטשלעפּן אויך בן־דודן.. (אַ מין גם לי גם לך לא יהיה).

און דאָ זעט זיך ארויס לייוויקס גאנץ ווערן מיט זיך. נישט פאַרצווייפלען, ווען די גאולה פאַרקריכט אין טונקלען ווינקל. ס'איז אַלץ אין דער שפּיל, אין דער קאָמעדיע. אַלץ מוז זיך אויסלעבן, מוז האָבן זיין צייט און אָרט. אויך בן־דודס צייט וועט קומען, צום ערשטן אָבער מוז מען אויפעסן, דורכעסן אַלע תאוות. דער גאנצער חשבון מוז געצאָלט ווערן. אפילו בן־דוד מוז צאָלן: דער וואָס איז די סיבה פון אַן אנדערנס חייב זיין, איז, אויך חייב.

און דאַן וועט קומען די פאַרוואַנדלונג: יאָסעלע, וואָס האָט אַליין געהויבן די האַק. יאָסעלע, וואָס האָט אין טויטן לייב, דורך בענקשאַפט אויסגעחלומט בן־דודס געשטאַלט, וועט דערציילן דאָס לעצטע מעשהלע, וואָס איז א נייער אָנהויב. די נייע קאָמעדיע? — ווער קען זי אַנען?!

לייענט מען זיך טיפער אריין אין דעם ווערק, דערפילט מען דעם הייסן אָטעם פון צייט. די סימבאָלישע פיגורן נעמען אַרומשפּאַצירן אין אונדזער מיט. ס'איז א מין נעמען סך־הכלען נישט פאַרדעקנדיק קיין איין דאָרן, ווי שטעכעדיק ער זאָל נישט זיין. נעמט מען "די גאולה קאָמעדיע" ווי אַן אנטוויקלונג פון די פריערדיקע ווערק, דערשפּירט מען, אַז אין לייוויקן איז רייף געוואָרן אַ העלזונג: אין אַקציע, אין געשען — זענען די כוחות פון גאולה צעברעקלט, אין סך הכל אָבער — איינס.

ס'איז דאָ אין דעם עפּעס פון יענעם יידישן ביטחון, וואָס זאָגט: ווייס, אַז דו שטייסט איבער אַן אָפענעם גרוב און פאָרט — — —

נו, און צום סאַמע סוף ווילט זיך ווידער פרעגן: איז טאַקע שוין גאַנץ די אידייע? פאַר לייוויק יאָ, דערווייל יאָ. אויף אַלעמאָל? שווער צו ענטפערן. צופּיל גורלדיקס, צופּיל מוז און געבונדנקייט, ממש ווי די האַק איבער אונדזערע קעפּ. ס'קען זיך אויך נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער גואל — איןביידע געשטאַלטן, מוז טאַקע אונטערגיין און פאַר אים זאָל קיינער נישט דאַרפן צאָלן. ווי ס'ווייזט זייער ריכטיק אָן ש. ניגער.

נאָר ווי דערציילט אונדז לייוויק: דער תליון דעקט אויף אַלץ, אפילו דבורהל׳ס לייב פאַר חנינהן. דער דאָזיקער שלוס דעקט בלויז אויף די ווונד. אויך דאָס איז אַ טייל פון גאַנג צו אחרית הימים. דורך אַזאַ אַריינשניידן זיך אין געשעענישן ווערט אַ מענטש לויטערער און מאַכט אַ טראָט ווייטער.

(1937)

ה. לייוויק

(צום 50 יאָריקן יובּיליי)

דער מענטש, לערנען אונז די פּסיכאָלאָגן, אַרבעט אַ גאַנץ לעבן אויף דעם כדי צו אַנטפּלעקן זיך פאַר זיך אַליין, וואָרן צום ווינציקסטן פון אַלץ אין דער וועלט, קען דער מענטש זיך אַליין.

צי ער ווייסט עס צי ניט, צי ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון מעשים צי נישט, — קומט עס סיי ווי צו דעם, אַז אַלץ, וואָס ער טוט איז אַ טייל פון דער אויפדעקונג פון זיין איך. די סביבה, דערציונג און אָפּט דער צופאַל, דינען ווי די אונטערפירערס, די מעדיומס אין דער דאָזיקער עובדה (אוודע). נאָר אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון אונדזער מין, האָט זיך צוגעוויינט נאָכצוגיין אַ געוויסן שטאַמפּ, אַ באַשטימטע שוין אָנגענומענע פאָרם, — איז אין אים אויך אין אַ גרויסער מאָס אַטראָפירט געוואָרן דער כוח פון דערזען די אייגענע אַנטפּלעקונג. בלויז דאָ און דאָרט האָט דער פאָלקסמענטש אַ וואָרט, אַ פּרעציז בילד וואָס ווייזט אָן בליצאַרטיק אויף אַן אַנטפּלעקונג אין אייגענעם איך.

דער קינסטלערישער מענטש איז דער איינציקער בעל זוכה צו קענען דערפילן און דערזען די אַנטפּלעקונג און זי זוכן צו געשטאַלטיקן. פאַרן קינסטלער איז קיינמאָל נישט גענוג דאָס פאַראַנענע, דער שטאַמפּ איז אים דערווידער, — זוכט ער אַלעמאָל צו שאַפן נייס. זוכט ער זיך צו אַנטפּלעקן נישט בלויז דורך די מעשים וואָס לעבן טראָגט אים אַליין אונטער, נאָר ער שאַפט אַליין סיטואַציעס, פאַנטאַזירט אויס מענטשן דורך וועלכע אַנטפּלעקט צו ווערן. זיין נשמה ווערט דורך זיי אויפגעלויכטן: זיין וואָרט ווערט דורך זיי אַרויסגעבראַכט.

דער קינסטלער ווערט אַזוי אַרום נישט נאָר זיין אייגענער, נאָר אויך אַלעמענס אַנטפּלעקער. און דער קינסטלער, וואָס איז זוכה אַרויסצוברענגען דאָס אייביק מענטשלעכע און אָנקליידן עס אין בילד, באַלעבן עס מיט אמתן וואָרט, אַז אַלע זאָלן דערזען און דערהערן, — דער, איז אויך זוכה, אַז ער און זיין ווערק זאָלן ווערן דער קנין פון אַ סך, פון דורות.

ס׳איז דעריבער אויך פאַרשטענדלעך פאַר וואָס זייער אָפט ווענדן זיך קינסטלער צום מיטאָס, צום בילדערישן און געהאַמערטן פאָלקס טיפּ אין

דער לעגענדע, ווייל דאָרט האָט דער געשטאַלטערישער כוח פון פאָלק אָפּגעקליבן פאַר זיך אייביק מענטשלעכעס. זוכט דער קינסטלער צו באַהעפטן זיך מיט דעם כוח, און דורך דעם זיך אַליין אַנטפּלעקן.

ה. לייוויק איז פון די בעל זוכהדיקסטע קינסטלער אונדזערע, וועמענס לעבנס ווערק איז אַ טייל פון דער אייביק מענטשלעכער אַנטפּלעקונג אין אַלע אירע פאָרמען. סיי אין זיינע לידער, סיי אין זיינע דראַמעס גייט דורך דער זעלבער מענטש וואָס קלאַמערט זיך צום לעבן מיט אַלע כוחות, און איז דאָך אליין דער גרעסטער צעשטערער פון לעבן. די פאַרשידענע סיטואַציעס, אין וועלכע דעם מענטש קומט אויס צו האַנדלען, זענען דאָס פאַריבערגייענדיקע, די מלחמה אַליין, — דאס אייביקע; דער קרעבץ, וואָס באַגלייט דעם מענטש אויף אַלע זיינע וועגן, איז פאַרשידן ווי פאַרשידן עס זענען זיינע איבערלעבונגען, אָבער דאָס שטרעבן ווען עס איז אַרויסצוגיין פון דעם גורלדיקן פּלאָנטער: "לעבן צעשטערט לעבן", — איז אייביק.

דער דאָזיקער קאַמף הייבט זיך אָן און לעבט קודם כל אין יעדן יחידס נשמה, און אויסדריקנדיק דעם אייגענעם יחידישן צער און שרעק, — דריקט דער קינסטלער אויס אַלעמענס צער, ווייטיק און שרעק. פון דאַנען קומט דאָס שטאַרקע אחריותגעפיל פאַר אַלץ, וואָס איז אַזוי אייגן אין לייוויק'ס שאַפן. עס זענען דאָך נישט עמיצנס יסורים פון וועלכע ער דערציילט, עס זענען דאָך אייגענע. (אגב, פון דאַנען קומט אויך אין יעדן אמתן קונסט ווערק דער בריענדיקער פלאַם פון נאָענטער באַרירונג.)

דער אלטער יצר טוב און יצר־הרע מאָטיוו, איז ביי לייוויקן דראַמאַטיזירט געוואָרן אויף דעם יחידיש לירישן אופן אין ליד, און אידעיש אוניווערסאַליזירט אין דער דראַמע און אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע.

פון דאַנען וואַקסן אויך ארויס די משיח און גאולה מאָטיוון. ס'איז נישט נאר געצוצט אַ מאָטיוו, ווייל ער איז אינטערעסאַנט, צי ווייל ער קאָן באַפליגלען די פאַנטאַזיע, נאָר דער עיקר איז: אַריינגעלעבט זיך אין אַ פאַנטאַסטישער וועלט, כדי ארויסצופירן פון דאָרט דעם אייגענעם רעאלן ווילן, כדי צו אַנטפּלעקן אַן ענטפער פאַר זיך און דער וועלט. ס'איז אַ שטרעבן אָנצובינדן אונזער צייט אין דער אייביקייט.

לייוויק'ס קינסטלערישע ערד איז דער מענטש אין דער וועלט. אַנטפּלעקנדיק זיך — אַנטפּלעקט ער דעם מענטש אין דער וועלט; זוכנדיק זיך אליין — זוכט ער דעם מענטש. ס'איז נאַטירלעך אויך קלאָר פאַרוואָס נוצנדיק יידישע מאָטיוון, דערפירט ער זיי צו אַל־מענטשלעכע הייכן. אין די העכסטע שפּיצן פונעם מענטשלעכן קאַמף מיט זיך, איז נישטאָ עפּעס אַנדערש ווי אַל־מענטשלעך קעמפן און שטרעבן, אייביקע מפּלות און

אייביקע אָנהייבן. — "איך הויב זיך אויף ווידער, און שפּאַן אַוועק ווייטער".

לייוויקס ווערק זענען דעריבער אויך מערסטנס פּראַגעס און ענטפערס וועגן זיך, וועגן אונדזער טוען און שאַפן, — ממש טאָג־טעגלעכקייטן, אָבער מיט דעם אייביקן רויטן שנירל — בלוט, וואָס בינדט צייט צו צייט, דור צו דור און טאַט צו טאַט. די ווערק זענען די פענצטערלעך, דורך וועלכע ער לאָזט זיך אַליין און אונדז אַריינקוקן אין זיין וועלט — אין דער וועלט. ער רעדט צו זיך אָפט ווי צו אַ דריטער פּערזאָן, ווייל נישט נאָר איז פרעמד אַ מענטש צו אַ מענטש. נישט נאָר מוז יעדער איינער דורכגיין אַליין דאָס גורלדיקע פון לעבן, נאָר אויך יעדער מענטש פאַר זיך — איז אָפט פרעמדלעך, און וויל זיך אליין אויסלייזן, אַנטפלעקן. דער ערשטער שטאַפּל אין דעם דאָזיקן קאַמף.

איז דאָך ממילא (מעמיילע) נישט שייך צו קוקן נאָר אין איין זייט, טאָר מען דאָך נישט אָננעמען, אַז נאָר דאָס גוטע אָדער דאָס שלעכטע אין אונדז איז דער עיקר; נישט ליכט אַליין קען זיין דער אמת, נישט די בלויזע הריגה און שטנישע — בייז, און אויך נישט געלייטערטע צדקות אליין קען זיין דער זין, דער אמת פון דער וועלט. אַלץ, אפילו דאָס גרעסטע רשעות מוז זיך אויסלעבן און האָט זיין אָרט אין גאַנג פון צייטן — ווי ווייטיקלעך ס'זאל נישט זיין דאס צו אַנערקענען. דער געדאַנק פירט אבער צו דעם גרעסטן גלויבן און בטחון אינעם מענטשן און זיין וועלט: אויסלעבנדיק אַלע בייזן, שפּאַנט ער דאָך אוועק ווייטער.

אָט אזוי פון ליד צו ליד, דראַמע צו דראַמע וויקלט זיך אויף און דעקט זיך אָפּ שלייער נאָך שלייער פון דער שאַפערישער פּערזענלעכקייט וואס הייסט לייוויק. און פון יעדע שורה און בילד אָטעמט מיט פייטעט און אחריות פאַר אַלץ וואָס לעבט און מיעט זיך אויף אונדזער ערד. טראָגט זיך דער פייטעט איבער צום לייענער און ער דערפילט זיך מיטבאַטייליקט, מיט אַנטפּלעקט — אויב מ'קען אַזוי זאָגן, — דאס לייענען אליין ווערט שוין א טיפע איבערלעבונג, — קומט פון דאַנען דאָס ריינע פייטעט געפיל וואָס דער לייענער דערפילט און שפירט פאַר זיין וועג, און עס בענטשט אים מיט יראת הכבוד דער מענטש וואס האָט דורך אים זיך אליין דערזען. עס איז דאס זעלבע געפיל, וואס דער עקסטאַטיש פרום־גלויביקער שפירט ביים באנעמען דעם הייליקסטן תוך פון זיין תורה, און ער רופט אויס "הפוך בה והפוך בה, דכולא בה" (פאַרטיף זיך אין איר, וואָרן אַלץ איז אין איר...)

(פּראָל. געדאַנק)
מאַרץ 1939

איציק מאַנגער

אַן אַריינבליק אין זיין דיכטער־געשטאַלט

דאָ נישט לאַנג, דאַכט זיך — ערשט נעכטן איז עס געווען — אינמיטן פון די צוואַנציקער יאָרן פון הייִנטיקן י. ה., האָט הערץ גראָסבאַרד, דער גרויסער מייסטער בעל קורא פון דער יידישער ליטעראַטור און אויסשפּילער פון אַלע חנען און שיינקייטן פון יידישן וואָרט, געבראַכט די בשורה פון רומעניע, אַז עס האָט זיך דאָרט באַוויזן אַ יידישער זינגער, וואָס מוזיצירט מיט די פּשוטע כלים פון פאָלקס ליד און באַלאַדן אַרטיקן נוסח; זיינע לידער שוועבן אַרום אין דער וועלט פון דער מיסטישער באַלאַדע, סלאַווישער מיליע מיט אַלע שרעקן און אַנגסט־וויזיעס פון דעם גרויסן עלנט און פּיין געפיל פונעם מענטשן אויף דער וועלט.

ווען איציק מאַנגער האָט זיך שפּעטער צו באַוויזן אין פּוילן און זיך אַוועקגעשטעלט ביי זיין אייגענעם עמוד, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַרן עולם, אַז ער ציט זיין קינסטלערישן זאַפט פון דעם שניידער צעך ווו זיין טאַטע און ברודער זענען די מייסטער אויסשפּילער און זינגער פון יידישן פאָלקס־געמיט. די פאָלקסטימלעכע פּורים־שפּילער זענען זיינע נאָענטע חברים און מיט די בראָדער־זינגער פון מלכות גאַליציע און וואָלאַכיי פאָרט ער אין איין בויד.

פון דער סאַמע טיף פון פּשוטן פאָלק קומט ער, אָבער זינגען זינגט ער נישט בלויז אין נוסח פון פאָלק, נאָר דאָס פאָלק זינגט אויס דורך אים זיין געמיט פון לייַד און פרייד. ער פאַרטייטשט נישט דאָס וואָס עס טוט זיך אַרום אים, נאָר אַלץ וואָס ער זעט, פילט און לעבט דורך, טייטשט זיך אויס דורך אים אין זיינע פאַנטאַסטישע וויזיעס און אַנגסט חלומות. ס׳איז דעם פאָלקס שפּראַך וואָס ער באַנוצט, אָבער דורך זיין מויל ווערט דאָס לשון שפּילעוודיקער און זינגט אין אַלערליי גאַמעס און אָקטאַוועס. איר מוזט זיינע לידער לייענען מיט אַ ניגון אַזוי ווי די צאינה־וראינה, אָדער באַגלייטן מיטן צוגעלייגטן טרויער פון אַ סיני־ניגון, חומש לערנען און איכה ברומען. גאָר אָפט מוזט איר זיך דערמאָנען אין דעם חוזק טאָן פון די לצים קאָמעדיאַנטשיקעס און פּורים־שפּילער ביי וועלכע מענער מיט צעקאָלטענטע בערד פאַרבונדן בלויז מיט אַ האַנטעך, שפּילן די ראָלעס פון די נשים צדקניות אין עקדת יצחק און מכירת יוסף, כדי צו קענען ריכטיק דערפילן דאָס געניאַרן שפּיל פון זיינע ווונדערלעכע פערזן געגעבן אין פּשטותדיקן פּרימיטיוו.

ווי די שפּילמענער, באַלאַדיסטן פון אַמאָל קען ער אויף קיין אָרט נישט איינזיצן. דאָס צובינדן זיך צו איין אָרט און וועלן זוכן חיונה פון אַרבעט ווי דאָס פאָלק געוויינטלעך טוט, ווי זיין גאַנצער צער, עמך שער און אייזן טוט איז נישט אין זיין גדר. זיין שותפות מיט עמך איז בלויז אינעם צעזונגענעם עלנט אָדער צעהוליעטן שפּיל. זיצן אויף אָ בענקל און ציען אַ פאַסטריגע איז פאַר אים נישט מעגלעך. אים ציט ווי זיין באַלאַדע אַרטיקער נוסח אויסצומעסטן די וועגן, איילן מיטן ווינט און איינהערן זיך צום כליפּ פון אַ קינד און קרעכץ פון אַלע וואָס קענען זיך קיין אָרט נישט געפינען אין דער גרויסער וועלט. פאָרויס אַ פאַרהוילענע וויזיע, אַז ערגעצווו איז דאָ אַ טרייסט, אַן אָנהאַלט, אַ זיכערער גלויבן וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר פאַרגיין, פאַר טויט; און אין גאַנצן וועזן איז ער דורכגענומען מיט די שרעקן און דעם גרויל פון רעאַלן לעבן. אַ געמיש פון יחידישער האָפנונגסלאָזיקייט, גורלדיקער, אומפאַרמיידלעכער סוף פון אַלץ און אַ ליצנישער שפּיל פון מעסטן וועלכע שאָטנס זענען לענגער און וועלכע מאַסקעס אין דער שפּיל שטעלן דיר אַרויס די לענגסטע צונג. און דאָך — נאָכן גאַנצן לצעוון זוכט ער אַ באַשייד און עפּעס אַ שטראַל פון אַ נייעם אויפקומען.

סאיז אַ צייט ווען דער באָבען זיינער — דערציילט ער אין אַ שאַרזשירטן ערנסט אין איינער פון זיינע באַלאַדעס, — איז פרעמד געוואָרן דאָס אייגענע קבר אין בעמיש־בראָד און שלייכט זיך צוריק אַהיים.. ווו זשע איז דען נאָך דאָ די היים וואָס זי האָט געקענט? איז דען נאָך ווער דאָ דאָרט וואָס זאָל זי אויפנעמען מיט אַ גוטמוטיקן סקאָצל־קומט? די אַמאָליקע היים אירע איז דאָך אינגאַנצן אַן עולם התוהו איצט; די לעצטע וואָס זענען נאָך דאָרט געבליבן זיצן אויך שוין פאַרצאַפּלט אויף די פּעקלעך אין איין שרעק פאַרן אומקום וואָס הויערט מיט ריזן־שאָטנס פון אַלע זייטן.

ס'איז די צייט ווען דער אַלטער גאָט פון איר געוועזענער היים, האָט חרטה אויף דער עקדה־מעשה, ווען ר'האָט דעם מלאך געשיקט אין צייט צו ראַטעווען יצחקן.

דער שומר־ישראל פון דער געוועזענער היים, איז איצט אַ פּייערדיקער קנא ונוקם. ער מאָנט צוריק דעם קרבן. דער קרבן אָבער, איז אויך נישט מער דאָס אַמאָליקע שטילע בן־יחידל וואָס טראָגט אַליין דאָס האָלץ און די שטריק און פרעגט בלויז: ווו און ווער איז דער קרבן? איצט ווייסט מען ווער עס איז דער קרבן. מע פרעגט אָבער מער נישט, נאָר מע דערווידערט: צוליב וואָס דאַרף מען אַ קרבן? ווער איז עס דער וואָס דאַרף עס? — שטורעמט עס אין אַלע וועלטן אין דער צייט פון אומגלויבן און לעסטער.

אַ פּאַרוווירטער שטייט דער פּאָעט אין מיטן פון דעם לעסטער, פּאַרלאָשענע וויזיעס און האָפענונגען און ביטערן אומגלויבן. ער זוכט אַן אייגן שטיקל באַשייד אינעם תוהו ובוהו, כּאָטש אַ שמאָל פּאַסיקל ליכט וואָס זאָל פירן צום וועג פון גלויבן אין די שטערן וואָס ווינקען אַראָפּ פון די הימלען אויף אַלע דעבער. ווּהין זשע ווינקען זיי? אַז ער זעט גאָר, אַז דער זעלבער מאַמעס טרער וואָס האָט באַוויינט די פּאַרלאָרענע טאָכטער אין דער פרעמד, פּירט דאָס מעסער אין דער האַנט "פונעם הוזאַר וואָס האָט אין זיין זונה דערקענט די אייגענע שוועסטער".

ווי די שפּילמענער פון אַמאָל וויל ער באַזינגען נאָר זיין אייגענעם טרויער און ווערט גאָר דער טרויער ניגון פון דער אייביק באַוואולהטער פרינצעסין פאַרשלאָסן הינטער די גרויע מויערן פון טונקעלע פעסטונגען. געשפּענסט און חלום, גלויבן און לעסטער איז אויסגעמישט.

אויך זיין אויסערלעכער אויסזען אין יענע יאָרן האָט זיך געפּאַסט און גאָר שטאַרק אויסגעדריקט דאָס אינערלעכע געמיט זיינס. פונעם עמוד ווו ער שטייט אין צעקנייטשטע בגדים זעט אים די יוגנט, ווי ער דריקט זיך אַליין אויס אין איינעם פון די לידער, "עפּעס ווי פון הי און נישט פון הי". דער שפּילמאַן, פּרינץ איציק (אַ גרימאַסע אַזאַ פון דער לצים וועלט אַרויס) זעט אויס, ווי עס צייכנט אים דער דאַן דער מאָלער אַרטור קאָלניק קוביסטיש פּאַרשפּיצט, אָנהייבנדיק פון די צעפּלאָסענע צעשויבערטע לאָקן, וואָס נאָדלען זיך אין אַלע זייטן ביז אַראָפּ צו דער גאָמבע וואָס וויל זיך, דאַכט זיך, פּאַרלירן אין דעם אויסגעצויגענעם האַלדז, צעבראַסטעטע און אָפן. די שאַרפע און דאַך פּאַרהויכטע אויגן, אָנגעשפּיצט דורכצושניידן דעם פּאַרהוילענעם שלייער פון די מרחקים אין וועלכע ער לאָזט זיך אַוועק ווי דער סימבאָלישער שטעטלשער פערסאָנאַזש ביי מאַרק שאַגאַלן. זיין מאָטאָ:

לאָמיר זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פון אַלץ וואָס איז היימיש, ליב און טייער;
פון אַלטע בעטלער, וואָס שעלטן דעם פּראָסט
און פון מאַמעס, וואָס בענטשן דאָס פייער".

ער זינגט אויס דעם טרויער פון כלות וועמען די ליבע האָט אויסגעלאַכט; דעם עלנט פון זונות וואָס שלאָפן מיטן אייגענעם שאָטן און דעם ביטערן חוזק פון גורל־וואַרפער וואָס נאַרן אָפּ די דינסטן וואָס האָרעווען און האָפן דורך אַ לויטערער טרער; אויך דאָס נאַרן־מיצל פון די קאַטערינשטשיקעס און שמאַטע קליובער זינגט ער אויס און פּאַרמישט עס אינעם ביטער־זיסן געטראַנק פון די דיכטער "וואָס האָבן געגלויבט אומזיסט אין די שטערן — און זענען אַראָפּ פון זין".

כּדי צו פֿאַרהיטן זיך פֿון זייער סוף זינגט ער שפּעטער דאָס געזאַנג פֿון אַנאַקרעאָן דער פֿאַרשיכּורטער פּאָעט פֿון ליבע און ווײַן. ער רעדט זיך אײַן, ס׳וועט אים געראָטן דורכצופֿירן יענעמס אָנזאָג:

„איציק, היט דײַן ליד פֿאַר שאָטנס,
זיי נישט אַזאַ לעקיש־בער;
גיב דײַן ליד אַ טראָפּן ייִן,
נאָר פֿאַרהיט עס פֿון אַ טרער״.

אָבער ווי קען דער באַלאַדן מײַסטער פֿון וואַלאַכיי, וועמעס וועלט איז פֿול מיטן פּחד פֿון גורלדיקן עלנט פֿון מענטשן, זיך אויסהיטן פֿון שאָטנס? איז דען דער שאָטן פֿונעם פֿייניקער, דעם פּריץ, פֿאַרשוווּנדן? איז דען דער שאָטן פֿונעם גזלן אין די וועלדער און באַשטיוולטן זעלנער אויף אַלע וועגן און שטעגן שוין נעלם געוואָרן? אָט שאַלטעוועט ער דאָך און געוואַלטעוועט אין אַלע געמאַרקן. און אַז דער סאָלדאַט כאַפּט זיך שוין אַרײַן אַפֿילו אין אַ הויז צו דער זונה, כּדי אויף אַ ווײַלע צו פֿאַראָווען זײַן מענטשלעכקייט מישטיינס געזאָגט, וועמען געפֿינט ער דאָרט, אויב נישט זײַן אייגענע שוועסטער. וויפֿל לעסטער און חוזק עס ליגט אין דעם דאָזיקן מכלומרשטן שאָטן, פּונקט אַזוי פֿיל גאַל און פֿאַרווירונג שרײַט אַרויס פֿון דעם.

די שוועסטער־זונה ווערט דערלייזט פֿון איר שאָטן דורך דעם מעסער פֿונעם אייגענעם ברודער, דער סאָלדאַט, וועלכער גייט נאָך דער מאַמעס טרער אויף צו זוכן די פֿאַרלאָרענע אומשולד פֿון דער שוועסטער.

פֿאַרן מיסטישן באַנעם פֿון דעם סלאַווישן האַלב געצנדינערישן, האַלב קריסטלעכן צוגאַנג צו די פֿאַרהוילענע וועגן פֿון לעבן, איז די אויסלייזונג דורך מאָרד, מעסער און תּליה — קינסטלעריש באַרעכטיקט. די האַנט פֿון בלינדן גורל האָט קיין אַנדערן אויסוועג נישט.

קען עס אָבער אָננעמען דער ייִד איציק? און אַפֿילו אָן אַ טרער? ווי קען ער פֿאַרהיטן זײַן ליד פֿון שאָטן און טרער, אַז אויף אַלע שיידוועגן אין יענע מקומות שטייען צלמים פֿון וועלכע עס בליקן אַראָפּ מיט גרויליקן עלנט די פֿאַרקרימטע פּנימער פֿון פֿאַרפּייניקטע פֿון דור־דורות. דאָס פֿאָלק קניט טאַקע פֿאַר זיי און רעדט זיך אויס דאָס ביטער האַרץ פֿאַר זיי, צינדנדיק דערבײַ ליכטלעך אין זייער זכּרון און גייט גלײַך אַוועק פֿון דאָרט אַ הוליע צו טאָן אין שענק. פֿאַרגיסן דעם וואָרעם וואָס טאָטשעט און קענען אָנהייבן פֿון דאָס נײַ. אין ייִד איציקס געמיט בריט אָבער נאָך אַ באַגלייט בילד צו דעם: ער זעט דעם פֿרעפּלענדיקן מאָנאַך אין דער צעל פֿונעם מיידל וואָס קען דער מאַמעס שבת ליכט נישט פֿאַרשעמען״. (זע באַלאַדע „שבת ליכט.)
ער פֿילט עס אויך אויפֿן אייגענעם לײַב נישט נאָר ווי אַ שאָטן בלויז, נאָר ווי

אַ ווירקלעכקייט, אַז ס'איז נאַכט אַרום אים. "די נאַכט איז אין וויכער פאַרטאָן און דער אַלטער היידוק מיט דער ביקס וויכערט אַרום און צילט צו דער לבנה אַרויף און אַ בלוט שטראָם גיסט פונעם זילבערן מויל".

די שרעק און אַנגסט פון דעם געצנדינערישן־קריסטלעכן אומעט פון סלאַוון־לאַנד וואָס טונקט זיך אין בלוט, אין זינד און אָרעמקייט פון פחד פאַרן פאַרהוילענעם, ווערט טאַקע סובלימירט אין גאָלדענע חלומות, אָבער מ'ווייסט פון פאָרויס, אַז זיי נאַרן אָפּ.

"דער חלום ווייזט אונדז גאָלדענע בערג און צום סוף איז עס אַ ליגן".

מאַכט דערפון דער פּאָעט אַ ליד און ווערט שיער נישט משוגע ווען ער זעט קלאָר אַז קיינער קען אים נישט טרייסטן. אָן אַן אָנשפּאַר אין דער וואָר און אָן אַ חלום וואָס זאָל קענען ווערן אַן אמת. וואָס קענען דען מיינען "די שטערן אויפן דאַך"? קענען זיי דען ווערן די שטראַל פון האָפענונג וואָס זאָל דורכבויערן די מאַסקן־שפּיל ווו איוואַן איז גאָט און אַלץ איז לעסטער?

"די מאַמעס הורן אין שטאַלן מיטן טויט פאַר אַ היטל צוקער און אַ לאַבן ברויט".

"וויקטאָריאַ" — שרייט ער אויס מיט גאַל און אַנגסט — "וויקטאָריאַ, און דאָס ליד נעמט צו די פרייד פון אַלע דערפער".

קען מען דאָס פאַרטרינקען מיט אַ ביסל ייַן? פּערזענלעך האָט ער אפשר קיין ברירה נישט און טאַקע פאַרטרונקען דעם עלנט, אָבער קינסטלעריש האָט ער נישט געקענט פאָלגן אַנאַקרעאָנס עצה. דאָס יידיש געמיט וועמעס אויסזינגער ער איז, האָט עס אים נישט געלאָזט.

איז וויפל ער זאָל זיך נישט ראַנגלען מיט זיין אייגענעם גורל און וועלן אָננעמען די עקזיסטענץ ווי זי איז און שטאַרקן זיך מיטן וויסן — ווי ער טוט עס איז אַ גאַנצער ריי באַלאַדעס — אַז אַלע תירוצים פונעם גלח צו דער קראַנקער מאַרי — זענען בלויז תירוצים און עס קען נישט געענדערט ווערן. דעריבער — "לאמיר זשע טרינקען אַ גלעזל ייַן און היטן זיך פון אַ שאָטן און אַ טרער", — ער קען עס אָבער נישט.

ער גייט אַלץ נעענטער צו ווערן דער יידישער פּאָעט. דאָס יידישע געמיט טראָגט אים אַפילו אונטער די וויזיע מיט וועלכע דער אור־ייד, דער עברי פון די מדבר סטעפּעס האָט אַרומגעוואַנדערט איבערדערציילנדיק מיט פרייד די מעשה פון וועלט באַשאַף. נאָך יעדן טאָג־באַשאַף חזרט זיך איבער דער רעפריין "וירא אלהים כי טוב" גאָט האָט געזען, אַז ס'איז גוט. די וועלט איז גוט. אַלץ איז גוט. איז דאָך באמת אַ יושר גדול צו נעמען אַביסל

יי״ש און פּראַוועון יום טוב. איז אָבער דער אמתער אמת אַז ס׳איז נישט אַזוי. אָט דאָס נעמט נאָך טאַקע דער זעלבער דערציילער אין ווייטערדיקן חומשל אויפבלעטערן בלאַט נאָך בלאַט. מיט איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס און צוגעלייגטן געמיט דערציילט ער:

״ס׳איז בלויז גאָט וואָס האָט אַזוי געזען און געמיינט אַז אַזוי וועט עס זיין. ס׳איז אָבער דערווייל נאָך נישט אַזוי.״

ער האָט שוין אַפילו חרטה אויפן גאַנצן עסק מיטן באַשאַף און מיט דעם מענטשן, וואָס איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס מ׳מוז מיט אַ פייערדיקער שווערד שרעקן ביי די סאַמע טויערן פון גן־עדן. אַלץ אין דער קאָרט איז דער מענטש, אַן אָפּנאַרער, אַ ברודער מערדער, און דעריבער איז די ווירקלעכקייט אַפילו נישט קיין שאָטן פון דעם וואָס דאַרף זיין, נאָר אַ ווילדע פאַרדרייעניש וואָס קען און וועט פאַרריכט ווערן נאָר דאַן ווען דער מענטש אליין וועט זיך אָנהאַלטן מיט כל־אַמצי כוחות ביים ווילן אַליין צו זען. דערווייל האַלט עס ביי דעם, אַז נאָר גאָט האָט געזען. דאָס איז טאַקע די טרייסט: אַז ער האָט געזען, מוז עס דאָך געשען. אויב נישט היינט, איז מאָרגן איבערמאָרגן.

אין יעדער צייט וועט אַן אַנדער תמים בויען אַ תיבה צו ראַטעווען זיך איבערן מבול, און כדי נישט משוגע צו ווערן פון אימה, וועט ער קוקן דורכן צוהר פענצטערל וואָס לייכט פון אינעווייניק און אין דרויסן ווינקט עס אין אַן ערגעץ אַריבער די כוואַליעס, אַריבער דעם שטורעם. און דאָך מוז ער צום סוף אָנקומען צו אַ ביסל יַיִן וואָס פירט גאָר צו אַ נייעם פּלאָנטער. בעט זיך טאַקע דער פרינץ איציק, דער ייד איציק מאנגער ביים בראַצלאַווערס זיבעטן בעטלער: ״דערצייל ווייטער. מיר זענען די לעצטע הערער״..

אויך צו דער סקעפּטישער פאַרפרעמדטער שוועסטער ווענדט ער זיך נאָך שטאַרקונג.. ״אילוזיע, מיין שוועסטער, פאַרלאָז מיך נישט, צינד שאַרפער אָן דיין בלאָען לאַמטערן און זאָג: די שטערן וואָס בליען, זענען שטערן און אַלצדינג אויף דער וועלט איז שיין און גוט״.

הייסט עס, אַז מ׳מוז וואַרטן און גלויבן — קיין אַנדער ענטפער איז נישטאָ, איז עס דאָך אָבער דערווייל אילוזיע ? יאָ, טאַקע אַזוי, נאָר אָן דער אילוזיע וואָס זשע בלייבט ?

עס האַלט אים אָבער אויך אין איין פאַרפאָלגן די פאַנטאַסטאַמאַגאָריע פון דער סלאַוויש קריסטלעכער שרעק פאַר דער זינד וואָס ווערט נאָר אויסגעלייזט דורך אַ נייער זינד — הריגה: אַלץ איז מאַסקע און שאָטן, די ווירקלעכקייט שפּילט איין און די זעלבע מאַסקן־שפּיל, און נאָך מער דערשרעקט ער זיך, וואָס דווקא צו אָט דער שרעקן־וועלט פון

וועלבער מ׳וואָלט געדאַרפט וועלן זיין וואָס ווייטער, בענקען גאָר און ציען אַהין די טעבטער און זין וואָס זעען מער נישט דעם שיין פון די שבת־ליכט און דעם ייד פון גראָ ביז בלאָ. זיי לויפן גאָר זוכן אַ זיידן־העמד אין דער פרעמד. זיינע ״שטערן אויפן דאַך״ קענען קוים זיין פאַר אים ״אַ לאָמטערן אין ווינט״. אַ שטויב איז געוואָרן פון אַלץ. ער ווייסט צוגלייך מיט זיין ייד אין דער באַלאַדע (פון דער פרעמד) ״אַז דער חלום האָט אָפגעשיידט דאָס איינציקע וווּנדער פון זיין לייב״.

און ער איז אַזוי איינזאַם איצט, אַז נישט נאָר איז די שענק מער נישט דער ענטפער, נאָר ער יאָמערט: ״ווו זשע גייט מען אַזוי שפּעט, איינינקער אַליין? (זע ליד: קיינער ווייסט נישט)

און דאָ בליצט עפּעס אויף אין דער נאַכט פון אַנגסטן. די קינסטלערישע אינטואיציע זאָגט אונטער אַן איבערשאַץ פון ביז איצטיקן פאַרפירערישן באַנעמען, אַן אַנדער דערזען קלאָרט זיך אויס: די וועלט, די נישט יידישע, זעט גאָט אין דער עקזאַלטירטער זונה און אין אים אומשולדיקן קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן צו זיין דער קרבן וואָס וועט אויסלייזן מיט זיין בלוט דעם מערדערס זינד — אָט אין דעם וואָרצלט עס די גרויסע אַנגסט און האָפענונגסלאָזע איינזאַמקייט. אָט איז דאָך ׳ער אַליין אויך פאַרפירט געוואָרן אָנצונעמען דאָס ווי אַ טייל פון קרבן און עקדה־שפּיל וואָס דאַרף פירן צו דערלייזונג און דערפירט גאָר צום מאַסקן געדריי פון בלוט און מאָרד, וואָס איז געמישט מיט פרומען געפּרעפּל און שווידערלעכן לעסטער.

דער ייד האָט דאָס קיינמאָל נישט אָנגענומען. ער וואַרט נאָך אַלץ ביי דער ערשטער עקדה מיט אַ תפילה אויף די פאַרשמאַכטע ליפּן, אַז דער מלאך זאָל קומען אין צייט אָפצוהאַלטן דאָס מעסער. אַז די שטערן זאָלן טאַקע נישט אויפהערן צו ״פינקלען, כאָטש ס׳איז נאַכט און די וואָלקנס הענגען איבערן דאַך.״ ס׳איז די תפילה צו דעם וואָס האָט געזאָגט: ״ס׳איז גוט״; אַ תפילה, אויף דעם וואָס ״ער״ האָט ״געזען״, און אויף וועלכן עס וואַרטן מיט די לעצטע כוחות די אוור־אייניקלעך פון דעם פאַרבענקטן באַשאַף־דערציילער. אין בלוט גייען זיי אָפּ אין זייער אייגענעם וואַנדער, און הערן נישט אויף צו גלויבן אינעם גלויבן, אַז ס׳וועט זיין, עס מוז זיין. און ביז ווען וואָס, שפּילן זיי אַליין איבער די עקדה קרבן שפּיל נישט אויפהערנדיק תפילה צו טאָן. תפילהט מיט זיי דער באַטריבטער זינגער איציק, אין עכט יידשן נוסח:

(זע ״כ׳וועל אויסטאָן די שיך״).

״כ׳וועל אויסטאָן די שיך און דעם טרויער
און קומען צו דיר צוריק —
אָט אַזוי ווי איך בין אַ פאַרשפּילטער,
און שטעלן זיך פאַר דיין בליק״.

...און ווייטער אין זעלבן ליד...

״איך האָב דאָך געטאָן דיין שליחות
און געטראָגן דיין געטלעך ליד — — —
צי בין דען שולדיק, וואָס ס׳גראַמט זיך,
על פּי טעות, ״ייד״ מיט ״ליד״.

צי בין איך דען שולדיק, וואָס ס׳גראַמט זיך
על פּי טעות ״שיין״ מיט ״געוויין״
און די בענקשאַפט, די אמתע בענקשאַפט,
וואָגלט כסדר אַליין?״

״מיין גאָט, מיין האַר, מיין באַשאַפער,
לייטער מיך אויס אין דיין שיין — — —
אָט ליג איך פאַר דיר אויף אַ וואָלקן,
פאַרוויג מיך און שלעפער מיך איין״.

...עס שלאָפט זיך אָבער נישט. ער זעט אַ נייע זעאונג..(זע ״דער אָוונט טונקלט״)

״דער אָוונט טונקלט. אויף די צווייגן זיצן
אָוונט־פייגל. אונדזער היים איז אַ נס
אין פרעמדע וועלדער. אונדזער חלום הויבט
די פליגל צו די שטערן

די עקידה איז ווייט. טריבע געשטאַלטן היטן
דעם זכר, ווו ס׳האָט אַ פאָטערהאַנט
געהויבן דאָס מעסער. זיסע זומער־שטערן
ציטערן פאָרכטיק״.

״פאַרהיט אונדז ליכטיקער, די רוצחים שאַרפן
די העק. זיי מורמלען, באַשווערן די עקידה
מיט שיכורע לעפצן, ווען ס׳שטינקט דער מאָרד
מיט בראָנפן און מיט שנאה.

צייטיקע שטערן פאַלן מיד אין די האַרבסטנעבכט
אַראָפּ אין די גראָזן. מיר זענען נאָך יונגע,
אָט ערשט האָבן אונדזערע אָבות געפלאַפּלט מיט די מלאכים.

ווי קינדער לייענען מיר די מעשיות פונעם חומש,
איז ווייַ דער האַנט וואָס הויבט די האַק,
די שאַרפע. צען מאָל ווייַ דעם מלאך,
וואָס פאַרשפעטיקט צו קומען״.

דאָס דאָזיקע נייע זען, אַנטפּלעקט פאַר אים גלייכצייטיק דאָס אמתע לאַנד פון זיין יידן, דער באַלעגאָלע פון סטאָפּטשעט. אין זיין פערד און וועגעלע פאָרט ער איצט און הערט און זעט וואָס ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט זען. דער זיידע זאָגט אים טאַקע אָן די בשורה ״דורך זיבן גרויסע טרערן: ס׳איז גרייט די עקידה, איציק!״ ער ווייזט אים אָבער אויך עפּעס אַזעלכס, וואָס רופט אַרויס כמעט אַ באַרויִאָיקדיקן שמייכל פון אַ טיפערן וויסן פון דער גאַנצער יידיש־שפּיל.

פון וועלכן לאַנד קומט צו אים דער זיידע? פון וועלכער וועלט און פון וואָס פאַר א צייט? מוזן מיר דאָ זיך פאַרקערעווען אָן אַ זייט אַביסל פון דער טעמע און אַ שמועס טאָן, זאָל זיין אַפילו נאָר ברמז, וועגן עניין צייט בי יידן און לאַנד און וועלט, וואָס דער נוסח אשכנז און דאָס לשון יידיש האָט אויסגעפאָרמירט, און ׳די יידיש ליטעראַטור אין איר עכט נאַציאָנאַלער שליחות, האָט געשטאַלטיקט אַזוי מייסטערהאַפט. דאָס וועט אונדז געבן דעם טיפערן אַריינבליק אין מאַנגערס פאָעטישער מדריגה, וועלכע קומט צום בולטסטן אויסדרוק אין די חנעוודיק שלווהדיקע חומש לידער.

דאָס זיין און דעם לעבנסגאַנג פון דעם יידן קען מען אַוודאי באַשרייבן מיט רעאַליסטישע פאָרמען און טאָג־טעג עכטע געשעענישן און פּראָצעסן. ס׳וועט אַלץ זיין ריכטיק. אפילו מיט אַן אָנהייב, אַ מיטן און אַ סוף. פאַרשטיין אָבער דעם גאַנג און וועלן דערפילן און באַנעמען דעם זין פון אַזאַ זיין, פון אַזאַ איינזאַמען גרויליקן וואַנדער און וווּנדער, וואָס איז עפּעס ״פון הי און נישט פון הי״ — קען מען נאָר באַנעמען מיטן פאַנטאַסטיש מיסטישן חוש, וועלכער רייסט דורך די רעאַלע מחיצות און פליט ווי שאַגאַלס צעבלויטע געשטאַלטן איבער די דעכער. די זעלבע דעכער אויף וועלכע עס בליען מאַנגערס שטערן און הויערן זיינע וואלקנס. דאָרטן שוועבט עס אַרום זיין ייד פון ״גרוי ביז בלוי״. ס׳איז די פאַרהוילן־רעאַלע וועלט מיט גאָר אַנדערע אַנונגען און שפּירונגען וואָס נאָר פּאָעטן זענען זוכה צו דערבליקן. מאַנגערס ייד געפינט דאָרט די האַלבע לבנה אין באַזילבערטן פעלד און פליט אַוועק פון זאַבלטאָוו אין מרחקים פון אַן אַנדער צייט, אין דער יידישער צייט אַריין.

כדי צו קענען איבערטראָגן די גרויע ווירקלעכקייט האָט דער ייד קיינמאָל נישט געקענט לעבן נאָר אין זיין צייט, אין דעם געגעבענעם אָרט און אינעם צווישן פון די היינט לעבעדיקע שכנים. ר׳האָט כסדר איבערגעשפּילט די צייט פון תנ״ך און אַלע שפּעטערדיקע צייטן. דער תהלים פּאָעט פון ערשטן גלות אין בבל, האָט מיט פאַרצווייפלטן טרויער געשטעלט די פראַגע אַזוי: איך נשיר שיר ה׳ על אדמת נכר? ווי קען מען זיין שעפעריש אין אַ לעבן אין דער פרעמד? און ער ענטפערט זיך, און דער

פאָלקס געניוס האָט אים נאָכגעטרויערט מיט אַ שבועה: "תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי. אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי — זאָל מיין צונג צוגעקלעפּט ווערן צו מיין גומען, אויב כ'וועל דיך נישט געדענקן, אויב כ'וועל ירושלים נישט דערמאָנען אין מיין שמחה". ווו דו וועסט נישט זיין, טראָג אין געדעכעניש די היים. דאָס סימבאָלישע ירושלים איז מיטגעגאַנגען אומעטום: קיין מחוזא און פומבדיתא און סורא, קיין קאָרדאָווע און מאַלאַגע, שפּעטער קיין אַמסטערדאַם און לובלין און קראָקע און וואַרשע און ווילנע און וווּ נאָר דער ייד האָט אַ פוס געשטעלט. ר'האָט די פרעמד פאַרהיימישט מיטן געווירץ פון די חרובע שטעט אין לאַנד פון ציון. די אויסגעטריקנטע טייכן פון דאָרט זענען געהיטן געוואָרן מיט ליבשאַפט אין די נייע היימען. פרעמדע היימען אויף דערווייל זענען פאַראייגנט געוואָרן, ביז מ'האָט אין זיי דערפילט אַן אייגענעם טעם. אין אַלע סוכות אַריין, האָט מען פאַרבעטן די אָבות און גדולי ישראל ווי אושפּיזין, אָנגעלייגטע געסט צו די דערוויילעקע שמחות און יום טובים. אין יעדן לאַנד האָט מען געזען דעם אָפּשיין פון די טייכן, וואַסערן און בערג פון יענער ווייטער ווייט וואָס וועט אַמאָל ווערן נאָענטער נאָענט. דעם ריח פון קטורת האָט מען מיטגעטראָגן מיט זיך אומעטום. ווי האָט עס געזאָגט אַמאָל אַ חסידישער רבי "אַ ייד איז אין תוך קיינמאָל נישט אין גלות. מ'מאַכט אַן עיגול אַרום זיך מיטן שטעקן און מ'איז אין ארץ־ישראל".

פאַקטיש האָט דער נוסח אשכנז געזען אין יעדן טייך אין זיין פּה־לין אַ זֵכֶר פון די טייכן פון חומש ווו מרים שטייט נאָך און ציטערט צו זען וואָס עס וועט ווערן פונעם קעסטעלע וואָס ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס. יעדער באַרג איז אין דער בחינה פון סיני וואָס פייערט און דונערט נאָך אַלץ. אין יעדער הייל באַהאַלט זיך דער אַלטער אליהו וואַרטנדיק צו דערוויסן זיך וואָס איז דער סוד פון דער פאַרהוילענער געטלעכקייט און ווי אַזוי וועט עס קומען צו דער צייט ווען ס'וועט מער נישט דאַרפן ביטערן דאָס גרויסע ביטערניש צו די אחאבס וואָס שאַלטעווען אין דער וועלט:

הרצחת וגם ירשת ?

דער פאָלקס געניוס ווייסט אָבער אויך מיט אַן איבערצייטלעכן וויסן, אַז דאָס וואַרטן דויערט זייער לאַנג, נעמט עס דעם זעלבן אליהו און פירט אים אַרויס פון דער הייל צו זיין דער פאַרשטעלטער גייער אויף די וועגן מיט אַן אויער אָנגעשפּיצט צו דערהערן יעדן קרעכץ פון אַ פאַרפייניקטן ערגעצוווּ, צו דערשפּירן דעם צער פון פאַרוואָגלטע און ברענגען טרייסט און הילף אויף דערווייל; האָפענונג און גלויבן אויף שפּעטער. אין זיינע צעפלאַטערטע פּאָלעס ליגט אויך פאַרבאָרגן די לעצטע האָפענונג, די בשורה אויף דער גאולה. ער מוז עס זיין דער מבשר און ער איז אַלעמאָל

דאָ. ער מוז דערפילן דאָס שליחות ווייל פון דור צו דור גייט די מסורה, אַז פינעף מאָל איז דער נאָמען פון יעקב אָבינו געשריבן מיט אַ "וואָוו" און דער נאָמען אליהו אָן אַ "וואָוו". דאָס האָט יעקב גענומען ביי אים אַ משכון די "וואָוו", אַז ביז ער וועט נישט אָנזאָגן די בשורה, צו זיינע קינדער, וועט ער מוזן וואַנדערן אויף דער וועלט און זיך קיין אָרט נישט געפינען.. איילט ער זיך אליהו און איז אומעטום צו דער זעלבער צייט אויף חתונות און בריתן און סדרים, און העלפט דערווייל אַ נישט-געזעענער אין זיין אמתער געשטאַלט, ביז די ריכטיקע צייט וועט קומען פאַר זיין אַנטפּלעקונג.

אין דעם העלפן אים אַרויס ניי-צוגעקומענע געשטאַלטן פון די נייע סביבות וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין נשים צדקניות ווי שרה בת-טובים ר׳ לייב שרהס און די צדיקים נסתרים, די ל"ו וואָס האַלטן אונטער די דאָזיקע וועלט. זיי הייליקן די גראָע מאָנטיקס און מיטוואָכס פון דער איצטיקערווירקלעכקייט.

אויך דער טיפערער זין פון דעם באַשאַפן פאַר זיך אַן אייגן לשון, וואָס איז נישט געבונדן מיט לאַנד נאָר מיט דער נשמה און געמיט פון פאָלק, וואָס ציט די יניקה פון אַלע סביבות און איבערלעבונגען, און אָנרופן דאָס "יידיש" און מאַכן דאָס פאַרן אינטימסטן אויסדרוק פון דער אינערלעכער צורה זיינער, — אַנקערט אין דעם באַנעמען, אַז כדי צו קענען לעבן און איבערלעבן — מוז מען פאַרהיימישן די נייע-פרעמד מיט די אייגענע זאַפטן. "זאָלסט וויסן זיין, זאָגט דער מהר"ל מפּראָג, אַז דאָס לשון וואָס אַ פאָלק באַשאַפט פאַר זיך איז זיין צורה".

איז מען געזעסן אין אַלע קאַנטן פון לאַנד אַשכנז און עס פאַריידישט מיט די זאַפטן און ווזיעס פון דער אַלטער תנ"ך לאַנדשאַפט. איז דען אַ וווּנדער, וואָס די יידישע ליטעראַטור אָנהייבנדיק פון מענדעלען וועלכער האָט אין זיין בראשית געזען בלויז די בידנע קליאַטשע, האָט שפּעטער קינסטלעריש דערפילט אַז ווי נאָר דער גלופּסקער בנימין גיט זיך אַ לאָז אַרויס אין מרחקים, זוכט ער שוין די שטעגן וואָס פירן צום "ווייטן אַמאָל" פון חומש לאַנד. און צום פאַרהוילענעם "אַמאָל וועט זיין".

נאָך אים קומען פרץ און לייוויק און אַסך אַנדערע צו געשטאַלטיקן דאָס עקזאַלטירטע, פאַרטיפטע און פול מיטן טראַגישן גרעאַנגל פון "לענגער וואַרטן נישט געקענט" און פון פּרווון אַפילו נוצן אַ גולם פאַר גאולה צוועקן. — די גאַנצע גאולה-קאָמעדיע ווי לייוויק האָט זי געפּרווט אויפשטעלן ווערט אויסגעשפּילט אויף דער קאַנווע נישט נאָר פון איין צייט און איין ווירקלעכקייט. עס מישן זיך דורות פאַרצייטישע און הייַנטיקע כמעט ביי יעדן פון די יידיש שאַפער און ס׳קומט שלום עליכם מיטן געלעכטער דורך טרערן און סטאָישן אויסהאַלטן אַלע נסיונות פון היינט פון

טוביהן צוזאַמען מיטן פלי פון גרויסן בעל ביטחון מנחם מענדל און גיט, אַזוי צו זאָגן, דאָס קענען דורכלעבן א טאָג און דורכשלאָפן אַ נאַכט אַזאַ מיט מאָטל פייסיס קינדעריש נאַאיווער פרייד: "מיר איז גוט, איך בין אַ יתום".

אָט די דאָזיקע וועלט ווו דאָס רעאַלע גייט האַנט אין האַנט מיטן איבער־רעאַלן און פאַרהוילענעם, אַנטפּלעקט זיך פאַר מאַנגערן אין דער גאַנצער גרויס. פון אָט דער וועלט קומט זיין זיידע דער באַלעגאָלע פון סטאָפּטשעט און מיט זיין פערד און וועגעלע פירט ער אים צוריק אַהיים צום לאַנד פון תנ"ך וואָס איז אָט דאָ אָ, ביים פּריפּעט צי ביים וועלדל צווישן קיטעוו און קאָסאָוו. אָט דאָ אַהער האָט זיך עס אַריבערגעקליבן דאָס אַלטע לאַנד מיט זיינע פּערסאָנאַזשן און עס שפּילט דאָ איבער די גאַנצע מעשה פון די אָבות מיט די אמהות אויף גאָר אַ נייעם שטייגער. די עקדה איז בלויז איין טייל פון דער ערנסטער שפּיל. מאַנגער געשטאַלטיקט זיי איבער אויף זיין שטייגער, טוט זיי אויס די פאַרקעמטע בערד, די טאַרבושן און דערהויבענעם ערנסט. אַ ניי יידיש געמיט גייט אויף פון זיי מיט אַלע שוואַכקייטן פון לעבעדיקע מענטשן. ער טוט זיי אָן דעם ספּאָדיק מיט די שטערנטיכלעך פון נוסח אשכנז וואָס האָט זיך צעבליט אין מלכות פּוילן און ליטע, אוקראַינע און רומעניע ווו די שענק פון "רויטן הירש" איז נאָך פאַררעכנט פאַרן לעצטן אָרט פון אויסגעלאַסנקייט, וואָס פּאַסט נישט פאַר יידן פון באַלעבאַטישן סגאַל. דורך זיי און דורך זיין איבערשפּילן זיי מיט דער חברה שער און אייזן, פאַלט אַוועק די מחיצה פון צייט און אָרט. צייט און אָרט.

ס'איז טאַקע אַ שפּיל בלויז מיט די בערד פון די אָבות. ס'איז אָבער אַ שפּיל אויף ערנסט. אַלע עוולות פון אַמאָל שפּילן זיך אָפּ דאָ אונטער דער נאָז, און אַלע פאַרקרומטקייטן פון היינט שטעקן אַרויס פון הינטער די הייסע זאַמדן נישט ווייט פון באר־שבע, אינגאַנצן אַ שפּאַן פון סדום. סיי דאָס גרויסע שניידנדיקע אַוועקשטעלן די ביטערע פראַגע "השופט כל הארץ, לא יעשה משפט ?" — קומט פון דאָרט, און סיי דאָס שטומע געוויין פון דער באַליידיקטער דינסט־מויד מיטן אויפגעשוואָלענעם בויך, טראָגט זיך פון דאַנען ביז אַהין צו דער באָבע שרהס געצעלט ווו הגר רייסט זיך די האָר פון קאָפּ: ווו זאָל איך דען גיין, מיטן בענקאַרט דיינעם".

פון דאָרט גייט אויך אויף אין אים דער טיפער טרויער פון דער אלמנה נעמי ווען זי געזעגנט זיך מיט די קברים פון מאַן און קינדער אויף צו גיין צוריק אַהיים. דערמאָנט עס דען נישט אין דעם טיפן צער מיט וועלכן מיר אַליין האָבן זיך געזעגנט מיט די שטעטלעך גייענדיק אונדזער חלום אַנטקעגן. דערמאָנט עס דען נישט זיינע מיט אומעט אָנגעזאַפּטע שורות:

„אויפן וועג שטייט אַ בוים
שטייט ער איינגעבויגן
אַלע פייגל פונעם בוים
זענען זיך צעפלויגן
איינס קיין מזרח, איינס קיין מערב
און די רעשט קיין דרום
און דעם בוים געלאָזט אַליין
הפקר פאַרן שטורעם".

פון דער דאָזיקער „שפּיל מיט די בערד פון די אָבות" איז איין שפּאַן נאָר צו דער גאַנצער גאַלעריע פּורים שפּילן דורך וועלכע זיינע צעך ברידער פון שער און אייזן רעדן זיך אויס דאָס ביטערע האַרץ, לאַכן מיט געמאַכטן חוזק און טיפן טרויער, און באַגלייטן מיט געלייַטערטע טרערן די גאָלדענע פּאַווע וואָס בלאָנקעט ערגעץ אַ פאַרבענקטע אין די מרחקים. אויך זיי, מיטן זיידנס פערד און וועגעלע און ער מיט דער בויד פון די בראָדער־זינגער זענען אַ טייל פון דער מאַסקן־שפּיל.

וואָלט מען אפשר דאָ געמעגט און געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם אויף אַ ווײַלע און טאַקע נאָכבענקען דער גאָלדענע פּאַווע ערגצוווּ — איז אָבער דאָס געשפּענסט פון דער עקדה־שפּיל, גרויליקער פון אַלע שפּיל־פאַרוואַנדלונגען. אַפילו דאָס אַנגסטיקע געשריי קען מער נישט אויפציטערן דאָס מאַסקן און פּחדים שפּיל פון דעם בלוטיקן שטורעם. די שטערן זענען אין שטויב. דער מלאך פון דער אַלטער עקדה, האָט פאַרפעלט צו קומען אין צייט. די פאַרשפּיציקטע האָר פונעם פּרינץ איציק זענען שוין פון לאַנג אָפּגעשניטן. דער ווונדערלעכער בלוי, איז אין גאַנצן גרוי.

אַן עלנטער, אַן איינזאַמער וואַלגערט ער זיך אין דער וועלט וואָס איז אים אינגאַנצן פרעמד און ווייט. זעלטן ווען ער קען זיך ווידער דערזען אויפן זיידנס וואָגן אויפצווזינגען ווי אַמאָל:

„האַרבסטיקע לאַנדשאַפט אין מיין געמיט
די עפּל זענען צייטיק און דער טרויער".

דער צייטיקער טרויער האָט אין גאַנצן פאַרשלונגען דאָס דיכטערישע געמיט און עס פאַרפרוירן אין ים הקרוש פון ביטערניש. אַ ביטערניש, וואָס האָט אים דערפירט צו אַ נייעם לעסטערן פון אַלעץ און אַלעמען און דעם אייגענעם גאַנג אין דער ליטעראַטור און אַפילו אָפּצוזאָגן זיך פון איר — — —

דאָס יידישע געמיט אָבער, וואָס ער האָט אַזוי קינסטלעריש אויסגעדריקט, האָט זיך נישט געקענט און נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון אים און נישט נאָר אים אַ סך פאַרגעבן, נאָר גאָר אין די סאַמע לעצטע יאָרן אים

געקרוינט און אָפּגעגעבן אַזאַ כבוד צו וועלכן זייער ווייניק דיכטער זענען זוכה.

אין ישראל איז ממש געשאַפן געוואָרן אַ מאַנגער־קולט. דווקא דורך זיין מאַסקןשפּיל און טראַגישער פֿאַנטאַסטיק, האָט דער סאַברע־דור דערבליקט דאָס יידישע געמיט און זיי האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין בויד הנאה צו האָבן פון די געזאַנגען און פּורים־שפּילן פון דעם מייסטער פון שניידער־צעך, זיין עקסעלענץ איציק.

זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט, אָדער נישט געוואָלט וויסן, אַז ער איז גאָר געקומען אהין נישט אויף מיטצושפּילן נאָר אויף צו וואַלגערן זיך.. ווי ער זינגט אינעם ליד ביים אָנקומען דאָס ערשטע מאָל קיין ישראל:

"כ'האָב זיך יאָרן לאַנג געוואַלגערט אין דער פרעמד —
בין איך איצט געקומען זיך וואַלגערן אין דער היים".

די היים האָט פאַר אים אויפגעשפּילט אַ וואַלגערן זיך מיט פּאַראַד, מיט עפענען טיר און טויער פאַר אים, מיט ליבשאַפט, מיט אַן אַוועקשטעלן זיין ליד אין סאַמע אויבנאָן און אויף זיין אויסגעמאַטערטן לייב און לעבן אָנגעטאָן די דיכטער קרוין פון פאָלקס־געמיט און שפּילעוודיקן וואָרט, די קרוין פונעם גרוי וואָס וועט אַלעמאָל בענקען און ציען צום בלוי.

מאַני לייב — פּאָעט פּאַר־עקסעלענץ

א

אונדזער היינטיקער שמועס איז געווידמעט דעם ליכטיקן זיכּרון פון דעם מייסטער־זינגער און באַנייער פון פּאָעטיש יידישן שאַפן מאַני לייב ע״ה, וועמעס 25סטע יאָרצייט איז אויסגעפאַלן לעצטן יאָר. גאָר אַ סאַך פון אונדזערע לייענער און קריטיקער האָבן אים אין גרויסער פאַרערונג באַצייכנט ווי ״דער פּרינץ״ פון דער באַנייטער יידישער פּאָעזיע, וואָס האָט אויפגעשיינט אין ערשטן פערטל פון היינטיקן יאָרהונדערט. זיין געשליפענער, ליריש לויטערער פערז געפּאָרט מיט אַ וווּנדערלעכער שפּילעוודיקייט און אַרויסגעבישופּט מיט עכטער פּשטות פונעם פאָלקס לשון, איז צו דערזעלבער צייט נאַטירלעך בילדעריש, ריטמיש און קרישטאָל קלאָר. עס פאַרכאַפּט דאָס אויג און פאַרנעמט דאָס אויער נישט נאָר מיט דער בליציקער שיינקייט און מוזיקאַלישן קלאַנג, נאָר אויך מיטן פאַרטיפטן געפילס־אויסדרוק וואָס וויברירט פון די שורות גלייך אין געמיט אַריין.

כּדי אָפּצופרישן אין זיכּרון דעם מאַן וואָס שטייט אין צענטער פון זיין ליד, לאָמיר זיך קודם כּל באַקענען מיט אַ פּאָר געציילטע פאַקטן פון זיין ביאָגראַפיע און סביבה, ווי ער אַליין האט עס דערציילט אין ״אַ מעשה וועגן זיך״: מאַני לייב בראַהינסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1883 ביי אַ משפּחה פון אַכט קינדער, אין ניעזשין, אוקראַינע, אַ שטעטל פון פעל און פערד הענדלער, רייכע טאַבאַק סוחרים און ס׳זאָל נישט אויסגערעדט זיין, פערד גנבים. די חיונה האָט מען געצויגן פון דעם וואָס דער פאָטער, אַ שטיקל יודע ספר, האָט אויפן מאַרק אויפגעקויפט ביי די פּויערים און דערנאָך פאַרקויפט צו די גרויסע פעל־הענדלער. די מאַמע האָט דאָסזעלבע געטאָן אויפקויפנדיק עופות און אייער און זיי צעטראָגן אין באַלעבאַטישע הייזער. אַ חוץ שבת און יום־טוב איז דאָס טאָג־טעגלעכע מאכל געווען קאַרטאָפל מיט ברויט פאַרביסן מיט אַ געפּרוירענעם עפּל. אינעם קליינעם שטיבל מיטן שטרויענעם דאַך זענען אַלע געשלאָפן, ווי עס זינגט זיך ביי אברהם רייזין אין זיין ליד ״אַ געזינד זאַלבע אַכט״ — דריי, אין טאַטע־מאַמעס בעטן און פינף אויף קוליעס שטרוי אויף דער ערד און זיך צוגעדעקט מיטן טאַטנס שאָפענעם פּעלץ וואָס האָט געשמעקט מיט אַלע ריחות פון שווייס, טאַבאַק און בלאָטיקן דרויסן. פון דעסטוועגן האָבן אַלע קינדער געלערנט אין חדר

און דווקא געהאַט גוטע קעפּלעך און געניאַרשנט פון דער מאַמען גרויס ליבשאַפט צום זינגען און געווען משוררים ביים חזן. דאָס שטיבל איז דערפאַר אַלעמאָל געווען פול מיט געזאַנג, וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך אויף אַ גאַנץ לעבן. מוצאי שבת און יום־טוב זענען אַלעמאַל געווען אורחים אין שטיבל; דאָרפס־גייער און מאַרק־הענדלער, וואָס נאָכן אויסטרינקען עטלעכע סאַמאָווארן טיי און פאַרביסן מיט קאַרטאָפל און זויערע אוגערקעס, האָט מען זיך גענומען דערציילן ווונדערלעך אויסטערלישע מעשות, וואָס האָבן דעם יונגן מאַני לייב שפּעטער געדינט פאַר זיינע פאַנטאַסטישע באַלאַדעס. צו עלעף יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן אויף דער לער צו אַ קאַמאַשן שטעפּער. דער באַלעבאָס האָט ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך און געהאַט אַ פולע שאַפע מיט ביכלעך צו וועלכע דאָס יינגל האָט זיך צוגעכאַפּט. פיר זאַכן, דערציילט מאַני לייב, האָט ער זיך אויסגעלערנט דאָרט: שטעפּן קאַמאַשן, וואָס ער האָט דערנאָך אָנגעהאַלטן זיין גאַנץ לעבן, לייענען ביכער, שפּילן אין קאָרטן, גאַנווענען ברויט פון דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט די לערן־יינגלעך געקאַרגט דעם ביסן און רעדן אין גראַמען וואָס ר׳איז באַקאַנט געווען דערמיט פון דער היים ווו די מאַמע האָט געגראַמט אירע ספּעציעלע ווערטלעך, און דער באַלעבאָס פלעגט נאָר רעדן אין גראַמען. דאָס איז אים שפּעטער אַביסל צונוצגעקומען ווען ר׳איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין סאָציאַליסטישער אַקטיוויטעט און שוין געשריבן גראַמען וואָס האָבן גערופן צום קאַמף קעגן מלכות. פון די סטודענטן און אַרבעטער מיט וועמען ער האָט זיך דאַן געחברט, האָט ער זיך דערוווּסט אַז די גראַמען רופט מען פּאָעזיע און אַז ער איז אַ פּאָעט. זיצנדיק אין טורמע האָט ער געשריבן אַ סאַך אזעלכע גראַמען וואָס די חברים האָבן געזונגען און פאַרשפּרייט אין געגנט. אַ האַלב יאָר איז ער געזעסן און נאָכן אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי און ווידער געהאַלטן ביים אַרעסטירט ווערן, איז ער אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. עס איז געווען האַרבסט 1903, זיין קורצע ביאָגראַפיע פון די יוגנט־יאָרן פאַרענדיקט מאַני לייב אַזוי: ״דאָ אין אַמעריקע אָוועקגעזעצט זיך ביי פונקט אַזאַ מאַשין מיט צוויי פלעשער און ווידער אָנגעהויבן צו שטעפּן קאַמאַשן. האָט דאָ פאַרדינט געלט, אַראָפּ געבראַכט זיין טאַטע־מאַמע, חתונה געהאַט, געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַביסל צייט געשריבן גראַמען אויסגעלייגט אין לידער״. וועגן זיין ווערן דער אָנגעזעענסטער פּאָעט פון אַ גאַנצער גרופּע מיט נייע אידייען, וואָס האָבן קינסטלעריש דערהויבן דאָס יידישע ליד, דערציילט ער גאָרנישט. דאַרף מען עס דערגאַנצן מיט דעם, אַז זיינע ערשטע לידער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין 1907, אין די זאַמלונגען פון אַ גרופּע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור, באַקאַנט מיטן נאָמען ״די יונגע״, וועלכע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם ביז דאַן אָנגענומענעם דרך פון דער

יידישער פּאָעזיע, ווו עס האָט דאָמינירט דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסדרוק. זיי האָבן געשטרעבט צו גאָר דעם ריינעם לירישן ליד, וואָס דריקט אויס דעם פּאָעטס אינדיווידועלע שטימונג וואָס איז נישט געבונדן דווקא מיט אַ ספּעציעלער טעמע פון נאַציאָנאַלן אָדער סאָציאַלן כאַראַקטער. די שיינקייט און פּרעציזקייט פון וואָרט, וואָס ברענגט אַרויס דעם פּאָעטס איבערלעבונג און געפיל איז געוואָרן דער דעוויז און תוך פון זייער ליד. מ׳קען עס אָנרופן "ליד לשם ליד" אָדער ווי ס׳איז ליטעראַריש אָנגענומען צו באַצייכענען "קונסט לשם קונסט".

ס׳איז דאָ נישט דאָס אָרט צו באַהאַנדלען דעם גאַנצן פּאַרנעם און תוך פון זייער אני־מאמין, און אויף וויפל ס׳איז זיי געלונגען דאָס דורכצופירן אין דער פולער מאָס אָדער בכלל צו בלייבן אַלעמאָל געטריי צו אָט דער פּראָגראַם אידייע. מיר ווייסן דאָך איצט אַז כמעט יעדער איינער פון דער גרופּע, האָט אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, אויף דעם און יענעם אופן אָפּגעווייַכט פון דעם דאָזיקן דרך. עס דאַרף אָבער שטאַרק באַטאָנט ווערן, אַז אַ גרויסער טייל פון דער טאַלאַנטפולער גרופּע האָט אין שפּעטערדיקע יאָרן פאַרנומען/דעם אויבנאָן אין דער יידישע ליטעראַטור נישט נאָר אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, און אַז די "יונגע" האָבן מיט זייער דראַנג צו באַנייונג, דערהויבן דאָס יידישע ליד צו גאָר הויכע קינסטלערישע מדריגות און אַרויסגעפינקלט פון יידישן וואָרט די סאַמע (טאָכיקע) תוכיקע שיינקייט און ריטמישע שפּילעוודיקייט. אין דעם האָט מאַני לייב דעם גרעסטן פאַרדינסט.

לאָמיר טאַקע אים פּרווון נאָכגיין און איינהערן זיך אינעם קלאַנג פון זיין ליד פון זיין סאַמע אָנהייב אָן ווען פּראָגראַמאַטיש אַזוי צו זאָגן, איז אים דער אינדיווידועלער אויסדרוק געווען צום נאָענטסטן און די שיינקייט און פּרעציזקייט פון וואָרט איז געווען די מאָס פון דער קינסטלערישער מדריגה. לאָמיר אַריינבליקן אויך אין די פאַנטאַסטיש שפּילעוודיקע באַלאַדעס ביז צו דער קינסטלערישער אַנטפּלעקונג פון די רייפקייט יאָרן אין זיינע מייסטערהאַפטע סאָנעטן, ווען ער האט שוין מיט עכט פאַרדינטן פּאָעטישן שטאָלץ געטראָגן די קרוין פון פּרינץ פון יידישן ליד, און — ווייסט שוין אַז אפילו דאָס פּרעציזסטע וואָרט קען נישט אַלץ אויסדריקן, אַרויסאַנטפּלעקן. כ׳וויל אָבער פון פאָרויס באַמערקן, אַז אננעמענדיק אָט דעם סדר מיינט עס נישט, אַז איך האַלט פאַר רעכט און מעגליך איינצושטעלן ביי אַ פּאָעט קלאָרע נאָרמעס פון אַ מין פּעריאָדישן שאַפן, אויב מ׳קען עס אַזוי אָנרופן, און אָנצייכענען: אין דעם פּעריאָד האָט ער געשאַפן אַזוי און אין דעם אַנדערן גאָר אַזוי. אַזוי סימפּליסטיש איז עס נישט, ווייל אפילו אַן אויבנאויפיקער אַריינבליק אין די געזאַמלטע שריפטן פון אַ פּאָעט באַווייזט אַלעמאָל אַז עס איז בלויז מעגלעך צו רעדן וועגן דאָמינירנדיקע שטימונגען

אין אַ געוויסן פּעריאָד. אין סך־הכל אָבער דאַרף מען זען דעם פּאָעטס גאַנג נישט ווי אַ גלייכליניקע נאָר ווי אַ מין זיגזאַגיש שטאַפּלען, אויסדריקנדיק זיינע פאַרשיידנאַרטיקע געפילן דורך פאַרשיידענע פאָרמען אין איין און דעמזעלבן פּעריאָד. איר וועט למשל אין די לידער וואָס מאַני לייב האָט געשריבן אין דעם אַזוי גערופענעם ערשטן פּעריאָד זיינעם, צווישן 1907 און 1915, וואָס זענען מערסטנס געשטאַנען אונטערן צייכן פונעם אני מאמין פון די "יונגע", געפינען לידער אָנגעהויכט פון סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע איבערלעבונגען, אויך שוין קענטיקע שפּורן פון די שפּעטערדיקע סלאַווישע מאָטיוון, באַלאַדעס און אפילו איינציקע סאָנעטן, גלייכצייטיק אין די שפּעטערע זאמלונגען ווי אַנדערע מאָטיוון דאָמינירן, וועט איר געפינען טיף לירישע אינדיווידועלע לידער מיט וועלכע דער אָנהייב פּעריאָד ווערט באַצייכנט. אין קינסטלערישן שאַפן גילט, זעט אויס, דער אַלטער כלל פון טיפערן אַרומנעמענדיקן פאַרשטיין: אין מוקדם ומאוחר בתורה, א שפּעטערדיק פאַרצייכנטע דערגרייכונג איז פונקט אַזוי אַן אויסדרוק־טייל פון אַ פריערדיק דערציילטן, ווי אַ פריערדיקער געפילס־אויסדרוק איז שוין אַ באַשטאַנד־טייל פון שפּעטערדיקן. נישט וויכטיק צי עס קומט פאָר באַוווסטזיניק־דירעקט, אָדער נישט באַוווסטזיניק־פאַרהוילן. סיי דאָס פריערדיקע און סיי דאָס שפּעטערדיקע קומט פונעם קינסטלערס קוואַליקער געפילס וועלט, וואָס איז נישט פריי פון די איינפלוסן פון צייט און סביבה און קען נישט דיריגירט ווערן דורך פּראָגראַם און ספּעציעלער טעאָריע.

ב

אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער, שטעלט מאַני לייב זיך פאָר אזוי:

> "איך האָב מיין מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגן,
> מיין טאַטנס איידעלע און דינע הענט,
> און בלוט האָב איך אַזאַ וואָס זינגט און ברענט
> דאָס ליד פון מיינע זיידעס ביים דניעפּער".

האָט מען זיך מיט גרויס נייגער איינגעהערט צום דאָזיקן אָפענעם און פרייען קלאַנג, וואָס האָט אָנגעוווּנקען אויף ווערק וואָס זאָלן דאָס ארויסברענגען, אָבער נישט דער דניעפּער, נישט זיין ניעזשין צו וועלכע ר'האָט מן הסתם געבענקט, און נישט זיין מאַמעס גרינע אויגן שוועבן דאַן אין זיינע לידער, אָפּגערעדט שוין פון דעם בלוט פון די זיידעס. דאָס האָט זיך ערשט אַרויסאַנטפּלעקט יאָרן שפּעטער, איצט האָט דער קינסטלער עס בלויז געאַנט. זיין געפילס־וועלט איז גאָר געווען דער עלנט און טרויער פון אַ פאַרוואָגלטן אין די רוישן פון ניו־יאָרקער גאַסן און פון איינעם וואָס בענקט "נאָך טויבנשטילע אָוונט־שטונדן" וועלכע ער באַזינגט אין אַן אנדער ליד אַזוי:

„אָוונט מײַנער, אָוונט
פֿון דעם לאַנגען טאָג אַ מידער
צו דײַן שטילקייט פֿאַל איך צו,
אין דײַן שטילקייט איז מײַן רו.
וויגסט מיך אין דײַן שטילקייט אײַן
בײַם לבנה־ווײַסן שײַן
ביזן בלויען טאָג אַרײַן.
אָוונט מײַנער, אָוונט."

און אַז דער טאָג פֿאַרגייט, ווערט טאָקע „זײַן בענקשאַפֿט גאָלד געצונדן" אָבער דער טרויער פֿון מענטשלעכן עלנטן זײַן און פּחד פֿאַרן נישט באַוווּסטן, מאַכט אים תּפֿילהדיק שעפּטשען אַזעלכע צאַרט פֿײַנלעכע שורות:

„שטילער, שטילער! רעדט נישט הויך!
שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך,
אײַנגעבויגענע אין פּײַן,
שווײַגט און האַלט דעם אָטעם אײַן".

און ווײַטער אַזוי אין זעלבן טאָן:

„... אויב מ'האָט אונדז אָפּגענאַרט
און מ'האָט אונדז אויסגעלאַכט,
און די גאַנצע לאַנגע נאַכט
האָבן מיר אומזיסט געוואַרט,
וועלן מיר אין אונדזער בראָך
בייגן זיך צום האַרטן דיל
און מיר וועלן שווײַגן שטיל,
שטילער נאָך און שטילער נאָך."

ער דערציילט אונדז גאָרנישט, גיט אַפֿילו נישט קיין רמז ווער עס האָט אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט, און ווער עס זענען די, וואָס האָבן אומזיסט געוואַרט. דאָס אויפֿציטערנדיקע געפֿיל וואָס טראָגט זיך מיטן קלאַנג און ריטעם פֿון די געציקלטע ווערטער, ווערט אייגנס, — מען דאַרף מער נישט קיין אויסטײַטש, קיין אויפֿקלער. די פּאָעטישע שטימונג איז אַזוי שאַרף, אַז דאָס אינדיווידועלע לייזט זיך אויף און ווערט הויכער סימבאָל פֿון דער פֿײַנלעכער מענטשלעכער אומבאַהאָלפֿנקייט און ווערט דאָס אייגנס פֿון יעדן איינעם מיט אָפֿענע אויגן און אויערן און אַ שפּירעוודיק געמיט.

פֿונקט ווי „דער פֿרעמדער" אין זײַנע פֿאָלקס מאָטיוון שאַרט ער זיך בײַ די ווענט און האָרכט זיך אײַן צום געשריי און געוויין פֿון דער וועלט אַרום אים. ער שטייט אָבער אויך פֿאַרגאַפֿט און פֿאַרבליפֿט פֿון דער שיינקייט און בענקשאַפֿט וואָס הויערט איבער אַלץ. ער פֿאַרבענקט זיך פּלוצעם קיין ניעזשין, און אַז די נאַכט איז צעשטערנט „פֿול געזאַנג און געוויין", האָרכט

מאני לייב און לערנט זיך וויינען און זינגען דאָס ליד פון טרויער פון זיין אַליין. ער הערט דערביי ווי,

„אין די וויגן וויינען קינדער, וויגן מאמעס צו
ליולינקע, ליו, ליו.
מיט אַ טאָרבע גייט אַ בלינדער
שלעפּט זיך צו זיין רו,
קלאַפּט דער בלינדער אין אַ טויער,
איז דער טויער צו,
זיפצט דער בלינדער אין זיין טרויער,
גאָט, פאַרנעם כאָטש דו!"

און אָט דערציילט ער אין אַ ליד, אַז ר'איז אַנטלאָפן אינפּאַרק אַריין כדי צו באַפרייען זיך פון די משוגענע געשרייען און גייט ארום מיט שטילע טריט אין ליידיקע אַלייען —

... און די לבנה דורך די גרויע דאַרע צווייגן
ווי איך — אַ רואיקע, ווי איך — אַליין און בלייך
מיט ווייסע שטראַלן עפּעס כישופט פון דער הייך
און לייטערט אַרום מיר דאָס היטנדיקע שווייגן.
און מיד פון דער לבנהס כישופדיקע שטראַלן,
אַ שטילער און אַ ציטערדיקער בלייב איך שטיין,
איך שטיי און האָרך, ־אַ גליקלעכער, און קען פאַרשטיין
פאַרוואָס די שאָרכנדיקע געלע בלעטער פאַלן..."

אָט דאָס שאַרפע שפּירן, מאַכט אים טאַקע „גליקלעך" ווי ער זאָגט, אָבער דעקט אויך אויף דעם גאַנצן עלנט און טרויער פונעם פאַלן פון די געלע בלעטער. די פאַרכאַפּנדיקע שיינקייט און גרויס וווּנדער פון אַרום, פילט אים אויך אָן מיט לויב און דאַנק צום פליגלדיקן וואָרט וואָס ברענגט דאָס אַלץ אַרויס. שפּעטער, גאָר שפּעטער אין די עלטערע רייפקייט־יאָרן, וועט קומען די דערקענטעניש אַז „אויך אין וואָרט איז נישט אַלץ וואָס אויג זעט און דאָס האַרץ פילט; עס בלייבט אין דער שטומקייט, אין דער פאַרהוילעניש מערער פון דעם ווי דאָס וואָרט קען אַרויסברענגען. איצט אבער, אין גלי פון פּאַעטישער פאַרגלויבטקייט אינעם כוח פון וואָרט, קלאַמערט ער זיך אין דער שיינקייט און אַנטפּלעקערישקייט פון וואָרט:

„קום פשטות קלאָרע, מיט דיין בלאַנקן מעסער,
שנייד אויף דעם שוואַרצן פלאָנטער פון מיין זעל;
מיין וועלט פון אונטער טונקעלע און שווערע שלעסער,
זאָל אויפשטראַלן פאַר מיר ווי זונען פאַר מיין שוועל".

דאָס ליד שליסט ער מיט אַזעלכע פיר שורות:

״... און אויף מיין ענגער ערד פון נישט דערשעפטן טרויער
די שטים פון אַלץ וואָס ליגט אין צער געשמידט,
ווי בלוט צו בלוט זאָל קלינגען צו מיין אויער
און אין מיין וואָרט געלייטערט דורך מיין ליד״.

און אין דעם ליד ״אַכט שורות״ פון וועלכן מיר ברענגען נאָר דעם לעצטן פערז, צעזינגט ער זיך מיטן גאַנצן חן און שפּילעווּדיקייט פון אַנטפּלעקערישן וואָרט:

... ״כישוף, זיבן מאָל אַ דריי,
קומט דאָס וואָרט אויף מיין געשריי,
ברענג די שיינקייט מיטן ווינט!
קלויען פלאַטערן געשווינד;
און געזאָטלט און געשפּאַנט ..
מיטן כישוף ביי דער זייט,
רייט די שיינקייט אויפן וואָרט
גאָטס אַ רייטער פון ווייט!״

אָט אַזוי, מיטן כישופדיקן דריי וואָס פאַרוואַנדלט אים אין ״גאָטס רייטער״ פון דער ווייט, צעשפּיגלט זיך אויף די בענקשאַפט צו די ווונדערלעכע לאַנדשאַפטן פון ניעזשין, וואָס איז באַוווינט מיט פאַנטאַסטי־שע מעשות וועגן מענטשלעכער גוטסקייט און מענטשלעכער רשעות און געפינט זיך

״ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנען
צוצוקומען נישט מיט באַנען,
נישט מיט שיפן, נישט מיט פערד
ערגעץ אויף אַ ווייטער ערד!״

ער נעמט איבערדערציילן די דאָזיקע מעשות מיט אַזאַ געשליפענער געשיקטקייט און שפּילעוודיקייט פון לשון וואָס פאַרגאַפּט און פאַרכאַפּט דעם אָטעם. מען ווייסט נישט וואָס פריער צו באַוווּנדערן, צי דאָס וואָס:

... ״יידן שמאַיען אום און לויפן,
דינגען, קויפן און פאַרקויפן;
יעדן יידנס פּנים שייַנט:
ס'אַראַ מאַרק אַביסל היינט!

אדער חברה לויפן אויף די גליטשן,
מאַכן קונצן, הילכן, קוויטשן,
און דאָס אייז איז בלוי און ווייך
ווי דער הימל אין דער הייך.

שקצים אין די גרויסע היטלעך
פליען באַרג אַראָפּ מיט שליטלעך
מיט אַ פייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע און אין שניי...״

אַן אַנדערש מאָל כישופט ער אייך אַריין אין סאַמע האַרץ פון א טרויעריקער מעשה:

״בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט,
און אין קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט.״
....אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזט אַ ייִד,
אונטערן אָרעם אַ זעקל, טויט הונגעריק, מיד
נאָר מיט ביטחון אין האַרצן צום האַר פון דער וועלט
שלעפּט ער זיך עלנט אין אָפענעם שנייאיקן פעלד.״

אַזוי מעשה נאָך מעשות. אויף די אָפענע שנייאיקע פעלדער און וועלדער מיט פינצטערע היילן, פליט אַרום ״יינגל צינגל כוואַט״ אויפן פאַנטאַסטישן כישוף פערד אָן אַ ציל און וועט שוין קיינמאָל נישט גרייכן די פאַרלאָזענע היים, פונקט ווי דער ייד, וואָס געטריבן פון נויט האָט זיך געלאָזט אין אַזאַ נאַכט אין וועג אריין, איז אין אָפענעם פעלד שוין געבליבן אַ פאַרזונקענער אין שניי ציזאמען מיטן לעצטן חלום, אַז ר׳האָט זיך צו אַ ישוב דערשלאָגן. פונקט אַזוי אָבער וואָגלט איבער די פינצטערע וועגן גרייט צו ברענגען הילף און טרייסט דער פאַרשטעלטער וואַנדערער־אָרעמאַן אליהו הנביא. אז דער טויער פון דעם רשעותדיקן באַלויכטענעם פּאַלאַץ איז פאַרמאַכט פאַר אים, קלאַפּט ער אָן אין טויערל פון דעם אין חושך באַדעקטן נידעריקן הייזל, ווו מ׳לאָזט אים אַריין און מ׳טיילט זיך מיט אים מיט דער פּיין פון הונגער און פינצטערן, ענגן ווינקל. טוט זיך דאָס ביטחון רינגל פלוצעם אַ דריי און אין אָרעמען הייזל נעמען שיינען בליצלאָמפּן, און דער טיש אַ פולער מיט מאכלים געגרייט, אָבער אין דעם פריער באַלויכטענעם פּאַלאַץ, הערשט חשכות און דאס קינד דאָרט וויינט נישט צוליב זיינע זינד.. אליהו דער פרעמדער און פאַרשטעלטער, האָט שוין זיינס געטאָן, שאַרט ער זיך ווידער אַוועק אין דער נאַכט אַריין מיט דער טאָרבע פול מיט חסד אין דער האַנט.

אָט די סעריע פאָלקס מאָטיוון, וואָס ווייַט נישט אַלע זענען פון יידישן קוואַל אָבער דורך און דורך יידישלעך אין טאָן, צוזאַמען מיט דער סעריע אליהו הנביא לידער, האָבן אַ שיין געטאָן אין דער יידישער פּאָעזיע מיט גאָר דער ריינקייט און טיפקייט פון דעם ציקל ״שטומע נשמות״ פון די פאָלקסטימלעבע געשיכטעס פון י.ל. פרץ מיט אַ דור פריער. דאָס פאָלקס־לשון יידיש האָט זיך דאָ צעזונגען מיט אַזאַ קלאָר קרישטאָלענעם קלאַנג,

וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט און אַוועקגעשטעלט מאַני לייבן אין סאַמע נשמהדיקן תוך פון יידיש שאַפן און אים אָנגעטאָן די קרוין פון מייסטער־זינגער פון יידישן לשון. יונגע און עלטערע האָבן זיך גענומען קוויקן מיט זיין געלייטערט וואָרט און עס אויסגעזונגען מיט גרויס פרייד. דער עיקר האָט זיך מיט אים מחיה געווען די מאָדערנע יידישע שולע וואָס איז אויפגעקומען אין זיין צייט און יידישע קינדער האָבן געשעפט פון אים מיטן פולן מויל און מיט זיינע ווערטער אויסגעזונגען —

„פאַר די הענטלעך אין די רינגען
קליינע, שיינע קינדער זינגען
גאָט געטרייער גיב אַ רעגן —
פאַר די קליינע קינדערס וועגן.
ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און ווי פערל רעגן ריין
טריף טראָפ, טריף טראָפ הייבט אָן גיין...

און אַז פון דעם רעגן גייען אויף גרינע קאָרן זאַנגען, און די שניטערס קומען מיט די מעסערס

„נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן אויסצומאָלן
הייבן אָן ווינטן ווייען
און די מילן־פליגל דרייען
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסן מעל."

איז דען אַ וווּנדער וואָס ווען מאַני לייב איז אַמאָל געקומען צו גאַסט קיין מאָנטרעאַל, איז נישט געווען קיין פראַגע וועלכע קינדער קען מען ברענגען אים מקבל פּנים זיין. פון סאַמע יינגסטן קלאַס האָבן אים קינדער געקענט און געזונגען. עס ליגט מיר אין זיכרון אז ווען כ׳בין אַמאָל געזעסן אין אַ קלאַס צוויי אָדער דריי און זיך צוגעהערט צו אַ שמועס וואָס די לערערין האָט געפירט וועגן עפּעס אַן עניין און פּלוצעם געהערט איין קינד און דערנאָך אַ פּאָר אַנדערע נוצן זאַצן גאַנצע, וואָס לויט זייער געוויינטלעכן וואָקאַבולאַר בין איך נישט געווען זיכער צי זיי ווייסן וואָס זיי זאָגן, און דער עיקר פונוואַנען איז עס געקומען צו זיי, האָב איך דעריבער געבעטן פון דער לערערין צו פרעגן אַ פראַגע און צוגעפירט אַזוי אַז ס׳איז מיר געוואָרן קלאָר אַז אַז זיי נוצן די אויסדרוקן ווי געהעריק, אָבער פון וואַנען קומט עס צו זיי? דאָס האָב איך שוין געמוזט פרעגן דירעקט און דער

ענטפֿער איז אויך געווען דירעקט: מיר האָבן עס געלערנט ביי מאַני לייבן... זיי האָבן שוין געהאַט געלערנט: "דער שלאָף", דער פֿרעמדער "דריי מלאכים", — האָבן זיי זיך באַרימט און "מיר האָבן עס ליב"... — האָט איין קינד צוגעגעבן. פֿרעגט מיך נישט וואָס איך האָב דערביי געפֿילט און ווי מאַני לייבס אויגן זענען פֿול געוואָרן ווען כ'האָב אים עס דערציילט. אגב, איז די באַגעגעניש פֿון די תּלמידים פֿון די פּרץ־שולן און פֿאָלקס־שולן פֿאָרגעקומען אין אַ טעאַטער־זאַל און ס'איז געווען איינע פֿון די שענסטע וואָס מיר האָבן געהאַט מיט ייִדישע שרייבער. ס'איז ממש געווען אַ דערהויבענע איבערלעבונג נישט נאָר צוצוזען נאָר צו שפּירן אין דער לופֿט די פֿרייד פֿון די קינדער מיט זייער זינגער. ס'איז אַפֿילו געשען עפּעס וואָס וואָלט אין אַן אַנדער פֿאַל אַ היפּש ביסל צוגענומען פֿונעם יום־טוב, אָבער דאָ האָבן אַפֿילו נישט אַלע וואָס זענען געזעסן אויף דער בינע עס באַמערקט. איינס פֿון די קינדער־באַגריסער, האָט ווייזט אויס פֿון אויפֿרעגונג פֿאַרגעסן עפּעס פֿון דער צוגעגרייטער באַגריסונג, און נאַטירלעך פֿאַרלאָרן, געקוקט צום לערער, וואָס האָט שטיל אַ שעפּטש געטאָן: מיר לערנען אייערע לידער, מאַני לייב... און... זינגען, — האָט מאַני לייב פּלוצעם אַ זאָג געטאָן אַ שטאַרק גערירטער מיט אַ שמייכל דורך טרערן כ'בין געווען אַ משורר ביי אַ חזן... קענסטו זינגען ?! — אַוודאי, האָט דאָס קינד זיך דערכאַפּט און האָט אַ זינג געטאָן ווי פֿאַר זיך:... פֿאַר די הענטלעך אין די רינגען" און דער גאַנצער זאַל האָט פּלוצעם אויפֿגעשאַלט: "קליינע שיינע קינדער זינגען". דאָס ליד איז טאַקע געווען אויפֿן פּראָגראַם, אָבער מיט דעם אויפֿזינגג האָט עס געהאַט דעם אמתן תּיקון און אַפֿילו דער געזאַנג לערער האָט דערשפּירט און מיטגעזונגען נישט וואַרטנדיק אויף דער פּיאַנע. נישט איין קינד און דערוואַקסענער האָט דאַן מקנא געווען דאָס קינד פֿאַרן קוש וואָס עס האָט געקראָגן פֿון מאַני לייבן וואָס האָט ממש געשיינט פֿון הנאה און מזכּה געווען דעם עולם מיט פֿאָרלייענען זיין ליד "וווּנדער איבער וווּנדער".

פֿאַרענדיקנדיק דעם לעצטן פֿערז:

"אַי, וווּנדער איבער וווּנדער,
וווּנדער אָן אַ שיעור
און פֿון די אַלע וווּנדער
קינדער, זינגען מיר!"

האָט ער צוגעגעבן: "און איר אַליין זענט דער גרעסטער וווּנדער. הערט נישט אויף צו זינגען — זינגען — האָט ער זיך מכלומרשט געווישט דעם שווייס פֿון שטערן...

עס בלייבט מיר נאָך איבער צו זאָגן אַ פּאָר געציילטע ווערטער וועגן די סאָנעטן זיינע, וואָס ער האָט מן הסתם געשריבן לאַנגע יאָרן, נאָר אין א זאמלונג זענען זיי דערשינען ערשט נאך זיין פּטירה. פאַראַן אין זיי די באַרואיקטע רייפקייט פון עלטער, דער טערפּקער טעם פון לעבנס חכמה, וואס איז זיך באַוווּסט אין איר באַגרענעצקייט, און איז גלייכצייטיק באַשיינט מיט אַ געשטאָלטן פּערז, געצאַמטקייט פון געדאַנק, און איז באַהויכט פונעם סוד הצימצום.

מיט רעכט, האָבן אַ סך קריטיקער אַרויסגעהויבן די סאָנעטן ווי די קרוין פון זיין יצירה, וואָס האָט אַזוי באַרייַכערט דאָס קינסטלערישע יידישע ליד.

שליסן וויל איך דעם לויפיקן אריינבליק אין זיין שאַפונגס־וועלט מיטן ליד "פון שטויב":

"פון שטויב האָט מיך גאָט אויפגעהויבן
און מיך דערהויבן איבער אייך,
אַז איך זאָל אייער כבוד לויבן,
אַז איך זאָל גרויסן אייער נאָמען,
אַז איך וועל נישט זיין מיט אייך —
זאָל זיין מיט אייך מיין נאָמען, אמן."

(1979)

די אוראייניקלעך קומען צום זיידן

(צום מענדעלע יובילײ)

יעדער יובילײ, — די ספּעציעל אָפּגעצייכנטע דאַטע ביי וועלכער מ׳שטעלט זיך אָפּ פּראַוּוען יום־טוב, — איז אין גרונט אַ בלויזער צופאַל, וואָס האָט זייער אָפּט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם אַפּשלוס אָדער נייעם אָנהייב וועלכן מ׳דאַרף ספּעציעל דערמאָנען. פונדעסטוועגן איז דער ענין פון נעמען אַ באַשטימטן טאָג אָדער יאָר און דערקלערן פאַר יום־טוב, גאָר אַ געהויבענער.

ס׳איז אַ מין ארויסהייבן אַ דאַטע פונם רוטינעם סדר, פון ויהי ערב, ויהי בוקר; אַרויסגעכאַפּט אַ דאַטע אַ בעל זוכה פון דער פון פאַרגעסנקייט און אָפּגעשטעלט זיך: ביסט א בעל שמחה.

עפּעס ענלעכס האָט אויך געטראָפן מיטן הונדערט יאָריקן יובילײ פונעם זיידן.

אינמיטן פון די שווערע קאַמפן וואָס גייען אָן אַרום אונדז. אין סאַמע קאָך פונעם שווערן געראַנגל אין דער היינטיקער וועלט, האָבן מיר אַרויסגעכאַפּט אַ יאָר וואָס טראָגט אין זיך אַזוי פיל נאָך נישט אַנטפּלעקטן שוידער, און שטעלן זיך אָפּ: יידן, ס׳איז א גרויסע שמחה ביי אונדז. דער זיידע פון אונדזער מאָדערנעם ליטעראַרישן שאַפן איז שוין הונדערט יאָר אַלט.

און דער אויסרוף אַליין איז שוין גענוג צו מאַכן פילן, אַז ס׳איז שוין „גאָרנישט פּראָסט״ — ווי ס׳וואָלט געזאָגט א חסיד, גאָרנישט קיין פּשוטער ענין. זענען דאָך די פאַרגאַנגענע הונדערט יאָר געווען נישט סתם דורכגעפלאָסענע צייט, נאָר יאָרן פון געוואַלטיקן ברויז און איבערבוי אין דער גאַנצער וועלט. האָפענונגען און חלומות זיינען צערונען — נייע זענען אויפגעקומען און פירן אַ שווערן קאַמף פאַר זייער פאַרווירקלעכונג. אין די 100 יאָר האָבן מיר דאָך דורכגעלעבט דעם אַרויסגאַנג פון געטאָ פיזיש און נאָכמער גייסטיק, דורכגעמאַכט חורבן און גרעסטע צעשפּרייטונג אין אונדזער געשיכטע, און אויך דעם העראָישסטן געראַנגל פאַר עקזיסטענץ פיזיש און גייסטיק. אונדזער לעבן איז דאָך אין די יאָרן אויפגעריסן געוואָרן פון אַלע זייטן, און אין די יאָרן איז אויך ביי אונדז רייף געוואָרן דאָס זאַפטיקסטע, וואָס דורות האָבן אין טיפע יסורים אויסגעפיינט און אָנגעקליבן — דאָס קינסטלערישע וואָרט: דאָס קינסטלערישע וואָרט וואָס קומט צוזאַמען מיט דער רייף געוואָרענער טאַט אין דער געזעלשאַפט.

אמת, דאָס קינסטלערישע געשטאַלטן און פֿורעמען לעבן, איז א שאַפֿערישער טאַט אין זיך אַליין, אָבער עס קען נאָר אויפֿקומען אין אַ געזעלשאַפֿט וועלכע איז בכוח זיך א הייב צו טאָן און באַווייזן, אַז נישט נאָר קען זי איבערלעבן און דורכלעבן נאָר אויך באַלעבן און אַנדערשן.

מענדעלע מוכר ספרים, ווי דער ערשטער גרויסער געשטאַלטער און פֿורעמער ביי אונדז, איז געוואָרן דער אויסדרוק פֿון אָט דער רייף געוואָרענער טאַט אין אונדזער לעבן. די דאָטע הונדערט יאָר מענדעלע, ווערט אַזוי אַרום אַ סימבאָל פֿון אַ גרויסן אָנהייב אין אונדזער לעבן. אַן אָנהייב וואָס איז נישט געווען קיין יש־מאין׳דיקער (יעש־מעאַיענ׳) נאָר אַן אויסדרוק פֿון אָנגעהויפֿנטע כוחות אין די אונטערערדן פֿון פֿאָלקס לעבן.

פֿון אויבנאויף האָט עס אויסגעוויזן ווי אַ שטיק גליוועור אָן באַזונדערן לייב און לעבן. אויסגעלאַכט און פֿאַרשעמט פֿון די דרויסן שטייענדיקע און אויסגעזויגן און פֿאַרקריפּלט פֿון אינעווייניק. מפֿונקים האָבן געווייכט, פֿאַרהאַלטן די נעז ביים אַריבערשפּרינגען די באַרימטע גלופּסקער גאַסן ווו מ׳דערקענט די טעג לויט די שטיקלעך אָפּפֿאַל פֿון עסן אין דער בלאָטע. איז געקומען דער זיידע און גענומען אַרויסהייבן געשטאַלטן פֿון דעם גליוועור. צום ערשטן — די געשטאַלטן צוליב דער טאַט, כדי צו ריייניקן די לופֿט, טריקענען די בלאָטעס אָדער ווי ער זאָגט עס אַליין ״טרעפֿן אין קאַרב אַריין, עס זאָל אַרויסרינען דער אייטער״, אָבער דאָס קינסטלערישע וואָרט האָט שוין אַזאַ טבע, ס׳מוז אַליין זיין טאַט, לעבן אן אייגן לעבן און זיין גאַנץ אין זיך — האָט עס גובר געווען און ס׳האָט זיך אויסגעשלייפֿט ליפּע ראַובנס מעסערל וואָס פֿאַרמאָגט אַזאַ ספּעציעלע סיגע אין זיך, אַז ווען מ׳קאַלופּעט מיט דעם לאַנג קומט ארויס אַ מענטשעלע, מיט אַלע העוויות און פּיטשעוועקעס מיט כלערליי סיגעס — אַ מחיה אַ קוק צו טאָן. און אָט עפּענען זיי די מיילער, פֿון די מענטשעלעך און ס׳גיט אַ שפּריץ אַרויס א לשון, פֿריש און קערנדיק ווי שמעקנדיק ברויט.

איז אָט דאָס קינסטלערישע געשטאַלטן געוואָרן דער אָנהייב פֿון דער יידישער ליטעראַטור און ערשטער נוסח וואָס איז שוין היינט טראַדיציע.

און מאָדנע ווי עס זאָל נישט אויסקוקן, איז ער דווקא דורכן וועג פֿון סאַטירע און ״פּיקן אין דער מכה״ געוואָרן דער ערשטער עכטער יאָ זאָגער אין דער יידישער ליטעראַטור, דער ערשטער גלויבער אין נייע כוחות. מיט יעדער געשטאַלט וואָס ער האָט ארויסגעהויבן פֿונם גליווערדיקן תהום איז אַ שטיק לעבן אויפֿגעקומען. דער נאָענטער צוגאַנג צום לעבן האָט פֿאַר אים געעפֿנט אַזעלכע קוואַלן וואָס האָבן אים געמאַכט פֿאַרן זיידן און דערמעגלעכט אַז די אוראייניקלעך זאָלן ווידער זיך אַ לאָז טאָן צום זעלבן קוואַל און שעפּן מיט פֿולע עמערס.

ב

עס איז שוין כמעט אַן אַקסיאָמע, אַז מענדעלע איז געווען נישט נאָר אַן אָנהייבער פון אַ תקופה נאָר אויך אַ פאַרענדיקער. מיט מענדעלען, הייסט עס, האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרענדיקט אַן עפּאָכע אין אונדזער ליטעראַטור און בלויז קולטור היסטאָריש איז זי פאַר אונדז וויכטיק. דאָס איז אָבער אמת, נאָר ביז אַ געוויסן גראַד.

מענדעלע האָט אַרומגענומען אַ גאַנצע עפּאָכע, געגעבן איר סטאַטיק און דערמיט געוואָרן ווי דער פונדאַמענט-לייגער, וואָס מעסט אויס דעם גאַנצן שטח, גיסט אויף דעם שטייף-האַלטנדיקן צעמענט און לייגט אויס די ערשטע ציגל: די ליניע פון בנין איז דאָ, אפילו באַפעסטיקט, אבער דער ווייטערדיקער בוי הייבט זיך ערשט אָן.

ווי יעדער אמתער קינסטלער איז מענדעלע דער סך-הכל פון אַ תקופה, אָבער ער פאַרענדיקט זי נישט. ער האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט דאָס לעבן פון אַן עפּאָכע מיט אַלע קליפּערלעך, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז ער האָט זי אויסגעמאָסטן און פאַרטיק, זיינע טיפן, זיין טעמאַטיק איז טאַקע אַ פאַרענדיקטע. די דערגרייכונגען אָבער זיינע, דער קינסטלערישער כוח, וואָס איז דורך אים אַנטפּלעקט געוואָרן איז נאָך אַלץ פריש און זאַפטיק. ער האָט באַפרוכפּערט אַלע פון זיין דור און דורך זיי אויך די שפּעטערדיקע, די אוראייניקלעך.

ביז מענדעלען איז דאָך קיין קינסטלערישע טראַדיציע ביי אונדז נישט געווען, און נאָך ביזן היינטיקן טאָג איז דאָך דאָס געשטאַלטן אין פורעמען — וואָס דאָס איז דער עיקר כל העיקרים פון אמתן שאַפן — דאָס שווערסטע פּראָבלעם ביי אונדז.

ווי האָט ער געקאָנט זיין אַ מסיים, אַז ער איז ערשט געווען דער ערשטער אמתער מתחיל, וואָס האָט זיך געלאָזט אויף יענע וועגן און אָנגענומען די מיטלען, וועלכע דאַרפן לויט מיקל אַנדזשעלען דאַכט מיר — פירן צום אויסהאַקן פון יעדן שטיין אַ בילד. אין אמתן, — זאָגט מען נאָך אין זיין נאָמען, — איז דאָס בילד פאַרוועבט אין יעדער זאַך נאָר פאַרדעקט מיט איבעריקע טיילן. קומט דער קינסטלער און שיילט אָפּ די איבעריקע טיילן, און דער עיקר — דאָס בילד, קומט אַרויס.

ביי אונדז האָט מען ביז מענדעלען זייער ווייניק איבעריקע טיילן אָפּגעשיילט פונם בילדערישן רוי-מאַטעריאַל, האָט זיך אַלץ באַקומען סכּעמעס פון בילד, אָנשטאָט קאָנקרעט בילד, — סכּעמעס פון לעבן אויפן

אָרט פון אמת לעבן. פון אונטער מענדעלעס פען אָבער האָבן זיך ווי פון אונטער ליפּע ראובנס מעסערל אויסגעשיילט פיגורן וואָס טיילן זיך אויס פון גאַנצן אַרום. טיילן זיך אויס, אָבער טיילן זיך נישט אָפּ. די סביבה האָט נאָך נישט פאַרמאָגט אין זיך גענוג פאַרשיידנקייט פון לעבנס פאָרמען, וועלכע זאָלן באַשאַפן אינדיווידועל פאַרטיפטע געשטאַלטן.

מענדעלעס טיפּן קוקן דעריבער אויס, ווי זיי וואָלטן ארויסגעהויבן זייערע קעפּ איבער דער גרויער מענטשן־מאַסע, אָבער דערמיט זיך נישט אָפּגעטיילט פון כלל. דאָס אינדיווידועלע ביי זיי איז פאַרמישט מיטן קאָלעקטיוון און פאַרקערט. אַ רעאַליסטישער סינטעז אַזאַ מיט וועלכן מענדעלע האָט גאָר אסך דערגרייכט און וואָס האַלט אים נאָך ביז היינט פאַרן מייסטער פון געשטאַלטן.

און כאָטש מיר האַלטן היינט אסך ווייטער פון אָט די ערשטע טריט, מעג מען זיך נאָך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן אָט דער דערגרייכונג. צי איז זי נישט אַמאָל נאָך איצט עפּעס מער ווי ירושה.. איינס אָבער איז זיכער אַז קינסטלעריש האָט ער נישט פאַרענדיקט די עפּאָכע זיינע נאָר זי אָנגעהויבן און א שטויס געטאָן די "אייניקלעך" צו נייע פאַרמעסטן: און אויך די "אוראייניקלעך" וואָס לעבן שוין אין ר״ב אין אַן אַנדערער נייער סביבה, לכל הפחות אין אַ געענדערטער סביבה, האָבן נאָך גאָר אסך וואָס צו לערנען פון מענדעלען. לערנען און בויען ווייטער אויף זיין פונדאמענט.

פון מענדעלען זענען מיר אָפּגעגאַנגען אין שטח, אָבער נאָך נישט אַזוי דערווייטערט זיך צו קענען קוקן אויף אים בלויז אין אַ רעטראָספּעקטיוו. דער מאַטעריאַל אונדזערער איז אַ דינאַמישער, איז דערפאַר אויך דאָ אַזוי שווער צו דערגרייכן די אינדיווידועל פאַרטיפטע געשטאַלט. שווער ביי אונדז אויפצובויען דעם טיפּ. ס'איז ביי אונז לייכטער צו שאַפן די ראַם, אין וועלכע דער טיפּ באַוועגט זיך: און אין אָט דעם פונקט באַגעגענען מיר זיך ווידער מיטן מענדעלע — אָנהייב. דאַרף מען נאָך דאָס גענויער אויסשטודירן און זיך גרייטן צו נייע פאַרמעסטן. און, ווער ווייס, אפשר איז דווקא די מענדעלע דערגרייכונג נאָך היינט די וועגווייזערן?

ערשט איצט נאָך די ליטעראַרישע שלאַכטן פון די לעצטע יאָרן דערזעט מען ווי די קינסטלערישע פערזענלעכקייטן וואָס הייסט מענדעלע, הייבט זיך אויף איבער די כוואַליעס פון דער צייט און ווינקט צו אונדז מיט די קלוגע און דערפאַרענע אויגן:

טוט גוט אַ זוך אין מיין בויד און איר וועט געפונען פון כל טוב. עבטער און ריינער רעאַליזם וואָס וואָרצלט אין לעבן.

(1936)

וועגן י. י. סיגאַל

(צום דערשיינען פון זיין בוך לידער "מיין ניגון" — מאָנטרעאַל, 1934)

נישט מיט שטורעם איז י. י. סיגאַל אַנגעקומען אין דער יידישער פּאָעזיע, כאָטש די צייט איז אַזאַ שטורעמדיקע און רווישיקע, אַ צייט פון נאָך־און־פאַר מלחמה; אַ צייט פון נאָך, אינמיטן און פאַר רעוואָלוציע ווען אזוי פיל נייע אויפגעוועקטע כוחות — הייליקע און אומווירדיקע, רייסן זיך אין חלל פון אונדזער וועלט און זוכן אַן אויסדרוק אינעם צעשויבערטן אַרום; אַ צייט ווען פארשיידענע פאָרמען און אינהאַלטן האָבן זיך באַגעגנט און רייסן איינע די אַנדערע ביי די האָר.

די יאָרן פון זיין אָנהייב און שטעלן דעם ערשטן טראָט, זענען געווען די יאָרן פון גיין בחברותא מיט אַ פּלאַקאַט פּאָרויס. מאַניפעסטן אויף יעדן שער־בלאַט און לידער בוך; יאָרן, ווען פּאָעזיע ווערט נישט געמאָסטן לויט איר אייגענעם ווערט, ווען דער פּאָעט איז נישט צום אַלעם ערשטן אַ שאַפערישע פּערזענלעכקייט, נאָר אַ מיטגליד פון אַ גרופּע, אַ נאָמען אונטער אַ מאַניפעסט. זענען דאַן איינע געווען מיטגלידער פון צעהוליעטע באַליאַסטרען און אַנדערע פון אילוזאָרישע אַלבאַטראָסן, אין בעסטן פאַל — טיילן פון רינגען, וואָס הוידן זיך כסדר אויף צינגלעך פון אויף שנעל אַוועקגעשטעלטע וואָגן און מאָסן, וועלכע דאַרפן דאָס איבערוועגן און סאָרטירן אַלץ מיטאַנאַנדער, נישט גאָר לויטן כוח פון דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט, נאָר דער עיקר לויט דעם מאַניפעסט, וואָס האָט זייער אָפט ווייניק וואָס צו טאָן מיט אינערלעכן שאַפונגס־אוצר פונעם דיכטער.

אין אַזעלכע יאָרן איז זייער שווער צו דערהיטן אַן אייגענעם טאָן, צו גיין אַן אייגענעם וועג. י. י. סיגאַל פּרוווט עס אָבער די גאַנצע צייט און דערפאַר איז ער אונזדז טאָפּל אינטערעסאַנט ווייל זיינע מכשולים און מפּלות זענען פּונקט אַזוי גרויסווערטיק ווי זיינע דערגרייכונגען און נצחונות.

אין אַזעלכע קוועקזילבערדיקע צייטן איז דער וועג אָפן פאַר פאַלשע טענער, גרילצענדיקע קולות וועלכע קענען פאַר אַ ווײַלע אָנגענומען ווערן פאַר עכטער מוזיק. אָט די יאָרן זיינען זייער סכנות׳ דיקע און נסיונות׳ פולע פאַרן אמת׳ן דיכטער נישט נאָר ווייל זיין קול הערט מען נישט, ווייל מען נישט דערהערן; נישט נאָר ווייל ער מוז קעמפן פאַר אַ שטיקל זון און הימל, נאָר אויך און אפשר דער עיקר דערפאַר, ווייל אויך ער, ביים וועלן אַוועקשטעלן זיך אין דער וועלט, — געפינען די וועלט אין זיך — לוי

אויף אים די סכנות פון פאַרבייטן שערבעלע געקלימפּער פאַר עכטן קלאַנג. עפּעס פון דעם ארומיקן טומל קלעפּט זיך אָן אויך אין אים אליין. נישט פילנדיק דאָס אפשר — איז ער דאָך אַ קינד פון זיין צייט און סביבה

און אַמאָל גאָר, פּירט אים די פאַרצווייפלונג פון זיין אַן "אָבל בין חתנים" אויף אַזעלכע ווילדע וועגן פון וועלכע מ'קען קוים אַ לעבעדיקער אַרויס. ער פאַרפּלאָנטערט זיך אין נעצן פון וואָרט אָנשטאָט אמת שאַפן. אַנטלויפט אין אַזעלכע וועלטן, וועלכע זענען אין דער אמת'ן נישט זיינע, נאָר ער מיינט, אַז זיי זענען זיין ערד און זיין היים און אַהין וויל ער זיך ראַטעווען.

מיר דאַכט זיך, אַז עפּעס ענלעכס האָט געטראָפן מיט י. י. סיגאַל, ער רייסט זיך צו אַ וועלט וואָס ער מיינט איז זיין און וויל זי אויסזינגען און קען זי בלויז אויסזאָגן.

בלויז יחידי סגולה קענען געפינען דעם בלוט-טראַקט, וואָס זאָל זיי פירן אויף די אייגענע געל-זאַמדיקע וועגן און פאָרט זאָל מען נישט זיין אינזיכיק, פאַרזיכיק אויף נישט עקזיסטירנדיקע אינדזלען י. — פון וועלכע אגב, מ'וויל אַנטלויפן צו יעדער צייט, אָדער אויף וועלכע ס'הענגען פאַלש קאָלירנדיקע עקספּערימענטן-גלעזלעך, וואָס לייכטן נישט נאָר שיינען קאַלט.

האָט י. י. סיגאַל געפינען דעם וועג? שווער צו ענטפערן מיט יאָ און אויך נישט לייכט צו זאָגן, ניין. איינס אָבער איז קלאָר פון זיינע לעצטע לידער ביכער: ער בלאָנדזשעט און זוכט. און אין לעצטן בוך מיינט ער, אַז ער האָט שוין זיין ערד געפונען, נאָר וועגן דעם שפּעטער.

גלייך פון אָנהייב, מיט די ערשטע טריט זיינע, האָט י. י. סיגאַל זיך געזוכט אָפּצוגרעניצן פונם אַלגעמיינעם טאָן, — סיי אין אינהאַלט סיי אין פאָרם, — וואָס האָט דאָמינירט ביי דעם גרעסטן רוב פון די מזרח אייראָפּעישע און אַ טייל אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן. אים האָט גיכער געצויגן צום יחידישן פּערזענלעכן טאָן פון די "יונגע". מיט זייערע כלים, האָט ער אָנגעהויבן און געזוכט אויסצושלייפן זיך זיין וואָרט און בילד. אפילו אויפנעמענדיק די צייט, וואַרפט ער אָפּ דאָס פלאַקאַטנדיקע. נעמט אַלץ אויף דורך זיין אייגענער פּריזמע, געלייטערט מיטן עכטן לירישן נוסח. ס'איז אים פרעמד דער לשון "מיר". אין צענטער שטייט ער אליין; און אויב ער "דאַרף רייניקן מיסטן" — די הויפּט טעמע אין ערשטן בוך — איז עס נישט בלויז אַ צינז דער צייט, נאָר אַן אייגן מיסט, קראַצט אַן אייגענע וווּנד און שרייט אַן אָפן געשריי. אָבער שוין דאָרט, ווען דאָס וואָרט זיינס איז נאָך ווילד און רוי, פּילט זיך דער טאָן פון שטילן אַוועקגיין. עפּעס אַ ציטער, אַ

מורא פאר פארלירן זיך — שלעפּט אים אָפּצוגרעניצן זיך פון די אייגענע מיסטן; און ביסלעכווייז געלינגט עס אים טאָקע אָבער אויפן חשבון פון אַ פולבלוטיקן געשריי און אימפּעט, אויפן חשבון פון זיין גאנץ מיט זיך. די צרה מיטן אָפּגרעניצן זיך ליגט דאָך אין דער בלינדער וואַנט פאר וועלכער מ׳בלייבט שטיין. פון יחידישן גיין ווערט אַ לויב געזאַנג צום פאַרגיין. פון אַנטלויפן פון גרויען היינט ווערט אַ לויפן צו זוכן אַ געוועזן היימלאַנד וואָס מ׳קען מער נישט זען, נאָר אַנען. שאַפט זיך דער היפּוך פון דעם וואָס מ׳האָט געוואָלט: אַנטלאָפן פון טעמע און געבליבן בלויז ביי טעמע, — נאָר אַזאַ, — וואָס איז פאַרשלייערט מיט ווייטע בענקענישן און געדעכענישן, וועלכע קענען פאָרט נישט אויספילן דעם גאַנצן שאַפערישן אוצר. פון שטרעבן צו אייגענעם, קאָנקרעטן ווערט, — אידיאַליזאַציע און אָפּט שפּינוועבסן פון האַרבסט צייט, זיי פאַרטשעפּען, גלעטן אפילו, אָבער פאַרקניפּן נישט און זענען אַלץ אַ סימן פון ״ס׳איז שוין געווען״.

קען מען דען מיט דעם אַ לעבן אָפּלעבן?

וואָלט אַוודאי כדאי געווען, און מיר דאַכט זיך, אז י. י. סיגאַל האָט עס פאַרדינט, מ׳זאָל נעמען מאַכן אַ געהעריקן אַריינבליק אין זיינע 5 לידער ביכער, פּרוּוון אויפשטעלן זיין וועלט, אָפּשאַצן זיינע דערגרייכונגען, זען זיינע דורכפאַלן און נצחונות וועלכע האָבן אים געפירט, אויב נישט צום אויבנאָן, אָבער זיכער צו דער מזרח וואַנט פון דער יידישער פּאָעזיע — וואָלט מען עס געדאַרפט טאָן, אָבער איצט טוען זיך דאָך נישט אַזעלכע זאַכן — וועלן מיר דאַסמאָל אַריינקוקן אין זיין לעצטן בוך ״מיין ניגון״ אין וועלכן ס׳איז בולט׳ער געוואָרן זיין פּנים און ער פירט אונדז, וויל אַלנפאַלס אונדז נאָענט צופירן צו זיין דיכטעריש היימלאַנד.

זאָל דאָס דינען פאר אַ צושטייער.

ב

״מיין ניגון״ איז לויטן טאָן אַ המשך פון די ביכער ״לידער״ און ״ליריק״. אַ טאָן פון רעזיגנאַציע און וועלן עפּעס זאָגן נאָר ס׳איז אַלץ נישט דערזאָגט. אַ קולט פון פּשטות אין פאָרם און פילאָזאָפירנדיקער אינהאַלט. מיט איין אונטערשייד, וואָס אין ״ליריק״ האָט ער געפּרוּווט געבן געשטאַלטן, כאָטש אַבסטראַקטע, און אין ״מיין ניגון״ איז דאָס שוין כמעט נישטאָ. דאָ דאָמינירט דאָס זאָגן אין אויסזאָגן זיך. פאַלט אריין כסדר אין תפילה און תחנונים טאָן פון הנני העני, אָבער ס׳זעט זיך נישט די ״קופּה של שרצים״, וואָס אַן אמת׳ער העני ממעש׳ניק דאַרף האָבן.

„... איך האָב פּאַר זיך שוין
מיין לעבן געעפנט —
אַ ספר מיט בלעטער
פון שטומער הכנעה".

אַזוי שעפּטשעט ער שטיל. אַ ממעמקים שטימונג אָן איין פונק פון וועלן זיך אַרויסרייסן פון דער „נידער" און „שטומקייט". פּאַרקערט ער דערהייבט עס צו אַ קולט פון נכנעדיקייט, ווייל אַלץ איז געוועזן שוין און וועט זיך נישט אומקערן. ער באַוויינט נישט, באַשולדיקט נישט נאָר וויל זיין אַ „לעצטער אַקאָרד". האָט קיין טענות נישט צו קיינעם און צו גאָרנישט, ווייל ער קען דעם היינט — פּאַרזיכערט ער אונדז

„איך ווייס אויך דעם טיפערן קוואַל
פונוואַנען דער כוח אייער שלאָגט,
און ער גיט אייך גערעכט צו זיין שלעכט
און ער גיט אייך גערעכט צו זיין רוי;
און איך האַלט מיך צוריק מיט אַ בליק
פון באַשולדיגונג איבער אייער קאָפּ.
איך לאָז מיינע אויגן אַראָפּ — — —

ער ווייסט, הייסט עס, אַלץ — נאָר וויל נישט אויפהייבן זיין קול און זיינע אויגן, ווייל ער וויל נאָר הערן ווי „עס באַלייטן די גרילן די געהייליקטע רו פון שבת". ער זוכט שפּליטערן פון אַלטע ניגונים, און אויב ער קען נישט אַרויסבאַקומען קיין גאַנצן טאָן פון אַ ניגון, איז ער צופרידן בלויז מיט דעם געדעכעניש פון ניגון, וואָס רייסט די אויגן אויף צו קוקן בלויז אויפן אַלטן אַלמער ספרים אין וועלכן ער וויל אריינשטעלן זיין ספרל ווי אַ לעצט געבליבענער זכר פון „אַ מענטש וואָס געדענקט אַ העלע לעגענדע און האָט זי נישט וועמען דערציילן".

זיצט ער אַזוי און טוט נאָר געדענקען, וואָס ס'איז געווען. בעט רחמים מ'זאָל אים אַוועקשטעלן אין זיין מאַמעס גורל. וויל אָננעמען די אָרעמקייט ווי דער העכסטער סימבאָל פון מענטשלעכער געלייטערטער גוטסקייט. קלינגט אָבער דאָס אַלץ נישט איבערצייגנד; ווייל נישט באַהויכט מיטן אָטעם פון אמת'ן געשעענן; ווייל מיר זעען נישט דער מאַמעס קלייטל ווו ס'געפינט זיך דער העכסטער און אויסגעטרוימטער „גורל" צו וועלכן ער בענקט און שטרעבט אַזוי.

זאָל עס זיין, אַז דאָס איז די נקמה וואָס דער „מלאך הפּאָעזיע" נעמט פון אים? עס קומט אויס ווי געזאָגט: דו סיגאַל, ווילסט זיך אָפּזונדערן און קוקן דורך אַ שפּאַקטיוו, קוק דיר געזונטערהייט, אָבער דערפאַר וועל איך ביי דיר צונעמען דעם כוח פון אויסהאַמערן אַ וועלט. וועסט געדענקען, אַנשטאַט זען. הוילע שטימונג — אַנשטאַט רעליעף, בולט בילד; וואָרט —

אַנשטאָט לעבן. קומט אַלץ ארויס אַבסטראַקט, אויסגעטאָן פון מיטלעבן, ס׳בלײַבט בלויז געשליפן וואָרט. איז דער כוח פון וואָרט ביי סיגאַלן זייער גרויס, אָבער אין ״מיין ניגון״ דאָמינירט עס שוין אַזוי פיל אין יעדן ליד, אז ס׳פאַרשטעלט דאָס פנים פון די מענטשן אָן וועלכע ער וויל אונדז דערמאָנען — מוז ער אָנקומען צום ״זאָגן״; און נאָר מאַמינים גלויבן אויפן זאָג, אויפן וואָרט. זיין שטאַרקייט — דאָס געשליפענע וואָרט — איז געוואָרן זיין שוואַכקייט.

מאַכט זיך, אַז ער לאָזט זיך ארויס אויפן מאַרק. שטעלט זיך טאַקע אַוועק אין קלייטל — ניש דער מאַמעס קלייטל, נאָר דאָס הײַנטיקע, דאָס זייניקע קלייטל. זעט ער עס, לעבט ער מיט, קען ער עס שוין גאָרנישט אידעאַליזירן, בעט ער שוין נישט ווי פריער, נאָר שפּייט קלעק, אַנטלויפט ווי פון אַ פייער און

״שווערער גרויער טויטנשאָטן ,
וועט מיך שטומערהייט באַלייטן
צו מיין ווינקל פון מיין עלנט,
צו מיין ווינקל פון צען טויטן.

בלויז אויף אַ מינוט זיך ארויסגעכאַפּט אויפן מאַרק און דערזען די גרויע וואָר, באַפאַלן אים אַנגסטן זאָגט ער אָפּ די ״התנצלות צו דער צייט״, ווי יענער פרומער וועגגייער תפילת הדרך, און ווידער צום אייגענעם ווינקל. ער קען דעם היינט, דעם ארום נישט אויפנעמען. מבטל זיין איז נישט געוווג, ווייל ער געפונען עפּעס ווייטערס, געוועזנס וואָס זאָל זיך לאָזן אַוועקשטעלן פאַר אַ מוסטער פון אַ שענער און ריינער לעבן; זוכט ער זיך צו באַהעפטן, פאַרבונדן מיט אַ גאַנצערער וועלט, וועלכע זאָל אים באַפרייען פון דעם אומרו וואָס האַלט אַלעמען אין זיינע קלאַמערן און ״נישט ס׳ווערט גרינגער און נישט ס׳ווערט לינדער״. זוכט ער זיך צו דערגראָבן צו אַ קוואַל, צו זיין קוואַל; און ווי אַן אמתער דיכטער, האָט ער גענומען טיפער אַריינקוקען אין זיך, און זיך דערזען אין געשטאַלט פון זיין טאַטן דעם סופר — דאָס איינציקע געשטאַלט, וואָס אים געראָט אונדז צו ווייזן. פירט אים דאָס געשטאַלט אויף ״יונגע גאַסן״ וואָס האָבן אים ״די וועלט געעפנט״. אין יענע גאַסן פון קאָרעץ זיין שטאָט, דערפילט ער זיך היימיש, אין יענע גאסן דערזעט ער זיך צוריק יונג, צוריק ריין און נישט באַדעקט מיטן זאַמד פון שטיינערדיקן ניו יאָרק.

אָט דאָרט איז זיין ערד, און דאָרט — כאַפּט ער זיך אָן ווי אָן א לעצטן אָנשפּאַר — איז

מיין וועלט און מיין וועג
אין אַ גאָלדענעם באַגינען.

ס'איז אָבער בלויז דאָס ראַנגלען זיך מיט דער הילפלאָזיקער אָפגעריסנקייט: און קאָרעץ, די שטאָט

איז נאָך מיינע — אין זינען —

ס'איז בלויז גענוג פאַר אַ פּרינציפּיעלן קרעדאָ, אָבער נישט גענוג פאַר אַ שאַפער וואָס דאַרף קענען בויען און צעשטערן. יענע וועלט אָבער, האָט סיגאַל בלויז אינזינען, ער געדענקט זי בלויז און קען זי נישט בויען און נישט צעשטערן... קען ער נישט זיין דער אמתער שליח פון יענער ערד, ווייל אויך יענע ערד איז נאָר אַן אויסגעחלומטע און דער טיפערער קוואַל פון יענעם לעבן איז שוין גאָרנישט אזוי קוועליק פאַר אים. ער איז דאָרט אויך אַ פרעמדער, א זייטיקער. פילט ער עס און קלאָגט זיך

„און איך קום נאָר צו,
און איך פּרוּוו אים כאָטש רירן;
איך פּרוּוו און — איך קאָן ניט
איך פּרוּוו און — מיר דאַכט זיך,
מיר דאכט זיך, מיין האַנט
וועט באַווייזן אַ כוח,
באַווייזן אַ וואונדער."

געשעען אָבער נישט די וואונדער, דער שטיין רירט זיך נישט, זיצט ער און מורמלט שטיקלעך און ברעקלעך ניגונים, ציילט די טריט פון חסידות, אָבער דורך די טריט זעען מיר אפילו נישט די שאָטנס פון די וואָס האָבן געטראָטן אויף די וועגן פון חסידות; זאָגט נאָך די רייד פון חסידות, איז עס אָבער בלויז אַן איבערזאָגן און מיר זעען נישט די זאָגער. אָפט איז דאָס זאָגן אזוי פאַרוואָרטעוועט, אַז חסידות ווערט אונדז נאָך ווייטער ווי ס'איז אין דער אמת'ן, ווייל דאָס אמתע חסידות ליגט נישט אין תורה־זאָגן אַליין, נאָר אין לעבן, חסידות איז פאַר אַלעמען נישט זאָגן, נאָר לעבנס שטייגער, איבערייס מיט די ברייטע שליאַכן פון זיכערן טראַקט, און פאַר באַהאַלטן זיך אין הינטערגעסלעך, כדי מיט די פונקען פון אמתן התלהבות מיט אַמאָל זיך א רייס טאָן אין אַלע גאַסן אַריין, און אויפן פעלד, און אין וואלד, אין פּאָליש און אין הקדש, אין שול און אין דערהיים; און אומעטום שטייט אין צענטער אַ מענטש, דער מענטש צווישן מענטשן וואָס לאָזט נישט גליווערן און רוען אויף פסוקים שוין פון לאַנג געזאָגטע. סיגאַל זעט אָבער דאָס חסידות אויך אין סטאַטיק און זעט בלויז דעם בנעימותדיקן גאַנג און אויסגעאיידלטן וואָרט. איז עס אויך אַן אָפּגעריסן חסידות, וואָס קען נישט פאַרדעקט ווערן מיט בלויזן וואָרט, בלייבט סיגאַל מיט שפּליטערן וואָס קענען קיין וועלט נישט ווערן; און צו וואָס שטרעבט דען אַ פּאָעט, אויב נישט צו קענען בויען אַ וועלט און אריינגלידערן זיך איר, צו ווערן איינס מיט איר, און דורך איר — מיט דעם וואָס קומט?

מיינט סיגאל, אַז דאָס איז נישט זיין אָפּגעריסנקייט שולדיק, נאָר גאָר די וועלט וואָס גייט אָפּ פאר׳יתומט אָן אַ קדיש.

״קינדער פון אונזערע אינגעווײדן
טוען אונדז נישט מער דערקענען״

און דערפאַר

״אָפּגעהאַקטער טויבער עלנט
וויסטעוועט ביי אונדזערע שוועלן״

איז דאָס טאַקע וואָרער וואָר, נאָר איין זאַך פאַרגעסט סיגאַל, אַז דורות פאַרקניפּן זיך, פאַרוועבן זיך דורך טויזנטער נישט זעבאַרע פעדים און דער אמתער שאַפער העלפט צו, אפילו ביים פאַרבלוטיקן אינעם איבעררייס. דאָס איבעררייסען ווערט אַליין אַ טייל פון דער געהיימער בריק, וואָס פירט פון איין וועלט צו דער צווייטער. וועלטן גייען אָפּ פאר׳יתומט נאָר לפנים, איבעררייסן דאַכטן זיך בלויז אויס, אין דער אמתן איז עס בלויז אַן ארויס־און־אַריינוואַקסן. דאַרף עס אַ שאַפער פילן, בפרט אַזאַ שאַפער וואָס זוכט אמתע ערד; טיף גרייכנדע וואָרצלען. דאָס איז אָבער אלץ גערעדט ווען מ׳וואָרצלט ערגעץ, ווען מ׳פאַרזייטיקט זיך נישט אין שטילן געמורמל, וואָס מוז מיט דער צייט ווערן מליצה. סיגאַל אָבער האָט זיך אָנגעטאָן אַ מאַנטל פון הכנעה און איינגערעדטער לעצטקייט. דאָס פארשטעלט פאר אים די וועלט, אפילו די וואָס ער זוכט, און פאַרשטעלט אים פון דער וועלט.

ער האָט אָנגעהויבן כמעט אין זעלבן טאָן פון אַלע, וואָס האָבן נאָך דער מלחמה מיט צעבראַסטעטקייט אַריינגעשריגן אין צעמיסטיקטן ארום, ער איז אָבער אלעמאָל געווען אַנדערש מיט זיין ליריש ריין און געשליפן וואָרט. האָט ער מיט דער מתנה פון וואָרט געקאָנט אַ וועלט באַשאַפן, אַ רודער טאָן דעם אומרו און נעמען אחריותן — אפילו אַן אָפּגעריבן וואָרט היינטיקע צייט, אָבער פאָרט דאָס איינציקע, וואָס מוז צוגעשטעלט ווערן צום אמתן פאָעט — האָט ער עס אָבער אַוועקגעפירט אויף זייטיקע וועג. אויף זוכן דעם אָרעמאַנסקען טיש. אין די ערשטע ביכער נאָך ״באַזונדער״., האָט עס געהייסן פשטות, אָבער ערשט פשטות, פאָדערט דאָך די גרויסע אחריותדיקע פערזענלעכקייט, ווייל יעדער פשוט וואָרט, וואָרצלט דאָך אין דער שוין גאָרנישט פשוטער וועלט פון מענטשן און מעשים.

האָט דאָס טרייבן פון זיך די ״נישט פשוטקייט״ פון אים צוגענומען די פרייד פון שטאַמלען. פאָעטן דאַרפן קענען שטאַמלען פאַר שרעק, פאַר אימה, פאַר שמחה פאַר גרויסער איבערלעבונג; פאַר סיגאַל׳ן איז צו ״אָפן״ געוואָרן זיין וועלט. צו אָפן און צו פשוט זיין אייגן ליד, אזוי אז ער פילט נישט ווי געשטרויכלט ער ווערט מיט אַזעלכע לידער ווי

״עת הזמיר — ס׳איז שוין זומער
״אידיש, מיין מאַמע,
מיין ווייב און מיין כלה;״

אָדער

״עת הזמיר — ס׳איז שוין זומער
און דער דרור פויגל טוט זינגען

פארגלייכט דאָס מיט אַזאַ פערלדיק ליד ווו מיר זען דער מאַמעס אַוועקגיין — טוט פשוט וויי דאָס האַרץ פאַר וואָס ער לאָזט זיך רק אַוועק אויפן וועג פון זאָגנדיקער פשטות.

ער יאָגט פון זיך ״ די טעמע ״ און ״מיין ניגון״ איז פול מיט טעמע, נאָר אויף איין מאָטיוו וואָס חזר׳ט זיך כסדר איבער מיט דעם זעלבן שאַץ פון עפיטעטן און פאַרבן, קלינגען אָפט די תפילות נישט תפילה׳דיק. צו תפילה דאַרף מען עפעס מער ווי דאָס בלויזע וועלן אַריינגיין אין אַ שולעכל צו מנחה.

דאָס אַוועקשטעלן זיך אָן אַ זייט אין דער אָרעמאַנסקער פאָזע איז זיך נוקם אין אים, און ס׳איז אַזאַ שאָד וואָס ער אליין איז נישט מקיים זיין

״קום ווידער צו גיין
מיט דער שליחות פון גאָט.
די וועלט איז פאַראָרעמט
און ענג איז איר אויג,
בלינד איז איר טראָט״

און דיין וואָרט זאָל זיין ריין,
ווי דאָס וואַסער וואָס קוועלט
דורך די ליכטיקע ציין
פונם מויל פון אַ שטיין.״

צי וואָס דאַרף ער בעטן ״באַוויליגונג״ אויף עטלעכע ״יום טוב שטראַלן״, ער קען זיך אליין אַ יום טוב באַוויליקן, ער האָט גענוג כוח, ער דאַרף אים נאָר באַהעפטן מיטן ״רויטן קערן לעבן״ ״רויטן קערן ווייטיק״ און ״לויטערן קערן גאָלד״.

וועט ער ?

אַ פּאָעט אין רייפקייט

(וועגן ״דאָס הויז פון די פּשוטע״ פון י. י. סיגאַל, 1940, 381 זייטן)

א

גייט מען נאר אריין אינעם ״הויז פון די פשוטע״, איז דארט, דאכט זיך, אזוי שטיל און אומעטיק ווי אין די פריערדיקע ביכער לידער פון י. י. סיגאל, נאר וואס לענגער דו לעבסט זיך איין דארט, אלץ מער דערפילסטו אז די שטילקייט רעדט איצט מיט אן אנדער קול, דער אומעט נאָגט מיט גאר אן אנדער ווייטיק.

פאר אייך שטייט א פּאָעט אין דער סאַמע רייפקייט, וואס האט זיך דערשלאגן צו אן אייביק מענטשלעכן אמת אז —

> ״איטלעכער — א שומר
> אויף זיין עיגול־וועלט״.

היט ער זיין וועלט און זעט זי וואס אמאָל קלאָרער און בולטער. ער דאַרף שוין מער נישט אָנקומען צו רעדן וועגן דער וועלט צו וועלכער ר׳האָט אזוי שטאַרק געבענקט; ער קען זי שוין געבן דורך מענטשן, גאסן און לעבנס.

ער איז איצט אין זיין הויז און דארט גייען אום זיינע מענטשן, און טראגן דעם יאָך פון לעבן און דעם צער פון לעבן. חידושט ער זיך שוין נישט מער ווי אמאָל, ווען ער האט דאס ערשטע מאל באגעגנט דעם בעש״ט אויף זיין וועג צו זיך אין הויז. איצט קידושט ער צוזאמען מיט אים אויף די שמאָלע שטעגלעך, וואס פירן צו א מענטשלעכן ישוב. עס איז קידוש־העולם אינעם הויז פון די פשוטע.

איצט קלאָגט ער מער נישט, ווי אין אַ פריערדיק בוך אויף דעם וואס דער בעש״ט איז שוין נסתלק געווארן — ער לעבט אים אויף; ער רייסט שוין מער נישט קיין קריעה אויף דעם וואָס די אַלטע וועלט איז פאַרגאנגען — ער שטעלט זי נאָך אמאָל אויף.

דער פראָסטער טיש און די פּראָסטע רייד זענען מער נישט קיין אבסטראקציע, נאר די וועלט פון י. י. סיגאל. שטיל גייט ער אַרום אין זיין וועלט און בענטשט דאָס שווייגן.

> ״איך צינד אָן ריינע ליכט אויף דיינע טישן,
> די ווייסע טישן אָנגעטאן אין לייוונט,
> לכבוד יום ה׳שווייגן״. (שבת שוויגן).

ס׳איז אָבער נישט מעגלעך בלויז צו שווייגן אין אַ וועלט פון חורבן; און ווער ווער, נאר י. י. סיגאַל לעבט דאך מיט זיין גאנצן שאפן אין חורבן. שוין די וועלט צו וועלכער ער בענקט אזוי, ליגט דאָך פון יאָרן אין חורבן. עס קען דאָך נישט זיין, אַז דער פּאָעט זאָל נישט וויסן ווו זיין וועלט געפינט זיך און ווי זי ״לעבט״. ציטערט ער איבער זיין וועלט און וויל זי אַרויסראַטעווען פון הינטער די חורבות און זי בויען אויפסניי דורך זיין וואָרט. אבער וויפל זונען ער האט נישט אָנגעצונדן אין זיין וואָרט, וויפל גרינע צווייגן ער האָט נישט אויסגעשפּרייט איבער די געלע זאַמד סטעזשקעס, וואס שלענגלען זיך אין זיין היים, — הויערט אַלץ דער חורבן אין אלע זייטן. בוכשטעבלעך ווי אין דער תנכישער שילדערונג: ״אין דרויסן טויט די שווערד און אין די הייזער — שרעק״.

האָט טאקע סיגאַל אַרויסגערוקט זיין קאָפּ פון דער באַהעלטעניש און שווייגעניש, און האט אין דעם בוך א גרויסע צאָל לידער, וואס בינדן צו און פאַרבינדן אים מיט דער וועלט וואס איז אויך אונדזערע, די וועלט פון 1940.

ס׳איז דא נישט די פראַגע אויף וויפל ס׳איז אים געלונגען אויסצודריקן דעם חורבן־1940, וואס מיר גייט דער עיקר איז אָנצעווייזן אויף א וויכטיקער נייעס ביי י. י. סיגאַל: מיט נישט זיכערע טריט, אבער גאנץ באוווסטזיניק הייבט ער אָן צו לעבן מיט נאָך אַ וועלט אויסער די וואס ער האט זיך אליין אויסגעבויט פונעם אמאָל. ער האט דערפילט אַז אויך ברויט, דאס פּשוטע ברויט פונם פּראָסטן טיש איז לעגענדע, און מ׳מוז נישט דווקא זיין אין אַן ״אויסגעטראַכטער״ וועלט כדי צו קענען לעבן. ער ווייסט איצט אַז

״פון אזעלכע אומעטיקע ציגל,
פון אזעלכע טרויעריקע ציגל —
קאָן מען אפילו,
קאָן מען אפילו
אַ בית־המקדש בויען.
אַ בית־המקדש אין סאמע מיטן,
אין סאַמע מיטן חורבן״.

(חורבן).

מיט וועמען זשע בויט סיגאַל? מיט די מענטשן וואס זענען געווען גאַנץ, וואָס האָבן געהאַט גאָט אין האַרץ און אַ וואַרעם מענטשלעך וואָרט אין מויל: די מענטשן פון זיין קאָרעץ; פון דער וועלט פון אַמאָל צום היינט.

ב

אַ ווייסע קלאָרקייט הערשט אין ״הויז פון די פשוטע״ נישט ווײַל אַלץ איז אַזוי קלאָר אינעם לעבן פון די פשוטע, און דער וועג איז אַזאַ גלאַטער,

נאָר ווייל דעם פּאָעט איז קלאָרער געוואָרן זיין וועג און ער זעט העלער זיינע קאָרעצער און פּראָסקוראווער מענטשן, ער זעט זיי אַזוי, אַז ער קען זיך צוזעצן צו זיי און היימיש אָנרופן אַלץ ביים נאָמען און אפילו אויסכישופן מיט מייסטערשאַפט זייערע אינטימסטע מחשבות און איבערלעבונגען.

ער איז שוין נישט מער בלויז זייער שומר, ווי ער האט זיך טיטולירט אין פריערדיקע לידער, נאָר זייער אויסדריקער. עז איז שוין נישט בלויז די בענקשאַפט, וואָס פירט אים צו דער וועלט פון אַמאָל, נאָר דאָס קלאָר אויסגעהאַמערטע בילד פון יענער גאַנצער וועלט, וואָס ער זעט און מאַכט אונדז זען. און ער דערציילט די מעשה פון יענע יאָרן, ווי איינער וואָס איז דערביי אַליין געוועזן און אַלץ געזען:

צום ערשטן ליכטל איז אויסגעפאַלן
אַ נייער שניי — אַ יונגער, אַ גרינגער;
האָט זיך געוועבט אויף דאַך און פּלויטן,
אונטער די טריט — אַ זייד א קלאָרער.
האָט זיך געלייגט אין איידעלער רו אין ווייסע פּאַסן ביי די פענצטער".
("דער בעש"ט מזמור שיר לחנוכה")

און נישט נאָר צו דערציילן האט ער פון יענער וועלט, ער האט אונדז אויך איבערצוגעבן אַ מוסר־השכל פון א גאַנצן דור, וואָס האָט געלעבט אויף גאָטס וועלט אין אַן אייגן הויז.

"צינדסט יעדן טאָג א זון אין הימל, און איך — אַ קנויט אין אַ טראָפּן בוימל". (דאָרט).

יעדע שעה פון לעבן איז געבענטשט, און אַלץ וואָס געשעט און ווערט געטאָן — איז נאָר "אַ רמז פון דיין גרויסן אמת" פון אלע טעג פון וואָך.

אזוי פון ליד צו ליד, ביז דעם פּאָעטס מוסר־השכל אליין ווערט קלאָרער און גאנצער: אין עכטן נוסח פון זיין וועלט דערציילט ער אונדז א משל און א מעשה פון אמאָל און היינט — דאס משל מיט "אונדזער וועלט־דאָרף", נאָר אַזאַ טבע האָט שוין דאָס גוטע משל: ס'הייבט זיך אָן מיט איינעם און פאַרענדיקט זיך מיט א מוסר־השכל פאַר לאַנד און לייט. דערציילט ער אונדז פון זיבן דערפער, אָבער ליב און אייגן איז אים אונדזער דאָרף — דאָס זיבעטע. און כאָטש ס'איז אָרעם און דערשלאָגן, און די שטיבלעך זענען אַלט, ציטערט ער איבער דעם ווי איבער דעם איינציקן אוצר וואָס איז געבליבן פון דער גרויסער וועלט. (זע דאָס ליד "מיין וועלט דאָרף")

איז שוין דעם פּאָעט לייכטער געוואָרן צוליב דער קלאָרקייט? איז פרייער אים געוואָרן דאס צוגעלייגטע געמיט? — דאָס נישט. ס'איז נאר

געלייטערט געוואָרן זיין שוויַיגן און זיין אומעט און — ער איז קלוגער, פאַרגעבערישער. ער זעט און פאַרשטייט און האָפט, אַז אָט אָט און — "די שעה פון וווּנדער וועט זיך ווייזן".

און ביז דאַן, ביז די שעה פון וווּנדער וועט קומען דערציילט ער דערווייל נישט נאָר די מעשה פון אמאָל, נאָר אויך די נייע מעשה פון יידישע פּאָעטן אין דעם "גרויסדאָרף" ניו־יאָרק. דאָס איז, ווייזט אויס די שענסטע מעשה וואָס ער ווייסט — נאָך דער מעשה פון קאָרעץ. אדרבא, טוט נאָר א הער די מעשה וועגן חיים קרולן, איגנאַטאָוון, און זיי צו לאַנגע יאָר — די מעשות וואָס ער ווייסט וועגן א. מ. ווייסנבערג און א. ליעסין. ער דערציילט זיי מיט אזוי פיל חן און מייסטערשאַפט, אַז ס׳ווערט לעבעדיק עפּעס פון א נייעם נוסח, א נייע גאנצקייט. ס׳וועט נאָך מן הסתם נעמען א שטיקל צייט ביז י.י. סיגאַל וועט דערזען דעם וווּנדער אין זיינע נייע פּאַרשוינען; ער מיינט נאָך אַלץ אז ער לעבט טאַקע "ווי אַ טשוואָק אין אַ ווינקל אין זיין אַלטן זשאַוואָר" — (זע "א גרוס צו חיים קרול") — ער וועט עס אבער מוזן דערזען כדי צו קענען אינגאַנצן ארויסגיין פון דער ענגשאַפט אין וועלכער ער פילט זיך איינגעקלאַמערט.

אין גאָר אַ גרויסע צאל פון לידער אין דעם בוך, זעען זיך בולטע סימנים אז סיגאַל זוכט זיך ארויסצורייסן פון דער ענגשאפט און גרויקייט אין וועלכער ער לעבט שוין אַזוי לאַנג, און עס איז נאָר צו האָפן אַז מיט דער מייסטערשאפט צו וועלכער ער האט דערגרייכט וועט ער קענען אָנפילן זיין וועלט מיט נייע מענטשן און נייַ לעבן. ער טרעט שוין איצט צו צו מענטשן נישט נאָר מיט בענקשאפט און חידוש ווי אמאָל, אויך — נישט נאָר מיט מוסר און חוזק ווי ער פלעגט עס טאָן דא נישט לאַנג. ער האט זיך דערוואָרבן אַ פיינעם הומאר און געלייטערט פארשטיין. זעענדיק דאָס, דאכט מיר, די בעסטע מיטלען מיט וועלכע מ׳קען שוין לעבן מיט מענטשן און דערציילן וועגן זיי.

איז אפשר דאָס טאַקע דער סוד וואָס אין דעם בוך זענען פאַראַן אַזויפיל גאַנצע לידער און קלאָרע בילדער, וואָס בעטן זיך ממש אויפן לייוונט. ווי דאָס ליד "א שיף", "שבת שוויַיגן", "אַן אורח", "מיין וועלט דאָרף" און א היפש ביסל אַנדערע וואָס נאָר צוליבן באַגרעניצטן פּלאַץ קען איך זיי נישט אויסרעכענען, און אָפּגערעדט שוין פון ברענגען ציטאַטן.

נאָך קאָרעץ איז סיגאַלס באַליבסטע טעמע דאָס ליד. ס׳איז דאכט זיך, נישטאָ ביי אונדז נאָך א פּאָעט, וואָס זאָל זיך אַזויפיל מאָל אומקערן און דערציילן די וווּנדער פון ליד ווי סיגאַל. ער פילט עס ווייזט אויס אליין און פאַרענטפערט זיך:

ווי לאַנג עס קלאַפּט אין טיר אַ ליד,
איז דאָ אויף עפּעס נאָך צו וואַרטן״.

(א בוריק).

סיגאַל לעבט אָבער אין און מיטן ליד; און וואָס פינצטערער די צייטן — אַלץ מער קלאַמערט ער זיך אין ליד און קומט אהין ״תהילימען זיין ווידוי״ — אַ באַליבטער אויסדרוק ביי אים, — און דער עיקר —

״זיך אָנוואַרעמען די קאַלטע הענט,
זיך אָפּרוען אונטער דיין אַלטן נידעריקן דאַך
אין דער בלאָנדזשענדיקער טונקלעניש
צעווישן וויסטע טאָג־און־נאַכט״.

(ניגונים).

ס׳וואָלט געווען כדאי אָפּצושטעלן זיך ברייטער אויף דעם ענין, ווייל דאָרט געפינט זיך אַן אָפן טירל וואָס פירט צו סיגאַלס הויז, נאר מיינע באַמערקונגען האָבן זיך שוין צו פיל צעוואַקסן און ס׳איז נישט געבליבן אפילו קיין פלאַץ צו ברענגען כאָטש א פאָרביישפּילן פון סיגאלס שפּראַך און בילדער אוצר, וואס איז ביז גאר רייך און אָפּט אַזוי אויפטועריש אַז מען ווערט פשוט פאַרגאַפּט.

וועלן מיר דאָס מוזן לאָזן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט, און אין איין וועגס וועלן מיר שוין אויך לאָזן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן סתם זאגעכצן און לויזקייטן דא און דארט. מיר האָפן נאר, אז דער לייענער וועט אליין וועלן אריינגיין אינעם ״הויז פון די פשוטע״; און ווי אין יעדער הויז, וועט ער זיך צוזעצן און נישט וועלן מיטאַמאָל אויפעסן דעם גאנצן כיבוד, נאר פאמעלעך פאַרזוכן און הנאה האָבן, איינהערן זיך און דערשפּירן דעם ניגון פון אַ פּאָעט אין רייפקייט.

"אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" פון יהודה עלבערג

מיט יהודה עלבערגס ראָמאַן "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז צו דער רייכער ליטעראַטור וועגן אומקום פון כמעט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, צוגעקומען אַ טיף קינסטלעריש ווערק מיט אַ ברייטן פאַרנעם. דער סיפּור המעשה פירט אונדז אַריין אינעם טויטן־טאָל פון דער וואַרשעווער געטאָ און ברענגט אַרויס דעם אימהדיקן גורל פון דער הילפלאָזער עדה יידן איבער וועלכער עס האָט הפקרדיק געבושעוועט דאָס אומדערבאַרעמדיקע רשעות פון צעווילדעוועטע חיות אין מענטשלעכער געשטאַלט. גלייכצייטיק ווערט אַרויסגעהויבן דער כוח פונעם מענטשלעכן ווילן און די יידישע עקשנות צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן, נישט קוקנדיק אויפן שווידער וואָס הויערט איבער דער גאַנצער וועלט.

דעם דאָזיקן ממש איבערמענטשלעכן כוח זוכט דער מחבר אַרויסצוהייבן דורכן שילדערן די איבערלעבונגען און האַנדלונגען פון עטלעכע הויפּט־טיפּן, דער עיקר — פון דער איידעלער און מיוחסדיקער גאָלדע העשעל און איר קוים צוועלף־יאָריקן יינגל יאָסעלע־יורעק, מיטן "גוטן אויסזען". ער פירט זיי דורך אַלע שבעה מדורי גיהנום אין אַלע דריי טיילן פונעם ראָמאַן. דאָס גיט אים די מעגלעכקייט צו באַקענען אונדז אויך מיט שטיקער לעבן אויך אויסער דער געטאָ, אויף דער אַרישער זייט און דער עיקר אין דאָרף, ווו אין קאָנטראַסט מיט דער שטאָט, איז אַלץ כמעט ווי נאָרמאַל, אַחוץ גאָר קליינע ענדערונגען פון דעם געוויינטלעכן שטייגער. אַגב, איז דאָס דאָרפישע לעבן געמאָלן מיט מייסטערשאַפט און פּסיכאָלאָגישער אַריינדרינגונג אין די טיפּן, וואָס ווייזט אָן אי אויף דעם מחברס באַהאַוונטקייט מיטן דאָזיקן לעבן, אי אויף דעם קינסטלערישן כוח זיינעם איבערצוגיין פון דעם נערוועזן און מיט אומרו אָנגעלאָדענעם סטיל ביים שילדערן די געשעענישן און איבערלעבונגען אין שטאָט צו אַ רואיקער שילדערונג פון דעם דאָרפישן לעבן. דאָס קינסטלערישע אויג פאַרפעלט נישט אַריינצודרינגען אין די פאַרהוילנסטע נאַטור־דערשיינונגען, פון וועלכע אייניקע ווערן דורך דעם דערהויבן צו אייביקע סימבאָלן פון דער מיסטעריעזער נאַטור און אירע באַשעפענישן.

עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דער מחבר וואָלט אין זיין שילדערונג פון דער דאָרפישער לאַנדשאַפט אַ ביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון דער צעברויזטער אָנשטרענגונג און אַנגסט פון די אַפּאָקאַליפּטישע שווידער־סצענעס, וואָס זענען אין תוך דאָך דער יסוד פונעם ווערק. זיי באַגלייטן אים

אָפט אַפילו אויך אין דאַרף, ווו איינע פון די טיפּן, יורעקס שוועסטערל חנהלע, גייט אויס אויף אַ בוידעם פון שרעק, הונגער און פראָסט. איר האָט דעריבער דאָס געפיל, אַז דער דאָזיקער טייל, כאָטש ער איז נישט דער יסודותדיקער טייל פונעם ווערק, איז ער אָבער נישט נאָר נייטיק פאַר דער קאָנסטרוקציע פון סיפּור המעשה, נאָר ער העלפט אויך דעם קינסטלער און דעם לייענער צו דערהאַלטן אויף אַ ווײַלע דעם אייגענעם גייסטיקן באַלאַנס. עפּעס ווי עס וואָלט דערמיט אָנגעוויזן געוואָרן: זעסט, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אין דעם טאָל פון גרויל, איז נאָך פאָרט דאָ ערגעץ נישט ווייט פון דאָרט אַ לעבן, וואָס איז נישט אַראָפּ אין גאַנצן פון די רעלסן.

* * *

מיט יעדער צוגעקומענער שילדערונג פון די טראַגישע איבערלעבונגען פון די הויפּט־טיפּן, ווערט אויך אַלץ בולטער זייער געראַנגל פאַר דערהאַלטן זיך ביים לעבן אַפילו פאַרן פּרייז פון פאַרלירן דאָס אייגענע מענטשלעכע פּנים. מיטן פּשוטן שכל קאָן מען עס נישט באַנעמען און ממילא קאָן מען נישט אויפקלערן דעם זין דערפון מיט די באַגרענעצטע חושים אונדזערע.

זייער שאַרף און אמתדיק ווייזט אָן אליעזר וויזעל אין אַריינפיר־וואָרט צום ראָמאַן: "מ'האָט געדאַרפט זיין משוגע כדי צו וועלן איבערלעבן דעם חורבן.." בלויז דער קינסטלערישער אופן פון עלבערגס דערציילן מאַכט די דאָזיקע נישט־באַגרייפלעכע אי־רעאַליטעט פאַר רעאַל און באַגלויבלעך. עלבערג איז זייער אָפּגעהיט ביים שילדערן די געשעענישן (באַזונדערס אין ערשטן און צווייטן טייל,) נישט אָנצווווינקען אַפילו אויף וועלכער עס איז ראַציאָנעלער פּסיכאָלאָגישער דערקלערונג אינעם אָפּענעם און פאַרבאָרגענעם באַוווסטזיין פון די טיפּן. ער פּרווט עס אָבער יאָ טאָן אין דריטן טייל, נישט מיט גרויס דערפאָלג, מחמת מ'קען נישט אויפקלערן דאָס נישט דערקלערלעכע.

עס דאַרף אָבער אויך באַמערקט ווערן, אַז עס קען זיין, אַז טאַקע צוליב דעם איינשטעל פון וועלן אַרויסהייבן דעם איבערמענטשלעך פיזישן געראַנגל "איבערצולעבן" פון די הויפּט־טיפּן, זענען וויכטיקע מאָמענטן וואָס זענען נייטיק צו דעם גאַנצן ביזאַרן בילד גאַנץ בלאַס אַרויסגעקומען. אָט זענען די אָנשטרענגונגען און פּרוון פון מאַטעריעלן און גייסטיקן ווידערשטאַנד מצד אַ היפּשער צאָל יחידים אין געטאָ, וואָס זענען אונדז באַקאַנט פון אַנדערע קוואַלן, געגעבן געוואָרן זייער בצמצומדיק. ערטערווייז בלויז דורך אַן אייליקן דערציילן אַן עפּיזאָד אָדער אַ בליציק בילד. עס שאַפט זיך אויך אַ נישט פאַרשטענדלעכער בלויז, וואָס שטייט אין

קעגנזאַץ צום ברייטן שילדערן דעם שפּעטערדיק אַלגעמיינעם וואָרשעווער אויפשטאַנד און זיין דורכפאַל, ווו דער מחבר פאַרפעלט טאַקע אויך נישט אָנצוווייזן, אַז אַפילו אין דעם טראַגיש־דערהויבענעם מאָמענט איז די שנאה פון די פּאָליאַקן צו יידן נישט געמינערט געוואָרן אַפילו אויף אַ האָר. אין סך־הכל ווערט אָבער דער אויפשטאַנד פון דעם פאַרצווייפלטן לעצטן איבערבלייב פונעם יידישן געטאָ געגעבן בלויז ספּאָראַדיש און נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל ס'איז נויטיק אָנצוהאַלטן דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען מיטן הויפּט־טיפּ גאָלדע.

מיטן גאַנג פון די שילדערונגען ווערט אויך ביים לייענער שאַרפער די ביטערע דערקענטעניש, אַז כאָטש אין תוך גענומען איז דאָס ראַטעווען זיך און דאָס איבערלעבן די מלחמה מצד אַ צאָל יחידים אַן אומהיימלעכע און מיסטעריעזע צופעליקייט, וואָס איז אַ טייל פונעם שווידערלעכן טייוול־שפּיל. פונדעסטוועגן שלאָגט זיך ביים סוף פאָרט אַדורך אַן אָנווונק אויף אַ באַשטימטן זין אין דעם געדיכטן זינלאָזן ווירוואַר, לכל הפחות ביי איין הויפּט־טיפּ, וואָס האָט איבערגעלעבט. נעמלעך, גאָלדע. זי גייט דורך אַלע גרוילן פון געטאָ און אוישוויץ, און נאָכן ממש נישט גלויבלעכן ראַטעווען זיך פון דאָרט, ווערט זי ערשט געיאָגט פון קליין און גרויס און בלויז דאָס פאַרוואַנדלען זיך אין אַ משוגענער סטראַשידלע, העלפט איר צו קריגן שפּייז און קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ נאָרע אין וואַלד. אירע דורך דורות פאַראיידלטע מידות און מענטשלעכער אויסזען איז פאַרטעמפּט און פאַרווישט געוואָרן. אַפילו דאָס שפּיגעלע, וואָס זי געפינט, קאָן קיין שום שטריך פון איר פריערדיקן לעבן נישט אַרויסברענגען, בלויז דער זיכרון אירער ברענגט עס איר אין חלום־קאָשמאַר. ווען נישט הערצקע, וואָס געפינט זי אַ האַלב־פאַרפרוירענע, וואָלט זי אַוודאי אומגעקומען. אַליין אַ געיאָגטער, אַ באַהאַלטענער אין אַ קעלער, ווערט הערצקע דער צוגעגרייטער שליח נישט נאָר צו ראַטעווען זי, נאָר אויך צו דערוועקן אין איר צוריק די נאַטירלעך מענטשלעכע געפילן.

זייער סובטיל און געהיטן ברענגט עלבערג אַרויס גאָלדעס דערוואַכטע מענטשלעכע געפילן און פאַרלאַנגען, אַפילו אין מיטן גרויל. בעת זי ליגט פאַרגראָבן אין אַ קעלער, זוכט די מענטשלעכע נאַטור אירס. כאָטש אין גאָלדעס מחשבות און אין איר צעטרייסלטן געמיט לעבט זי אויף אַ צעשויבערטן אופן איבער די גליקלעך צניעותדיקע יאָרן מיט איר איידעלן שיען, וואָס זי געדענקט געגנוי, אַז ער איז אַוועק צום אומקום מיט זייער עלטערע טאָכטער. אויך דערוועקט זיך אין איר אַ ציטער צוליב דעם גורל פון די אַנדערע קינדער, וואָס זי האָט באַהאַלטן ביי אַ "פרײנטלעכן" פּאָליאַק און דאָס לאָזט זי נישט אָפּ בייטאָג און ביינאַכט, זעט עס אָבער אַלץ

אויס ווי אַ חלום־געוועב פון אַן אַנדער גילגול, וואָס איז נישט בכוח אַוועקצורוקן אָז אַ זייט איר דערוואַכטן געפיל פון נאָענטקייט און דאַנק צום נישט געהובלטן אָבער שטאַרקן הערצקען, וואָס גיט זיך מיט איר אָפּ מיט אַזאַ געלייטערטער מענטשלעכער גוטסקייט. זייער צונויפקומען זיך, וואָס איז פול מיט גייסטיקן פּיין און יסורימדיקן נסיון, קומט אַרויס דורך דעם דעליקאַטן אופן פון עלבערגס שילדערן ווי עפּעס אַן אויספיר פון אַ מיסטיש פאַרהוילענער השגחה, וואָס פירט דערצו, אַז זי זאָל צוריק ווערן אַ מאַמע און רופן דאָס קינד חנהלע, ווי ס׳האָט געהייסן איר טעכטערל, וואָס איז אומגעקומען אויף אַ דאָרפישן בוידעם.

אַנדערש איז אָבער דער גורל פון יורעקן. דווקא ווען פון וויצעקן איז געוואָרן זאב און פון יורעקן דעם שמוגלער איז געוואָרן צוריק יוסף, און זיי זענען ביידע אַריינגעטאָן אין ראַטעוועז, נאָך דער מלחמה שוין, די שארית הפליטה־יידן און ברענגען זיי קיין ארץ ישראל — די איינציקע געבליבענע האָפענונג זייערע אויף אַ נייעם רואיקן אָנהייב, — קומען זיי אום. דער גאַנצער שוידער פון דעם ביטערן געראַנגל מיטן גורל, ווערט דורך דעם אַרויסגעבראַכט ווי איין צעדריוולטע קנויל פון זינלאָזיקייט, פון וועלכער ס׳איז נישטאָ קיין אַנטרינונג.

* * *

אינעם דריטן טייל איז שוין דער געראַנגל נישט פאַרן איבערלעבן. צו די פריערדיקע הויפּט־טיפּן קומען צו אַ סך נייע זייער אינטערעסאַנטע קאָמפּליצירטע געשטאַלטן. דער רעפּאָרטאַזש־אַרטיקער אופן, אין וועלכן דער טייל איז געשריבן, גיט עלבערגן אַ מעגלעכקייט צו געבן אַן אַרומנעמענדיק בילד פונעם לעבן, וואָס רעכנט זיך מער נישט מיט קיין מענטשלעכע ווערטן. אינעם דאָזיקן בילד באַקומט אויך אַ ברייטן אויסדרוק דאָס עקשנותדיקע מסירת־נפש פון אַ טייל פּערסאָנאַזשן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ראַטעווען פונעם ווירוואַר די שארית־הפליטה־יידן און דער עיקר קינדער, און ברענגען זיי צו אַ ניי לעבן אין ארץ ישראל. אָבער אויך איבער דעם טייל הויערט דער גרויל פון יאוש און אַנטוישונג. ס׳איז די אַנטוישונג מיטן אַזוי גערופענעם וועלט־געוויסן, וואָס קאָן זיך נישט אַרויסהייבן פון דער גראָבער הויט, מיט וועלכער ס׳איז פאַרוואַקסן. אָט דאָס געוויסן קוקט זיך שטיל־שווייגנדיק צו ווי די רשעות דאָמינירט נאָך אַלץ אין דער באַציונג צו די געראַטעוועטע, הילפלאָזע קרבנות.

סאַלטשע, וואָס האָט ״גראַדואירט פון אוישוויץ און מאַטהאַוזען״, ווי זי זאָגט וועגן זיך, איז איינע פון דער היפשער צאָל טיפּן וועלכע עלבערג פירט אַריין אין דריטן טייל. זי דריקט אויס די דאָזיקע אַנטוישונג מיט

שאַרפֿער ביטערקייט: "וואָלסטו געוואָלט איבערלעבן, אויב וואָלסט זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז נאָך דער מלחמה וועלן מיר נאָך זיין ווי געיאָגטע חיות, אַז דאָס ביבל־פֿאָלק (געמיינט די ענגלענדער) וועט זיין דער יעגער און די וועלט וועט זיך צוקוקן גלייכגילטיק?".

ווי אַ סך אַנדערע האָט זי זיך גלייך נאָך דער מלחמה אַריינגעוואָרפֿן אין דעם צעווילדעוועטן הפקר פֿון אַריינכאַפּן וואָס מער געניוס און קערפּערלעכע באַפֿרידיקונג. דאַן באַגעגנט זי זי מיט יורעקן, דעם שמוגלער, וואָס וואָלט אפשר צוזאַמען מיט איר פֿאַרלאָרן געוואָרן אין דעם הפקר, אין וועלכן ער שווימט אַרום ווי אַ פֿיש אין וואַסער, ווען נישט דאָס וואָס פּלוצעם באַווייזט זיך זיין חבר וויצעק, וועלכער האָט אים אין די גרויל־יאָרן געראַטעוועט פֿון אומקום. וויצעק הייסט שוין איצט זאב און פֿירט אָן מיט דער "בריחה", וואָס ראַטעוועט יידישע קינדער. נאָך אַ צייט פֿון קווענקלענישן ווערט פֿון יורעקן יוסף. ער פֿאַרלאָזט דעם הפקר מיט סאַלטשען און פֿאַרבינדט זיך מיט די וואָס ראַנגלען זיך פֿאַר אַ ניי לעבן פֿאַר דער שארית הפליטה און פֿאַר זיך אונטער די בלויע הימלען פֿון ארץ־ישראל. סאַלטשע האָט זיך אַ שטיק צייט געווערט, אָבער צום סוף איז אויך זי נאָכגעגאַנגען יורעק־יוספֿן און געפֿינט זיך אויף דער גורלדיקער שיף "מולדת", אויף וועלכער עס געפֿינען זיך אויך גאָלדע מיט הערצקען און זייער חנהלע, און נאָך איינס, וואָס דאַרף ערשט געבאָרן ווערן. אויף דער זעלבער שיף געפֿינט זיך אַן עולם פֿון כלערליי מענטשן, וואָס זוכן בשותּפֿותדיק אַ האָפֿענונג־שטראַל פֿון פֿרייד אינעם אויסגעחלומטן לאַנד, צו וועלכן זיי ציען מיט אַ פֿרייד, "צוליב וועלכער עס איז כדאַי אָנצוהאַלטן זיך ביים לעבן מיט צעפֿוילטע ציין און צעקרישלטע נעגל", ווי סאַלטשע ברענגט עס אַרויס אין איר שמועס מיט יוספֿן, אויספֿירנדיק צום סוף: "איך האָב געמיינט, אַז ווען די וועלט וועט דערזען דעם חורבן, ווען די פֿעלקער וועלן זיך דערוויסן וועגן דער שרעקלעכער שחיטה, וועלן זיי פֿאַלן אויף די קני און פֿאַרדעקן די פּנימער פֿון חרפּה. זיי וועלן זיך אַפֿילו נישט דערוועגן בעטן מיר זאָלן זיי מוחל זיין."

זאָל מען מיטן געפֿיל פֿון דער טיפֿער אַנטוישונג פּרוּוון צו דערקלערן אַ היפּשן טייל פֿון זייערע האַנדלונגען, סיי די נעגאַטיווע און סיי די פּאָזיטיווע? די נעגאַטיווע, ווייל ס'איז "פּשוט נישט כדאַי...", ווי זי פֿירט אויס: "טפֿוי, אויף אַזאַ וועלט!" — און די פּאָזיטיווע, ווי אַן אויספֿיר פֿון יוספֿס געראַנגל מיט זיך: "די וועלט צווינגט מיך, און דיך, און אונדז אַלעמען, — די גלייכגילטיקע, אַכזריותדיקע וועלט." נישט זאָגנדיק אָפֿן וואָס עס מיינט דער צוואַנג, ווינקט עס אונדז אָן דעם קינסטלערס אָפֿן אויג,

ווען ער פּרוּווט אַריינצודרינגען אין יורעקס אינערלעכער פּאַרלוירנקייט אײדער ער ווערט יוסף און גיט זיך איבער צו אַ נײַ לעבן.

ער זיצט אַ צעהושטער צווישן נאַקעטע פעלדזן אין אַן אָפּגעלעגענער באַרג־געגנט און דערזעט פּלוצעם אַ טראָציק איינזאַם ביימל, וואָס רייסט זיך פון מיטן פון אַ האַרטן שטיין. עס קוקט חוצפּהדיק אַרום זיך און וואַקסט צו להכעיס דער פאַרשטייניקטקייט, וואָס רינגלט עס אַרום. יורעק נעמט עס אָן ווי אַ צייכן פאַר זיך. אַ ביישפּיל, אַז זיין צעקנוידערט, פּוסט לעבן, קאָן און דאַרף באַלעבט ווערן.. ער טוט עס טאָקע מיטן גאַנצן לייב און מאַרך אין זיין נייעם גילגול מיטן אַלטבאַנייטן נאָמען יוסף.

עס ברענגט אים אויך צו דערקענען די מאַמע גאָלדע, און אַפילו אין איר נייעם געשטאַלט פון לעבן מיט אַ פרעמדן יידן אָן חופּה וקידושין, דערהייבט ער זיך, אָן וואַקלעניש, צו באַנעמען איר שווערן נסיון. ער דערשפּירט אַפילו אַ וואַרעמע נאָענטקייט צו איר איצטיקער חנהלען, באָטש דאָס פאַרפראָרענע קבֿרל פון דער פריערדיקע חנהלען מיטן אָפּגעבראָכענעם נעזל, צאַפּלט אים פאַר די אויגן. אויך די פאָן פון דער "מולדת" פלאַטערט אים פאַר די אויגן מיט דער ציטערדיקער האָפענונג אויף אַ נײַ לעבן אין לאַנד פון די אָבות. און אָט, פּונקט ווי עס איז געשען פריער מיט זיין חבר וויצעק־זאבֿ, ווען אַ קויל האָט דערגרייכט אין סאַמע מיטן גרייטן זיך צום נייעם לעבן, אַזוי טרעפט אים אַ קויל געצילט פון דער געדיכטער חשבונות אַרויס פון אַ לווערנדיקע ענגלישער קריגס־שיף. די זינלאָזע פאַרהוילענע שפּיל גרוילט פון אָנהייב ביזן סוף אויפן שפּיץ פונעם מאַסט.

אינעם קלאַסיש פּאָזיטיוויסטישן צוגאַנג צו קינסטלערישע שאַפונגען, איז געוויינלעך אָנגענומען, אַז ביים באַטראַכטן און באַנעמען אַ קינסטלעריש ווערק, דאַרף מען חוץ די ריין ליטעראַרישע מעלות און חסרונות אַרויסהייבן אויך די אידעישע ווערטן פונעם ווערק. וואָס שייך דעם ווערק פון יהודה עלבערגן דאַרף מען אויפקלערן אין אַ געוויסער מאָס די קאָמפּליצירטע סיטואַציעס און אַנטפּלעקן, ווי ווייט מעגלעך, דעם טיפערן זין פון דעם אויבנאויפיק זינלאָזן און כאַאָטישןווירוואַר פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ און האַנדלונג. עס מיינט, אַריינצודרינגען טיף אין דער געשעעניש, כדי צו דערשפּירן דעם פון אייביק איינגעשטעלטן פאַרבאָרגענעם סדר פון דער דאָזיקער עקזיסטענץ.

צום באַדויערן אָבער קאָן מען נישט אָנווענדן די דאָזיקע מאָס אין שייכות מיט אַ ווערק, וואָס שילדערט אַ געשעעניש, וואָס שטייט לגמרי מחוץ פון אונדזערע מענטשלעכע השגות און פונעם סדר העולם ווי מיר קענען אים. דאַכט זיך, אַז אַפילו דאָס שוואַכסטע אָנווינקען אויף אַ זין און אַ

ציל אין דעם דאָזיקן ווערק וועט זיין אַ לעסטערונג. ווי קען מען געפינען וועלכע עס איז דערקלערונג, ויאָס זאָל העלפן דעם געליטענעם און פאַריאושטן צו שטאַרקן זיך מיט גלויבן, אַז ס'איז פונדעסטוועגן פאַרט נישט "לית דין ולית דיין". און דעריבער קאָן מען און מ'דאַרף ווייטער שטרעבן צום לעבן, און ענטפערן, ווי עס איז איינגעשטעלט פון אייביק אָן, מיט "ברוך דיין אמת" אויך אויף דער טיף בוויערנדיקער קשיא: "און ווו איז גאָט געווען אין יענער צייט?"

אמת, יעדער דערקלערונג פון דעם מין, איז אין בעסטן פאַל נישט מער ווי אַ סובלימאַציע, וואָס ענטפערט נישט אויף דער גרונט־פּראַגע. אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז דאָך פאָרט נישט מעגלעך אָנצוגיין ווייטער מיטן לעבן אָן וועלכן עס איז אָנהאַלט, ווי וואַקלדיק און שלאַבעריק ער זאָל נישט זיין. קאָן מען אפשר דערמיט דערקלערן דאָס וואָס מיט דער גאַנצער געהיטנקייט אין די פריערדיקע טיילן פון דעם ווערק נישט אויפצוקלערן און נישט זוכן אַפילו אַ שמץ פון אַ זין אין דער זינלאָזיקייט, האָט עלבערגס קינסטלערישער באַנעם אים געפירט צו געשטאַלטיקן די אַזוי געפייניקטע גאָלדע ביז צום ווערן אַ סימבאָל פון דער אייביקער מאַמע וואָס שטעלט צוריק אויף צום לעבן די פאַרשניטענע משפחה. און אינעם דריטן טייל, וואָס איז לויט דער קאָנסטרוקציע און אויך אין דער פאָרעם און סטיל אַנדערש פון די פריערדיקע טיילן, זעט זיך גאַנץ בולט אָן דער ווילן פון מחבר נישט בלויז צו שילדערן די געשעענישן ווי ער האָט זיי געזען, נאָר אויך אַ מין חשבון־הנפש דורך שטעלן די גרונטיקע קשיות און אַרויסברענגען די נאָגנדיקע ספקות, וואָס מאַטערן אים און דאַרפן ווי עס איז פאַרענטפערט ווערן, כדי צו געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַרן שטרעבן אויפצושטעלן נייע דורות.

אַגב דאַכט זיך מיר, אַז סיי דער דאָזיקער חשבון הנפש און אויך אייניקע פון די טיפן, וואָס ער פירט אַרויס אין דריטן טייל, וואָלטן קינסטלעריש אַרויסגעקומען פאַרטיפטער און איבערצייגנדיקער, ווען זיי וואָלטן באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ באַזונדער ווערק און נישט בלויז ווי אַרויסשטאַרנדיקע יחידים אין דער געפייניקטער מאַסע פון דער שארית הפליטה. אויך די שאַרף תהומיקע פראַגן, וואָס זיי פרעגן און זייער ווייטערדיקער געראַנגל מיט די ענטפערס, וואָלט געקאָנט ברייטער אַרויסגעהויבן ווערן. עס זעט מיר אָבער אויס, אַז דער קינסטלער האָט שוין פשוט נישט געקענט פאַרהוילן און טראָגן אין זיך די יאושדיקע אַנטוישונג, און האָט געמוזט פּרווון געפינען, אַפילו בלויז דורך אָנווינקען, עפּעס אַ שטיקל תיקון פאַרן זינלאָזן גרויל פון וועלכן ער איז אַן עדות. ער הייבט דעריבער אַרויס פון דעם צונויפגעדרענגטן געזעמל אויף דער "מולדת" אַ

חסידישן יונגנמאַן, אַ רבינס אַ זון, וועלכער איז דער איינציקער לעבן־געבליבענער פון זיין גאַנצן שטאַם. ער געפינט זיך אויף דער "מולדת" נישט ווייל ער קאָן נישט קומען לעגאַל און אָפן צום נייעם לעבן אין ארץ ישראל. ער האָט דאָך אַ פּאַספּאָרט און די זאַכן האָט ער שוין אָפּגעשיקט אַהין. ער געפינט זיך דאָרט, ווייל ער וויל מיטלעבן די איצטיקע יסורים פון דער שארית הפליטה, וואָס ער האָט נישט זוכה געווען פריער. און דער עיקר, ווייל ער זוכט אַ תיקון אויף דעם וואָס מאַטערט אים: "וואָס איז דער זין פון דעם? צוליב וואָס איז דווקא ער געבליבן לעבן פון זיין גאַנצן שטאַם?" מיט זיין געהיטענער טראַדיציאָנעלער אויפפירונג און פאַראַנקערטער אמונה אין דער השגחה, רופט ער אַרויס אַ שטאַרקן ווידערווילן צו זיך פון די וואָס קאָנען דער השגחה נישט פאַרגעבן פאַרן שטומען צוקוקן און שווייגן פריער און איצט. ער באַווירקט אָבער פאָרט מיט זיין ערלעכקייט און אָפענעם זיך מודה זיין, אַז ס'איז טאַקע נישט גרינג צו ענטפערן אויף דעם, און אַז ער קאָן טאַקע די השגחה נישט פאַרענטפערן. נאָר זיין אמונה שטאַרקט אים אָבער דערמיט, אַז די וועגן פון דער השגחה זיינען פאַרהוילן און מ'קען זיי נישט משיג זיין מיט די באַגרענעצטע מענטשלעכע חושים. זיין פאַרפאַנצערטע אמונה איז אַזוי געשטאַלט, אַז ער שרעקט זיך נישט, פונקט ווי די בעלי המדרש פאַר אים, מיטצונעמען די שכינה אַליין אינעם טאָל פון גרויל, אין אוישוויץ, מיטצולייַדן אַלע יסורים און אויסצושטיין די שוידערלעכסטע פאַרשעמונגען פונעם מין מענטש. ער לערנט, אַז כדי בייצוקומען די אַנטוישונג און ביטערן יאוש, דאַרף יעדער איינער זוכן אַ תיקון אויף זיין אופן און לויט זיינע כוחות. ער איז דעריבער נישט מתרעם און שטייט נישט אין קריג אַפילו מיט די, וואָס פרעגן לחלוטין אָפּ זיין אמונה אין דער השגחה. דאָס פאַרלייקענען די השגחה איז אַליין אַ סימן, אַז מ'גלייבט, אַז זי איז פאַראַן — זאָגט ער. זיין אייגענעם תיקון, גלייבט ער צו געפינען דורך באַהעפטן זיך מיט באַשען, וואָס איז געווען אין אוישוויץ און איז דאָרט ווי אַ "פעלד־הור" אויפן שענדלעכסטן אופן דערנידעריקט געוואָרן ווי אַ פרוי. דורך חתונה האָבן מיט איר וועט ער, הייסט עס, ברענגען דערהויבונג און געבן אַ תיקון צו דער טראַגיש זינלאָזער פאַרשעמטקייט פון מין מענטש...

ס'איז אַוודאי אַ פּאַטעטיש און מיסטיש דערהויבענע קאָנצעפּציע, וואָס דאַרף זיין אַן אָנשפּאַר און אַן ענטפער אויף דער פראַגע: "ווי קען מען ווייטער לעבן?" אָבער ענטפערט עס דען אויף דער פראַגע: "צוליב וואָס די אַלע יסורים?" און צי איז דען מעגלעך צו געפינען אַ תיקון פאַר די, וואָס זענען אומגעקומען און האָבן שוין מער קיין תקומה נישט?

זייער פשוט און כמעט סימבאָליש שליסט עלבערג אָפּ דאָס דורכפירן די "תיקון־סצענע" — די חופה וקידושין־צערעמאָניע אונטער אַן

אויסגעשפּרייטן ווייסן טלית איבער וועלכן עס האָט געהאָנגען אַ געדיכטע שוואַרצקייט פון הימל אָן אַ פּינטל פון אַ שטערן. ״מען האָט געפּרוווט זינגען נאָך דער חופּה, אָבער דאָס געזאַנג איז שנעל אויסגעגאַנגען...

און נאָך מער סימבאָלישער און אַוודאי כאַראַקטעריסטישער פאַרן זינלאָזן גרויל, וואָס הויערט ״אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט״, איז דער ביטערער אויסגעשריי פון גאָלדען ביים גיין צו קינד (אינעם עפּילאָג) ״חנהלע אין אַ וויסטן וואַלד, נענאַ אין קאַלכאַויוון, יאָסל אין מיטן ים. האָסטו נאָך מיתות משונות, רבונו של עולם? וואָס האָסטו צוגעגרייט פאַר דעם נייעם קינד?״

(1975)

אַ גרוס דורך לידער

נישט קיין אָפּשאַצונג און נישט קיין מבינות זאָגן, ווי ס׳פּירט זיך געוויינטלעך — וויל איך מיט די ווייטערדיקע שורות, נאָר בלויז פאַרצייכענען אַ גרוס, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַהער פון איינער פון אונדזערע פייער ליניעס.

פייער־ליניעס אין צוויי טייטשן: א. עס ברענט די ערד אונטער די פיס און דער דאַך איבערן קאָפּ ב. עס שטייען דאָרט די אַרבעטס־מענטשן אין פייער פּרווו, און לייטערן זיך צו לענקען זייער ברויזנדיקן צאָרן — צום בויען און צום אַוועקשטעלן די פיס אין דער ערד ווי פאַרוואָרצלטע שטאַמען.

די פייער־ליניע הייסט: ארץ ישראל, און דער גרוס איבערשיקער — פּאָעט אין מאָדערנעם לשון — איז י. פּאַפּיערניקאָוו ** פון די איינציקע יידיש זינגער אין ארץ ישראל.

״אונטער פייער״ הייסט דער גרוס, און באַלד פונעם ערשטן זייטל ציטערט דעם איבערשיקערס קול:

> ״ווי זאָל איך דיך ארומנעמען, מיין ברענענדיקער שטאַם,
> אַז כ׳בין אליין אין פייער און אין פלאַם״.

(ברענענדיקער שטאַם)

הער איך זיך איין אין זיין ציטערדיק קול, און אייגן ווערט ער מיר מיט זיין פאַרביסענעם געשריי און געוויין, מיט זיין שטאָלץ און מוטיקן בילד און אויך מיט זיין שטאַמלען און מיט דער אומבאהאָלפנקייט דאָ און דאָרט.

ס׳איז אַ גרוס פון אַ פייער־ליניע ווו די וואָר איז דערהויבענער פון דעם וואָרט, וואָס וויל זי איבערגעבן, ווו דער צער איז טיפער פון דעם כוח פון אויסדרוק אין אונדז, און ווו די טאַט — דער כוח וואָס בויט און דערהאַלט, איז דויערנדיקער פון דער האַנט וואָס פירט מיט דער האַנט אויפן פּאַפּיר.

יאָרן שפּעטער, ווען דאס אַלץ וועט אַ שוואַרצער חלום בלויז זיין, און אויף די קברים וועט גרין גראָז זיך הוידען אין ווינט, און די קרויינען קעפּ אויף די אויפסניי פאַרפלאַנצטע ביימלעך וועלן העלן אין זון, דאַן וועט קומען דאס אויסגעלייטערטע וואָרט, וואָס וועט זיין בילד און אויסדרוקפולער פונעם צער, וואָס איז אַוועק אין זיין רו. דערווייל אָבער, דערווייל איז פייער אין לאַנד. און יעדע שורה אין דעם ביכל לידער דערציילט, אַז

״אַן אָבל איז היינט דאָ אין לאנד,
יעדער יידישער פויער,
אַן אָבל, וואָס קען זיך קיין שבעה נישט זעצן אין טרויער,
נאָך לעבנס, נאָך לעבעדיק האָב — פעלדער גרינס, ווייץ און קאָרן;
נאָך ביימער, וואס זענען פארברענט און עוקר געוואָרן״.

(אָבלדיק)

ווי אַ כראָניק אין פערזן לייענען זיך די מערסטע לידער. אַ כראָניק פון טעג אָנגעפילט מיט טויט, פייערן און גרויל. ״הענגען דאָ טעג איצט, ווי קללות״ — פאַרצייכנט דער פּאָעט, און ווי די אַמאָליקע כראָניקער אונדזערע שטעלט ער זיך נישט קיין אַנדערן ציל — אויב מ׳מעג זיך אזוי אויסדריקן — ווי צו דערציילן וואָס ס׳איז געשען, און צוטראָגן זיין אייגענעם צער און ציטער, און ווו נישט ווו אויך אַרויסשרייען דעם אַלטן און אייביקן וויי געשריי: ״פאַרוואָס״ און ״ביז וואַן?״

טראָגט זיך אַזאַ איינגעהאַלטענער צער פון די לידער, אַזאַ פאַרשטשעמעטער ווייטיק און טרויער — נישט נאר אויף די אייגענע וואס פאַלן, נאר אויך אויפן שכן אין וועמען דער סטעפּ האָט אויפגעוואַכט און זייעט טויט אַרום זיך.

אָבער אויך אַ דערהויבענער שטאָלץ, גייט אויף פון די לידער, אַ שטאָלץ מיט די אַרבעטס מענטשן — ״די פּאַסטוכער מיט גוטע אויגן, שאָפּענע״, וואס שטייען באַפּאַנצערטע מיט גלויבן קעגן פייער אין מדבר־שטורעם.

נישט נאָר ווייסן זיי נישט פון קיין פּחד, נאר זיי ווייסן דער עיקר ווי צו בויען אפילו אין די קללהדיקע טעג. דער גלויבן זייערע, פירט עס מיטן אַקער אויף די אָבלדיקע פעלדער, און ס׳איז טאַקע אָט דער גלויבן וואָס פאַרטרייבט דאָס אבלות פונעם שווער געפּרוווטן לאנד און מענטש.

און אַ וווּנדערלעכע מעלה האָבן די מערסטע לידער, וואָס דווקא דאָס כראָניקאַלע אין זיי ווירקט מיט דער פשטות פון אַן עכטער איבערלעבונג. און ס׳איז אוודאי נישט קיין צופאַל, וואָס די לידער וועלכע ״ציילן די אומגעקומענע ביימער״ און תבואה פעלדער, זענען די בילדערישסטע און ווירקן צום שטאַרקסטן.

״זענען ווי אויף הירשן פיס
געשטאַנען ביימלעך אין פלאַמען
איבער וויאָרסטן איבער מיילן, —
נישט צום אָפּגעלאָשן ווערן;
און עס האָבן זיך פאַר צער
געלאָשן איינציקווייז די שטערן״.

(ביימער אין פלאַמען)

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס נאָר ווען ער פאַרצייכנט דעם ווייטיק פון ״ביימער מאָרד״, רייסט זיך נישט ווילנדיק ארויס דאָס פאַרשטיקטע געפיל פון רופן צו נקמה. אויך דער סטעראָטיפּישער פאַטריאָטיזם, וואָס איז אגב אומפאַרמיידלעך אין אַזאַ פאַל, פעלט אינגאַנצן. בלויז אין אייניקע געציילטע לידער פאַרלירט זיך דער טאָן, אַז כוחות וואָרצלדיקע און גאַנצע שטייען אין פלאַם און אין בוי, — בלויז דאָרט ווען דער כראָניקער ווערט אַ צד און זוכט דעם שולדיקן, דעם רשע, דאַן ווערט ער פאַרטייאיש און דאס עבטע ווערט שוין פאַרטושט אין אַ מבול פון ווערטער. צום גליק זענען די לידער פון דעם מין אַזוי ווייניק אַז זיי קענען נישט שטערן דעם פיינעם טאָן פונעם גאַנצן ביכל.

ס׳וואָלט זיך אַוודאי געוואָלט ברענגען נאָך אַ פּאָר שורות און פערזן כדי איבערצוגעבן די שטימונג פון ״אונטער פייער״, נאָר ווי געזאגט: בלויז אָנווייזן האָב איך געוואָלט, און טאַקע אויך צוריקשיקן אַ גרוס און אַ ברכה צו די געפּאַנצערטע מיט גלויבן און צום זינגער אַליין. טו איך עס מיט זיינע אייגענע ווערטער:

״נאָר אַקערן טיפער —
דאָס אויפגיין זאָל העכער נאָך שלאָגן״!

** ״אונטער פייער״, לידער פון י. פאפיערניקאוו. פארלאג ״אייגנס״ תל־אביב, 1939.

דרײַ דורות בײַ פּרצן

"נישט אײַער ליכט, אײַער אַנצינדער װיל איך זײַן" — האָט פּרץ געזאָגט אין אײנעם פֿון זײַנע פֿעליעטאָנען — אני מאמינס. האָט ער אַ לעבן לאַנג געזוכט צינד־שטאָף פֿונקען, װאָס זאָלן קענען צינדן און פֿלאַקערן, אױפֿרירן און באַנײַען. אָפּטמאָל אַװעק אין אַ זײַט, גענומען מוסרן און אָנװײַזן, זיך צוריק געכאַפּט און װײַטער גענומען נישטערן אין די טיפֿענישן פֿון דער ייִדישער נשמה, געזוכט צו אַנטפּלעקן די נשמה ציטערן און ראַנגלענישן פֿונעם ייִדישן מענטשן. אױסגעטאָן אַלטע שלײַערן און געװיזן דעם תוך. אָנגעטאָן אָפֿט אַמאָליקע לעבנס מיט נײַע מלבושים. פֿאַרפֿלױגן אָפֿט מיט אַ שװוּנג פֿון אַן אָדלער אין די העכסטע הױכן און פֿון דאָרט דערזען דאָס װאָכעדיקע, טאָג טעגלעכע אַרבעטזאַמע לעבן. "קלײן איז דער מענטש, קלײנע עבֿירהלעך, נאָך מאָגערער מצװהלעך". — איז גראָ אױף דער נשמה, גיט די נשמה אַ שיס אַרױף און זוכט דאָס שאַרפֿע, שפּיציקע, קאָמפּליצירט־טראַגישע אינעם ייִדן. — אַזױ שנײַדן זיך די װעגן און קרײַצן זיך די ליניעס פֿון זײַן שאַפֿן. װירקט עס אױך אױפֿן סטיל: אָפּגעהאַקט, שאַרף און שפּיציק — און אפֿשר איז דאָס דער ריכטיק־ייִדישער סטיל, מיר האָבן דאָך נאָך דערװײַל נישט אַזעלכן — און דער סך הכּל:

טוט אַ קוק, נישט אין אַ יום־טובֿ־טאָג, נאָר טאָקע דורכלײענענדיק אױפֿסנײַ פּרצן, און איר׳ט דערזען: דרײַ דורות האָט פּרץ גענומען אױף זײַן קינסטלערישן שפּאַקטיװ, אַרײַנגעקוקט אין זײ, דורכגענומען און געװיזן געשטאַלט נאָך געשטאַלט, פֿון פֿאַרשײדענע זײַטן גענומען, און געקומען צום זעלבן רעזולטאַט. געװאָלט אױפֿבױען דעם בנין פֿון דורות־אַנטװיקלונג, נישט דורך דער הילף פֿון ברײטע לײװנטן און מאַסן־סצענעס, נאָר אַ פֿונק דאָ אַ פֿונק דאָרט, געקליבן די ניצוצות, באַלױכטנדיק זײ, און אַזױ אַרום אַרױסגעבראַכט אַ לעבן פֿון עטלעכע דורות. ס׳איבערלעבן פֿון גרױסן יחיד און גרױסן כּלל.

מיר װעלן פּרוּװן אױפֿשטעלן דעם בנין לױט די טיפֿן. מ׳דאַרף דאָ באַמערקן: אָפֿט באַגעגענען מיר צװײ אין פּלוג באַזונדערע טיפֿן, אָבער טיפֿער גענומען װײַזט זיך אַרױס, אַז ס׳איז אײן טיפּ, אָדער צװײ קעגנזעצלעכע טיפּן זענען נאָר צװײ באַזונדערע פּרצופֿים (פּאַרצופֿים) אין לעבן, אין גרונט אָבער זענען זײ אײנס.

אַלס פּרעלודיע און אַן אָנטײט פֿאַרן גאָר אלטן דור דינט דער עלטער, זײדע אין "פֿיר דורות — פֿיר צװואות", ער ציט זײַן יניקה נאָך פֿון

די צייטן, ווען שרה בת טובים איז אַרומגעגאַנגען מיטן גאָלדענעם שיכעלע און אליהו הנביא האָט זיך נאָך באַוויזן, כּדי גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן. ער דער עלטער־זיידע, איז זיכער געווען מיט זיין לעבן, ער איז אויך זיכער, אַז נאָכן טויט וועט זיך גאָרנישט בייטן. דער סדר העולם איז אַזוי קלאָר, אַז אַנדערש קען גאָרנישט זיין און וועט נישט זיין; ער דאַרף גאָרנישט אָנזאָגן וועגן גייסטיקע ענינים, נאָך ווינציקער וועגן מאַטעריעלע. דער פּחד פאַר אַנדערש ווערן איז נישטאָ.

דער זיידע אַנט אָבער שוין עפּעס, עפּעס איז נישט גלאַט. ער איז אָבער נאָך פעסט און האָט אַ קלאָרן וועג סיי אין זיין גשמיותדיק־וואָכעדיקן לעבן, סיי אין זיין גייסטיק־שבת־יום־טובדיקן. און דאָס וויל ער איבערגעבן אינגאַנצן זיינע קינדער. ער שרייבט שוין אַ צוואה. ער זאָגט דאָס אָן מיט אַזאַ געטרייאיקייט און פעסטקייט, אַז מיר גלייבן: דאָס טוט ער נישט, ווייל ער האָט מורא פאַרן אַנדערש ווערן, נאָר ער וויל מאַכן דעם לעצטן חשבון כּדי צו קענען אַריינגיין אינעם נייעם לעבן־טויט מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דאָ האָט ער אַלץ אָפּגעטאָן. פּאַרטיק געוואָרן דאָס עפּעלע, דאַרף מען איצט אַ ברכה מאַכן, פּשוט, סדר־העולמדיק און פול בטחון: ער האָט אים נישט פאַרלאָזט אויף דער וועלט, ער וועט מיט רחמנות אים אויפנעמען אויף יענער וועלט.

אָדער, טוט אָקאָרשט אַ קוק אויף דאָס האַרץ פון דעם דור, רב זושעלע, דער ליבלעך־שמייכלדיקער און יינגליש־אויסזעענדיקער אַלטער, צי רב יחיאל, דער גוטס־טוער, וואָס וויל פונדעסטוועגן נישט קיין התמנות, זיי זענען ביידע אַיין טיפּ סוף כּל סוף — אָט זיי ביידע, איינגעוואַקסן אין זייערע סביבה, ווייסן ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די זייעריקע, ווייסן ווי אַזוי איינצונעמען די באַלעבאַטים און העלפן מיט גוטמוטיקייט און חסד. אַ ליבע פאַמיליערישקייט הערשט אין שטעטל, אַ גוטמוטיקער דרך־ארץ און מיט טויזנט חנען באַפאַרבט.

וואָס האָט געפירט צו אַזאַ דרך?

נו, ס'בעט זיך דאָך פון דער צונג. דורות אַז מ'לעבט אויף איין שפּאַן ערד, מ'לעבט דאָך עפּעס אין אַ לאַנד, וואָס טראָגט אַזאַ היימישן נאָמען פּה־לין — פּוילן) — דאָ זאָלסטו נעבטיקן, רוען. און דער שטייגער־לעבן איז אַן אַלטער, ווי זאָגט דער זיידע אין משיחס צייטן: „אַ וועג פון קדמונים, אַן אויסגעטראָטענער, בלאָנדזשען קען מען נישט"... מ'ווייסט ווען צו דאַווענען און פאַרוואָס תּפילה צו טאָן. די ליניע איז אַפילו אַ צו שטייפע, פאַרגליווערטע, ער האָט אָבער אַ זיכערן טריט. ער פליט נישט: „אין דער הויך איז קיין בית־המדרש נישט דאָ" און ס'פאַלן אַוועק אַ סך מצוות התלויות בארץ.. גייט ער אויף דער ערד און טוט וואָס ער קען.

איז אָבער דער אָנצינדער נישט צופרידן נאָך און נישטערט ווייטער פּרעגנדיק: איז שוין זשע? איז טאַקע אַלץ אַזוי גלאַט, אַזוי זיכער, אַז מ'קען זיין רואיק מיט זיך און מיט די אייגענע? איז גאָר קיין ווילן צו גרויס נישטאָ? זעט נישט דער דור דאָס פֿאַרשטייפּטקייט, וואָס קומט פֿון דעם זיכער זיין?

זעט נישט דער דור דאָס ראַנגלען זיך פֿון דער קדושה מיט דער אומריינקייט און בייזער תּאוה? שוין זשע האָט מען שלום געמאַכט מיט אַלץ? זוכט ער ווייטער און דערבליקט דעם קאָפּ פֿון דעם דור, ר' שלמהלע און ר' פּינחסל, וואָס זענען איין טיפּ. אַרויסגייענדיק פֿון פֿאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, ווילן זיי ביידע איינס און דאָס זעלבע.

זיי זעען זייער אַ סך. זענען העכער פֿון אַלעמען און זעען מער פֿון אַלעמען.

זיי זעען, אַז ס'אַנדערשט זיך פֿאַרט, אָדער ס'גרייט זיך צו ווערן אַנדערש. זיי ווייסן, אַז דער שטן לויערט אויף צו כאַפּן די בעסטע. די "מאָנישעס". אין זייערע הייזער אַליין האָט עס זיך שוין אַריינגעכאַפּט. אַ נײַ לעבן וועבט זיך.

זיי ווייסן אויך, אַז מ'איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן אין־דערוואַכן, מיט קליינע השגהלעך און נאָך קלענערע דאגהלעך. מ'איז אַזוי פֿאַרנומען און פֿאַרהאַוועט מיט זיך, אַז מ'פֿאַרגעסט אין דעם גרויסן, אין דעם זין פֿונעם באַשאַף. זוכט יעדער פֿאַר זיך אַ שטיקל אָנשפּאַר, דאָס חיות צו דערהאַלטן, און מ'פֿאַרגעסט, אַז מ'איז אַראָפּגעקומען אַהער עפּעס אויפצוטאָן, עפּעס משלים צו זיין — צו פֿאַרריכטן דעם פּגם. (פּגאָם)

קומט דאָס לעבן אָן שווער; אַ געראַנגל אַ שווערער פֿאַר אַ פּיצל ברויט, פֿאַר אַ שפּאַן ערד דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, זוכט מען הילף, אַן עצה־געבער און אַ העלפֿער — קומט מען צום צדיק:

— העלף, אַ מופתל, אַ קליין פּיצעלע ברויט! קיין גרויס געשעט נישט, קליינע מעשים און נאָך מיזערנער רעזולטאַטן. שטייט דער צדיק, דער גרויסער יחיד, אַליין און פֿאַרוווירט, פֿאַרגלירט דעם גלויבן אינעם כּח פֿון זיינע חסידים. ער זעט נאָר זייער קליינלעכקייט, זייער פּשוטע וואָכעדיקייט, קען נישט פֿאַרטראָגן זייער בעטלערישע הכנעהדיקייט. אָן אַביסל שטאָלץ, אָן אַ שטאַרקן ווילן. ווו קען מען מיט אַזאַ עולם פֿאַרפֿאָרן? און — אַז ס'איז קיין מיטל נישטאָ. ס'קען דאָך אַזוי נישט בלייבן. נעמט ער אַלץ "אַליין אויף זיך," שפּאַרט זיך איין: "שלמה וועט קיין הבדלה נישט מאַכן." ער ווייסט, ער פֿילט, ער וויל, וועט ער עס טאָן פֿאַר אַלעמען: "אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט, לענגער וואַרטן נישט געקענט", ווייל, ווייל נישטאָ אויף וועמען צו וואַרטן. נישטאָ מיט וועמען צו גיין און אַזוי קען עס דאָך נישט בלייבן — —

— טאַנצט ער אַליין, זעט די חורבות פון דער אַלטער וועלט, וואָס איז גראָ און פיינלעך, אָבער ער, דער גרויסער יחיד, וועט און וויל זי בויען, ווייל אים פירט די גרויסע ליבע צו אַלעמען. ער איז אָבער אַליין, ער קען זיך אויף קיינעם נישט אָנשפאַרן, ער גלויבט דאָך נישט, אַז עמעץ וויל דאָס זעלבע, ווי ער — ער האָט טאַקע גרויס רחמים צו דער וועלט, אָבער נישט קיין גלויבן אין איר —

און די מאַסע וויל זיך אָנשפאַרן און האָט נישט אָן וועמען, צעלויפט זי זיך; קינדער שטאַרבן פון אסכּרה, איינרייסן אַפילו קען מען נישט: ס׳איז שבת... קען מען דאָך אַזוי נישט לעבן, מוז זיך דאָס לעבן זוכן אַן אַנדער אויסוועג.

ר׳ שלמהלע באַנעמט נישט דעם כּח פון וואָך און שווערער מי — וועלכע גיט באַלוינונג אין אַ שעה רו — אַנטלויפט זי פון אים, די וואָך, און זוכט זיך אַן אַנדערן פירער. אַן אַנדערער, וואָס איז אויך ער, ווייל דאָס זעלבע ווי ער, נאָר גייט דערצו מיט אַן אַנדער וועג, נוצט אַנדערע מיטלען. ער, דער אַנדערער, וועט יאָ הבדלה מאַכן, און — ווערט פירער. שלמהלע, דער שבת יום־טובדיקער, אַלייניקער הימל־שטורמער מוז אָפּטרעטן.

די וועלט קען נישט אויסגעלייזט ווערן דורכן יחיד אַליין - מעג ער זיין ווי גרויס, — אָן דעם גרויסן מאַסן־פאַרשטיין. ווי זאָגט דאָרט די פרוי, וואָס איז סענסיטיווער בכלל ביים דערפילן זאַכן אין זייער ריכטיקן מהות: ״קינדער ווייסן נישט, קינדער פאַרשטייען נישט. און אַז קינדער פאַרשטייען נישט — גייט עס נישט״.

זיצט ר׳ פּינחסל אינגאַנצן אין דער וואָך, זעט דורך און דורך דאָס וואָכעדיקע לעבן; מלא טומאה איז די וואָך, דאָרנדיק־גראָ טעגלעכער באַדאַרף, ברענגט זי דערפאַר נישט די גאולה. קען זי נישט ברענגען. ווייל צו שווער איז דער יאָך און אין שווערן לעבן נעסטיקט זיך די אומריינקייט, קוקט מיט טויזנט אויגן אויף אַ קרבן. דערזעט עס דער אייביקער שליח פון דער גאולה און שפּרינגט צוריק, קערט זיך אום אין זיין רו און אַלץ בלייבט ווי געווען. האַלט ר׳ פּינחסל, אַז מ׳דאַרף זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיך אַליין, מ׳דאַרף גרייטן דעם מענטשן, רייניקן אים, מאַכן ראוי אויפצונעמען דעם אידעאַל פון גאולה, פון פּטור ווערן פון די קליינינקע דאגהלעך און פּיצינקע ווילנלעך. און טאָן דאַרף מען עס מיט כּולו פּחד, מיט דער גאַנצער האַרבקייט, וואָס פּאַסט פאַר אַזאַ אַרבעט, און ער טוט עס: ריין מוז ווערן די וועלט, ווי מלאכים, שניי־ווייס דאַרפן זיי ווערן, כּולו זכּאי מוז זיין. און אויב ס׳איז נישט מעגלעך, איז געננג אַ ״טרייער וואַסער־טרעגער״ — אַבי כּולו זכּאי.

זענען אָבער די מענטשן קליינינקע, עלנטע, פאַרוואָגלטע. פון עול פרנסה און עול גלות דערשלאָגענע, קומט מען צום צדיק הדור זוכן אַ טרייסט, הערן אַ גוט וואָרט. ווייל מען זיך באַהעפטן מיטן צדיק, כּדי צו געפינען רו, כאָטש איין מינוט רו — איז ער אָבער אַ לייטערער. "לייטערט די וועלט, ווי זילבער, מיטן פייער", בריט עס און מ'קען עס נישט פאַרטראָגן. כּולו זכּאי איז נישט מעגלעך, צו גרויס און שטאַרק איז דער קנופּ צו די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן, צו שרעקעוודיק איז דער מענטש פאַר "אַנדערשקייט". קען מען נישט פאַרטראָגן אַזאַ אימפּעטיק ריייניקן. בעטן זיך חסידים: — "לאָזט דעם אָטעם כאַפּן, נישט מיט אַ מאָל! קען אָבער דער רייניקער נישט גיין מיטן וועג צווישן דער טאָג־טעגלעכער נויט און שיינענדיקער צוקונפט. דאָס קען וועלן מידת הרחמים, אָבער מידת הדין זאָגט: יקוב הדין את ההר... איי, איר קענט נישט, איר טויגט נישט, וועלן מיר אייך נויטן, וועט איר האָבן דעם סוף פון דור המדבר... און אַז ס'וועלן איבערבלייבן איינציקע געלייטערטע, ריינע, וועלן זיי זיין די — — — ס'טוט דאָך אָבער ווײ, רבי! עט, ס'איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיטן גרויסן, וואָס מיר טוען אויף. מיר רייניקן...

פאַרזעט דער רייניקער די טאָג־נויטן פון פאָלק. פאַרטאָן מיט דער גרויסער אידעע פון גאולה, זעט ער נישט די שפּליטערן פון היינטיקן באַדאַרף, טרייבט ער זיי, די חסידים זיינע, לאָזט נישט צו צו זיך — אַנטלויפן זיי... אַ צו גרויס רייניקן איז אַריין אין דער וואָך. מ'איז נישט מסוגל עס אויפצוכאַפּן, מ'קען עס נישט פאַרטראָגן; ליגט עס שווער און בלייערט אויף די גופים פון עולם און פון זיך אַליין ווערט דער כּוח אייסגעוועפּט, און — אַלע זענען זיך צעלאָפן פאַר שרעק, קיין איין פונק ליבע, קיין איין ניצוץ פון אהבה. איז קיינער נישטאָ, געבליבן נאָר אַ פאַרהיטער פון אַלטער געוווינהייט שוין.

קומט אַ נייער דור, אויפגעהאָדעוועט אין שרעק און געוואַלדיקער אָנגעשטרענגטקייט. ער האָט געזען די דורכפאַלן, האָט אָבער נישט געפילט דעם טעם פון וואַגן, פון טאָן — איז ער אַ דור אַ צווייפלענדיקער. אַ פאַרצווייפלטער. מ'האָט דאָך שוין אַזוי פיל מאָל געפּרוווט, איז וואָס זשע קען ער נאָך אויפטאָן? דערדאָזיקער דור פילט נישט זיינע כּחות, זעט קיינעם נישט אַרום זיך. ווער ס'האָט נאָר הענט און פיס, אַנטלויפט. מ'אַנטלויפט פונעם טראַכטן, פון וועלן עפּעס העכערס. צו וואָס דאַרף מען דאָס? — "אַ פּרעפּעראַנס שפּילט איר? האַ? אַ שטיקל דקדוק לערנען דעם זון? מהיכא תיתא, אָבער וואָס דרייט איר מיר סוף כּל סוף אַ ספּאָדיק מיטן נס פון חנוכּה — אין פּרעפּעראַנס שפּילט איר? האַ?"

אַ צעמישונג איז אָנגעקומען אויף דער וועלט. מ׳גייט שוין נישט מער נאָר פון בית המדרש אין באָד־גאַס אריין און אַהיים, מ׳גייט שוין אַ ביסל ווייטער, צום וועלדל צו, און העט אַריבער די בערג זענען גרויסע שטעט... שטאָט מיט שטאָט האָט זיך גוט־ברודעריש געגעבן די הענט, מענטש מיט מענטש, עק־וועלט מיט עק־וועלט איז פאַרבונדן און פאַרקניפּט געוואָרן דורך זעבאַרע און נישט זעבאַרע פעדעם. נישט מער אָפּגעריסן איז מען פון וועלט מיט מענטשן, מ׳פאַרט אין ווייטע מקומות און נאָך מער האָט מען געהערט פון ווייט־מקומותדיקן לעבן. בירגערן זיך איין נייע מנהגים, מנהגים פון ערגעץ לאַנד. ווערט אַ צעמישעניש, ס׳קלעפּט זיך נישט צום לאַנג־אויסגעשמידטן סדר העולמדיקן גאַנג, איז נישטאָ קיין קלאָרער וועג. נייעס מוז מען אַרייַנברענגען; דורך טיר און טויער שפּאַרט זיך עס סיי ווי אַריין, אָבער מ׳קען דאָס נישט איבערקאָכן. ס׳ווערט קוריאָזיטעט, מאַלפּישע נאָכקרימעניש, ס׳קומט דערפון אַרויס אַן אנדרוגינוס. לעבט דער מיטלסטער דור מיט גרויסע באַנק־געשעפטן און פעלעבלער. פאַרביטן אויך דעם נאָמען אויף אַ סוחרישן, אַ פרעמדן, דאָס געשעפט פאָדערט אַזוי. די צוואָה איז אַ טרוקענע, אויסגערעכנט מיט אַלע דעטאַלן, ווייל יעדן פאַרזאָרגן און פאַרזאָרגט קיינעם נישט. ס׳פּילט זיך אין יעדן ריר די אומזיכערקייט, צי עס וועט טאַקע אַזוי דאַרפן בלייבן. ווייל מען זיך פאַרזיכערן מיט אַ נאָמען אויף אַ שילד, זאָל מען געדענקען, אַז ס׳האָט געלעבט מאָריץ בענדיטזאָן...

״פרעפעראַנס שפּילט איר?״ אַז וועסט זיך נישט באַזאָרגן מיט אַ מצבה פון פאַריז, ווער ווייסט וואָס פאַראַ שמאַרגאַל זיי וועלן עס דיר אַוועקשטעלן. אַלץ מוז דעריבער זיין אויסגערעכנט און — דער חשבון שטימט פאָרט נישט, ווייל פון אים איז איין טריט צו דעגענעראַציע. נאָר וועגן זיין זון וועט נאָך אויסקומען צו רעדן.

דער דור איז אויך קעגן אַ מענטשן מיט פליגל, נאָר צוליב אַן אַנדער טעם: ״אין דער הויך איז קיין קרעטשמע נישטאָ... נישטאָ ביי וועמען אַ פעלעבל צו קויפן״. מ׳וויל זיך מיט געוואַלט איינגראָבן אין שוואַרצער ערד, אָניאָגן אַזוי פיל עולם־הזהדיקס, וויפל ס׳לאָזט זיך. מ׳איז אָבער צעמישט, דערשראָקן פון דער מאַשין, וואָס האָט דעם מענטשן פאַרשקלאַפט. אַ חולה נופל איז געוואָרן די מענטשהייט;״ וואַרפט זיך אין קאָנוואולסיעס, די מאַשין מיט מענטשן אינאיינעם. יצחקלס מלמד אַנטלויפט פון דאָרט,

ס׳שטיקט אים דאָרט, און אַז יצחקלס טאַטע, דער גביר, האָט שוין געקראָגן דעם ראַפּאָרט פון די משגיחים: מ׳האָט שוין אַלע אַרבעטער באַזוכט, שוין אַלעמען אָנגענומען פאַר גנבים — איז ״אין פרעפעראַנס שפּילט איר? האַ?״

קינדער ווערן פאַרפרעמדט. דער דאָזיקער דור האָט זיי נישט וואָס איבערצוגעבן. קיין אידעאַלן האָט ער נישט געבוירן, פאַרקערט, ער וויל זיך וואָס פריער באַפרייען פון נשאר זינד פון זיידעס. לויפן קינדער טרינקען פון פרעמדע קוואַלן, לויפן שטילן דעם דורשט און טרינקען גאַל פאַר די אייגענע, סם פאַרן פאָלק. ס׳ווערט געבוירן די בלוי־אויגיקע אַסימילאַציע, וואָס האָט אַ פאַרשנורוועט פיסקעלע און שיסט מיט שאַרפע שווערדן. קוקט זי די בלוי־אויגיקע, אויף די פאַרגראָשעוועטע טאַטעס מיט אַ ביטול און חוזק און אַנטלויפט.

קיין פאַריז לויפט דעם נגידס זינדל, וואָס האָט אויסגעלערנט אַלע פילאָזאָפן און קיין איינעם נישט דערפילט. אין פאַריז האָט אָפּגעהוליעט דעם נגידס זינדל, מיינענדיק אַ גאַנצן לעבן — מ׳שטיינס געזאָגט — אַז וואָס ער האָט געקראָגן, איז טאַקע באמת זיין געווען, האָט נישט געוווּסט, אַז ער האָט נאָר געקויפט... און אַז ער ווערט מיד און דערפילט, אַז ס׳איז פאַר אים גאָרנישט נישטאָ, אַז אַלץ האָט ער זיך אויסגעלערנט — ציניש — אָבער נישט ווי אַזוי צו לעבן און אַרבעטן, אַנטלויפט ער פונעם לעבן אָן אַ צוואה. ער האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן, אפילו נישט צו באַקלאָגן זיך.

אַנטלויפט „די פאַרשטויסענע" צום שגץ אין דאָרף און קומט אַמאָל נאָך אַ קוק טאָן און האָט תּרעומות מיט גערעכטע טענות. ווער קען זי טאַקע משפּטן? ווער קען זאָגן, אַז זי, די אומגערעכטע, איז נישט געווען גערעכטער פאַר אירע עלטערן, וואָס האָבן זי פאַרזען?

הייסט עס, אַז גאָרנישט איז נישטאָ? נישטאָ קיין שולדיקע, נישטאָ קיין גערעכטע, גאָרנישט? און דער אויסוועג?

די נייע צייט האָט אירע ציין איינגעביסן אויך אין צדיקס הויז. אַנטלאָפן אַן אייגן קינד און צוריקגעקומען פאַר שאַנד און צער פון לעבן, געקומען צוריק אַהיים זוכן הילף... מיינט רב משה, בעסער, מען רעדט אים איין, אַז ער איז ווידער שטאַרק, ער דאַרף ווערן דער קאָפּ פון זיין דור און ווייטער קייטלען די גאָלדענע קייט. אַ מינוט איז ער פול מיט מוט און בעט — פלאָנטערט ער זיך אָבער; שטייען אים די גרויסע זיידעס אין וועג, און נישט מיט איינעם פון זיי קען ער וואַגן טשעפּען... קיין אייגענעם וועג האָט ער דאָך נישט, קייקלט ער זיך אין דער גאָלדענער קייט. און דאָס שוואַכסטע רינגעלע אין דער קייט האָט אַ דריק געטאָן און אַ הייזעריקער קלאַנג איז אַרויס: „און דו, דו אַליין, ווען איך רוף צו דיר, גיב אַ צייכן מיר — אַז דו ביסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אויג — "

אַליין גייט נישט דער דור, אויף אייגענע כּחות קען ער זיך נישט פאַרלאָזן, פאַרבלאָנדזשעט אין גרויסן צווייפל, און געבוירט: אַפּיקורסות.

אָבער נישט אַפּיקורסות פון דערפילן, אַז ס׳איז גאָרנישט נישט דאָ, נישט דער גלויבן אין אומגלויבן... נאָר אַפּיקורסות פון שטעלן אַלץ אין קאָן: אפשר וועט עס העלפן — קיין גרויס קען מען דערפון נישט דערוואַרטן.

ווייזט אויס, אַז איבערגעריסן איז די גאָלדענע קייט? ניין, אַ נייער כח וואַקסט, ווערט אויסגעבאָוועט אין פּיין פון דער וועלט. אָטעמט ער מיט נייקייט, מיט פרישקייט פון נאָך נישט אויסגעלאָדענעם כח. דערגייט ער דעם סוד פון צוימען די נאַטור־כחות; ער נעמט זיך באַהערשן די מאַשין און שאַצט זי גלייכצייטיק אָפּ. אַ נייעם כח האָט די מאַשין אַרויסגעבראַכט, דעם כח פון קלאַס, דעם כח פון קאָלעקטיוו, וואָס דערפילט, אַז נישט אין דרויסן ליגט די שטאַרקייט פון דור; אין אונדז, אין דער נשמה, אין דער טיפקייט פון אונזדער זיין ליגט דער ווילן צום טאָן צום שפּאַנען, צו גרויסע מעשים.

— יונתן איז רבי!

פּרץ זעט נאָך נישט דעם נייעם דור, ער איז נאָך אַביסל נערוועז דער דור (זע „משיח׳ס צייטן"). ער איז מלא ציטער פאַר זיך און פאַרן קומענדיקן, אָבער די קייט איז נישט איבערגעריסן, נישט איבערגעבראָכן. גרייט איז ער איבערצונעמען די וועלט און פול מיט באַגייסטערונג נעמט ער זי אָן.

יצחקל („וואָס אַמאָל ווייניקער") קען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון די הערלעכע נייקייטן, פון די טויזנטער, וואָס אַרבעטן פאַר זיי, און ער איז געוועבט. די טויזנטער, ווען זיי וועלן דערהערן דאָס קול פון באַפרייער, ווען זיי וועלן דערוואַכן, וועלן זיי די אונטערדריקונג אויסשפייען, ווי ביטערע און פוילע פרוכט. מיט באַנייטן מוט, וואָס איז געלייטערט געוואָרן אין פּיין און אין צער, וועלן זיי אויפנעמען דאָס ווייטערע שמידן די גאָלדענע קייט פון לעבן. די אויפגעוואַכטע כאַפּן אויף דעם אויסגעטרוימטן גלויבן פונם מענטשן, וואָס וואַגט, פאַלט און שפּאַנט ווייטער. יאָ, יונתן איז רבי! — — —

פּרץ האָט דעם יונגן דור אָבער קוים געאַנט און אויסגעחלומט, געזען נאָר די ערשטע שפּראָצן, און קינסטלעריש געקענט אונדז נאָר ווייזן זיינע ערשטע טריט. ס׳איז אפשר נישט פאַר איין קינסטלער יחיד דאָס אויסצוטראָגן אָבער דער וועג איז אָנגעצייכנט.

נישט געבראָכן איז די קייט פון דורותדיקן געראַנגל, שטרעבן און איינשטעלן, נאָר געשטאַרקט און געפעסטיקט, מיטן נייעם גלויבן און מיט באַנייטער ענערגיע, געשפּאַנט אין נייער צייט.

(1927)

חיים לייב פוקס

(באַגריסונג ביים אָוונט לכבוד זיין גרייכן די גבורות־יאָרן. 28. טן מאַי, 1977)

ביים היינטיקן יום־טובדיקן אָוונט לכבוד חיים לייב פוקס, געפין איך זיך כמעט אין דער לאַגע פון יענעם פאָלקס־מגיד, וואָס האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט טאָמער וועט ער זיך פאַררעדן אין דער דרשה און נישט באַוויזן צו זאָגן עפּעס וועגן זיך אַליין, פלעגט ער אָנהייבן זיין דרשה מער ווייניקער אַזוי: "רבותי, אַקדמות מילין, איידער איך הייב אָן רעדן, וויל איך פריער עפּעס זאָגן. אמת, איך האָב נישט קיין מורא אַז איך וועל זיך פאַררעדן, ווייל איך ווייס אַז איך האָב בלויז אַ באַגרענעצטע צייט און מוז זיך האַלטן אין די ראַמען. כ'מוז אָבער אָנהייבן מיט עפּעס זאָגן, כדי קלאָר צו מאַכן, אַז די די רעדע פון אָפּשאַצן דעם בעל־שמחהס אויפטוען און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור וועט געהאַלטן ווערן פון אַן אַנדערן חבר. מיך האָט מען געבעטן צו זאָגן עפּעס אין דער פאָרם פון אַ באַגריסונג אין נאָמען פון די היגע יידישע שרייבער. איך האָב עס זייער גערן אָנגענומען און האַלט עס פאַר אַ כבוד פאַר זיך צו קענען זיך באַטייליקן אין אַזאַ אָוונט.

כ'הייב דעריבער נישט אָן מיט אַ פּרווו צו געבן וועלכע עס איז אָפּשאַצונג פון חיים לייבס דרך אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר מיט זאָגן עפּעס וואָס קען פון אויבנאויף אפשר קלינגען ווי אַ מליצה גענומען פון ערגעץ אַנדערש. ס'איז אָבער לויט מיר נאָך זייער צוגעפּאַסט צום בעל היובל און אין פאָעטישן זין גאָר נישט פאַרפּוצט. חיים לייב פוקס טראָגט אין זיין מהות דריי קרוינען, און אויב מ'זאָל אָננעמען דעם אַלטן אויסטייטש אַז אַ קרוין אויפן קאָפּ איז אין תוך אַן עול, אַ יאָך פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס טראָגט זי, טראָגט ער די עולן מיט גרויס ווירדע. די ערשטע קרוין איז אַ ירושה קרוין פון גרויס אשכנזישן און ספרדישן יחוס: פון דער מאַמעס צד שטאַמט ער פון טשעכאַנאָווער חסידישן רבין אין דער מדינה פוילן און פון טאַטנס צד פון רבי יוסף קאַראָ, דער מחבר פון שולחן ערוך, וואָס האָט געלעבט אין דער הייליקער שטאָט צפת.

די אַנדערע צוויי קרוינען האָט ער אַליין זיך דערוואָרבן דורך שווערער גייסטיקער און פיזישער מי. דאָס זענען: די קרוין פון אַ יידישן פּאָעט און פּראָזאַיקער עסעיסט מיטן אַקצענט אויף דעם יידישן סיי אין אינהאַלט, סיי אין דער פאָרם, און אחרון אחרון די קרוין אָדער עול פון אַ לעקסיקאָגראַף פון גרויסן ווערט. צו דער ערשטער ירושה קרוין קען מען דאָך גאָרנישט נישט צוגעבן, סיידן צו זאָגן אַז פון דאַנען קומט מן הסתם זיין גרויס

התלהבות און דינאַמישקייט אין אַלץ וואָס ער טוט און שאַפט און אפילו אין געוויינטלעכן שמועס מיט מענשן. וועגן דער צווייטער קרוין וועט מען דאָך דאָ באַלד רעדן, וועל איך בלויז אַרויסהייבן די דריטע קרוין אָדער עול זיינעם. דערביי וויל איך צוגעבן אַז כ׳האָב נישט געדאַרפט אָנפרעגן אַלע שרייבער צי איך מעג באַגריסן אין זייער נאָמען, ווייל כ׳ווייס אַז יעדער איינער פון זיי שאַצט אָפּ אויף זיין אופן חיים לייבס טאַלאַנט און דער עיקר זיין באַציִונג צו יידישע שרייבער און זיין שווערע מי ביים פאַראייביקן די נעמען פון יידישע שאַפער אינעם יידישן לעקסיקאָן ווו עס געפינען זיך זיינע טויזנטער ביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען און דורך זיין ״לאָדזש של מעלה״ וואָס נעמט אריין פופצן הונדערט נעמען דורך וועמעס שאַפן ס׳איז אויפגעהיט געוואָרן דאָס גייסטיקע פּנים פון דער דאָזיקער פאַרשניטענער עיר ואם בישראל. כ׳וויל אויך באַזונדערס אַרויסהייבן זיין לעקסיקאָגראַפישע אַרבעט מיט וועלכער ער איז איצט פאַרנומען ממש טאָג און נאַכט ביים צונויפשטעלן אַ לעקסיקאָן פון די יידישע שאַפער אין קאַנאַדע אין די לעצטע הונדערט יאָר.

לויט דער געבורט־דאַטע איז ער דער עלטסטער צווישן אונדז, ער איז אָבער דער יינגסטער מיט זיין ברען און ענטוזיאַזם, ס׳איז אינגאַנצן עטלעכע יאָר זינט ער וווינט דאָ און גלייך זיך דערפילט אַזוי היימיש צו וועלן אויפשטעלן דעם גאַנצן יחוס־בריוו פון יידישן שאַפן אין קאַנאַדע. איך האָף אַז ווען ער וועט פאַרטיק ווערן דערמיט, וועלן מיר אַלע זען צו קריגן די מיטלען עס זאָל דערזען די ליכטיקע שיין. דאָס דאַרפן מיר זיך צוזאָגן ביי דער דאָזיקער יום־טובדיקער פייערונג פון באַצייכענען זיינע גבורות־יארן און די פּאָעטישע דערגרייכונג אין זיין ״אכטן הימל״.

אוודאי האָבן מיר אים געקענט דורך לייענען איידער ער האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל און אַ טייל האָבן אפילו געוווּסט וועגן זיין שווערן וואַנדער־וועג. ס׳איז אים גאָרנישט לייכט אָנגעקומען צוצוקומען צו דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צוצוקומען. פון ווייטנס האָבן מיר אָפּט באַוווּנדערט זיין שטענדיקן ברויז און גרויס בקיאות נישט קוקנדיק אויף די שטערונגען אין אַלע וואַנדערונגען פון פוילן ביז ישראל און צוריק און שפּעטער דורך לאַגערן און פאַרשיקונג אין די ווייטסטע מקומות אין דער צווייטער וועלט־מלחמה ביז ניו־יאָרק, ביז מאָנטרעאַל ווו ער האט זיך נישט נאָר גלייך פאַרהיימישט, נאָר טאַקע געמאַכט יעדן פון אונדז פילן ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט דאָ מיט אונדז געווען. זיין וויסן וועגן יידישן שאַפן אין קאַנאַדע, שטייגט איצט איבער אונדז אַלעמען, כאָטש אַ סך פון דעם וואָס ער האט צוזאַמענגענומען איז פאַרגעקומען פאַר אונדזערע אויגן, האָבן מיר עס אָבער פאַרגעסן. חיים לייב אָבער דערמאָנט און לאָזט נישט פאַרגעסן.

יעדעס מאָל ווען ער טעלעפאָנירט מיר וועגן אַ געוויסן נאָמען אָדער פאַקט, פיל איך זיך אַ בעל־חוב ווען איך קען אים נישט אַרויסהעלפן, ווייל כ׳האָב פאַרגעסן אָדער טאַקע נישט געוווּסט. ווייל איך אים אין נאמען פון אונדז אַלע זאָגן: אַ יישר כוח חיים לייב! און ווינטשן. עס זאָלן אים באַשערט זיין נאָך אַ סך געזונטע יאָרן מיט שאַפערישן ענטוזיאַזם ווי ביז אהער צוזאמען מיט זיין ליבער פרוי און קינדער, און טאַקע צוזאַמען מיט אונדז אַלע. אמן.

אונטערן צייכן פון כינוס און חשבון

(צום דערשייַנען פון "100 יאָר יידישע און העברעישע ליטעראַטור אין קאַנאַדע" פון חיים לייב פוקס 356 זייַטן 417 ביאָגראַפיעס פון שרייַבערס. אַרויסגעגעבן פון ח.ל. פוקס בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאָל תש"מ־1980).

א

ס'איז אין איינקלאַנג מיט דער יידישער טראַדיציע אַז אין צייַטן פון קריזיס ווערן געמאַכט גרעסערע און קלענערע פרווון צונויפצוזאַמלען די אוצרות וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין אַ געוויסן צייַט־אָפשניט. דערמיט טוט מען אויך אַ חסד של אמת די שאַפערס כדי זיי זאָלן בלייַבן אַ טייל פון דער דורותדיקער גאָלדענער קייט. ס'זענען נאַטירלעך פאַראַן פאַרשיידענע מינים אייַנזאַמלונגען, סייַ אַזעלכע וואָס שטעלן זיך פאַר אַ ציל אַרויסצוהייבן דאָס גייַסטיקע פנים פון דעם צייַט־אָפשניט, און אַנדערע וועמעס ציל איז אַ באַשיידענער, בלויז אַרויסצונעמען פון דער פאַרגעסנקייט די נעמען פון די יחידים וואָס זענען געווען אָדער זייַנען נאָך אַ טייל פון דעם שאַפונגס־פּראָצעס. די אייַנזאַמלונג פון וועלכער עס רעדט זיך דאָ "100 יאָר יידישע און העברעישע ליטעראַטור אין קאַנאַדע" פון ח.ל. פוקס, קען מען, דאַכט זיך, צורעכענען צו דעם נאָר וואָס דערמאָנטן באַשיידענעם מין וואָס איז אויך באַגרענעצט צום לעצטן י.ה. און צו אַ יישוב וואָס איז נומעריש נישט פון די גרעסטע יידישע יישובים און אפשר גאָרנישט אויפן סאַמע אויבנאָן. דאָך וואָג איך צו זאָגן אַז דער אויפטו איז פון גאָר אַ באַזונדערן ווערט, און דער מחבר, דער פאָעט חיים לייב פוקס, האָט זיך פאַרדינט אַ יישר כוח נישט נאָר פון יידישן יישוב אין קאַנאַדע נאָר פון אַלע די, וואָס אָנערקענען דעם גרויסן ווערט פון כינוס אין צייַטן פון קריזיס. קיינער לייקנט דאָך נישט מער אַז מיר לעבן איצט אונטערן צייכן פון אַ שווערן קולטור קריזיס. כדאי דעריבער גלייך צו פאַרצייכענען מיט אמתער צופרידנקייט דעם פאַקט וואָס דאָס בוך האָט אין מאַנוסקריפּט נאָך געקראָגן די ליטעראַטור־פּרעמיע פון 1978 פונעם "קולטור־פאָנד אויפן נאָמען פון י.י. סיגאַל" אין מאָנטרעאָל, און נאָכן דערשייַנען אין בוך פאָרם געקראָגן איינע פון די פּרעמיעס פאַרן יאָר 1980 פון "קולטור קאָנגרעס" אין ניו־יאָרק. מיט רעכט האָט אויך דער טאַלאַנטפולער פאָעט, עסעיסט און דערציילער יצחק יאַנאָסאָוויטש אָנגעוויזן אין זייַנעם אַן אָפּרוף אויף דעם בוך (לעצטע נייעס, תל־אביב, 13טן יאַנ. 1981) אַז דאָס בוך דאַרף ווערן אַ בייַשפּיל פאַר אַנדערע יידישע יישובים נאָכצוטאָן, ווייַל דורך אַזאַ אַרבעט קומט בולטער אַרויס דאָס אייגנאַרטיקע גייַסטיקע פנים פון אַ יישוב.

ב

גלײַך מיטן איבערלייענען דעם נאָמען פונעם בוך, דערשפּירט מען אַז די באַשיידענע כוונה פון מחבר איז צונויפצוזאַמלען אויף איין אָרט דאָס ביסל האָב־און־גאָב פון די וואָס האָבן מיט זייער שאַפן אין יידיש און העברעיש צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער אַנטוויקלונג פון יידישן יישוב אין קאַנאַדע. מ׳קען זאָגן אַז זיי האָבן דעם יישוב אויסגעטראָגן און געשטאַלטיקט, אָבער לעצטנס ווערן זיי כמעט ווי אין גאַנצן פאַרזען אָדער קוים דערמאָנט אין די געשיכטע־אַרבעטן, דער עיקר אויף ענגליש. מ׳באַמיט זיך צו פאַרווישן זייערע שפּורן.

ווען מ׳באַקענט זיך נעענטער מיטן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, ווערט קלאָר אַז דער פּאָעט חיים לייב פוקס האָט דאָ נישט נאָר געהאָלפן דעם לעקסיקאָגראַף אין זײַן אַרבעט פון אַ זאַמלער און פאָרשער, נאָר דורך גאָר אַ היפּשן טייל פון די ביאָגראַפיעס האָט ער שטאַרק באַרייכערט אונדזער פאַקטישן וויסן און אויך אַרויסגעהויבן דעם ליטעראַרישן און קינסטלערישן בײַטראָג פון די שרײַבערס צו דער יידישער ליטעראַטור בכלל. ס׳איז דאָ כדאי אויך צוצוגעבן אַז געוויסע פּרטים וועגן אַ צאָל פון די שרײַבער אין די ערשטע יאָרן פון לעצטן פערטל פון פאָריקן יאָרהונדערט, זענען נישט נאָר טשיקאַווע, נאָר וואַרפן אויך אַ ליכטשײַן אויף דעם אופן פון זייער באַציאונג צו זייער שרײַבערישער מיסיע. איינע פון די סאַמע ערשטע צײַטונגען וואָס איז אויסגעפילט געוואָרן פון רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער אַליין, איז געווען געשריבן מיט געקריצטע אותיות מיט דער האַנט, ווײַל קיין דרוק איז נאָך דאַן נישט געווען. ער האָט די צײַטונג איינער אַליין אויך צעטיילט צווישן די פּאָר לייענער. צו דעם דאַרף מען שוין מער ווי נאָר שרײַבערישן חשק. צו דעם דאַרף מען אויך אַ גלויבן פון אַ הויכער מדרגה, בפרט ווען מ׳ווייסט אַז אין די אַכציקער יאָרן פון פריערדיקן י.ה. זענען אין קאַנאַדע געווען אין גאַנצן עטלעכע הונדערט יידישע משפּחות. אין דעם אַרײַנפיר ברענגט דער מחבר אַרויס נאָך אַ כוונה זײַנע: צו געבן אַ תיקון אַ צאָל שאַפערס און זייערע שאַפונגען וואָס זענען נאָך אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט געוואָרן, ערשטנס צוליב די שווערע באַדינגונגען פון דרוק און קאָמוניקאַציע פון יענע יאָרן און צווייטנס וואָס יאָרנלאַנג האָט מען זיך בכלל נישט אומגעקוקט אויף דעם ווײַט־פאַרוואָרפענעם יישוב וואָס איז צעשפּרייט פונעם אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק.

ס׳איז דעריבער אַ ווערק וואָס דערפילט אַ בלויז אינעם אויפשטעלן דאָס פּנים פונעם יישוב און אַן אויפטו וואָס איז בײַ אונדז דערווײַל אַן איינציק־אַרטיקער ערשטער פון דעם מין.

ג

ביים באַהאַנדלען אַזעלכע ווערק, דאַרף מען אויך נעמען אין אַכט אַז די מאָס וועמען יאָ אָדער נישט אַרײַנצונעמען, איז נישט קיין איינהייטלעכע. ס׳איז געוועגדט אינעם צוגאַנג און ציל פון מחבר אָדער מחברים. פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן פון מאַכן אַן אָפּקלייב לויט דעם איינשטעל פון צונויפשטעלער און ער איז דעריבער דער פּוסק אחרון, איז פאַראַן דאָ די געפאַר פון מיסברויכן מיט פאַקטן און נישט ריכטיקן אָפּשאַצן. פאַראַן אָבער אַנדערע וואָס האַלטן פונעם כלל: ״יעדער וואָס האָט עפּעס צוגעטראָגן צום אוצר פון שאַפן דאַרף אַרײַנגענומען ווערן״. ס׳איז דעריבער אויך נישט פאַראַן קיין איין מאָס און צוגאַנג לויט וועלכן צו מעסטן אַזעלכע ווערק און מ׳קען ממילא נישט אויסמײַדן די טענות וואָס זײַנען באַרעכטיקט אַרויסגעשטעלט צו ווערן לויט איין צוגאַנג און נישט באַרעכטיקט לויטן אַנדערן. מ׳מוז זיך דעריבער פריער באַקענען מיטן צוגאַנג און מאָס פונעם מחבר און נאָר לויט דעם אָפּשאַצן דאָס ווערק. חיים לייב פוקס, לויט ווי ער דערקלערט עס אין זײַן אַרײַנפיר, האַלט נישט פון דעם אָפּקלייב־מעטאָד נאָר פון אַרײַננעמען יעדן וואָס האָט עפּעס צוגעטראָגן צום פּראָצעס פון שאַפן און אַנטוויקלונג פון יישוב, און וועגן דעם ווערט און קינסטלערישער מדרגה דערפון וועט שוין דער קונסט־קריטיקער באַשטימען. לויט אָט דעם צוגאַנג, האָט ער אויך אריינגענומען אַ היפּשע צאָל פען־מענטשן וואָס האָבן בלויז אַ קורצע ווײַלע געוווינט אין קאַנאַדע און דאָרט גאַנץ ווייניק געשאַפן. ס׳איז ביי פוקסן רעכט אַרײַנצונעמען אַזעלכע פען־מענטשן וואָס האָבן זיך רעכט נישט אָנגעוואַרעמט אָדער אָפּגעקילט דאָרט. אפילו קיין פולע דרײַ חדשים נישט פאַרבראַכט דאָרט. ער האָט זיך דערפאַר אויסגעשטעלט צום פאָרוואורף אַז ער האָט אַזוי אַרום געקענט אָנקלייבן איבער 400 קלענערע און גרעסערע ביאָגראַפיעס און האָט די ״100 יאָר יידישע און העברעישע ליטעראַטור״ אויסגעפּוצט מיט אַ צאָל קאָלירטע פעדערן וואָס געהערן גאָרנישט אַהין. לויט אים נאָך אָבער האָט ער זיך גערעכנט נאָר מיט פאַקטן און דער פאַקט איז אַז פאַר אַ סך שרײַבער איז טאַקע קאַנאַדע געווען און געבליבן אַ מין דורכפאַר־אַזיל אויפן וועג צו די שטאַטן, אָבער דאָס ביסל וואָס זיי האָבן דאָרט געשאַפן איז בשעתו געווען און בלײַבט אַ טייל פון קאַנאַדער יידישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. לויט דעם דרך איז אויך אויסגעהאַלטן זײַן אָננעמען די אַמאָליקע באַצייכענונג וואָס אַ סך פרעגן איצט אָפּ ״צוויי שפּראַכן און איין ליטעראַטור״. ער אָנערקענט נישט די מחיצה צווישן יידיש און העברעיש אָדער די אַנדערשקייט פון וועלטלעכע און רעליגיעזע ספרים. זיי געהערן אַלע צו איין שורשדיקן אוצר און ער פאַרמאָגט דעם זעלבן פּיעטעט און דרך ארץ צו אַלץ וואָס

טראָגט אויף זיך דעם חותם פֿון יידיש שאַפֿן. אויך דאָס איז אין גייַסט פֿון דער עבֿטער טראַדיציע פֿון כינוס און ווייַזט אָן אויף דער ערנסטקייט און פֿולע אחריות מיט וועלכער ער איז צוגעטראָטן צו דעם און וואָס פֿאַר אַ האָרעוואַניע ס'איז אַריינגעלייגט געוואָרן. עס איז ממש ווונדער און אַ שטיקל נס דערצו וואָס אין זייַן אַוואַנסירטער עלטער קיין עין־הרע נישט, האָט ער אין אַ נייַער שטאָט און פֿאַר אים אַ נישטבאַקאַנטער סבֿיבֿה געקענט זיך אונטערנעמען אַזאַ אַרבעט און אין משך פֿון קרוב צו זעקס יאָר זיצן גאַנצע טעג אין ביבליאָטעקן, זוכן אין האַלב־צעפֿאַלענע פּרעסע־בלעטער, נישטערן אין אַרכיוון, פּריוואַטע און געזעלשאַפֿטלעכע, און ממש בגוואַלד אַרויסשלעפּן פֿון פֿאַרגעסנקייט אַ שלל פֿון נעמען און ווערק וואָס זענען אין גרעסטן טייל אין ערגעץ נישט פֿאַרצייכנט געוואָרן. און וואָס ער האָט דאָרט נישט געפֿונען, האָט ער געזוכט צו דערגאַנצן דורך אינטערוויוען און קאָרעספּאָנדענץ מיט קרובים און פֿרייַנט און סתם מענטשן וואָס האָבן עפּעס געוווּסט וועגן זיי. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן איינער אַליין, אָן אַ בודזשעט און אַפֿילו אָן דער זיכערקייט אַז ס'וועט זען די ליכטיקע שייַן נאָכדעם ווי עס וועט פֿאַרטיק ווערן. ווו האָט ער גענומען דעם כּוח און מוט דערצו? צו דעם דאַרף מען פֿאַרמאָגן מער ווי סתם אַ זשילקע פֿון אַ לעקסיקאָגראַף... צו דעם זעט אויס דאַרף מען אויך זייַן אַ פֿאַרליבטער און פֿאַרגלויבטער אין דעם אייגנאַרטיקן ווערט פֿון יידישן שרייבער. נישט אַנדערש אויך, אַז נאָר זכות אבֿות איז אים בייַגעשטאַנען און אויפֿגעשטאַנען מיט אים אין די גרויסע פֿאַרטאָגן ווען ער האָט זיך געזעצט צום באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל. עס איז אים אויך בייַגעשטאַנען זייַן דערפֿאַרונג בייַם אויפֿשרייַבן די קרוב צו צוויי טויזנט ביאָגראַפֿיעס פֿאַרן "אַלגעמיינעם יידישן לעקסיקאָן". עס האָבן אים אויך דערמוטיקט און אַרויסגעהאָלפֿן די קליינע סטיפּענדיעס פּשוט אויף הוצאות פֿון פּאַפּיר און פּאָסט־מאַרקעס, אַ מין מתן־בסתר, ביז לויט דער איניציאַטיוו פֿון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פֿאַר יידיש בייַם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס איז פֿון אַ פּאָר יחידים געשאַפֿן געוואָרן דער בוך פֿאָנד קאָמיטעט, וואָס האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן דאָס בוך. גרעסערע און קלענער סומעס זייַנע אַרייַנגעקומען פֿון יחידים און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס און צווישן זיי די אָנגעזעענסטע סומע פֿון מולטיקולטור דעפּאַרטמענט פֿון דער קאַנאַדער פֿעדעראַלער רעגירונג.

צום סוף מוז מען אויך צוגעבן, אַז צוליב די שווערע באַדינגונגען אין וועלכע דאָס ווערק איז צוגעגרייט געוואָרן, זיינען אומפֿאַרמיידלעך געווען געוויסע נישט־פּינקטלעכקייטן, ערטערווייַז אויך שלאַבעריקייט אין סטיל און פּשוטע טיפּאָגראַפֿישע גרייַזן, וואָס וועלן דאַרפֿן פֿאַרריכט ווערן. ס'איז אויך כּדאַי למען דער גאַנצקייט פֿונעם בילד צוצוגעבן אַז צום באַדויערן

איז אין אַזאַ שטאָט ווי מאָנטרעאַל מער נישטאָ קיין זעצער וועמעס רעד, לייען־און שרײַב־שפּראַך זאָל זײַן יידיש. דאָס ווערט געזאָגט נישט אויף צו פאַרענטפערן די קאָרעקטאָרן, נאָר כדי גאָר אויף אונטערצושטרײַכן אַז חיים לייב פוקס האָט דאָס אַלץ געוווּסט און זיך דאָך נישט צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט, ווײַל ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ זכות פאַר זיך צוצוטראָגן זײַן חלק צום דאָזיקן חסד של אמת, ווי ער רופט עס, אין דעם לאַנד וואָס איז איצט זײַן היים אויף לאַנגע יאָרן. מיר קענען צו דעם צוגעבן בלויז: אַ יישר כוח אײַך, חיים לייב פוקס! מיט געזונט און שעפערישקייט עד מאה ועשרים!

אויפן שוועל פון ערב

(אַן אַריינבליק אין די נאָוועלן פון שיינדל פראַנצוזסקי־גאַרפינקל)
(1957־1899)

א

ס'איז קיין ספק נישט אַז צווישן די שרייבערינס וואָס האָבן זיך דאָ באַוויזן אין די דרייסיקער און אָנהייב פערציקער יאָרן, איז שיינדל פראַנצוזסקי־גאַרפינקל געווען איינע פון די באַגאַבסטע דערציילערינס, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג און אַן אינדיווידועלן צוגאַנג ביים געשטאַלטיקן אירע טיפן און שילדערן אַ תקופה וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט סאָציאַלן אויפברויז און שווערן געראַנגל פון ערב דעם פולשטענדיקן פאַנאַנדערפאַל פון דעם אַלטן איינגעשטעלטן סדר פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דורך אַ נעענטערער באַקאַנטשאַפט מיט איר היים אין בערשאַד ווו זי האָט פאַרבראַכט אירע קינדער און אָנהייב יוגנט יאָרן און דערנאָך אין אָדעס ווו זי האָט געלעבט ווי אַ סטודענטקע, פריער אין אַ מיטל־שולע און דערנאָך אין אַ מעדיצינישן פאַקולטעט, ווערט קלאָר אַז זי אַליין איז אין דער אמתן אַ פּראָדוקט פון דער דאָזיקער ערב תקופה פון דערהויבענע חלומות, בלויע האָפענונגען און גרויסע דערוואַרטונגען וועלכע זענען גלייכצייטיק געווען באַגלייט פון שווערע איבערלעבונגען צוליבן טראַגישן איבערברוך פונעם אַלטן איינגעפונדעוועטן משפחה לעבן און פאַטאַלן פונאַנדערפאַל פון גאַנצן סאָציאַלן סיסטעם אין לאַנד. ס'איז דעריבער אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דור, אַז אַ היפשער טייל זיינער זאָל צוזאַמען מיטן רייסן זיך צו נייע האָריזאָנטן און באַוווּנדערן די גרייטקייט צו גרויס מסירת־נפש פון גאָר אַ סך, זאָל אויך כסדר זיך וואַקלען און נישט זיין זיכער ביי זיך ווי צו האַנדלען פנים אל פנים מיט די גרוילן פון דער נייער ווירקלעכקייט וואָס קומט אויף אין שווערע געבורט־ווייען.

אין דער ערשטער גרעסערער נאָוועלע "רחל", ווו דער אויטאָביאָגראַפישער מאַטעריאַל איז אַזוי בולט, שילדערט זי אַ סוחרישע משפחה ווו די מאַמע, אַן אַלמנה פירט די געשעפטן מיט גרויס גענײטשאַפט און הצלחה וואָס גאַנץ שטאָט איז מקנא און באַוווּנדערט, אָבער בלויז פון איין זון האָט זי נחת. פונקט ווי זי, איז ער אַריינגעטאָן אין וואָס מער צו פאַרזיכערן דעם מאַטעריעלן וווילשטאַנד פונעם הויז. די אַנדערע קינדער ציען גאָר צו אַן אַנדער לעבן. איינער באַפרייט זיך פון דער אַריינגעטוענקייט און גייציקייט נאָך מאַטעריעלן דערפאָלג און דער שווערער האַנט פון דער

מאַמען דורך פֿאַרשווינדן ערגעץ אין אַמעריקע פֿון וואַנען עס קומען פֿון צייט צו צייט גריסן פֿון וועלכע עס פֿלאַמען די פֿנימער פֿון דער משפּחה פּאַר בושה. ער לעבט דאָרט ווי אַ פֿרייער פֿויגל צווישן אַ סך אַזעלכע ווי ער אָן אַחריות פֿאַר זיך און פֿאַר וועמען ס׳איז. דעם דריטן זון האָט זיך גאָר פֿאַרגלוסט צו פֿאַרלאָזן די היים און דאָס אייגענע ווייב מיט אַ קינד כּדי צו לעבן צווישן די פּויערים. ער לעבט דאָרט ווי אַ נזיר, אַ וועגעטאַריער און לערנט די פּויערים לייענען און שרייבן. דעם לעצטן דורכברוך מאַכט די גראָטענע און חנעוודיקע רחל, וועמען אַלע באַלעבאַטישע חתן־בחורים וואָלטן זי געוואָלט געווינען, אָבער זי וויל דווקא פֿאָרן שטודירן קיין אַדעס. דער קאַמף אַרום דעם לאָזט איבער אַ טיפֿע פֿאַרביטערונג און אַנטוישונג אין דער מאַמעס געמיט און אַ געפֿיל געמישט מיט ווייטיקלעכן באַדויער און כמעט שנאה צו דער מאַמען און דעם גאַנצן הויז ביי דער טאָכטער. אין ביידע נאָוועלן ״רחל״ און ״ערבֿ אָקטאָבער״ וואָס זענען פּאַקטיש ווי איין ווערק אין צוויי טיילן, קומט דער דאָזיקער שטריך אַרויס אָפֿן און פֿאַרבאַהאַלטן.

ס׳איז נישט דאָ דאָס אָרט איבערצודערציילן רחלס פֿולע ביאָגראַפֿיע און ווי שווער ס׳איז איר אָנגעקומען דאָס איבעררייסן מיט דער משפּחה צו וועלכער זי קומט אגבֿ כּסדר צוריק, און נאָכמער ווי ס׳איז איר אָנגעקומען דאָס לערנען אין דער דאָזיקער אומרואיקער איבערגאַנג צייט. דאָס דערוויסט מען זיך ביים לייענען די צוויי אויבנדערמאָנטע ווערק אין וועלכע ווי ס׳איז שוין אויבן געזאָגט געוואָרן דאָס אויטאָביאָגראַפֿישע פֿון דער שרייבערין איז כּסדר אַריינגעפֿלאָכטן. רחל ווערט געשילדערט פֿון איין זייט ווי אַ שטאַרקער כאַראַקטער וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פֿאַר קיין שום שוועריקייטן ווען עס קומט צום דורכפֿירן איר שטרעבן צו שטודירן און פֿון דער אַנדערער זייט ווי אַ וואַקלדיקע און שוואַכלינג ווען עס קומט צום באַשטימען וועמען זי האָט באמת ליב אָדער צו וועלכן געזעלשאַפֿטלעכן קלאַס זי געהערט און וויל דינען. אין בערשאַד און אָדעס האָט זי באַוויזן צו דערוורבן אַ ברייטן ייִדישן און אַלגעמיינעם וויסן סיי דורך פֿאָרמעלע קורסן וואָס זי האָט אויפֿגענומען און דער עיקר דורך די ״לייען און שטודיר קרייזלעך״ צו וועלכע זי איז צוגעצויגן געוואָרן פֿון נאַציאָנאַל און סאָציאַליסטיש געשטימטע סטודענטן, וואָס האָבן אויסגעברייטערט און פֿאַרטיפֿט אירע גייסטיקע האָריזאָנטן אָבער אין דעם אינערלעכן געראַנגל מיט זיך און איר נישט זיכערקייט און וואַקלעניש צו וועלכן צד אין דעם סאָציאַלן ברויז זי דאַרף צוטרעטן, האָט עס איר נישט געהאָלפֿן. זי שרייבט עס דעריבער צו ווי אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿט פֿון אירע וועגווייזער... זיי זענען טאַקע ״ווילע בחורים וואָס האַלטן אין איין אַבסטראַקט דיסקוטירן און פֿילאָזאָפֿירן, נאָר פֿאַר דער מענטשהייט זענען

זיי נולן, וואָס אַ חוץ פון אינזינען האָבן זייער קיילעבדיקן איך, קומט פון זיי גאָרנישט אַרויס..״ די זעלביקע נוליקע שוואַכקייט שרייבט זי צו זיך אַליין. זי קען זיך אויף קיין זאַך נישט באַשליסן און זיין זיכער אין דעם. אַז זי באַטייליקט זיך שוין יאָ אין עפּעס נויטיקס און וויכטיקס, איז עס צופעליק צו דער האַנט געקומען. גאָר בולט קומט עס אַרויס אין אירע באַציונגען מיט די סטודענטן, וועמען זי פאַרערט פאַר זייער וויסן, אָבער אַז עס קומט צום דורכפירן די נייע באַציאונג מיט איינעם פון זיי אין וועלכן זי איז טאַקע פאַרליבט, קען זי עס נישט דורכפירן און פאַרשטויסט אים און זי האַלט זיך שפּעטער אין איין פייניקן און צושרייבן עס צו דער איינגעבוירענער, שוואַכקייט פון איר גאַנצן דור.

ב

נאָכן דורכמאַכן די גרוילן פון בירגער־קריג און די פּאָגראָמען אין אוקריינע, הייבט זיך אָן שיינדל פראַנצוזסקי־גאַרפינקלס וואַנדערן ביזן אַריבערגאַנוועגען זיך דעם דניעסטער קיין רומעניע פון וואַנען זי קומט סוף כל סוף מיט איר מאַן קיין מאָנטרעאַל אין 1922, ווו זי האָט יאָרן לאַנג זיך פאַרנומען מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס אין יידיש און העברעיש און געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין פאַרשיידענע לינק געשטימטע לייען־קרייזן. ערשטע דערציילונגען און פאַרצייכענונגען, מערסטנס פון היגן יידישן אימיגראַנטן לעבן וועלכע האָבן גלייך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די ערנסטערע לייענער מיט דער ריינקייט און קלאָרקייט פון דער שפּראַך און זאַצבוי און פולקייט פון דער פאַבולע. אין היגן שרייבער קרייז האָט זי זיך נישט געוויזן. ערשט ווען ס׳איז דערשינען איר ערשטע נאָוועלע ״רחל״ אין 1942, האָט זי אין איר וואָרט ביים אָוונט לכבוד דעם בוך זיך אויסגעגעבן, אַז פון אירע סטודענטישע יאָרן אָן איז זי באַהערשט פון אַ געפיל פון וואַקלעניש און נישט זיכערקייט מיט זיך. זי האָט לאַנג נאָכן אָנשרייבן דאָס בוך נישט געגלייבט אַז ס׳האָט עפּעס אַ ווערט, אָבער ווען זי האָט פאָרט איינמאָל זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעקלאַפּט אין י.י. סיגאַלס טיר און ער האָט זיך דווקא שטאַרק פאַרינטערעסירט מיט איר שרייבן און געעצהט צו פאַרמעסטן זיך אויף אַ גרעסערע זאַך פון איר אייגענעם איבערלעבן, האָט זי געוואַגט צו געבן אים דעם מאַנוסקריפּט פון איר ערשטער נאָוועלע. דאָס זעלבע האָט זי אָן אנדערש מאָל דערציילט איז געווען מיט ״ערב אָקטאָבער״. זי האָט לאַנג געצווייפלט צי ס׳האָט עפּעס אַ ווערט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ווערק פון זעלבן מין, ביז מלך ראַוויטש האָט אויף איר אָנגעשריגן אַז זי האָט נישט קיין רעכט צו פאַרמשפּטן זיך און איר שאַפן ווי אַ ליטעראַרישן דורכפאַל. ערשט דאַן האָט זי געוואַגט אַרויסצוגעבן ״ערב אָקטאָבער״ אין 1947. זאָל עסביידע אירע

אונטערפירערס זיין צום זכות. אַגב, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז נאָכן דערשיינען פון "רחל" און די מערסטע אָפּרופן זענען געווען גאַנץ פּאָזיטיווע, כאָטש סע זענען אָנגעוויזן געוואָרן אַ צאָל בלויזן אין סטיל און צוגאַנג צו די געשילדערטע טיפּן, האָט זי פּלוצים אַריינגעשיקט אַ רעזיגנאַציע בריוו צום שרייבער פאַריין מאָטיווירנדיק עס דערמיט אַז זי האַלט זיך נישט פאַר קיין שרייבערין און איז נישט ראוי צו געפינען זיך אין דער ליטעראַרישער סביבה. דער שרייבער פאַריין האָט דאַן באַשטימט די מיטגלידער י.י. סיגאַל און מלך ראַוויטש און אים אויף צו לענגערע יאָרן שלום שטערן צו פּועלן ביי איר צוריקצוציען די רעזיגנאַציע.

ג

ווי אויבן געזאָגט זיינען "רחל" און "ערב אָקטאָבער" לויט דער טעמע און באַהאַנדלטער צייט ווי איין בוך אין צוויי טיילן. די הויפּט טיפּן זיינען די זעלבע, אפילו די נעמען נישט געביטן און די פּאַבולע אַנטוויקלט זיך פונעם היים־שטעטל קיין אָדעס און פון אָדעס צוריק צום היים־שטעטל. דאָס גיט די מעגלעכקייט צו שילדערן פאַרשיידענע סיטואַציעס אין וועלכע אירע טיפּן זיינען פאַרמישט סיי די פון מיטלקלאַס וועלכע האָפן נאָך אַלץ אַז דאָס בייז פון דער רעוואָלוציע וועט סוף כל סוף פאַרשווינדן און זיי גרייטן זיך אין דער שטיל צו געבן דער רעוואָלוציע דעם לעצטן קלאַפּ אין דער ריכטיקער מינוט, און סיי פון די וואָס פירן דורך די אַקציעס פון דער רעוואלוציע נישט רעכנענדיק זיך מיט קיין שום אָנגענומענע מיינונגען פון פריער. ביסלעכווייז ווערן די הינטערגעסלעך ווו סע וווינט די אָרעמקייט אַריינגעצויגן אין דעם פּראָצעס און הייבן זיך אָן פילן ווי דער נייער אויפגעריכטער קלאַס וועמען די רעוואָלוציע האָט באַפרייט פון דער מינדערווערטיקייט און דערשלאָגנקייט פון אַמאָל. זיי נעמען עס אויף רחלען ווי אַ אייגענע וועלכע האָט זיך סוף כל סוף באַשלאָסן אויפן לעצטן שריט צו פאַרבינדן זיך מיט די שוסטער און שניידער נאָכדעם ווי איר אייגענע משפחה און די וויל געבוירענע פון איר גאַס האָבן זי אויסגעשפּיגן ווי אַ פאַררעטערין. זי מאָלט גלייכצייטיק זייער געלונגען די נויט און הונגער פון די מאַסן סיי אין שטעטל סיי אין דער גרויס־שטאָט אָדעס און לאָזט אויך נישט דורך די אייגענע פּערזענלעכע איבערלעבונגען ווי אַ יוגנטלעכע וואָס גייט איבער צו די רייפקייט יאָרן און ליידט דערפון וואס זי איז נישט פעיק אָנצונעמען דעם נייעם פרייען געשלעכטלעכן אויפפירן זיך פון דער יוגנט. אַ שלל טיפּן און מאַסן סצענעס ווערן געמאָלן איןביידע ביכער וואָס גיבן איבער די אַטמאָספערע פון דער דאָזיקער תקופה. אַ שאָד נאָר וואָס די סצענעס זענען נישט אַלע געמאָלן נאָר איבערדערציילט. דאָס איז בכלל איינע פון די שוואַכקייטן פון איר סטיל און אופן פון שרייבן. זי דערציילט

און העלפט זיך אַרויס מיט קורצע זאַצן פון דיאַלאָג וועלכע שאַפן טאַקע אָפט אַ בילד אָבער עס פעלט אָטעם אין דעם און סע פאַרלירט זיך נישט זעלטן אין אַן איבערפלוס פון רייד און נישט נויטיקן פסיכאָלאָגירן.

סע דאַרף אויך אָנגעוויזן ווערן אַז צוליב רחלס ווידערווילן צו דער משפּחהס אַריינגעטוענקייט אין מסחר און באַרייכערן זיך אפילו אין די שווערסטע באַדינגונגען, טראָגט זי איבער אָט דעם ווידערווילן צו אַלע פונעם רייכערן סוחרים־קלאַס. זיי זענען אַלע נעגאַטיווע טיפּן וואָס האָבן נאָר זיך אינזינען. אפילו ווען זיי טוען שוין יאָ עפּעס מענטשלעך־לייטישס דורך פילאַנטראָפּיע אָדער ביים פאַרשפּרייטן קולטור, פאַרפּעסטן זיי זייערע אינטעליגענטע מיטאַרבעטער מיט זייער פירן זיך. זיי שלעפּן זיי אַראָפּ אינעם זומפּ פון געלט גייציקייט און פּוסטן זוכן נאָכצוגעבן זיך די אייגענע גלוסטענישן. דאָס איז נאַטירלעך אין איינקלאַנג מיט דער פּאָליטישער ליניע פון יענער צייט ווען "רחל" און "ערב אָקטאָבער" זיינען געשריבן געוואָרן. די דאָזיקע טענדענץ האָט גורם געווען צו זען שוואַרץ פאַרדאָרבנס אין יעדער איינעם וועמען דער רעוואָלוציע־ברויז האָט נישט פאַרכאַפּט אָדער איז מיט דער מיינונג אַז דער באָלשעוויזם איז נישט דער אמתער באַשייד און פאַרווירקלעכונג פון דעם, גרויסן חלום פון אַ סאָציאַל גערעכטער אָרדענונג אויף וועלכער דורות האָבן געוואַרט. זי זשאַלעוועט נישט קיין געדיכטע פאַרבן אויף אויסצומאָלן דעם פאַרמעגלעכן קלאַס אַז ר'איז אויסגעליידיקט פון וועלכן עס איז גייסטיקן שטייגער־לעבן. אַלע זייערע מענער און פרויען זענען גיריק נאָר צום פּרעס, פּוצן זיך און באַפרידיקן זייערע תאוות. באַזונדערס פאַרפירט זי, זעט אויס, איר פאַרביטערונג צו איר אייגענע משפּחה וואָס האָלט איר אין איין פאַרשטעלן אַלע וועגן אין איר רייסן זיך צום נייעם לעבן. איר איינזייטיקייט דערגייט דערצו אָפּצולאַכן אפילו ווען זיי העלפן דעם אָרעמען שוסטער. זי שילדערט עס אויף אַזאַ אופן אַז סע קומט אויס אַז אויך זייער צדקה איז אַ מין איזדעקעווען זיך אויפן אָרעמען אַרבעטער און ווערט געגעבן מיט חוזק און געשפּאָט וואָס נישט נאָר סע העלפט נישט דעם אָרעמאַן נאָר סע דערנידעריקט אים נאָך. אָפּגערעדט שוין דערפון וואָס ווען זי האָט נאָר אַ געלעגנהייט באַצייכנט זי דעם לערער דעם ציוניסט און דעם סאָציאַליסט דעם בונדיסט ווי די דינער פון די אינטערעסן פון דעם באַנקיר אין שטעטל ווי בכלל אַלע די וואס וווינען אין די העכערע גאַסן פון די ווילגעבוירענע.. די שפּראַך וואָס זי באַנוצט, כאָטש אַ ריינע, אַן אָפּגעהיטע איז אָבער אָפּט ווייט פון קלאָרקייט און בילדערישקייט. דערקעגן אָבער איז זי גאָר שטאַרק אין די מאַסן און פּאָגראָם סצענעס וועלכע זענען אָנגעלאָדן מיט טיפער עמאָציאָנעלער איבערלעבונג און די סטיכיע פון דער גרוויליקער רעאַליטעט ווערט פאַרוואַנדלט אין עפּעס וואָס איז מיסטיש באַהויכט פון אַ פאַרהווילן

באַשערטן גורל אָן אַ באַשייד. אָבער אפילו דאַן קען זיך רחל נישט אָפּזאָגן פון אַרויסברענגען איר ווידערווילן צו דער גייציקייט פון דער מאַמען וואָס האָט ווי זי מיינט נאָר אינזינען צו ראַטעווען אירע אָנגעזאַמלטע אוצרות. די דאָזיקע סצענע פאַרוואַנדלט דאָס בילד אין אַ גראָטעסקער געשפּענסט און פאַרבלאַסט דאָס פריערדיקע אויסטערלישע איבערלעבן.

דער לייענער ווערט פשוט דערשטוינט דערפון. דאָס זעלבע געשעט ווען זי האָט פלוצים חתונה מיט דעם גאַנץ בלאַסן אינטעליגענט פון הינטערגעסל, וואָס נישט נאָר דאָס שטעטל קען נישט פאַרשטיין און באַטראַכט עס ווי אַ צו להכעיס קאַפּריז פון אַ צעפּיעשטשעטער באַלעבאַטישער טאָכטער, נאָר אפילו רחל אַליין ווייסט עס טיף אין זיך, אַז בלויז כדי אַרויסצערייסן זיך פון איר אייגענער וואַקלדיקייט איז זי געקומען דערצו אָנצונעמען זיך מיט מוט און איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבעררייסן מיט דער אייגענער משפּחה און פאַרווישן די שפּורן פון איר ערשטער ליבע מיט יענעם צוזאָגנדיקן פּאָעט וואָס איז פאַר איר אַ לאַנגע צייט געווען דער סימבאָל פון דער נייער צייט און איר אייגענע דערוואַכונג. דער לייענער נעמט עס אויף ווי איינע פון די נאַיווקייטן פון דעם טיפּ רחל. צו דער קאַטעגאָריע פון נאַיווקייטן קען מען, דאַכט זיך, אויך צורעכענען איר פאַרענטפערן דעם פויער ביי װעמען זי באַהאַלט זיך אין צייט פון פּאָגראָם און דערזעט ביי אים זיידענע שאַלן וואָס ער האָט געבראַכט פון אַ יידישער ברענענדיקער קראָם און זאָגט אַז ער האָט פשוט נישט געקענט פועלן ביי זיך אַז אַזאַ גוטס זאָל סתם פאַרברענט ווערן.. זי ציטערט טאַקע אויף ווען ער דערציילט עס, אָבער גלייכצייטיק פאַרענטפערט זי זיך עס אין זיך מיט דעם ״אַז מיט אַ בעסערע דערציאונג פון די מאַסן, וואָלט מען פאַרהיט פון אַזעלכע טרויעריקע געשעענישן...״

אַלע די שוואַכקייטן אָבער פאַרמינערן נישט דעם ווערט פון די צוויי נאָוועלן ווי קינסטלערישע דאָקומענטן פון אַן איבערברוך פעריאָד וואָס קען געזען ווערן פון פאַרשיידענע קוק־ווינקלען. איר קוק־ווינקל, כאָטש אַ גאַנץ איינזייטיקער, איז פאָרט געהאַלטן אין די ראַמען פון קינסטלערישער געצאַמטקייט און זעלטן ווען פאַרכליניעט מיט אַ געמאַכטן פּאַטאָס און הויך־שטאַפּלערישער רעוואָלוציאָנערישקייט. דער קינסטלער אין איר האָט זי פאַרהיטן אין גאָר אַ סך פאַלן צו בלייבן געטריי דעם קינסטלערישן אמת פון דערשפּירן אויך די טראַגיק פון געוויסע טיפּן און זען דעם שווערן געראַנגל זייערן מיטן ביטערן גורל, ווי למשל די אַלטע געוועזענע רעוואָלוציאָנערקע ביי וועלכער רחל וווינט און צוליבן פיינלעכן הונגער לאָזט זי זיך איבעררעדן פון איר רייכער שוועסטער צו באַהאַלטן איר צירונג ביי איר. כמעט אויף שטום־לשון און אין עטלעכע שטילע באַוועגונגען

געלינגט עס איר אַרויסצוברענגען. אַזוי אויך די סצענע פונעם סדר ווען דאָס איינציקע מאכל איז אַ מאַמעליגע. (אגב, איז די סדר סצענע די איינציקע יידישע שטייגער שילדערונג אין ביידע ביכער) אין די דאָזיקע סצענעס פילאָזאָפירט נישט די שרייבערין און פייניקט זיך נישט מיטן וועלן באַשטימען דעם "ווער בין איך?" דאָ איז זי בלויז קינסטלערין וואָס זעט און מאָלט. דאָס זעלבע געשעט אין די סצענעס פון שפּיטאָל ווו זי באגעגנט זיך פנים אל פנים מיטן גרויל פון דער צייט און באַקענט זיך מיט גאָר אינטערעסאנטע טיפּן וואָס האָבן טאַקע באַווירקט איר ווייטערדיק לעבן און באַאיינדרוקן שטאַרק דעם לייענער.

ד

פון גאָר אַן אַנדערער וועלט און צייט איז דאָס דריטע און לעצטע ווערק פון שיינדל פראַנצוזסקי־גאַרפינקל "עלילותיה של טובה", וואָס איז דערשינען בלויז אין דער איבערזעצונג אין עברית אין ישראל, אינעם יאָר פון איר פריצייטיקן טויט (1957). דער כתב־יד אין יידיש איז צום באַדויערן צוליב דער שווערער קראַנקייט אירער אין משך פון אַ לאַנגער צייט נישט פאַרהיטן געוואָרן אין גאַנצן. פון די קאַפּיטלעך וואָס זענען פאַראַנען אין אָריגינאַל, שיינט אַרויס גאָר אַ נייער סטיל, א דערציילערישער ריטם מיט אַ באַרייכערט פאָלקסטימלעך לשון וואָס איז מיילן ווייט פון איר פריערדיקער נייגונג צו באַפּוצן די שפּראַך מיט אינטעליגענטישע אויסדרוקן. דער עברית נוסח פון דעם איבערזעצער מ. רבינוביץ איז נישט גאָר קיין געלונגענער. כאָטש גאַנץ געטריי צו דער פאַבולע און שילדערונג פון די געשעענישן, איז אָבער דער עמאָציאָנעל אָנגעלאָדענער סטיל פון דער דערציילונג נישט געראָטן אין דער איבערזעצונג. אויפן אָרט פון קלאָרן בילד און פרעציזן דיאַלאָג אינעם אָריגינאַל העלפט זיך דער איבערזעצער אַרויס אַ סך מאָל מיט גרייטע טראַפאַרעטן וואָס פאַרדעקן דאָס בילד און שוואַכן אָפּ די ווירקונג פון בילד. פונעם אריגינאל קאָן מען דרינגען אז זי האָט דאָס בוך געזאָלט אָנרופן "גיטלס אויסטערלישע זעאונגען". געקומען צום שרייבן דאָס בוך איז זי, זעט אויס, נאָך אַ שווערן געראַנגל מיט זיך און דורכמאַכן אַ מין חשבון־הנפש וואָס האָט אין גאַנצן געביטן איר אויסבליק אויפן יידישן לעבן און צו די טיפּן וואָס זי האָט איצט געוואָלט געשטאַלטיקן. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר פריערדיקן נעגאַטיוויזם און וואַקלעניש און גענומען זען דאָס פּאָזיטיווע, און אירע העלדן זענען זיכער אין דעם וואָס זיי דאַרפן טאָן צום גוטן און צום פארקערטן פון דעם.

ווי זי דערציילט עס אין דעם אַריינפיר, האָט זי זיך באַקענט מיטן חורבן פון די מזרח אייראָפּעישע יידישע שטעטלעך נישט בלויז פון די

צייטונגען, נאָר פונעם מויל פון די ערשטע ניצול געוואָרענע יוגנטלעכע וועלכע זענען אין סוף פון די פערציקער יאָרן אַריבערגעבראַכט געוואָרן אַהער און זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיי אין משך פון יאָרן. זי איז אַזוי איבערגענומען געוואָרן פון דעם וואָס זיי האָבן דערציילט, אַז זי האָט זיך ממש דערשפּירט אין זייער הויט און אַנגסטיקע איבערלעבונגען. געטריי צו איר דרך אין אירע פריערדיקע ווערק צו דערציילן דאָס איבערגעלעבטע שוין און נישט וואַרטן ביז ס׳וועט זיך אָפּקילן און דיסטיליזירן אין דער דיסטאַנץ, האָט זי געפילט אַז זי מוז עס גלייך איבערדערציילן, אָבער נישט ווי מ׳גיט איבער אַ פאַקט, אַ רעאַלע געשעעניש נאָר אין אַן אויסטערלישער פאָרם. פונקט ווי די געשעעניש איז אויסטערליש־רעאַל און איבער־רעאַל אין דער דערזעלבער צייט. ניצט זי דעריבער ביידע פאָרמען גלייכצייטיק. הייבט אָן מיט אַ רעאַליסטישע סצענע ווי פון א שיף וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג אין מדינת ישראל מיט געראַטעוועטע קינדער פון חורבן, טראָגט אַ מאַטראָס אַראָפּ אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף וואָס זעט אויס פון אַ יאָר זעקס, אָבער זי פרעגט ווי אַ דערוואַקסענע שוין "צי מיינט עס טאַקע אַז זי איז ענדלעך געקומען צום אויסגעחלומטן לאַנד ווו מענטשן זענען מענטשן און זי וועט מער נישט דאַרפן זוכן קיין שוץ ביי די חיות צו ראַטעווען זי פון די מענטשן וואָס זענען מער קיין מענטשן נישט". קיין דירעקטן ענטפער קריגט זי נישט, דאָס מיידעלע גיטל־טובה (דער נאָמען זעט אויס אַ סימבאָל פון דער אייביק קינדערישער נאַיווער גוטסקייט) נאָר פאַלט אַריין אין אַ טראַנס, אַ מין שלאָף פון סור־רעאַליסטישן דערזעען זיך אין אַ וואַלד ווו לויט דער אָנווייזונג פון צביקען, דעם פּאַרטיזאַן, דאַרף זי דורכפירן אַן אַקציע קעגן די נאַציס. דערביי באַקענט זי זיך נעעטער מיט די וואַלד באַשעפעניש וואָס העלפן איר. זי לעבט אויך איבער די פרייד פון די בלומען און גראָזן וואָס נעמען זי אויף מיט גרויס שמחה — זיי האבן שוין לאַנג קיין קינד נישט געזען דאָ. דאָס טיף מענטשלעכע מישט זיך כסדר מיטן גרויליקן; נישט מער, די יוצרות זיינען פאַרביטן: די חיות זיינען מענטשלעך דערהויבן פונקט ווי די ערד וואָס ס׳איז איר שוין נמאס געוואָרן טרינקען בלוט און בעט בלויז אַביסל וואַסער, ווען דווקא די מענטשן אין געשטאַלט פון נאַציס זענען אַזוי פאַרווילדעוועט אַז אפילו דער מלאך המוות וויל זיך נישט אידענטיפיצירן מיט זיי. דאָס אַלץ זעט דאָס מיידעלע־קינד און פירט דורך כלערליי אויסטערלישע שליחותן וואָס דער פּאַרטיזאַן צביקע, וועלכער איז לויט איר דעמאָנען זיך דער געוועזענער "חלוץ" וועמען זי האָט ערגעצווו באַגעגנט אין אַ פריערדיקן אַמאָל. דאַן האָט זי זיך דערווייטערט פון אים, זי האָט געמיינט אַז גיין מיט אים מיינט זיך דערווייטערן פונעם קאַמף פאַר אַ ניי לעבן... ווי נאַיוו, כמעט נאַריש זי איז דאַן געווען. אויך דער אַלטער שלמה איז איר באַקאַנט פון אַמאָל. ער איז דאָך אַ צייט געווען איר לערער. זיינע פאַרכאַפנדיקע מעשהלעך שטייען

איר דאָך נאָך פאַר די אויגן. איצט זעצט זי אים ווי דער אייביקער ייד וואָס איז דאָ אין אַלע צייטן און ברענגט מיט זיך מוט און טרייסט. ער טרעפט זי טאַקע אין דער חרובער שיל אין וועלכער זי באַהאַלט זיך אויס אין איינער פון אירע שליחותן. ער הייסט איר טאַקע אויפקלייבן די צעריסענע שטיקלעך יריעות און אַרומנעמען מיט א מענטעלע, ווייל דאָס איז דאָס פאַרבאָרגענע געווער וואָס זי מוז צושטעלן צו דער געטאָ ווו מ׳גרייט זיך צום אויפשטאַנד פון נקמה... (אַן אָנווונק אויפן אייביק פאַרבאָרגענעם געווער פון ישראל סבא).

ווען רבי שלמה פאַרשווינדט ווי ר׳האט זיך באוויזן, נעמט זיך אָפשפילן די פאַנטאַסטישע אויסטערלישקייט אין האַלב שאָטן פון דער רעאַליטעט און אירעאַליטעט, אַ מין פאַנטאַסמאַגאָניע וואָס העגנט איבערן פיזיש־ערדישן זיין און מעטאַפיזישער דאַכטעניש וואָס איז באַלויכטן פון אַ גרעלער פחדימדיקער שייַן. דורך דעם האַלב פאַרלאָשענעם נר־תמיד איבערן חרובן ארון־קודש שפּאַרן זיך דורך בילדער פון שוידער פון וועלכער זי איז אַ טייל. זי איז אין אוישוויץ און אין טרעבלינקע אַן אויפקלייבערין פון קליידער פון די אומגעקומענע צווישן וועלכע זי געפינט איר מאַמעס שבת־יום טוב קלייד. זי איז אויך ביי די גריבער ווו מ׳צעשיסט גאַנצע עדהס יידן יונג און אַלט. זי הערט די ווילדע רייד פון די נאַציס און די יאָמערלעכע געוויינען פון די קרבנות. זי שפירט אויך די פייער פלאַמען פון די ברען־גריבער פון וועלכע זי ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי זי האָט זיך געראַטעוועט און צוליב וואָס.

און אָט ווי זי ליגט אַזוי אַ צונויפגעקאָרטשעטע אין דער חרובער שיל און איז אינגאַנצן אַליין מיט איר פינצטערן שוידערלעכן וויסן, גלאָצט זי מיט גרויל־אויגן צו דער סטעליע און חרובע ווענט ווו די לייבן און טיגערן און דער לוויתן מיטן עק אין אָפענעם פיסק צעברומען זיך פלוצים און די האָזן און גאַנצע מחנות פייגל הויערן איבער איר אין אַ גוואַלד־געשריי אַז ס׳איז זיי נמאס געוואָרן צו זיין בלויז צוקוקער צו די מענטשלעכע פאַרדאַרבער און זיי ווילן איר העלפן דורכפירן איר שליחות. אַ לייב ברענגט זי טאַקע ביז צו די געטאָ־טויערן. אַ האָז ווייזט איר די אונטערערדישע דורכגאַנגען און די פייגעלעך העלפן איר צו ווערן די איבערפירערין פון די לעצטע וואָרנענדיקע ידיעות וואָס צביקע, דער פאַרטיזאַן שיקט איבער צו די לעצט געבליבענע אין דער געטאָ זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פירן צו דער שחיטה אָן אַ קאַמף... טובה וווּנדערט זיך אפילו וואָס די פאַרטיזאַנען וועלכע ליגן פאַרגראָבן אין דער טיפעניש פון דער ערד, גלויבן אַלץ אַז זיי וועלן קענען אָפּריייניקן די ערד פון די רוצחים וואָס פאַרגוואַלטיקן אַלץ, זי פירט אָבער אַלצאיינס דורך אירע שליחותן.

ה

אין היפּוך צו שיינדל פֿראַנצוזסקי־גאַרפֿינקלס דרך אין אירע פֿריערדיקע ווערק, זענען אַלע הויפּט־טיפּן און באַזונדערס טובה אין דעם ווערק אַנטשלאָסענע וואָס האָבן בלויז איין ציל און מיט דעם באַוועגן זיי זיך און טוען. אוודאי איז טובה און די מעשים אירע אַ מין אילוזאָרישע סובלימאַציע פֿון דעם אַרומיקן שווידער וואָס די פֿאַרהווילענע איבער־רעאַליטעט פֿאַרבאָרגט אין זיך און היט פֿאַר די וואָס ווען איבערלעבן... זי איז אָבער אויך דאָס אויג און האַרץ פֿון דער קינסטלערין וואָס האָט זיך אין דעם ווערק דערהויבן צו אַ ספּעציעלער קינסטלערישער מדריגה אין איר שאַפֿן. אויפֿן אָרט פֿון דער אַמאָליקער וואַקלדיקייט און ווידערווילן צו די אייגענע וואָס האָט באַהערשט איר טאַלאַנט אין ״רחל און ״ערב אָקטאָבער״, פֿילט מען אין דעם ווערק גרויס ליבשאַפֿט צו די וואָס ליידן און אויך גרויס באַדויער און טרויער אויף די וואָס די רשעות האָט זיי באַוועלטיקט און זיי געשטעלט אויסער דעם ראַם פֿון מין מענטש.

אין די פֿריערדיקע ביכער איז זעלטן צו געפֿינען אַ נאַטור שילדערונג און אַ דערמאָנונג אפֿילו אָן די אַזוי גערופֿענע שטומע באַשעפֿענישן און די נישט באַוועגלעכע פֿון דער שווייגנדיקער געוויקסן־וועלט. דורך טובהס אויגן לעבט די גאַנצע נאַטור און די קינסטלערן איז געוואָרן סענסיטיוו צו אַלץ וואָס זי באַגעגנט. אַריינקומענדיק אין אַ חרוב הויז אין דער געטאָ, דערשפּירט זי ווי ״אַ צעבראָכן פּיסל קרעכצט ווי אַ קראַנקער; פֿון אַ צעשפּאָלטן קינדעריש וויגל איז אויפֿגעגאַנגען אַ גרעזאַנג און פֿון דער סטעליע האָט זיך געטראָגן אַ פֿאַרשטיקט געוויין״. אַזוי זענען די אויגן אויך אָפֿן ווען טובה באַהאַלט זיך אין וואַלד. דיביימער און די געוויקסן רעדן צו איר און די רויטע יאַגדעס און קאָלירנדיקע וואַלד בלומען זענען איינס מיט איר.

אין דער הקדמה צום בוך דערציילט זי אַז ווען זי האָט געלייענט קאַפּיטלעך פֿון דעם ווערק פֿאַר די גרעסטוועטע קינדער, האָבן זיי ממש געשלונגען יעדע סצענע און איר געבעטן צו שרייבן נאָך. נאָכן אַליין איבערלייענען דאָס בוך, דערשפּירסטו מיטאַמאָל אַז דו גלייבסט איר און באַנעמסט אויך די קינדערס אויפֿנעמען עס.

מ׳קען אוודאי אָפּפֿרעגן די קאָנצעפּציע פֿון דער דאָזיקער סובלימאַציע אין דעם אופֿן פֿון שילדערן דעם גרויל פֿון יענע יאָרן ווי אַן אויסער־רעאַלע אויסטערלישקייט וואָס קען פֿאַרפֿירן אין הוילער אַבסטראַקטער פֿאַנטאַסטיק ווו די רעאַליטעט איז מער נישט קיין וואָר און האָט בכלל נישט קיין עקזיסטענץ־אָנהאַלט נישט אין היינט און נישט אינעם

נעכטן און פֿאַר־נעכטן. מ׳מוז אָבער צוגעבן, אַז ביים לייענען ווערט מען ערטערווייז אַזוי אַריינגעצויגן אין דער דאָזיקער אויסטערלישער פֿאַנטאַסמאַגאָניע, אַז ס׳הייבט זיך אָן דאכטן אַז מ׳איז אַליין אויך אַ טייל פֿון דעם וואס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר די אויגן און דו אליין ביסט ווי טובה אַ מין רואה ואינו נראה (אַ זעער אָבער אַ נישט געזעענער) וואס אַנגסטיקט און צאַפּלט אין דער שווידערלעך ברוטאַלער רעאַליטעט און קלאַמערט זיך צו דערזעלבער צייט מיט די לעצטע כוחות אין דער אויסטערלישער וואָר פֿון דער פֿאַרהוילענער אַ־און איבער־רעאַליטעט.

ס׳איז באמת אַ גרויסער ווייטיק וואָס איר פּריצייטיקער טויט, האָט איבערגעריסן דעם ווייטערדיקן גאַנג פֿון דער קינסטלערין וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו דערקענען אירע שאַפֿערישע כוחות. אויך מיט דעם איז זי געוועזן און געבליבן אַ סימבאָל פֿון אַ קינד פֿון דער ״ערב תקופה״.

(1981)

אין יעקב פרידמאַנס פּאָעטישן הויף

א

שוין אַ צייט ווי כ׳האָב דאָס געפיל, אַז ס׳איז פאַר אונדז אַן ערן־חוב צו זיך אַליין און צו די היגע יידיש־לייענער וואָס פאַרטיפן זיך נאָך און שעפּן חיות פון קינסטלערישן וואָרט און געשטאַלט, אַריינצולייענען זיך נאָך אַמאָל און איבעראַמאָל אין דעם שאַפן פון דעם אויסער ווי געוויינלעכן אייגנאַרטיקן פּאָעט יעקב פרידמאַן ז״ל. דאָס דאָזיקע געפיל ווערט דער עיקר גענערט פונעם אָפּגעבן זיך אַ חשבון אַז הגם יעקב פרידמאַן האָט זיך געדרוקט אין כמעט אַלע וויכטיקע זשורנאַלן און אַרויסגעגעבן אַכט ביכער לידער און דראַמאַטישע פּאָעמעס אין יידיש און צוויי זאַמלונגען אין אַ העברעישער איבערזעצונג, און נאָך זיין פריצייטיקער פּטירה איז אין מדינת ישראל דערשינען אַ זאַמלונג פון די מערסטע פון זיינע ווערק אין דריי בענדער מיט אַ לענגערן קריטישן אַריינבליק ווי אויך אַ ביבליאָגראַפיע מיט די וויכטיקסטע ביאָגראַפישע דאַטעס געשריבן פון יודל מאַרק ע״ה, און עס זענען בכלל געשריבן געוואָרן וועגן אים לענגערע און קלענערע אָפּהאַנדלונגען, זענען נאָך גאָר אַ סך צום באַדויערן נישט גענוג באַקאַנט מיט דעם אוצר וואָס זיין שאַפן שטעלט מיט זיך פאָר. גאָר נישט וויניקע באַנוגענען זיך מיט האָבן בלויז געהערט זיין נאָמען און אַנדערע אפילו דאָס אויך נישט. ער איז דאָך קיינמאָל נישט געווען אויף דעם קאָנטינענט און נישט מיטגעאַרבעט אין קיין טאָג־צייטונג.

ס׳איז דעריבער כדאי, אַז אין פאַרבינדונג מיט דעם וואָס סאיז דאָ נישט לאַנג צוריק געוואָרן פופציק יאָר פון זיין אויפשיינען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין ערשט ליד, און סוף פון היינטיקן יאָר וועט ווערן זיבן יאָר פון זיין אַזוי פריצייטיקער פּטירה, זאָל מען נישט נאָר אָנצינדן אַ זיכרון־ליכטל, נאָר פראַווען יאָרצייט אין גייסט און גוסט פון אַ ״הילולא״ אויפן חסידישן שטייגער, דורך פאַרטיפן זיך אינעם שאַפן און לעבנס באַנעם פון אָט דעם טיפן בעל־מחשבה און וווּנדערלעכן פּאָעט.

כ׳בין נאַטירלעך גאַנץ באַוווּסט ביי זיך אַז צו געבן דאָס פולע בילד דורך איין באַגרענעצטן אַריינבליק וואָס קען בלויז אויפנעמען געציילטע אָפּגעקליבענע מאָטיוון און שטימונגען איז נישט מעגלעך און ס׳איז בכלל נישט דער ריכטיקער דרך אַזוי צו באַנעמען קיין שום פּאָעט, בפרט אַזאַ ווי ווי יעקב פרידמאַן, וועמעס פאַרשידנאַרטיקייט איז פון אַ פאַרנעם און טיף, וואָס מ׳דאַרף אים נאָכגיין און נאָכפּליען אויף קלאָרע און פאַרהוילענע

פלאַכן און הייכן, און גאָר אָפּט זיך אַריינגראָבן אין תהומיק, אָנסופיקע גרונטן.

מיר וועלן זיך דעריבער באַנוגענען בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן פרווון אָנצייכענען דעם פּאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער פון זיין שאַפן און נאָר דאָ און דאָרט אָנווינקען אויף אַ דאָמינירנדיקן מאָטיוו.

כ׳וויל זיך אָבער דאָ דערלויבן אַ קליינעם אָפּווייך מיט אַ פּערזענלעכער דערמאָנונג, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיכרון פון דער ערשטער און צום באַדויערן איין און איינציקער באַגעגעניש מיט אים אין תל־אביב ביי אַ מסיבה לכבוד אַן אָנגעזעענעם יידישן פּאָעט, ווען ס׳איז צוגעטיילט געוואָרן אַ פּרעמיע צום ערשטן מאָל. מיר איז פּונקט אויסגעקומען צו זיצן אַ היפּש ביסל ווייטער פון הויפּט טיש און צווישן אליעזר שטיינמאַן און יעקב פרידמאַן ע״ה. ווען דער פּאָעט, איך שוין אויפן עולם האמת, האָט געענדיקט לייענען אַ סעריע לידער, וואָס דער פּאָרזיצער, משה גראָס־צימערמאַן ע״ה, האָט אויף זיין שאַרפזיניק, שאַרמאַנטן, פּאַלקסטימלעכן אופן שטאַרק געלויבט, האָט שטיינמאַן האַלב אַרויסרופעריש שטיפעריש און האַלב ערנסט אַ שעפּטש געטאָן: ״נו, וואָס זאָגט איר עפּעס ר׳ יעקב?״ נאָך אַ פּאָר סעקונדן שווייגן האָט פרידמאַן צוריקגעשעפּטשעט מיט אַ מאָדנער גלעטנדיקער ווייכקייט, ווי איבערגעבנדיק אַ סוד וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך די גאַנצע צייט: ״איר ווייסט דאָך, אַז יעדער פּאָעט זוכט זיך זיין שליסעלע מיט וואָס צו עפענען די טירן פון פאַרהוילענעם... עס ליגט נישט פון אויבן־אויף״ — האָט ער זיך כמעט מיט אַ ציטער צוריקגעצויגן אין שווייגן און געגלעט דאָס קעפּל פון זיין טעכטערל, וואָס ער האָט געהאַלטן לעבן זיך.

״איצט — האָט שוין שטיינמאַן געשעפּטשעט נאָר צו מיר — איז אייך שוין קלאָר וואָס כ׳האָב אייך נאָך פריער געזאָגט, אַז ער איז מער ווי גלאַט אַן אייניקל וואָס זאָגט נאָך...״

כ׳בין עד היום נישט זיכער צי זייערביידנס איבערשעפּטשען זיך און דאָס פאַרציטערטע צוריקציען זיך פון פרידמאַנען האָט אַזוי געווירקט אויף מיר, אָדער ווייל ס׳איז מיר פון דער נאָענט געווען באַקאַנט דאָס התנהגות און אָנגעלאָדן זאָגן פון דער ריזשינער גזע, האָב איך פלוצים נישט געזען מער זיין גלאַט אויסגעצערט פּנים און דעם הוילן קאָפּ, אויך זיין פּשוט וואָכעדיקער לבוש אָן וועלכע עס איז פּאָעטישע פליטערלעך, האָט זיך ווי אָפּגעטאָן פון אים. פאַר די אויגן האָט זיך גאָר געמיניעט, געציילטע סעקונדן בלויז, אַ געשטאַלט אין ווייכע זאַמשענע שטיבלעטן מיט ווייסע זאָקן ביז די קני און אַ זיידענע קאַפּאָטע, וואָס שאָרשעט סודותדיק צו אַ פאַרבענקטן שיר השירים ניגון, וואָס כ׳האָב מיט יאָרן צוריק געהערט

פרייטייק פאַר מנחה פון אַ ריזשינער "איניקל": "מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה..." האָט זיך דער ניגון מיטן ווייך־גלעטנדיקן קול געטראָגן פון דאָרטן און זיך באַהאָפטן מיטן נאָר וואָס געהערטן פּאַרציטערטן שעפּטש.

פון זיך אַליין, נישט פילנדיק אַפילו אַז איך מיש זיך אַריין אין עפּעס וואָס כ'בין בלויז צופעליק געווען אַן עדות, האָב איך גענומען איבערדערציילן וואָס כ'האָב אַמאָל געהערט פון מיין טאַטן ז"ל, אַז איינער פון אונדזערע עלטערזיידעס איז געווען דער מלמד פון ריזשינערס קינדער. מיטן יינגסטן פון זיי, אַ בחור פון באַלד נאָך בר־מצוה, האָט ער געהאַט גרויסע שוועריקייטן. האָט ער זיך מתנצל געווען פאַרן פאָטער, אַז ער קען מער נישט אָנהאַלטן דאָס מלמדות. האָט דער ריזשינער אַריינגערופן דעם תלמיד און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער פאַרשאַפט דעם רבין זיינעם חולשת הדעת. האָט דאָס בחורל געענטפערט: "זאָל ער מיך לערנען ווי עס באַדאַרף צו זיין און מיר נישט שטערן די רעיונות..."

— וואָס הייסט?! — זענען ביידע צוגעשטאַנען צו אים.
— ער פאַרטייטשט מיר אַנדערש ווי איך זע...
— דהיינו?! — האָט דער ריזשינער נישט אָפּגעלאָזט.
— ער לערנט מיט מיר די מסכתא "ביצה" (אַרויסגערעדט, בייעה") און הייסט מיר נאָכזאָגן: "אַן איי וואָס איז געבוירן געוואָרן אום יום־טוב, איז אַ מחלוקת פון בית שמאי און בית הילל."
— וואָס־זשע דען איז דער טייטש? — האָט אים דער ריזשינער אַ גלעט געטאָן אויפן קעפּל.
— ווי נאָר איך דערזע די פיר אותיות פון "ביצה", דערזע איך באותו רגע "י"ב צירופי הויה" (די צוועלף פאַרבינדונגען פון הייליקן נאָמען) און כ'קען דאָס מויל נישט עפענען.

— איר פּראָוועט דאָ אַ באַזונדערן טיש? — האָט משה גראָס־צימערמאַן אין אַ שפּאַסיקן ערנסט צוגעשפּאַנט צו אונדז — דאָרט אויבנאָן האָט מען זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער טיי...
— ווי פאַלט עס גאָר אייך איין — האָט זיך שטיינמאַן צעשמייכלט
— מיר זיצן דאָך דאָ אויף פּראָסטע בענקלעך און סאַמע אונטנאָן...

— בלויז מעשיות דערציילן מיר זיך דאָ. איר קענט דאָך זיפּערן ס'איז זיין זכות איצט. אויב איר ווילט אויך הערן, וועט עס אייך קאָסטן גאַנצע דריי גלעזער טיי.. — האָט זיך פרידמאַן שטיפעריש צעשמייכלט.

— אַפילו פולע דריי בעכערס ווייַן, יאַנקעניו, אייערע צירופי אותיות שמעלצט איר דאָך איבער אין קינסטלערישן גינגאָלד, סאַמע כתר מלכות — איז גראָס־צימערמאַן געוואָרן גאָר אויפגעלייגט. דערווייל זענען אָבער

צוגעקומען נאָך אַ פּאָר מענטשן און צוגעלייגט אַן אויער. האָט זיך פרידמאַן פלוצים אין גאַנצן פאַרענדערט און אַן אומרואיקער דערלאַנגט גראָס־צימערמאַנען די האַנט און אַ שעפּטש געטאָן: — גייט שוין, גייט ר׳ משה, ס׳איז נישט שייך צו זאָגן אַזוי. עס ווערט דאָך שוין אַ רעדל — האָט ער זיך שנעל צעזעגנט מיט אונדז — שוין צייט פאַר מיר אַהיים צו גיין — האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון צימער. מער האָב איך אים נישט געזען.

ב

און איצט צום עיקר עניין:

אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור זענען באַקאַנט אַ צאָל פּאָעטן און פּראָזאַיקער וואָס ציען זייער יחוס פון די אָנגעזעענסטע רביאישע דינאַסטיעס אַזש ביזן בעל שם־טוב, מעזריטשער מגיד און ״אַנדערע גרויסע תלמידים״ וועמעס הויפן זענען געשטאַנען אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון מזרח אייראָפּע און פון דאָרט פאַרשפּרייט די תורה פון חסידות. גענוג צו דערמאָנען בלויז אַ פּאָר פון די מער באַוווּסטע, ווי ברוך האַגער, אברהם און יוחנן טווערסקי, ש. שלום, פישל שניאורסאָן און דעם ייִנגסטן צווישן זיי, יעקב פרידמאַן, צו באַנעמען דעם גרויסן צושטייער זייערן צום מאָדערנעם יידישן שאַפן און טיפערן פאַרשטיין פונעם תוך פון חסידות. דורך זייער שאַפן ווערט דער חסידישער דרך געזען פון אינעווייניק אי אין זיין דערהויבענעם פלי אין די הימלען און אי אין דעם גרונטיקן נאָענט זיין צו דער ערד און די מענטשן אויף איר מיט זייערע שווערע נסיונות, נויטן און ראַנגלענישן.

ווי זייערע גרויסע זיידעס, פּרוּוון זיי אויף זייער אייגענעם אופן דערגרונטעווען זיך צו דעם פאַרהוילענעם אין דעם וועלטבאַשאַף און זיין באַשעפער און דעם זין פון דעם בחיר־היצירה, דעם מין מענטש אין זיין פּיל־געשטאַלטיקייט. אפילו ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט פון דרך החסידות און פרעגן שאַרף אָפּ די טיפע פאַרגלויבטקייט אינעם איינגעשטעלט פאַרהייליקטן סדר העולם און דעם געשטאָלטן ביטחון און אמונה פון די זיידעס, קענען זיי אין דער זעלבער צייַט נישט אָננעמען די אַגנאָסטישע כפירה, וואָס זאָגט זיך לכתחילה אָפּ פון געפינען עפּעס אַ זינען און אַ העכערן ציל אינעם באַשאַף.

עס וואָלט באמת געווען כדאי צו מאַכן אַ מין סך־הכל פון די שאַפונגען פון די איינציקלעך וואָס האָבן זיך לכאורה דערווייטערט פון זייער שטאַם, און וואָרצלען דאָך טיף אין אים און ברענגען מערסטנס אַרויס די שאַרפע תורות, זאָגעכצן און פירונג פון די זיידעס. אָבער ווי שוין אויבן

אָנגעוויזן פאַרנעמען מיר זיך איצט נאָר מיטן שאַפן פון יעקב פריידמאַן, ״דאָס יינגעלע פון גינגאָלד״, ווי ער האָט זיך אַליין באַצייכנט אין איינעם פון זיינע לידער.

מיר הייבן אָן מיט אַ פּאָר לויפיקע ביאָגראַפישע פרטים: יעקב פרידמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1910 אין מילניצע, גאַליציע. דער פאָטער, ר׳ שלום יוסף, איז געווען דער מילניצער רבי פון דער ריזשינער גזע. זיין מאַמע מרגלית איז געווען די טאָכטער פון ר׳ מרדכי יוסף זלאַטאָפּאָליער, רבי פון דער טשערנאָבילער גזע. פון פאָטערס צד איז ער געווען דער פערטער דור פון רבי ישראל פון ריזשין און דער זיבעטער דור פונעם מגיד, דער רבי ר׳ בער פון מעזריטש, וואָס האָט איבערגענומען די קרוין פון חסידות פונעם בעש״ט ז״ל; פון דער מאַמעס צד איז ער געווען דער זעקסטער דור פון גרויסן ר׳ נחום פון טשערנאָביל. מיט אַזאַ יחוסקייט דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען צי קענען האַלטן הויך דעם קאָפּ אויף אונדזער עולם השפל...

פרידמאַן האָט דעביוטירט מיט אַ ליד אין די ״טשערנאָוויצער בלעטער״ אין 1927, די משפחה האָט דאַן געוווינט אין טשערנאָוויץ. ער איז דאַן אַלט געווען קוים 17 יאָר. דער נאָמען פון ליד איז ״איך ווייס״... ער האָט נאָך דאמאָלסט, ווייזט אויס נישט געוווּסט וואָס איינער פון זיינע עלטערזיידעס האָט געזאָגט: ״דער וואָס ווייסט, זאָגט נישט, און דער וואָס זאָגט, ווייסט נישט...״ דאָס האָט ער ערשט שפּעטער, גאָר שפּעטער באַנומען און זיך געראַנגלט אַ גאַנץ לעבן צו דערוויסן זיך דעם סוד. דורך פאַנטאַסטישע זעונגען און וויזיעס האָט ער פונקט ווי זיינע זיידעס פאַר אים געוואָלט אַנטפּלעקן און באַנעמען דעם גאַנג און דעם זין פון דעם רעאַלן און אָפענעם וואָס מיר זעען און דאָס פאַרהוילענע וואָס איז פאַרדעקט הינטער פאַרשיידן־קאָלירקע שלייערן אָן אַ צאָל.

אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן האָט ער געוווינט אין וואַרשע. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט ער איבערגעלעבט אין דער געטאָ באַרשאַד אין טראַנסדניסטריע. פון 1945 ביז 1947 געלעבט אין בוקאַרעסט, רומעניע. סוף 1947 אַוועק מיט זיין פרוי, קעניע, קיין ארץ ישראל ״אומלעגאַל״ און געבליבן שטעקן אין ציפּערן אין אַ לאַגער. ערשט אין פעברואַר 1949 אָנגעקומען קיין מדינת ישראל און זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליינער ווירטשאַפטלעכער נחלה אין בית־דגון. אין 1960 זיך אַריבערגעצויגן קיין רמת אביב ווו ער האָט געלעבט ביז 1972 מיט זיין פרוי און איינציקע טאָכטער. ער איז נפטר געוואָרן נאָך אַ שווערער קראַנקייט ו׳ כסלו׳ תשל״ג, דעם 12טן נאָוועמבער, 1972.

דאָס לעצטע ליד וואָס ער האָט געשריבן אין שפּיטאָל, אין יולי 1972, האָט ער באַצייכנט מיטן נאָמען, קאָשמאַרן" פון וועלכן מיר נעמען אַרויס בלויז געציילטע שורות:

"מיר זיצן אויף העסעוו־בעטן, אין שפּיטאָלישער טיף־נאַכט.
מיר זענען מתים וואָס פּילן נאָך און טראַכטן.
... די פינצטערניש איז דאָ שווער און האַריק ווי די פעלן פון מאַלפּעס, די נאַכט איז אַ חיה וואָס בלאָנדזשעט אין אין־סוף. ... פאַרוואָס איז קיין גאָט נישט פאַראַן? דאָ קיניגט די שאַנד פון מענטשלעכן גוף. דאָס אַמאָליקע יינגעלע פון גינגאָלד ליגט צעלייגט ווי סחורה אין קראָם."

אין דעם ליד צאַפּלט דער שוידער פון פאַרגיין, פון סוף, וועגן וועלכן ער האָט אַזוי פיל מאָל פריער געאַנט מיט אַנגסט און געפּרוווט אים סובלימירן מיט פילאָסאָפישע צוטראַכטענישן. פאַר אונדז איז אָבער איצט דער עיקר דאָס באַקענען זיך מיט די וווּנדערלעכע חלומות און דאַכטענישן פונעם "יינגעלע פון גינגאָלד" אין די אַזוי ווייניק באַשערטע יאָרן זיינע, און די קינסטלערישע וועלט וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעשפּונען מיטן שווונג פון זיין דערהויבענעם שאַפונגס־כוח.

אין זיין שאַפן איז פאַראַן אַ קינסטלערישער פאַרזוך צו באַשאַפן פאַר זיך מיט היינטיקע מיטלען אַן אָנהאַלט אין דער פאַרהווילנקייט און פיל פנימדיקייט פון אונדזער וועלט. די שמחה פון זיין און דער גרויל פון פאַרגיין, לאָזט אים נישט אָפּ פון דער ערשטער פּאָעמע "אָדם", דורך "נוח גרין" און "נפילים" ביז די מערסטע פון זיינע קלענערע און גרעסערע לידער. זיין פּאָעטישע פאַנטאַזיע איז איינע פון די רייכסטע, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין אַ ליריש לויטערן לשון ווי געשליפענער קרישטאָל, סיי דורך טיפן ערנסט, סיי דורך ביטערן סאַרקאַזם און איראָניע און אַפילו דורך שפּילעוודיקן גראָטעסק און ליצנישן פּורים־מאַסקאַראַד. אָפט איז ער, דאַכט זיך מיר, דער אמתער מאָדערנער יורש פון ר' נחמן פון בראַצלאַוו דרך פון דערציילן פאַנטאַסטישע מעשהלעך, וואָס זענען אי דער משל אי דער נמשל, וועלכע וואָרצלען אין דער ערדישער רעאַליטעט און גרייכן מיט זייער סימבאָליק אין דער פאַרהווילענער אי־רעאַליטעט. אויף אים איז ווי אָנגעמאָסטן דער פאָלקס־אויסדרוק: "ס'איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך", און יעדע איינע וועלט ווייזט דיר אַז אליעזר שטיינמאַן איז געראַכט גערעכט געווען, אַז נישט ער זאָגט נאָך זיינע זיידעס, נאָר פאַראַוועט אַן אייגענעם טיש מיט כל טוב.

אַוודאי זענען דאָ ביי אים שטאַרקע איינפלוסן פון אַנדערע סיי אין דער פאָרם סיי אין אינהאַלט. עס קען דאָך נישט זיין אַנדערש ווען ער רעדט דורכן מויל און געשטאַלט פון די ביז גאָר פאַרגלויבטע ערנסטע נאָכזאָגערס

פון חסידישע תורות וואָס הייבן דעם מוח און אַנדערע ווי די חסידישע חקרנים, פּינחס און יואל, וועמען די פרום־גלויביקע זיינען מבטל און באַטראַכטן פאַר פשוטע נאַראָנים. ביי זיי אָבער, ביי די נאַראָנים וואָס חקרענען זיך, האָט די דערפאַרונג פון רעאַלן אַרום, פאַרווישט די אילוזיע פון נאַאיווער איינגעגלויבטקייט אינעם זיכערן גאַנג פון דורות. זיי זעען שוין אַנדערע זעונגען און זאָגן אַרויס זייערע צווייפלען דורך תמימותדיקער חקירה און זייער אָפּט דורך אַ מין פורימדיקער פאַרשטעלעניש טראָגנדיק דאָס ליצנישע נאַרן־מיצל ווי אַ שוץ.

מערסטנטייל אָבער איז ער אַליין דער זעער און זאָגער. ער אַליין שטייט אין סאַמע צענטער מיט זיינע היינטיקע שפּירונגען און איבערלעבונגען, אָנהאַלטן און וואַקלענישן און ראַנגלענישן מיט דער אמונה צו וועלכער עס ציט אים און צום לייקענען אין דעם ״לייקענען״ צו דער זעלבער צייט. ער שטעלט די אייביקע קשיות און ווינקט אָן אויף אַ מין סימבאָליש באַרואיקנדיקן ענטפער. ער טוט זיך למשל אַ פרעג:

> ״צו וואָס האָט דער בורא
> געמאַכט וויינען די וועלט?
> צו וואָס האָט דער שאַפער
> געמאַכט זינגען די וועלט?
> כדי מיר זאָלן וויינענדיק אין זינגענדיק
> אויסגיין פון ליבשאַפט....״

דער דאָזיקער פילאָזאָפיש מעטאַפיזישער ענטפער מעג זיך טאַקע זיין אין איינקלאַנג מיטן דערהויבן פאָעטישן יידישן וועלט־באַנעם, לאָזט אים אָבער נישט רוען דאָס וואָס ער און זיין דור האָט איבערגעלעבט, און ער דריקט עס אויס אין זיין ״ליד צו ניקיטאַן״, וואָס שניידט זיך אַריין אין געמיט מיט דער שאַרפקייט פון אַ חלף און שפּיציקייט פון אַ דימענט־נאָדל.

דאָס ליד דאַרף מען לייענען אין גאַנצן, כדי צו באַנעמען אַז די טענה איז נישט נאָר צו ניקיטאַן. מיר אָבער וועלן בלויז ברענגען עטלעכע פערזן:

> ״ניקיטאַ, פאַסטעבל מיט לעמער־ווייס,
> געדענקסט מיין זיידן נאָך ביים דניעפּר?
> ער האָט אויסגעהאַקט אַן ״אויג״ אין פראָסט
> און אין כוואַליעס, צו טבילה, זיך געלאָזט.
> ער זאָל קענען, אַ לויטערער, פאַר גאָט צו שחרית קומען צו גיין.

> אַ פלויט לעבן אַ פלויט האָבן מיר געוווינט,
> מענטשן — שכנים לעבן שכנים.
> אפשר געדענקסטו בלויז דעם זיידנס זיבן זין?
> איר פלעגט צוזאַמען יאָגן טויבן אין די רוימען.
> דערנאָך זענען דעם זיידנס אַלע זיבן זין
> אויפגעגאַנגען מיטן רויך פון קוימען...

און מײַן באָבען, גערעדנקסטו נישט?
"באַבאַ נאַש",
זי האָט אײן מאָל איבער דײַן בעט זיך אײַנגעבויגן,
און דו האָסט געקוואָלן מיט די אויגן בעת זי האָט געשאָנקען דיר אַ "המןטאַש".
שפּעטער האָבן היצלעס מײַן באָבען צום ווערבע־בוים געבונדן
און זי אָנגעצונדן ווי אַ בענטש־ליכט ערב שבת..

וואָס אַרט דיך, ניקיטאַ, אַז אין גליל לעבט דאָס לעצטע אײניקל דער באָבעס?
אַ מקובל איז ער. אָפּגעזונדערט אין גלילער בערג.
גאַרט זײַן זעל צום תוך פֿון תוכן זיך דערשלאָגן,
כּדי אַן אויסגעלײטערטער קענען זאָגן "כּי טוב" צו "גאָטס פֿאַרשעמטן ווערק"
צי מײנסטו נישט, ניקיטאַ, גערעכט איז דער מקובל?
"פֿאַרשעמט דאָס ווערק איז פֿון באַשעפֿער."

און נאָכן אײנטענהן מיט ניקיטאַן אַזוי זאַכלעך באַצערט, ברויזט אין אים די טענה: "און ווו איז דײַן רחמים, גאָט?"

און "מאי קא משמע לן וועלט?"

רופֿט ער טאַקע דעם בורא צום משפּט אינעם "ליד "אַ זעונג" פֿון וועלכן מיר ברענגען נאָר אײן פּערז:

"זע, באַשעפֿער, זע,
וואָס אדמס זין האָבן געטאָן טון מיט זיך אַלײן!
דער וואָלף פֿאַרצוקט נישט דעם וואָלף,
דער לײב דעם לײב נישט,
נאָר דער בן־אדם פֿאַרצוקט האָט זײַן אײגן פֿלײש און בײן.

מיט די לײכטנדיקע צײַן פֿון אײגענער חכמה
האָט ער זיך אַלײן אויפֿגעפֿרעסן.
...האָהאָ! ווער לאַכט אין דער שטערנקאַרעטע?
דו? דו לאַכסט? דו וואָס האָסט באַשאַפֿן אונדז?
דו, אונדזער וועבטער?
צי טראָגט דען נישט דער באַשאַפֿער אַחריות פֿאַר זײַן ווערק?!"

פֿון דער דאָזיקער זעונג איז שוין גאָרנישט אַזוי ווײַט צו דערזען זיך אַלײן אין אַ נאַרן־מיצל וואָס פֿאַרקלינגלט זיך מיט אילוזיעס וואָס ער ווײסט אַז זײ זענען נישט מער ווי אילוזיעס פֿון אַ פֿאַרפֿירערישן מיראַזש. אין וויגל ליגט גאָרנישט דאָס "ײנגעלע פֿון גינגאָלד", נאָר אַ ליאַלקע. ער האָט אָבער מורא אַרויסצושלײדערן עס פֿון וויגל, ווײַל "וואָס טויג אַ וועלט אָן אילוזיע? אָן אַ גאָט?"

און אָט וויל ער גאָר שלום ווערן אי מיטן מענטש, אי מיט גאָט. אינעם ליד "לאָמיר לערנען", עצהט ער:

"לאָמיר לערנען ליב האָבן דעם הימל אַזוי ווי ער איז,
לאָמיר נישט מאָנען פֿון דער אויסגעשטערנטקייט

קיין בית־דין של מעלה,
לאָמיר לערנען ליב האָבן דעם מענטשן
אַזוי ווי ער איז —
פלייש און חלום, מער פלייש ווי חלום.
לאָמיר קושן די טרער אין אַכזריותדיקן אויג.
לאָמיר נעמען דאָס קאָפּל שיינקייט און מאַכן פרום אַ ברכה:
דאָס איז אונדזער חלק, און אַ לויב צו דעם,
וואָס איז אַ שמח בחלקו.״

אין דער שלווה פון שלום ווערן מיטן באַשאַף ווי ער איז, פאַרזינגט ער זיך פאָלקסטימלעך שפּילעוודיק אינעם ליד ״פּאַר מיין הייזקע״:

״פאַר מיין הייזקע שלאָפט דער ברונעם,
שפּיגלט שטערן אין זיין טיף
און די שטערן זיינען אותיות
פון מיין ליבסטערס ליבע־בריוו...״

דאַן טוט ער תּפילה ענייוותדיק פאַרגלויבט:

״איך האָט געטאָן טון אַלץ
וואָס דו האָסט צו אַ דיכטער־בוים געבאָטן.
פאַרגיב־זשע, האַר,
אויב ביי אַנדערעביימער
זענען די פּירות מער געראָטן.
זיסער זייער זאַפט און שענער זייער ציר:
און פאַרשטויס נישט די פּרוכט
וואָס איך האָב געטאָן ברענגען פאַר דיר.״

אַן אַנדערש מאָל וויל ער גאָר אין גאַנצן אַרויסגיין פון וואָרט צו דער שטילער שטילעניש וואָס איז געווען פאַרן ״יהי אור״. ער שפּאַצירט אַרום אין זיין גאָרטן און פאַרכליניעט זיך מיט די אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע ריחות און אייביקן סוד פון שווייגן, דורך וועלכן ער רופט זיך איבער מיט זיינס גלייכן אין אַ מין ממעמקים פאַרטאַיעטקייט:

״קום פּאָעט!
לאָמיר אומקערן דאָס בלוט און פלייש פון ווערטער
צום גופיקן ווערטער־לאַנד.
ס׳איז צייט און איבערצייט אַהיים צו גיין.
פאַרריגל די ליפּן מיט שטילקייט.
דעם באַשעפערס ערשטע שיינקייט
שווייגט און איז אייביק אַליין״.

(פון ליד ״איידער איידער״)

שווייגן און אַליינקייט מיינט אָבער אויך מוראדיק־דריקנדיקער עלנט, וואָס ברענגט צו אָפּהענטיקער פאַרלוירנטקייט. רייסט זיך פון די טיפענישן אַרויס גאָר אַן אַנדער תפילה:

„פאַרלאָז מיך נישט, גאָט,
זע, אייזבערג רינגלען אַרום מיינע מויערן.
די פאַסטעכער וואָס פלעגן פּאַשען דאָס גוטע פי
ביי מיינע גאָרטנדיקע טויערן,
(די הייליקע פאַסטעכער מיט די שירהדיקע פלייערן)
הויערן איצט אַרום די פאַרפרוירענע שאָף אין אַ קרייז

און זעען אויס ווי געשניצטע געטער פון אייז,
וואָס קוקן פון טויטע שטעט אַרונטער."

...."פאַרלאָז מיך נישט, האַר,
לערן פאַרשטיין מיך די חכמה
פון מקבל זיין גורל און גזר (גזאַר).
ווי מיר, דאָס לשון פאַרשטיי איך נישט פון ווינטער,

די שפּראַך פון דער שטומקייט.
וואָס זאָל איך טאָן צווישן אייזבערג
אין מוראדיקער, טרויעריקער אַליינקייט?"

אָט אַזוי ראַנגלט ער זיך מיט זיך און מיט גאָט, און ווי אַ בין צו וועלכער ער פאַרגלייכט זיך אָפּט, זייגט ער איין די זאַפטן פון אַלץ וואָס ער זעט און קומט אין באַרירונג פון צמחים און דוממים, פון זאַפטיק חיותדיקן און דאָרן־שטעכיקן, פון פאַרגענגלעכן און אייביקן.

פאַר דער דאָזיקער שפע שטייט דער לייענער פאַרגאַפט. קען קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן און זאָגט אים נאָך מיט זיינע ווערטער אינעם ליד "אין טאַטנס דאַוון־שטוב" פון וועלכן מיר נעמען אַרויס נאָר עטלעכע פערזן:

..."פאָטער, זאָג איך:
מיינע וועגן זענען אויך פאַר מיר אַליין פאַרהוילן.
צי ווייסט דער סוד אַליין צו זיין פאַרהוילנטקייט אַ באַשייד?
...צו אַ בין מיט פאַרמאַכטע אויגן איך בין געגליכן.
איך פלאַטער צווישן צמחים און איך זויג,
נאָר די מראה פון מאָרגנדיקן האָניק,
פאַרבאָרגן איז נאָך איצטער פון מיין אויג."

...מיין פאָטער צעעפנט גרויס פאַרחידושט זיינע אַפּלען
און לאָזט זיי הענגען ציטערנדיק אויף מיר.
— געלויבט צו גאָט, זאָגט ער, קענסט קלעטערן אויף שטאַפּלען...
און עס וועט דער ריזשינער זיידע נישט שעמען זיך מיט דיר."

צו דעם קענען מיר נאָך צוגעבן, אַז נישט נאָר טוט זיך דער ריזשינער זיידע נישט שעמען מיט אים, נאָר ער טוט נאָך צוגעבן „אַז ווייל איז דיר, יאַנקעניו, וואָס האָסט זוכה געווען צו זינגען דיין „שיר המעלות״ מיטן ניגון און צושפּיל פונעם „נעים זמירות ישראל״ וואָס אים האָט מען מבטיח געווען: „דוד מלך ישראל חי וקיים״. און, יאַנקעניו, וועט אין זיין עניוות און גאָר שטיל, ווי ער פאַרגלייכט עס אַמאָל: „שטיל ווי אין אַ פאַרשלאָסענער קאַרש״, נאָכזאָגן אויך דעם אויף אַ ווייִלע דערווייטערטן פּעטער, דעם ליעווער, ווען ער איז געשטאַנען פאַר זיינע ברידער, די זין פונם זיידן פון ריזשין:

„...ברידער מיינע, איז דען פאַראַן אַן ערגעץ אַנדערש
ווי גאָט ברוך הוא אין די עולמות זיינע?
פּין ווו זאָלסט נישט גיין און וווהין זאָלסט נישט קומען,
איז עס דאָך סיי ווי סיי אַ גיין פון כביכול צו כביכול...
נאָר וואָס? אַמאָל זעט דאָס אויס אַ קאָפּל ניי —
ני, איז דאָך אַברהם אָבינו אויך אַראָפּ אַ קאָפּל פון פאָטער תרחס דרך...
און אַזוי אויך דער הייליקער חכם פון אַמסטערדאַם, שפּינאָזע.״

יאַנקעניו וועט עס אַזוי זאָגן, ווייל ער האָט אַליין געזען אין איינער פון זיינע האַלב־וואַכע דאַכטענישן אין זייער הויפישן גאָרטן, ווי אַ רויטע לבנה איז אַרויסגעריטן אויף אַ ווייס וואָלקן־פערד און אונטער איר האָט געשליטלט דער גרויסער שטערן־שליטן און דערינען זיינען געזעסן דער בעל־שם, דער אַמסטערדאַמער און דער ליעווער, און אין זייערע הענט פידלען מיט מענטשישע צורות. וועגן אָט דער זעונג דערציילט ער אין ליד „אין שליטן״ אַזוי:

„...מיין האַרץ כליפּעט פאַר תענוג, בעת
דער בעל־שם האָט אַ שעפּטש געטאָן פּליושיקאין מיין אויער:
דערלאַנג, יאַנקעניו, דעם חסד שבתפארת...״

און ווייטער הערט ער דעם בעל־שמס רחמימדיקע שטימע:

„...קום, זעץ זיך אין שליטן צווישן אונדז, מיר זיינען קלעזמער,
דעם ניגון פון דער וועלט שפּילן מיר..״

דאָס, הייסט עס, איז דער זין און דער גאַנצער אָנהאַלט? און אפשר איז עס אויך דער שליסל צום עפענען און דעשיפרירן די פאַנטאַסטישע שטערן־אותיות וואָס שוועבן אַרום פאַרהוילענע מיטן ווייסן וואָלקן־פערד אונטערן פאַרנעפּלטן הימל וואָס איבער זיין קוואַליקן ברונעם אין הויפישן גאָרטן, צווישן די צעבלעטערטעביימער אין די נאַכטישע לאַנען, ווו ער הערט דאָס פאַרצאַפּלטע קול פון זיין מאַמען:

...."יאַנקעניו, קינד מײַנס, נאָך צוועלף שוין, חצות...
וואָס טוסטו אין מיטן נאַכט אין נאַסן גראָז?"

* * * * *

מיט דעם אויבן געזאָגטן און ציטירטן האָבן מיר בלויז מיט אַ קליין לעפֿעלע אַ שעפּ געטאָן פֿון דעם שפּרודלדיקן קוואַל פֿון יעקב פֿרידמאַנס שאַפֿן. מיר האָבן נישט אָנגערירט די ישׂראל מאָטיוון זײַנע, די גרעסערע פּאָעמעס און דראַמאַטישע געשטאַלטן מיט זייערע ווונדערלעכע זעאונגען, וואָס עפֿענען אַ פֿענצטער צו זײַן פֿאַנטאַסטיש קינסטלערישער וועלט. מיר האָבן זיך דאָס מאָל באַנוגנט בלויז מיט דעם כּדי צו וועקן דעם חשק בײַם לייענער, אַליין אַרײַנצוגיין אין יעקב פֿרידמאַנס פּאָעטישן הויף און זיך לאָבן מיט די אויסטערלישע פּירות וואָס געפֿינען זיך דאָרט.

(1979)

אַן אַריינבליק אין רחל קאָרנס שאַפן

(צום דערשיינען פון "אויפן שאַרף פון אַ רגע".)

יעדעס מאָל, ווען איך לייען זיך אַריין אין רחל קאָרנס א נײַ ליד, בפרט נאָך אַ נײַ בוך, ווילט זיך מיר זייער שטאַרק אַריינפּרעסן דאָס איבערגעלעבטע אין געצאַמטע ווערטער, וואָס זאָלן, ווי זי אַליין טוט עס אַזוי מייסטעריש, רעדן אויפן ווונק און זיך אַנטפּלעקן דורך אַ רמז. איך מיין, אַז בכלל איז נישט מעגלעך צו רעדן וועגן קינסטלערישן שאַפן אנדערש ווי אויפן ווונק, ווייל וויפל דו זאָלסט נישט פּרוון אויפדעקן און קלאָרער מאַכן דאָס איבערגעלעבטע געפיל ביים לייענען, בלייבט אַלץ מער נישט דערזאָגטס און פאַרהוילנס, ווי עס איז געוויינטלעך מיטן קינסטלערישן ווערק אַליין.

לייענענדיק דאָס בוך לידער "אויפן שאַרף פון אַ רגע", אין וועלכן אַ דינער ליריזם און שטילער צידוק־הדין פלאַטערט און ציטערט צוזאַמען מיטן אויפלויכט פון דער לעצטער דערוווייל נאָך פאַרהוילענער רגע, וועלכע איז אָנגעברייט פאַר יעדן לעבעדיקן, איז דער דאָזיקער ווילן צו צמצום נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין מיר. נאָר איידער איך פּרוו עס טאָן, וויל איך אַריינפירן אין דער הויפּט־שטימונג פון דעם נייעם בוך דורך לייענען דאָס ליד "עס פלאַטערן":

"עס פלאַטערן און עס ציטערן שוין איבער מיר די רגעס,
אַ יעדע איינע שטרעקט צו מיר די אָרעמס אויס:
"אָ, כּוויטשע, כּוויטשע ** נאָך אַ טריט, אַ טריטל,
עס איז נישט ווייט די שוועל ביים נידעריקסטן הויז.

"אָ, כּוויטשע, כּוויטשע" — אַזוי איז אויך געשטאַנען
מיין מאַמע איבער מיר, געהיט מיין ערשטן טריט,
בעת עס האָבן זיך אין אירע ברוינע אויגן
מיט ליבשאַפט אַלע פרילינגען צעבליט.

מיר דאַכט, ווי כ'וואָלט איצט פון דער ווייטער ווייט א קול דערהערט:
"שוין צייט
זאָלסט אויפהערן צו ראַטשקען זיך פּאַזע ערד,
און כּוויטשע, כּוויטשע — שטעל זיך אויף אַליין,
הויב אויף צום הימל אויבן דיינע אויגן — דו זעסט?
עס וואַרט אויף דיר אַ סטעזשקע אין דער הייך,
א זיבנפאַביק־פאַרביקער, צעשטראַלטער רעגנבויגן."

** אַזוי האָבן די פּויערטעס גערופן פאַר נאַכט די בהמות צוריק אין שטאַל אַריין.

אָט אַזאַ איז די שטימונג אין דעם בוך: דאָס איבערלעבן פון פאַרשווונדענעם אָנהייב קומט ווידער אויף, אויף דער שוועל פון דער נאָך פאַרהוילענער רגע.

רחל קארנס שאַפן וואָלט איך געוואָלט באַצייכענען אַן ערך אַזוי: איר שאַפונגס־וועלט גייט אויף מיט קרוב 45 יאר צוריק ״צווישן 100 יאָך פעלד״, אויף וועלכע עס הויערט דער טראַגישער מענטשלעכער גוראַנגל מיט זיין עלנט, טראָגט זיך דערנאָך אוועק מיטן שטורעם אויף די ״באַשערטע היימלאָזע וועגן״, וואָס פאַרוואַנדלען אַלץ אין אַ שאָטנשפיל, וואָס שטייט ״אויף יענער זייט ליד״ און ״שאַרף פון אַ רגע״. בלויז ״די גענאָד פון וואָרט,״** מיט וועלכע זי איז באַשאָנקען, גיט איר דעם כוח אויפצושטעלן פאַר זיך און פאַר אונדז די דאָזיקע וועלט אירע, אַז מיר זאָלן זי זען מיט אירע אויגן: גאַנץ אין דער צעבראָכנקייט און פול אין איר הוילער שאָטנדיקייט. דורך בליציק שאַרפע וואָרט־בילדער און אויסגעהאַמערטע פערזן ווי אויף קופּער־שטיכן, באַווייזט זי דעם גרויל פונעם מענטשלעכן גוראַנגל, און מיט דינעם געשליפענעם ליריזם כישופט זי אַרויס ״אַלע וויסטענישן״, וואָס ״ מדברן אין מיינע אויסגעטרערטע טעג״. דאָס גייט צוזאַמען מיט אַ צעוויטיקטער דערהויבענער בענקשאַפט אויף דעם וואָס האָט אַזוי צוזאָגנדיק געליכטיקט אַמאָל און האַלט בסדר אין איין אויסגיין אויפן שאַרף פון דער רגע. אָט דערציילט זי אונדז אין ערשטן ליד פון דעם בוך (געדרוקט אויך אין דעם פריערדיקן):

> ...אויף דער שארף פון אַ רגע
> טליעט פלאַמיקער אָפּשיין
> פון בענקשאַפט
> וואָס האַלט ביים פאַרגיין.״

עס בלייבט אבער תמיד דאָס געפיל, אַז זי האָט נאָך אַלץ נישט דערזאָגט, נאָך נישט אַלץ אויסגעוויינט. זי פאַרענדיקט דאָס ליד

> ״....און איך פיל אויף מיין פנים,
> מיין שטערן,
> דעם אָטעם פון אַ וואָרט,
> מיט נאָך נישט אויסגעוויינטע טרערן.״

פאַר מיר איז דעריבער רחלס שאַפן מער ווי אַ געוויינטלעכע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור. דורך איר שאַפן קען מען טיפער אַריינבליקן נישט נאָר אין איר אייגענער צייט און שווערן איבערלעבן, נאָר אויך ממש דערשפירן דאס אָטעם פונעם אייביק גורלדיקן אין דער וועלט,

** די אַלע באַצייכנטע, זיינען פון אירע לידער זאַמלונגען.

אין וועלכער עס קומט אונדז אויס צו ראַנגלען זיך און אַרומוואָגלען אין די געצײלטע און באַשערטע יאָרן.

רחל קאָרן איז אַזאַ שאַפערישע פערזענלעכקייט, אין וועלכער די טיפסטע און דינסטע ליריק לעבט זיך אויס אויפן קלאָרסטן און סינטעטישסטן אופן מיט אָפענער, כמעט נאַטוראַליסטישער פּראָזע, ווו דו קענסט נישט נאָר זען און שפּירן, נאָר טאַקע ממש אָנטאַפּן, פאַרזוכן און דערפילן דעם ריח און טעם פון יעדער שורה און בילד. די ליריק און פּראָזע אין איר שאַפן זענען אַזוי אויסגערייפט אין איין גאַנצקייט אין זײַער דערשיינען, אַז בלויז נאָר אַ געניט אויג און ראַפינירטער געשמאַק קאָן נאָך געפינען שפּליטערן פון די שפּורן פון דעם געראַנגל, וואָס קומט פאָר אינעם קינסטלער אין דער פאַרהוילענער שפּירונג פון "יענער זייט", וואָס וויל ווערן ליד און מאחורי־הפּרגוד פונעם בילד, וואָס דאַרף ווערן מעשה.

איר שאַפן האַלט אונדז דעריבער אַלע מאָל געשפּאַנט און מאָנט אַ פאַרטיפערטן אַריינבליק אין דער וועלט פון וואַנען זי איז געקומען און דעם וועג אין צייט, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט. איך זע זי שטיין אויף די "הונדערט יאָך פעלד", מיט וועלכע זי האָט זיך באַוויזן אין אַ דאָרף פון גאַליציע, אין איר מלכות "דאָרף", ווו סע בליט דער "רויטער מאָן" בלוטיק און רוי, און דאָך אין שיין פון אַ גרויסן זון־אויפגאַנג און קוים געאָנטן גרעלן פאַרגיין. דער מענטש דאָרט, אינעם געראַנגל מיט דער האַרטער נאַטור און אייגענעם גורל, איז אַ מין קרבן־תמיד אויפן מזבח פון דער אייביק זיך ענדערנדיקער און דאָך שטיין־בלײַבנדיקער צייט. דער ייד אין דער מיטן פון דעם, איז דער בולטסטער צייכן פון אָט דער גורלדיקייט. עס קומט אויס ממש ווי אין דעם ווונדערלעכן אָנוווּנקען פונעם בעל־המדרש: "ווען דער שונא האָט געוואָלט אויספּרווון צי ער וועט קענען איינעמען ירושלים, האָט ער געשליידערט זיינע שפּיזן אין אַלע זייטן פון דער וועלט, און אַלע שפּיזן זיינען געפלויגן צו דער זייט פון ירושלים..."

אפילו די געלייטערטע, שטענדיק פאַרשטייענדיקע און מיט רחמים פאַרגעבנדיקע מאַמע, איז נישט בכוח צו לינדערן די ווונדן פון דער פאַטאַלער שפּיל און ברוטאַלן גורל. זי קען נישט מיט איר וואַרעמער צונג אָפּלעקן און פאַרזיסן אַ ביסל די געזאַלצענע טרער. דער מאַמעס ווייכע טריט און מענטשלעך הילפלאָזע טרייסט, קענען נישט בייקומען דעם קאַלטן גרויל, וואָס פירט צו וואַנדער, היימלאָזיקייט און עלנט, ווען דער מענטש דערפילט זיך אין גאַנצן אָן אַ באָדן אונטער די פיס, אַ ליידיקער הימל, וואָס הענגט איבער אַ פוסטקייט און חרובער הוילקייט. דאָס פּיצל געוועזענע ערד הענגט על־בלימה אין א פאַרהוילנקייט אויף "יענער זייט ליד", ווו עס בלוטיקן אַלע אַנגסטן און צערן פון אונדזער געפּרווטן דור.

„ס,איז שטיל איצט אַרום מיר, מיט שטילקייט פון פּאַרנאַכט,
עס שאָרכט בלויז אונטער מיין האַנט דאָס אָנגעשריבענע בלאַט,
וואָס וויל ווערן אַהיים פאַר האלב־פאַרגעסענער קינדהייט
און פּרוווט ווערן אַ היים פאַר אייגענעם נאַ־ונאַד.“

(די ווערטער פון מיין א—ב)

כדי אבער אָנצונעמען די באַשערטקייט אַזוי ווי זי איז און מאַכן היים פונעם אייגענעם נע־ונד, מוז מען אויך דורך און דורך דורכגענומען ווערן מיטן געפיל פון דעם ביטערסטן וויסן, אַז

„עס איז מיין וואָרט אַזוי איינזאַם,
ווי דו אין די הימלען פאַרשוועבטע,
און עס זוכט אין די סדומיקע ציטן
די לעצטע געטרייע, געררעבטע.“

(פון ליד „זאָג זיך נישט אָפּ פון מיר“ — אין בוך „די גנאָד פון וואָרט“)

זי מוז זיך דעריבער שאַפן אן אייגענע היים־לאַנדשאַפט ווו צו קענען „דערהאַלטן“ זיך אינעם נע־ונד. עס איז שוין נישט מער די רויע לאַנדשאַפט פון „ערד“ ווו עס בלוטיקט דער רויטער מאָן. ס׳איז אויך נישט מער די חלום־לאַנדשאפט פון דער „טרויעריק שיינער „בת־מלכה“ ביים ברונעמס ראַנד“. ס׳איז די נשמה־לאַנדשאפט פון אירע נייעסטע לידער, ווו עס קאָרטשען זיך אין אַנגסטיקע יסורים „די טרוימען וואָס האָבן אונדז אַלע אָפּגענאַרט, פאַרראַטן.“ דאָרט ליגט פאַרפייניקט די „האַלב פאַרגעסענע קינדהייט,“ וואָס פלאַטערט אין אַנגסט איבערן פאַרשריבענעם בלאַט.

וואָס זשע איז די האַלב — פאַרגעסענע קינדהייט־היים? איז עס בלויז די גרויליקע אַנגסט און דערוויסן זיך, אַז אפילו די הונדערט יאָבן פעלד זענען געווען נישט מער ווי אַן איינגערעדטע אילוזיע, אַ הוילע אויסדאַכטעניש, אַ מיאוסע פאַרשטייעניש? איז עס נאָר דאָס דערזען מיטן גאַנצן אַנטוישטן געמיט און געביין, אַז נישט יעקב האָט דאָרט געוואַרט אויף רחלען ביים פאַרדעקטן קוואַל, נאָר איוואַן גאָר מיט דער האַק אונטער דער פאָלע? צי איז עס בלויז דאָס באַנעמען איצט דאָס קול פון דער אַלצוויסנדיקער סאָווע, וואָס האָט דעם גזר פאַראויסגעזאָגט אונטערן מאַנאַטאָנעם בו־הו פון דער קוקאַווקעס ציילן די יאָרן און דער לבנהס פאַרהוילן פאַלשן זילבער־שיין?

אוודאי איז עס דאָס, ס׳איז אבער אויך דער מאַמעס וואַרטן מיט אַ תפילה אויף די לעפצן, אויף דער רגע „ווען דאָס טעבטערל וועט זיך צוריקקערן פון דער שפּיל.“ א טרער אין אויג זאָגט איר אָן, אז ס׳איז שוין צייט צו וויסן דעם פאַרהוילענעם אמת. אז ס׳איז שוין די העכסטע צייט צו

דערמאָנען זיך און אויפצוהערן פאַרשפּילן זיך מיט נישט — וויסן דעם באַשייד. דער מאַמעס גאַנצע דורותדיקע דערפאַרונג לעבט דאָך מיטן איבער־רעאַלן און אַנגסטיק־רעאַלן וויסן, אַז בלויז אַ צייטווייליקע סוכה איז דאָס וואָס מיר רופן היים, און איז אַלע מאָל אונטערן צייכן פון גיפאַרן שטורעמס.

מיט טיפער קינסטלערישער אינטואיציע דריקט עס רחל קאָרן אויס אין די ממש אַפּאָקאַליפּטישע זעאונגען פון פאַרן שטורעם אינעם ליד "ערב־רעגן" און אין די בילדער וואָס וואַקסן אויס צו גרויס־סימבאָל אין "ערד" און שפּעטער אין די כמעט אי־רעאַלע שילדערונגען פונעם נע־ונד אין די סטעפּעס פון וויטן מזרח. דאָרט גייט אין איר אויף אויפסניי די אור־לאַנדשאַפט פון תנ״ך, וועלכע באַגלייט דעם יידישן מענטשן פון זיין סאַמע אָנהייב אָן דורך דעם לאַנג־דורותדיקן וואַנדער.

דאָס שפּירן אין זיך די "תנכישע לאַנדשאַפט", איז אַ טיף עמאָציאָנעלער געפיל ביי גאָר אַ סך פון יידישע שאַפער דורך דורות. אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך ביי די טייכן פון בבל, ווו דער בעל התהילים האָט אין טיפן ווייטיק אויסגעזונגען זיין קלאָג־ליד: "ביי די טייכן פון בבל זענען מיר געזעסן און אויך געוויינט ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט אין ציון" און ווייטער פרעגט ער אַ דערשראָקענער: "איך נשיר שיר אַדושם על אדמת נֵכָר? — דאַרף מען עס טייטשן, נישט ווי מ'טייטשט געוויינטלעך "ווי קענען מיר זינגען דאָס ליד פון גאָט אויף פרעמדער ערד?" נאָר "ווי אַזוי זאָלן מיר זינגען גאָטס ליד אויף פרעמדער ערד", ווייל אויב מ'זאָל לגמרי אויפהערן זינגען, ווי אַזוי זשע וועט מען קענען בלייבן לעבן בכלל? ער האָט דאָך שוין געהאַט פאַר זיך דעם טראַגיש היסטאָרישןביישפּיל פון די צען שבטים וועלכע זענען אוועק אין גלות אַשור און נישט מיטגענומען "דעם "שיר ה׳"- זענען זיי דאָך פאַרשוווּנדן און געלאָזט אַ ליידיקייט נאָך זיך. בלויז די שפּעטערדיקע לעגענדע האָט געהיט פאַר זיך אַ זכר פון זיי. ווען די גולי־בבל זאָלן חלילה געווען נאָכטאָן די גולי־אַשור און זיך פאַרפאַנצערן היינטערן פאַטריאַטישן היים־געפיל פון ציון און "אויפגעהאָנגען די פידלען אויף די ווערבעס" צום וויבערירן אין ווינט, וואָלט דאָך דער גאַנצער עניין פון ייד אויף דער וועלט שוין לאַנג נישט געווען און עס וואָלט אפילו נישט געווען מער ווער עס זאָל אַ טרער לאָזן אָדער אַ לויב טאָן דעם אומרו וואָס עפּעס אַ מאָדנער שבט פון די ברעגעס פון ירדן, האָט אַ שליידער געטאָן דער דאַמאָלסטיקער וועלט אין פּנים אַריין. גיט דערפאַר דער בעל התהילים אין זעלבן ליד א פייערדיק טיפן ענטפער אויפן "איך נשיר". ער פירט אויס "אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני", מיינט עס: "מירן מיטנעמען ירושלים ווו מ'וועט זיין און זינגען אין דער פרעמד ווי אין דער היים." פאַרהיימישן די פרעמד כל זמן מ'איז דאָרט.

אָט דאָס, האָבן יידישע קינסטלער און בעלי־מחשבה געטאָן דורך דורות. ס'איז דערפֿאַר פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור און אירע שעפֿער, האַלטן זיך אין איין אומקערן אויף דעם אָדער יענעם אופֿן צו דער תנ"ך־לאַנדשאַפֿט אָפּן און פֿאַרבאָרגן. עס בינדט צו צום אייביקן גאַנג.

לאָמיר טאַקע געבן אַ בליק אין דער טיף פֿון דער דאָזיקער לאַנדשאַפֿט: ווער נאָך ווי די יידישע שאַפֿער פֿון דער מדינה פּוילן האָבן אַזוי נאָענט געשפּירט און געלעבט מיט דער תנ"ך־לאַנדשאַפֿט און זי צונויפֿגעקנאָטן און סובלימירט אינעם פּה־לין, (פּוילן־דאָ זאָלסט נעכטיקן) וואָס איז בלויז אַ מין אָפּרו־אומרו סטאַציע אויפֿן לאַנגן וועג. ביי די טייכן דאָרט, אויף אָפּגעגרענעצטע שטיקלעך שוואַרצע ערד, איז די תנ"ך־לאַנדשאַפֿט היימיש געפּלאַנצט געוואָרן. די אויסגעטריקנטע טייכן, די נחלי־אַכזב (נאַכליי־אַכזאָוו) פֿון דעם חרובן אַמאָל, זענען דאָ געהיטן געוואָרן מיט ציטעריקער ליבשאַפֿט ביי די אָפֿענע קוואַלן פֿון פֿליסיקע וואַסערן. דאָ, ביי די ברעגעס פֿון דער ווייסל, בוג, ניעמאַן און הוטשווע, איז פֿון ווייטן געשטאַנען וואַך די שוועסטער מרים און געצאַפּלט צו זען וואָס עס וועט ווערן פֿון דעם קעסטעלע פֿון פּימסן־האָלץ ווו עס ליגט איר ברודערל, וואָס ראַנגלט זיך מיט די רווישנדיקע כוואַליעס. אויפֿן באַרג, נישט ווייט פֿון דער קוואַליק־קלאָרער קרעניצע, איז די תורה אַראָפּגעפּייערט געוואָרן מיט דונער און בליץ אַריבער די אָרעמע פֿאַרציטערטע דעכלעך, באַדעקט מיט שטרוי און האַלב צעלעכערטע שינדלען. פֿון אינעווייניק אָבער און פֿון די זאַמד־פֿעלדער אַרום, האָבן די אַנגסט־קולות פֿאַרט גובר געווען די דרויסנדיקע שרעק מיט אַ קלאָרן געפֿליסטער: נעשה ונשמע!; אויך דער באַרג תבור און דער עיבל און גריזים מיט די ברכות און קללות האָבן ארומגערינגלט די היים ווי אייביקע שומרים און עדות.

און ווער דערקענט עס נישט דעם הר־נבו לעבן וואַלד דאָרט? לייג בלויז גוט צו דאָס אויער און האַרץ, און וועסט דערפֿילן ווי דער גאַנצער אַרום מיט די זאַמדן און שלאַנקע טאָפּאָלעס ביי דער זייט, ציטערן מיט צער פֿון משהס געזעגענען זיך מיט דער עדה, וואָס קען זיך שוין קוים דערוואַרטן צו פֿאַרלאָזן דעם מדבר... איי, ווען ער זאָל געוווען קענען מיטגיין מיט זיי דעמאָלט, וואָלט דאָך שוין מער קיין נע־ונד נישט געווען און מיר וואָלטן נישט געדאַרפֿט לייטערן איצט די שרעק־היילן הינטערן פּריצישן הויף, כדי זיי זאָלן קענען ווערן דער געהיימער וועג, וואָס וועט צום שנעלסטן ברענגען צוריק אַהיים, קיין ארץ־ישראל, ווי עס ווערט דערציילט אין די מעשה־ביכלעך, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ געהיימער וועג אין די היילן וואָס ציט זיך ביז

העט קיין צפֿת, די שטאָט פֿון די מקובלים. ווער האָט דען נאָך אַזוי פֿיל כּוח צו וואַרטן און וואַרטן ביז משיח וועט אַליין קומען און ווייזן דעם וועג.

און אין צווישן, כּדי מ׳זאָל ווי עס איז קענען אויסהאַלטן ביז וואַנען מ׳וועט געפֿינען דעם וועג און ברענגען די גאולה, האָבן אויף די זאַמדיקע טראַקטן און אין די טונקעלע וועלדער אליהו הנביא, דער בעל שם טוב הקדוש און ר׳ לייב שרהס, געשפּאַנט ווי פֿאַרשטעלטע אָרעמעלייט מיט גאָר דעם פּלאַם פֿון געגרעכטן צאָרן קעגן דער רשעות און מיט מילדער גוטסקייט צו אַן עדה אין נויט, וואָס דאַרף נעבעך גרויס רחמים. שפּעטער, צו, פּאָר אונדזערע אויגן שוין, האָבן די יונגען פֿון די הינטער־געסלעך זיך געזאַמלט אויף די זעלבע וועגן און אין די זעלבע וועלדער מיט די היילן, מיטן זעלבן ברען קעגן דער רשעות און געפֿיבערט מיטן אייביק־נייעם חזון פֿון אַ נייעם הימל און אַ זיכערער ערד...

אין דער דאַזיקער לאַנדשאַפֿט האָט אויך שׂרה בת טובֿים אַרומגעשוועבט ווי די גוטע מאַמע מיט שטאַרקונג און טרייסט, זומער אויף די גאָלדענע זאַנגען שפּיצן און ווינטער אויף די פֿאַרשנייטע, פֿאַרפֿרוירענע טייכן. אויך דער צונויפֿשטויס פֿון די פֿעלקער און געטער דאָרט, איז בלויז אַן אָפּשיין פֿון דעם געראַנגל פֿון יעקבֿ און עשׂו אויפֿן שייד־וועג קיין כּנען און שעיר. אַ שפּיל אויף טויט און לעבן צווישן דעם גאָט פֿון אבֿרהם מיט די אָפּגעטער פֿון זיינע פֿאָרפֿירטע אָבות. אַלע איצטיקע קרבנות זענען נאָר אַן איבערשפּיל פֿונעם אור גורל שפּיל פֿון עקדה און באַשערטן קרבן.

דאָס דאָזיקע דערזען די ווייטע, חרובֿע היים, ווי הינטערבאַוווסטזיניק עס זאָל נישט זיין, גיט דעם שליסל צו רחל קאָרנס כּסדרדיקן דערזען די תּנ״ך־בילדער אין סאַמע שווערן נע־ונד אירן, וועלכע ווערן אַלץ קלאָרער אַרויסגעבראַכט אין די לעצטע ווערק. דורך אָט דער נשמה־לאַנדשאַפֿט לאָזט זי אונדז דערהערן דאָס געוויין און געטרויער, וואָס גייט אויף פֿון דאָרט צוזאַמען מיטן אייביקן בטחון און גורלדיקער באַשערטקייט, וואָס באַגלייט אונדז אָפּן און פֿאַרבאָרגן.

דערביי שטייט פֿאַר איר קינסטלערישן אויג דאָס רעאַלע און איבער־רעאַלע געשטאַלט פֿון דער אומגעקומענער מאַמען. אויף דער שוועל, וואָס איז מער קיין שוועל נישט, שטייט זי, אָן די שטעק־שיך אַפֿילו, ווייל זיי זענען אויך שוין דאָרט וווּ אַלץ איז אַוועק (זע דאָס ליד "שטעק־שיך" אין "גנאָד פֿון וואָרט"); אָן רייד, בלויז מיט אַ צאַפּל ווינקט זי אָן: "געפּרוווט קינד, מיינס, ביסט אַליין די באַשערטקייט, און מוזסט אַליין דערטראָגן דעם נע־ונד צו די אַלטע ברעגעס."

כדי דאָס צו באַנעמען און קענען מיטגיין מיט רחל קאָרן אין אירע לאַנדשאַפטן, דאַרף מען טיפער אַרייַנקוקן אין די געהאַמערטע בילדער פון איר פּראָזע און ליד, אין איר צעטרייסלטן געמיט, וואָס האַלט זיך אין אַנטפּלעקן אין די לעצטע לידער. אין יעדן פון זיי איז דאָ אַ טייל פון דער אַנגסט און וויזיע און פון זוכן אַ באַשייד צו דער באַשערטער גורלדיקייט.

סע וואָלט זיכער געווען כדאי צו רעדן אויספירלעך אויך וועגן רחלס שפּראַך־רייַכקייט און בליציקע אויסדרוקן, וואָס וועלן בלייַבן אין דער יידישער פּאָעזיע ווי הויך שעפערישע דערגרייכונגען. כ׳וועל אָבער בלויז אָנווינקען אויף אַ פּאָר פון זיי אין דעם נייעם בוך ״אויפן שאַרף פון א רגע״: ״פּאַרטאַיעט אין ווינקלען, וועלקט שטילקייט מיט טרויער״, ״פּאַרן בראשית פון וואָרט״, ״דאָס גערעטעניש פון טרערן״, ״אַ נגידיתטע פון טרויער״ — ״די ״פארשעמטע נעמען״ און אַ סך אַ סך אַנדערע אַזעלכע דימענטלעך. אויך דער נאָמען פון דעם נייעם בוך, וואָס איז אַ שורה פון א ליד, איז אַ פּאַרכאַפּנדיקער אימאַזש ווי אויפן ווונק, ווי די שאַרף פון אַ רגע בליצט אַדורך אין דער אייביקער צייט. אין דעם בוך איז אויך פּאַראַן א סעריע ישראל־לידער, אין וועלכע די אָנגעלאָדנקייט פון אירע ערשטע לידער איז סובלימירט דורך דער שטילקייט און איינגעהאַלטנקייט פון נאכן שטורעם שוין. ביז גאָר חנעוודיק זיינען די עטלכע שפּילעוודיקע לידער אין דעם לעצטן אָפּטייל. די שפּילעוודיקייט פון פּערז, זעט זיך, אגב, אָן אויך אין א צאָל אַנדערע לידער. זאָל עס זיין אַ סימן פון אַ געלייטערטער רו? וואָס קומט? שווער נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן דעם, נאָר א גוטער אָפּרו איז עס און רחל מעג זיך פארגינען אַ ביסל אַ שפּיל צו טאָן סתם אַזוי זיך, אויב זי קען נאָך.

שליסן וויל איך מיטן ליד, וואָס האט אלע מעלות פון רחלס דערציילערישן ליריזם און קלאָרן בילד, און איז באַהויכט מיטן באַטריבטן הויפּט־טאָן אירן אויף דער גורלדיקער באַשערטקייט פונעם מענטשלעכן נישט־וויסן וואָס עס וועט מיט אים געשען.

די טרויעריק שיינע בת־מלכה

די טרויעריקע שיינע בת־מלכה\
פון מיין אייגן קינדערלאַנד,\
פלעג זיצן לאַנגע שעהן\
אויפן אַלטן ברונעמס ראַנד,\
און וואַרטן, אַז ס׳זאָל די לבנה\
פון איר ווייס־איידעלער האַנט\
וואַראָזשען די דאָליע פּאַרהוילן,\
פּאַרהוילן און אומבאַקאַנט.\
כ׳פלעג שטיין ביים פענצטער און קוקן

דורך שמאָלן גאַרדינען־שפּאַלט
צי ס׳ווערט זיך דאָ באַוויזן
פון שלאַנקן פרינץ די געשטאַלט.
ס׳איז געווען אַזוי שיין דער אָנהייב
פון דער מעשה, גלייך זי וואָלט זיך באַצייטנס געגרייט
אויסצושעפּן די שטערן פון הימל
מיטן עמער, וואָס הענגט איבערן ברונעם
אויף א שווערער אייזערנער קייט.
און דער סוף פון דער מעשה? די ענדע?
אַז קיין סוף איז נישטאָ; — ביי דעם זוים,
וווּ עס שווימען די נעכטנס אַריין אינעם מאָרגן
הייבט זיך אַלץ אָן אויפסניי, אַלץ אויפסניי
אונטער דעם אָטעם פון טרוים.

(1972)

פון "אַ סטעזשקע אין דער הויך" צו "פּאַרביטענע וואָר" *

גאָר בקרוב, וועט ווערן פולע 50 יאָר זינט רחל קאָרנס שטערן, האָט אויפגעשיינט אין דער יידישער ליטעראַטור. וועט עס דאַן זיין די פּאַסיקע געלעגנהייט צום פאַרנעמען זיך מיט אַן אַרומנעמענדיקן, פּאַרטיפטן אַריינבליק אין איר שאַפן סיי ווי אַ פּאָעטעסע מיט אַ געשליפענעם ליריזם און סיי ווי אַ פּראָזאַיקערין מיט אַ קלאָר בילדערישע דערציייל-שפּראַך וואָס האַמערט אויס אירע טיפן און פייזאַזשן כמעט נאַטוראַליסטיש, אַז דו קענסט זיי ממש אָנטאַפּן און דערפילן דעם ריח און טעם זייערן, און גלייכצייטיק זענען די בילדער באַהויכט מיט אַ סימבאָלישער פאַרהוילנקייט, וואָס טראָגט זיי אַריבער העבער פון די ענגע גרעניצן פון קינסטלערישן רעאַליזם.

דאָס מאָל ווילן מיר דער עיקר שמועסן, און דאָס אויך נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן, וועגן די לידער אין דער זאַמלונג "פּאַרביטענע וואָר" וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1972-1976 און נאָר וואָס דערשינען. אָבער איידער מיר פּרווון עס טאָן, איז כדאי אָפּצופרישן דעם אייגענעם זיכרון מיט אַ פּאָר נויטיקע פּרטים וועגן דעם גאַנג פון איר שאַפן וואָס מיר קענען פון פריער.

רחל קאָרן האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור צווישן די צוויי וועלט-מלחמות וועלכע האָבן אי אָפּגעשלאָסן, אי אָנגעהויבן גאַנץ נייע תקופות אין דער גאַנצער וועלט און באַזונדערס אין דער יידישער וועלט. שאַרף און אימהדיק האָט עס אַלעמען אַוועקגעשטעלט פאַרן תהום פון גרויליק שווערע איבערלעבונגען און נסיונות אינעם מענטשלעכן געראַנגל מיטן פאַרגענגלעכן און אייביקן. אינעם סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, האָט זי זיך באַוויזן מיט אַ בוך לידער מיטן נאָמען "דאָרף". שפּעטער אַביסל מיט אַ זאַמלונג דערציילונגען מיטן נאָמען "ערד", און ווייטער אין די דרייסיקער יאָרן מיט אַ בוך לידער "רויטער מאָן". נישט נאָר די נייקייט פון דער טעמאַטיק, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט צו איר, נאָר דער עיקר אויך צוליב דעם, וואָס אָט ערשט האָבן זיך גענומען איינשטילן די צעבראַסטעטע וויי-געשרייען פון "דער באַליאַסטרע" און די הויך-שטאַפּלערישע וויזיעס פונעם "אַלבאַטראָס" אין וועלכע עס זענען געקומען צום אויסדרוק פרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש ע"ה און אים צו

* "פּאַרביטענע וואָר" פון רחל קאָרן, פאַרלאַג "ישראל בוך" תשל"ז, 1977

לאַנגע יאָר אורי צבי גרינבערג און אַ צאָל אַנדערע, און דאָ קומט מיט אַמאָל אַרויס אַ דאָרפּיש יידישע טאָכטער מיט לידער און דערציילונגען וועלכע אַנקערן טיף אין דעם רעאַליזם און אין דער סימבאָליק פון יענער צייט און זענען גלייכצייטיק באַהויכט מיט אינדיווידועל לירישע געזאַנגען וואָס שמעקן מיטן ריח פון צעבליטן בעז און פריש געשניטענעם גראָז; זיי פינקלען פאַר די אויגן ווי די טראָפּנס טוי קעגן דער אויפגייענדיקער זון פון פרילינג־פרימאָרגנס אין דעם שלווהדיק צעגרינטן גאָרטן פון איר היים. דערביי, איז עס פול מיט אַ בענקשאַפט און אַ צאַפּל איבערן נאָך פאַרהוילענעם פאַר איר, וואָס דאַרף ערשט קומען און באַשיידן די צעשויבערטע אַנוגען, גלוסטענישן און האָפענונגען פונעם יונגן האַרץ. זי האַלט זיך אין איין איינקוקן אין דעם מיסטיש־שווייגנדיקן פּנים פון דער זילבער־שיינענדיקער לבנה אויפן הויך־וויטן און דאָך אַזוי נאָענטן הימל איבערן קאָפּ. אַ באַשייד וויל זי אַרויסציען פון דאָרט דורך אַ שימערירנדיקן שטראַל פון אַ צעלויכטענעם גאָלדיקן שטערן, איידער ער פאַרשווינדט אין דער אומענדלעכקייט. "וועט ער קומען? ווער וועט ער זיין? ווען?; וועט עס געשען? און ווי אַזוי?" — זי הערט זיך אויך איין אין דעם בר־הון פונעם באָנק אין די זומפּן און אין דעם קו־קון פון דער קוקאַווקע אין די לאָנקעס אין דער סאַמע מיטן־טאָג שעה פון אַ פאַרנע זומער־טאָג אין נאָענטן וואַלד: "זאָלן זיי איר וואָראָזשען, פאָרזאָגן און אַנטפּלעקן דעם סוד, דעם גורל אירן."

אָבער ביז זיי וועלן געבן עפּעס אַן אָנווונק פון דעם, נאָך וואָס זי לעכצט, זעט זי איר דאָרף ווי עס איז מיטן גאַנצן גרויל און עלנט פון מענטשלעכן גערעַנגל, און ברענגט עס אַרויס דורך בילדער וואָס זענען ווי אויסגעהאַמערט אין קופּער. ווען איר מאָלן די נאַטור איז גענוג צו דערמאָנען דאָס ליד "ערב רעגן". עס איז אַזוי שאַרף רעאַליסטיש און סור־רעאַליסטיש אין דער זעלבער צייט, אַז איר פילט ממש בחוש אַז, אי דער פּחד "פאַרן שטורעם" און אי, די באַפרייענדיקע רו "נאָכן רעגן־פליייץ", וואָס באַפרוכפּעט גראָז און בוים, איז אמתע מעשי־בראשית. וועלטן ציטערן, וועלטן ווערן פאַרלוירן אינעם געווירבל און נייע ווערן געבווירן אין איין און דער זעלבער רגע. אַזאַ אופן פון שפּירן און זען די וועלט, איז געווען נישט נאָר ניי, נאָר ממש אַ דערשיינונג אויף וועלכער אַ ליטעראַטור וואַרט יאָרן־לאַנג.

פון די דערציילונגען "ערד", אויף וועלכער עס זענען געזעסן יידן און נישט־יידן וואָס האָבן זיך פאַרגרונטעוועט אין די צעפּאַסעוועטע מאָרגעס מיט לייב און לעבן, טראָגט זיך דער מוראדיק פאַטאַלער עלנט פון דאָרף, וואָס איז, דאַכט זיך, היים שוין פון דורות, און אין תוך אָבער בלויז אַ

ציטווייליקע "פרעמד" פון וועלכער מ'איז כסדר אויסגעשטעלט פאַרטריבן צו ווערן. אירע מענטשן פאַרמאָגן כמעט גאָרנישט נישט מער ווי די לעבצעניש צו נאָך אַ פיצל גרודע ערד אויף וועלכער די הענט זאָלן קענען פירן אַן אַקער און די פיס זאָלן נאָכטאָפּטשען מיט אַ פול האַרץ פון ביטחון אין דעם, וואָס מ'טאָר זיין ליבן נאָמען נישט דערמאָנען אומגעוואַשן, אַז ער וועט זיי באַשיצן און באַשערעמען פון טריקעניש און רשעותדיקע פאַרפלייצענישן. אירע טיפן האָבן זייער ווייניק רייד אין מויל. ממש שטומע צונגען, אָבער אין די נשמות טראָגן זיי דעם גאַנצן פּיין פון מענטשלעכן גורל אויף דער וועלט. זייער אומבאַהאָלפנקייט און עלנט קומט פון איין זייט פונעם לעבצן איין מאָל אויף אַלעמאָל צו פאַרוואָרצלען זיך און ממש צונאָפּלען זיך צו דער ערד — און קענען עס נישט, און פון דער צווייטער זייט פונעם פחד פאַרן אומבאַוווּסטן און כסדר זיין אויסגעשטעלט צו די צופאַלן פון דער אַ־מאָראַלישער נאַטור און אירע צעשטורעמטע כוחות.

אַן אַנדער יידישער פּאָעט וואָס האָט זיך געפונען כמעט אין דער זעלבער צייט אויף אַ כוטאָר ערגעץ אין אוקריינע, דוד האָפשטיין ע"ה, האָט דאַן געזונגען מיט אַזאַ טיפן טרויער:

> "ווינטער פאַרנאַכט אויף רוסישע פעלדער,
> ווי קען מען זיין עלנטער, ווי קען מען זיין איינזאַמער?"

ביי רחל קאָרן איז דער עלנט בולטער און גרויליקער. פון אירע שטומע געשטאַלטן שפּאַרט אַרויס דער עלנט אַפילו אין סאַמע מיטן בליען און וואַקסן. דער מענטש אויף איר "ערד" איז דער קרבן פון זיין אייגענעם גורל פון וועלכן ער קען זיך נישט אַרויסבאַקומען.

שוין דאַן, אין דעם ערשטן אַרויסטראָט אירן סיי ווי אַ פּאָעטעסע און סיי ווי אַ פּראָזאַיקערין צייכנט זיך אָן דער ווייטערדיקער גאַנג אירער אין דער ליטעראַטור. ס'איז אַ גאַנג פון זיך צו דער וועלט אַרום איר. אַ גאַנג פאָרויס מיט דער גאַרונג אויפצועפענען אַ שטעגל צום ליכטיקן חלום, וואָס וועט אָט אָט ווערן וואָר און אויסלייזן דעם מענטשן פונעם גוואַלדיקן עלנט. עס איז נאָך אַ גאַנג אַ נישט זיכערער פון אַ מיידל מיט יונג־פרילינגדיקע צעפלאַטערטע צעפּעלעך, וואָס האָפּסלט אַרום אַ צעזונגענע מיט אַ שפּרינגנדיק טענצל צווישן די גראָזן וואָס זענען נאָך פּיַכט פונעם טוי וואָס איז נאָר וואָס געפאַלן פון בלויען הייִמישן הימל. פונעם שלווהדיקן און שטיל פלאַפּלענדיקן קוואַל, טענצלט זי אַזוי צו דער מאַמעס שוועל, וואָס איז נאָך זיכערע היים. דאָרט, וואַרט אויף איר דער טאַטע מיטן פאַרזאָרגטן שמייכל און בלאַסן פּנים פון פריען קרענקען. דאָרט וואַרט אָבער אויך אויף דער שוועל דער מאַמעס ליבער שמייכל מיטן גאָרן האָפן:

„הויב אויף צום הימל אויבן דיינע אויגן,
דו זעסט?
עס וואַרט אויף דיר אַ סטעזשקע אין דער הייך,
אַ זיבנפֿאַכיק־פֿאַרביקער, צעשטראַלטער רעגנבויגן".
(פֿון ליד „עס פֿלאַטערן")

זי ווייסט נאָך נישט דאַן דעם גאַנצן אמת פֿון דער טראַגישער שפּיל, וואָס האַלט אָט אָט אין אָנהייבן זיך. זי אַנט עס אָבער שוין און אין אַ צאָל לידער קלינגט שוין אָפּ אַן אומעטיקער צאַפּל פֿון עפּעס אויסטערלישעס וואָס וואַרט און איז אָנגעברייט.

ערשט יאָרן שפּעטער, האָט זי זיך וועגן דעם דערוווּסט אין דעם שווערן נע־ונד (נאַ־ווענאַד) וועג וואָס איז איר באַשערט געווען. דער „צעשטראַלטער, זיבן פֿאַרביקער רעגנבויגן", איז פֿאַרשווּנקט געוואָרן פֿון דעם וואָלקן־ברוך וואָס האָט אַלץ דערטראָנקען אין אַ מבול בלוט, פֿאַרשוועבט און אָפּגעווישט די שפּורן פֿון דער „סטעזשקע", אי אין דער הויך און אי אונטן. ווי זאָגט זי עס אין דעם לעצטן ליד פֿון נאָך וואָס דערשינענעם בוך „פֿאַרביטענע וואָר":

„אין דער ברוינער נאַכט פֿון לאַנגען מעסער
וואָס האָט געברענט, געשענדט, פֿאַרטיליקט און פֿאַרשוועבט,
זענען מיינע ווערטער אויך געבלענדט געוואָרן
זיי זאָלן מער נישט קענען זען דעם פֿרילינג,
נישט דאָס וווּנדער פֿון צעבליטן דאָרן".

איז טאַקע וואָר, אַז אין די יאָרן פֿון דעם ביטערן נע־ונד זיין, האָט איר קינסטלעריש אויג און האַרץ געזען און געפֿילט נאָר פֿאַרוויסטונג און בראָך וואָס זי האָט אויסגעוויינט אין די לידער זאַמלונגען וועלכע זענען דערשינען נאָך דעם ווי זי האָט זיך דערשלאָגן צום ברעג פֿון קאַנאַדע: „היים און היימלאָזיקייט", „באַשערטקייט", „ניין דערציילונגען", „פֿון יענער זייט ליד", „די גנאָד פֿון וואָרט" און „אויף דער שאַרף פֿון אַ רגע"*, עס זענען אָבער אין די לידער נישט פֿאַרשווּנדן אין גאַנצן די פֿאַרשאָטענע וועגן פֿון דער היים סטעזשקע. זיי זענען בלויז פֿאַרהוילן געוואָרן. די סימבאָלישע נעמען פֿון די לידער־זאַמלונגען ווינקען טאַקע אָן אויף איר שאַרפֿן זען און שפּירן די ביטערע וואָר וואָס האָט אַלע פֿריערדיקע חלומות צוגעדעקט מיט אַש, אַלע בליענדיקע האָפֿענונגען און דערוואַרטונגען פֿאַרוויאַניעט און אַריינגעשליידערט אין תהום פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און אימהדיקע אַליינקייט. פֿאַרטיפֿט מען זיך אָבער אין די לידער, דערשפּירט מען אויך איר טיפֿע

*) אגב, אַ ראָמאַן אין פּראָזע, איז פֿאַרלוירן געוואָרן אינעם נע־ונד און דאָס בוך לידער „שניט" וואָס איז שוין געווען אין גאַנצן אויסגעזעצט אין מלוכה פֿאַרלאַג פֿאַר נאַצ. מינדערהייטן אין קיעוו, איז מיטן אַריינקומען פֿון די דייטשן, אין גאַנצן פֿאַרניכטעט געוואָרן.

בענקשאַפט און גערײַנגל צוריק צו דערזען די היימישע סטעזשקע און שליאַך וואָס פירט צו דער אייגענער לאַנדשאַפט און "צעבליטן דאָרן" אין ברענען. זי האָט זיך אַפילו דערשלאָגן צו אַלט־נייע וויזיעס וועלכע זענען אַפּאָקאַליפּטיש אָנגעלאָדן מיטן אייביק־יידישן זען. אויף די צעפּאַרטע סטעפּעס פון אוזבעקיסטאַן דערשפּירט זי אין אַ פלאַמיקן זון־אונטערגאַנג די מיסטיש פאַרהוילענע חומש־וויזיע פון ברענענדיקן דאָרן (זע וועגן דעם אויספירלעכער אין מיין אַרבעט אַן אַריינבליק אין רחל קאָרנס שאַפן) אַוודאי דאָמינירט דאָרט די ביטערע וואָר וואָס שטעקט דאָרנדיק אין איר געמיט ווי דער גורלדיקער באַשייד פון דעם אויסגעדאַכטן "זיבנפּאַכיק־פאַרביקן רעגנבויגן", און " די גנאָד פון וואָרט" פירט פאָרט נישט צו דער שעה שלווה צו וועלכער עס בענקט זיך אַזוי שטאַרק, ווייל "די שאַרף פון (מער ווי) אַ רגע", האָט אַלץ איבערגעשניטן.

און אָט, נאָך אַזוי פיל יאָרן און איבערלעבנדיק מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ שווערע קראַנקייט, דערשפּירט זי זיך מיט אַמאָל אין גאָר אַ פאַרביטענער וואָר ווו אַלע ביז איצטיקע פאַרהוילנקייטן, ווי זי דערציילט עס איצט אינעם ליד "פאַרבאָטענע וועגן", זענען אָפן נאָר פאַר איר אַליין, ווו אַלץ זעט אויס אַנדערש. די "פאַרביטענע וואָר" איז אַזאַ וואָס שטייט "פון יענער זייט האָפן" און "איבער טרוימען געקעפּטע, שטייט אַ מלאך מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל".

כמעט סטאָיש־רואיק, נעמט זי אָן די פאַרביטענע וואָר; אַזוי איז די באַשערטקייט, אָט אַזוי איז דער סדר העולם:

"אויף פאַרביטענע וועגן, פרעגט נישט קיינער,
פאַר וואָס?
אויף פאַרביטענע וועגן, הערשן נייע געבאָטן,
דיך אַליין האָט מען אויך פאַרביטן
און געמאַכט פאַר אַ שקלאַף פון ראָבאָטן"
(פון "אויף פאַרביטענע וועגן")

אין דעם דאָזיקן אומעטיקן אָננעמען דאָס נישט פאַרמיידלעכע ווי די פאַרביטענע וואָר, וואָס קומט נאָך אַלע וואַנדלונגען און "געקעפּטע חלומות", ווערט פאַרשטענדלעך די שטימונג אין די לעצטע שורות פון ליד "ווי האָסטו מיך פאַרשעמט":

"פון דאַנען קען קיינער מיין רוף נישט דערהערן,
אַפילו נישט דו, מיין האַר,
וואָס פאַרשטעלסט דיר דיין פנים
מיטן זוים פון פאַרלאָשענע שטערן".

אָט אָ דאָ, אין דער נאָר וואָס אַנטפּלעקטער וואָר, אין שפּיטאָל, זעט זי ווי

....״אויף נאַקעטע ווענט
טונקלען שאָטנס
פון הילפלאָזע פאַרשעמטע הענט.
אין ווינקלען און עקן
דעמערט דערמאָנונג
פון אַמאָליקע טעג —
זי טאַפּט און טאַפּט
אויף צוריק דעם וועג,
ווי אַ בלינדער מיט זיין ווייסן שטעקן״.

(נאַכט אין שפּיטאָל)

אָבער ביז דער ווייסער שטעקן וועט דערטאַפּן דעם וועג צוריק, מוּרמלט זי פאַר זיך אין האַלב דרימל:

...״ס׳קען זיין, ס׳וועט אַמאָל קומען צו אַן אויסגלייך
צווישן מיר און פאַרנאַכטיקע שעה,
ווען דער פלאַטער פון אַ מלאכס פליגל
וועט פאַרגלעטן דעם ריס
צווישן דאָרטן און דאָ.

(פון ״איך בין נאָך אַלץ ניט שווה בשווה״)

אין די פריערדיקע לידער זאַמלונגען און נאָך מער אין דער פּראָזע, איז אַלץ געווען צוגעבונדן און אין שותפות מיט מענטשן און זייער געראַנגל: אַפילו די נאַטור איז אַ גורלדיקער טייל פון דעם. אין דער זאַמלונג ״פאַרביטענע וואָר״, וואָס איז איינגעטיילט אין אָפּטיילן מיט סימבאָלישע נעמען: ״אין פאַרהוילענעם קרייז״, ״אַן אור־אַלטע מגילה״, ״מיט פּאַסמעס פון זילבערנעם קלאַנג״, ״ביים ראַנד פון טאָג״, און ״אין אַן אָפּגעפרעמדטער צייט״, איז זי דער עיקר נאָר מיט זיך און מיט דעם ציטער פון דער ״נאָך נישט אויסגעוויינטער טרער״.

הערט זיך אָקאָרשט צו, צו דעם סובטיל איידעלן טאָן ביים איבערגעבן די שפּירונג פון דער וואָר וואָס איז פון אייביק אָנגעברייט פאַר יעדן פאַרגענגלעכער באַשעפעניש:

....״אַזאַ שטילקייט אַרום מיר
ווי ערב דעם באַשאַף,
אַז סע דאַכט —
איך וואָלט קענען דערהערן
דעם זיפץ פון אַ שעה
ערב איר פאַרגיין,
און דאָס געגעגען פון טריט אין דער ווייט.

נאָר קיינער קומט נישט
כ׳בין דאָ אַזוי איינזאַם און אַזוי אַליין
ווי אָפּגעשיידט פון אַלע ערדישע באַגערן,
און ס׳איז שוין קיינער נישטאָ דאָ מיט מיר
מיט וועמען איך זאָל קענען טיילן
די ירושה פון נישט אויסגעוויינטע טרערן״.
(איך, די עלטסטע פון די קינדער דריי)

אין דעם דאָזיקן ״זיפץ פון אַ שעה״ און אפּגעשיידקייט, בליצט אויף ווי אַ פאַרביישוועבנדיקער מעטעאָר די אַמאָליקע היים־סטעזשקע וואָס איינזאַמט דאָרט אין דער קינדערישער לאַנדשאַפט פון פעלד און וואַלד, גראָז און בוים וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט קענען דערגרייכן צו זיין ״אייבערשטן צווייג״. די לאַנדשאַפט אין וועלכער ״די וואָר איז געווען חלום און דער חלום האָט באַוואַכט די וואָר״.

עס קלאָרט זיך אין איר אויס דער אמת פון איר אייגענער וואָר, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געלעבט אין איר אָפּן און פאַרהוילן:

״דאָס אַלץ וואָס מיר איז פאַרבליבן
פון אַמאָליקער היים,
איז די לאַנדשאַפט פון אַ קינדער לאַנד
פאַרטאַיעט אין דרימל
אונטער צעפרילינגטן הימל — — —״
(דאָס אַלץ וואָס מיר איז פאַרבליבן)

זי זעט צוריק די ״דעברע״ און דאָס שמאָלע ״פּאָטעקל״ צווישן די הויכע ברעגעס

״און ס׳דאַכט,
אַז אָט באַלד
וועט אויף דער סטעזשקע
זיך באַווייזן אַ סוד — — —״
(די דעברע)

זי ווערט אויך אויפסניי איבערגענומען מיטן ״פּאַרטרויען צו דער זון״ פון די ״קראָקוסן״, וועלכע זענען די ערשטע אַרויסצובאַקומען זיך פון אונטערן שניי־פעלץ צו געבן אַ סאַלוט צו דער ״ערב־פרילינגדיקער שעה״.

— — — ״אַן אויפגעוואַכטער טרוים,
לאָזט זיך אין ווייטן וועג
צו זוכן דאָס האַרץ פון דער וועלט״.

ס׳איז דעריבער שוין נישט קיין איבערראַשונג מער, נאָר אַן עכט קינסטלערישע איבערלעבונג צו דערשפּירן רחלס באַנייטן

אימפּרעסיאָניסטישן אויפנעמען די נאַטור וואָס לעבט אויף דורך דער פּריזמע פון איר פאַרשאַרפטן זען און געשליפן וואָרט. צוזאַמען מיט איר דערפילן מיר, אַז

— "ס'קען אָבער אויך געשען —
די ברירה איז נאָך אַלץ ביי אים פאַראַן,
ער זאָל אַוועקשאַרן די כמאַרעס אָן אַ זייט
און אויפפּראַלן דעם הימל אין דער גאַנצער ברייט
פאַר די שבע־ברכות פון דער יונגער נאַכט —
די ברירה איז נאָך אַלץ ביי אים פאַראַן".

(כמאַרעס רוקן זיך אָן)

די "ווילע שלווה־רו", וואָס זי מאָנט פאַר זיך, קומט ענדלעך אָן אַ געלייטערטע מיטן פיין פון איר באַשערטן גאַנג. זי שטייט ווידער ביי דער שוועל פון דער יוגנט־לאַנדשאַפט וואָס לויטערט פאַר די אויגן קאַליידאָסקאָפּיש אין דער פאַרנעפּלטער ווייט און פאַרזינגט זיך כמעט מיט אַ פאַרטיפטן תהילים ניגון:

"כוועל מיטנעמען מיט זיך די לאָנקעס־גרינע
און פון מיין טאַטנס סאָד דעם ריח פון ווינשל־צוויט,
די שמאָלע סטעזשקע צווישן תבואה לאַנסע,
וואָס געדענקט נאָך מיינע קינדערישע טריט.

כ'וועל מיטנעמען די פוכיק־ווייסע כמאַרעס
ס'זאָל ווייכער זיין דעם קאָפּ אַוועקצולייגן
און מיין מאַמעס מידן, אויסגעצערטן שמייכל
ער זאָל זיין צוקאָפּנס פון דעם גרויסן שמייכל

כ'וועל מיטנעמען מיט זיך דעם אָטעם פונעם וואָרט
אין זיין לויטערסטן טרויער שטילסטן פאַרקלער —
כ'וועל מיטנעמען מיט זיך מיין ערשטע ליבע
און מיין לעצטע טרער.

(כ'וועל מיטנעמען)

דער ווייטער נעבטן מיטן אָנהייב פון חלום, שליסט זיך איין אין דער פאַרביטענער וואָר און ווערט סטאַטישע רו. אויב מ'מעג אַזוי זאָגן, איז עס דאַכט זיך־מיר, אין דער בחינה פון אַ הויך קינסטלערישער סובלימאַציע פון דעם גורלדיקן ליידנס־וועג דורכן "חלום וואָס באַוואַכט די אייביקע וואָר".

ס'איז כדאי צוצוגעבן, אַז מיט דעם אויבן געזאָגטן איז נאָך ווייט נישט אויסגעשעפּט געוואָרן דאָס וואָס די "פאַרביטענע וואָר" רעגט אָן צום טראַכטן און דערשפּירן, און כ'וויל האָפן אַז ביי אַ צווייטער געלעגנהייט וועט מען קענען זיך אָפּשטעלן ווי געהעריק אויף דער אָריגינעלקייט פון אירע בליציק, פרישע מעטאַפאָרן און ווערטער־פאַרבינדונגען, וואָס ווערן גלייך בילד. צו דערמאָנען איצט בלויז אַ פאָר: בטחון־שטעך, געמפּילטע־

שעהן, דופק פון צייט, שפּראָצנדיקע־טרער, פאַרקאַרליקטע־צייט, און פאַרסטריגעוועטע־טעג, וכדומה.

זאָל זי אונדז זיין געבענטשט מיט נאָך אַ סך שלוודיקע יאָרן און שעפערישקייט.

(1978)

צום אַכציקסטן געבוירנטאָג פון דעם סאָציאָלאָג פאָרשער פון יידישן יישוב אין קאַנאַדע
ל. ראזנבערג

(אַ פּאָר מחשבות און באַמערקונגען)

פאַראַן יחידים, און אַז מ׳קוקט זיך גוט צו זענען עס מער ווי בלויז געציילטע יחידים, אויף וועמען עס איז ממש ווי אָנגעמאָסטן דער פיל מיינענדיקער זאָג פון דעם צוגויפשטעלער פון דער משנה רבי יהודה הנשיא, באַוווּסט ווי סתם ״רבי״. ״יש קונה עולמו בשעה אחת, ויש קונה עולמו בשנים רבות״ (עבודה זרה דף יוד ב׳) (פאַראַן איינער וואָס קויפט זיך איין, פאַרדינט זיין וועלט אין איין שעה, און פאַראַן אַזעלכער וואָס פאַרדינט זיך עס דורך אַ סך יאָרן). געזאָגט האָט ער עס אין פאַרבינדונג מיטן דערוויסן זיך וועגן אַן אויסער ווי געוויינטלעכן טאַט פון א מענטשן אויף וועלכן אַלע האָבן געזאָגט אַז ער האָט זיך דערמיט איינגעקויפט די אייביקע וועלט. אין פלוג קומט עס אויס בלויז ווי אַ באַוווּנדערנדיקע פעסטשטעלונג וועגן מענטשן און זייערע מעשים, האָט אָבער דער מסדר פון דער גמרא ווי די מעשה ווערט דערציילט געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן פאַרן ברענגען רבי׳ס אויסרוף: ״בכה רבי ואמר״ (רבי האָט געוויינט און געזאָגט) אַ קלאָרער אָנווונק אַז ס׳איז אַ באַדויערנדיקער סך־הכול פון מענטשלעכן גורל און איינגעשטעלטן געזעלשאַפלעכן סדר, ווו דער וואָס האָט זוכה געווען בלויז איינמאָל אין לעבן צו טאָן עפּעס פון ווערט און נישט געוויינטלעך, קאָבט מיט אים די וועלט און דער וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געהאָרעוועט אין דער שטיל, און אין באַשיידנקייט באַרייכערט די געזעלשאַפט מיט זיין שאַפן, בלייבט פאַראיינזאַמט און ווערט דערקענט ערשט נאָך יאָרן לעבן אין פאַרגעסנקייט. זייער ווייניק פון דער געזעלשאַפט פאַר וועמען זיי האָבן זיך באַמיט, ווייסן וועגן זיי און קענען זיך דערהויבן אָפּצושאַצן זייער אויפטו. און נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ווי אונדזערע מאַמעס פלעגן זאָגן, טרעפט עס גאָר אָפט, אַז אפילו די וואָס ווייסן דווקא יאָ, פאַרגעסן זיך עפּעס אין דער איילעניש און באַזונדערע חשבונות פונעם שטייגער פון קהלען זיך, צו דערמאָנען זיי ביי אַ געלעגנהייט און זיי צוטיילן דעם חלק אָנערקענונג וואָס זיי האָבן זיך כשר פאַרדינט פאַר דער ערלעכער מי און אָנגעזאַמלטן וויסן פון וועלכער מיר אַלע האָבן גאָר אַ סך געלערנט און רייכער געוואָרן ווי אַ געזעלשאַפט. לויטן שכל און יושר וואָלטן דאָך אַ סך יאָרן פון גוטער ארבעט געדאַרפט איינקויפן זיך גרויס דרך־ארץ און באַלוי־נונג. אַזעלכע יחידים אַזאַ, אַז סיי צוליב זייער באַשיידנקייט און נאָך מער

צוליב זייער נישט קענען צוגערעכנט ווערן צו דער קאַטעגאָריע פֿון דער אויסטערלישער איינמאָליקער טאַט, קומט זיי אויס צו וואַרטן לאַנג, און אָפֿט דערוואַרטן זיי זיך טאָקע נישט אויפֿן ביסל אָנערקענונג און מיטהילף וואָס מיר זענען ביכולת זיי צו געבן.

שוין יאָרן, אַז ווען איך טראַכט וועגן ל. ראָזנבערגן, געוועזענער ייק״א פּאַרוואַלטער פֿון די יידישע קאָלאָניעס אין מערב קאַנאַדע און אין די לעצטע דרייסיק יאָר דירעקטאָר פֿונעם פּאָרש־אינסטיטוט ביים קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, קומט מיר אויס אַז זיין געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע מערכה ביי אונדז, איז כמעט געגנוי געצייכנט לויט די ליניעס פֿון אָפּשאַצן און שעצן, אויף וועלכע דער גרויסער תנא האָט אַזוי תרעומותדיק זיך אָפּגערופֿן. זייער ווייניק ביי אונדז ווייסן אַז דורך ל. ראָזנבערגס פּאָרש־אַרבעטן און אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן זענען אַ סך סאָציאָלאָגישע און געשיכטלעכע פֿאַקטן פֿון יידישן לעבן אין קאַנאַדע צום ערשטן מאָל באַלויכטן געוואָרן מיט גרינטלעכן וויסן און קלאָרן פֿאַרשטיין און באַנעמען אויף וועלכן מ׳קען זיך פֿאַרלאָזן. מיט זיין פּיאָנערישער אַרבעט, האָט ער נישט נאָר געהאָלפֿן דעם היגן יידישן ישוב און זיינע פֿירער פֿון די פֿאַרשיידנסטע קרייזן צו דערקענען און פֿאַרשטיין זיך אַליין, נאָר אויך געוויזן ביז אין אַ גרויסער מאָס ווי אַזוי יידיש לעבן דאַרף געפֿאָרשט און אויסגעטייטשט ווערן. נאָך ווייניקער ווייסט מען וועגן דעם איינפֿלוס זיינעם אויפֿן געזעלשאַפֿטלעך פּאָליטישן לעבן אין מערב קאַנאַדע אין אַ געוויסן אָפּשניט פֿון צייט ווען ער איז, פֿריער אַלס לערער אין די יידישע קאָלאָניעס און דערנאָך, ספּעציאַליזירנדיק זיך אין אַגריקולטור אויפֿן חשבון פֿון דער פּראָווינציעלער רעגירונג אין סאַסקעטשעוואַן געוואָרן דער פּאַרוואַלטער פֿון די ייק״א קאָלאָניעס. ער איז אויך געווען דער ערשטער ייד דערוויילט צו ווערן אַלס פּאָרזיצער פֿון דער סקול־באָרד אין רעדזשיינע און אונטער דעם פּען־נאָמען י. בן־דור געשריבן אין וויניפּעגער ״דאָס יידישע וואָרט״ און ווי וו. וודהיי. מיקאָלאַ זיך באַטייליקט אין די פֿאַרשיידענע אויסגאַבן פֿון דער דאָמאַלסט אויפֿקומענדער סי סי עף. פּאַרטיי (איצט נ. ד. פּ.) פֿון וועלכער ער איז געווען איינער פֿון די גרינדער און געהערט צו די סאַמע שפּיצן אירע. ווען די פּאַרטיי איז געוואָרן די רעגירונג פֿון סאַסקעטשעוואַן האָט ער געהאָלפֿן צוגרייטן אַ צאָל סאָציאַלע געזעצן וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן דאָס געזעץ פֿון גאַנצן לאַנד. איין ביישפּיל בלויז ״סאָציאַלע מעדיצין״ (מעדיקייר) איז אין סאַסקעטשעוואַן איינגעפֿירט געוואָרן מיט יאָרן פֿריער איידער נאָך מ׳האָט אין די אַנדערע פּראָווינצן געוואַגט אַפֿילו צו טראַכטן וועגן דעם.

אין דערזעלבער צייט איז ער געווען אַקטיוו אין דעם יידיש געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן און צוגעגרייט זיין ערשט בוך

״קענעדעס דזשוס״ (קאַנאַדער יידן,) וואס איז שטארק געלויבט געווארן פון דער באַרימטן יידישן סאָציאָלאג דר. אַרטור רופּין, און אַ סך אַנדערע ווי יעקב לעשטשינסקי און דר. הערש. זיי האבן זיך אויסגעדריקט, אַז מיט זיינע אַרבעטן איז פאַר זיי אַנטפּלעקט געוואָרן א יידישער ישוב פון וועלכן מ׳האָט כמעט נישט געוווסט. נאך איצט, נאָך אזוי פיל יאָרן און גאָר גרויסע ענדערונגען, זיינען די ארבעטן פון יענע יאָרן נאָך אַלץ גרונט־ווערק אין דער פאָרשונג פון יידיש לעבן אין קאַנאַדע. ווען ער האָט זיך אין 1940 באַזעצט אין מאָנטרעאַל און איבערגענומען די אָנפירונג פונעם פאָרש־אינסטיטוט ביים קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, האָט ער זיך כמעט ווי אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון אַקטיווער גזעלשאפלעכער אַרבעט און זיך גענומען אָפּגעבן בלויז מיט פאָרש־ארבעט וואס איז געווארן א שם־דבר נישט נאר אין קאנאדע און געגעבן גרויס אָנזען דעם יידישן קאנגרעס צווישן די פירער פון די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן איבער דער וועלט. ס׳איז באמת נישט קיין קאָמפּלימענט פאַר די וואָס האָבן דערמעגלעכט ער זאָל עס קענען טאָן, וואס די אַלע אַרבעטן זיינען נאָך ביז היינט צעשפּרייט אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און פאַמפּלעטן, און אויך זיין פאָרשונג־אַרבעט פון די לעצטע יאָרן, ווו ס׳איז מיט גרויס מי אָנגעזאַמלט אַן אומגעהייער וויכטיקער מאַטעריאַל פון די לעצטע אַנטוויקלונגען אין היגן יידישן לעבן, ליגט נאָך אין מאַנוסקריפּט אין איינעם פון זיינע שאַפעס צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן וואָס וואַרטן אויף אַן אויסלייזער. בלויז דער מחבר אַליין, איצט שוין אין פולער צוריקגעצויגנקייט מיטן טיטול ״עמעריטוס״, וואס איז אים לעצטנס צוגעטיילט געוואָרן, קוקט זיי אָן פון צייט צו צייט בלעטערנדיק זיי ווען עס קומט אַ פריינד וואָס דערמאנט זיך צו קומען אַ קוק טאָן אויף אים אָדער ווען אַ יונגער סטודענט וואָס דאַרף אינפאָרמאַציע קומט ארויף.

ווען מען קוקט זיך גוט צו אין דעם מאמענט צו דעם שטענדיק שמייכלענדיקן פולבלעכן פּנים זיינעם און מ׳הערט זיך איין אין זיין לעבעדיק געאיילציקן דערציילן עפּעס, דערשפּירסטו מיטאַמאָל דערמיט עפּעס וואָס נאָגט אים. ס׳איז ווי דאס אייגענע געמיט וואָלט דיר צוגעפּליסטערט מיט עפּעס אַ ביי־קול וואָס דו ווייסט נישט פון וואַנען עס קומט, נאָר דו זעסט עס, דאַכט זיך, ציטערן הינטער די ווערטער קלאַנגען וואָס ווערן שלאַבעריק און קוים פאַרשטענדלעך ביים באַרירן די לאַנגע פיין לינירטע בויגנס. סיי דאָס פארשאָטענען זיך פונעם פּנים וואָס פאַרדעקט דעם שטענדיקן שמייכל און סיי דאס ציטערנדיקע באַוועגן מיט די ברייטע אַקסל אַרויף און אַראָפּ לייגט זיך אויס אין געמיט מיטן אַלטן טריב זיסן נוסח: ״כי זה חלקי מכל עמלי״. (דאָס איז דער גורל פון מיין גאנצער אַרבעט)

עס קען זיין, אַז ווען קיינער איז נישטא דערביי קומען יאָ אַרויס די ווערטער מיט אַ טענה פאַר וואָס מ׳לאָזט אים זיין דער איינציקער שומר פון זיין ווערק, אבער ווען מ׳זיצט מיט אים אמאל אין זיין באשיידענעם אַפּאַרטמענט צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי וואָס האָט דורכגעמאַכט מיט אים דעם גאנצן לעבנסוועג ווי אַ שטילע טויב און געטרייע היטערין, וועט איר פילן אַ טיפע באַזאָרגטקייט, אָבער נישט הערן קיין שום תרעומותדיקע טענות צו קיינעם. איר שפּירט גאָר אַן אויפריכטיקע צופרידנקייט מיט דעם וואָס מ׳איז געקומען און מ׳פאַרגעסט נישט אַמאָל צו טעלעפאָנירן אויך. ״מערסטנטייל ענטפערן מיר בלויז דעם ראַנג (נישט ריכטיקן נומער) נאָמבער״... וויצלען זיך ביידע, און ווי נישט צו פאַרטאַכלעווען קיין איין מינוט מיט סתם רייד, איז גלייך נאָך די ערשטע פּאָר פראַזן פון נאָכפרעגן זיך איז מען שוין פאַרוויקלט אין אַ פאַרכאַפּנדיקן שמועס. עס רעדט זיך אַזוי אַ שמועס, ווייל איידער דו קוקסט זיך אום ביסטו שוין נאָר אַ צוהערער און ווילסט גאָר נישט ס׳זאל ווערן אַנדערש, ווייל מיט דעם וואס דו הערסט עפנט זיך אויף אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון יידיש לעבן, וואס ציט זיך פון דעם ענגען עמיגראַנטיש יידישן געסל אין דער שטאט לידז אין ענגלאנד ביז די פּראָסטיק פאַרשנייטע ווייטע לאַנען אין די יידישע קאָלאָניעס אין די פּרייריס פון מערב קאַנאַדע, און פון דאָרט צו די שטעט און שטעטלעך ביז מאָנטרעאַל. דאס אלץ ווערט באגלייט פון אַ שלל מענטשן, וועלכע זענען דיר באַקאַנט, און אפילו די וואס זענען נישט באַקאַנט און פרעמד, ווערן זיי אייגן און נאָענט דורכן וואַרעמען אָטעם פון דערציילער, וואָס טוליעט זיך צו זיי און פירט זיי אַרויס פון פאַרגעסנקייט אַזוי היימיש געמיטלעך, אַז דו זעסט זיי און דערפילסט זייער ראַנגלען זיך מיטן עלנט, מיטן גורל פון אַליינקייט פאַרוואָרפן אין אַן עק וועלט. פרייסט זיך מיט זייערע שמחות און דערגרייכונגען און שוידערסט אויף ביי די אומגליקן און דורכפאַלן. זעסט ממש קלאר דעם זין פון זייער דערנעענטערן אָדער דערווייטערן זיך פון די שכנים יידן און נישט יידן. זייערע חברות וואס האָבן געדאַרפט דינען צו לינדערן דעם עלנט און אומוויסן, פאַרגרעבטקייט און פאַרהאַרטעוועט ווערן אין דער סביבה.

ער איז געבענטשט, ראָזנבערג, מיט א זעלטענעם זיכרון און דערצייל־כוח צום באַוווּנדערן. מיט איין בולטן שטריך ווערט אויפגעלעבט אַ סיטואַציע, שטייט אויף א מענטש מיט זיין שטייגער רעדן און טאָן. דאס וואס ער ברענגט ארויס לעבט, ווייזט אויס, אין אים אָנגעהויפנט איינס אויפן אנדערן און אינעם אנדערן, נאר ביים דערציילן סדרט זיך עס אויס, נישט קוקנדיק אויף די אויפבליצן הין און צוריק, און ווערט אַ גאַנץ בילד, וואס הייבט זיך אָן אין לידז, ווו דער טאַטע, אַ געזעל ביי א שטיוולמאַכער, האָט אים געבראכט צו דריי יאָר פון גאָניעדז אין דער ליטע. דער טאַטע, אַ

שאַרפער מתנגד, האט פון גאָניעדז מיטגעבראכט אַ פאַך וואָס גייט דאָ נישט און געמוזט גיין ארבעטן אין אַ פאַבריק וואָס האָט נישט געטויגט צוליבן דאַרפן מחלל שבת זיין. איז ער געווארן אַ צושטעלער פון שוסטערישע צודאַטן פון וועלכן ס'האָט קוים געקלעקט אויף דער פּרנסה. דער טאַטע האט אויך געבראכט פון דארט און אנגעהאלטן מיט שטרענגקייט א האַרבע פרומקייט און אַ געוואַלטיקע צוגעבונדנקייט צום דעם ליטווישן אופן פון רעדן יידיש. ער האָט זיך און די משפחה געהאַלטן ווייט פון די פּוילישע יידן, וואס זענען דווקא געווען דאָרט זייער אנגעזען און די וויל־לערנער פאַר וועלכע ער האָט שטאַרק דרך־ארץ געהאט, נאר צוליב זייער אויסשפּראַך האט ער זיי נישט געקענט פאַרטראָגן. "די פּוילישע חסידים (אין זיין אויסשפּראַך: "חשידים"), זיינען דאָך ערגער נאָך פון קאַטאָליקן להבדיל,־ פלעגט ער זיך קאָכן, — זיי מאכן דאך פונעם רבונו של עולם א נקבה. זיי זאגן: "היא אלוקינו, ווען סע שטייט בפירוש הוא אלוקינו..." ער האט ארויסגענומען זיין ייִנגל פונעם חדר פון פּוילישן מלמד, ווייל ר'האָט אים געלערנט לייענען ויאמר משה (וואַיאוימער מוישע) און נישט "וואַיעימער מעיסע" און אליין געקנעלט מיט אים וויפל ער האָט געקענט. לייענען יידיש האט ער זיך ראָזנבערג ווי עס איז אויסגעלערנט פון זיך אליין דורכן קענען לייענען העברעישע טעקסטן, דער עיקר צוליב דעם וואָס די מאַמע האָט עס שטאַרק פארלאנגט פון אים. זי האָט טאַקע גערעדט נאָר יידיש אָבער נישט געקענט לייענען, האָט ער פאַר איר פאָרגעלייענט די "צאינה וראינה" און דעם ראָמאַן פון דער יידישער צייטונג ווען דער טאַטע איז נישט געווען אין הויז. דאס איז געווען זיין איינציק לייענען יידיש ביזן אָנקומען קיין מערב קאנאדע, ווו ער האט זיך אויסגעלערנט אַ פאָלקסטימלעכן יידיש פון די קאָלאָניסטן מערסטנס רומענישע און ליטווישע יידן. דאָ האָט ער זיך ערשט אויסגעלערנט שרייבן יידיש און געקראָגן באַקאַנטשאַפט מיט דער נייער ליטעראַטור.

ביים ענדיקן "פּאָבליק סקול" מיט אַ סקאַלערשיפ אין "היי־סקול" און דערנאָך אַ סקאַלערשיפ פאַרן אוניווערסיטעט, איז כאָטש מ'האָט זיך שטאַרק געוויטיקט אַז ער זאָל אָנהייבן פאַרדינען עפּעס אַזוי ווי דער עלטערער ברודער האָט שוין טאקע צוגעהאָלפן אין דער פּרנסה, איז פאָרט באַשלאָסן געוואָרן אז ער זאַל ווייטער לערנען. ווען ער איז געקומען זיך רעגיסטרירן צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר יידישע יונגעלייט, אויך סקאַלערשיפ סטודענטן, קיין אַנדערע פון דעם סאָציאַלן גראַד, האָבן נישט געקענט אָנקומען אין אוניווערסיטעט, האָט דער רעגיסטראַר אים אַ פרעג געטאָן: "אוודאי מעדיצין, מר. ראָזנבערג?" ווען ער האָט אים געענטפערט אז נישט, ווייל ער האט מורא אז ער וועט נישט קענען פאַלמעסן..., האָט דער רעגיסטראַר נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן אַפּליקאַנטס נאָמען און מיט אַ

לייכטן שמייכל אַ זאָג געטאָן:״ אוודאי אַדוואָקאַטור? ביי זיין ווייטערדיקן ניין, זענען שוין דעם רעגיסטראַרס אויגן פול געווען מיט נייגעריקן וווּנדער. ווען ר׳האט דערהערט, אַז ער וויל גאָר אויפנעמען סאָציאַלע וויסנשאַפטן און געזעלשאַפט קענטעניש, איז ער גאָר געבליבן אַ געפּלעפּטער. ״ווייסט ער דען נישט ווי שווער דאָס וועט אים אָנקומען. ״איר מיינט עס טאַקע אויף אַן אמת, מר. ראָזנבערג? איר וועט דאָך דאָרט זיין דער איינציקער ייד, און כ׳מוז אייך ערלעך זאָגן, אַז ס׳וועט אייך זיין גאָר שווער, כמעט אוממעגלעך צו קריגן אַ פּאָסטן נאָכן ענדיקן.״ ס׳איז אָבער געבליבן סאָציאַלע וויסנשאַפטן, עקאָנאָמיקס און דעמאָגראַפיע צו וועלכער ער האָט אַ נייגונג.

מיט א שטיפערישן שמייכל און אַביסל אַטריבן טאָן בלייבט אויך שטיין לעבעדיק פאַר די אויגן דאָס בילד ווי טאַטע־מאַמע נעבעך צוזאַמען מיט די שכנים וועלכע זענען געקומען באַגריסן דעם קומענדיקן דאָקטאָר, זענען געבליבן שטיין צעטומלטע ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז קיין דאקטאר וועט ער נישט ווערן און קיין פּרנסה וואָס פאַרשאַפט אָנזען און כבוד דער משפּחה און דעם כלל־ישראל איז אויך נישט צו דערוואַרטן פון אים. ״נאָר וואָס קען מען דען טאָן מיט אַ דערוואַקסענעם בחור היינטיקע צייטן?...״

נאכן ענדיקן שטודירן מיט אויסצייכענונגען און לויב־ווערטער, איז דער דיפּלאָם, ווי דער רעגיסטראַר האָט פאָרויסגעזאָגט, געווען פאַרן איינציקן יידן אין דעם קלאַס בלויז אַ שיין פּאַפּירל וואָס עפנט נישט קיין שום טיר אויף צו קריגן פּרנסה. ברעכט פונקט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה און ווי אַן אַקאַדעמיקער דאַרף ער וואָלונטירן אין אָפיצירן־קאָרפּוס ווי אַלע זיינע קאָלעגן. עצהט אים דער רעקטאָר פון אוניווערסיטעט, אַז ער זאָל עס נישט טאָן, ווייל אַ ייד וועט מען נישט אָננעמען. ער פאָלגט אים אָבער נישט און דער ענטפער פונעם רעגיסטראַר פון די וואָלונטירן איז געווען גאַנץ קלאָר און נישט צוויי דייטיק: ״סאָרי, מר. ראָזנבערג, יו דו נאָט בעלאָנג טו איט״. געפינט פאַר אים דער פּראָפעסאָר אַ רעגירונג שטעלע אַלס לערער אין די יידישע קאָלאָניעס פון מערב־קאַנאַדע, און אַזוי איז ער אין 1915 אָנגעקומען אַהער און דא מיטגעוואַקסן מיטן לאַנד און יידישן ישוב. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער מיט דער הילף פון דער סאַסקעטשעוואַנער פּראָווינציעלער רעגירונג פאַרענדיקט אויך די אַגריקולטור שולע און איז אָנגעשטעלט געוואָרן פון דער ייק״א ווי דער דירעקטאָר פון די יידישע קאָלאָניעס. יאָרן שפּעטער אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די ייק״א האָט איבערגעריסן איר טעטיקייט, איז ער אַריבער צום קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס ווי דער דירעקטאר פון פּאָרש־אינסטיטוט ווו ער האָט מיט וויסן און גרויס מי

אָנגעזאַמלט און פאַרטייטשט די פאַקטן פון דעם אַנטוויקלונגס וועג פון היגן יידישן ישוב. אוודאי דאַרף נאָך דאָס קאַפּיטל פון זיין לעבנסוועג צוזאַמען מיט נאָך אַ צאָל גאַר וויכטיקע און אינטערעסאַנטע פּיאָנערן־טיפּן פון פאַרשידענע מדרגות, ערשט דערציילט און פאַרשריבן ווערן. אפשר וועס עס טאַקע ער אַליין טאָן, אָדער האָט שוין אויף זיין שטיל און באַשיידענעם אופן עס געטאָן און האַלט עס בסוד, אויב אבער נישט, זאָלן די פּאָר שטריכן וואָס איך האב דא געפרווט אָנצייכענען דינען ווי אַן אָנהייב און אַ באַרעכטיקונג פון מיין אמתן דערפרייען זיך מיט דער פאַרבעטונג וואָס איך האב לעצטן חודש יוני באַקומען צו קומען צו אַן אויפנאַמע וואָס ווערט אַראַנזשירט פון קאָנגרעס לכבוד דעם אַכציקסטן געבוירנטאַג פון ל. ראָזנבערג, דירעקטאָר עמעריטוס פונעם פאַרש־אינסטיטוט א. א. וו. אויב דער זיכרון נאַרט מיך נישט, איז עס דאָס איינציקע מאָל דאָ אין שטאָט ווען מ׳טיילט אים צו אַן עפנטלעכן כבוד. בלויז אין וויניפּעג איז, דאַכט זיך מיר, יאָ באַצייכנט געוואָרן זיין 75 יאָריקער געבוירנטאָג מיט אַן עפנטלעכן באַנקעט. דער טאָג פון דער אויפנאַמע איז אפילו געווען נישט צו קיין פּאַסיקער פאַר אַ צאָל פון די וואָס שעצן אים און ווילן קומען, ווייל ס׳איז פונקט דער טאָג פון סוף־יאָר פייערונגען פון די יידישע שולן, אָבער ס׳איז די גענויע דאַטע פון זיין געבוירן אויף נאָך לאַנגע יאָרן.

זיצן מיר ביים אָוונט וואָס איז יום־טובדיק צוגעגרייט געוואָרן מיט אַ פּראָגראַם פון פיינע רעדנער וואָס רעדן וועגן אים מיט באַציונג און טאָבע באַראָדיצקי, אַ פיינע זינגערין, אַ געוועזענע וויניפּעגערין, איצט אין טאָראָנטע זינגט פאָלקס לידער אין יידיש און העברעיש. אויך איינער פון די עלטסטע און אינטעליגענטסטע קאָנגרעס טוער פון טאָראָנטע איז ספּעציעל געקומען צו באַשיינען די שמחה. די לויב ווערטער פון די רעדנער ווערן וואַרעם אויפגענומען פונעם עולם וואָס האָט אנגעפילט דעם זאַל. איז אין מיר כסדר געוואַקסן דאָס דאַנק־געפיל צו די איינאָרדנער, וואָס האָבן ענדלעך געפונען די פּאַסיקע געלעגנהייט צוצוטיילן אים די פאַרדינטע אנערקענונג פאַר זיינע אויפטוען פאַרן היגן יידישן ישוב. עס זעט אויס ווי כמעט דאָס גאַנצע לאַנד באַטייליקט זיך. טאַקע אַביסל צו לאַנג געוואַרט אויף דעם, אָבער אַבי זיך דערוואַרט. פון דער וויטנס, האָב איך אין דער מחשבה זיך איבערגערעדט מיטן בעלהיובל וואָס איז מיט אַ האַלב ערנסטן שמייכל אויפן פּנים און עפּעס אַראָפּגעלאָזטע אַקסל געזעסן אויבנאָן און גערולדיק געוואַרט אויף זיין ריי. עס האט זיך מיר אויסגעוויזן אַז ער טוט אויך דאָס זעלבע און שאָקלט אָפּט צו מיטן קאָפּ צו עפּעס אַ שמועס וואָס ער פירט מיט עמיצן, וואס איך קען נישט זען, אָבער פּלוצים האָב איך באַמערקט, אַז ווען ער הייבט אויף די אויגן און טוט אַ שנעלן בליק אויפן עולם ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט, לייגט זיך אויס אויף זיין אָנגעשטרענגט

פנים אַ לייכט שפּאָטישע גרימאַסע און טוט אַ שאָקל צו מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט דערמיט באַשטעטיקט עפּעס וואָס ער ווייסט שוין לאַנג אַז עס וועט אַזוי זיין. איז מיר געוואָרן אַביסל טשיקאַווע דער עניין און כ׳האָב זיך גענומען ארומקוקן און געזען אַז צווישן עולם זיינען אַ חוץ אַ פּאָר געציילטע פון די אָנגעזעענע פירער פון דער קהילה קיינער נישטאָ. מן הסתם נישט גענוג וויכטיק פאר זיי. ״די שמחה דאַרף מען זיך אָבער נישט פאַרשטערן צוליב דעם״ — האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳לייען זיין אָנגעמען עס ווי עס איז־״ס׳איז דען אַ נייעס ביי אונדז. מ׳דאַרף זיין צופרידן מיט די וואס זענען דאָ״. און ס׳איז דאָ א פול געפּאַקטער זאַל און צו זיי האט ער גערעדט. אנגעהויבן אין ענגליש אין זיין לידזער פול מויליקן אַקצענט און באלד אַריבער אין אַ זאַפטיקן יידיש און מיט אַ לייכטן הומאָר דערציילט אַביסל וועגן זיך און זיין דור און אין פולן ערנסט וועגן דעם וואָס עס איז שוין געטאָן געוואָרן אויף דעם געביט מיט וועלכן ער איז געווען פאַרנומען אַ גאַנצן לעבן און מיט וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס איז געווען פאַרבונדן, און דער עיקר וואָס עס דאַרף ערשט און קען געטאָן ווערן ווען די פאַרשטענדעניש זאָל זיין דערפאַר. דער עולם האט שטאַרק הנאה געהאַט פון די פּאָר פיין געצייכנטע עפּיזאָדן וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט דורך וועלכע מ׳האָט געקראָגן אַ מין אַריינבליק אין דעם פּיאָנערן וועג פונעם דור וועלכער גייט אַוועק. מ׳איז דעריבער נישט פאַרמאַטערט געווען אויסצוהערן די לעצטע לויב־ווערטער און ברכות וואָס זענען אים נאָכדעם צוגעטראָגן געווארן און געדאַרפט צופירן צו דעם פייערלעכן קלימאַקס פון אויסדריקן אַנערקענונג פאַר אַ לעבנס לאַנגער דינסט צו דער קהילה. דער פייערלעכער מאָמענט איז געקומען, דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט און דער פאָטאָגראַפיסט האָט פאָטאָגראַפירט. כ׳מוז זיך אָבער מודה זיין אַז אין דעם מאָמענט, האָט אַן אומהיימלעכע באַטריבטקייט מיך גענומען נאָגן און שווערע מחשבות האָבן גענומען דריקן דאָס געמיט ״דאָס אלץ?!״ — ס׳האָט מיך אַזוי אויפגערודערט, אַז כ׳האָב זיך שיר נישט צעשריגן, ווען מ׳האט אים דערלאַנגט צוויי קופּערשטיכן מיט אַ פאַסיקער אויפשריפט. איינע א גרעסערע וואס וועט הענגען לזיכרון אין דער קאָנגרעס געביידע און אַ צווייטע אַ קלענערע, וועלכע ער וועט האַלטן ביי זיך אין הויז. פאַר די אויגן האָט זיך מיר געשטעלט אַ בילד וואָס וועט ערשט מיט אַ שעה צוויי שפּעטער געבוירן ווערן, ווען דער בעל־היובל וועט צוזאַמען מיט זיין פרוי קומען אַהיים צו זיך און וועט נעמען אַוועקלייגן דעם אַנערקענונג־טאָוול אין דער שראַנק ווו עס ליגן זיינע נישט פאַרעפנטלעכע פאַרשונגען פון די לעצטע יאָרן וועגן יידישן ישוב אין קאַנאַדע, וועלכע וואַרטו שוין גאַנץ לאנג צו זען די ליכטיקע שיין. די לאַנגע ווייסע בלעטער גערדיכט באַשריבן שאָרשען מיט אַ שטילן צאַפּל פונעם באַריר אין דער שפּעטער שעה:״ נו,

איצט איז נאָך אויך נישט געקומען די צייט פאַר אונדז? פאַלט דאָס קופערנע טאָוועלע אַ מידס צו צו די אומגעדולדיקע בלעטער און גיט זיי אויף שטום לשון צו פארשטיין:" איר האָט געדאַרפט הערן די שיינע רייד... נאר ווער האט עס גערודלד היינטיקע צייטן פאַר אזעלכע זאַכן אַרויסצוברענגען אין דרוק? און ווער האט עס געלט!? ווע‏מען ליגט עס דען איז זינען?! לאָזט מיך, כ׳בעט אייך, זיך צושפּאַרן לעבן אייך ווי אַן עדות ביז־־־

... און ביז דאַן ביז ס׳וועט אָנהייבן קומען אויפן זינען ביז מ׳וועט ביי אונדז אָנהייבן פאַרשטיין די אמתע טייטש פון "זו תורה וזו שכרה", פון דעם ווערט פון שאַפערישן מענטשן און זיין שאַפן, זאָלן אים ווויל באַקומען די פאַרדינטע לויבן און די האַרציקע ברכות צו אים און זיין ליבער לעבנס־באַגלייטערין אויף נאָך לאנגע יאָרן מיט געזונט און שאַפערישן כוח.

(1973)

מלך ראַוויטש

(צום גרייכן דאָס יאָר פֿון גבורות)

עס וואָלט אוודאי געווען זייער רעכט און גאָר א גרויסער אויפֿטו פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור, ווען צום אכציקסטן געבוירן־יאָר פֿון מלך ראַוויטש, זאָל דערשיינען אַן אַרומנעמענדיקע אַרבעט וועלכע זאָל אויפֿשטעלן דעם לעבנסוועג און באַנעם פֿון דעם בעל־היובלס „פֿיר זייטן פֿון מיין וועלט". זענען מיר דאָך אָבער נאָך נישט גרייט פֿאַר דעם און די צייט איז אזא ווי זי איז, אַז ס'איז אפילו שווער צו טראַכטן דערפֿון, ווילן מיר דאָ אין ממש געציילטע ווערטער פּרוּוון צוטראָגן אַ פּאָר באַמערקונגען, וואָס זאָלן דינען אי ווי אַ שפּליטער פֿון אַן אַריינבליק אין זיין וועלט־באַנעם און אי ווי אַ באַשיידענעם ברוכטייל פֿונם דאַנק און פֿאַרערונג וואָס מיר האָבן פֿאַר אים און זיין שאַפֿן.

צו דער שוועל פֿון זיינע גבורות־יאָרן, קומט מלך ראַוויטש מיט א פֿול מעסטל פֿון אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן און אייגנאַרטיקן שאַפֿן און ווירקן וואָס גיט אים אַ צענטער־אָרט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אין די איבער זעכציק יאָר פֿון זיין זוכן צו דערגרונטעוועןען זיך צום סאַמע תּוך פֿונעם סוד פֿון מענטשלעכן זיין אויף דער וועלט און דעם זין פֿון יידישן גורל אין דעם, האָט ער זיך באַנוצט מיט די פֿאַרשידנסטע פֿאָרמען פֿון וואָרט־אויסדרוק ווי אַ פּאָעט, עסעיסט, דראַמאַטורג, דערציילער, זשורנאַליסט און פּאַמפֿלעטיסט, און בעיקר — אַלעמאָל געזען זיך אַליין ווי אַ מיטפֿאַראַנטוואָרטלעכער באַטייליקטער אין דעם וואָס עס טוט זיך אַרום אים אָפֿן רעאַליסטיש, אַזוי צו זאָגן, און נאָך מער אין דעם פֿאַרבאָרגענעם וואָס יעדער דור און יעדער שפּירעוודיקער יחיד אין זיין צייט דאַרף זוכן און העלפֿן אַנטפּלעקט צו ווערן כדי נישט פֿאַרלוירן צו ווערן אין דעם כאַאָטיש סתירהדיקן „איינגעשטעלטן" סדר העולם. דאָס פֿירט אים אויך צו נישט קענען באַנוגענען זיך בלויז מיט דעם פּאָעטישן געדאַנק און געפֿילן אויסדרוק, נאָר „האָרעוועט אויך אויף זיך אַליין, אויף דער אייגענער פּערזענלעכקייט", ווי עס ווערט גערופֿן אין דעם מוסר און חסידות דרך. זיין אייגן פּערזענלעך לעבן דאַרף ווערן אַן אויסדרוק פֿון דעם וואָס ער זוכט און טראַכט און ער געפֿינט אין דעם פֿילאָזאָפֿישן באַנעם פֿון בעלי־מידות אין פֿאַרשיידענע צייטן, און דער עיקר ביי דעם פֿאַרהערלעכטן ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער ווערט זיין לעבנס לענגלעכער וועגווייזער. פֿון זיין וואַנדער איבער דער וועלט אין משך פֿון יאָרן, ברענגט ער אַרויס נישט נאָר פּאָעטישע זעאונגען און געשטאַלטיקונגען, צוזאַמען מיט ביטערע מחשבות

וועגן מענטשלעכן גערעאַנגל פאַר זיין עקזיסטענץ, נאָר אומעטום ווו ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע העלפט ער בויען יידישע שולן, פאָלקס־אוניווערזיטעטן און קולטור־אינסטיטוציעס, און ווערט פון זיך אַליין ממש דער צענטראַלער אַדרעס פון דעם יידישן שרייבער און קינסטלער פון אַלע עקן וועלט. טלאָמאַצקע 13 פאָרט מיט אים מיט אין אלע וואַנדערונגען. און ס׳איז אַן אַדרעס נישט בלויז אויף אָפּצורעדן זיך פון האַרצן, נאָר ממש אַן אויסדערוויילטער פאַרשטייער פון וועמען מ׳דערוואַרט און מ׳פאַר־לאַנגט, און מען קריגט טאַקע גייסטיקע און מאַטעריעלע הילף אין אַן עת צרה. צו דעם קען מען אויך צורעכענען זיין פילן זיך פאַראַנטוואַרטלעך פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור און נעמט זיך אַוועקשטעלן אַן אייגענעם מאָנומענט (מיין לעקסיקאָן) וואס זאל פאַרהיטן פון פאַרגעסנ־קייט די הונדערטער יידישע שרייבער און קינסטלער וואָס ער האָט באַגעגנט אין זיינע מיט מעשים אָנגעפילטע טעג. דערפון אויך זיין גרויסע זאָרג און חלומען, אַז די תקופה פון מאָדערנעם יידישן שאַפן זאָל פאַרהיטן ווערן לדורות דורך אַ מין ״ספר הספרים״. דערביי האָט ער זיך נישט צוריקגעצויגן פון דערמאָנען און נאָך אַמאָל דערמאָנען עס אפילו ווען ר׳איז באַגעגנט געוואָרן מיט שטאַרקער סקעפּטיק, און נישט דערשראָקן זיך פאַר די אָפּלאַכער.

פרעגט נישט ווי אַזוי ער האָט עס געקאָנט און באוויזן צו טאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן, דאס איז א דירעקטער פּועל־יוצא פונעם שטרעבן און גלויבן אין טאָן, פון גלויבן אין אַריינמישן זיך און זען אַז דאָס וואָרט, די מחשבה זאל ווערן טאַט. פון דאַנען קומט אויך די אויסגעהאָרעוועטע אייגענע באַשיידענע לעבנס־פירונג און די וואַרעמע מענטשלעכע שפירעוודיקייט צו מענטשן. ווירקט דאָס אָפּ אויף די וואָס געפינען זיך אין זיין סביבה, און — וואָרט ווערט טאַקע זייער אָפּט דערהויבענע מענטשלעכע טאַט. אַזוי האָט אים געלערנט זיין גאַנג צו מענטשן און דאָס האָט ער אויסגעהאָרעוועט פאַר זיך זייענדיק איבערגענומען און פאַרציטערט ביים אַריינבליקן אין דער אַנגסטיק שווערער אימה פון דער ״קאָסמישער פאַבריק פון שאַפן און פאַרדאַרבן״ (ווי ער רופט עס).

אין דער הקדמה צו זיין לעצטן בוך לידער ״עיקר שכחתי״ זאגט ער: מער ווי וועלכע עס איז פּאָעטן פון אַלע וועלטס לשונות פון דעם מין מענטש, — זוכן די יידישע פּאָעטן גאָט. זיי זוכן אים אין די צוויי אַטריבוטן פון אייביקן בויען און אייביקן צעשטערן. זיי זוכן די אַנטפּלעקונג פון גאָטס סוד, — און געפינען האָבן זיי דעם אַטאָמישן צעשטערונגס כוח. ווי ביטער און קאסמיש טראגיש ! געזוכט גאָט — און געפונען דעם אַשמדי״. אינעם דאָזיקן פּעסימיסטישן קוק געפינט ער אָבער אויך ״דעם רעלאַטיוון אַטריבוט

פֿון בויען" און אַנקערט זײַן צעשטורעמט געמיט אין דעם. דאָס שליחות פֿון מענטש אויף דער ערד, דאָס שליחות פֿונם ייִד אין דער וועלט, איז בויען.

"און אַז מיר ברעכן די
שוואַרצע חתימות אויף
פֿון טויט,
געפֿינען מיר דאָרט
פֿיר אותיות פֿון אַן
איינציקן וואָרט:
בויט — "

(פֿון אַ וואָרט אויף אַן אסיפֿה פֿון שרײַבער בײַ ייִדן).

דער דאזיקער אַטריבוט גייט דורך זײַן גאַנץ שאַפֿן פֿון דעם פֿאַרנעפּלטן אָנהייב אין "רואינען גראָז" און "אויפֿן שוועל" ביז דעם פֿאַרטיפֿט שאַרפֿן "עיקר שכחתי".

זײַן ליד אין די פֿאַרשיידנסטע פֿאָרמען און פֿון די פֿאַרשיידנסטע צײַטן וויל אַלעמאָל עפּעס זאָגן און אַרויסזאָגן, פּונקט ווי זײַנע עסייען און דראַמעס ווילן כּסדר אָנווײַזן וואָס מיר האָבן פֿאַרפֿעלט צו טאָן און וואָס סע דאַרף געטאָן ווערן. דאָס דערקלערט זײַן פּשוטקייט און זײַן דירעקטקייט פֿון וואָרט, כאָטש נישט אַלעמאָל דערשלאָגט ער זיך צו דער אמתער פּשטות צו וועלכער ער שטרעבט. ראַוויטשעס אַ ליד, איז נישט נאָר כּדי אויסצודריקן אַ מאָמענטאַנעם געפֿיל, אַן איבערלעבונג, נאָר עס דאַרף זאָגן וואָס אים דריקט און פּעלט אין דער מענטש געשטאַלט, אינעם גאָט־גלויבן. אין דעם אופֿן ווי ער ברענגט עס אַרויס, גייט ער ממש אין די פֿוסטריט פֿון דער טראַדיציע וואָס דער תּנ"ך האָט אײַנגעשטעלט בײַ אונדז, און איז גלייכצײַטיק דער מאָדערנער טרובאַדור צו וועמען דאָס וואָרט איז געגעבן געוואָרן נאָר כּדי צו קענען עפּעס זאָגן אויפֿן פּשוטסטן און שאַרפֿסטן אופֿן. ער ברענגט אַרויס דאָס געפֿיל דורך פֿרעגן אַ קשיא און זוכן אַן ענטפֿער, און אַז מ'געפֿינט פֿאָרט נישט דעם ענטפֿער — דאַרף מען ווײַטער זוכן און נישט מיד ווערן פֿון זאָגן.

אין זײַנע אָנהייב און מיטעלע שאַפֿונגס יאָרן, איז ראַוויטש געווען פֿאַררעכנט בײַ אַ סך, און מ'קען אויך זאָגן ביז אַ געוויסער מאָס אויך בײַ זיך אַליין, ווי אַן אַרומטערײַסער, אַ גאָט לעסטערער, וועלכער פֿאַרכלינעט זיך מיט אַ להכעיס דערווידער, מיט נאַקעטקייט, מיט פּרעהיסטאָרישער פּרימיטיוויקייט, ווי עס פּאַסט פֿאַר איינעם פֿון דער באַרימטער "כאַליאַסטרע". דער מענטש איז דער צו וועמען מ'דינט אָן שום באַוואָרענישן און אויף וועמען מ'לייגט אַלע האָפֿענונגען. די רעוואָלוציע וואָס ער וועט דורכפֿירן אויף דער ערד אונטער די אויסגעליידיקטע הימלען,

וועט עס אויסגלייכן אַלע קרומקייטן און אפילו געפינען דעם ריכטיקן ענטפער פאַרן טראַגישן גורל פון יידן אין דער וועלט. אין יענע צעשויבערטע טעג וואָס זיינען געווען פול מיט נאַאיוון ערלעכן גלויבן אין מענטש און זיין "פרייהייט געניוס" אין ווען נאָמען ער פּראָוועט זיין צעברויזטן דערווידער, שטורעמט ארויס פון אים דאס געשאַל פון דער צייט:

"האַלב נאַקעטער געניוס, — איצט גאַנץ הייליק דערקענט,
מיר פּאָלגן נאָך דיינע שריט, זע — מיר קושן דיינע דין־מאָגערע הענט,
פיר אונדז צו פרייהייט, פיר אונדז — קינד, אין שאַרפן פרילינגס־ווינט".

אָבער אפילו דאַן, ווען ער באַפעלט ממש דעם "פרייהייט געניוס" צו וואַרפן די "צינד־פאַקלען אין דער גאַנצער שטאָט אַריין און אין דער גאַנצער וועלט אריין" כדי צו פאַרברענען איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם נעבטנס "ווונד און וויי", — איז אים שווער און צוגעלייגט דאס געמיט און ער זוכט טרייסט און אָנהאַלט ביי דער מאַמע ערד:

"מיין קול איז הייזעריק, מיינע אויגן רויטע פון געשריי.
גיב מיר א קבר פאר מיינע טויטע
פון היינט און אלע מיינע יאָרן..."

("מאמע ערד", נאקעטע לידער)

דאָס וויַיטערדיקע האָט אבער באַוויזן, אַז ער בלייבט אַ טרייסט־לאָזער און א צום טויט דערשראָקענערביים דערזען דאָס "בלוט אויף דער פאַן" וואָס פאַרמערט נאָך מער היינטיקן "ווונד און וויי" צו דעם נעכטיקן. דאָ קומט די גרויסע פאַרטיפונג און שווערער געראַנגל מיט זיך וואָס גליעט אויס דאָס "אויסהאָרעווען" פאַר זיך אַ לעבנספּיר און לעבנס־באַנעם וועגן דער שליחות פון מענטשן און גורל פון יידן אויף דער וועלט.

אַ טיפער אַריינטראַכטן זיך אין זיין שאַפן, פירט דערפאַר צום באַנעמען אַז סיי זיין שטורעמען און אַראָפּרייסן אַלע שלייערן און שלײַדערן זיי אויפן ווינט מיט אַ בראַוואַדע פון אומגלויבן און דערווידער לעסטערונג, און סיי זיין אַנגסטיקער פּעסימיזם פון די לידער אין "עיקר שכחתי", קומען זיך צונויף אין איין שטאָלפּעדיקן גאַנג צו דער אמונה אין שליחות פון מענטש און שליחות פון ייד. אַ טראַגישע שליחות וואָס שטייט כסדר אונטערן שאָטן און גרעלן שיין פון א גרויסן סוד, וואס איז נאך דערווייל נישט אַנטפּלעקט, אבער אָן דעם שאָטן־שיין פון אמונה, קען מען דאָך אפילו קיין איין מינוט פון טאָג נישט איבערלעבן, מוז מען לויט ראַוויטשן אין אַ ליד אין "עיקר שכחתי" זאָגן צו זיך מיט אַ שבועה אַזוי:

"אזוי ווי די וועלט איז דערגאַנגען — זאל דיין שבועה זאגן —
האט זי ווייטער מער קיין וועג נישט —
דארף מען אנהייבן אַ נייעם בראשית".

און א נייער בראשית קאָן דאָך נישט זיין אָן אַ נייעם גלויבן אין דער שליחות פון מענטש. ווינטשן מיר אים טאַקע נאָך אַ סך יאָרן פון ווייטערדיקן שאַפֿן און דורכפירן זיין אייגענע מענטשלעכע שליחות.

(1973)

אַן אָנוווּנק בלויז אויף ראַוויטשעס דרך

(געלייענט אויף דער מסיבה ביי די לערמערס אין הויז ביי דער טראַדיציאָנעלער יאָר־יערלעכער באַצייכענונג פון ראַוויטשעס געבוירנטאָג — פרייטיק, נאָוו. 21טן, 1975)

פונעם כמעט תפילה זכה׳דיקן טרויער אינעם אָנהייב זיינעם, אין בוך ״אויף דער שוועל״, אַריבערן באַטריבטן ציטער פון די יוגנטלעכע טרוימען פון ״רואינען גראָז״ און באַלד דערנאָך צום אַפּאָקאַליפּטישן ברויז און שטורעם פון די ״נאַקעטע לידער״, פּרע היסטאָרישע לאַנדשאַפטן״, און אַריבער די ווייטע האָריזאָנטן פון ״קאָנטינענטן און אָקעאַנען״ און אַ ריי אַנדערע זאַמלונגען פון ראַוויטשעס לידער און מחשבות, ביז ״עיקר שכחתי״ — שטעלט זיך אויף אַ קאָמפּליצירט כסדרדיקער אויפשפּיל פון קעגנזאַצן און דערווידערן. בלויז אין זיין באַזאַכט און סטאָאיש רואיקן אַרומשפּאַצירן אין דער גאָר אָפּט ניט גאַנץ רואיקער לאַנדשאַפט פון זיין ״מעשה בוך פון מיין לעבן״, איז אַלץ אַזוי קלאָר און כ׳וואָלט געזאָגט מייסטעריש קלוג און געלאַסן באַרעכנט. ממש אַ פליסנדיק שטיל וואַסערל מיט אַ קרישטאָלענער לויטערקייט, באַ׳חנ׳ט מיט אַ מילדן פאַרגעבנדיקן שמייכל פון אַ דין זיידענעם הומאָר.

פון אויבן אויף איז עס אַ זיגזאַגישער ווידעראַנאַנד, אַ נישט באַ האָפטנקייט פון מאָטיוון, אַ מין צעטומלטער קאָמפּאַס, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן. קוקסטו אָבער טיפער אַריין, דערשפּירסטו און באַנעמסט אַ קאָנסעקווענט פרעגן און אָפּפרעגן. אינעם אויפשפּיל פון די קעגנזאַצן איז פאַראַן אַ שטורמיש לעכצן צו געפינען כאָטש אַן אָנבליק פון אַ סינטעז, אַ פּיצל גלייכגעוויכט צווישן יאוש און האָפענונג באַגלייט פון ממש אַן אומגלויבלעכן גלויבן און פאַרליבטקייט אינעם ״גרויסן אוניווערס״, ווי ער רופט עס, און ״פּיצינקן ערדישן שטויבעלע״. ער איז צוגלייך דער גרויסער באַוווּנדערער און דער ביטערער לעסטערער, שאַרפער אפיקורס און דער פאַרבליפטער פון דער שיינקייט און טיפער פּאָעטישקייט פון רעליגיעזן אויסדרוק דורך תפילה. אַ טויט דערשראָקענער פון דער רשעות פון מענטש און גלייכצייטיק הענגט ער אָן אויף אים די לעצטע האָפענונג און קלאַמערט זיך מיט אַלע כוחות אין זיין רחמימדיקע גוטסקייט... איז איבערגענומען און פאַרציטערט פון דעם מענטשנס צעשטערן זיך אַליין און זיין וועלט, וואָס גאָט אַליין און אַלע נאָך רו לעכצנדיקע לייט זאָגן אַז זי איז גוט און שיין, קוויקט ער זיך אפילו אין דער שוואַרצסטער נאַכט פון פאַרצווייפל מיט דער מיסטישער טרוים־וויזיע אַז אַ שטערן פינקלט פאַרט ערגעץ אין דער פאַרהוילנקייט. און כאָטש פון אַלע זיינע לידער און עסייען גייט אויף דער

צאַפּל פון כסדר׳דיקן פרעגן, אָפּט דערווידערדיקן אָפּפרעגן און ביטערע טענה, איז זיין גאַנצע פערזענלעכע התנהגות מיט מענטשן אָפּגעהיט מיט אַ דערהויבענעם מאָראַלישן אָפּגערונדיקטן קאָדעקס וואָס דאָס טאָר מען ניט אָפּפרעגן.

דאָס ברויט און זאַלץ פון זיין טאָג־טעגלעכן אַרבעט־גאַנג, איז ניט דורך פרעגן־אָפּפרעגן, נאָר דורך טוען און העלפן, צולייגן אַ היילנדיקע האַנט צום ליידנדיקן מענטש און אַ וועלט מיט רחמים. ער נעמט אַ ביישפּיל פונעם רעגן. אין זיין ליד ״אַ רגע״, דערציילט ער אונדז אַז ער האָט אין אַ רגע אַזאַ דערזען, ווי אין דער צייט וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט פרעגן״, האָט דערווייל דער רעגן גערעגנט און עס וואַקסט דערפון און שפּראָצט אויף ניי לעבן...

זאָל דאָס זיין דער ענטפער צו דער מעדיטאַציע זיינער, וואָס איז אַ מין מועט המחזיק את המרובה (געדרוקט אין ״קענעדער אָדלער״ פון נאָוו 14 ה. י.) ״ביי קיין וועלט האַלטן מיר שוין, אָבער ווו איז די גרויסע, די ליכטיקע איין־וועלט ?״

אינעם פרעגן אַליין, איז דאַכט מיר, פאַרבאָרגן דער הינטער־טאָן פון גלויבן, אַז ערגעצווו איז פאַרהוילן אַזאַ וועלט וואָס דאַרף זיך ערשט אַנטפּלעקן.

לאָמיר זשע אים ווינטשן אינעם מיטן שפּאַן אין די גבורות, אַז זיין פּאָעטיש מענטשלעכע אויג זאָל נאָך זוכה זיין צו דערבליקן עס בפועל־ממש.

דער שעפערישער דרך פון י. י. שוואַרץ

(1971 — 1885)

פון אַ קליין יידיש שטעטל אין דער ליטע איז ער אָנהייב פון הײנטיקן יאָרהונדערט פאַרטראָגן געוואָרן אַהער אינעם געווירבל פון דער פריי־אָפענער אַמעריקאַנער גרויסשטאָטישקייט. ווי פאַר אַ סך פון זיין דור, האָט דאָס אָנקומען אַהער באַדייט נישט בלויז צו ראַטעווען זיך פון אַ לאַנד פון אויסזיכטלאָזער נויט און רעכטלאָזיקייט, נאָר אויך אָנצוקומען אין אַ נייער אומבאַקאַנטער וועלט מיט אַ פרייעם אָנציענדיק ליכטיקן האָריזאָנט אָן גרענעצן. דאָס אַריינפאַסן זיך אין דער נייער וועלט, איז נישט נאָר אַ פערזענלעך עקאָנאָמישער פּראָבלעם פון עקסיסטענץ, נאָר אויך אַ סאָציאַל גייסטיקער נאַציאָנאַלער אַרויסרוף מיט פיינלעכע דילעמעס, וועלכע ס'איז ווייטיקלעך שווער בייצוקומען אָן אַ ביטערן געראַנגל. באַזונדערס שווער איז עס פאַר אַ סענסיטיוון שעפערישן מענטש, וועלכער טראָגט אין זיכרון און אין האַרץ דעם ליכטיקן שיין פון דער פאַרלאָזענער היים, אין וועלכער דורות האָבן זיך געוואָרעמט און איבערגעטראָגן אַלע דרויסנדיקע שטורעמס. ערשט אין דער פרעמדער־ווייט דערשפירט מען, אַז די דורותדיקע היים, וואָס ערשט אָט האָט זיך געדאַכט, אַז זי פּענטעט דיך בלויז מיט איר ענגקייט און באַגרענעצטקייט, און דאָס וועלן זיך אַרויסרייסן איז געוואָרן ממש דער העכסטער אידעאַל, זעט גאָר אויס נאָכן רעאַלן דערווייטערן זיך פון איר ווי דער פאַרלאָרענער גן־עדן, צו וועלכן דאָס האַרץ גייט אויס פון בענקשאַפט. ווי אַן עלנטע טויב וואָרקעט זי אין געמיט און זוכט אַן אָרט פאַר זיך אין דער נייער וואָר.

עפּעס פון דער איבערלעבונג זעען מיר אין די לידער פון י. י. שוואַרץ אין די ערשטע יאָרן דאָ:

מיר האָבן זיך פון אונדזער אַלטער היים געשיידט, —
אַ שטורעם ווינט האָט אונדז אַהער פון ווייט פאַרוויט,
ס'האָט איינער ווו אַן אַלטע מאַמען דאָרט געלאָזן
און איינער האָט אַ טאַטנס קבר צווישן גראָזן.

...און אָפּגעריסן ווי אַ צווייג פון אַלטן בוים,
גענומען האָבן מיר זיך בויען אונדזער נייע היים;
דער אַלטער שטאַם איז דאָרט, דאָס האַרץ פאַרשניטן,
דער גרויסער, ברייטער ים — אוקינוס אינדערמיטן.

(צעשיידונג)

פון דער רבנישער היים, האָט ער מיטגעבראַכט אַ טיפן יידישן וויסן צוזאַמען מיט אַ נאָגנדיקן טרויער און ציטער אויף דעם טאַטנס באַזאָרגטקייט (וואָס איז שוין איצט אויך זיינע) ביים געזעגענען זיך, אַז ער זאָל חלילה נישט פאַרבלענדט ווערן פונעם גלאַנץ פון דער פרייער פרעמד און פאַרגעסן "אונדזער גאַנג איבער דער וועלט". דאָס געפיל אַז

"איבער מיר האָבן דורות געוויינט"
..."מיין קינד, זיי אַ ייד,
זאָל דיין טאַטנס ירושה און לייד
אין דיין האַרצן טיף ווערן געהיט." (אַ ירושה)

האָט אים כסדר באגלייט אין זיין שאַפן.

אָנקומענדיק אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט, איז ער ווי אַ סך פון זיין דור צעטומלט, דערשראָקן געוואָרן פון דער פרעמדער רוישיקייט פון דער גרויסער שטאָט, און דערשטוינט און פאַרבליפט געוואָרן פון דער אָן־ענדלעכער ריזיקער נאַטור וועלכע פאַרהוילט און אַנטפּלעקט גאָר אַן אַנדערע מעשה בראשית און פעלקער־גורל. דער גרעאַנגל פאַרן פערזענלעכן קיום און איינהיימישן זיך דאָ, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם פחד — געפיל און ציטער פאַרן פראָצעס פון ניוועלירונג פון דעם ירושה — שטייגער וואָס קען זיך דאָ קיין אָרט נישט געפינען. ס'איז אים אַלץ פרעמד דאָ און ער בלאָנקעט אַרום אַן איינזאַמער, באַהערשט פון אַ געפיל פון פאַרלאָרנקייט. דאָס דאָזיקע איבערלעבן, זוכט דעם קינסטלערישן תיקון אין דעם ליריש־עלעגישן ליד זיינעם אין וועלכן ער איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין יענע אָנהייב יאָרן.

"...וואָס איז באַשערט אונדז אָט דאָ, אין סמבטיון פון לעבן —
קענסטו דעם ענטפער צום דאָזיקן רעטעניש געבן?
וואָס האָט מיין גאָט אונדז באַשטימט און וואָס וועט ער באַווייזן,
קען דען זיין וואָרט אַרויסשפּראָצן פון שטיין און פון אייזן?
וועלן מיר איינער דעם צווייטן אין טומל פאַרלירן?"
(אַ רעטעניש)

אין די לידער פון יענעם פעריאָד, קומט ביי אים דער עיקר צום אויסדרוק די שרעק פאַרן פאַרלירן זיך אין געטומל פון דער נייער פרעמד, ווי אַ סך אַזעלכע ווי ער בלאָנקעט ער דאָ אַרום אַ פאַרביטערטער אויף די פרעמדע וועגן, באַהערשט פון אַ דערדריקנדיקן פחד, אַז די נייע פרעמד איז נישט קיין נייער אָנהייב נאָר אַ סוף פון דעם וואָס איז געווען.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען ער וועט אין זיכרון צוריקבליקן צו אָט דער צייט, וועט ער קלאָרער דערזען דעם אמת הערגאַישן גרעאַנגל פאַר

דערהאַלטונג וואָס איז דאָ אָנגעגאַנגען. און ער וועט קינסטלעריש געשטאַלטיקן די מאָמענטן פון גרויס מענטשלעכקייט און משפּחהדיק יידישע אחריות וואָס די צעדריבלטע עדה עמיגראַנטן האָט אַרויסגעוויזן אין די אָנהייב־יאָרן אין דער נייער פרעמד. איצט אָבער זעט ער בלויז אַ רווישנדיקן סמבטיון און אַ געטומל צווישן שטיין און אייזן וועלכער ויזועלירט און פאַרשטורעמט אַלץ וואָס האָט אַמאָל געגערט די יידישע נשמה. אויך דאָס דערוויסן זיך, וואָס עס איז געוואָרן פון די סאַמע ערשטע יידישע משפּחות פון גלות ספרד, וועלכע זיינען אַנטרונען אַהער מיט יאָרהונדערטער צוריק, פאַרשטאַרקט אין אים דעם דאָזיקן פּחד געפיל. ווען ער קומט אויף די שפּורן פון די ערשטע איינוואַנדערער אויפן אַלטן פאַרוואָרלאָזטן בית־עולם, שוידערט ער אויף:

"... ס'איז מיך אַ געטלעכע מורא באַפאַלן —
...עס האָט מיך דער אייביקער צער אָנגענומען —
ס'איז אַלץ, ווי אין נעפל, געוואָרן פאַרשוווּמען.
פון יעדער מצבה וואָס ליגט אין איר דרימל,
אַ קול האָט געריסן זיך ביז צו דעם הימל.
... עס וואַקסט נישט קיין גרעזל, עס בליט נישט קיין בוימל
אין אייביקן ברויזיקן ווילדן געטומל...

(אַ בית־עולם אויף טשעטעם־סקווער)

אָט די מורא און אייביקער צער האָבן כסדר געזוכט אַן אויסדרוק אין זיין קינסטלערישן שאַפן. זוכנדיק אַן ענטפער אויף דעם רעטעניש, האָט ער נישט געקענט מער נוצן בלויז דאָס ליריש־עלעגישע ליד, ער האָט געמוזט אַרויפגיין אויף דעם היסטאָרישן וועג פון "אונדזער גאַנג איבער דער וועלט" און דאָס האָט פאַרלאַנגט אַ נייע פאָרעם, וועלכע זאָל געבן אַ תיקון צו דעם וואָס ער זוכט אַרויסצוברענגען און אויסדריקן.

אין יענער צייט זעען מיר אים גיין מיט "די יונגע", וועלכע האָבן דאָס יחידיש לירישע ליד געמאַכט פאַרן הויפּט אַני־מאַמין פון זייער קינסטלערישער קרעדאָ. ער קען זיך אָבער נישט אידענטיפיצירן מיט דעם קרעדאָ. דער עיקר איז ער ווייט פון זייער וועלן זיך דערווייטערן פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון. זיין נאָענטקייט מיט "די יונגע" איז דעריבער אין תוך בלויז אַ פאָרמעלע. אַגב דורך אַ טיפערן אַריינבליק אין דעם שאַפן פון "די יונגע", קען מען באַווייזן אַז אַפילו די פון זיי וועלכע האָבן אין רוב געשטאַמט פון איין מיליע און געטראָגן אין זיך דעם אַראָמאַט גוס געפורעמט און זייערע קינסטלערישע וועגן האָבן זיך פאַרשיידנאַרטיק געשטאַלטיקט. בכלל קען מען ביי אמתע קינסטלער מער ווי פון אַ נאָענטקייט נישט רעדן.

די נאָענטקייט זייערע איז באַשטאַנען דער עיקר אין דעם וואָס זיי האָבן אין רוב געשטאַמט פון איין מיליע און געטראָגן אין זיך דעם אַראָמאַט פון מזרח־אייראָפּעישער לאַנדשאַפט און דעם ווייטיקדיקן ביטער־זיסן אָטעם פון דער יידישער היים אויפן שוועל פון איבערברוך און פאַרגיין. פאַרוואָס ביי איניקע פון זיי האָט עס אָנגעהויבן צו קומען צום אויסדרוק אין זייער שאַפן פריער און ביי איניקע שפּעטער איז געבליבן כמעט נישט אָנזעעוודיק, וואָלט באַדאַרפט גרינטלעכער אויסגעפאָרשט ווערן. דערווייל איז עס פון די מדרש־פּליאהס, פון די נישט קלאָרע און באַהאַלטענע זיגזאַג־וועגן פון קינסטלערישן אויסדריקן זיך.

ווי געזאָגט אויבן, האָט י. י. שוואַרץ זיך גלייך פון אָנהייב אויסגעטיילט מיטן זוכן דעם באַשייד פאַר דעם "רעטעניש" פונעם יידישן שאַפן און לעבן אין די פרעמדן, וואָס ווערן היים אויף לענגערע און קירצערע אָפּשניטן. דאָס האָט כסדר גענערט דעם קינסטלערישן נייגער צו אַנטפּלעקן דעם פאַרבינד־שנור פונעם "דורותדיקן אייביקן גאַנג אין דער וועלט". אויך זיינע מייסטערהאַפטע איבערזעצונגען פון פאַרשיידענע תקופות, האָבן אַ חוץ דעם באַרייכערן די נייע יידישע ליטעראַטור און וווּנדערלעכן שלייפן דאָס פּאָעטישע יידיש־לשון, דער עיקר אויך קינסטלעריש אָנגעוווּנקען אי אויף דער איבערצייטיקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט פון יידישן שאַפן און אי אויף דער אינערלעכער געבונדנקייט פון איין תקופה מיט דער אַנדערער.

אויך דאָס עפּישע שילדערן און געבן אַ קינסטלערישן תיקון צו דער נייער לאַנדשאַפט און מיליע אין "קענטאַקי" איז אַ פאַרמעסט אויפצונעמען דאָס פּראָבלעם פון פאַרהיימישן די נייע פרעמד דורכן דורותדיקן יידישן גאַנג, וואָס האָט שוין נישט איין מאָל דורכגעמאַכט דעם וואַנדער־וועג פון לאַנד צו לאַנד און אומעטום געדאַרפט אָנהייבן פאַרהיימישן די פרעמד כדי בייצוקומען די געפאַר פון אויפגעלייזט צו ווערן אין דער נייער סביבה. דורכן דערזען דעם איצטיקן יידישן וואַנדערער אינעם שיין פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג, איז ער קינסטלעריש וואַך געוואָרן צום קלאַנג און געשמאַק פון נייעם לאַנד און דערפילט דעם פרישן ריח פון היים, דערשפּירט די ווייטיקלעכע געבורט־ווייען פון נייעם פאַרוואָרצלען זיך. "קענטאַקי" איז דעריבער אַן אַנטפּלעקונג פון אַ גרויס מייסטעריש עפּיש ווערק וואָס האָט אי דעם דיכטער, אי די יונגע יידישע ליטעראַטור אַריינגעשטעלט און פאַרבונדן מיט אונדזער אייביקן יידישן גאַנג צום פאַרהיימישן זיך אין דער פרעמד.

אַ טיפערער אַריינבליק אין יידישן שאַפן ווייזט, אַז דער יידישער מענטש האָט אין יעדן לאַנד אַריין מיטגענומען מיט זיך די ערשטע

איבערלעבונגען און לאַנדשאַפטן זיינע, וועלכע נעסטיקן אין אים אָפן און פאַרבאָרגן נאָך פון די תנ״ך־צייטן אָן. שוין ביי די טייכן פון בבל זענען די ערשט פאַרטריבענע געזעסן און געצאַפּלט מיטן גורלדיקן יאוש־אויסגעשריי: ״איך נשיר שיר ה׳ על אדמת נכר? — ווי אַזוי זאָלן מיר זינגען גאָטס ליד אויף פרעמדער ערד? — אַז אַן ענטפער מוז געגעבן ווערן כדי צו קענען ווייטער לעבן און געדייען אין דער פאַרטריבנקייט פון דער אייגענער היים, האָבן זיי שוין געוווּסט פון פריערדיקער היסטאָרישער דערפאַרונג. די עשרת השבטים וועלכע זענען מיט אַ הונדערט יאָר פריער געשטאַנען פאַר דער זעלבער גורלדיקער דילעמע און קיין ענטפער אויפן ״איך נשיר״ נישט געפונען, זענען פאַרשוווּנדן אָן אַ שפור. בלויז אַ פאַרהוילענע גדעכעניש איז געבליבן אין זיכרון פון פאָלק, אַז זיי זענען פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ הינטער די הרי־חושך ווו דער שטיינער שליידערנדיקע טייך סמבטיון באַשיצט זיי פון אַן אָפן מענטשלעך אויג.

דער דאָזיקער שאַרף פאָעטישער ״איך נשיר?״ אויסגעשריי פונעם בעל התהילים אין דעם עלעגיש דערציילערישן ״על נהרות בבל״, קריגט אויך דאָרט דעם קלאַסישן ענטפער וואָס איז געוואָרן דער קינסטלערישער אָנווונק לדורות. ״אם אשכחך ירושלים״ (אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים). מיט דעם האָט ער אָנגעוווּנקען, אַז נאָר דורך האַלטן וואַך אין זיכרון דעם פון וואַנען מ׳איז געקומען, וועט מען קענען שפּעטער קומען דערצו, אַז שטייענדיק ביי די זעלבע פרעמדע טייכן פון בבל, (זע מסכתא שבת קח׳ א׳) זאָל מען דורך זייער כוואַליעווען אַרויף און אַראָפּ דערשפּירן דעם צאַפּל פון ווייטער היים וועלכע שיקט אַהער אירע בעסטע קינדער אויפצושטעלן דאָ אין די פרעמדע שטעט אַ מקום מנוחה וואָס וועט אָטעמען מיטן ריח פון פאַרהייליקטער היים ביז די צייט פון אמתער גאולה וועט קומען.

דאָס נייע פאַרוואָרצלען זיך, הייסט עס, דאַרף באַאהויכט ווערן מיטן סאַמע היסטאָרישן אָנהייב, האָבנדיק דערביי דאָס געפיל אַז מ׳לעבט דאָ איבער אויף דאָס ניי דאָס וואָס איז שוין אַמאָל איבערגעלעבט געוואָרן אין דער היסטאָרישער היים אויף אַן אַנדער אופן. זאָל זיין אַז ס׳איז בלויז אַ פאַרהוילענע אַנונג, אַ סימבאָלישער אָנווונק אַזאַ, ווערט עס אַלץ די פאַרבינדונג־שנור וועלכע העלפט צו פילן זיך היימיש אין דער נייער פרעמד און געבן איר אַן אייגענע הייליקייט און דויערנדיקן ווערט. דאָס לעבן און שאַפן דאָ ציט אירע זאַפטן פון דאָרט, פונעם היסטאָרישן נעכטן כדי צו קענען לעבן אינעם געראַנגל פון היינט פאַרן מאָרגן. פון דעם איז געדרונגען, אַז אינעם קינסטלערישן באַנעמען און זוכן אויסצודריקן דאָס פאַרוואָרצלען זיך אין דער נייער היים ווי אַן איבערשפּילן דעם היסטאָרישן

גאַנג, דערשפּירט מען אויך די אינערלעכע פאַרבינדונג־שנור פון צייטן און געשעענישן וועלכע חזרן זיך איבער (כאָטש אַלע מאָל אויף אַן אַנדערן אופן). ס׳זענען נישט נאָר די אָפּענע שוועריקייטן פון היינט וואָס ווערן געשילדערט, נאָר ס׳איז אויך דאָס פאַרבאָרגענע ראַנגלען זיך פון די אַלטע זאַפּטן אָנגעברייט צו נערן די נייע וואָרצלען. דער קינסטלערישער פאַרמעסט איינצונעמען די נייע לאַנדשאַפט און זי פאַראייגענען, וואָס דאָס איז דאָס חיות פון פּאָעטס שאַפן, קריגט דורך דעם אַ תיקון און הייבט אָן רעדן מיט קערנדיק פּאָעטיש לשון פריש און ניי.

דער שעפערישער דרך פון י. י. שוואַרץ, אָנהייבנדיק מיט באַשיידענע פּרווון צו שילדערן די נייע לאַנדשאַפט ביז צום מייסטערהאַפטן עפּישן נאָכגיין מיטן ״ייד מיטן פּאַק״ אויף די זאַמדיקע וועגן פון קענטאָקי, איז דער ערשטער גרויס קינסטלערישער פאַרמעסט איינצונעמען די נייע פרעמד דורך דער היסטאָרישע פריזמע פונעם אור — פּאָטערס גאַנג קיין כנען. ״קענטאָקי״ איז דעריבער נישט נאָר אַ ווערק פון גרויס מייסטערשאַפט און גבורה פון שילדערן די נאַטור און די מענטשן, נאָר דער עיקר אויך דער קינסטלערישער אויסדרוק פון איינהיימישן זיך אין דער פרעמד וואָס דאַרף ווערן היים. דער ייד ״דזשאָשואַ״ איז פאַקטיש און סימבאָליש דער וואָס שפּילט איבער דעם ערשטן גאַנג אין דעם נייעם לאַנד כנען. די רעאַלע פאַרוואָרצלונג מיט אַלע אירע נסיונות שטייט כסדר אונטער דעם גורל פון דעם שוין פון לאַנג געצייכנטן אָפּענעם און פאַרבאָרגענעם איבערלעבן פון דעם ערשטן יידישן וואַנדערער פונעם חומש־לאַנד. גאַנצע קאַפּיטלעך פון ״קענטאָקי״ בעטן זיך ממש געלייענט צו ווערן מיטן חומש־ניגון און טיף רירנדיקן צוזינג ״גר ותושב אנוכי עמכם״. אַ פרעמדער נאָך, אָבער אַן איינגעזעסענער בין איך צווישן אייך. אויך די שכנים וועלכע לעבן מיט גאָר אַן אַנדער טראַדיציע און רעאַליטעט ווערן קינסטלעריש אַוועקגעשטעלט און באַלויכטן מיטן חומש שיין און געמיט ווי אַלטע באַקאַנטע שוין פון יענעם ווייטן אַמאָל מיט זיין גאַנצער בראשיתדיקייט.

צוזאַמען דערמיט ווערט דאָס ווערק כסדר געהאַלטן אין די ליניעס פון איצטיקער רעאַלער ווירקלעכקייט און די מענטשן ווערן געשילדערט נישט ווי בלויז שאָטנס פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט נאָר ווי אַזעלכע וואָס זייער טאָג־טעגלעכע וואָר איז באַשיינט פון אַ פאַרהוילענעם אַמאָל וועלכער נערט זייערע וואָרצלען פאַרבאָרגענער־הייט. דאָס לעבן פון היינט, וויקלט זיך אויס ווי אַ טייל פון דער מעשה פון אַמאָל:

> ״איז געקומען אַ ייד פון דער ווייט, אין דער פרעמד,
> מיט די וווּנדיקע פיס, מיטן האַרצן וואָס קלעמט,
> מיטן פּאַק אויפן פּלייצע, מיטן שטעקן אין האַנט
> אין דעם נייעם און פרייען און ריזיקן לאַנד.״

שוין אין דער ערשטער באַגעגעניש פונעם ״ייד מיטן פּאַק״ מיט קינדער פון לאַנד, איז די אַטמאָספּערע אָנגעלאָדן מיט אַ ווייטער אַנונג פון עפּעס וואָס ער האָט שוין דורכגעמאַכט ערגעצוווּ אַנדערש, כאָטש אין דערווירקלעכקייט ווייסט ער, אַז ער שפּאַנט דאָ דאָס ערשטע מאָל.

...״און דעם רויטלעך שוואַרצן נעפּל, איז דער ייד
אַדורכגעגאַנגען מיטן שווערן פּאַק. —
און מאָדנע נאָענט באַקאַנט איז אים דאָס פאָרגעקומען: ס׳איז געווען
ווי ער וואָלט דאָס מיט יאָרן פיל צוריק
אַליין עס דורכגעלעבט און דורכגעמאַכט.״

די דאָזיקע פאַרהוילענע אַנונג, שטאַרקט עס דעם פרעמדן נישט אומצוקוקן זיך און באַוועלטיקט ווערן פון דער שרעק פאַר די פרעמדע הינט וואָס האָבן אים נאָכגעבילט און די בייזע וואָר וואָס צעמישט אַפילו דעם ״לייטער־חלום״ וועלכער הענגט מיטן שפּיץ אויף גאָרנישט און שוואַרצע שדימלעך מיט רויטע בליצנדיקע שאַרפע אויגן דראַפּען זיך אויף אים אַרויף און אַראָפּ. פון אָט דער פאַרהוילענער אַנונג, גייט אויך אויף דער אַלטער בטחון און אויסגעפּרוּווטער תפילה־ניגון וואָס גורט אָן די לענדן און דאָס האַרץ מיט נייע כוחות בייצושטיין אַלע נסיונות.

נאָכגייענדיק דעם ייד דזשאָשוּאַ, האָט י.י. שוואַרץ אַנטפּלעקט דאָס גרויס־מענטשלעכע אינעם געראַנגל פאַרן דערהאַלטן זיך אין דער נייער פרעמד, און זיך קינסטלעריש דערהייבן צו קענען שילדערן די מענטשן און די לאַנדשאַפט ווי אַן אייגענער, אַ היימישער. ער מאָלט די לאַנדשאַפט מיט אַזאַ פּאָעטישער גבורה וואָס האָט כמעט נישט קיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז פאַרבליפט פון איר שיינקייט און פול מיט באַוווּנדער פאַר אירע ריזיקע און פרימיטיווע אָפענע און באַהאַלטענע כוחות. ער שרעקט זיך מער נישט פאַר איר. ער זעט זי איצט מיט גאָר אַנדערע אויגן. ער זעט דאָס וואַקסן, דאָס שפּראָצן, און פאַרכלינעט זיך ממש מיט דער שפע און ברכה וואָס שפּרודלט פון דער דאָזיקער ערד ווי נאָר אַ מענטשלעכע האַנט רירט זיך צו צו איר. די דאָזיקע פאַרכליניעטקייט, גייט אויך איבער אין זיין שילדערן די מענטשן און זייער שטייגער פון לעבן. איר זעט ממש ווי ער זיצט מיט זיי ביי איין טיש און פאָסמאָקעוועט זיך מיט די זעטיקע מאכלים. (אגב, דער דאָזיקער אופן פון שילדערן אַ פאַרברענגעכץ קומט אויך מייסטערהאַפט אַרויס אין דער פּאָעמע ״יונגע יאָרן״). מ׳זעט ווי ער איז בגילופינדיק אויפגעהייטערט נאָענט אַזוי ווי זיי און עס דאַכט זיך, אַז עס ווערן עפּעס ווי פאַרווישט די ביטערע איבערלעבונגען פון פריער און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ מין יסורים של אהבה געפיל, סובלימירט נאָך מיט אַ דינעם חנעוודיקן הומאָר וואָס שמייכלט נחתדיק צוריק צו די אָנהייב יאָרן,

ווען "די זיידעס אויף די ווענט האָבן געפֿרוירן" און דזשאָשואַ האָט איינער אַליין געהאַקט די פֿאַרפֿרוירענע ערד פֿאַרן ערשטן קבר פֿאַר זיין טעכטערל. ער ווייסט שוין, אַז

"עס ליגט טאַקע ערגעץ אַנדערש מיין טאַטע און רוט —
אָבער מיין קינד פֿון איר ערד איז אַ שטיק,
לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פֿון איר גליק."

(ליב איך די ערד)

צוזאַמען מיטן אַריינוואַקסן אינעם נייעם לעבן אַריין, ווערט דאָס אַמאָליקע מיט וועלכן מ'איז געקומען אַהער אַלץ בלאַסער און בלאַסער און אַוועקגעשטעלט אין פֿאַרגעסנקייט. דער פּראָצעס פֿון ניוועלירונג פֿון אַלטן שטייגער זעט אויס צו זיין דער פּרייז וואָס מ'צאָלט פֿאַר דער פֿאַרוואָרצלונג, פֿאַרן "איז באַגליקט פֿון איר גליק". טרייסט זיך אָבער שוואַרץ און ווינקט אָן, אַז דער קוואַל וואָס האָט דורות לאַנד געקוואָלן מיט לעבעדיקן וויסן און שטרעבן, איז נישט פֿאַרשטאָפּט געוואָרן. ער קוועלט נאָר אַנדערש און פֿליסט אין באַזונדערע שטראָמעלעך אויף פֿאַרשידענע שטעגלעך וועלכע קיינער קען נאָך נישט וויסן וווּהין זיי וועלן דערציִען. די אייניקלעך וועלכע דזשאָשואַ האָט נאָך דערלעבט צו זען, טראָגן אין זיך יעדער אויף זיין אופֿן עפּעס פֿון דעם וואָס האָט געלעבט אין אים. אמת, ער פֿאַרשטייט זיי נישט אינגאַנצן, דאָך פֿילט ער אַז אין זיי גייט אויף אַן אַנדער פֿאָרעם, עפּעס פֿונעם געזאַנג פֿון דורות וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען אינעם נייעם לאַנד כנען אַריין. ס'איז דערפֿאַר נאַטירלעך זיין באַציִאונג און אָנשפּאַרן זיך ממש אויף זיין אייניקל דייוויד, וואָס האָט דעם זיידנס אָנהייב נישט בייגעוווינט און ווען ס'איז פֿרעמד, אַפֿילו דערווידער דאָס "באַגליקט" ווערן ביזן פֿאַרגעסן זיך אינגאַנצן אין דער שפּע אַרום. פּונקט ווי עס ציטערט־אויף זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ פֿון וויוויענס טוליען זיך צום אַלטן מיטאָס און ער דערפֿילט אין דעם אַ מין אויפֿוואַך פֿון בלוט פֿון די אבות, אַזוי באַנעמט ער דאָס עקשנות פֿון דייווידן וועלכער וויל אַליין צולייגן אַ האַנט צו דער ערד אויף וועלכער ער טרעט. ווי קמצנותדיק ער איז געוואָרן אויף דער עלטער ציטערנדיק אויף יעדן גראָשן, לעבט דזשאָשואַ איבער אַ טיפֿע פֿרייד ביים העלפֿן דעם אייניקל אָנהייבן פֿון דאָס ניי אויף דער דאָזיקער ערד.

ס'איז נאַטירלעך דאָ נישט דאָס אָרט צו נעמען זיך חקרענען צי ס'איז אַן אמתע טרייסט צי בלויז אַ קינסטלערישע אילוזיע. פֿאַר אונדז איז גענוג דאָס וואָס עס ווייזט אָן אויף דעם קינסטלערס דרך אין זיין שאַפֿן אָנצוווינקען אויף די בינד־געוועבן וואָס פֿלעכטן איין דור אינעם אַנדערן און עפֿענען די קוואַלן וואָס נערן די צייטן אָפּן און פֿאַרבאָרגן.

מיר געפינען דאָס אויך אין דער פּאָעמע "יונגע יאָרן", וואָס איז געשריבן געוואָרן יאָרן נאָך "קענטאָקי" און אינגאַנצן אונטער אַן אַנדער שטימונג, אין סאַמע מיטן פון גרויסן חורבן און באַלד דערנאָך. נישט בלויז אַ מצבה וויל ער שטעלן דער חרובער היים — ליטע. ער באַמיט זיך אויפצושטעלן דורכן זיכרון די געוועזענע היים "וואָס איז פאַרבלאָסט געוואָרן" און אָפּט אַפילו "פאַרשפּאָט געוואָרן" אינעם ברויז, געראַנגל און פאַרוואָרצלען זיך אין דער נייער פרעמד. די כוונה איז דער עיקר צוריק צו אַנטפּלעקן די וועלט פון וואַנען מ'איז געקומען, אויפצודעקן דעם קוואַל פון וועלכן מ'האָט געטרונקען און ממילא עס דערזען נישט ווי בלויז אַן איינמאָליקע דערשיינונג, נאָר ווי אַזאַ וואָס איז אָנגעפילט מיט דורותדיקע איבערלעבונגען, וואָס האַלטן זיך כסדר אין איין איבערשאַפן און בלייבט דאָך איינציקאַרטיק און אייגנאַרטיק אינעם זין פון "אונדזער גאַנג דורך דורות". (אגב, דערקלערט דאָס אויך זיין כסדרדיק איבערגיסן און באַרייכערן די יונגע יידישע ליטעראַטור מיט די אַלטע קוואַלן פון פאַרשידענע תקופות.).

די עפּישע מייסטערשאַפט פון "קענטאָקי" וועלכע ער באַנוצט אויך אין "יונגע יאָרן", איז דאָ פאַרוווייכערט און פאַרטיפערט מיטן עלעגישן טרויעֶר־טאָן פון זיינע ערשטע לידער און דאָ און דאָרט מיט אַ פּאָלקסטימלעכן צוגעלאָזטן דערציילן, באַגלייט אי פון אַ טרויער און אַ קדיש יתום, און אי פון אַ ביטערן חשבון מיט דער וועלט נישט נאָר פון זיין צייט. (זע קאַפּיטלען "פון דאָ און דאָרט", "שכנים", "פעלקער און זייערע געטער"). דערביי שיינט אויך צייטנווייז אַרויס פון דעם ווערק דער באַהנטער ליבטיקער הומאָר זיינער און די פולע פרייד וואָס איז דאָרט געווען וואָס האָט געשטאַרקט דעם כוח אויסצוהאַלטן און לעבן צו להכעיס אַלע שווערע נסיונות. די פּאָעמע "יונגע יאָרן" איז דעריבער אי אַ קינסטלערישער מאָנומענט פון דער אַלט־יידישער לאַנדשאַפט, אי אַ באַשייד פון דעם דרך פון י.י. שוואַרץ אין דער יידישער ליטעראַטור, פונקט ווי "קענטאָקי" איז דער קינסטלערישער אַפּאָטעאָז אינעם גאַנג פון פאַרהיימישן און אַריינשטעלן אין דער יידישער צייט די לאַנדשאַפט פון דער נייער פרעמד.

אויף ווי לאַנג? ווער ווייס ווען און ווען עס וועט באַשערט זיין צו געשטאַלטיקן דעם ענטפער.

אין גוטער
דערמאנונג
פון חברים
און טויטער

דער לעבנס־וועג און לעצטער טאַט פון חבר אַרטור

(מחשבות וועגן דעם קידוש־השם פון שמואל מרדכי זיגלבוים ע״ה, צו דער דרייסיקסטער יארצייט)

יעדעס מאָל, ווען די גרוילן פון לעבן שטעלן אונדז אַוועק פאַר אַן אויסער ווי געוויינטלעכער געשעעניש אָדער טאַט פון אַ רבים צי אַ יחיד, איז די מאָמענטאַלע רעאַקציע אי אַ שטוינענדיקע געפּלעפטקייט וואָס פאַרשטומט אַלע חושים, אי אַ ווילן געפינען פאַר דעם עפּעס אַן אויסדרוק וואָס זאָל, אויב נישט אויפקלערן דאָס געשעענע ביז קלאָרער פאַרשטענדלעכקייט, (וואָס דאָס איז כמעט נישט מעגלעך אין די פאַלן) איז כאָטש אַריינשטעלן עס אין אַ געוויסער ראַם וואָס זאָל ווי עס איז קענען אַריינגעפּאסט ווערן אינעם גאַנג פונעם סדר־העולם צו וועלכן מיר זיינען שוין צוגעוווינט און זיך צוגעפּאַסט צו אים. נאָך מער, דער געזעלשאַפטלעך מאָראַלישער איינשטעל אונדזערער, ״אַז אַלץ וואָס ס׳איז דאָ און אַלץ וואָס געשעט, מוז האָבן אַ ציל און דאַרף האָבן אַ זינען״ לאָזט נישט רוען און זוכט צו געפינען אַ דערקלערונג און אַ באַשטימטע באַצייכענונג פאַר דער אויסטערלישקייט פון דער געשעעניש אָדער טאַט. און אויב נישט קיין אמתע דערקלערונג, וויל מען כאָטש געפינען אַ פּאַסיקן נאָמען מיט וועלכן עס קען אָנגערופן ווערן כדי צו קענען דורך דעם באַשטימען דאָס אָרט פון וואַנען עס קומט און וואס מיר קענען לערנען דערפון פאַרן ווייטערדיקן גאַנג פונעם לעבן און אויפפירן זיך פון יחידים און קאָלעקטיוון, וועלכע קענען נאָך ווען עס איז געפּרוווט ווערן מיטן זעלבן.

אַזוי האָט מען אַמאל ביז היינט געפונען די באַצייכענונג ״קידוש־השם״ פאַר דער אויסטערלישער דערשיינונג ווען מענטשן לאָזן זיך אומברענגען אָדער ברענגען זיך אַליין אום נישט ווילנדיק זיך אָפּזאָגן פון זייער גלויבן און פאַרהייליקטע אידעאַלן. (דאס דאזיקע אַרויסגיין פון לעבן ווערט נישט פאַררעכנט ווי זעלבסטמאָרד וואָס ווערט געוויינטלעך באַטראַכט פון דער אָנגענומענער מאָראַל און רעליגיעזן גלויבן ווי אַ זינד און אַ לעסטערונג פון דער הייליקייט פון לעבן.) די טראַגיק פון טויט, ווערט דאָ דערהויבן סובלימירט דורך דעם פאַרטיפערטן צוגעבן צו דעם, אַז דער וואָס ״איז זוכה דערצו, קויפט זיך איין די ״אייביקע וועלט״ דורך אָפּזאָגן זיך פון ״צייטווייליקן לעבן״. די דאזיקע באַצייכענונג און פאַרטיפונג פאַרוואַנדלט דעם אויסטערלישן טאַט אין אַ מאָס און אַ ביישפּיל פאַרן אויפפירן זיך פון מענטשן אין אַ באַשטימטער סיטואַציע און טראָגט אויך מיט זיך דעם זינען פונעם געראַנגל צווישן דער צדקות און רשעות אין דער וועלט. אוודאי זענען נישט אַלע קידוש־השמס גלייך אין דעם אופן פון

דורכגעפירט ווערן. זיי זענען אָבער גלייך אינעם אָנצייכענען דעם זינען פון דעם טאַט ווי אַן אויסקלייבן דעם טויט, ווען דאָס אַרומיקע לעבן דערלאָזט מער נישט צו קענען פירן זיך לויטן אייגענעם פאַרהייליקטן גלויבן און אידעאַל.

היסטאָריש, איז דער באַגריף אויפגעקומען ביי אונדז אין פארבינדונג מיט רעליגיעזער אמונה, אָבער לויטן זין פון דעם באַגריף קען ער און דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויך אויף אַנדערע פאַלן, נעמלעך ריין וועלטלעכע. אַן אָנווונק אויף דעם איז, דאכט זיך, פאַראַנען אין דעם וואָס ווערט געברענגט אין דער גמרא (עבודה־זרה, דף יוד,ב׳) אַז רבי (דער צונויפשטעלער פון דער משנה) האָט געוויינט ווען ער האָט געהערט פון אַזאַ אויסטערלישן פאַל פון אַ יחיד און געזאָגט: ״יש קונה עולמו בשעה אחת ויש קונה עולמו בשנים רבות״ (פאַראַן אַזעלכער וואָס קויפט זיך איין זיין וועלט אין איין שעה (איין מאָמענט) און פאַראַן אַזעלכער וואָס קויפט זיך איין (פאַרדינט זיך) זיין וועלט אין אַ סאַך יאָרן!) לויט דעם נאָך, קען מען פעסטשטעלן, אַז יעדער סאָרט אָפּזאָגן זיך פון ״צייטוויליקן לעבן צוליב אַ מאָראַליש פאַרהייליקטן פרינציפּ, סיי ווען ס׳איז אַ פלוצימדיקער טאַט וואָס האָט כלל נישט קיין שייכות מיטן פריערדיקן לעבן פון דעם מענטשן און סיי ווען דער טאַט איז אַן אַרויסוווקס פון דער איינשטעלונג אין משך פון אַ סאַך יאָרן, איז אין גדר פון קידוש־השם, פון פאַרדינען זיך דאָס ״אייביקע לעבן״.

עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע סברות פאַר וואָס רבי האָט געוויינט אויף דעם, וועלכע מיר קענען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן. דער עיקר איז וואָס זיין באַצייכענונג שטרייכט אונטער, אַז אין דער דערהויבנקייט פון מענטשנס גרייטקייט צו קידוש־השם, איז אויך פאַראַן דער ביטער־טראַגישער באַוווסטזיין אַז דאָס ״איינקויפן זיך די אייביקע וועלט, קומט אינעם מאָמענט פון אַ גרוילִיקער אַנטווישונג אינעם ווערט פונעם ״צייטוויייליקן לעבן״ ווו די רשעות (די אייגענע אין וועלכער מ׳איז אַ גאַנץ לעבן געווען פאַרזונקען אדער די ארומיקע וועלט רשעות) האָט די אויבערהאַנט און מ׳קען עס נאר מתקן זיין דורך אָפּזאָגן זיך פון דעם אינגאַנצן און דערמיט: לויטן רעליגיעזן באַגריף שטאַרקן די כוחות פון קדושה וואָס וועלן מיטן רבונו של עולמס חסד סוף כל סוף בייקומען דאָס שלעכטס, און די מקדשי־השם זענען דורך דעם זוכה צו דער ״אייביקער וועלט״ פון אמת און קדושה, וואָס עקזיסטירט שוין אין דער פאַרהווילנקייט; אין וועלטלעכן זינען, קען מען זאָגן, מיינט עס: אַז דאָס אָפּזאָגן זיך צו לעבן מיט דער רשעות אין איין וועלט, ברענגט צום אויפרודערן דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט און שטאַרקן דעם גלויבן פון די וואָס שטייען נאָך אַלץ אין געראַנגל מיט דער רשעות און מוזן זי סוף כל סוף בייקומען כדי דאס לעבן

זאָל ווערט זיין געלעבט צו ווערן. מיט דעם קויפן זיי זיך איין אַן אָרט אין דער אייביקייט פון בעסערן מאָרגן.

שמואל מרדכי זיגלבוים ז״ל, געהער צו דער קאַטעגאָריע קדושים וואָס זייער גאַנץ לעבן איז געווען אָפן און פאַרבאָרגן אַ צוגרייטונג צו זיין קידוש־השם. ער האָט זיין ״אייביקע וועלט״ קונה געווען אין משך פון יאָרן, און זיין לעצטער אויסטערלישער טאַט שטעלט אים אַוועק אין דער ריי מיט די דערהויבעבע מאַרטירער געשטאַלטן פון אונדזער דורותדיקן גאנג.

זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין קראַסנעסטאַוו, וואָס איז אין דער געגנט פון קליין־פוילן, וואָס האָט ווי אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אָפענערהייט געליטן און געווען באַצוווּנגען פון רדיפות און ביטערער נויט און אָרעמקייט, אָבער באַהאַלטענערהייט, אינערלעך מיט זיך אין די קעלער־שטובן, אין די גרויע שטיבלעך און טונקעלע בוידעמס געחלומט גרויסע חלומות פון זוניקע טעג און אחרית־הימים פון מענטשלעכן גליק און דערלייזונג. אין יענע געגנטן זענען עס די פאָלקס־מעשהס פול מיט באַהאַלטענע ערטער אין די וועלדער און היילן וואָס היטן פאַרבאָרגענע וועגן וואָס פירן קיין ארץ־ישראל און גן־עדן התחתונס וואָס וועלן זיך אַנטפּלעקן צו דער ריכטיקער צייט אויף וועלכער אַלע וואַרטן און האָפן. אויך אויסדערוויילטע יחידים וואָס קענען לענגער נישט וואַרטן, בלאָנקען דאָרט אַרום ווי פאַרשטעלטע אָרעמע לייט און האַלטן אין איין זוכן די פאַרהוילענע וועגן מיט גרויס מסירת־נפש.

דער טאַטע, אַ לערער פון ״שרייבן״ און די מאַמע אַ שניידערין האָבן מיטן גאַנצן פראַצעווען זייערן טאָג ווי נאַכט פאָרט נישט געקענט שפּייזן צו זאַט די גרויסע משפחה פון עלעף קינדערלעך. פאַלט אויף דעם קליינעם שמואל מרדכי אַ טייל פונעם עול פרנסה שוין צו צען יאָר. ער אַרבעט אין אַ פאַבריקל פון קעסטעלעך, אויך אין אַ בעקעריי, און שוין דאַן נעמט אויפגיין אין אים דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די וואָס זענען אין דער זעלבער לאַגע ווי ער. קיין גרויס וויסן האָט ער טאַקע אינעם חדר ווו ער האָט געלערנט ביזן צענטן יאָר נישט אָנגעזאַמלט. די נויט אין הויז, האָט אויך קיין צופיל פרייד נישט געקענט געבן דעם ענערגיש שטיפערישן יינגל, דערפאַר האָט אָבער דאָס חסידים־שטיבל מיט די מעשהס און האַרציקע ניגונים געווירקט אויף דער צעשפּילטער פאַנטאַזיע זיינער, און ליגנדיק אין פרייע מינוטן אויפן ברעג פון שלענגלדיקן, אָפט גאַנץ ברויזנדיקן טייך וויעפּזש, וואָס ציט זיך אַוועק ערגעץ ווייט אין די מרחקים, האָט ער אין דער פאַנטאַזיע זיך געזען אַ באַגליקטן מיטן וווּנדער־סוד מיט וועלכן מ׳קען און מ׳וועט ווען עס איז בייקומען די ביטערע נויט. מיטן פולן מויל און האַרץ וועט מען דאַן קענען הנאה האָבן פון דער

ווונדערלעכער שיינקייט פון דער אַרום וואָס איז אים געבליבן איינגעבאַקן אין צעברויזטן געמיט אַ גאַנץ לעבן.

צו צוועלף יאָר האָט ער פאַרלאָזט די היים און דורגעגאַנגען דעם ביטערן וועג פון אַ לערן־ייִנגל ביי פאַרשידענע פאַכן אין דער פרעמד און צו דער זעלבער צייט זיך געשטאַרקט מיט זוכן אַן אויסדרוק פאַר זיינע געפילן און חלומות אין שרייבן לידער און שילדערן די ביטערע וואָר וואָס נאָר דער חלום האָט געקענט ווי עס איז בייקומען. אַלץ וואָס ער האָט געלערנט און זיך דערוואָרבן אין די שפּעטערע יאָרן וואָס האָט אים דערנאָך געהאָלפן אַרויסקומען אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע ווי דער חבר אַרטור, איז אים אָנגעקומען מיט גרויס מי און אינערלעכן געראַנגל צווישן ווירקלעכקייט און טרוים. די מיסטיש באַהויכטע מעשהס און ניגונים פון די קינדער־יאָרן האָבן געצויגן נאָכצוגיין די וועגן פון די וואָס זוכן אַן אויסטערלישן דרך דורכצופירן דאָס שליחות פון אַנטפּלעקן דעם סוד פון גאולה, און די גרויע ביטערע נויט האָט געטריבן צו מעשים פון פּראַקטישע דערגרייכונגען דורך קאַמף און אין שותפות מיט אַלע אונטערדריקטע און באַעוולהטע.

מיטן אנשליסן זיך אין ״בונד״, האָט ער געפונען זיין וועג צו פאַרבינדן דאָס פּראַקטישע טאָג־טעגלעכע וואָס זאָל זיין באַהויכט מיט אמונה אין דער וויזיע פון מאָרגן. ביידע, — ״דאָס שליחות געפיל פון יחידי־סגולה וואָס זענען זוכה״, לויט דער פאָלקס־מעשה, וואָס האָט געלעבט אין אים פון די ערשטע קינדער־יאָרן צו האַלטן וואַך דעם גלויבן אין פאָלק און אים שטאַרקן אין זיין נויט, און ״דאָס פּראַקטישע איבערלעבן זיינס״, אויך אין די קינדער־יאָרן אָנצופירן מיט אַ סטרייק פון קינדער־אַרבעטער אין דעם קראַסניסטאַווער פאַבריקל, האָבן געגנערט זיין ווייטערדיקן לעבנס וועג וואָס האָט געהאַט אַלע סימנים פון אַ שליחות אין זיך.

דריי מאָל בלויז האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים אין פאַרשידענע שטעט און אין באַזונדערע אומשטענדן. דאָס ערשטע מאָל אין 1919, אין דער ״ארבעטער היים״ אין כעלעם. דאָס איז געווען אַ באַגעגעניש אינקאָגניטאָ, פון ווייטן בלויז. איך האָב אים געהערט און געזען. ער מיך, אָבער נישט. איך בין דאַן געקומען קיין כעלעם אויף אַ פּאָר טעג צו קרובים אין אַ ״שליחות״ פון חברים וואָס האָט געציטערט פאַר אַ גוט אויג פון מלכות, האָב איך פאַרשטייט זיך קיין זייטיקע באַקאַנטשאַפטן נישט געזוכט. דער נאָמען זיגלבוים, איז אין כעלעם שוין געווען גוט באַקאַנט און אַז כ׳האָב באַמערקט אַ פּלאַקאַט וואָס האָט אַנאָנסירט :״אַ משפּט איבער דער יידישער אינטעליגענץ״, האָב איך קעגן אַלע רעגולן פון קאָנספּיראַציע באַשלאָסן צו גיין הערן... צו אונדז אויף דער פּראָווינץ אין וואָלין, איז די

משפטים מאָדע נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען, איז אוודאי געווען טשיקאַווע צו זען ווי עס פירט זיך ביי לייטן.

דער עולם איז געווען מערסטנס אַרבעטער־יוגנט און אַרום אַ צענדלינג ״טאַטע מאַמעס קינדער״, ווי מ׳האָט דאַן גערופן דאָס באַלעבאַטישע יונגוואַרג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינכאַפּן אין די פֿאָלקס־ביבליאָטעקן און אַרבעטער לאָקאַלן אַ שמעק צו טאָן בגנבה וואָס עס טוט זיך ביים עולם פון די הינטערגעסלעך. מ׳האָט זיי דערקענט לויטן אָנטאָן און קיילעכיקע פּויליש — יידישע טוכענע היטעלעך מיט די קורצע דאַשיקלעך. צעשראָקענע אַביסל, האָבן זיי ביסלעכווייז כמעט שעמעוודיק אויסגעטאָן די היטעלעך און כסדר געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך און נישט באַמערקט פון קיינעם אַרויסגעשלייכט זיך דורך אַ הינטער־טיר.

אינעם משפט האָבן זיך באַטייליקט אַ פּאָר פון די אָנגעזעענע אינטעליגענטן פון שטאָט פון פאַרשידענע פּאַרטייען, וואָס האָבן גערעדט גלאַטיק און מיט לאָגישע אַרגומענטן אויפגעשטעלט דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער אָפּגעפרעמדטער יידישער אינטעליגענץ. זייערע רייד האָבן אויסגענומען ביים עולם און מ׳האָט זיי באַלוינט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן און שטעכיקע צווישן־רופן ווי דער מנהג פון יענע יאָרן. ס׳האָט זיך מיר אָבער געדאַכט, אַז ס׳איז אַלץ אויסגעלערנטע רייד פון ביכלעך אַרויס און צוגעשניטן לויטן אייגענעם פּאַרטיי־נוסח, ביז ס׳האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מיטל־וווּקסיקער יונגערמאַן מיט אַ ווויל־יוגנערישע טשופּרינע און אַביסל אַ בלאַסלעך פּנים מיט אַ פּאָר אויגן וואָס דרינגען דיך דורך. ער האָט אָנגעהויבן כמעט ווי פון אַ מיטן אַרויס ציילן ווערטער און זאַצן וואָס כאָטש זיי זענען אין אָנהייב נישט געווען קלאָר, האָט מען דאָך אינעם קול געשפּירט, אַז עס קומט פון אינעווייניק, פון אַ פאַרטיפטן געפיל פון אחריות וואָס יעדער איינער וואָס קען עפּעס, דאַרף טראָגן מיט זיך אין פאָלק אַריין. דערביי האָט ער מיט אַ מאָדנער פאַרטראַכטקייט איבערדערציילט אַ מעשהלע וועגן אַ שליח וואָס האָט פאַרפעלט זיין שליחות און פאַרענדיקט פייערלעך: ״איך באַשולדיק זיי אין זינדיקן קעגן דער שליחות אין דער וועלט ווו מיר לעבן!״ סיי די פראַזע, סיי דער אופן ווי זי איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן איז מיר געבליבן אין געדעכעניש ביז היינט.

אין אַ פינעף־זעקס יאָר שפּעטער האָב איך זיך מיט אים געטראָפן שוין פון דער נאָענט, אין לודמיר — וולאַדימיר וואָלינסק, ווו איך האָב דאַן געוווינט. ער איז דאַן דעלעגירט געוואָרן פונעם ״לאַנד־ראַט״ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין וואַרשע צו העלפן דעם אָרטיקן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אין אַ פאַרצויגענעם שטרייק אין די מילן וואָס האָט אָנגערירט אַ היפּשן טייל פון דער באַפעלקערונג און אַריינגעצויגן

אינעם קאַמף כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס לעגאַלע און נישט לעגאַלע. די איינגעשפּאַרטקייט פון די באַלעבאַטים פון איין זייט און דער איינשטעל פון די לינקע פירער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון דער צווייטער זייט אויס־צונוצן דעם סטרייק ווי אַ פּאָליטישע אַקציע אינעם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער־רעוואָלוציע, האָט דערפירט דערצו, אַז עס זענען פאַר־געקומען געוואַלט־טאַטן אין וועלכע די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט און געמאַכט אַרעסטן, האָט מען געמוזט זיך ווענדן צום לאַנד־ראַט ער זאָל זיך אַריינמישן. ווי אַ מיטגליד פונעם "הילפס פאָנד" פאַר די שטרייקער, בין איך געווען איינער פון די וואָס האָבן באַגעגנט דעם דעלעגאַט חבר אַרטור ביי דער באַן. ס'איז געווען ווינטער און מיר האָבן זיך היפּשלעך אָנגעפּרוּוירן אין אונדזערע גאַנץ אָפּגעטראָגענע מלבושים, און ווי נאָר דער מיטגליד פון אָרטיקן "בונד". וואָס האָט אים געקענט פּערזענלעך, האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַרן דעלעגאַט, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פיין טולעפּל מיט אַ קאַראַקולן קוטשמעלע, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען היפּשלעך באַלעבאַטיש, האָבן די פּאָר לינקע גענומען מורמלען:" אַ זאַט באַלעבעסל" האט מען אונדז געשיקט. שוין איינמאָל אַ פּראָלעטאַרישער פאַרשטייער..." אויף די באַראַטונגען, האָבן זיי אים געהאַלטן אין איין קריטיקירן פאַר וואָס ער וויל נאָר רעדן וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאָדערונגען וועגן געהאַלטן און אַרבעטס־באַדינגונגען, און פאַרהאַנדלט מיט די באַלעבאַטים, די בלוט־זויגער (ווי עס איז דאַן געווען דער נוסח) בלויז פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט און נישט ווי מיט פּאָליטישע קעגנער, רעאַקציאָנערן וואָס האַלטן אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. אויף די מערסטע פון זייערע טענות האָט ער געענטפערט געלאַסן און רואיק מיט אַ שמייכל אפילו און פאַרשטעלטן חוזק וועגן זייער קליינשטעטלדיקייט און בראַוואַדער רעוואָלוציאָ־נערישקייט. ער האָט זיך אָבער שטאַרק באַמיט גלייכצייטיק צו דערקלערן זיי די פּרינציפּן פון פּראָפעסיאָנעלער אַקציע. ווען ס'איז געקומען צום באַהאַנדלען דעם אויסגלייך וואָס האָט באַפרידיקט די וויכטיקסטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, האָט איינער פון די לינקע זיך צעשריגן אַז דער דעלעגאַט איז אַ באַהאַלטענער דינער פון דער רעאַקציע סיי לויט זיין אויסזען סיי לויט זיינע האַנדלונגען. בלויז א קליינבירגער ווי ער איז און ווי זיין סאָציאַל־פאַשיסטישע פּאַרטיי איז, קען זיך באַנוגענען מיט קריגן אַ גרעסער שטיקל בולקע מיט פּוטער כדי דערמיט צו האַמעווען דעם גאַנג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע". אַ ווײַלע האָט חבר אַרטור געקוקט יענעם אין צעפּלאַמטן פּנים אַריין און באַלד כמעט מיט באַדויערן ווי אַ דערוואַקסענער וואָס דאַרף אויסשייגעצן אַ נאַריש יינגל, מער ווייניקער געזאָגט אַזוי: "ס'איז אַ פאַרברעכן צו מאַכן צו קליין־געלט אַ געווינס פון אַ

בולקעלע פאַר אַ הונגעריקן. נאָר דער וואָס האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער, פון אויפשטיין און לייגן זיך שלאָפן הונגעריק, קען אַזוי נאריש רעדן און שפּייזן דעם הונגעריקן מיט שיינע רייד. דאָס שליחות איצט פון די וואָס טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז טאַקע צו קריגן וואָס מער בולקעלעך מיט פּוטער פאַר די אַרבעטער כדי צו קענען דערהאַלטן זיך און דורכפירן דאָס צו וועלכן מ׳שטרעבט. מ׳טאָר נישט פאַרבייטן די שליחותן."

האָבן די ווערטער זיך איינגעקריצט אין זיכרון צוזאַמען מיטן פייערלעכן טאָן מיט וועלכן זיי זענען אַרויסגעקומען פון זיין צעברויזטן געמיט און די גליענדיקע אויגן.

דאָס דריטע און לעצטע מאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן מיט כמעט אַ צענדלינג יאר שפּעטער אין וויניפּעג ווו ער איז געקומען אין שליחות פון יידישן בוך. אויסערלעך אַ סאַך געלאַסענער נאָך ווי פריער, מער געשטעלט און פאַרטראַכטער. אָפּגעפּעבלט אין קליידן זיך ביז כמעט פּעדאַנטישקייט און געהיטענער אין דער באַנעמונג מיט מענטשן. אין פּריוואַטן שמועס אָבער שטאַרק אומרואיק און באַזאָרגט פונעם היטלער־קאָשמאַר וואָס האָט שוין געוואָרפן זיינע שרעק־שאָטנס איבער אַלע הימלען און געגרוילט מיטן קול פון אור־וואַלד פון אַלע ראַדיאָס. ביים איבערגעבן וועגן דער גרויסער נויט אין פּוילן און די רדיפות וואָס יידן האָבן אויסצושטיין, האָט ער ממש געציטערט נישט נאָר מיטן צוגעלייגטן קול נאָר מיטן גאַנצן וועזן זיינעם. ס׳האָט פון אים אַרויסגערעדט דער טיפסטער צער פונעם פיין פון פּוילישן יידנטום וואָס ראַנגלט זיך אין אַנגסטן, און אויך די דערהויבענע עקשנות און גלויביקייט פון דער וווּנדערלעכער שאַפערישקייט וואָס גיט זיך נישט אונטער. מ׳האָט אים דאַן נישט געקענט אַנדערש זען ווי נאָר ווי דער שליח וואָס טוט זיין שליחות באמונה. ביים דערקלערן זיין איצטיקע שליחות עפנטלעך, האָט זיך געפילט די טיפע ליבשאַפט און זאָרג וואָס ער טראָגט אין זיך פאַר יידישער שאַפערישקייט און אירע שאַפער. דאָס פּראַקטישע טוען צו וועלכן ער האָט גערופן, איז דערפאַר אַרויסגעהויבן געוואָרן ווי אַ טייל פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן נעכטן און היינט וואָס דאַרף באַשיינט ווערן מיט דער וויזיע פון מאָרגן. ער איז געווען טיף פאַרגלויבט אין מענטשלעכן געוויסן און אין דער ערלעכקייט פונעם אַרבעטנדיקן מענטשן, וואָס וועט גובר זיין אַלע שוועריקייטן און סוף כל סוף דורכפירן זיין שליחות צו בויען אַ פרייע וועלט. די דאָזיקע באַגעגעניש מיט אים איז געבליבן איינגעקריצט אין האַרצן ביי גאָר אַ גרויסן טייל פון דעם וויניפּעגער יידישן עולם.

ווען מיר האָבן זיך אין סאַמע מיטן פונעם בלוטיקן מבול דערוווּסט, אַז ווען דער גרויסער נסיון פאַר דער יידישער קהילה אין וואַרשע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער זיך ווי נאָך אַ צאָל פון אַנדערע פּאַרטייען איבערגעבן

אַלס משכון אין נאָמען פון "בונד" און אַזוי ווי ער האָט פאַרטראָטן זיין פאַרטיי אין "יידן־ראַט" וואָס האָט אויך געדאַרפט אָננעמען דעם באַשלוס וועגן אויספירן די גזירה צו גיין אין געטאָ, איז פאַר אונדז נישט געווען קיין איבעררעאַשונג וואָס ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן גיין פרייוויליק אין געטאָ. ס'האָט אויך נישט געוווּנדערט וואָס דווקא ער איז אויסגעקליבן געוואָרן צו נעמען אויף זיך דאָס שליחות צו דער דרויסנדיקער, אַזוי גערופענער פרייער וועלט. ס'איז געווען ווי אָנגעמאָסטן אויף אים די גאַר אלטע באַצייכענונג: פּרנס לפי דורו" (א פירער לויט זיין דור). ער איז מער נישט באטראכט געווארן ווי נאָר חבר אַרטור (אַ סגולה־נאָמען אין פאַרשטעלעניש און בלויז פון איין פאַרטיי) נאָר ווי שמואל מרדכי בר יוסף און העניע זיגלבוים — דער שליח פון זיין פאַרפּייַניקטן פאָלק. דער פאָלקסשליח קען נישט און טאָר נישט אָננעמען די גזירת־געטאָ.

ווי אַ וועלטלעכער ייִד און איינגעגלויבטער אינעם יושרדיקן געוויסן פון דער מענטשהייט, פון דער אַרבעטערשאַפט לכל הפּחות, האָט ער אָנגענומען דאָס נייע שליחות וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. בלויז דער דערהויבענער ציל פון וועקן דאָס געוויסן פון דער שווייגנדיקער מענטשהייט, פירט אים בייצוקומען די גרויסע שוועריקייטן ביים אַרויסרייסן זיך אין דער פרייער וועלט אַריין און שטאַרקט זיין אייגן פלאַקנדיק געוויסן צוליבן מוזן איבערלאָזן דאָס פאַרמשפּטע פאָלק הינטער די געטאָ מויערן. בלויז דאָס שליחות אויסצושרייען זייער פּיין און טויט־אַנגסט און אויפרודערן דאָס געוויסן פון דער וועלט וואָס גליווערט אין אומוויסן ווי די בלייערנע הימלען אויבן, גיט אַ זין צו זיין לעבן און זיינע מעשים אין די אַנגסטיקע שוידערלעכע יאָרן.

און ווען דער גלויבן, דער דאָזיקער זין פון זיין שליחות, האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז, איז זיין ערדיש לעבן געוואָרן זינלאָז, נוצלאָז. ווי ביטער עס זאָל נישט זיין עס צו זאָגן, מוז דאָך דער שליח וואָס איז ערלעך מיט זיך זאָגן צו זיך אַליין פּנים אל פּנים מיטן ווירקלעכן דורכפאַל פון זיין שליחות:" עס קומט דאָך אויס, אַז ער האָט זיין נאָר אייגן לייַב געראַטעוועט..." ווי קען דער שליח בלייבן לעבן אין אַ וועלט וואָס איז טויב און שטום צו זיין שליחות? וואָלט ער געקענט, וואָלט עס מעגלעך געווען, וואָלט ער זיך צוריקגעקערט צו די פאַרמשפּטע און געטיילט זייער גורל. איז דאָך דאָס נישט מעגלעך מער. איז פאַראַן נאָר איין וועג: טיילן דעם גורל פון דעם פאַרמשפּטן פאָלק דאָ, — אין מיטן דער פאַרגליווערטער וועלט, און אפשר, ווער ווייסט, וועט דאָס געבן אַזאַ הילך אָפּ, אַז מ'וועט פאָרט דערהערן. אויפציטערן אין דער לעצטער שעה.

זיין קידוש־השם איז אַן אוניקום אין אונדזער טראַגישער מאַרטירער־געשיכטע. זיין לעצטע־טאַט, טראָגט אפילו אין זיך אַ פאַרהוילן פּיצל שטראַל פון אַ האָפענונג פאַר די לעצט־געבליבענע, וואָס שטאַרקט בלויז אין אים דעם באשלוס צו ברענגען זיך אַליין פאַר אַ קרבן. זיין אַרויסגיין פון לעבן ווערט די לעצטע גליענדיקע קויל וואָס ער פאַרמאָגט נאָך אַוועקצולייגן אויפן מזבח פון זיין שליחות. דאָס דאָזיקע פּיצל האָפענונג איז אָבער נישט גענוג, אַז דער שליח וואָס האָט מיט דער טיפסטער אַנגסט פון זיין קלאָרן וויסן געמאַכט דעם טראַגישן סך־הכול פון זיין נישט באַגליקטער שליחות זאָל קענען אויך ווייטער בלייבן לעבן אין אַ וועלט אָן אַ געוויסן און אַליין ווערן בלויז אַ פאַריאושטער עדות פונעם שווידערלעכן בראָך. ער קען נישט ווערן בלויז דער קלאָגער פון "אני הגבר..." — איך בין דער מאן, וואס האט געזען די פּיין אין איר גאַרער גרויל...

אין דער אויסטערלישקייט פון יעדן סאָרט קידוש־השם, סיי פון דעם וואָס איז בלויז קרבן ווי דאָס רוב אומגעבראַכטע פון די היטלער־האָרדעס זענען געווען, סיי פון דעם קידוש־השם וואָס איז אַליין אויסגעקליבן געוואָרן, קענען מיר דערבליקן צוויי אייגנשאַפטן וועלכע ווירקן אָפּן און פאַרבאָרגן: פון איין זייט, — די איבערצייגונג, אַז ווען מ׳קען מער נישט לעבן לויטן אייגענעם גלויבן און געוויסן אין דער הערשנדיקער רשעות, דערפירט עס די מקדשי־השם צום אַנטוישן זיך אינעם ווערט פון אַזא ערדישער עקזיסטענץ. און פון דער אַנדערער זייט, שטאַרקט עס די טיפע אמונה, אַז דער לעצטער טאַט וועט ווען עס איז דערפירן צום בייקומען די רשעות לעולם ועד. דער רעליגיעזער מאמין נעמט צו הילף און שפאַרט זיך אָן אויף דעם רבונו של עולם, וואָס האָט צוליב פאַרהוילענע פון אונדז סיבות, אָפּגעקערט אויף א ווײַלע זיין חסד פון דער וועלט. (הסתר־פנים, לויט דער טראַדיציע). דער קידוש־השם טאַט, איז דעריבער אַ שטאַפּל אַזאַ, אַ נסיון וואָס מ׳מוז דורכמאַכן כדי צו דערנעענטערן די גאולה וואָס מוז קומען באחרית הימים. אין וועלטלעכן זין מיינט עס, אַז מיטן דאָזיקן טאַט רודערט מען אויף און מ׳וועקט דאָס פאַרגליווערטע געוויסן פון דער מענטשהייט. אין תוך, הייסט עס, מיינעןביידע אַן אָפּזאָגן זיך צו לעבן אין דער וועלט פון רשעות און דורך דעם שטאַרקן די אמונה אינעם חסד פון באַשעפער און געוויסן פון דער וועלט.

שמואל מרדכיס אַרויסגיין פון דער וועלט, וואָס זעט פון אויבן אויף אויס ווי אַן אַקט פון פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג אין דער וועלט, איז אין דער אמתן דער לעצטער טאַט פון שליח וואָס קען זיך נישט אָפּטיילן פונעם גורל פון זיינע שיקערס און איז באַלויכטן מיטן דערהויבענעם שיין פונעם אייביקן מענטשלעכן גראַנגל מיט זיין גורל אינעם קאַמף קעגן דער רשעות

וואָס מ׳מוז בייקומען כדי דאס לעבן זאָל פאָרט ווערט זיין געלעבט צו ווערן.

קען מען זיין קידוש השם פאַרגלייכן מיט אַנדערע אַזעלכע אינעם קידוש־השם נסיון ביי יידן? — אוודאי קען מען, און דאָך איז שווער מיט באַשטימטקייט עס צו זאָגן, ווייל אַלע אַנדערע וואָס זענען אונדז באַקאַנט זענען ווייט נישט גלייך איינס מיטן אַנדערן אינעם אופן פון דורכפירן, און נישט אַלע טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער. גענוג צו דערמאָנען: די פאַרשיידנקייטן פון מסדה, יאָרק, וואָרמס, גזרות ת״ח ות״ט און דער גרויל פון אונדזערע טעג, וואָס האָט גאָר קיין נאָמען נישט, כאָטש מיר פרווון עס אָנרופן מיט אַזוי פיל נעמען.

איינס אָבער איז גרויליק קלאָר, אַז אפילו ווען זיין טאַט זאָל זיין אַן אוניקום, אַן איינמאָליק אויסטערלישע דערשיינונג, האָט ער מיט דער טאַט געהייליקט דעם טיפערן זין פון זיין שליחות מיט דער הייליקייט פונעם גרויס־מענטשלעכן וואָס האָט געליכטיקט אין אים. דורות־לאַנג וועט מען שטוינען מיט יראת־הכבוד און אויפגערודערטן באַוווּנדער ביים דערמאָנען דעם נאָמען פונעם חבר אַרטור, שמואל מרדכי בר׳ יוסף והעניע זיגלבוים ז״ל, דער שליח פונעם פאַרפּייניקטן יידישן פאָלק אין דער מדינה פוילן, וועלכער האָט זיין שליחות דערהויבן צום העכסטן מסירת־נפש.

1973

אין גאנג פון זיין דור

(א ווארט ביים אזכרה אוונט פאר וו. אסטרעגער ע״ה)

מיר זענען זיך היינט צונויפגעקומען כדי זיך מתיחד זיין בציבור מיטן נישט פארגענגלעכן פון איינעם פון אונדזער חברייא וועמעס פולער, טראַדיציאָנעלער נאמען איז געווען שמעון וואָלף בר׳ שמריה ע״ה. אייניקע אין דער משפחה האבן אים גערופן וואלף, וואָווע אדער וועלוול, נאענטע און ווייטע פריינד ווילי, מיר אבער האבן אים געקענט נאר ווי חבר אָסטרעגער, נישט נאר ווייל אזוי איז געווען אנגענומען אין אונדזער קרייז נאר טאקע מיטן אקצענט און זינען אויפן טיטול ״חבר״. — לויט זיין גאנצן לעבנספיר האט ער אָפן און ווען נויטיק באהאלטן, געטראגן חברשאפט צו יעדן איינעם פון אונדז.

אויף אים האט מען געפילט קען מען זיך פארלאזן צו יעדער צייט ווען מ׳נויטיקט זיך אין חברשאפט, אין טאָן עפעס בחברותא, און ווען מ׳האט געדארפט עפעס דורכפירן האט ער אָפט אליין אויסגעטראגן די גאנצע זאָרג פאר דעם וואס דארף געטאן ווערן. ער האט זיך חלילה אויף קיינעם נישט אַרויפגעצוווּנגען און נישט געזוכט ארויסצושטעלן זיך מיט דעם וואס ער טוט. שטיל און באשיידן האָט ער זיך איינגעשפאַנט און דורכגעפירט דאס וואס ער האט געהאלטן פאר וויכטיק.

זיין פלוצימדיק אָפשיידן זיך פון אונדז אויף אייביק, האט אונדז פונקט ווי זיין משפחה, שווער געטראָפן. עס גלויבט זיך נאך עפעס אלץ נישט, אז ער איז טאקע שוין נישטא מיט אונדז. בכלל גענומען, איז פנים אל פנים מיטן נישט־פאַרמיידלעכן גזר, זענען ווערטער שוואַך און בלאַס אויף צו קענען באמת טרייסטן און לינדערן דעם טיפן ווייטיק פון דער משפחה און נאענטע פריינד. וווּנדערלעך קלאָר דריקט עס אויס דער מייסטער זינגער פון יידישן וואָרט מאַני לייב, וועמען אסטרעגער האט אזוי ליב געהאט; אין איינעם פון זיינע סאָנעטן זאגט ער:

אין וואָרט איז נישט אלץ, וואס די צונג רעדט ארויס,
ניט אלץ וואס די פעדער פארשרייבט;
וואס מערער די צונג און די פעדער דריקט אויס,
אלץ מערער אין שטומקייט פארבלייבט.

אויך דער בעל החומש ווען ער דערציילט די מעשה וועגן פלוצימדיקן טויט פון אהרון הכוהנס צוויי זין, געפינט נישט קיין אנדער ווארט אויף איבער־צוגעבן אהרונס געפילן ווי באצייכענען עס דורך ״וידום אהרון״, אהרון איז פארשטומט געווארן...

און אַ גאָר שפּעטערדיקער פּאַרטרויערטער נביא, זאָגט עס נאָך שאַרפער און ביטערער ווען ער שילדערט דעם אנקומענדיקן גזר אויפן פאַרזינדיקטן פאלק, וואס ער זעט עס שוין ווי פאַרגעקומען: לכן, המשכיל בעת ההיא, ישב וידום כי נטל עליו, (דעריבער וועט דער פאַרשטאַנדיקער אין יענער צייט זיצן פאַרשטומט, ווייל א שווערע משא דריקט אים).

קומט דאָך אויס אז בלויז אין שטומען שווייגן קען מען אויסדריקן דעם צער און טיפן ווייטיק. ווי זשע קען מען אבער שווייגן בציבור! אזא שווייגן בציבור האב איך דורכגעלעבט בלויז איינמאל אין "יד לבנים" ביי פּתח־תקוה אין דער נאכט פון יום הזיכרון ביי די באַלויכטענע ווענט מיט די מצבה אויפשריפטן פון די געפאַלענע אין די מלחמות ישראל. אבער אפילו דאָרט האט מען עס סובלימירט מיט געזאַנג און אביסל רייד, נאָר די צוקנדיקע אַקסלען פון די פאַרשטומטע צעווייטיקטע מאַמעס פרויען און קינדער וואס זיינען צוגעפאַלן מיט די פנימער און ציטערנדיקע הענט צו די אויפשריפטן פון זייערע פריצייטיק פאַרשניטענע, האבן גערעדט און געשניטן די נאכט פינצטערניש הינטער זיי מיט אזא גרויל ווי ס'איז די גרויליקע ווירקלעכקייט פון דער מענטשלעכער הילפלאזיקייט אויף דער ערד.

אויך מיר אין אונדזער פאַל, זענען געקומען היינט מיטן פוילן וויסן אז דאס וואָרט פון טרייסט איז אונדז נישט געגעבן געוואָרן, אָבער אויך אינגאַנצן שווייגן קענען מיר נישט, וואס עס איז אונדז יא געגעבן געוואָרן איז, אז יעדער זאל אין די טיפענישן פון זיין געמיט זיך מתיחד זיין מיטן לעבעדיקן זיכרון פונעם אָפּגעשיידטן חבר ווי ער אדער זי האט אים געקענט, און פּרואוון אים געשטאַלטיקן אויפסניי ווי ער איז געווען און דאַרף מיט אונדז בלייבן. ס'איז דערביי אויך נויטיק צו נעמען צו הילף אַן אויסדרוק זיינעם, אַ ניגון, א מיגע און סיגע זיינע און אויך עס פאַרבינדן מיט א קינסטלערס אַן אויסדרוק, וואָס סובלימירט און סימבאָליזירט דעם באַשערטן גורל פון יעדן לעבן אויף דער דאזיקער ערד.

איינער פון אונדזערע עלטערע פּאָעטן פונעם דור פאַר די "יונגע" ה. רויזנבלאַט ע"ה, פאַרגלייכט אין זיינס א ליד דעם מענטשנס "זיין" און "פאַרגיין" צו א זעגל־שיף וואָס גליטשט זיך זיג־זאַגיש צווישן שטורמישע כוואַליעס ארויף־אַראָפּ און ערגעץ אין פאַרבאַרגעניש זיצט אַ שפּינער ביי זיין שפּינראָד און שפּינט און פאַרשפּינט אין דער פאַרהוילעניש אריין דעם סוד פונעם זעגלס פלאַטערן.

כ'וועל ציטירן בלויז א פּאָר פערזן פונעם סוף פון ליד:

דאס פענצער, בלוי
דער פאָדעם־גרוי
און גרוי, און בלוי דער הימל.

דעם שפּינערס ראָד
דערציילט אַ סוד
און שפּינט אים איין אין דרימל...

פּאַראַן אַ שלאָף
וואס האט קיין סוף,
אזא מין טראַנס מיין ליבער,
אינמיטן סוד
בלייבט שטיין דאס ראָד
און רייסט דעם פאָדעם איבער...

דער פאדעם פון צייט דיריגירט דעם זעגלס פלאַטערן און פּלוצים אין סאמע מיטן בלייבט שטיין דאָס ראָד און מיר קענען אין דעם גארנישט נישט ענדערן, אבער וואס מיר קענען יאָ, איז צוריקגיין צום אָנהייב און דעם מיטן פונעם פאָדעם ווען דעם שפּינערס ראָד האט זיך נאך געדרייט און דער זעגל האט געפלאַטערט. מיר קענען און דארפן עס טאָן כדי צו האלטן אים אין זיכרון כל זמן אונדזער זעגל פלאַטערט. דאס איז אפשר דער טיפערער זינען פון א מאמר אין תלמוד; אחד מן החבורה שמת, ידאגו כל בני החבורה — (אז איינער פון דער חברייא שיידט זיך אפ, זאל זיך זארגן די גאנצע חברייא).

וואס די זארג דארף זיין ווערט נישט געזאגט, קען מען זיך דערלויבן אריינצוטייטשן אין דעם אויך די זארג אז זיין זכר זאל מיט כבוד געהיטן ווערן, אז מ׳זאל נישט פארגעסן אין דעם וואס ר׳האט געזאגט און געטאָן. ווי זשע קען עס בעסער געטאָן ווערן ווי דורך ווידער לאָזן פלאַטערן זיין זעגל פאר אונדזערע אויגן מיטן פאָדעם פון פאַרבארגענעם שפּינראָד.

חבר אסטרעגערס פאָדעם האט זיך אנגעהויבן ציען מיט 76 יאר צוריק אין א וואַלד לעבן דעם שטעטל באַריש, וואס איז דאכט זיך אויף דער מאפּע קיינמאל נישט באצייכנט געווארן, אבער געווען נישט ווייט פון דער שטאָט בוטשאטש אין מזרח פוילן וואס דער מייסטער פון דער העברעישער פּראָזע עגנון ז״ל האט קינסטלעריש געשטאַלטיקט און אוועקגעשטעלט אין סאמע צענטער פון יידישן גלות־לעבן מיט זיינע אפענע און באהאלטענע חלומות און האפענונגען, ירידות און עליות. דער פאטער ר׳שמריה ע״ה, איז געווען א בראַקער אדער ווי מ׳האט עס דאן גערופן אינעם פאלקסטימלעכן לשון: געווען ״א מענטש״ אָנגעשטעלט ביי וואלד סוחרים. אונדזער ווערלוולס וויגל האט זיך דעריבער אנגעהויבן וויגן אין היפשער איינזאמקייט אין אַן אָפּגעלעגענעם וואַלד, אבער נישט אויף לאנג. צו פינעף יאר איז ער געווארן א יתום און די מאמע מיט די צוויי שוועסטער האבן זיך אריבערגעצויגן קיין באַריש וואו מ׳האט דעם פינעף יאָריקן יתום געבראכט יעדן טאג אין שיל צו זאגן קדיש נאכן פריצייטיק פאַרשטאָרבענער פאטער. די משפחה האט זיך

דאָן געגערט פון דער מאַמעס שווערער פּראַצע אין דער בעקעריי וואָס זי האָט אויפגעשטעלט. דעם בן יחידס יידישע דערציאונג איז אָבער געווען ווי פון אַלע באַלעבאַטישע קינדער אין יענע יאָרן. שפּעטער, מיט דער הילף פון פּריוואַט־לערער און דורך אַליין לערנען זיך דער־וואָרבן אויך ספּאָראַדישע אַלגעמיינע ידיעות. ווי אַ יוגנטלעכער געוואָרן אַקטיוו אין אַ ציוניסטישער גרופּע און ווי אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט וואָס איז אויפגעקומען אין ערשטן פערטל פון איצטיקן יאָרהונדערט, איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט די אידייען און שטרעבן צו באַנייען דאָס יידישע לעבן און איבערבויען די וועלט אויף נייע סאָציאַלע יסודות פון יושר און מענטשלעכע חשיבות. די שטעטלעך ווו די יוגנט האָט געלעבט זענען טאַקע געווען אָרעם און קליין, ענג און בלאָטיק; נידעריק צעוואָרפענע הייזלעך מיט שינדל און שטרוי באַדעקטע דעכער, דערפאַר אָבער איז דער חלום און דאָס שטרעבן געווען העל־בלוי און דאָס גאַרן נאָך וויסן און דערהויבענע מעשים ממש נישט צו דערזעטיקן. ביי די אויערן ממש האָט מען זיך געריסן אַ שפּרונג טאָן אין דער הייך און אוועקציען אין די וויטן צו די ברייטע האָריזאָנטן וואָס האָבן פּאָרט געלאָקט און אָנגעפילט די הערצער מיט אַזאַ הייליקן פייער פון אַ נייעם גלויבן, וואָס האָט געדאַרפט און געמוזט פאַרטרעטן דעם אַלטטראַדי־ציאָנעלן גלויבן פון די זיידעס און טאַטעס. אויבן אויף האָט זיך געדאַכט אַז עס קומט פּאָר אַ טראַגישער איבעררייס וואָס וועט פאַרפירן ווער ווייסן וווהין, און צום אומגליק מוז מען צוגעבן האָט עס טאַקע אַ סך פאַרפירט. קוקנדיק אָבער טיפער איז עס געווען נאָר אַן אַנדער אופן פון זוכן צו געפינען אַן אייגענעם "במקום המקדש". זייערע זיידעס האָבן זייער במקום המקדש אויפגעשטעלט דורך געשטאַלטן, גלויבן, חלום און ביטחון אויף ביאת המשיח וואָס וועט פאַרהיילן אַלע וווּנדן פון מענטשלעכן ביטערן גורל און דורך לערנען די הייליקע תורה און גיין אין אירע וועגן אין די אייגענע היימען און אין די בתי מדרשים און אוודאי אין די הויפן פון חסידישע רביים, ווי די קאָצקער פלעגן זיך פאַרגיין אין התלעבות: "קיין קאָצק פאָרט מען נישט, קיין קאָצק, גייט מען, ווייל קאָצק איז דאָך במקום המקדש". אַזוי האָט דער נייער דור געזוכט און געפילט זיין במקום המקדש אינעם זאַמלען זיך אין געהיים און אָפן אויף בוידעם שטיבלעך, אין וואַלד צי אין ביבליאָטעק ווו די נייע יידיש און העברעישע ליטעראַטור איז געוואָרן דער קוואַל פון וועלכן עס שפּרודלט אַרויס דער דערפרישטער אוצר פון פאָלקס־שאַפן; און אין דעם און איבער דעם האָט געשיינט דעם חלום און דאָס גרויס שטרעבן צו אַ נייער וועלט און אַ נייעם במקום המקדש ווו יעדער פאָלק וועט זיצן ביי זיין שפּינראָד און אויסוועבן די זיידענע סטענגעס וואָס וועלן פלאַטערן איבערן זעגל פון צייט עד סוף כל הדורות.

אָט פון דער יוגנט איז חבר אַסטרעגער געווען אַ טייל און אויף זיין

אופן געווירקט אין זיין קרייז, אבער ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האט אי פאַרשאַרפט און פארטיפט דאס זוכן א נייעם במקום המקדש און אי בלאַסער געמאכט די בלויע האריזאנטן און צעשטערט די אלטע נעסטן, האבן גאר א סך געמוזט און געגומען לויפן ווו די אויגן האבן געטראגן און ווו נאר ס'איז געווען אָפן אַ שפּאַרונע, איז חבר אָסטרעגער אנגעקומען אַהער אין יאר 1928.

דא האט אויף אים געוואַרט א נייער אנהייב מיט א סך יארן פון שווערער מי צו דערהאלטן זיך, יארן פון צופאסן זיך צום נייעם לאנד און פון זיין א "האַנט" אין אַ שאַפּ ווי ה. לייוויק ז"ל האט עס באצייכנט אין איינער פון זיינע דראַמעס, און כאטש די גירסא דינקותא, דאָס לערנען קינדווייז איז דורך דעם אוועקגערוקט געווארן אָן א זייט, האט ער נישט אויפגעהערט צו זוכן זיין במקום המקדש. ס'איז דערפאר פאר מיר נישט געווען קיין איבערראשונג ווען כ'האב דאס ערשטע מאל אים געטראָפן אין דעם ווארעמסטן זאמלפונקט אונדזערן אין יענע יארן, אין דער יידישער פאלקס ביבליאטעק צו וועלכער ר'איז גלייך צוגעצויגן געוואָרן האָט זיין אביסל צוריקגעהאלטענער בליק און דער נישט פארענדיקטער פארבארגענער שמייכל אויפן אָפענעם פנים מיך צוגעצויגן, און פון זיך אליין איז ער געוואָרן איינער פון דער חבריא.

געגויע 51 יאר האט ער דא אין דער שטאט און מיט א גרויסן טייל פון אונדז געווירקט און געווארן א לעבעדיקער ביישפיל פון באשיידענעם טוען מיט גרויס אחריות און ליבשאפט צום קולטור שאפן און זיינע אויסדריקער. יעדעס מאל ווען ער האט געקענט עפעס טאן פאר א שרייבער, א קינסטלער צי פאר א פּראיעקט וואס באַרייכערט אונדזער קולטור אוצר, האב איך אים געזען מיט די אויגן פון דער טראַדיציע, וואס רופט אזא איינעם "נושא כלים" (דער וואס טראגט נאך די זאכן) עס מיינט איינער וואס באדינט א רבין, א מנהיג נישט נאר כדי צו פאַרגרינגערן אים, נאר אויך כדי דערביי אליין עפּעס צו לערנען און באַרייכערן דעם אייגענעם וויסן. כדי צו קענען זיין א נושא כלים דאַרף מען אויך זיין א תלמיד וואס איז גרייט צו טאָן דאס שווערסטע כדי עפעס צו לערנען. מ'האָט געדאַרפט זען מיט וואס פאר א יראת הכבוד ער האט ארויפגעקוקט צו די קינסטלער מיט וועמען ער איז געקומען אין בארירונג צו פילן ווי עס האט אים באַאיינדרוקט. מ'האט געשפּירט בחוש אז דאס איז דער דערהויבנסטער טייל פון זיינע טעג און נעכט.

פון דעם האט אויך געשטאַמט זיין גרויס עקשנות און טיף באַנעמען דעם קולטור ווערט צו פאַרייביקן דאס לעבעדיקע גערעדטע און געזונגענע

יידישע וואָרט. ער האט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דערצו אין די לעצטע יאָרן און נישט געזשאַלעוועט נישט קיין מי און נישט זיינע אייגענע אָפּגעשפּאָרטע מיטלען ער האט ממש געאָטעמט דערמיט. אונדזערע צונויפקומען האט ער דערהויבן דורך טיילן זיך מיט זיינע אנגעזאמלטע אוצרות. זיין פרייד דערמיט, איז דערביי געווען ווי א ניגון פאַר זיך, וועלכער האט וויברירט פון זיין גאנצן וועזן.

א באזונדער קאפיטל אויף וועלכן איך קען זיך דאָ אפּשטעלן בלויז בקיצור איז זיין אומדערמידלעכע ארבעט צוזאמען מיט א קליינער צאל יחידים בראש מיט מלך ראוויטש ע״ה, וואס האבן צעשיקט פּעקלעך צו שרייבער פון דער שארית הפליטה. ס׳איז מיר אויך איינגעקריצט אין זיכרון זיין אריינגעטוענקייט אין דער אַקציע פונעם פאלקס־קאמיטעט וואס איז געשאפן געווארן גלייך ווען דער ערשטער דערציטער האָט דערגרייכט אהער אין אנהייב פון דער צווייטער וועלט מלחמה. אלע סיי די אלטגעזעסענע און נאך מער די וואס זיינען געקומען אהער נאך דער ערשטער מלחמה זיינען אויפגעברויזט געווארן, און לויט דער דורותדיקער דערפארונג, האט מען זיך גענומען צו די אלטע מיטלען פון ״ת״צ״ וואס מיינט תפילה, צדקה. ס׳איז ממש געווען א מין פאלקסמאביליזאציע צו גיין איבער די הייזער וועקן אלעמען און ביי יעדן נעמען וואס ער באוויליקט צום הילפס־פאנד. מיר איז א סך מאל אין די זונטיקס און אמאל אויך אין די אוונטן פון מיטן וואָך אויסגעקומען ארויפצוגליטשן זיך אויף די געדרייטע טרעפּ פון סיטי האל גאס ביז האטשיסאן מיט אים און א צאל אנדערע עלטערע און יינגערע חברים און קלאפּן אין די טירן און זאמלען הילף וואס דארף זיין גרייט ווען מ׳וועט קענען צוקומען צו די מקומות וואס זענען אין פייער אויף יענער זייט ים. דא איז נישט דאס ארט און פּלאץ מאריך צו זיין וועגן דעם, כ׳וויל נאר באמערקן אז אין יענע טעג האב איך געלערנט די אמתע טייטש וואס עס מיינט אַן אמתער פאלקסמענטש און אַן עכטער עוסק בצרכי ציבור באמונה. אויך דאס איז געווען א הייליקער זייל פון זיין במקום המקדש.

אויף צו דערגאַנצן דאס געשטאַלט פון דעם מענטשן וואס מיר האבן געקענט ווי חבר וואָלף אסטרעגער, וויל איך צוגעבן אַז אין די לעצטע יאָרן, דער עיקר נאכן באפרייען זיך פון דער שאַפּ־ארבעט, האט ער זיך שטאַרק באמיט צו פארטיפן זיין וויסן בכלל און די גירסא דינקותא בפרט דורך אויפנעמען קורסן און אליין זיך פארטיפן אין א ספר כדי צו דערלערנען דאס וואס ער האט פארפעלט אין די שטארק פארנומענע יאָרן. ער האט זיך ארומגעטראגן נאך מיט א סך פלענער, אבער דער פארהוילענער שפּינער ביים שפּינראָד האט פּלוצים דעם פאדעם איבערגעריסן און דער

צעפלאַטערטער זעגל האט זיך מיד און שלאַבעריק אַראָפּגעלאָזט און אוועק אין דער ווייטער פארהוילעניש אריין.

שטייען מיר פארשטומטע מיט א טיפן ווייטיק און שווערן געמיט און מורמלען: חבל על דאבדין ולא משתכחין! פון איצט אָן לעבט ער בלויז אין אונדזער זיכרון און טיף אין זיך ווילן מיר אים נאָכזאָגן די תפילהדיקע ווערטער פון י.י. סיגאל ע״ה.

"איר קאָנט מיך אייביקער און אייביקער באַהאַלטן און פאַרהילן און פאַרתפילהן אין אייערע טיפענישן און געדעכענישן.

גרויסער, גרויסער, שווייגנדיקער הימל, און קליין, קליין נידעריק בלאָ־בלימל.

פארגעסט מיך נישט,
פארגעסט מיך נישט

שעיה בעלקין ע״ה

מיט דער פּטירה פון שעיה בעלקין, איז אַוועק צו זיין אייביקער רו אַ קאָלירפולע דינאַמישע פּערזענלעכקייט וואָס האָט אין משך פון קרוב צו אַ האַלבן יאָרהונדערט געווירקט אין היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיינע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאַנאַדער יידישן קהילה־לעבן זענען פילזייטיק און נעמען אַרום כמעט אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע הילפס און קולטור אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס.

ער האָט געהערט צו דעם דור יידישע פאָלקס אינטעליגענטן, וואָס האָבן אינעם ערשטן פערטל פון היינטיקן יאָרהונדערט גענומען אויף זיך די היסטאָרישע שליחות פון ״גיין אין פאָלק״ און דורך אַליין לערנען און קריגן נייעם וויסן אים העלפן שטעלן זיך אויף די אייגענע פיס. זיי האָבן דאָ, צווישן דער עלנטער אימיגראַנטן מאַסע געשפּילט די ראָלע פונעם עלטערן ברודער, פונעם לערער און וואָרטזאָגער, וואָס שטאַרקט און גיט האָפענונג און טראָגט אַלע עולן צוגלייך מיט זיי.

שעיה בעלקין האָט זיין גאַנץ לעבן געווירקט און אויסגעדריקט די אידעאַלן און פאַרלאַנגען פון דער פועלי ציון באַוועגונג אין וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן גלייך נאָך זיין אָנקומען אַהער אין 1911. ער האָט זיך אָבער אַלעמאָל באַטראַכט ווי אַ דינער פון גאַנצן פאָלק און ניט בלויז פון זיין פאַרטיי. ווען מ׳לייענט זיין געשיכטע פון דער פּוע״צ באַוועגונג אין קאַנאַדע (דערשינען אין 1954) דערפילט מען אין דער אינטערפּרעטאַציע אַז אַזוי האָט ער אויך געזען זיין באַוועגונג. אַלע קאַמפן וואָס די באַוועגונג האָט געפירט און אַלע אינסטיטוציעס וועלכע זי האָט אַליין און מיט אַנדערע געהאָלפן שאַפן זענען געווען פאַרן גאַנצן פאָלק. לינדערן די טאָג־טעגלעכע פאָלקס נויטן און לייזן די סאָציאַלע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען זענען דער אלף און תיו און זינען פון זיין באַוועגונגס־שטרעבן, און צו דעם האָט ער געווידמעט זיין לעבן.

ער איז געווען פון די איינציקע פון זיין קרייז, וואָס איז געקומען אַהער מיט אַ באַגאַזש פון יידישן און אַלגעמיינעם וויסן, וועלכן ער האָט זיך דערוואָרבן אי אין זיין געבורטס־שטעטל סמילאַקאַ נעבן קיעוו און אי אין ווייטן מזרח, וווּ ער האָט געלעבט אַ צאָל יאָרן און דאָרט געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער גרופּע (ס. ס.). זיין יידישער און אַלגעמיינער וויסן, וועלכן ער האָט דאָ געהאַלטן אין איין באַרייכערן ניט קוקנדיק אויף די שווערסטע באַדינגונגען, ווי אויך זיינע איינגעבאָרענע פעיקייטן פאַר אָרגאַניזאַציע און קלאָר לאָגישן טראַכטן, האָבן אים גיך

אַוועקגעשטעלט ווי אַ צענטראַלע פיגור צווישן די אַקטיוויסטן וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף פאַר טרעיד יוניאָנס, פאַר אַן אָרגאַניזירטער יידישער קהילה, פאַר נייע קולטור און דערציאונגס־אינסטיטוציעס, פאַר אָרגאַניזירטער הילפס־טעטיקייט, און גרויס פאַרנעמיקע אַרבעטן פאַרן ארץ ישראל אויפבוי.

די צייטן זיינען געווען גורלדיק אַנטשיידנדיקע פאַר דער וועלט און יידן, האָט דעריבער די קליינע גרופּע געצומען אויף זיך אחריותן פון היסטאָרישן פאַרנעם. ס'איז ממש צו באַוואונדערן זייער מוט און וויזיע אין דער דעמאָלסטיקער סביבה. ס'איז אָפט ממש ניט מעגלעך צו באַנעמען דעם ווונדערלעכן מסירת נפש וואָס זיי האָבן באַוויזן ביים דורכפירן די פלענער פאַר הילף און אויפבוי. דער דאָזיקער פעריאָד, איז נאָך ביז היינט קינסטלעריש ניט געשטאַליקט געוואָרן. מיר זענען אָבער זיכער, אַז ווען דער קינסטלער וועט קומען, וועט שעיה בעלקין זיין אַ הויפט־טיפּ אין דער עפּאָפּיי. זיין פירנדיקע ראָלע אין דער גרינדונג פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, יידישע פאָלקס ביבליאָטעק, יידישע שולן, קאַמף פאַר סעפּאַראַטן שול־וועזן און די הילפס טעטיקייט אין די שווערע יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה, און גלייך נאָך דער מלחמה, זיין קאָלאָניזאַציע און אימיגראַציע אַרבעט, איז איינע פון די שענסטע און דערהויבנסטע אין היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט לייב און לעבן און גרויס אחריות האָט ער דורכגעפירט זיינע געזעלשאַפטלעכע שליחותן וואָס האָבן אים דערהויבן צו דער פּאָזיציע פון ווערן דער שליח פונעם גאַנצן קיבוץ קאַנאַדער יידן.

ווי דער פּאָרזיצער פון דעם דעמאָלסטיקן "אוקראַאינער הילפס פאַרבאַנד" איז ער אין 1920 געווען דער ערשטער יידישער שליח פון קאַנאַדע (צוזאַמען מיט נאָך איינעם אַ מר. זאַלצמאַן פון וויניפּעג) וואָס האָט געבראַכט די ערשטע ברידערלעכע הילף פון דאַנען צו די רואינירטע יידישע שטעטלעך דאָרט (זע וועגן דעם איז זיין בוך אין ענגליש "דורך שמאָלע טויערן"). מיט אמתן מסירת נפש האָט ער זיין שליחות דורכגעפירט, און גאָר גאָר אַ סך יידישע משפחות דאָ אין לאַנד האָבן אים צו פאַרדאַנקען זייער און זייערע קינדערס געראַטעוועט ווערן פון פאַרלענדונג. יענע שליחות וואָס איז געווען פול מיט גרויס פערזענלעכן געפאַר איז געווען אַ היסטאָרישע זכיה פאַר אים און פאַר די קאַנאַדער יידן וואָס האָבן אים געשיקט. דער קאַנאַדער יידישער קיבוץ איז דאַן דאָס ערשטע מאָל אויפגעטראָטען אין דער יידישער עפנטלעכקייט אין דער ראָלע פון דעם ברודער יוסף מיט דעם אייביק פלאַמיקן חומש פסוק אין מויל: את אַחי אנכי מבקש!

אין זיין גרויסער באַשיידנקייט, האָט ער אין יעדע זיינע גוט

דאָקומענטירטע געשיכטע ביכער סיי פון דער פועלי־ציון באַוועגונג, סיי פון דער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אַרבעט אין קאַנאַדע, זיין אייגענע ראָלע ניט צו שטאַרק אַקצענטירט. אָבער די ווייניקע וואָס האָבן טיילווייז מיטגעמאַכט יענע עפּאָכע ווייסן וואָס פאַר אַ ראָלע ער האָט געשפּילט סיי אין די קליינע טאָג־טעגלעכע אַרבעטן סיי אין די גרויסע מאַסן פאַרזאַמלונגען און פּראָטעסט דעמאָנסטראַציעס מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט אין פאַרשיידענע צייטן נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין אוקראַינע, שפּעטער אין די היטלער יאָרן און די גרויסע היסטאָרישע פרייד איבערלעבונגען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און אין 1948 ביי דער גרינדונג פון מדינת ישראל.

אויסערלעך האָט שעיה בעלקין געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטילן, באַזאַכטן מענטשן וואָס גייט פּאַמעלעך, רעדט פּאַמעלעך און טוט פּאַמעלעך, ביי וועמען די לאָגישע באַטראַכטונג האָט די אויבערהאַנט, אָבער אַז מ׳האָט אים נעענטער געקענט און געזען ביי דער אַרבעט האָט מען אים געזען אין זיין גאַנצער דינאַמיק און דורכגענומענקייט מיט אהבת ישראל, דרך ארץ פאַרן מענטשן און שטענדיקע גרייטקייט צו העלפן. אַליין אַ באַצערטער מיט שווערע פאַמיליען איבערלעבונגען, האָט ער טיף געפילט יענעמס צער. דאָ האָט ער זיך אַלעמאָל געאיילט צו ברענגען זיין טרייסט וואָרט און פּראַקטישע הילף ווען ער האָט נאָר געקאָנט. אויף אים האָבן אַלע געקוקט ווי אַ חבר, אַ פירער אַ נאָענטער פערזענלעכער פריינט. זיין טויט האָט פאַרטרויערט ניט נאָר זיין באַוועגונג און דעם קאַנאַדער יידישן קיבוץ וועמען ער האָט אַזוי טריי געדינט, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל יחידים וואָס האָבן געלערנט פון אים און געהאָלפן געוואָרן דורך אים.

צו דער משפּחה און אַלע פאַרטרויערטע זאָגן מיר: זיין לעבן איז געווען רייך און פול און האָט באַרייכערט און דערהויבן אונדזער לעבן דאָ.

לאָמיר געדענקען זיין לעבן און זיינע מעשים.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

(1969)

אַ מערקווירדיקער טיפּ איז פאַרשוווּנדן

(צו די שלושים פון מ. י. גאָרעליק ע״ה)

איך בין זיכער, אַז ווען עס וועט קומען דער שרייבער, וואָס וועט שילדערן דאָס יִדיש־יִדישע מאָנטרעאַל אין די לעצטע פאָר צענטלינק יאָר און געבן אַ בילד פון די מענטשן וועלכע האָבן מיט זייערע מעשים נישט נאָר געהאָלפן, נאר אויך באַשיינט דאָס אַלץ וואָס איז דאָ געטאָן געוואָרן פון און פאַרן פּשוטן פאָלק, וועט ער זיך זיכער אָפּשטעלן מיט פאַרוווּנדערונג און דרך־ארץ אויפן לעבן און טוען פון דעם אייגנאַרטיקן מענטש, וואָס ס׳איז געווען משה יצחק גאָרעליק ע״ה.

אפילו אין זיין אויסערלעכקייט, אין זיין געבוי, איז געווען עפּעס מערקווירדיקס; אינגאַנצן אַביסל העכער בלויז פון מיטעלן וווּקס און דאָך האָט ער זיך אַלעמאָל אַרויסגעזען צווישן אַן עולם. ברייטפּלייציק, מיט אַביסל אַ פאַרשפּיצט בייניק פּנים, שמייכלט עס דיר דאָך אַנטקעגן מיט אַ שייַנענדיקער תמימות און נייגעריקער גוטסקייט; אַ מענטש פון ווייניק רייד, ס׳איז אים אפילו שווער קלאָר זיך אויסצודריקן, איז אָבער ביי אייך אַלעמאָל דאָ דאָס געפיל, אַז ס׳לעבט אין אים אַ פולער קוואַל פון טיפע איבערלעבונגען מיט אַן אויסער ווי געוויינטלעכע פאַרשטענדעניש פאַרן מענטשלעכן גורל. און איבער אַלץ דאָמינירט אַ גרויסער דרך־ארץ פאַר אַלע מעשים, וואָס זוכן לייכטער צו מאַכן און פאַרקלענערן די שווערע פולע טעפּ נויט מיט וועלכע מענטשן ראַנגלען זיך.

אין האַלבע און מערסטנס נישט פאַרענדיקטע זאַצן גיט ער אייך אַ רמז אויף דער גאַנצקייט אין אים, אויף דעם וואָס עס טוט זיך אין זיין וואַרעמער נשמה. וויפל פרייד עס גיט אים צו קענען זיין אַ שותף צו מעשים און שאַפונגען, וואָס פאַרשענערן און פאַרבעסערן דאָס לעבן פון אַ יחיד און כלל.

„איר זעט דאָס בילד?! מ׳לערנט דאָרט אויס גוטע בעל־מלאכות״ — האָט ער מיט אַ שיינענדיק פּנים אָנגעוויזן אויף דעם בילד פון דער פאָר־שולע „עמל״ וואָס ער האָט געהאָלפן אויפבויען אין ישראל. „איך געדענק נאָך ווי מ׳האָט מיך געלערנט״ — טונקלט זיך זיין שיינענדיק פּנים און דאָס גאַנץ קליינע אָפּיסל אין זיין גרויסער מעבל־פאַבריק, ווערט פול מיט נישט פאַרענדיקטע דערמאָנונגען, וועלכע גיבן פאָרט איבער אַ גאַנץ בילד פון זיינע לערן־יאָרן אין אַ סטאָלעריי וואַרשטאַט. ווען איר דערציילט אים אַז אַ גרויסער יִדישער קינסטלער יונה ראָזנפעלד, האט אין זיינס אַ ווערק

פּאַרייביקט אַזאַ סאָרט איבערלעבונג, ווערט ער איבערגענומען דערמיט: ״אוודאי בין איך נישט דער איינציקער. פון די הײנטיקע וועט מען שוין נישט דאַרפן שרייבן אזוי. די הסתדרותניקעס ווייסן ווי צו לערנען. זיי זענען דאָך אַליין אַרבעטער, נישט אַזוי?!״: קומט ער צוריק צו זײַנעם און דער נחת ליגט אויסגעשפּרייט אויף די פאַרשאַרטע אַרבל און היפּשלעך נאָכגעלאָזענע מלבושים.

נאָך עטלעכע מאָל טרעפן זיך מיט אים, ווערט גאַנצער דאס בילד פון אַ מענטשן וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון נויט און ליגן אונטער יענעמס קנאַפּל. אַ שווערע יוגנט געהאַט. שטאַרק געוואָלט און נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען ווי געהעריק. אין די צוואַנציקער יאָרן אָנגעקומען אַהער נאָך שווערע איבערלעבונגען און גנבענען גרעניצן. ״איר ווייסט, ווען כ׳האָב זיך געראַטעוועט אַהער און געגומען קלאַפּן איבער די טירן מיטן קעסטל כלים אויף די אַקסל, האב איך זיך א נדר געטאן ״גאַרנישט נישט צו פאַרגעסן״. טיילן זיך מיטן ביסן און העלפן קינדער אין לערנען. זיי לערנען גוט אייערע קינדערלעך, האַ?״— שפּרינגט ער פון איין זאַך צו דער צווייטער, —״אַ לעבן אויף זיי. אויך די כלים זענען דאָ ביי מיר מיטן פאַרטעך״.

״יעדן פרימאָרגן פאַרן אַריינגאַנג אין פאַבריק — פירט ער מיך אַריין אין אַ צימערל ווו עס ליגן נאָר די כלים מיט וועלכע ער האט דא אָנגעהויבן.

״מ׳דאַרף זיך אַליין דערמאָנען, אז נישט פאַרגעסט מען״ — שמייכלט ער מיט דער זעלבער תמימות ווי אַלעמאָל און מיט אַ פשטות וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט באקלאגט ער זיך:״מ׳פאַרגעסט אָבער. מ׳איז דאָך אַלעמאָל פאַרנומען מיט קלייניקייטן פאַרגעסט מען. איז גוט וואָס ס׳זענען דאָ דערמאָנער, זייער גוט״ שײַנט ער ווידער אויף. ״יעדער פרימאָרגן פאַרן אַרייגגיין אין אָפיס, גיי איך אַריין אַהער...״

נאָך יעדער באַגעגעניש מיט אים גייט מען אוועק מיטן געפיל, אַז דער מענטש האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף דער מדריגה פון געבן מיט הנאה. ער איז ממש הונגעריק געווען צו געבן און זיך נישט געקענט אָנזעטיקן. איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צייט וואָס מ׳האט נישט געהערט פון אים, מעגט איר זיין זיכער אַז דער טעלעפאָן וועט די טעג אַ קלונג טאָן און ער וועט אייך בעטן אַריבערקומען. ער האָט שוין צוגעגרייט מיט וואָס צו זעטיקן דעם הונגער.. אַז עס מאַכט זיך ער האט אַמאָל געמוזט געבן ווייניקער אויף אַ געוויסן צוועק, האָט עס אים ווי געטאָן. ער נעמט זיך פאַרענטפערן פאַר וואָס ער קען איצט נישט געבן אַזוי פיל וויפל מ׳וויל פון אים און אַ מאָדנער אומעטיק שעמעוודיקער שמייכל בלאָנדזשעט אַרום צווישן די פאַרשפּיצטע קינבאַקן ווי פאַרשולדיקט.

געגעבן האָט ער אַלעמען: דעם יחיד — מיד ליד און נאכמער מתן־בסתר דורך אַנדערע. ממש לעגענדעס גייען אַרום וועגן דעם. זיין שול ווו ער האָט געדאַוונט האט ער אינגאנצן געטראָגן אויף די פּלייצעס און צוליב דעם זיך נישט אַרויסגעצויגן פון געגנט ווי א סך פון זיין סאָציאַלן שטאַנד האָבן געטאָן. ״דאָ זענען מיינע יידן. מיט זיי בין איך אין דער היים״, און היים האָט ביי אים געמיינט אַ ־שיל, אויך אַ יידישע שולע דווקא אין אַלטן געגנט, אַ ישיבה, אַ יידיש בוך, אַ ספר. אלץ וואס איז פאַלקסטימלעך איז אים טייער געווען. אַלע וואָס זענען זיך מתעסק מיט דעם האָט ער ליב און קוקט ארויף צו זיי. ״יידן טוען אין לערנען״, ״דאָס זיינען מיינע יידן״ איז ער זיך מחיה.

״זיי דאַרפן מיך מער האָבן״, האָט ער גאַנץ אָפן דערקלערט ווען מ׳האָט פון געוויסע קרייזן געהאַט טענות צו אים פאַר וואָס ער פאַרפעלט נישט קיין איין געזעלשאַפטלעכע פונקציע אין דער אַזוי גערופענער ״איסט סייד״ אָבער ווייזט זיך זעלטן ביי אַנדערע.

מ׳האט דער עיקר געדארפט אים זען ביי אַ געזעלשאפטלעכן צונויפקום זיצנדיק מיט זיין משפחה אַרום אַ טישל אָפּגערוקט אַביסל פון אויבנאָן. מיט וואָס פאַר אַ פרייד ער האָט עס געגעבן און ווי דאס פנים זיינס האָט געשיינט קוקנדיק אויף דער משפחה, וואָס האָט ווייזט אויס די זעלבע הנאה פון געבן ווי ער. דאָס איז אַ באַזונדערע זכיה פאַר אַ מענטש און ער ווייסט עס און שאַצט עס אָפּ. ער גיט פאַר זיך, פאַר דער פרוי, פאַר די קינדער און פאַר די אייניקלעך. ער גיט און קען נישט זאַט ווערן פון געבן. ״אַז מ׳וועט לעבן און זיין געזונט, וועט מען נאָך פאַרבעסערן.״ — שמייכלט ער זיך אונטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מענטשן שלעפּט מען צום אויבנאָן, האָט ער זיך אָבער נישט געלאָזט. ״מיט מיין משפחה איז מיר היימלעכער״. אויך אין זיין שיל ווו ס׳איז אים זיכער געקומען דער אויבנאָן, איז ער געזעסן צווישן עולם, צווישן זיינע יידן.

״בתוך עמי אנוכי יושב,״ און פון צווישן זיי האָט ער זיך ארויסגעזען און אַרויסגעשיינט די געציילטע יאָרן וואָס זיינען אים באַשערט געווען.

יהי זכרו ברוך!

(1959)

חיה׳לע גראָבער ע״ה

פון ישראל איז געקומען די טרויעריקע ידיעה, אז די באַליבטע טאַלאַנטפולע יידישע בינע קנסטלערין חיה׳לע גראָבער איז לעצטן שבת צו־נאַכטס געשטאָרבן נאָך אַ פאַרצויגענער, שווערער קראַנקייט. מיט איר טויט איז אַוועק אין דער אייביקייט אַריין אַן אייגנאַרטיקע קינסטלערין וואָס האָט מיט גרויס ליבשאַפט און פאַרטיפטער קינסטלערישער פאַרשטענדעניש אויסגעדריקט דאס אינערלעך נשמהדיקע איבערלעבן פון יידישן פאָלקס־מענטש דורכן יידישן פאָלקס־ליד און חסידישן ניגון. באַגלייט פון מייסטעריש־ריטמישע באַוועגונגען און סטיליזירטן טאַנץ, האָט זי באַוויזן צו געשטאַלטיקן און אַרויסברענגען דעם טרויער און צער פון די שווערע וואָכן־טעג און די עקסטאַטישע, אינערלעכע פרייד מיט דער דבקותדיקער (דוויקעסדיקער) קדושהדיקייט פונעם שבת און יום־טוב פונעם יידישן מענטש.

חיה׳לע גראָבער איז געבוירן געוואָרן אין 1894, אין ביאַליסטאָק, פוילן, ביי א סוחרישער משפחה. איר יידישע דערציונג האָט זי געקראָגן פון פריוואַטע לערער און די אַלגעמיינע בילדונג אין אַ רוסישער גימנאַזיע. נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן, האָט זי אין זיך איינגעזאַפּט דעם איידעלן קלאַנג און געשמאַק פון ליד און ניגון. אין איר בוך ״מיין וועג אליין״ דערציילט זי וועגן דעם אַזוי: ״ביי מיר איז ליד שוין גאָרנישט געווען קיין צופאַל. ליד האָט אין מיר אַריינגעזונגען מיין באָבע און מיינע עלטערן.״

״מיין באָבעס ערשט ליד וואָס כ׳האָב אויפגענומען איז געווען וועגן דעם ״בלימעלע״ וואָס ליגט אויפן מיטן וועג און אַלע טרעטן אויף דעם. דאס ליד, פלעגט מיין באָבע פאַרענדיקן מיט — ״ האַי, דאס מיינט מען ס׳פאָלק ישראל, קינד מיינס!״ נאָך דעם ליד האָבן אנגעהויבן אָפּקלינגען אין מיר לידער פון גאָלפאַדנס אָפּערעטעס; שפּעטער — אַריעס און ראָמאַנסן; און פאָלקסלידער האָב איך געהערט פון די אָרעמע לייט אויף אונדזער הויף און אויך פון די מיידלעך וואָס האבן ביי אונדז געדינט. צוזאַמען מיט דעם זענען ביי אונדז שטענדיק געזונגען געוואָרן טראַדיציאָנעלע יום־טוב געזאַנגען און תפילות. אַזוי האָט זיך ביסלעכוויז אַנטוויקלט ביי מיר דער דראַנג זיך אויסצוזינגען״.

מיט אט דעם דראַנג אויסצוזינגען זיך, איז זי אין די שווערע יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מאָסקווע צוזאַמען מיט דער משפחה ווי פליטים, און דאָרט איבערגעלעבט די רעוואָלוציע. ״מיט קיין פאַרמעגנס, — דערציילט זי — זענען מיר נישט געקומען. אַלץ

וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט איז געווען מיין גייסטיקע ירושה און איינגעוואָרצלטע טראַדיציע." מיט דעם גייסטיקן באַגאַזש איז זי אָנגעקומען אין דער סטודיע פון דעם באַרימטן העברעישן טעאַטער "הבימה" וואָס בנימין צמח ע"ה, אירער אַ בן־עיר האָט דאַן געגרינדעט. נאָך צען יאָר זיין מיט דער "הבימה" און מיטמאַכנדיק אין די צוואַנציקער יאָרן דער "הבימהס" טריאומפאַלן טורנע איבער אייראָפּע, איז דער דראַנג צו געפינען אַן אייגענעם קינסטלערישן אויסדרוק וואָס איז נישט געפּענטעט פון אַ קאָלעקטיוו רייַף געוואָרן ביי איר און זי האָט זיך פאַרנומען מיט איר נוסח אי זי רופט עס "מיין וועג אַליין". ווי אַ סאָלאָ קינסטלערין איז זי אויפגעטראָטן כמעט אין אַלע יידישע יישובים איבער דער וועלט און אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. אירער אַן אויפטריט האָט מיט זיך געבראַכט יום טובדיקע דערהויבונג און אויפגעוועקט אפילו ביי די דערוויטערסטע פון יידישן שטייגער אַ געפיל פון דרך־ארץ צום עכטן יידישן לעבנס־סטיל און געפיל.

אין מאָנטרעאַל איז זי צום ערשטן מאל אויפגעטראָטן אין ווינטער פון 1928 און זיך גלייך דערוואָרבן אַ גרויסע צאָל פאַרערער און איבערגעבענע פריינד, וואָס האָבן איר שפּעטער אין די דרייסיקער יארן, ווען זי האט זיך באזעצט אין מאנטרעאל, — דערמעגלעכט אויפצושטעלן אַן אייגענע טעאַטער סטודיע וואָס האָט עקזיסטירט אַ צאָל יאָרן און קינסטלעריש באַרייכערט די היגע יידיש־קולטור סביבה. צווישן אירע נאָענסטע פריינד אין יענע יארן זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער ענטוזיאַסט און וואַרעמער ייד, דער פּועל־ציון חנניא בר" מאיר קייזערמאַן וויטאַל ע"ה — (אזוי האט ער זיך ליב געהאט פאַרצושטעלן) און זיי אויך צו לאַנגע יאָר דבורה און דר. הערשל ראָזענפעלד. זיי האָבן ממש אויסגעטראָגן איר זיין אין מאָנט־רעאל און איר געהאָלפן אַראַנזשירן אירע דערפאָלגרייכע באַזוכן אין אַנ־דערע שטעט און לענדער. שפּעטער זענען צוגעקומען אַ סך אַנדערע וואָס דורך זייער פריינטשאפט, האָט חיה'לע געפילט אַז ווו זי זאָל נישט זיין, איז מאָנטרעאַל איר היים־שטאָט. מיט דער הילף פון אירע פריינד, האט זי אַרויסגעגעבן אירע זכרונות אין צוויי בענדער: "צו דער גרויסער וועלט" אין 1952 און "מיין וועג אַליין" אין 1968, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ קלאָרן סטיל און אינטערעסאַנטן אופן פון שילדערן איר לעבנס־וועג. זי האט אויך אנגעשריבן אַ פּיעסע "אויף פרידלעכער ערד" וואס איז געשפּילט געוואָרן אין אויסטראַליע. כדי צו פייערן איר אַכציק יאָריקן געבוירנטאָג, — "מיין וועג אַליין, האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אין מאָנטרעאַל, — האָט זי דאַן שטיל אַ שעפּטש געטאָן עפּעס אין א מיסטעריעזן אונטערטאָן, — פיל איך אַז דאָ צווישן מיינע פריינד, איז דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך און זאָגן: "גענוג, עד כאן און נישט מער..."

די נאָענטע פריינד האָבן טאַקע זיך באַמיט אַלץ צוצוגרייטן ווי געהעריק. ס׳איז געווען א דערפאלג אין אלע הינזיכטן. געקומען א גרויסער עולם, אָבער צום באַדויערן, איז שוין חיה׳לען נישט באַשערט געווען אויפצוטרעטן ביי איר געזעגענונגס אָוונט. מיט אַ נאַכט פריער האָט זי פלוצים געקראגן אַן אַטאַק און מ׳האט זי געמוזט נעמען אין שפּיטאָל אַריין. דער אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן מיט כבוד אָבער בלויז איר קול האָט מען געהערט פון אַ פריערדיק רעקאָרדירטן פּראָגראַם. אירע באַוועגונגען האָט מען זיך שוין געמוזט בלויז פאָרשטעלן. ווען זי איז אַרויס פון שפּיטאָל, איז זי אין עטלעכע וואָכן אַרום צוריקגעפאָרן קיין ישראל ווו זי איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ בית־אבות ביז די שווערע קראַנקייט האָט זי בייגעקומען און פאַרשטומט אויף אייביק.

אויף איר מעג מען זאָגן מיטן לשון פון מהר״ל ז״ל: ״דער דיבור, איז די צורה פונעם מענטשן — שפּראַך בכלל איז די צורה פונעם פאָלק. ווייל צו דעם וואָס איז זוכה צו באַהעפטן זיין צורה מיט דער צורה פון זיין פאָלק״!

דריי יובילאַרן:

(מחשבותן און באַמערקונגען צו די פייערונגען לכבוד ש.מ. זעלטשען, יוסף אַלטער טשערניאַק און בערל שעפּס)

עס זעט אויס אַ צופאַל בלויז, וואָס מארק זעלטשענס (רעדאַקטאָר פון וויניפּעג "דאָס יידישע וואָרט") אריבערטרעטן די שוועל פונם זיבעטן צענדליק, פאַלט צונויף מיטן דערגרייכן די זיבעציק פון זיין חבר און פריינד י. א. טשערניאק און דאָס צושפּאנען צו דער העלפט פון גבורה (75) פון זיין חבר און פריינד בערל שעפּס. א צופאַל טאקע, און דאָך?! — אוודאי קלייבט זיך קיינער ניט אויס ווען און אין וועמעס דור געבוירן צו ווערן. אפילו דאָס צונויפטרעפן זיך פון מענטשן אין אַ באשטימט אָרט, זעט אויס צופעליק און ניט פּאָרויס פּלאַנירט. זיכער איז, אז עס קומט מערסטנס פּאָר אַן אונדזער פּאָרויסוויסן און יעדערער אויף זיין אופן גייט באזונדער זיין וועג. אָבער ווען עס געשעט שוין, ווען מ׳קען שוין א קוק טאָן אויף צוריק — דערזעט מען, אז אָט זענען מענטשן ארויסגעריסן געוואָרן פון זייערע ערטער אין א באשטימטער צייט; פאַרשיידענע סיבות האָבן געפירט צו דעם און דורך פאַרשיידענע וועגן האָבן זיך די מענטשן דערשלאָגן צו א ברעג אין אַן ערגעץ, און זענען שוין נאָכדעם פאַרבונדן צווישן זיך א גאַנץ לעבן. פון פריערדיקן צופאַל ווערט עפּעס באשטימטס וואָס לייגט אַ חותם אויף דעם אָרט און אויף די מענטשן. און אז עס קומט די צייט צו באַצייכענען דאָס וואָס די מענטשן האָבן אויפגעטאָן אין זייער צופעליקער פאַרבונדנקייט — ווערט פון דעם צופאַל עפּעס ווערטיקס און באַשערטס גאָר, וואָס מיר קענען זיך שוין ניט פּאָרשטעלן אז עס האָט געקענט זיין אנדערש. די געזעלשאַפטלעכע באַצייכענונג זעט דאָס וואָס "דער צופאַל" האָט צוגעגרייט אין משך פון יאָרן און עס גלייבט זיך עפּעס מער ניט, אז דאָס פריערדיקע איז געווען בלויז צופאַל, און אוודאי איז שוין גאָרניט קיין צופאַל וואָס די דריי יחידים געהערן אַלע צו איין קרייז און דורך זייער קרייז געהאָלפן מאַכן פון יידישן וויניפּעג אַן עיר ואם בישראל. יידיש וויניפּעג איז געוואָרן דאָס וואָס זי איז היינט נאָר אַ דאַנק דער געזעלשאַפטלעכער און שאַפערישער אַקטיוויטעט פון אזעלכע צופעליק צונויפגעטראָפענע יחידים ווי די אויבנדערמאָנטע דריי.

דעם "אין אַ לאַנד אַ ווייטן", ווי עס זינגט זיך אין רעפרעין פון קינדערהימן פון דער וויניפּעגער פּרץ־פאָלקס שול, האָבן זיי איבערגעמאַכט אין אַ נאָענטן לאַנד. פון דעם לאַנד פאַרוויסט פון שנייען און פאַרקאָוועט אין פראָסט, איז געוואָרן אַ וואַרעם היימישער יידישער ישוב ווו אַ יידישער מענטש קען זיך אויסלעבן ווי זיין הארץ גלוסט. מיטלעבן די

ליידן און פריידן פון דער גרויסער יידישער צעשפּרייטקייט און מיטחלומען דעם חלום פון א נייער שאַפערישקייט און העלפן בויען דעם אייגענעם ישוב ווי אַ טייל פון דעם נייעם לעבן. מ׳איז מער ניט אָפּגעריסן פון דער וועלט, מ׳איז א טייל פון אים אין דער וועלט.

עס וואָלט מיך צו ווייט אוועקגעפירט ווען איך זאָל איצט וועלן געבן אפילו אין א סקיצירטער פאָרם די גייסטיקע וועלט פון וועלכער זיי זענען געקומען און די שטרעבונגען מיט וועלכע דער קרייז האָט געלעבט. איך וויל בלויז באמערקן, אז ווי איינער זאָל ניט אָפּשאַצן דעם אַזוי גערופענעם יידיש וועלטלעכן קרייז און דעם ווערט פון זיין אויפטו אין יידישן לעבן, איינס איז איצט קלאָר, אַז די שאַפערישע מיטגלידער אירע, האָבן געטראָגן אין זיך אַ גרויסן אוצר און א ליכטיקע וואַרעמקייט. און כאָטש דער קרייז האָט דאָך זיך געריסן איבערצורייסן מיט אַ סך מסורהס און אָנגענומענקייטן וואָס זענען פאַרהייליקט געוואָרן אין יידישן לעבן און פירונג, האָט ער — אפשר אליין ניט ווויסנדיק — זיך געהאַלטן ביי איין גרויסער טראַדיציע, וועלכע איז ממש לעבנסוויכטיק פאַר יידישן קיום דורך דורות. איך האָב אין זינען די טראַדיציע פון פּערזענלעכער אחריות פאַר קיום. צום קירצסטן קען די טראַדיציע פאָרמולירט ווערן אין אָט דעם איינשטעל: ״א צונויפזאמלונג פון יידן איז א קהילה — לעבט זי ווי אַן עדה מיט, מצוות און מעשים טובים; בלויז צען יידן זענען א מנין — קענען זיי האָבן א שליח ציבור, זאָגן קדושה וברכו און קדיש און קריאה בציבור; דריי יידן צוזאַמען זענען טאקע ניט קיין ציבור, אָבער א מזומן זיינען זיי — עסן זיי און בענטשן צוזאַמען: אָבער אויך איין ייד אליין איז ניט פּטור פון מצוות. ער איז ניט פּטור פונעם שמע ישראל! פונם והגית, ושיננתם — ער דאַרף אַליין דאווענען, אַליין לערנען און לערנען זיינע קינדער״...

זענען געקומען יחידים, צופעליק צוגעשלאָגענע צום ברעג פון ווייטן וויניפּעג, צום לאַנד דעם קאַלטן, פונקט ווי אַנדערע קאַלטע און ווייטע ברעגן און אויף זייער אופן גענומען אויף זיך צו דערוואַרעמען זיך און דאָס קאַלטע לאַנד.

קליין איז נאָך דער ישוב, און נאָך קלענער צוליב דער צעטיילטקייט און מיינונגס פאַרשיידנקייטן. אָרעם און שטאַרק פאַרנומען מיטן זאָרגן פאַר דער טאָג־טעגלעכער אויסקומעניש. זעלטן ווען עס קומט עמיץ פון דער גרויסער וועלט, וואָס איז אַזוי ווייט און אויך פאַרנומען מיט זיך. זעלטן אז עס קומט אַ רבי, אַ פירער, אַ רעדנער, אַ לערער וואָס האָט עפּעס צו זאָגן. קלעפּט מען איינער צום אנדערן און מ׳ווערט א מנין. די צופעליק צונויפגעטראָפענע ווערן זיך אייגן און נעמען שאַפן פאַר זיך אַן אייגן לעבן.

האָט בערל שעפּס, וואָס איז מן הסתם אין זיין שטעטל קיינמאָל קיין שירים־עסער ניט געווען, גענומען וואַרעמען זיך מיט אַ חסידישן ניגון און אַן עבט־פאָלקס ליד, און דערמיט דערוואַרעמט אַלעמען אַרום זיך. אַלעמאָל אַ שנעלער, אַ זשוואַווער; פלינק אין רעדן און אין באַוועגן זיך, ממש א שפּרינגענדיקער — האָט אים דער חסידישער ניגון אַ ריס געטאָן פון אָרט און געגעבן אויסדרוק צום קאָכיקן ברויזן אין אים. אָבער דערזעלבער ניגון האָט אים אויך מאָמענטנווייז אַזוי פאַרדבקהט און (ביי אַ "חסידים באָל" גערופן אויך טייל מאל "ביים רבינסטיש" פאַרטאַנצט אַז סיי ער און סיי די ווייניקע האָבן פארגעסן אין דער פארשטעלעניש ווי חסידים אין וועלכער זיי האָבן ביי דער געלעגנהייט זיך פאַרגרימירט. ס׳איז ניט געווען מער קיין שפּיל, נאָר אין דעם לאנד דעם קאַלטן האָט מען זיך דערוואַרעמט מיט אַ ניגון וואָס האָט דורות הינטער זיך, און זיי זענען איינס געוואָרן מיט די דורות פון אינעווייניק, כאָטש פון דרויסן האָט מען זיך געריסן וואָס מער צו דערווייטערן זיך, און דאָס האָט געגעבן ברען צום בויען די שול, די ביבליאָטעק, דעם פאַרבאַנד און שפּעטער קאָנגרעס און אַלץ וואָס דינט אין וועלכער עס איז פאָרם אַז דאָס ווייטע לאַנד זאָל ווערן אַזוי נאָענט. און ווי קען מען נאָך נעענטער זיין ווי אין יידיש, און ווי איז מען נאָך היינט היימישער ווי מיט אַ יידישן טאַנץ?! האָט די עדה, וואָס וואַקסט דערווייל, און אָט הייסט זי "נאַציאָנאַל ראַדיקאַל" און אָט "וועלטלעך" און איז פּרץ־שול קרייז און אין צווישן געשפּילט יידיש טעאַטער, געטאַנצט אַ שערעלע, א שלום עליכם טאַנץ און אַ ברוגז־טאַנץ; יאָ, זיי האָבן זיך צייטנווייז שטאַרק געברוגזט מיט א סך מסורהס און טראַדיציעס, און דאָך איז זייער טוען אוז זוכן פאָלקסטימלעכע קוואַלן און זינגער פאר דר. חיים זשיטלאָווסקי ע״ה "אונדזער רביניו" — אַ טייל פון צוטראָגן א ניי רינגל אין דער זעלבער טראַדיציע.

און אַז קיין פּראָפעסיאָנעל יידיש טעאַטער קומט ניט, סאיז צו ווייט, אָדער קומט זעלטן, איז עס צו ווייניק. שפּילט מען אליין. שפּילן אפילו אזעלכע וואָס האָבן אליין קיינמאָל קיין אמת טעאטער ניט געזען. איז צוזאמען מיט אנדערע, בערל שעפּס אַריינגעטאָן אין שפּילן טעאַטער. כ׳האָב מורא אז איר קענט נאָך ביי אים היינט פועלן, אז זיין "פּאָפּוס מיטן קרומען פיסל און שארפן צינגל" אין בר כוכבא", איז געווען א מייסטערווערק. ביי מיר פועלט איר עס אוודאי. מ׳האָט געדארפט זיין אין טעאטער און זען ווי דער עולם האָט מיטגעשפּילט און מיטגעזונגען צו קענען דערפילן, אז דאָס שפּילט מען ניט דאָ, דאָס לעבט מען איבער. די צופעליק צונויפגעבראַכטע זענען געוואָרן איין שטיק, איין איבערלעבונג. די נשמה פון אַ קהילה האָט מען דאָ פאַרמירט. דאָס איז א זכות וואָס בלויז ערשטע און יחידים זיינען זוכה. דאָ האָט עס א גאנצער קרייז געטאָן —

בערל שעפס איז בלויז געווען דער בולטסטערביישפיל. ווערט ער באַשטראַלט מיט יענעם שטראַל און אלע לויכטן דורך אים.

איינער פון אַלע און דאָך מיט אַ קאָפּ העכער, ניט נאָר אין אויסזען און פּאַרנעם, באַטראַכטן אַלע יוסף אַלטער טשערניאַקן. ער איז דער ניט־געקרוינטער פירער פון דעם קרייז. זינגען זינגט ער גלייך מיט אלע און דאָך ניט אלעמאָל אין טאָן. ער איז דער פאַרבינדער פונם קרייז מיט דער וועלט. וואָלט ער וויניפּעג פארלאָזן, וואָלט ער געהאַט אַ ברייטערע אַרענע פאַר זיינע פירער מעגלעכקייטן. האָט ער אָבער צופעליק? אפשר. — אויסגעקליבן וויניפּעג, און דאָ מיט זיין פאַניען, וואָס איז א קאַפּיטל פאר זיך, אויסגעבויט א היים. איז אָט די היים ווו עס ווערן פאַרטראַכט און אויסגעוואַרעמט די מעשים פון דעם קרייז. אין זייער היים איז אויך פאַראַן אַ באַזונדער צימער, אַ מין חדר מיוחד פאר דער וועלט, פאר יידישע שרייבער און קינסטלער וואָס קומען אַהער. ניט איין ליד איז דאָרט געשריבן געוואָרן און ניט איין ווערק איז פארטראַכט געוואָרן אין יענעם צימער אויפן צווייטן גאָרן ווען דרויסן וואָיעט דער פרעירי ווינט וואָס האָט אַ טבע צו פארבלאָנדזשען קיין וויניפּעג גאַנץ אָפט. זאָל עס וואָיען אין דרויסן — אינעווייניק איז וואַרעם און היימיש און נאָענט. עס ציט זיך אַן אינטימער באַנד פון דאָרט צו די "גרינע פעלדער" פון דער אלטער וועלט. אַמאָליקע יידישע שטעט רעדן זיך דאָ צונויף מיט דער שטאָט אין ווייטן לאַנד און נעמען זי אַריין אין דער מסיבה פון יידישע קהילות און מאַכן זי פאַר אַן עיר ואם בישראל.

פון דער היים האָט טשערניאַק מיטגעבראַכט אויך אַן אלגעמיינעם וויסן און קענען מיט וועלכן ער איז זיך גרייט צו טיילן. איז ער דער רעדנער, דער לערער ווען מ'דאַרף און דער פּראַקטישער, ענערגישער טוער צוגלייך. צוזאַמען מיט וו. קעלער ע"ה, אים צו לענגערע יאָר, דער פּלאַנירער פון אַלץ און אויך דער דורכפירער. קוקט מען אַרויף צו אים און אויף די פּיילן פון ביטערקייט פאַלן מערסטנס אויף אים. איז נאָענט און ווייטלעך אויך אַביסל. ער איז היימיש, אוודאי, אָבער דאָך וועט אים קיינער ניט רופן ביים ערשטן נאָמען. דער שטורעמדיקסטער ווען עס קומט צום, דרויסן מיט וועלכן מ'פירט גאַנץ אָפט מחלוקת און דער געמיטלעכסטער און רואיקסטער אין אַ שווערער סיטואַציע. דאָס אַחריות פאַר אַלץ פאַלט אויף אים און ער טראָגט עס מיט ווירדע. ער איז זייער אָפט אַליין און קען ניט מיטגיין מיט די ענדערונגען וואָס די צייט ברענגט. מיט דעם גאַנצן שטורעם זיינעם איז ער אַ פאַמעלעכער גייער און באַזאַכט, און ניט אויסגערעדט זאָל זיין גאָר היפשלעך סענטימענטאַל. נאָך מיר נאָך א גרויסע מעלה, אָבער פאַראַן לייטן אויך צווישן אייגענע וואָס מיינען ניט אזוי, און טשעפּען זיך

פאָרוואָרפנדיק אים ניט אויסגעהאַלטנקייט, ער, קען אָבער ניט אַנדערש. ס׳איז אים שווער אָפּצוזאָגן זיך פונעם געוועזענעם רבין וואָס איז אוועק אויף דער עלטער אין אַ זייט. (געמיינט, דר. חיים זשיטלאָווסקי וועמען ער ווי אַסך אַנדערע באַטראַכטן פאַר זייער רבין.) ער קען אָבער אויך ניט אָפּלייקענען דעם אייגענעם נעכטן, וואָס האָט אַזויפיל צוגעזאָגט און ניט דערפילט. מיינט ער אָפּט, אַז ער איז אנטוישט און רוקט זיך אָפּ. דעם בנין אָבער וואָס ער האָט געהאָלפן בויען קען ער ניט פאַרלאָזן. ער איז א טייל פון אים — בויט ער ווייטער. הלוואי אויף לאנג מיט געזונט און כוח.

צוגעבן דאַרף מען, אַז ער איז א בעל זוכה, וואָס אין א טייל פון די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אין וועלכע עס האָט אים אָדער ניט געגליקט אָדער ער האָט זיך אליין פון זיי דערווייטערט, גליקט עס זיין בן יחיד, שואלקען. איז עס אי נחת אי עפּעס מער ווי דאָס...

ש. מ. זעלטשען איז דער איינציקער שרייבער אין דעם קרייז. ער איז אָבער ניט דער שרייבער בלויז פונעם קרייז. ער איז אלעמענס שרייבער. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז ער. אָפּגעהיט און פּאָרזיכטיק אין דעם וואָס ער זאָגט, פּונקט ווי געהיט ס׳איז זיין שרייבן. זיין שריפט פעכלט ממש — ציילט יעדער וואָרט. יעדער אות איז אויף זיין אָרט און שפּאַרט ניט אַרויס א האָרעלע אפילו פונם גדר ווו ער האָט עס אוועקגעשטעלט אויף דעם דינעם, לענגלעכן פּאַפּירל אויף וועלכן ער שרייבט. ניט נאָר די זעצערס זענען זיך מחיה מיט אַזאַ שרייבן, נאָר אויך דער לייענער ווייסט קלאָר וואָס ער וויל, וואָס ער זאָגט. זיין צייטונג פירט ער שטיל און באַזאַכט — זי זאָל זיין אַן אמת וויניפּעגער, אַן אמת מערב קאַנאַדער. שפּיגלט אָפּ דאָס אַרומיקע לעבן פינקטלעך און אמתדיק. ער קען ניט פאַרטראָגן דעם הויכן טאָן און ווייכט פון מליצות. זיין זאַץ קומט אַרויס קלאָר און פשוט. זעסט אים ממש דורך און דורך. זעלטן אַז אַ סאַטירישע פראַזע זאָל זיך אראָפּגליטשן פון זיין פען. אויב עס בעט זיך אמאָל אַ שאַרף וואָרט, פאַרקליידט ער עס אין א קוים מערקבארן פאָלקסטימלעכן הומאָריסטישן לבוש. ער שרייבט נאָר וועגן דעם צו וועלכן ער האָט אַ דירעקטע שייכות און וועגן זאַכן וואָס ער מיינט אַז ער קען און דאַרף באַווירקן. אפילו ווען עס קומט אים אויס צו נעמען אַ וואָרט אין אַן ענין פון מחלוקת און די געמיטער זענען אויפגעברויזט, וועט ער זיך ניט פאַרלירן און אַרויס פון די כלים. האָט ער זיך דעריבער דערוואָרבן א צוטרוי, וואָס עס איז זעלטן פאַר אַ זשורנאַליסט. אויף אים איז ווי צוגעפּאַסט דאָס ווערטל: „מ׳קען זיך מיט אים קריגן אויף א ניט־קריגערישן אופן״.

אים רופן אלע ביים ערשטן נאָמען, וואָס איז אויך זיין פען־נאָמען, „מאַרק״ באָטש מיר דאַכט זיך אַז קיינער איז ניט צו חבר מיט אים. צו זיין

וואָרט הערט מען זיך צו און דער עיקר מ׳וויל הערן וואָס ער האָט צו זאָגן. אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ ראש וראשון אין דעם יידישקרייז, וועלכער איז שוין גאָרניט אַזוי שוה מיט אַלץ און מיט אַלעמען. דאָך ווייסן אפילו די שאַרפסטע קעגנער פון דעם קרייז, אַז ער האָט אַזוי ליב יידיש, אַז ער האָט שוין דורך דעם ליב אַלץ וואָס איז יידישלעך און העלפט צו יידישער שאַפערישקייט און קיום. וועט אים קיינער דערפאַר ניט באַטראַכטן פאַר אַ פרעמדן צו זיין לאַגער און חושד זיין אין עפּעס אַ פניה. מאַרק מעג טאַקע ניט מסכים זיין, מעג אפילו זיין אַ קעגנער, אָבער אין זיין ערלעכער אויפריכטיקייט צווייפלט קיינער ניט. אין ערגסטן פאַל וועט אַ קעגנער צושרייבן מאַרקן באַגרעניצטקייט, איידער אים באַשולדיקן אין וועלן צעשטערן יענעמס גרעניצן.

די צייטונג אַרבעט פאַרשלינגט אים אין גאַנצן און נאָך דער אַרבעט וואָלט ער וועלן זיין אַ יושב אוהל. געהערט ער דאָך אָבער צום טוער טיפּ אויך, קהלט ער זיך מיט קהל. גייט אויף זיצונגען, פאָרט אויף קאָנפערענצן, העלפט פּלאַנירן, פאַרטראַכט און נאָכדעם מאָנט ער און העלפט דורכפירן. אַריינגעטאָן אין זיך זיצט ער ביי אַ זיצונג. דאַכט זיך ער איז ערגעץ אַנדערש און ניט דאָ. קומט אָבער זיין ריי אויף וועלכער ווי עס ווייזט אויס ער האָט געדולדיק געוואַרט, קומט ער גלייך אַרויס פון זיך און פאַרטיידיקט מיט דער גרעסטער עקשנות זיין מיינונג. זייער שווער ביי אים עפּעס אָפּצודינגען. ער ווייסט נאַטירלעך אויך דעם סוד, אַז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, בפרט אַזאַ ווי אונדזערס וואָס איז געבויט אויף פרייוויליקייט, קען מען ניט אַלץ דורכפירן און איז גרייט אויף קאָמפּראָמיסן. מאַכט ער אָבער אַ קאָמפּראָמיס, ווערט זיין פּנים פאַרפלאָמט און שאַרפער פאַרלענגלעכט ווי ס׳איז אַלעמאַל. די גאַנצע ערנסטע אָנגע לאָדנקייט זיינע רעדט אַרויס פון אים, ווי עפּעס אין אים וואָלט זיך געריסן אויפצושרייען, נאָר ער פאַרשטומט עס אין זיך: ״מ׳דאַרף אַזוי!״ זאָגט אים אונטער דער פּראַקטיקער.

און צום דערגאַנצן דאָס בילד, איז דאַכט מיר כדאי צו דערמאָנען עפּעס וואָס איז ניט קיין עיקר אָבער פאָרט כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַרקן: דער בולטסטער צייכן אַז זיין פּען האָט אָנגעהויבן שרייבן אין דעם יידיש־קרייז און וויל זיך מיט אים אידענטיפיצירן, זעט זיך אָן אפילו אויסערלעך. ער שרייבט נאָר מיט דער נייער אָרטאָגראַפיע, וואָס קומט מן הסתם, — אַ חוץ אַנדערע טעמים — אויך פון דער ליבשאַפט זיינער צו ציילן אותיות און גרויסן חשק צו פּינקטלעכקייט. דער ענין פּינקטלעכקייט איז ביי אים גאָר אַ גרויסער ענין. אַרום דעם דערציילט מען זיך אפילו אַ היפּש ביסל אַנעקדאָטן, ווי מ׳וואָלט דערמיט געוואָלט פאַרפולן דעם בלויז פון הומאָר

אין זיין רעדן און שרייבן. מ׳דערציילט למשל, אז ווען ער איז אמאָל ווי א פאָרזיצער פון אַ קאָמיטעט געקומען צו דער זיצונג און די מיטגלידער האָבן ווי געוויינלעך זיך ניט באַוויזן אין צייט, האָט ער אָפּגעוואַרט ביז דער צייט אויף וועלכער די זיצונג איז גערופן געוואָרן, אָפּיציעל געעפנט די זיצונג, געהייסן דעם סעקרעטאר לייענען דעם פּראָטאָקאָל. דער סעקרעטאַר איז אָבער אויך ניט געווען, האָט ער געהייסן, עמיצן מאכן א פאָרשלאג צו טאדלען דעם סעקרעטאר. איז דאָך אָבער דער עמיצער אויך ניט געווען, האָט ער אין זיין רעכט אַלס פאָרזיצער געשלאָסן די זיצונג, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין קוואָרום און אַהיימגעגאנגען...

כ׳קען ניט קאַווירן צי ס׳איז א מעשה שהיה. דאָס צושרייבן אָבער אזא מעשה צו מאַרקן איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש. ער אליין הערט די מעשה מיט פאַרגעניגן און שמייכלט אונטער, ווייל ווער נאָך ווי ער ווייסט וויפל טייערע צייט עס ווערט ביי אונדז פארשווענדעט צוליב ניט פינקטלעכקייט. און צו טאָן איז דאָך דאָ אַזויפיל, וויזשע קען מען זיך פאַרגינען פאַרשווענדערישקייט?

זאָל ער זשע נאָך יאָרן און יאָרן פּינקטלעך דינען זיין ישוב פון וועלכן ער איז אַ טייל און גיט אים צו אַזויפיל חשיבות. אַ סך, גאָר אַ סך, האָבן די וויניפּעגער צו פאַרדאַנקען מאַרקן פאַר די דערגרייכונגען און דעם אָרט וואָס דער ישוב פאַרנעמט אין קיבוץ פון יידישע קהילות.

דאָס אַרויסהויבן בלויז דריי יחידים צוליב א ספעציעלן יום־טוב זייערן, איז נאטירלעך א צופאל, און בלויז א טראָפן אין דעם שטראָם פון יחידים, וואָס זענען צוגעקומען צו דעם אין א באשטימטער צייט. אָבער איז עס טאקע בלויז אַ צופאַל?

טראַכט וועגן דעם ווי איר ווילט, די ברכות אָבער אונדזערע צו זיי, זענען שוין גאָרניט צופעליק, נאָר אַן אויסדרוק פון דרך־ארץ און באוווּנדערונג פאַר דער גבורה ניט אָפּצושרעקן זיך פאַר אַליינקייט, פאַר אליין אָנהייבן טאָן און שאַפן. זאָלן זיי אונדז זיין געבענטשט!

(1956)

ב.ג. זאַק

(1967־1889)

א

ב.ג. זאַק (בנימין גוטל) איז געבאָרן געוואָרן אין פעברואר 1889 אין אַבעלי, אַ קליין שטעטל אין דער ליטע, ביי אָרעמע ארבעטער עלטערן און פון קינדווייז אַן געליטן פון אַ מוסקולאַרע שלאַבעריקייט־קראַנקהייט, וואָס האָט אַטראָפירט די געלענקען פון זיין אונטערשטן טייל קערפער. ער האָט דעריבער פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן אין אַליינקייט. ניט געקענט אפילו באַזוכן קיין חדר און ניט וועלכן עס איז דערציעריש אַנשטאַלט און ניט געוווסט דעם טעם פון שפּילן זיך מיט קינדער אין דרויסן. צוליב דער אָרעמקייט פון די עלטערן, האָט ער געהאַט אַ פּריוואַטן לערער בלויז עטלעכע חדשים און דערנאָך זיך געלערנט אַליין קריגנדיק אַ ביסל הילף פון גוטע שכנים און זייערע ביכער. זיין נייגער צו וויסן און דערלערנען שפּראַכן, האָט ווייזט אויס, אנטפּלעקט פאַר אים אַן אָפענע, ניט באַגרעניצטע וועלט אין וועלכער ער האָט זיך געקענט האַלטן פאַר אַ גלייכן מיט אַלעמען. ווען עס פלעגט אים אין די שפּעטערע יאָרן אויסקומען צו דערמאָנען יענעם פעריאָד, פלעגט בלויז דער בלאַסער שמייכל אויף זיין פּנים ווערן אומעטיקער ווי געוויינטלעך, אָבער דאָס קול און דאָס דערציילן האָט נישט געהאַט אין זיך דעם מינדסטן שמץ פון ביטערקייט, ווי ער האָט עס שפּעטער באַנומען, איז די פרייד פון עפּעס דערוויסן זיך און דערלערנען מיט אייגענע שוואַכע כוחות, געווען גרעסער פון דעם טרויעריקן מצב זיינעם. ווי אַן אויטאָדידאַקט האָט ער געשלונגען אַלץ וואָס איז געקומען צו דער האַנט. "אַ סך פון דעם איז מיר שפּעטער צונוצגעקומען, עס האָט אויסגעברייטערט מיין ענג וועלטל און פאַרבליבן מיט מיר ביז היינט" — איז געבליבן אין זיכרון אַ געוויסער שטאָלץ וואָס איז געווען ווי אַ מין אונטערטאָן פון די איינגעהאַלטענע רייד זיינע וועגן זיך.

ווען ער איז געקומען קיין מאָנטרעאָל אין 1905 צום פאָטער צוזאַמען מיט דער מאַמען און שוועסטער און ברודער, האָט ער דאָ זיך ווייטער געלערנט און ס'איז אַן אמתער וווּנדער ווי ער האָט באַוויזן צו דערוואָרבן זיך אַ סאָלידן יידישן און אַלגעמיינעם וויסן און די קענטעניש פון שפּראַכן.

אויסער זיין קרוין־ווערק, די געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע, האָט ער געשריבן דערציילונגען און איבערגייענדיק צו זשורנאַליסטיק אַרטיקלען אויף פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און וויסנשאַפטלעכע טעמעס. ער האָט

זיך באַטייליקט אין אַ צאָל אָנגעזעענע זשורנאַלן דאָ אין לאַנד און אויסלאַנד אין די שפּראַכן וואָס ער האָט באַהערשט. ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף יידיש אַ צאָל קלאַסישע ווערק, פּראָזע און פּאָעזיע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

זיין הויפּט זשורנאַליסטישע, טעטיקייט איז יאָרנלאַנג געווען ווי אַ מיטאַרבעטער פון "קענעדער אָדלער" פון סאַמע אָנהויב ביז 1966. זיין ערשט אַרטיקל אין ק.אָ. איז געדרוקט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1907, שפּעטער געוואָרן אַ שטענדיקער אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער און געשריבן אַרטיקלען און עדיטאָריעלס עטלעכע מאָל אַ וואָך אונטער פאַרשיידענע פען־נעמען. געווען אויך דער רעדאַקטאָר פון ק.אָ. אין די יאָרן 1914־1916 און ווידער געהילפס רעדאַקטאָר פון 1927־1957.

עס איז ממש צו באַוווּנדערן מיט וויפל פלייס און אחריות ב.ג. זאַק איז צוגעטראָטן צום אויפשטעלן דעם געשיכטלעכן בנין. קיין גרייטע מאַטעריאַלן זענען ניט געווען. מ׳האָט זיי ערשט גדאַרפט געפינען און אויפזוכן אָפּטמאָל אין אַזעלכע פלעצער וואָס בלויז די שרייבערישע אינטואיציע האָט געקענט פירן צום זוכן דאָרט. זייענדיק נאָך צוליב זיין שוואַכן געזונט מערסטנס אַ יושב־בית אָון פאַרנומען איבערן קאָפּ מיט שרייבן פאַרן "קענעדער אָדלער" און ניט האָבנדיק פון פריער קיין געשיכטלעכע אויסבילדונג, איז נאָך גרעסער דער וווּנדער ווי אַזוי ער האָט דאָס באַוויזן און ווי ווייניק ער איז געשטרויכלט געוואָרן מיט ניט קלאָרקייט אָדער ניט ריכטיקן אויסטייטש פון געוויסע פאַקטן. ס׳זעט אויס, אַז זיין שרייבערישע ערלעכקייט, אַלגעמיינער וויסן און די קענטעניש פון די שפּראַכן, יידיש, העברעיש, ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש און דייטש, אין וועלכע די מאַטעריאַלן האָבן זיך גדאַרפט געפינען, האָבן אים געהאָלפן צום שאַפן אַ ווערק וואָס איז ביז היינט נאָך פון דעם גרעסטן ווערט.

דער ערשטער באַנד פון דער געשיכטע, וואָס שליסט זיך מיטן סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט, איז פריער געווען געדרוקט, קאַפּיטלעכווייז אין "קענעדער אָדלער" אין די צוואַנציקער יאָרן און דערשינען אין בוך־פאָרם אין אַן ענגלישער ווערסיע אין 1945 און אין יידיש אין יאָר 1948.

ניט קענענדיק זיך פריי באַוועגן, האָט ער נאַטירלעך נישט געקענט זיך דירעקט באַטייליקן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און דער קרייז פון די וואָס האָבן אים געקענט פּערזענלעך איז אויך געווען זייער אַ קליינער. ער האָט אָבער רעאַגירט מיט זיין פען כמעט אויף אַלץ וואָס איז פּאַרגעקומען, באַזונדערן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן צום יידישן שול־וועזן און די שווערע פּראָבלעמען מיט וועלכע מ׳האָט זיך געראַנגלט. אין זיין פּאָלעמיק אין פראַגן פון יידישן קהילה לעבן, איז ער אַלעמאָל געווען געהיטן ניט

אָנצוגרייפן אַ קעגנער, נאָר זאַכלעך אַרויסברענגען דעם פּרינציפּיעלן כּאַראַקטער דערפון און אויפקלערן זיין נאַציאָנאַל יידישן צוגאַנג. מ׳האָט זיך דעריבער באַצויגן צו אים מיט אמתער אַכטונג און ביי זיין שרייבטישל און ספּעציעלע שטול אין דער רעדאַקציע, האָט מען זייער אָפט געקענט טרעפן אויך שאַרפע קעגנער פון זיינע מיינונגען וואָס האָבן אים געוואַלט אַריבערציען אויף זייער זייט ווען עפּעס אַ געזעלשאַפטלעכע נאַציאָנאַלע פראַגע איז אויפגענומען געוואָרן פון דער צייטונג

אין משך פון די יאָרן וואָס ער האָט געוווינט פריער מיט דער מאַמען און דערנאָך מיט דער איינציקער שוועסטער וואָס האָט אויף אים שטאַרק אכטונג געגעבן, איז ער זעלטן געקומען צווישן מענטשן, האָבן אפילו די נאָענטסטע זיינע געמיינט, אַז ער פילט זיך ניט צו היימיש און באַקוועם צווישן מענטשן אויסער דעם ווינקל־טיש אין דער רעדאַקציע און דעריבער האָט מען אים זעלטן געזען ביי אַ פאַרזאַמלונג אָדער אַ צונויפקום פון פריינד. שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז ווי נאָר מ׳האָט אים פאַרגעלייגט אַז מ׳ווער אים העלפן מיטן קומען, האָט ער שוין גלייך געפונען אַ תירוץ אויף נישט צו קומען. אַ סימן, ווען ער האָט חתונה געהאַט אין 1935 מיט איידאַ צוויק (שפּעטער, פרוי מאַמעלאַק), האָבן זיי זיך ניט נאָר באַמיט צו קומען צווישן מענטשן, נאָר זיי האָבן אין זייער באַשיידענער היים אויפגענומען מיט עכטער גאַסט־פריינטלעכקייט, ס׳איז ממש געווען אַ נחת צוצוקוקן זיך ווי דער באַלעבאָס האָט ממש געשיינט פון צופרידנקייט ביים באַדינען די געסט. זיין פריערדיק צוגעלייגט און קרענקלעך פאַראומערטער בליק איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ מין געלייטערטן שמייכל וואָס מ׳האָט קוים באַמערקט גלייך ווי ער האָט עפּעס אָנגעהויבן צו זאָגן ביים באַגריסן אַ נייעם גאַסט. עס דאַרף אויך מיט לויב צו איידאַן דערמאָנט ווערן, אַז דורך איר איבערגעגעבענער און פעיקער מיטהילף איז פון דאַן אָן זיין שרייבן געוואָרן אינטענסיווער. זי האָט אים געהאָלפן ביים צוגרייטן זיינע אַרטיקלען פאַר דער צייטונג און דער עיקר אינעם צוגרייטן די געשיכטע אין בוך־פאָרם. אַ לענגערע צייט פלעג ער שוין כמעט פיר מאָל אין וואָך געבראַכט ווערן אין רעדאַקציע און ניט איין עמיגראַנטיש און אָרעם שוואַר־געמיט, האָט זיך ביי זיין שרייב־טישל דערפילט לייכטער נאָך אַ געמיטלעכן שמועס מיט אים

ב

מיין ערשט באַקענען זיך מיט אים, איז פאָרגעקומען כמעט אין דער ערשטער וואָך פון מיין אָנקומען קיין מאָנטרעאַל, אין האַרבסט פון 1925 עס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון ווי עפּעס אַ מאָדנע אויסטערלישע איבערלעבונג. ס׳איז מיר שוין איצט שווער צו באַשטימען וואָס עס האָט

דער עיקר גורם געווען צו דעם באַזונדערן מאָדנעם געפיל. צי דאָס איז געווען צוליב שפּעט נאָכמיטאָגדיקן האָרבסטיק־פּאַראומערטן דרויסן, צי ווייל ס׳איז בכלל געווען מיינס אַן ערשטער באַזוך אין אַ רעדאַקציע פון אַ יידישער טאָג־צייטונג מיט אמתע פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, אָדער עס איז פּשוט געווען דעם "גרינעמס" ניט זיכערקייט מיט זיך צי עס זענען דאָ אַהער דערגאַנגען און עמיץ דאָ האָט באַמערקט זיינע שרייבעריש־אָנהייב־פּרוּוון געדרוקט אין פּראָווינצער צייטונגען אויף יענער זייט ים; און אפשר איז געווען צוליב דעם האָרץ־פּלאַטער וואָס באַגלייט יעדן פרעמדן פּאַר דעם ניט באַוווּסטן אין וועלכער ער בלאָנקעט אַרום אין דער נייער פרעמד מיט אויגן וואָס קוקן נאָך אַלץ אויף צוריק... אַזוי צי אַזוי, איך בין אַ היפּשע ווײַלע געשטאַנען פאַר דעם ברייטן שויבן־פענצטער פון דער רעדאַקציע מיט דער קידוש־לבנה אותיות אויפשריפט: "רעדאַקציע פון קענעדער אָדלער און אַרויסגעבער פון תלמוד בבלי". ביי ביידע זייטן פון דער טיר, זענען געהאָנגען צוויי לענגלעכע צייטונגס־בויגנס אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעשטעלט די הויפּט נייעסן פון טאָג און די נעמען פון אַ פּאָר אַרטיקלען. אויפן טראָטואַר אַנטקעגן זענען געשטאַנען עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט הויך אויפן קול צי די געכתיבהטע אותיות זענען געדרוקט אדער געמאַכט פון אַ סופר.

— אַן ערלעכער סופר וועט אַזעלעכס נישט טאָן...

— אין אַמעריקע טוט מען אַלץ...

— מ׳קען נישט זאָגן, עס לייענט זיך קלאָר...

איילנדיקע פאַרבייגייער, האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט כאַפּן אַ בליק אויף די נייעסן און אוועק מיט חוזק.

— ליידיקגייער, טשודאַקעס! גייט אַריין און פרעגט, אויב עס גייט אייך אַזוי אין לעבן צו וויסן.

— זיי האָבן דען אַזאַ לאַנגע מאַשין פאַר אַזעלכע פּלאַכטעס?! — האָט די אַמפּערניש נישט אויפגעהערט אפילו ווען כ׳בין אין אַ היפּשער ווײַלע שפּעטער שוין ארויסגעגאנגען פון דאָרט.

אָננעמענדיק זיך מיט קוראַזש און אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט זיך אַ צי געטאָן פאַרן אויג אַ לאַנגער דורכג_אנג מיט עפּעס אַ שמאָל בודקעלע אין דער רעכטער זייט ווו ס׳איז געשטאַנען אַ מענטש איינגעבויגן איבער אַ רעכן מאַשינדל. פון מיטן פונעם בודקעלע האָט זיך געצויגן אַן אָפּצוימונג וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָסן ביי אַ צעקאַרבטן, פּאַרטינטעטן טישל ביי וועלכן עס איז געזעסן דער נייעס־שרייבער ל. חפץ ע״ה, ווען איך

האָב שוין געהאַט באַגעגנט ביי אַ פּועלי־ציון פאַרזאַמלונג. ער האָט מיך טאַקע גלייך אויף זיין צוריקגעהאַלטענעם אופן באַקענט מיטן באַלעבאָס הערשל וואָלאָפּסקי ע״ה, וואָס האָט פּונקט פאַרבייגעגאַיילט מיט אַ פּאַק פאַרשריבענע פּאַפּירלעך. מיט אַ שנעלן קוק פון אויבן אַראָפּ, האָט ער מיך אַזוי ווי אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן בליק וואָס האָט אין דער זעלבער צייט צופרידן געשמייכלט און מיט אַ זשוואַווע באַוועגונג פוןביידע הענט מיר געגעבן שלום־עליכם און כמעט אין אַ רגע אַרום זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די געדרייטע טרעפּלעך אונטן צו דער דרוקעריי, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ פּאָר שנעל אַרויסגעזאָגטע זאַצן מיט אַן עכט זינגעוודיק פּוילישער אינטאָנאַציע וואָס דער אינהאַלט איז מער ווייניקער געווען:

„איר זענט עס דער גרינער שרייבער און לערער? אַ פּוילישער האַ? מיר דאַרפן טאַקע גוטע לערער. געהערט אַז איר שרייבט חסידישע מעשהלעך. מיר וואָלטן געקענט דרוקן אַ צוויי אַ וואָך. זעקס דאָלאַר גייט נישט צו פּיס... נאָר רעדט זיך דורך מיטן רעדאַקטאָר ישראל ראַבינאָוויטש. ווייז אים לעאָן — איז ער פאַרשוווּנדן איידער נאָך כ׳האָב געקענט עפּענען דאָס מויל.

— אַז איר קענט זיך שוין מיטן באַלעבאָס, וועל איך זיך אויך פאַר־שטעלן, איז שוין לעבן אונדז געשטאַנען אַ הויכער, שלאַנקער מאַן אין די שפּעטע מיטעלע יאָרן מיט אַ היימיש וואַרעם קול — איך הייס נחמיה סיגאַל, אַ ברודער פון די פּאָעטן אסתר שקאָלניקאָוו און י.י. סיגאַל. איך שרייב אויך לידער נאָר זיי אָנערקענען זיי נישט — איז לויטן טאָן שווער געווען צו וויסן צי ער זאָגט עס מיט באַרימעריי צי ביטערן חוזק — איר וועט דאָ נישט האָבן קיין גרינגן שליטוועגס האָט ער מיך אָנגענומען ביי דער האַנט ווי אַ לאַנג באַקאַנטן שוין און כמעט צו געשלעפּט צו אַ לאַנגן טיש וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון אַ בלינדער וואַנט אין אַ צווייטן צימער — איך גרייט צו די נייעס בולעטינען אויף אָט די פּלאַכטעס.

— איר כתיבהט עס אַזוי מיט דער האַנט?

— אַ ירושה פונעם טאַטן ז״ל, דער סופר פון קאָרעץ — האָט אַ ווייע געטאָן פון אים מיט שטאָלץ פון היימישן יחוס, וואָס האָט אים דאַכט זיך געמאַכט אויסזען נאָך העכער.

— טיילמאָל מיין איך, נחמיה, אַז אייער אויסשטעלן די שורות זעט אויס ווי אַ ליד — האָט חפץ אין האַלבן שפּאָס אים געמאַכט אַ קאָמפּלימענט

— יידישע אותיות זינגען אַלעמאָל ביי מיר, נאָר ווער הערט עס דען? האָט ער מיט אַ צוגעלייגט קול און אַ קרעכצל אונדז צוגעפירט צו די

סקריפּנדיקע טרעפּ וואָס האָבן געפירט אַרויף צום רעדאַקטאָרס צימער. ביי דער בלינדער וואַנט פון לענגלעכן צימער זיינען געשטאַנען אָפענע פּאָליצעס אָנגעפּראָפּט מיט געבונדענע פּאָליאַנטן אין גמרות־פאָרמאַט און לאַנגע טישן באַלייגט מיט ביכער און צייטונגען שוין לאַנג ניט אָפּגעשטויבטע. דער פאָרנטיקער טייל צימער ווו דעם רעדאַקטאָרס שרייב־טיש איז געשטאַנען, האָט אויפן ערשט איינדרוק אויסגעזען ווי אַ באַלקאָן־אַרטיקער געשטעל וואָס הענגט אַ צוגעשטיקוועטער צום בנין. פון איין זייט האָבן די ברייט אַלט־מאָדישע פענצטער אַרויסגעקוקט צו אַ דורכפאָר־ליקל פאַזע אַ גרויסער וואַנט, וואָס האָט אין דעם שפּעט־האַרבסטיקן נאָכמיטאָג קוים דורכגעלאָזט אַ טריבע טאָג־שיין דורך די געקעסטלטע, פּירעקיקע פאַרהויכטע שייבלעך, וועלכע האָבן שוין לאַנג פאַרלאָרן די עכטע לויטערקייט פון גלאָז. דער אַנטקעגנאיבערדיקער טייל פון צימער, איז, פון דעם אַריינגאַנג אָן געווען בלויז אויף דער העלפט פאַרשטעלט מיט אַ דין ווענטל און דער אויבערשטער טייל אָפן צום שוין לאַנג נישט געקאַלעכטן אונטערשטן צימער פון וואַנען ס׳האָבן זיך פון דער טונקלקייט דאָרט אַרויסגעשיילט עטלעכע אָפּצוימען ווי קעמערלעך מיט באַזונדערע אַריינגענג צו זיי. דאָרטן זיצן, ווייזט אויס, די אינעווייניקסטע מיטאַרבעטער. פון דערהויך, האָט עס אויסגעזען ווי דער גרויסער אונטערשטער צימער מיט די קעמערלעך פאַרבאָרגענישן האַלטן אין איין זייטיקן אַרויפקוקן אויבן, און דאָס איינציקע גרויסע פענצטער מיטן אָפּשיין פון דער רויט־ציגלענער וואַנט פון קעגנאיבער, האָט געשפּרייט אויף דעם אַ מאָדנע מיסטעריעזע שאָטנדיקייט.

אָפּגערוקט אָן אַ זייט, נישט ווייט פון פענצטער שוין, האָט ממש אַרויסגעהויערט אַ הויכער שרייב־טיש מיט אַ קיילעכדיק באַוועגלעכן איבערדעק, וואָס איז געווען האַלב אָפן אַרויפגערוקט. איבער דעם האָט זיך געהוידעט אַן עלעקטריש לעמפּל באַצירט מיט אַ מאַטאָווע שאָטן־דעקל וואָס האָט געוואָרפן סילועטאַרטיקע שפּריצעלעך שיין אויף אַ שמאָלער כמעט יינגלעשער פלייצע מיט אַ שיטער באַוואַקסענעם הוילן קאָפּ. זיין זיצן ווי צוגעשמידט צו דער באַוועגלעכער שטול און זיין באַוועגן גלייכצייטיק אזוי פלינק מיט אַ משונהדיק גרויסער "פאַונטן־פען", האָט פון ווייטן אויסגעזען זייער אויסטערליש און גערייצט די נייגעריקייט דורכצוזייסן מיטן בליק די פאַרשאָטנדיקייט און דערזען אים פון דער פנים זייט.

— איר זעט דאָרט דעם וואָס איז האַלב פאַרשאָטנט פון מיטן פלייצע אַרויף און גאַנץ פאַרדעקט פון אונטן אַראָפּ? — האָט ראַבינאָוויטש פלוצים אינמיטן אונדזער גאַנץ היימיש שמועסן כמעט שעפּטשנדיק איבערגעריסן — כ׳זע אַז איר נעמט נישט אַראָפּ דאָס אויג פון דאָרט. איר דאַרפט זיך

באַקענען מיט אים. עס איז אונדזער ב.ג. זאַק. ער דרוקט איצט ביי אונדז די ערשטע קאַפּיטלעך געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע. אַן אויסנאַם פון אַ מענטש וועמען ס׳איז כדאי צו קענען — האָט זיך געפילט עכטע פאַרערונג אין זיין קול. — אין דעם מאָגערן גוף מיט די שוואַכע מוסקולן פון אַ קראַנקייט נאָך פון די קינדער־יאָרן, איז פאַראַן אַזאַ גייסטיקע גבורה וואָס איז ממש נישט צו באַנעמען מיטן פשוטן שכל. ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ גובר געווען און באַוויזן צו ווערן איינער פון אונדזערע בעסטע דאַ, איז ממש אַ וווּנדער שבוווּנדער.

פאַרשטייט זיך אַז ביים אַראָפּגיין פון דער הויך, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין שרייב־טיש.

— טאַקע זייער שיין פון אייך צו באַקענען זיך אויך מיט מיר. איר זעט דאָך אַז ס׳איז מיר נישט לייכט זיך אויפצושטעלן. איך קען אייך דאָך שוין פון אַ שטיקל צייט. דאָס הייסט אַז דער נאָמען איז מיר באַקאַנט — האָט אַ מילדער בליק מיט אַביסל אַ צוריקגעהאַלטענער שעמעוודיקייט אין קול מיך אַרומגענומען טאַקע ווי פון אַן אַלט־באַקאַנטן — איר זייט דאָך דער מחבר וואָס האָט נישט לאַנג אָפּגעדרוקט אַ גאָר פיין בילדל, כאָטש זייער אַן אומעטיקס ״אין טריבן האַרבסט״ און ״ביי שלוש סעודות״. כ׳האָב עס געלייענט אין יידיש און אויך אין העברעיש.

אויף מיין פאַרוווּנדערונג פון וואַנען ער ווייסט עס, האָט ער כמעט מיט יינגלעשער פאַרשייטקייט זיך ציקלדיק צעלאַכט און ארויפגעצויגן העכער ביזן מיטן נאַקעטן קאָפּ־שיידל די גומע, וואָס האָט געהאַלטן שטייף אַ קאָלירט דאַשעקל וואָס האָט פאַרהיטן די ווייכע שטאַרק מידע אויגן זיינע פון דער רויער עלעקטריע־ליכט. — ס׳איז געבליבן פון די אויטאָדידאַקטישע יאָרן אַ טבע צו לייענען אַלץ וואָס קומט אונטער דער האַנט. אַהער קומט דאָך אָן דרוקעכצן מארבע פינות העולם... עס קומט מיר טאַקע צונוץ אויך. איר זעט דאָך, כ׳קען אַ סך מער נעמען ווי פּנימער... — איז געבליבן שטעקן אין זיכרון אי זיין פּיזישע צוגעבונדנקייט צום אָרט, אי זיין באַפרייען זיך פון דעם, דורכן געדרוקטן וואָרט וואָס שוועבט אריבער אַלע גרעניצן.

פולע זעקס צענדליק יאָר, האָבן דאָס רוב לייענער זיינע געקענט אים בלויז ביים נאָמען ב.ג. זאַק. נאָענטע צו דער רעדאַקציע פון ״קענעדער אָדלער״, האָבן אויך געוווּסט פון די מערערע פּסעוודאָנימען מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט. גאָר אַ סך האָבן געוואָרט מיט נייגעריקייט אויף זיין אָפּרופן זיך אויף די אַרטיקע געזעלשאַפטלעכע אָדער קולטור־ליטעראַרישע ענינים, און מיט גרויס אינטערעס אויפגענומען זיין גרינטלעכן אויפשטעלן די געשיכטע פון יידישן ישוב אין קאַנאַדע וואָס ער

האָט צום באדויערן נישט זוכה געווען צוצופירן ביזן היינטיקן טאָג. זייער ווייניק האָבן אים געקענט פערזענלעך און געוווּסט מער ווי נאָר עפּעס־וואָס וועגן אים. בלויז די, וואָס האָבן אים געקענט פון דער נאָענט, האָבן מיט דרך ארץ ביז באַוווּנדער געשעצט זיין אויסנאַמלעך, אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען און שרייבן אפילו אין די לעצטע גאָר שווערע יאָרן.

דורך זיין שאַפן, האָט ער פאַרקריצט זיין נאָמען אין די אַנאַלן פון אונדזער היגן קולטור־אוצר, וואָס וועט אלעמאָל דערמאָנט ווערן מיט ליוב און אמתן יראת־הכבוד.

(1977)

חיים טאָלמאַטש ע״ה

(אָפּשיידס ווערטער ביי דער לויה)

קרוב צו פופציק יאָר איז חיים טאָלמאַטש געווען מיט אונדז דאָ אין פרייד און אין לייד. גע׳חלומ׳ט און געטאָן צוזאַמען מיט אונדז אין היגן יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט זיין אָפּשיידן זיך איצט פון אונדז, גייט אַוועק אין דער אייביקער פאַרהוילעניש אַריין אַ געשטאַלט פון אַ מענשען אויף וועלכן מ׳מעג זאָגן: ״געווען איז אַ מענטש, וואָס האָט זיין חלק יידישע מענטשלעכקייט אויסגעהאָרעוועט מיט גרויס שווערקייט, און מיט זיינע שטילע און באַשיידענע מעשים פאַרן יחיד און כלל, אחריות׳דיק און ערלעך אויסגעפירט די באַשערטע שליחות פאַר יעדן מענטשן אין די צוגעצייילטע יאָר, פון לעבן אויף דעם עולם״.

נאָך גאָר פרי אין די קינדער יאָרן, איז ער געבליבן אַ יתום און געמוזט נעמען אויף זיך דעם עול פון אחריות פאַר די יינגערע פון זיך. פאַרוואָגלט פון דער היים, געבידעוועט ערגעץ אין אַ דאָרף נעבן זיין שטעטל טורעס אין מינסקער גובערניע. אַליין כמעט אַ קינד נאָך, האָט ער געדאַרפט מדריך זיין אין יידישקייט אַנדערע קינדער מיט דעם ביסל וויסן וואָס ער האָט זיך געהאַט שוין דערוואָרבן אין זיין היים. פון יענער צייט, איז אים געבליבן אַן אייביקער דורשט נאָך מער וויסן און אַ טיפע ליבשאַפט צום וועלן זיך אויסדריקן.

אין זיינע דערוואַקסענע יאָרן, האָט ער די ליבשאַפט אַריבערגעטראָגן צו אַלע שאַפער, יידישע שרייבער און קינסטלער וועלכע גיבן אויסדרוק צו די אינטימסטע איבערלעבונגען און וויזיעס פונעם פאָלק אין די פאַרשיידנסטע פאָרמען. ביז זיינע לעצטע טעג ממש, איז ער געבליבן פאַרליבט אין פּאָעזיע און פּאָעטן. און ניט נאָר דאָס גאַנצע ליד האָט ער אויפגענומען, נאָר זיך באַמיט אַרויסצוהייבן די איינציקע שורה, וואָס פינקלט אַרויס פונעם אָפּט פאַרטונקלטן וואַלד פון אַ ווערק.

צו זיבעצן יאָר איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק ווו ער האָט געדאַרפט טאָן פאַרשיידענע מלאכות כדי צו פאַרדינען אויף זיין חיונה און אַרויסטרייבן פון זיך דעם פאַרהוילענעם טונקל און די נויט פון די קינדער יאָרן אין דער געגנט פון זיין שטעטל אַרומגערינגלט מיט בלאָטעס און סומנע וועלדער.

אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן איז ער געקומען אַהער, אַ בעל משפחה שוין, און גלייך געוואָרן אַ טייל פון דעם קרייז אַרום דער פרץ

שולע, פאָלקס ביבליאָטעק און יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, מיט איבערגעגעבנקייט געהאָלפן בויען אונדזערע אינסטיטוציעס און באַשאַפן די סביבה וואָס האָט דאַן געלייגט דעם יסוד, אַז מאָנטרעאַל זאָל ווערן אַן עיר ואם בישראל.

זיין ספּעציעלע פאַרליבטקייט אין שרייבער און אַרטיסטן, וואָס האָט מן הסתם עפּעס געהאַט צו טאָן מיט זיין אייגן פאַך, האָט אים געפירט דערצו צו נעמען די איניציאַטיווע אַראָפּצוברענגען זיי אַהער כדי צו באַקענען אונדזער עולם מיט זייער שאַפן. מיט זיין גאַנצן פלייס האָט ער געהאָלפן אויפשטעלן דאָ די קרייזן פאַר טעאַטער אָנגעפירט פון חיהלע גראָבער און אַנדערע. ער איז פאַר אַ צייט געוואָרן כמעט אַן אימפּרעסאַריאָ. די היים פון די טאָלמאַטשעס איז געווען אַן אַדרעס פאַר גאָר אַ גרויסן טייל פון יידישע קינסטלער, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט יום טוב און שאַפערישע דערהויבנקייט אין דעם גאַנץ קליינעם קרייז פון די היגע פאָלקס אינטעליגענטן און שרייבער. ניט געווען קיין איין אויסגאַבע. פון די היגע שרייבערס מיט י.י. סיגאַל ע״ה בראש ווו חיים האָט ניט צוגעטראָגן אַ באַדייטנדיקן חלק און אין אַ טייל פון זיי האָט ער זיך אַליין באַטייליקט מיט שרייבערישע פּרוון וואָס ער האָט כסדר געמאַכט. אין איין צייט האָט ער מיט יאַניע אייבל ע״ה און צוציענדיק מיך אַלס רעדאַקטאַר אַרויסהעלפער אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַריש געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט. ער האָט אפילו דאַן גע׳חלומ׳ט צו אָנהייבן צאָלן האָנאָראַר, נאָר מער ווי אַ האַלב יאָר האָט עס ניט אויסגעהאַלטן.

דורך זיינע פאַרבינדונגען אין געוויסע קרייזן פון דער געשעפטס וועלט, האָט ער געעפנט אַ סך טירן פאַר אונדז און פאַר די אינסטיטוציעס אין וועלכע ער איז געווען טעטיק. צו דעם אַלעם, האָט ער אויף זייער אַ דיסקרעטן אופן געזאָרגט און געהאָלפן, (אָפּט אַריבער זיינע אייגענע מיטלען) אַ טייל פון אונדז גאַנץ פּערזענלעך דורך אַ הלוואה אָדער אַזוי אַ מתנה איבערצוקומען אַ שווערע צייט. טאַקע צוליב זיין נאָענטקייט מיט אונדזערע אינסטיטוציעס, האָט ער געוווּסט פון דער נויט פון יחידים לערער און שרייבער. עס זיינען דאָך דאַן געווען די יאָרן ווען פון די מאָגערע געהאַלטן וואָס מ׳האָט צוגעזאָגט, אַ לערער, איז מען געבליבן שולדיק פאַר אַ האַלב יאָר.

צוזאַמען מיט זיין גרויסער ליבשאַפט צו יידיש, יידישן בוך און יידישן שאַפער, האָט ער געוואַרעמט אַ ליבשאַפט צום קינד און ער צוזאַמען מיט יאַניע אייבל ע״ה, האָבן אַ סך שעה׳ן פאַרבראַכט מיט אונדזערע יוגנט קלובן. יאַניע האָט פאַרגעלייענט און געזונגען און חיים האָט געשעפט תענוג פונם מיטזינגען בצבור, און די טונקלקייט פון זיין פּנים האָט ליכטיק

אויפגעשיינט ווען אים אַליין איז געלונגען איינצוזינגען מיט די קינדער זיין באַליבט פאָלקסלידל: "מיט אַ נאָדל און אָן אַ נאָדל". ס'איז שוין געוואָרן אַ פריילעכע שפּיל אין וועלכער דאָס גרויסע קינד איז געקומען צום אויסדרוק.

באַקענט האָבן מיר זיך כמעט די ערשטע וואָך פון מיין אָנקומען אַהער ביי אַ זיצונג פון די פּרץ שולן. ס'איז אין מיר עפּעס גלייך אויפגעגאַנגען אַ נייגעריקייט צו דערקענען דעם מענטשן, וואָס האָט אַ מאָדנעם אופן פון אָפּרופן זיך אויף די ענינים וועלכע מ'האָט באַהאַנדלט. ער ווייסט דאַכט זיך קלאָר וואָס ער וויל זאָגן און דערזאָגט ניט. אָט איז אַ קלאָרע פראַזע וואָס איז אין גאַנצן אָפן און עס איילן זיך נאָך אַ פּאָר פאַרנעפּלטע זאַצן וואָס זענען פאַרהוילן און פאַרבונדן מיט אַן אַנדער געדאַנק. פילסט, אַז ער באַהאַלט גאָר ניט, נאָר עס קומט אים אָן שווער אויסצודריקן זיך. עפּעס ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט דער פאַרהוילנקייט אין זיך אַליין. אין דער צייט פון אונדזער נאָענטער פריינטשאַפט, איז מיר דער געראַנגל זיינער אויסצודריקן זיך געוואָרן דער שליסל צו פאַרשטיין בעסער די אינערלעכע אָרנטלעכקייט זיינע. זיין פאַרליבטקייט אין יידישן וואָרט, אין דער איינציקער שורה, אין איינציקן מענטשן און זיינע נויטן איז מיר געבליבן טייער און נאָענט אפילו נאָך דעם ווען ס'איז געקומען אַ מין דערווייטערונג צוליב די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע נייגונגען אין וועלכע ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע אין אַ באַשטימטן פּעריאָד. אפילו דאַן איז ער פאַרבליבן ווי איינער פון דער חברייא און אויף זיין אופן געדינט דער שליחות פון זיין דור פאַר דער דערהאַלטונג פון יידישער קולטור און נאַציאָנאַלן אויפבוי פון יידישן לעבן דאָ און אין ארץ ישראל, וועלכע ער האָט זוכה געווען צו באַזוכן און צוריקגעקומען אַ געשטאַרקטער.

אַ באַזונדער אָרט אין זיין גייסטיק געשטאַלט, איז אוודאי זיין גרויסע פאַרערונג פאַר י. י. סיגאַל ע"ה. איצט איז ניט די צייט צו רעדן דערפון, איך פיל אָבער, אַז עס איז שטאַרק אויפן אָרט איצט צו באַצייכענען עס מיט אַ פּאָר פערזן פון דעם ליד "אַוועקגעגאַנגען" פון י.י. סיגאַל:

"אַלץ איז מיר אַוועקגעגאַנגען,
ווי אַוועקגעשאָנקען.
בלינדע בליענדיקע צוזאָגן אין מיין לעבן, אין מיינע ליבשאַפטן
איך געדענק זיי:
זאַפטיקע בלעטלעך גרינע.
יענער געשמאַקער פיין, איז אָפּגעמעקט שוין פון די ליפּן

האַרבסט מיט ברוינע ריחות,
האַרבסט מיט קראַנקע הינטישע אויגן
גייט נאָך נאָך מיינע טריט אין וועג
געטריי, אַלט, קודלאַטע און שטיל.

שוין שפּעט,
איינגעבויגן אָונטיק,
קלאַפּ איך אָן אין טויער פון מיין הויף
מיט מיין אַלטן שטעקן:
עפנט מיר!
דער טויער איז אָפן,
איך גיי אַריין —
דער טויער מאַכט זיך צו.

דער טויער, האָט זיך טאַקע צוגעמאַכט און שיידט אים אָפּ פון אונדז. מיט זיין אָפּשיידן, זיך, שיידט זיך אויך אָפּ און פאַרהוילט זיך אַ חלק פון אונדזער אייגן איבערלעבן. עס בלייבט אין און אַרום אונדז אַ גרויסער בלויז און אַ טיפער ווייטיק. חבל על דאבדין ולא משתכחין. זאָגן מיר אין דער שווערער רגע צו זיין, פרוי שרה, וואָס איז מיט אים מיטגעגאַנגען אַלע די יאָרן און צו די קינדער און דער גאַנצער משפחה און צו זיך אַליין אין דער אַזוי קלענער געוואָרענער חברייא:

לאָמיר זיך שטאַרקן דערמיט אַז ער האָט זיינס געטאָן לויט זיינע כוחות און אַזוי וועט ער בלייבן פאַרקריצט אין אונדזער געדעכעניש, אַזוי לאַנג ווי עס איז אונדז באַשערט. יהי זכרו ברוך!

(1971)

פאַניע טשערניאַק ע״ה

(אַ טרער און אַ בלימל אויף איר קבר)

דאָס אַוועקגיין אין דער אייביקער רו פון אַ נאָענטן מענטשן, לאָזט אַלעמאָל איבער אַ הוילקייט אין האַרצן און אַ דריקנדיקן טרויער אין געמיט. נאָך פיינלעכער און שאַרפער איז דער ווייטיק, ווען דער נאָענטער מענטש, האָט מיט זיין לעבן און זיינע מעשים סימבאָליזירט נישט נאָר זיך אַליין, נאָר אַ גאַנצן דור, וואָס האָט מיט גרויס אחריות אויסגעפירט אַ באַזונדערס גרויסע שליחות אין היגן יידישן לעבן אונטער זייער שווערע באַדינגעונגען. דער בעל אגדה האָט עס עלעגיש באַצייכנט אַזוי: בשעה שאדם בצער, שכינה מה אומרת? קלני מראשי, קלני מזרועי. (ווען דער מענטש איז אין צער, די שכינה וואָס זאָגט? ווי מיר, אָדער שווער איז מיר מיין קאָפּ, שווער די אייגענע האַנט...)

מיטן אָפּשיידן זיך פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, שיידט זיך דאָך אויך אָפּ דאָס געשטאַלט פון א גאַנצער תקופה, אָבער ווי שווער עס זאָל נישט זיין, דאַרף מען פאַר זיך ווידער אויפשטעלן אין זיכרון און פאַרן אייגענעם אינערלעכן אויג דאָס טייערע געשטאַלט, איידער עס פאַרגייט אין דער אייביקער פאַרהוילנקייט פון צייט.

פאַניע טשערניאַק ע״ה, איז געווען איינע פון אן אויסגעקליבענער גרופּע פון יידישע פאָלקס-מענטשן, וואָס זענען ביי אונדז אויפגעשטאַנען אין אָנהייב פון דעם געפּרוווטן יאָרהונדערט, אויף וועמענס גורל עס איז אויסגעפאַלן אויסצוטרעטן נייע וועגן אין יידישן לעבן. זיי האָבן געהערט צו אַ דור, וואָס האָט מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען אַ זאָג געטאָן מיט פּרצעס קינסטלערישן הויך ״נישט אייער ליכט, אייער אָנצינדער וויל איך זיין״, ווייל ״לענגער ווארטן קען מען שוין נישט״. אַלע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און קולטורעלע נויטן וואַרטן באַנייט צו ווערן און צו קומען צו א נייעם אויסדרוק. די פּערזענלעכע נויטן און די געזעלשאַפטלעכע האָבן מער נישט געלאָזט רוען. עס איז אַ דור, אויף וועלכן מ׳קען אויך זאָגן, אז ר׳איז אין זיין רוב אין קיין קלאַסן נישט געגאַנגען אויף צו צוגרייטן זיך צו טאָן דאָס, וואָס ר׳האָט שפּעטער געדאַרפט טאָן. דאָס ביסל יידיש און אַלגעמיינעם וויסן, וואָס מ׳האָט זיך דערוואָרבן אין די גאָר יונגע יאָרן, איז געווען מער אַ נאָש געטאָן ווי אָנגעפילט זיך צו דער זאַט. דערפאַר איז דאָס לעבן אַליין געווען זייער לערן-הויז, און יעדע נייע דערפאַרונג זייער שול-באַנק. די ברכה און דורותדיקער באַגלייט-ווונטש פון יעדן יידישן קינד: ״זאָלסט באַגערן צו לערנען און צו מעשים טובים״, האָבן זיי געטראָגן מיט זיך און דורשטיק

געטרונקען פון די פונדאַסניי אַנטפּלעקטע קוואַלן פון יידישן פּאָלקס־שאַפן.

פון דער ביטערער נויט פון פּאָליטישער און גייסטיקער אונטערדריקונג אין די מזרח־אייראָפּעישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיי זיך געצויגן צו נייע לענדער און וועלט טיילן אויך צום אלט־נייעם היימלאַנד, און צוזאמען מיטן שווערן גראַנגל פאַר אייגענער עקזיסטענץ און דערהאַלטן זיך, אויך אויפגעשטעלט נייע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און געלייגט דעם יסוד פאַר ניי לעבן און אַ נייע פירונג.

אויף פּאַניען און אים אויף צו געזונטע יאָרן נאָך, אויף אַלטערן, איז אויסגעפאַלן צו זיין פון די ראשונים בויער אין ווייטן מערב קאַנאַדע, אין וויניפּעג. אַ קליין הייפעלע פּאָלקסאינטעליגענטן זענען זיי געווען. אלץ האָט מען געדאַרפט אָנהייבן פון אָנהייב סיי אין פּריוואַטן לעבן און סיי אין געזעלשאַפטלעכן. אי באַשאַפן די סביבה און אי אַרויסברענגען די אָנפירער, וואָס זאָלן קענען אָנפילן מיט אינהאלטן וואָס פירן צו מעשים. ס'איז עד היום א גרויס וווּנדער ווו זיי האָבן גענומען די כוחות בייצושטיין די פּרעמדיקייט און גובר זיין די קאַלטקייט און עלנט פון די ערשטע יאָרן אין דעם נייעם לאנד. אָפּגעריסן פון א יידישן צענטער, זעלטן ווען בלויז א גאַסט פון דאָרט מיט אַ דערהויבן וואָרט אין מויל, האָבן זיי פּאָרט באַוויזן צו שאַפן פאַר זיך אַ וואַרעם ווינקל, וואָס האָט גענומען אָטעמען מיט היים און פאַרוואָרצלטקייט.

ווען מיר האָבן פּאַניען דערקענט, אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, איז עס שוין געווען היפש ווייט אוועק פון די פּיאָנירן טעג ווען מ'האָט זיך געדאַרפט מיט ציין און נעגל איינבייסן אינעם האַרטן באָדן. די מיטל — יאָריקע באַדאַכטקייט און איינגעזעסנקייט האָט שוין גערוט אויף איר און דעם גאנצן קרייז. מאָמענטנווייז אָבער, האָט זיך דער גלאַנץ פון דעם יוגנט־ברען אַ צעפלאַם געטאָן ביי געוויסע געלעגנהייטן מיט אַ ניגון און התלהבותדיקן טאַנץ, נאָך וועלכן קיין זאַך איז נישט שווער געווען אונטערצונעמען און א פאַנטאַזיר טאָן וועגן אַ ראָזן מאָרגן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די שווארצע וואָלקנס פונעם אָנקומענדיקן שטורעם זענען שוין געווען גאַנץ געדיכט. אינעם גלאַנץ פון יענע צעפלאַמטע מאָמענטן, האָב איך דערשפּירט דעם אינערלעכן כוח, וואָס האָט דעם פּיאָנירן דור געשפּייזט און אים דערפירט דערצו, אַז אין די ווייטע יידישע צענטערן זאָל מען זיך דערוויסן, אז ס'איז דאָ אַן עיר ואם בקאַנאַדע, ווו אַ הייפעלע יידיש־יידן האָבן געוואַגט אויפצועפענען די ערשטע יידישע טאָג שול אויף דעם קאָנטינענט, ווו א יידישער שרייבער און קולטור טוער דערוואַרעמט זיך אין דער יידישער סביבה, וואָס איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן. אין גאָר א קורצער צייט איז דאָס ווייטע וויניפּעג געוואָרן אַ שם דבר אין דער יידישע

וועלט. פון מויל צו מויל איז מיט גרויס פאַרערונג און ליבשאַפט אויך מיטגעגאַנגען דער נאָמען פאַניע טשערניאַק, אי ווי איינע פון די הויפּט באַוועגערינס פון אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אין און אַרום דער פּרץ שול, און אי ווי די עקרת הבית פון דער וואַרעמער היים פון די טשערניאַקס, וועלכע האָט דעם גרעסטן חלק אינעם אָוועקשטעלן וויניפּעג ווי אַן עיר ואם אין יידיש לאַנד. מיט איר ענטוזיאַזם און שטענדיקער גרייטקייט אַליין צו טאָן, האָט פאַניע באַווירקט און צוגעצויגן מענטשן צו אַלע די נאַציאָנאַל קולטורעלע אַרבעטן, וואָס זענען אין דעם הויז פאַרטראַכט און פּלאַנירט געוואָרן. מיט איר גאַסטפריינדלעכקייט און ראַפינירטן קלוגן שמייכל און בליציקן גלייכווערטל, האָט זי אַלעמען געמאַכט פילן היימיש. איר טיפער ערנסט און געזונטער לעבנס־לוסטיקייט געפּאָרט מיט אַ יוגנטלעכן ברען, האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדערן דרך ארץ צו איר. עלטערע און יינגערע פון איר, האָבן געזוכט איר נאָענטקייט און מיטהילף נישט נאָר אין געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן ביזן־טיפן עלטער אַריין.

מ׳מעג דעריבער זאָגן מיט פולער אויפריכטיקייט, אַז ווען די שווערע קראַנקייט האָט זי איינגעבראָכן און איזאָלירט אין די לעצטע יאָרן, האָבן נאָענטע און ווייטע אויפגעציטערט. עפּעס האָט זיך עס נישט געפּאָרט מיט דער שטענדיקער אָפענער טיר און חברותא־היימישקייט פון דעם דאָזיקן הויז און זיינע מענטשן. דער גוטער טעם פון דעם הויז איז געבליבן נאָענט און ליב אין געמיט פון כמעט א גאַנצן דור יידישע שרייבער פאַר וועלכע ס׳איז יאָרן־לאַנג געווען גרייט דאָרט אַ ספּעציעלער צימער, וואָס האָט געוואַרט אויף זייער קומען צו גאַסט.

ווי האָט עס מיר אַמאָל גאָר אַ גרויסער יידישער פּאָעט אַ זאָג געטאָן צוריקקומענדיק פון אַ באַזוך אין וויניפּעג: ״אויף די שפּיץ נעגל גייט מען דאָך אַרום אין דעם הויז, ווען אַ יידישער שרייבער איז אין זיין צימער אויבן. אַלץ אָטעמט דאָרט מיט חשיבות צום יידישן שאַפן. עפּעס פון דער חסידישער באַציונג צום רבין איז דאָ אין דעם״. איר ווייסט, וואָס כ׳האָב דאָרט דערפילט, האָט ער נאָך אַ ווײַלע פאַרטראַכטן זיך צוגעגעבן: ״מ׳קען אוודאי אַ היפּש ביסל אָפּדינגען פון וויניפּעג ווי אַ ״ירושלים דקאַנאַדע״, אָבער מ׳דאַרף אַ סך צוגעבן צו דעם, אַז פאַניע איז אַן ״עכטע מאַמע״ אין דעם ירושלים פון איר הויז...״

אָט אַזוי וועלן מיר זי געדענקען און זען אַרויסשיינען פון איר דור און איר צייט. תהא נשמתה צרורה בצרור החיים.

אינעם שײַן פון זיין דור

(אַ טרער אויפן פרישן קבר פון י. א. טשערניאַק ע"ה)

מיטן אוועקגיין אין דער אייביקער פארהוילנקייט אריין פון אלטער טשערניאַקן, האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט נאָר דער לעבנס־שפּאַן פון אַ טייערן מענטשן, אַ יחיד במינו, נאָר עס פארהוילט זיך אויך פון אונדז אַ גאַנצע תקופה, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר א ספעציעלן לעבנס־גאנג פון גרויסע מעשים אינעם אויפשטעלן דעם היגן יידישן יישוב.

אויף אַלטערן און זיין גלייכן איז ווי אָנגעמאָסטן די פאָלקס־פּראַזע "שיין געלעבט און גלויביק געחלומט". ס'איז דעריבער רעכט, אז פנים אל פנים מיטן אומפארמיידלעכן גזר פון טויט און פארגיין, זאָלן מיר אים און זיין דור ווידער דערזען אין דעם שיין און שיינקייט פון זייערע מעשים, וועלכע שטייגן אַריבער דאָס פאַרגיין פון זייער אייגענעם לעבנס־שפּאַן.

ער האט געהערט צו א דור וואס מ'האָט ניט פאָרויס נאָמינירט אָדער אָנגעשטעלט צו זיין געזעלשאַפטלעכע טוער: ס'איז אַ דור וואָס האָט אַליין געדאַרפט אויפזוכן און אויפשטעלן זייַנע פירער און וועגנווייזער. זיינע רבי'ס האט ער ניט געקראָגן בירושה. אינעם ברען פון יוגנטלעכן רעוואָלטירן און איבערשאַצן די אַלטע ווערטן, האָט ער זיך אָפּגעזאגט פון זיי און זיך דערוויטערט. זיינע נייע רבי'ס האָט ער זיך געמוזט אַליין דערווערבן. ס'איז דער דור יידישע פאָלקס אינטעליגענטן וואָס האָט אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט גענומען אויף זיך די היסטאָרישע שליחות פון "גיין אין און מיטן פאָלק", און דורך אַליין־הילף און קריגן נייעם וויסן אַרויסהייבן זיך אַליין און דאָס פאלק פון דער פערזענלעכער און נאַציאָנאַלער נויט און עלנט. ס'איז געווען אַ רעוואָלוציע פון דער טיף צו דער הייך פון נייע וונדערלעכע האריזאנטן.

אין פאַראַנטעז, איז כדאי דאָ צוצוגעבן, אַז ביי אַ סך פון די היינטיקע, צווישן זיי אפילו די קינדער פון דעם דור, וואָס האָבן זייערע עלטערן געקענט פון דער נאָענט, איז פאַראַן אַ פאַלשע איינרעדעניש וועגן דעם דור. זיי זעען זייערע אייגענע מיט די אויגן פון אַ צאָל אָפּגעפרעמדטע און פאַרביטערטע קינסטלער, וועלכע קוקן אויף דעם דור מיט קאַסאָקע אויגן און אַ באַוווסטזיניקן אומוויסן. לויט זיי קומט אויס, אַז דער דור איז געווען ענגהאַרציק, עגאָיסטיש און האָט זיך באַוווסטזיניק אָפּגעשלאָסן אין אַ ווינקל, ווייל ער איז מכלומרשט געקומען פון אַ פאַרווינקלטער וועלט. דאָס איז אָבער אַ פאַלש זען און באַנעמען, ווייל דאָס פארקערטע איז דער אמת. דאָס אמת'ע בילד, וואַרט נאָך אויף זיין קינסטלער וואָס זאָל עס אַנטפּלעקן.

דאָס שטעטל פון וואַנען זיי זענען געקומען האָט טאַקע געהאַט נידעריקע צעהויקערטע הייזקעלעך מיט שטרויענע דעכלעך און קליינע פענצטערלעך. עס איז טאַקע געזונקען אין בלאָטעס און געשטאַנען פאַרעלנט ווי פאַר־יתומ׳טע אינדזלען אין עק וועלט. אבער אין זיך, האָט עס פון אינעווייניק געזען אַ הויכן אונענדלעכן הימל, וואָס האָט זיך ברייט געצויגן פון אַמאָליקן ווייטן כנען ביז איבער אַלע ימים און וועלט־טיילן. דורך די קליינע פענצטערלעך האָט מען מיטן גמרא ניגון און פאַרטיפטן פאָלקס קנייטש געלעבט אין ירושלים, אין יבנה, אין מחוזא, אין קאָרדאָווא און אין אַמסטערדאַם, ביז וואַרשע און ווילנע און ממילא אויך געאַנט און געטרוימט פון ווייטערע נאָך ניט געפונענע האָריזאָנטן, וואָס האָבן געפירט ביז ניו־יאָרק, מאָנטרעאַל, טאָראָנטא און וויניפּעג. אַלע זענען געווען אַ טייל פון אַ דורות׳דיקן גאַנג און אַלע חלומות האָבן געשפּונען האָפענונגען אין אַ משיח־פאַרנעם ניט נאָר פאַר די שטרויענע דעכלעך נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. דער דאָזיקער נייער דור האָט דאָס אויף זיין אופן גענומען טראָגן זיך אין דער וועלט אַריין מיט סאָציאַליזם, ציוניזם און נייעם יידישן אויסלעב, מיט אַ ברייטן פאַרמעסט און צעפראַלן טיר און פענצטער צו נייע אויסבליקן. פון אַלע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון יידישן מזרח־אייראָפּע, האָבן זיי געשטראָמט צו אַלע טיילן פון אַלטע און נאָך מער נייע מקומות. געטריבן פון אַ גורל׳דיקן געפיל: ״לענגער וואַרטן ניט געקענט״, זענען זיי אומעטום געוואָרן נייער ״אָנהייב״ וואָס האָט (ניט באַוווּסט פון זיי) צוגעגרייט דעם ״איצט״ פון יידישן לעבן אין דער וועלט.

אַלטער טשערניאַק און זיין אמת׳ע ״עזר כנגדו״ פאַניע ע״ה, האָבן זיך נאָך גאָר יוגנטלעכע דעמאָלט צוגעשלאָגן צו די ברעגעס פון מערב קאַנאַדע, דאָס לאַנד פון די לאַכעדיקע וואַסערן (ווי עס האָט אַמאָל געהייסן), וואס האט נאך אליין דאן, אין 1905, געהאַלטן אין סאמע אָנהייב און שוין גאָרניט אַזוי ליבלעך צוגעשמייכלט צום ניי־געקומענעם. דער עלנט פון די ערשטע יאָרן און דאָס געפיל פון פרעמדקייט ״אין אַ לאַנד אַ ווייטן״, ווי עס זינגט זיך אינעם רעפריין פונעם פרץ־פאָלק־שול הימן, האָט שווער געדריקט און זיך געלייגט אויפן געמיט. קליין איז געווען דער יישוב, און נאָך קלענער איז ער געוואָרן צוליב די שאַרפע מיינונגס פאַרשיידנקייטן און באַזונדערע לעבנספירונגען וועלכע מ׳האָט געבראַכט מיט זיך פון יענער זייט ים. גאָר עלנט און פאַרלוירן האָבן זיך געפילט די איינציקע צווישן זיי וועלכע האָבן נאָך אויף יענער זייט איבערגעריסן מיטן אַלטן נוסח און גע׳חלומט פון אַ נייעם שטייגער וואָס זאָל געבן פולן אויסדרוק צו דער נייער צייט, פאָלקס שאַפן און זיין שפּראַך. רעכנט מען נאך צו דעם צו אויך דעם שווערן געראַנגל ביים צופּאַסן זיך צו דער האַרבער נאַטור און דאָס מוזן זיין אַריינגעטאָן אין זאָרגן פאַר דער טאָג־טעגלעכער אויסקומעניש, קען מען

ערשט באַגרייפן פּאַר וואָס די נייע פרעמד האָט ניט איינעם פון זיי געטריבן צו מורא׳דיקער אָפּהענטיקייט און פאַרצווייפלונג.

אָט צווישן דער עלנטער אימיגראַנטן מאסע, האָבן אַלטער און פאַניע און נאָך אַ פּאָר געציילטע יחידים דאָ און אין אַנדערע שטעט, גענומען אויף זיך די ראָלע פון אַן עלטערן ברודער, לערער און וואָרטזאָגער, וואָס שטאַרקט און גיט דערמוטיקונג אויף צו נעמען זיך פאַרוואַנדלען די נייע פרעמד אין אַ היימישער אייגענער היים אין וועלכער מ׳זאָל קענען אויפשטעלן אַן אייגן חשוב לעבן.

אָנגעהויבן האָבן זיי מיט זיך אַליין, מיט דער קליינער גרופּע וואָס האָט געטראַכט און געפילט ווי זיי. און טאַקע ווייל עס קומט זעלטן עמעץ אַהער פון דער גרויסער יידישער וועלט, קוים וואס מ׳דערוואַרט זיך אַמאָל אויף אַ רבי׳ן, אַ פירער, אַ רעדנער וואָס האָט עפּעס צו זאָגן. קלעפּט מען איינער צום אַנדערן און מ׳ווערט אַ מניין וואָס פראַוועט היימישקייט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן: מ׳איז אליין די בעלתפילהס און זאָגער; אַליין די שפילער און טענצער, און אַליין די זינגער. נאָר אויפן אָרט פון די אַלטע תפילות, דאַוונט מען נייע יידישע פּאָעזיע, זאָגט מען און מ׳פאַרטיפט זיך אין נייעם יידישן שאַפן. מען זינגט אַזוי פאַר׳דבקהט אַן אלטן חסידישן ניגון אַז פון זיך אַליין פאַלט אַוועק דער גרים וואָס מ׳נוצט ביים שפּיל, און מ׳איז שוין באמת אין דער היים, ווו עס טאַנצט זיך אַזוי פריידיק און לעבנסלוסטיק אַ ״שערעלע״, אַ רעדלדיקער קאַראַהאָד און אַ ״שלום עליכם טאַנץ״.

מיט טיפן גלויבן און גרויס פאַרנעם, האָבן אַלטער און פאַניע און זייערע אומפאַרגעסלעכע חברים, צווישן זיי א צאָל באמת געבאָרענע טאַלאַנטפולע מענטשן, אַלע פון יידיש וועלטעכן קרייז, איבערגעשאַפן דאָס ״פרעמד־ווייטע לאַנד״ אין אַ נאָענטער היימישקייט. פון דעם לאַנד פאַרווייט אין שנייען און פאַרקאָוועט אין פראָסט, איז געוואָרן אַ ווארעמער יידישער ישוב ווו אַ יידישער מענטש קען זיך אויסלעבן ווי זיין האַרץ גלוסט. מיטלעבן מיט די ליידן און פריידן פון דער גרויסער יידישער צעשפרייטקייט און מיט׳חלומען דעם חלום פון אחרית הימים.

און כאָטש פון אויבנאויף, האָט דער וועלטלעכער קרייז זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך מסורה׳ס און פאַרהייליקטע טראַדיציעס, האָט ער מיט אמת היסטאָרישער אחריות דערהיטן די טראַדיציע פון פערזענלעכער אחריות פאַרן יידישן קיום, ממש לויטן איינגעשטעלטן כלל: צען אידן זענען אַ מניין, וואָס קען דורכפירן אַלץ וואָס אַן עדה איז מחוייב דורכצופירן; דריי יידן ביי איין טיש, קענען בענטשן מזומן, אבער איין ייד אַליין אין עק וועלט ערגעץ, איז ניט נאָר ניט פטור פון מצוות, נאר אויף אים

ליגט דאָס אחריות פון גאַנץ יידישער מענטשלעכקייט. און ווי קליין די גרופּע איז ניט געווען, האָט יעדער איינער פון זיי, לויט זיינע כוחות געטראָגן דאָס אחריות פאַרן כלל, פאַר דער יידישער שולע, יידיש לשון און שאַפן, יידישע פאָלקס ביבליאָטעק, נאַציאָנאַלע פאָלקס פאַרבאַנדן און קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס, הילפס אָרגאַניזאַציעס, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און ישראל אויפבוי. אומעטום געווען די ראשונים און טרעגער פון פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

זייער פאַרליבטקייט אין יידישער פאָלקסטימלעכקייט, האָט זיי געפירט צום יידישן ניגון, טאַנץ און שפּיל, און מיט אמתן חסידישן ברען און פאַרגלויבטקייט אַרויפגעקוקט צום יידישן שרייבער און וואָרטזאָגער ווי דער נייער וועגווייזער. זיי זענען טאַקע צייטנווייז געווען שטאַרק צעברוגזט מיט אַ סך פאַרהייליקטע טראַדיציעס און דאָך געווען אַ טייל פון דעם דורות'דיקן גאַנג. ווייל, ווי קען מען זיין נאָך היימישער ווי אין יידיש? און ווו קען מען זיין נעענטער ווי אין אַ יידישן פאָלקס טאַנץ באַגלייט פון אַ האַרציקן ניגון?!

גלייך פון אָנהייב איז אַלטער טשערניאַק באַטראַכט געוואָרן ווי דער ניט געקרוינטער פירער און וואָרטזאָגער פון דעם יידיש וועלטלעכן קרייז. מיט אַ קאָפּ העכער פון מיטעלן וווקס, גיט אים אויך די ברייט צו אַ ספּעציעלע העכערקייט און דערהויבנקייט. דאָס שאַרף געשניצטע פּנים לויטערט אַלעמאָל מיט אַ באַזונדערן שאַרם, וואָס מוז גלייך באַמערקט ווערן און רופט אָרויס דרך־ארץ צו זיך. זינגען זינגט ער, דאַכט זיך, גלייך מיט אַלעמען און דאָך ניט אַלע מאָל אין טאָן. אַזוי איז עס אויך גאַנץ אָפט אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער צעשטורעמט זיך אָפט פּלוצים ביז פאַרגעסנקייט ווען עפּעס ווערט געטאָן נישט ווי ער פאַרשטייט. באַזונדערס טרעפט עס אין א מחלוקת מיטן "דרויסן" וועגן אַ פּרינציפּיעלן צוגאַנג. די גאַנצע געמיטלעכע און געלאַסן־פירערישע באַטראַכטקייט זיינע, פאַלט מיטאַמאָל אַוועק און עס שוימט פון אים מיט צעברויזטקייט וואָס איז גאָר שווער צו קאָנטראָלירן. עס פאַלן דעריבער אויף אים אַלע ביטערע פיילן פון די קעגנער און מ'רעכנט זיך אָפּ מיט אים אין די פירנדיקע קהילה־קרייזן ווען עס קומט איינצוטיילן זיך מיט כיבודים.

פון דער היים, פון כאַסלאַוויטש, האָט טשערניאַק מיטגעבראַכט אַ היפּשן אַלגעמיינעם און אויך יידישן וויסן, וואָס ער האָט דאָ שטאַרק באַרייכערט אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן ביז צום ווערן אַן אַדוואָקאַט און מער נאָך דורך אַליין לערנען. ער איז אַלעמאָל שטאַרק פאַרנומען אָבער צו דערזעלבער צייט איז ער אַלעמאָל גרייט צו טיילן זיך מיט זיין וויסן. איז ער דעריבער דער רעדנער, דער לערער ווען מען דאַרף און אויך דער ענערגישער פּראַקטישער טוער. ער איז מיט אַלעמען נאָענט און דאָך אַביסל ווייטלעך.

בלויז געציילטע רופן אים ביים ערשטן נאָמען. דאָס אחריות פאַרן גאַנצן קרייז ליגט דאָך אויף אים, טראָגט ער עס מיט ווירדע. ער איז אָבער זייער אָפט אַליין און אַביסל פאַרביטערט. ס'איז אים שווער מיטצוגיין מיטן שטראָם. מיטן גאַנצן שטורעם זיינעם, איז ער אַ פּאַמעלעכער גייער, באַזאָרגט און אָפט זייער סענטימענטאַל. דער מינדסטער קרעכץ פון אַ געליטענעם רירט אים ביז טרערן. מענטשן וואָס פּרעטענדירן אויף אויסגעהאַלטנקייט האָבן שטאַרק פאַריבל, וואָרפן אים פאָר די שוואַכקייט זיינע, וואָס פירט אָפט צו ניט אויסגעהאַלטנקייט. שמייכלט דאַן זיין גוטמוטיקער מיטפילנדיקער בליק: "און אַ מענטשלעכע טרער, איז ביי אייך אַ קלייניקייט?!..."

יאָרנלאַנג איז ער געווען דער הויפּט פּלאַנירער פון אַלץ און אויך פון די הויפּט דורכפירער. ער איז דער פאַרבינדער מיט דער יידישער וועלט און דער מיינסטנס אויסדערוויילטער פאָרשטייער זייערער. אַלע וויסן, אַז ווען ער וואָלט אויסגעקליבן צו באַזעצן זיך אין אַ גרעסערער שטאָט, וואָלט ער שנעל געוואָקסן צו פאַרנעמען אַ פירער פּאָזיציע פון נאַציאָנאַלן פאַרנעם. קוקט מען געוויינטלעך אַרויף צו אים מיט דאַנקשאַפט און מ'פילט זיך געהויבן מיט אים און זיין היים ווו אַזוי פיל ווערט פאַרטראַכט און אויסגעפירט, און ווו זיין פאַניע, די אייביק געליבטע און טרייע לעבנסבאַגלייטערן, פירט שטאַט מיט חכמה און שאַרם און מאַמעשער האַרציקייט. זי דערמאָנט שטאַרק אין אַ ראַפינירטער פּאַטראָנעסע פון אַלטע צייטן. אין אָט דער היים איז אויך פאַראַן דאָס חדר מיוחד פאַר געסט, יידישע שרייבער און קינסטלער וועלכע קומען זיך אָנוואַרעמען אין דער היימישקייט פון דעם יידישן ישוב. ניט איין ניי ווערק איז דאָרט פאַרטראַכט געוואָרן און ממש דאס בעסטע פון נייעם יידישן שאַפן איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און עכטער איבערלעבונג. אין דרויסן מעג וואָיען דער רייסנדיקער פּרעירי־ווינט. דאָ אין צימער זיצט מען מיט אָפן אויער און האַרץ, און מען פילט בחוש ווי דער יידישער שאַפער ציט פאַרהוילענע באַנדן פון די אַמאָליקע צו די מאָרגנדיקע "גרינע פעלדער", וועלכע ציען אויך זיי און זייער שטאָט אַריין אין דער מסיבה פון יידישע קהילות אין גאַר דער וועלט. יידישע שטעט רעדן זיך דאָ דורך יידישער צייט און געשעענישן, וואָס שטאַרקט זיי צו וויסן אַז אין זייער "היינט" געפינען זיי זיך אין אַן עיר ואם בישראל. אַלטער מיט פאַניען זיצן צווישן עולם ווי די אמתע אויפגעהייטערטע מחותנים און קוקן זיך איבער מיט פאַרבליפטע בליקן וואָס פאַרטייטשן זיך פון זיך אַליין: "זעסט, אַלע שווערקייטן און שטרויכלונגען וואָס מ'האָט געדאַרפט דורכמאַכן האָבן דאָך אַ זינען. עס האָט זיך געלוינט."

אין די לעצטע יאָרן, ווען דער גאַנצער אַרום האָט זיך געענדערט און דער חלום וואָס האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט איז אויסגערונגען, אַנטוישט און אָפּגענאַרט, האָט אַלטער זיך מער ניט געקענט האַלטן פאַר קיין גלויביקן, און זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט. אָבער אינגאַנצן פאַרלאָזן דאָס וואָס ער האָט געהאָלפן בויען, האָט ער ניט געקענט. "אויב איך קען עס מער ניט בענטשן, — האָט ער מיר געשריבן מיט אַ צייט צוריק, — אָפּזאָגן זיך פון דעם אינגאַנצן, קען איך אויך ניט..."

אַזוי האָט ער זיך אויך געפירט ווען זיין רבי, דר. חיים זשיטלאָווסקי ע"ה, אין וועמען ער האָט ניט נאָר געגלויבט און פאַרערט נאָר פשוט ליב געהאַט, האָט זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון דער צייט און אַראָפּ פון זיין אייגענעם דרך. זייער ווייניק פון זשיטלאָווסקיס חסידים־תלמידים האָבן געהאַט דעם כוח איינצוהאַלטן זיך פון וואַרפן שטיינער אויף דעם רבינס פאַרבלאָנדזשען. אַלטער איז אָבער דאָך געבליבן נאָענט מיט אים און ווי ווייט ער האָט געקענט אים געהאָלפן פאַרגרינגערן די נויט אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אין די לעצטע פאַראייניזאַמטע יאָרן. לאַנגע יאָרן נאָכן טויט פון דר. זשיטלאָווסקי האָט טשערניאַק געהיטן דעם כבוד פון זיין רבי'ן יעדעס מאָל ווען ער האָט באַמערקט, אַז עמעץ פּרוּווט פאַרניינען דעם ווערט זיינעם. באַזונדערס האָט ער געברויזט מיטן אַמאָליקן אימפּעט קעגן די וואָס האָבן געוואַגט צו שטעלן אונטער אַ ספק די ערלעכקייט פון דר. זשיטלאָווסקי. אפילו אין יענע ערשטע יאָרן פון די דערהויבענע חלום־טעג, ווען מ'האָט בחבורתא געזונען אין אַ רעדל־טאָנץ נאָך אַ זשיטלאָווסקי לעקציע: "אונזער רביניו, אוי, אונזער רביניו!" ער האָט צוליב דעם זיך צעקריגט און דערווייטערט אפילו פון גאר נאָענטע פריינד.

דערווייל האָט זיך דאָס לעבן אָדער דער טויט געטאָן זיינס. דער דור זיינער איז אַוועק אין דער אייביקייט אַריין און געלאָזן אַ ליידיקייט און אַ נאָגנדיקן אומעט. און אַז דער שווערסטער קלאַפּ איז געקומען און פאַניע איז שווער קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך שוין אינגאַנצן צוריקגעצויגן און איזאָלירט. דרויסנדיק האָט ער נאָך אָנגעהאַלטן אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט מענטשן מערסטנס פּראָפעסיאָנעל, אָבער דאָס האַרץ איז שוין ניט געווען דערביי. "יעדע שעה וואָס כ'בין ניט מיט פאַניען, כאָטש איך קען איר זייער ווייניק העלפן, האָט ער זיך פאַרטרויט אין אַ בריוו, — איז אַזאַ ביטערע עול, וואָס איז גאָר שווער איבערצוטראָגן." ער האט זיך געהאַלטן בלויז צוליב איר. געוואַכט איבער איר און געהיטן די ליבשאַפט פון אַלע זייערע נעבטנס דורך פאַרלייכטערן אויף וויפיל ס'איז מעגלעך געווען דעם ביטערן היינט. ער האָט זיך אפילו געגרייט מיטצוגיין מיט איר אין אַ ספּעציעלן אַנשטאַלט. ער האט זיך אפילו ניט פאַרגונען באמת הנאה צו האָבן פון די

דערגרייכונגען פון די קינדער אין די לעצטע יאָרן. ״אַז פאַניע קען זיך ניט מיטפרייען, ווי קען ער געניסן פון פרייד.״ און אַז פאַניע איז שוין אויך אוועק, האָט זיין האַרץ מער ניט אויסגעהאַלטן.

ווו ער האָט אָבער גענומען דעם כוח נאָך צו מאַכן דעם לעצטן מאי אַ ווייטע נסיעה, איז ניט צו פאַרשטיין. אין גאַנצן אַן אויסגעשעפּטער מיט כמעט אַ יענער־וועלטיקן אָפּשיין אויפן אָפּגעצערטן אָבער נאָך אַלץ לויטערן פּנים, האָבן מיר אים באַגעגנט אויף אַ קורצער ווײַלע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מאָנטרעאַל אויפן וועג צוריק פון דער ייוו״א קאָנפערענץ ווו ער האָט געהאָפּט צו טרעפן אַלטע פריינד און צום לעצטן מאָל זען וואָס מ׳טוט. אין איין וועגס אויך געווען ביי דער טאָכטער און געקומען קיין מאָנטרעאַל אויך נאָר כּדי צו טרעפן זיך מיט אייגענע און פריינד.

״כ׳בין געפאָרן זיך געזעגענען, — האָט ער אונדז געפרווווט אויפקלערן פאַר וואָס ער האָט אונטערגענומען אַזאַ שווערע נסיעה, — פאַניע האָט עס ניט באַוויזן, האָב איך עס געטאָן אויך פאַר איר. פינעף און זעכציק יאָר זענען מיר געווען צוזאַמען און אַלץ געטאָן צוזאַמען. וואָס זשע קענען שוין די טעג אָן פאַניען מיר ברענגען״... — האָט ער אַ פאַרטערטער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן און כמעט סטאָאיש צוגעגעבן: ״איך פאָר אהיים וואַרטן אויפן טאָג אויף וועלכן כ׳קען זיך שוין קוים דערוואַרטן...״

ביים געזעגענען זיך, האָט זיך עפּעס ווי אַרויסגעשעפּטשעט פון אים: ״ווער נאָך ווי איר, ווייסט, אַז מיר האָבן מער געוואָלט ווי געקענט. אָבער עפּעס האָבן מיר דאָך פאָרט אויפגעטאָן. נאָר צי מ׳וועט עס געדענקען, ווער קען וויסן. מיר פלעגן דאָך אָבער אַלעמאָל גלייבן אַז קיין זאַך ווערט ניט סתם אַזוי פאַרלוירן.״

זאל דער שיין פון זיין דור און זייער אייגענע שיינקייט, רוען אויף אים און אויף זיי — אין און אַריבער די צייטן!

(1972)

אין שליחות פון אַ דור

(ביים אָרון פון משה מענאַכאָווסקי ע״ה)

פנים אל פנים מיטן גזר פון דער אייביקייט, וואָס מיידט נישט אויס קיינעם פון די לעבעדיקע, און אויף וועלכן ס׳איז נישט שייך צו פרעגן קשיות אָדער פאַרלאַנגען חשבון מיט אַ פאַרוואָס און אַ פאַרוואָס און וואָס איז בכלל דער זינען פונעם בראָך דווקא איצט, פלוצים אינמיטן דערינען, — איז זיכער אַ שטום שווייגן אַ טיפערער אויסדרוק פון צער ווי דאָס וואָרט וואָס וויל ארויסברענגען דעם פיין פון אָפשיידן זיך פון אַ נאָענטן מענטשן וועלכער איז אָט נאָר וואָס געווען מיט אונדז און פלוצים אַוועקגעצויגן געוואָרן אין דער אייביקער פאַרהוילעניש אַריין. אפילו דער גלוביקער וואָרט-מייסטער, דער בעל החומש האָט קיין אַנדער וואָרט נישט געפונען אויסצודריקן דעם גרויסן בראָך פון גזר, ווי ״וידום אַהרון״ — אַהרון איז פאַרשטומט און פאַרשוויגן געוואָרן. שטומער צער גרייכט טיפער און קומט נעענטער צו צום אויסדריקן דאָס גורל-געפיל וואָס הילט אונדז איין שטייענדיק פנים אל פנים מיטן אומפאַרמיידלעכן. אויך אונדזער וווּנדערלעכער פּאָעט מאַני לייב דריקט עס אויס אויף זיין שטייגער:

״אין וואָרט איז נישט אַלץ, וואָס די צונג רעדט אַרויס,
נישט אַלץ, וואָס די פעדער פאַרשרייבט;
וואָס מערער די צונג און די פעדער דריקט אויס,
אַלץ מערער אין שטומקייט פאַרבלייבט.
אָ, שטומקייט, דיין אויג איז די גרייס ווי די וואָר,
זעסט וווּנדער אַרום און אַרום,
און גאַפסט, ווי די חיה מיט נעגל און האָר,
און ברומסט מיט דיין צונג אויף דער שטום.״

און אין אַנדער ליד בעט ער זיך

״שטילער שטילער, רעדט נישט הויך,
שטייט געבויגן שוואַך און בלייך,
איינגעבויגענע אין פּיין
שווייגט און האַלט דעם אָטעם איין.״

שטייען מיר איצט געבויגענע אין פּיין און דורכגענומען מיט גאָר דעם הוילן אמת פון וויסן, אַז ס׳איז אונדז נישט געגעבן געוואָרן צו קענען אויסדריקן דעם תהומיקן צער אויף דעם פלוצימדיקן אָפשיידן זיך פון אונדז פון דעם ערלעכן און טייערן מענטשן משהל מענאַכאָווסקי. מיר קענען נאָר באַנוצן דאָס בלייבע וואָרט אויף ווידער צו דערזען אין דער פיינלעבער רגע פון צעשיידן זיך זיין טיף מענטשלעכע געשטאַלט ווי זי האָט געלעבט מיט אונדז אַ צאָל באַשערטע יאָרן.

געוועזן מיט אונדז אַ מענטש, וואָס האָט מיט זיך פערזאָניפיצירט אַ דור אַ גאַנצן. אַן אויסנאַם דור אַזאַ, וועלכער האָט אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט גענומען אויף זיך דאָס שליחות צו פאַרווירקלעכן אין זיין צייט אַ דערהויבענעם חלום פון דורות. אַ חלום געבוירן אין די טיפענישן פון פאָלק אויף דער ערד און מיטן סאַמע שפּיץ געגרייכט צו די פאַרהוילענע הימלהייכן. זיין חלק אין דער שליחות פון סאָציאַלן יושר, מענטשלעכע חשיבות און נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, האָט ער אויסגעפירט אי אין שטילער שטילקייט און אי אין ברוויזיקער אימפעטיקייט פון געזעלשאַפטלעכן טאָן אַלעמאָל, אָבער מיט גרויסער מענטשלעכער ערלעכקייט, אחריות און מסירת נפש.

פיל זייטיק איז געווען די דאָזיקע עבודה זיינע: אַ שרייבער, וואָס זוכט דורך זיין וואָרט אויסצודריקן דאָס שעפערישע אין זיך און ארום זיך. אַ לערער, וואָס האָט הונדערטער און הונדערטער יידישע קינדער סיי אין זיין בריסק ווו ער האָט אָנגעהויבן זיין שליחות און סיי דאָ אין לאַנד, אין וויניפּעג און טאָראָנטאָ, געעפנט די מיילעכלעך מיטן יידישן וואָרט און אות געוואַרעמט די הערצער מיט יידישן געפיל און ריינער מחשבה. דעם חלום וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן, דאָס שליחות וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן, האָט ער כסדר געהאַלטן פאַר זייער זוכנדיק געמיט, און ער האָט טאַקע זוכה געווען צו זען אַ צאָל פון זיי חלומען נאָך אים און פאָרזעצן זיין שליחות אויף זייער אופן און זייערע כוחות. ווי אַ סך פון זיין דור, איז ער געשטאַנען אין מלחמה מיט גאָר אַ סך פון אַלטן נוסח און שטייגער. עס האָט זיך אָפט אויסגעדאַכט, אַז מע מעג און מע קען אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי. דאָס טיף יידישע אָבער וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך פון טאַטע־מאַמעס הויז און די טראַגישע איבערלעבונ־גען און אַנטוישונגען, מיט וועלכע דער דור איז געפרוווט און געלייטערט געוואָרן, האָבן אין משהלען אויפגעשטעלט אַזאַ נשמה גערעַנגל, וואָס האָט אים אין די לעצטע יאָרן באַזונדערס געהאָלפן צו באַפרייען זיך פון דער צוגעאייגנטער פרינציפיעלקייט, וואָס בינדט דעם מאָדערנעם מענטש הענט און פיס און מחשבה פונקט ווי די אַמאָליקע דאָגמע. דעם טיפערן טעם פון דעם אייגענעם שטייגער האָט ער אין דער שטיל דערשפּירט און אין דער שול־אַרבעט געזוכט צו געפינען די פאָרם וואָס זאָל דערציערישׁ העלפן אָנצופילן די נייע כלים מיט אמתן מים חיים פון דער טראַדיציע. אפילו אין די שווערסטע יאָרן, האָט ער אין דער שטיל געהאָלפן אונדזער שולוועזן צו שעפּן פון די ריינסטע קוואַלן פון יידישן פאָלקס שאַפן. זיין ליבשאַפט צו יידיש און כסדרדיק פאַרטיפן זיך אין די מקורות און אין ניי־העברעישן שאַפן שטאַמט אויך פון דעם מקור. צו דעם האָט ער אין דער הויך, דורך זיין פאַרטיי, געטאָן זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, געוועקט אַנדערע צו בויען

און טאָן און אַוועקגעשטעלט זיך אין סאַמע מיטן פונעם גאַנצן פאַרנעם פון יידיש נאַציאָנאַלן און אַלגעמיינעם געראַנגל פון אונדזער צייט.

אין די קרוב צו פערציק יאָר, וואָס מיר האָבן זיך געקענט, איז אין אונדז כסדר געוואַקסן די באַוווּנדערונג פאַר דעם מענטשן וואָס האָט ממש יומם ולילה געאַרבעט אויף צו פאַרטיפן זיין וויסן און זיין גרייט צו לערנען און צוהערן זיך אי צו אַ יינגערן פון זיך און אי צו אַ קעגנער. אויסערלעך שטיל און באַשיידן מיט אַ סאָרט קילן שמייכל אויפן סטאָיש רואיקן פנים. די קליידער גלייך געפּרעסט אָן דעם מינדסטן קנייטש. אויך דער גאַנג איז אין די לעצטע יאָרן געווען אַ באַזאַכטער, אַ געטאָקטער און אַזוי אויך דאָס וואָרט זיינס אָפּגעקילט, אויסגערעכנט, איבערצייגנדיקע לאָגיק און קלאָרער גערדאַנק. עפּעס האָט געפּעבלט פון אים מיט שטילער באַשיידנקייט. האָט מען זיך אָבער געפּרוּווט נעענטער צוקוקן צו אים, האָט מען בחוש געפילט אַז ער איז אינערלעך באַלויכטן מיטן יונגן פלאַם פון די אָנהייב יאָרן ווען סיי אין זיין בריסק און סיי אינעם פרעמדלעכן ווייטן וויניפּעג, האָט ער זיך געזען ווי דער שליח־ציבור פון דעם ארעמקייט און דאָס פייערדיקע מויל פון די באַוולטע (באַאַוולטע), אַ דינאַמיק וואָס לאָזט נישט רוען און אַ געראַנגל, אַן אינערלעכער וואָס מאָנט כסדר ערלעכן חשבון מיט זיך און דער סביבה. גאָר אָפט האָט אין די לעצטע יאָרן די קלאָרע לאָגיק נישט געדינט מער און די גלייכע באַראַקאַוויסטישע ליניע, וואָס איז געווען זיין יסוד און גלויבן, האָט זיך היפּשלעך פאַרקרימט און ס׳איז געוואָרן שווער נישט צוצעלאָזן צו זיך דעם ניהיליזם צו וועלכן די טראַגישע אַנטוישונגען פון די לעצטע יאָרן קענען דערפירן. אין די גרויסע ראַנגלענישן זיינע, איז ער געבליבן אַ גלויביקער אין דער שליחות פון זיין דור. ער האָט ממש אָנגעגורט די לענדן, ווי עס באַצייכנט דער בעל התנ״ך מענטשן מיט א שליחות געפיל, און זיך געגרייט מיט פלענער צו שאַפן צו טאָן ווי עס וואָלט גאָר קיין לאָגיק פון באַגרעניצטער צייט נישט עקזיסטירט פאַר אים... דער ניגון פון זיין שליחות האָט בייגעקומען די קלאָרע לאָגיק. ס׳איז טראַגיש וואָר אָנגעמאָסטן אויף אים דער פּאָעטישער זאָג: ושירת חייו באמצע נפסקה.

עס וועט אונדז פעלן דער חבר, דער באַשיידענער טראַכטער און דינאַמישער מאַמין. און איבער אַלץ דער האַרציקער לערער און טוער, וואָס אַזוי וויניק זענען שוין בנמצא. אונדזער חברייא, ווערט אַלץ קלענער און קלענער. ס׳ווערט שטילער און ליידיקער אַרום אונדז. די שטילקייט אַרום אונדז יאָמערט העכער פון אונדזערע רייד.

מה נאמר ומה נדבר!? — שווייגן מיר אויס אונדזער צער און טראָגן אין זיך זיין דערהויבענע געשטאַלט, אַ געשטאַלט פון אַ זון פון אַ גרויסן דור.

מיר שיידן זיך אָפּ פון אייך, משהל; אייער נאָענטע משפחה וואָס האָט אייך באַגלייט אייער גאַנצן וועג אויף דעם עולם, סטערע, די קינדער, די אייניקלעך, ברידער און שוועסטער, די היגע חברייא און די מאָנטרעאַלער און וויניפּעגער חברייא לערער, שרייבער און טוער. בלויז מיט דעם פאַרגאַנגלעכן אין אייך, שיידן מיר זיך אָפּ. דאָס אייביקע הייבן מיר אויף מיט זיך און זענען עס מצרף צום ווייטערדיקן גאַנג לויטן נוסח און טיפן זינען פון ויגווע וייאסף אל עמיו. —

ס׳איז געווען ווויל צו זיין מיט אייך אין איין חברותא אַזוי ווי איר זענט געווען. הדרך עלן והדרן עלך! אייער דערהויבן לעבן און שליחות פונעם דור, שיינט אויף אונדז, און דאָס העכערע וואָס איז מיט אונדז, וועט ווייטער שיינען אויף דעם אייביקן אין אייך.

תהא נשמתך צרורה בצרור חיינו!

(1969)

א יחיד במינו
לייזער צוקער

א

קרוב צו זעכציק יאָר האָט לייזער צוקער געלעבט און געווירקט אין אונדזער שטאָט, און איז אין דער צייט געוואָרן דער סימבאָל פון דעם בעסטן און שענסטן אין איר. אלע וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו געפינען זיך אין זיין סביבה, האָבן אין אים געזען אַ מענטש, אַ יחיד במינו צו וועמען מ׳קען נישט אנדערש ווי ארויפקוקן מיט יראת הכבוד און באַוווּנדערונג ממש. ס׳איז גאָרנישט קיין איבערטרייבונג צו זאָגן אַז דאָס איז געווען אַ מענטש וועמען אלע האָבן ליב געהאט פאר דער ריינער ערלעכקייט און עכטער פשוטקייט וואָס האָט ארויסגעשיינט פון אים; זיין גאנץ לעבן איז געווען קודש לטובת הכלל, צום פאָלק און זיין קולטור שאפן, און צו דער זעלבער צייט געהאלטן נאענט צום הארצן און אויג יעדן יחיד און זיינע געפילן. זיין איבערגעגעבנקייט און דרך ארץ צו די שאפער און אויסדריקער פון אונדזער פאָלקס־געניוס איז געווען אין דער בחינה פון אמתער געלייטערטער אמונה אין דער אייביקער שליחות פון גייסטיקע ווערטן. פון אָט דעם אַלעם שיינט אַרויס די קרוין פון זיינע גרויסע מעשים פאַר יידישער דערציאונג און ישראל־אויפבוי.

זיין אייגענער לייכטנדיקער ביישפּיל, צו וועלכן ער האָט אלעמאָל ארויפגעקוקט, איז געווען דער חלוץ אין ישראל. פונקט ווי דער חלוץ פרעגט נישט יענעם, הייסט נישט יענעם אנהייבן טאָן, נאָר איז אליין דער ערשטער, דער אָנהייבער וואָס ווערט ניט דערשראָקן פאר שוועריקייטן, אזוי איז ער אלע מאָל דער ערשטער אנצוהייבן און דורכצופירן בשלמות זיין ארבעט. ער איז דערפאר געווען און לאנגע יאָרן באטראכט געוואָרן ווי איינער פון די ראשונים און הויפּט־זיילן פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג און גלייכצייטיק פון דער וואקסנדיקער היגער יידישער קהילה.

איבער א מניין קולטור און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס פון נאציאָנאלן און לאָקאלן כאראקטער, האָט ער געהאָלפן באשאפן און אייניקע פון זיי ווי די פרץ שולן אין דער ערשטער ריי, האָט ער אויסגעטראָגן און אויפגעהאַלטן מיט דער גרעסטער אחריות און מסירות־נפש אין משך פון לאַנגע יאָרן. זיי אלע, פונקט ווי די נאָענטסטע משפחה, זיינען שווער געטראָפן פון זיין אוועקגיין.

דער צער פון זיין אָפּשיידן זיך פון אונדז קען קוים געלינדערט ווערן מיטן וויסן און באַנעמען, אַז ס׳איז געווען אַ זכות פאַר אונדז וואָס ער איז געווען מיט אונדז אזוי ווי ער איז געווען; אז די מעשים זיינע און זיין ליכטיק

געשטאַלט ווען נאָך לאַנג אונדז באַווירקן. עס ווערט אונדז אויך נישט גרינגער דערמיט וואָס אין דער באַציאונג צו אים מצד דער נאָענטער סביבה, איז אונדז געגעבן געוואָרן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַנטקעגנצוטראָגן אים אונדזער ליבשאַפט און אָנערקענונג. מ׳האָט זיך געפרייט מיט אים, און מיט כבוד באַצייכנט זיין גאַנג צווישן אונדז. מיר האָבן אים אַלעמאָל געזען ווי דער וואָס איז ראוי צו ווערן דער קינסטלערישער פּראָטאָטיפּ פון דעם דור וואָס האָט דאָ אָנגעהויבן אויפסניי בויען זיין היים און זיך באַמיט אַריינצוריינגלען זיך אין דער אייביקייט פון זיין פאָלק, וואָס לעבט דורך דורות אונטערן צייכן פון דעם גרויסן פּאָעטישן זאָג פון ה. לייוויק ״איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער״ — איצט, ווען פּיזיש קען ער מער נישט שפּאַנען ווייטער, לאָמיר ווידער דערזען ווי אַזוי ער איז געווען צווישן אונדז.

קודם כל איז ער געווען אַן איש אמונה: אמונה אין יחיד און אמונה אין כלל. געירשנט האָט ער עס פון זיין טאַטן דער שמיד און פון דער מאַמען אַ פּאַרזאָגערין פאַר ווייבער אין דער שול פון זיין שטעטל סטאָק. פון טאַטן האָט ער געלערנט, ״אַז מ׳מוז כסדר בלאָזן אין בלאָז־זאַק כדי דאָס פייער צו האַלטן וואַך״; און ווי נאָר ער האָט עפּעס געלערנט, האָט ער גלייך מצרף געווען זיינע חברים דערצו. ער האָט זיי גלייך אַריינגעצויגן אין דער קוזשנע און געלערנט בלאָזן. און פון דער מאַמען האָט ער געלערנט וואָס עס מיינט מתן־בסתר פאַרן נויטבאַדערפטיקן יחיד. איר אַרומשפּאַנען איבער די הייזער פון שטעטל אויף צו זאַמלען שפּייז פאַר דער אָרעמקייט, איז אים טיף אַריין אין געמיט און האָט אים באַגלייט אַ גאַנצן לעבן. מיט גרויס ליבשאַפט האָט ער עס מיטגענומען מיט זיך ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין שטעטל אויף וועלכן מ׳האָט געזאָגט, אַז דער הימל איז דאָרט פאַרשטעלט מיט ״גראָבעווינעס״. מיינענדיק מן הסתם דערמיט אַ ביסעלע אָפּצולאַכן און פאַרמינערן זיך אַליין, אַז צוליב די שטרויענע דעכלעך, האָט מען דאָרט דעם הימל נישט געזען, און ערשט אין דער גרויסער וועלט, וועט מען אויפגערעבט ווערן מיט אַ ברייטן האָריזאָנט! דער אמת איז אָבער געווען, אַז נישט נאָר איז דער הימל נישט געווען פאַרשטעלט אין זיין שטעטל סטאָק, נאָר אין אַלע אונדזערע איצט חרובע שטעטלעך איז געווען אַן אָפענער הימל און אַ ווייטער האָריזאָנט צו וועלכע אַלע אונדזערע דורות און אוודאי דער דור צו וועלכן לייזער צוקער האָט געהערט; האָט געטראָגן די וויזיע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און יידישן רענעסאַנס דורך אמונה און ליבשאַפט צום יחיד און כלל, די וויזיע פון לתקן עולם במלכות שדי.

אין זיינע זכרונות דערציילט ער, אַז ער פלעגט זיך אין די גאָר יונגע יאָרן צוטוליען צום חסידים קהייז און זיך אָנהאַלטן אין גאַרטל פון אַ חסיד

און מיטטאנצן. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער מיט באַנייטן חסידישן ברען זיך צוגעבונדן צו יידישע שרייבער און מענטשן פון וויסן כדי צו פאַרטיפן זיין אייגענעם וויסן און שטילן דעם דורשט צו לערנען וואָס האָט אין אים געלעבט נאָך פון די חדר און ישיבה יאָרן. עס שטייט מיר פאַר די אויגן אַ בילד מיט אַ סך יאָרן צוריק. מ׳האָט געדאַרפן דורכפירן אַ פייערונג לכבוד דר. חיים זשיטלאָווסקי און דער פּלאַן איז געוועזן אַזאַ וואָס האָט אויסגעזען, אַז ס׳איז נישט מעגלעך אַז דער ענגער קרייז זאָל עס קענען דורכפירן. איינער פון די חברים האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ״צו דעם דאַרף מען האָבן אמתע חסידים״. האָט זיך צוקער אויפגעשטעלט אין גאַנצן אַן עקזאַלטירטער: ״אויב אַזוי, שטייט פאַר אייך איין חסיד אַזאַ״. מ׳האָט שוין מער נישט געדאַרפט דיסקוטירן. זיין ברען, האָט אַלעמען איבערצייגט.

צוזאַמען מיטן חסידישן ברען, האָט אויך געלעבט אין אים אַ חשק צו טיילן זיך מיט דעם וואָס ער ווייסט, פילט און באַנעמט. ווי קליין דער וויסן זיינער איז נישט געווען אין די יונגע יאָרן ווען ער איז געווען אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד אין וואַרשע, האָט ער זיך מיט דעם געטיילט מיט די אָרעמע דינסטמיידלעך, וועלכע האָבן געלעכצט צו קענען דעם יידישן אלף־בית און דורך דעם אויפגעריכט צו ווערן, אויך צו זיין מיט לייטן גלייך. דער טעם פון אויפרעכטן עמיצן מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ שמייכל, אָן אָפּן אויער און אַ וואַרעם האַרץ איז געווען מיט אים אַ גאַנץ לעבן. דעם טייל מענטשלעכקייט האָט ער אויסגעהאָרעוועט אַזוי, אַז ס׳איז געוואָרן אַ נאַטירלעכער אייגנס אין אים. שוין באַלד ביי אַן ערשטער באַגעגעניש מיט אים, האָט איר זיך דערפילט היימיש און נאָענט. אַ גרויסע פּשטות און עכטע ערלעכקייט האָט אַרויסגעשיינט פון זיין פּערזענלעכקייט. עס האָט געאָטעמט פון אים מיט כבוד הבריות און אָפּגעהיטנקייט.

ער האָט אויך זייער אַ סך געלערנט פון די צו וועמען ר׳איז געגאַנגען וועקן צו מעשים און דורך דעם אַליין געשטאַרקט געוואָרן. עס דערמאָנט זיך אַ שנייאיקער זונטיק פרימאָרגן אין ערשטן יאָר פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר ראַטשקען זיך אַרויף און אַראָפּ די פאַרפרוירענע טרעפּ אויף איינער פון די אָרעמסטע גאַסן. ס׳איז אַ פאָלקס־זאַמלונג פאַרן הילפס־פאָנד. נישט אומעטום נעמט מען אונדז אויף ווי געהעריק. צוקער לאָזט אָבער נישט אָפּ: ״מיר מוזן דעקן דעם דיסטריקט. מ׳קען נישט וויסן וועמען מ׳טרעפט. זיי דאַרפן אויך האָבן אַ חלק״. אויפן דריטן שטאָק ערגעץ זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ הויז וואָס זעט אויס ווי אַן אמתער הקדש. מיר ווילן זיך צוריקציען אָבער אַ שוואַך קול פון אַ פרוי אויף אַ וויג־שטול רופט אונדז צוריק ״איך ווייס ווער איר זענט און נאָך וואָס איר זענט געקומען אין אַזאַ דרך רע. כ׳וויל אויך זיין אַ שותף צו דער מצווה, טוט מיר אַ טובה און נעמט פון מיר דעם גאָלדענעם רייניש. ס׳איז דעם רבינס אַ מטבע.

כ׳האָב עס מן הסתם דערפאַר אזוי לאַנג אויסגעהיט. זאָל עס זיי זיין צו רפואה דאָרטן. ״ — אייך אויך! האָבן אונדזביידן געשטיקט די טרערן פון געריירטקייט. — ״אָט דאָס מיינט א פאָלקס מענטש. קראַנקערהייט אפילו איז זי געזונט. — האָט צוקערס פנים געשיינט אינעם טונקעלן קאָרידאָר פון יענעם טוכלען הויז.

אָדער אַן אַנדער בילד. עס איז דער טאָג ווען פאַריז איז געפאַלן. ס׳איז זוניק אין דרויסן. דער גרויס־שטאַטישער מיטן־טאָג האַרמידער, האָט זיך מיט גאָרנישט נישט געביטן. מיר זיצן פאַרגליווערט ביים ראַדיאָ און דאָס געמיט ווערט אַלץ חושכדיקער. פלוצים דערמאָנט זיך צוקער. ״מיר דאַרפן דאָך היינט זען דעם חבר ב. וועגן דער ביישטייערונג פאַר דער שולע.

— פונקט היינט? — מ׳קען דען אָפּלייגן?

דעם חבר האָבן מיר געטראָפן זיצן ביי דער ראַדיאָ א דערשלאָגענעם, א צערודערטן. ער האָט זיך אפילו נישט אָפּגערופן אויף אונדזער באַגריסונג. דריי חושכדיקע געמיטן האָבן זיך אָנגעקוקט אין א ביטערן שווייגן. נאָך א ווײַלע, האָט דער, חבר ארויסגעביטערט מער צו זיך ווי צו אונדז — וואָס פאַר א ווערט האָט עס דען וואָס מיר וועלן טאָן? אדרבא, זאָגט מיר! — די ווערטער זיינע, האָבן עפּעס ווי א ברען געטאָן דעם חושך און צוקערס אויגן האָבן גענומען בליצן צוזאַמען מיט די ציטערנדיקע ליפּן. — דווקא היינט, דווקא איצט דאַרף מען ערשט טאָן דאָ. אויב נישט ווערן מיר דאָך חלילה שותּפים צו דעם וואָס דער ימח־שמו וויל. ער וויל טאַקע מיר זאָלן זיך פאַרלירן און אָנווערן די אמונה. דווקא איצט, זאָג איך, דווקא היינט.

מיר זיינען אזוי איבערגענומען געוואָרן פון זיינע רייד און פון עם אופן ווי ער האָט עס ארויסגעזאָגט, אז פון זיך אליין האָבן מיר עס גענומען נאָכזאָגן כמעט מיטן זעלבן טאָן.

— כ׳האָלט עס פאַר אַ גרויסער זכיה וואָס איר זענט היינט געקומען צו מיר — האָט אונדז דער חבר ארויסבאַגלייט א דערהויבענער.

ב

קרוב צו 60 יאָר האָט לייזער בר׳ זושא זעליג געלעבט אין דער דאָזיקער שטאָט. געקומען אהער קוים 19 יאָר אלט און געוואָרן אַן אָנשפּאַר פון אמונה פאַר אַלעמען. וויפיל אמונה און ליבשאַפט און עבטע עקשנות מ׳האָט געדאַרפט האָבן אין יענע יאָרן פון אנהייב. ווי ליידיק, אין פאַרגלייך מיט היינט, מאָנטרעאַל איז דאַן געווען. אָבער די ליבשאַפט און אמונה אין יידישן פאָלקסמענטש, דער דרך ארץ צום תלמיד חכם, צום שעפערישן מענטש, און די גרויסע דורשט צו וויסן און מעשים האָט אַלץ גובר געווען. א

חסיד אין דער נשמה, האָט ער זיך מתדבק געווען צו די וואָס קענען באַריי־כערן און דערהויבן דאָס יידישע לעבן. ער האָט זיך גלייך אריינגעטאָן אין געזעלשעפטלעכער ארבעט. דורכגעמאַכט שווערע יאָרן ווי אַ שאפּ אַרבעטער, און גלייך זיך אַרויסגעזען ווי אַ בויענדיקער כוח אומעטום.

קיין שום אַרבעט איז נישט געווען צו שווער אָדער חלילה צו קליין. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן זעלבן פלייס און אחריות מיטן קלענסטן פּרט ווי מיט דעם סאַמע עיקר. געווען דער פירנדיקער חבר מיט דער זעלבער אָפּגעהיטנקייט ווי דער געפירטער. געווען דער וועקער און מאָנער און גאַנץ אָפט דאָס געוויסן פון אונדז אַלעמען.

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר א גרויסן בעל זוכה. ער האָט געפילט אז גאָר גאָר אַ סך וואַרטן אויף דער שעה ווען ער וועט קומען צו זיי און אָפּרייסן זיי פון די טאָג־טעגלעכע אַרבעטן זייערע, פון דער חיי־שעה מיט וועלכער זיי זיינען פאַרנומען און זיי דערמאָנען אז ארץ ישראל בויט זיך מיט גרויס מסירת־נפש און זיי דאַרפן האָבן א חלק אין דעם; אז די יידישע דערציאונג דאָ דאַרף זייער הילף, אז דאָס יידישע פאָלקס־שאַפן קען דערהויבן זייער לעבן און געבן זין און חשיבות צו אונדזער זיין אויף דער וועלט. קיין איין טאָג איז נישט אוועק, ער זאָל נישט טראָגן זיין וואַרעמקייט, זיין פשטות, זיין אמונה צו יידן פון די פאַרשיידנסטע איינשטעלן און מדרגות.

זיין טאָג אַרבעט איז געווען פול און פאַרשיידנאַרטיק. דאָס קליינע ביכעלע זיינס אין וועלכן ר׳האָט פאַרצייכנט וואָס עס דאַרף אַלץ געטאָן ווערן, דערציילט די פולע מעשה ווי אַזוי דער ייד צוקער איז געגאַנגען אין שפּאַן און געטראָגן מיט פשטות דעם עול־תורה און עול־חיים.

עס דערציילט אפילו אויך וועגן דעם שטילן ווינקל וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פאַר זיך אין די שבתים אויף אַריינקוקן אין אַ ספר, אויף הנאה צו האָבן פון גוטער מוזיק.

עס איז דעריבער גאָרנישט קיין ווונדער וואָס ער האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן דערויף אַז זיין אַריינגעטאָענקייט אין כלל־זאַכן זאָל אויף אַ האָר נישט שטערן זיין צוגעבונדנקייט צו זיין לעבנסבאַגלייטערין שרה ע״ה און צו דער משפּחה, פאַר וועלכער ער האָט געפונען צייט אין אַלע פאַרנומענקייטן און געטראָגן יעדן איינעם, פון דעם נאָענטסטן ביזן ווייטסטן גליד, אין האַרץ און אין געמיט. האָט ער דערפאַר אויך זוכה געווען דערמיט, וואָס די משפּחה, די קינדער ביז די אייניקלעך, האָבן זיך נישט געפילט געקריוודעט פון זיינע אַרבעטן לטובת הכלל, נאָר געזען אים אין זיין ליכט ווי ער שפּאַנט אויף אונדזערע גאַסן אַלעמאָל אין עפּעס אַ שליחות, און צו זייערע היימען מיט גאָר דער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט; ווי

ער זיצט מיטן ציבור און מיט זיי ביי שמחות און אין טרויער, און איז מקיים בכל נפשו דעם פסוק ״בתוך עמי אנוכי יושב״. זיי האָבן אים דערפאַר צוגעטראָגן זייער טיפן דרך־ארץ און ליבשאַפט און געהאָלפן אים זיין דאָס וואָס ער איז געווען.

איך ווייס ווי שטאַרק ער האָט זיך געפרייט מיט דער באַציאונג פון די קינדער און אייניקלעך צו אים, באַזונדערס אין דעם לעצטן יאָר און אַ האַלב, ווען ער איז שוין געווען זייער קראַנק און זיי האָבן געוואַכט איבער אים און מיטגעמאַכט דעם שווערן געראַנגל זיינעם. ווי פּאַטעטיש עס איז געווען זיין קומען אפילו דאַן צו זיצונגען און פייערונגען, זאָל זיין כאָטש אויף אַ ווייַלע. אויך דאָס איז געווען אַ טייל פון זיין וועזן, און די קינדער און אייניקלעך האָבן אים געהאָלפן אויסלעבן עס אין דער פולסטער מאָס.

אָט אַזוי האָט ער יאָרן לאַנג באַשיינט אונדזער סביבה, היימישער געמאַכט אונדזערע גאַסן און היימען מיט זיין זיכערן גאַנג און פריי אָפן פּנים. לאָמיר זשע אים ווייטער זען אַזוי און טראָגן מיט זיך זיין גרויס געשטאַלט ווי לאַנג עס וועט זיין באַשערט.

(1965)

ברוך צוקערמאַן, דער מענטש פון טאַט און וויזיע

(אַ וואָרט צו די שלושים)

מיר זענען זיך צונויפגעקומען מתיחד צו זיין מיט דער נשמה פון דעם טייערן חבר און פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג ברוך צוקערמאַן ע״ה ווען מיר האָבן געקענט און גאָר שטאַרק פּאַרערט פּאַר זיינע גרויסע מעשים און עכטער פּאָלקסטימלעכקייט אין זיין באַציונג צו יערן איינעם אין זיין סביבה. פּאַר גאָר אַ סך פון אונדז איז ער אָפט געווען ווי אַן עלטערער ברודער און נאָענטער פריינט פּאַר וועלכן מ׳קאָן זיך אויסרעדן דאָס האַרץ און אויף וועמען מ׳קאָן זיך אָנשפּאַרן אין פּערזענלעכע שוועריקייטן און אוודאי און אוודאי דורך אויסלאָדן דאָס געמיט אין אַ גייסטיקן קריזיס.

מיר האָבן דעריבער אַלעמאָל געוואַרט אויף זיין קומען. בלויז מיט קוקן אויף זיין ברייטפּלייצעדיק געשטאַלט און געדיכט געפּאַלדעוועטער טשופּרינע וואָס האָט אים געמאַכט נאָך העכער ווי ר׳איז באמת געווען, האָסטו דערפילט אַ זיכערקייט מיט זיך און גלייך דערשפּירט אַ נאָענטע וואַרעמקייט. זיין אָנהייבן גלייך אויף אַ הויכער אָקטאַווע ווי פון מיטן אַ שמועס עפּעס מיט זיך אַליין האָט געצווונגען איינצוהערן זיך. אַביסל הייזעריקלעך טאַקע, דאָך רייסט זיך דאָס קול קלאָר און שאַרף. איין געדאַנק קייטלט זיך אין אַנדערן אין געמאָסטענע, פּשוט געבויטע זאַצן וואָס ניט נאָר זענען זיי אָפּן און פאַרשטענדלעך נאָר גליען אויך מיט אַ פּאַרהוילענעם זינג־געזאַנג וואָס דערהייבט די אויסגעסדרטע זאַצן צו אַ ברויזנדיקער פייערלעכקייט. אַ צעשטורעמטער אומרו שפּאַרט אַרויס פון זיין גאַנצן וועזן און באַפרייט זיך פּאַר דיינע אויגן און אויערן פון דער אָנגעלאָדנקייט און טיפער יחידותדיקער פאַרטראַכטקייט. די אויגן בליצן שאַרף און אויפן גאַנצן פּנים אַן ערנסט פון פּאַרפּאַנצערטער אמונה. מעגן די געדאַנקען אָדער דער ענין וועלכן ער באַהאַנדלט זיין ניט ניי פּאַר דיר, אָפּט אפשר אפילו אין קעגנזאַץ צו דעם וואָס דו אַליין טראַכטסט, דאָך גיבן זיך איבער זיינע קלאָרע, פּשוטע רייד מיט האַרציקער צעברויזקייט, וואָס באַהערשן דיך אינגאַנצן. עס פּלאַמט פּאַר די אויגן דער דערהויבענער ציל, די וויזיע פון גאולה, צוליב וועלכער מ׳דאַרף די מעשים צו וועלכע ער רופט.

אַן איש המעשה און פּראַקטישער פּלאַנירער איז ער געווען. ניט ער האָט געוואָלט און ניט זיין אויסערלעכע פּשטות און צוגעלאָזנקייט האָט דערלאָזט צו באַטראַכטן אים ווי אַ רבי, אַ מדריך, כאָטש ער איז עס געווען פּאַר מער ווי צוויי־דריי דורות פון אונדזער באַוועגונג. אויף אים פּאַסט זיך

זייער פּרצעס בליציקער פּסוק: "ניט אייער ליכט, אייער אָנצינדער וויל איך זיין!"

און אָט דער איש המעשה, פּראַקטישער טוער און אָרגאַניזאַטאָר, איז געווען מיט זיין גאַנצן וועזן איין שטיק צעבּרויזטע לאַווע וואָס האָט אַלעמאָל געהאַט פאַר זיין ליכט און וועגווייזער די היינטיקע נויט, און געזוכט אַ לייזונג פאַר איר דורך דערזען זי אינעם גאַנג און דער האָפענונג פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג פון אונדזער שווער געפּרוווט פאָלק. אַזוי האָט ער אויך געזען די וועלט נויטן בכלל. פון דאַנען קומט זיין נאַציאָנאַלער פּאַטאָס און אהבת ישראל, ווייל אַלץ וואָס איז יידיש — איז טייער און נויטיק פאַרן היסטאָרישן גאַנג, און אומעטום ווו יידן געפינען זיך — מוז מען זיין מיט זיי און טאָן פאַר זיי און מיט זיי. עס מוז אָבער אַלעמאָל זיין באַלויכטן מיטן חזון פון קיבוץ גלויות, גאולה שלימה. פון דעם צוגאַנג שטאַמט אויך זיין גלויבּען אין עכטן סאָציאַליזם, וואָס דאַרף ברענגען ניט נאָר די באַפרייאונג פון נויט, מאַטעריעלע דערלייכטערונג, נאָר דער עיקר גייסטיקע מענטשלעכע דערהייבונג — מענטשלעכע חשיבות, אַ מענטש זאָל זיין אַ מענטש צו מענטשן. נאָר אין אַן אמתער סאָציאַליסטישער וועלט וועט מעגלעך זיין קיבוץ־גלויות מתוך אהבה און בענקשאַפט צו אַ פול און שעפעריש יידיש לעבן. מיט זיין האַלטן פאַרן אויג די היינטיקע נויט, דערקלערט ער אַליין אין זיינע זכרונות זיין אָננעמען דעם באַרימטן אוגאַנדע פּלאַן. "כאָטש מיט אַ ווייטיק אין האַרצן", ווי ער דריקט זיך אויס. מ'האָט דאַן נאַאיוו געגלויבט, "אַז אוגאַנדע וועט מען גלייך קאָנען צוטרעטן בויען, ווי אַן אַזיל אָרט, וואָס וועט ענטפערן אויף דער באַלדיקער נויט און געבן צייט צוצוגרייטן זיך צום אמתן בויען ארץ־ישראל ווי די אמת'ע שטענדיקע היים." צוזאַמען מיט זיין גרויסן רבין אין ציוניסטישן סאָציאַליזם דר. נחמן סירקין איז ער פון דעם אידעישן פאַרבלאָנדזשען, שנעל אַרויס. דער היסטאָרישער פאָלקס זכרון און געפיל, האָט גענומען די אויבערהאַנט אויפן גאַנצן לעבן זיינעם.

דעם ציוניזם האָט ער געזען ווי אַן אויפשפּיל פון אַ גרויסער דראַמע אויף דער געשיכטלעכער וועלט־בינע — (ער שרייבט עס צו צו איינעם פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן אין זיין בוך "עסייען און פּראָפילן", עס פּאַסט זיך אָבער זייער גוט צו צו אים אַליין) "אַ פאָלק וואָס געפינט זיך אויף דעם נידעריקסטן שטאַפּל פון לעבנס־לייטער, פאַרמעסט זיך אויפצולעבן נאָך צוויי טויזנט יאָר, און נעמט ווידער קלעטערן באַרג אַרויף מיטן כוח פון אייגענעם חזון און גרויסן מסירת נפש. אין דעם דאָזיקן דראַמאַטישן שפּיל־געראַנגל, דאַרף מען איינשפּאַנען אַלע פלעמעלעך פון אמונה אין יעדן יידיש האַרץ, ווו עס זאָל ניט זיין און אין וועלכער סביבה עס זאָל זיך ניט

געפינען. די הויפּט־ראָלע האָט ער צוגעטיילט דעם יידישן חלוץ און אַרבעטער וואָס קומט פון די סאַמע טיפענישן פון דער פאָלקס אָרעמקייט, ווי ער אַליין איז עס געווען לויטן אָפּשטאַם. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט פאַר וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן קרוין ווערק פון זיין לעבנס דערגרייכונג, זיין חלק אינעם ברענגען די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע צו ווערן די געטרייע העלפער פון די אויסשפּילער פון דער היסטאָרישער דראַמע — די חלוצים דורך דער הסתדרות.

צווישן די טריבונען וואָס די ציוניסטישע אידייע האָט אַרויסגעגעבן, איז ער איינער פון די געציילטע וואָס דאָס וואָרט זיינס איז אַלעמאָל געדעקט געוואָרן מיט מעשים. אַן אמתער אומר ועושה. זיין אָנהייבן ווירקן אין יידישן לעבן, פאַלט אויס כמעט אין דער זעלבער צייט ווי דער דור פון דער צווייטער עליה. ווי זיי דאָרט אין ארץ ישראל, האָט ער זיין פּיאָנערן אַרבעט געטאָן דאָ אויף דעם קאָנטינענט. דאָ האָט ער צוזאַמען מיט אַ הייפּעלע יידישע פאָלקס אינטעליגענטן זיך געראַנגלט מיט אַ סביבה פון אַן עמיגראַנטן מאַסע, וואָס געפינט זיך אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פון סאָציאַלן לייטער. די זאָרג פאַר טאָג־טעגלעכע נויטן דאָמינירט דאָס פּערזענלעכע לעבן און גיט ניט קיין מעגלעכקייט אויף צוצוהערן זיך אפילו צו העכערע נאַציאָנאַל געזעלשאַפטלעכע פּראָגעס. — די הילפס־אָרגאַניזאַציעס וואָס עקזיסטירן ווערן געפירט פון פילאַנטראָפּן, אָן וועלכן עס איז באַטייליקן זיך פון דער פאָלקס מאַסע, וועלכע קאָן זיך קוים אַן עצה געבן מיט דער אייגענער נויט און געפיל פון איינזאַמקייט אין דער נייער וועלט. אַלטע טראַדיציעס פון דער אַלטער היים וועפן זיך שנעל אויס אָדער האָבן גאָר קיין מעגלעכקייט ניט אָנצוהייבן פורעמען די צעשטויבטע מאַסע אין אַ פאָלקיש אָרגאַניזירטן כוח. רעכנט נאָך צו דעם אַלעם צו דאָס, וואָס די פירנדיקע אינטעליגענץ פון יענע יאָרן איז אין רוב געווען ראַדיקאַל סאָציאַליסטיש. און קאָסמאָפּאָ ליטיש מיט זייער ווייניק אויסנאַמען זיינען די דעמאָלסטיקע אַזוי גערופענע גענאָסן אין אַלע זייערע שאַטירונגען, געווען אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון יידישנאַציאָנאַלע געפילן, און אָפט אפילו ביטער געחוזקט און אויסגעלאַכט יעדן פאָרם פון יידיש נאַציאָנאַלן שטרעבן. זיי האָבן געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף די מאַסן, ווייל דורך דעם פּערזענלעכן אידעאַליזם וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן ביים אָרגאַניזירן

די פירנדיקע אינטעליגענץ פון יענע יאָרן איז אין רוב געווען ראַדיקאַל סאָציאַליסטיש. און קאָסמאָפּאָליטיש. מיט זייער ווייניק אויסנאַמען זענען די דעמאָלסטיקע אַזוי גערופענע גענאָסן אין אַלע זייערע שאַטירונגען, געווען אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון יידיש נאַציאָנאַלע געפילן, און אָפּט אפילו ביטער געחוזקט און אויסגעלאַכט יעדן פאָרם פון יידיש נאַציאָנאַלן שטרעבן. זיי האָבן געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף די מאַסן, ווייל דורך

דעם פּערזענלעכן אידעאַליזם וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן ביים אָרגאַניזירן דעם אַרבעטסמאַן, איז דער צוטרוי צו זיי געוואַקסן און זייערע אידייען און אמונה אין אוטאָפּישן קאָסמאָפּאָליטיזם האָבן געהערשט און באַטראַכט געוואָרן ווי דאָס נייעסטע וואָרט פון סאַמע פּראָגרעס. ווען מ׳נעמט דאָס אין באַטראַכט, קאָן מען ערשט באמת באַנעמען די ממש העראָאישע נאַציאָנאַלע טאַט וואָס דאָס הייפעלע פאָלקס אינטעליגענטן האָט דאָ דורכגעפירט.

אין דעם גערעַנגל, האָט חבר ברוך צוקערמאַן פאַרנומען אַן אויבן אָן אָרט כמעט פון די ערשטע יאָרן אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט, ווען ער איז אָנגעקומען אַהער אַ יונג בחורל נאָך קיין 20 יאָר ניט אַלט. מיט אַ היפּש ביסל יידישן וויסן, אָבער קוים אויפן שפּיץ מעסער געגאַשט פון אַלגעמיינעם וויסן, דערפאַר אַ האַרץ אַ פולס, אַן אומרואיקס מיט אַ נייגעריקייט צו לערנען און טאָן. אויסצודערציילן ווי פון דעם בחורל איז אויסגעוואַקסן די טריבון פיגור, וואָס מיר האָבן געקענט, דאַרף מען האָבן אַ סך מער צייט און קינסטלערישן כוח ווי מיר האָבן איצט.

גענוג בלויז צו דערמאָנען זיין ראָלע אין דער ס. ט. באַוועגונג, זיין גרויסע מי ביים צעמענטירן די ציוניסטיש סאָציאַליסטישע גרופּעס אין איין פאַראייניקטער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, דאָס באַשאַפן דעם יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, די אומדערמידלעכע אַרבעט זיינע אין דעם ״פּיפּלס רעליף״ נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, וואָס איז היסטאָריש פאַקטיש דער ערשטער אויפטריט פון יידישן פאָלקסמענטש דאָ אויף דער נאַציאָנאַל געזעלשאַפטלעכער אַרענע, און פאַר אים אַליין די ערשטע אַרויסהייבונג ווי אַ פאָלקספירער פון נאַציאָנאַלן פאַרנעם, ניט בלויז ווי אַ פּאַרטיי־טוער. דערנאָך זיין איינפלוס ביים גרינדן דעם וועלט־קאָנגרעס, דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין, וואָס האָט געשאַפן די שותפות פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט מיט דער הסתדרות. פאַר די פּרטים פון די דאָזיקע מעשים שיק איך אייך אָפּ צו זיינע אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנטע און ערלעך געשריבענע זכרונות און אַנדערע ביכער עסייען. דער גאַנצער דור זיינער און זיין אייגענע פּערזענלעכקייט, לעבט דאָרט אין איר פולער גרויס.

דאָ וויל איך בלויז אַרויסהייבן גאָר בקיצור אַ פּאָר ביאָגראַפישע פאַקטן וואָס וועלן געבן אַן אַריינבליק אין דעם פון וואַנען ער איז געקומען, ווו און ווער עס האָט אים צוגעגרייט צו דער ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט אין היגן יידישן לעבן און פון דאַנען אויס אויסגעשפּרייט זיינע פליגל כמעט צו אַלע יידישע ישובים ווו נאָר דער נאַציאָנאַלער אויפבריוז און טאַט האָט געגרייכט.

אין אַ קליין ליטוויש שטעטל, קורעניץ, איז ער געבוירן געוואָרן אין 1887, ביי אַ משפחה פון דער סאַמע אָרעמקייט. דער טאַטע אַ דאָרפס הענדלער און אַ שומר פון סעדער. דער דריטער צווישן די 14 קינדער וואָס די מאַמע האָט געבוירן. די מלמדים האָבן געזאָגט אַז ער האָט אַ גוט קעפל און קאָן ווערן אַ למדן. איינער פון די מלמדים האָט אים מדריך געווען און כסדר געזאָרגט אין וועלכע ישיבות ער זאָל פאָרן. צו 9 יאָר נעמט ער וואַנדערן אין די אַרומיקע שטעטלשע ישיבות, עסט טעג און לערנט און הונגערט אַ היפש ביסל צו, כאָטש די מאַמע רייסט ממש אָפּ פון דעם קאַרגן ביסן פון דער משפחה און שיקט עס אים צו. עס קלינגט ממש ווי אַ לעגענדע, אַ שפּליטער פון אַ גרויסן עפּאָס ווי אַזוי דער רבי האַלט כסדר אַן אויג אויף אים און פירט אים פון ישיבה צו ישיבה און ווי ער ווערט געפירט פון אַ פאַרהוילענער השגחה צו טרעפן זיך מיט די יונגעלייט פון דעם "מנין" וועמעס אויפגאַבע איז געווען צו העלפן אָרעמע אידישע קינדער צו ווערן אָדער למדנים אָדער קומען צו אַ תכלית אויף אַ מאָדערנעם וועג. אגב, אייניקע פון די יונגעלייט פון "מנין", זיינען שפּעטער געוואָרן פירער אין די פאַרשיידענע באַוועגונגען וואָס האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויפן יידישן לעבן. פון אומעטום קלייבט ער צונויף ברעקלעך וויסן, און זאַפּט אין זיך איין טיפע איינדרוקן, וואָס בלייבן מיט אים אויפן גאַנצן לעבן. די שווערע און דערהויבענע איבערלעבונגען און באַגעגענישן מיט מענטשן פון פאַרשיידנסטן כאַראַקטער פירן דערצו, אַז שוין צו צוועלף יאָר ראַנגלט ער זיך מיט דער טראַדיציאָנעלער פרומקייט און פרייען געדאַנק. — קריגט זיין תיקון און אַריינפיר אין נייע וועלטן פון מחשבה אין דער ווילנער סטראַשון ביבליאָטעק און לערנט צו דער זעלבער צייט ביי רבי חיים עוזרון און זיין באַרימטן "קיבוץ" פאַר געקליבענע תלמידים. דער מוח און דאָס האַרץ ווערן אַזוי אַרום געשליפן און צעפיבערט אי דורך הלכה אי דורך אגדה פון מוסר און חסידות און אי פון די פרייע געדאַנקען פון יידישע און ניט־יידישע בעלי מחשבה.

ווען מ'לייענט זיינע זכרונות, ווערט קלאָר פון וואַנען דאָס פייער פון זיין וואָרט קומט, ביי וועמען ער האָט געלערנט דעם וועג פון לאָגישער הסברה און געהיטנקייט פון וואָרט; פון וואַנען דאָס צעוויייטיקטע געשריי קומט און ווו עס נעסטיקט דער פאַרטיפטער גליאיקער נאָכזינג פון זיין הייזעריקלעכער שטימע. אויך דאָס צעברויזטע געמיט מיטן שאַרפן פילן די איצטיקע נויט און זיין אימפּעטיק זוכן אַ תרופה פאַר איר, דורך באַלויכטן זי מיט אַ חזון פון אחרית הימים, וואָרצלט דאָרט אין זיין סאַמע אָנהייב. עס ווערט אויך פאַרשטענדלעך ווו ער האָט זוכה געווען אויסצואַרבעטן דעם חוש צו קענען אויפזוכן יידישע נשמות אין די ווייטסטע פרעמדע קרייזן און זיי פאַרבינדן מיט דער פאָלקס־באַוועגונג וועמעס שליח און אויסדריקער

ער איז געווען. עס ווערט שוין ניט קיין וווּנדער, וואָס ער קען מיט אַזוי פיל דרך ארץ און דאַנקשאַפט דערציילן וועגן זיינע אַמאָליקע רביים און חברים און פירער פון זיין דור, וואָס מיט אייניקע פון זיי האָט ער זיך שפּעטער גאָר שטאַרק געקריגט. ער געדענקט וואָס ער האָט געלערנט פון זיי און זעט זיי אין דער פּערספּעקטיוו פון זייער צייט און געשיכטלעכער ראָלע.

ווען מען לייענט זיינע "עסייען און פּראָפילן" דערזעט מען אַ מענטש פון גאָר אַ הויכן שיעור־קומה (זיינס אַ באַליבטע באַצייכענונג) וועמעס עטיק און מאָראַל וואָרצלט טיף אין יידישן און הויך מענטשלעכן מוסר מיט וועלכן ער מעסט און וועגט פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע מעשים און געשעענישן. זיין נאַציאָנאַלער און סאָציאַליסטישער אני מאמין איז אַן אמת'ער פּירוש אויף זיין רייך לעבן פול מיט מעשים טובים, געלייטערט און באַשיינט מיט אַ גרויסן חזון. (אויך אַ באַליבטער אויסדרוק זיינער) אין זיינע ווערק, האָט ער ניט נאָר זיך אַליין, נאָר דעם גאַנצן דור זיינעם באַלויכטן און באַוויזן וואָס אמונה און געלייטערטע וויזיע קען אויפטאָן. אין אַ צאָל פון אַרבעטן אין די דערמאָנטע ווערק, קומט עס אַרויס גאַנץ קלאָר, אַז דאָס איז געווען זיין כוונה, ווייל ער באַטראַכט אַ גרויסן טייל פון די פּירער פון זיין דור ווי אַן אויסדערוויילטן, אַ געבענטשן, מיט וועלכן די השגחה האָט אונדז מזכה געווען דורכצופירן די היסטאָרישע שליחות פון פאָלקס אויפלעבונג און אים העלפן ביישטיין די טראַגישע נסיונות און שוידערן פונעם פאַרבלוטיקטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַלע גרעאַנגלען און מעשים, ירידות און עליות זעט ער אינעם שיין פון דעם דאָזיקן שליחות. ער קען אויך דערפאַר אָפן און ערלעך דערציילן וועגן זיין אייגענער ראָלע, און כמעט אָביעקטיוו אָנווייזן אויף זיינע אייגענע מכשולים, עליות און ירידות. ס'איז פּשוט מאָראַליש ניט שייך צו פאַרהוילן אָדער פאַרטושן די אייגענע ראָלע צוליב דער מורא פאַר צופיל סוביעקטיווקייט. פונקט אַזוי איז ניט שייך צו באַקלאָגן זיך אויף שוועריקייטן און מניעות מיט וועלכע מ'האָט זיך געראַנגלט. פונקט ווי מ'טאָר זיך ניט איבערנעמען צופיל מיט די דערפאָלגן און דערגרייכונגען, ווייל ווי דערהויבן זיי זאָלן ניט זיין, זיינען זיי אַלץ נאָר אַ קליינער טייל פון דעם בנין פונעם גרויסן חזון און אַלץ נאָר אַ שטאַפּל אין דער דראַמאַטיש היסטאָרישער שפּיל.

אַזוי האָט ער זיך און זיין דור געזען, אָבער כדי צו קענען אויפשטעלן דאָס גאַנצע געשטאַלט זיינס, איז אויך נויטיק איצט צוצוגעבן צו דעם ווי אַזוי אַנדערע האָבן אים געזען אין די פאַרשיידנסטע פאַזן פון זיין רייכן לעבנסשפּאַן און ווי זיי האָבן אָפּגעפילט זיין ווירקן. כ'וועל זיך דערפאַר דערלויבן אַרויסצוהייבן בלויז אַ פּאָר פּערזענלעכע באַגעגענישן מיט אים וועלכע האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין געמיט.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים איז פֿאָרגעקומען אין מיינע אייגענע וואַנדער־יאָרן, אין אַ שטאָט אין וואָלין. גלייך נאָך דעם דורכפֿאַל פון דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע פון פּוילן, מיט איבער פופציק יאָר צוריק. אומלעגאַל און אין כסדרדיקן פּחד פֿאַר אַ בייז אויג פון אַ מסור און אַ זשאַנדאַר, האָב איך דאָרט געשטעלט מיינע ערשטע טריט אין יידיש לערעריי. ווי איינער פון די וואָלונטירן לערער אין דאָרטיקן בית־יתומים ווו דאָס רוב קינדער זיינען געווען מלחמה קרבנות, איז מיר צוגעטיילט געוואָרן די יינגסטע און סאַמע שווערסטע גרופּע קינדער. כמעט אַלע ראַכיטיש, וואָס האָבן זיך קוים געקענט באַוועגן. אויפגעלאָפענע בייכלעך און איינגעשרומפענע פּנימלעך וואָס האָבן מער געפּישטשעט ווי אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט. אַרויסצורופן אַ שמייכל ביי זיי, אפילו בלויז אַ צופרידענע גרימאַסע, האָט מען געדאַרפט זיין אַן אמתער וווּנדער באַוויזער. אפילו די באַרעמהאַרציקע שוועסטער פון דעם "דאַמען קאָמיטעט" וואָס האָבן זיך ממש אַוועקגעבראַכט ביים אַכטונג געבן אויף זיי, האָבן מער פון אַ קורצער ווײַלע ניט געקענט אויסהאַלטן און זיך כסדר געמוזט בייטן ביים געבן זיי עסן און האַלטן זיי ריין. פון לערנען זיי עפּעס אָדער האַלטן זיי ווי אַ גרופּע אין אַ שפּיל, האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין, האָבן מיר זיי איינגענומען מיט קונצן, מיט אַליין מאַכן אַלערליי קאָזשלקעס. דעם גרעסטן דערפֿאָלג האָט געהאַט דער גראַמאַפאָן מיטן ריזיקן מעשענעם הילכער, און דאָס אַליין איבער און איבער פאַרציען אַ פּאָר ניגונים מיט איינציקע ווערטער, דאָס האָט זיי געוויינטלעך פאַרווילט צווישן איין קאָזשלקע און אַן אַנדערער. און אַז עס האָט זיך געמאַכט, אַז ווער פון זיי האָט אַ פּרווו געטאָן דאָס מיילעכל און מיט אַ פאַרלעגן קולכל אַ פּישטש געטאָן אַ פּיצל פון אַ מעלאָדיע אָדער עפּעס ענלעכס צו אַ פראַזע, איז אויפגעגאַנגען אַ פלאַטערדיקע העלקייט אין דעם גרוי געפּאַרבטן צימערל. אַלע אייגעלעך האָבן, ממש געגומען פינקלען. פונקט אין אַזאַ רגע, אין אַ גאַנץ קאַלטן פרימאָרגן, האָט זיך קעגן די אָנגענומענע רעגולאַציעס פלוצים אַן עפן געטאָן די טיר און אַן אָנגעפּעלצטער מיטל־יאָריקער ייד, פאַלט ממש אַרויף אויף מיר מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און אַ שוואַרצע טשופּרינע וואָס פאַרדעקט מיר דאָס גאַנצע פּנים. איך זע שוין גאָרניט נאָר הער אַ צעוואַרעמט קול פון אַ צערודערט געמיט — "איר'ט מיר מוחל זיין וואָס כ'האָב אַן אייער וויסן זיך צוגעקוקט וואָס דאָ קומט פאָר. ווייסט איר כאָטש, יונגערמאַן, וואָס פאַר אַ זכיה, איר האָט צו עפענען רי מיילעכלעך פון די אומשולדיקסטע קרבנות אונדזערע מיט אַ ניגון און אַ קאזשלקע? אַ ברכה אויף אייך און אויף אַלע דאָ — קוקט ער מיר שוין אין די אויגן אַריין. די יידן אין אַמעריקע וועמעס שליח איך בין, האָבן נאָר די זכיה פון העלפן און שטאַרקן אייך פון דער ווייטנס — האָט זיך

דאָס קול געגומען בּרעקלען און אַריבּער אין אַ פאַרשטיקטן כליפּ — ווען זיי זאָלן קענען זען דאָרט ווי טיף ס'איז אונדזער בּראָך און וואָס פאַר אַ טייערן אוצר פון יוגנט מיר האָבן דאָ — האָט ער ווי אין אַ טראַנס גענומען אַרומשפּאַנען פון איין צימערל צום אַנדערן אַ שטאַרק פאַרנומענער מיט זיך.

דער אמת איז, אַז זיין נאָמען האָט מיר דאַן זייער ווייניק געזאָגט. צו שליחים פון אַמעריקע זענען מיר אויך שוין געווען צוגעוווינט און ניט אַלעמאָל האָבן זיי אַרויסגערופן צו זיך ליבשאַפט און דרך־ארץ. זיין גאַנצער געשטעל אָבער, דאָס אויסטערלישע אַריינקומען און געבּראָכן קול און מאָדנע צעפּיבּערטע ווערטער, האָט זיך טיף איינגענעסטיקט אין האַרצן. אין זיכרון איז אויך אויף שטענדיק געבּליבּן וואָס מיר האָבן בּיינאַכט געהערט פון אים אין דער פול געפּאַקטער שיל. ווי פון מיטן אַ פאַרטיפטער מחשבה וואָס לאָזט אים ניט רוען, האָט אַ גלעט געטאָן: ״את אחי אנכי מבקש״. מען האָט מיך געשיקט אויפזוכן די בּרידער, און גענומען דערציילן וועגן די בּרידער פון יענער זייט ים און צוגעגעבּן, אַז ווען ער וואָלט געווען בּאַשאָנקען מיט דעם כוח פון אַן אמת טראַדיציאָנעלן משולח וואָס איז אויך אַ יודע נסתרות וואָלט אים דער נגלה פונעם אומגליק וואָס ער זעט דאָ אַזוי ניט אויפגערודערט. עפּעס האָט מען געפילט אַז פונקען פליען מיט יעדן וואָרט און פאַרהוילענע פעדים ציען זיך פון ווייטע וועלטן. איידער נאָך מ'האָט זיך אומגעקוקט איז מען שוין געווען מיט אים אין אַן אַנדערער וועלט. בּיי דער שוידערלעכער וואַנט פון פּינסק איז די עדה געשטאַנען מיט אים אין בּראָך און פאַרשטיקטן כליפּען, און אָט איז מען שוין מיט אים אין סאַמע מיטן פון דער וויזיע פון אַ נייער וועלט אין וועלכער אַלע געפונענע בּרידער האָבן אַ גלייכן חלק. דער רושם פון זיין בּאַזוך, איז אין יענער שטאָט פאַרבּליבּן אויף אַ לאַנגער צייט מיט דער בּאַצייכענונג: ״ווען דער משולח איז דאָ געווען...״

ס'איז איצט ניט די צייט צו דערציילן וועגן אַ צאָל זייער אינטערעסאַנטע בּאַגעגענישן שוין דאָ. כ'וויל בּלויז דערמאָנען זיין אויפטריט בּיי אַ סעסיע פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס עטלעכע יאָר נאָכן אויפקומען פון דער יידישער מדינה. ער איז דאַן געווען פאַרנומען מיטן פאַנאַנדערוויקלען דעם חזון פון קיבּוץ גלויות, ווי אַ צאָל אַנדערע ציוניסטישע פירער האָבן עס אויך געטאָן. גלייכצייטיק האָט ער גערופן גלייך אָנצוהייבּן פאַרווירקלעכן דעם גראַנדיעזן פאַרטראַכטן פּלאַן צו פאַרייבּיקן לדורות דעם נוסח אשכנז אין זיין גאַנצן שעפערישן פאַרנעם פון סאַמע אָנהייבּ אָן בּיזן סוף פון גרויליקן חורבּן. (בּאַקאַנט היינט ווי דער ״יד ושם״) יענער אויפטריט האָט זיך איינגעקריצט אין זיכרון, אַז מיר זענען

געווען עדות צו אַ חשבון הנפש פון אַ גאַנץ פאָלק אויפן שוועל פון אַ היסטאָרישן שייד־וועג. איינער פון די היגע אָנגעזעענסטע געזעלשאַפטלעכע טוער, פון די סאַמע שפּיצן פון דער פירערשאַפט און אַלעמאָל אַ פּראַקטיש פּאַרזיכטיקער וואָס לאָזט אים ניט מיטגעריסן ווערן אַזוי שנעל אפילו פון זיינע אייגענע עמאָציעס, האָט מיר דאַן אַ שטאַרק געריירטער געזאָגט: ״מיין גאַנץ לעבן האָט היינט געקראָגן אַ טיפערן זינען. כ׳פיל זיך זיכערער און בין גרייט אים נאָכצוגיין מער ווי בלויז אַ פּאָר שפּאַן...״ ניט נאָר אַ יחיד פון אַ הויכער מדרגה איז געשטאַנען פאַר אַן עדה יידן, וועלכע האָט זיך נאָר וואָס געאַמפּערט וועגן כלערליי פּראָבלעמען פון קלענערן און גרעסערן ווערט, נאָר עס האָבן דורות און צייטן געקייטלט איינס אין אַנדערן זיך איבערגערעדט מיט זיין מויל און געמאָנט אַן ענטפער, אַ באַשייד פאַרן היינט און מאָרגן. דער עולם איז געווען צוגעשמידט צום עטוואָס שוין מידלעכן קול, וואָס האָט אי געברוויזט מיט וואַרעמקייט און גרויס פייערלעכקייט, און אויך צייטנווייזן מיטן טרויער פון דער ביטערער וואָר, וואָס שניידט זיך איין אין געמיט מיט גרויער קעלט וואָס פרירט די בלוטן. אין סאַמע מיטן אָבער פון דעם געהויבנסטן מאָמענט פון שילדערן דעם פּראָצעס פון קיבוץ גלויות, האָט זיך פלוצים דער דינער באַגלייט־ניגון צו די פלאַמיקע רייד אַ ברעקל געטאָן, ווי עפּעס וואָלט זיך אַ שפּאַלט געטאָן אין אים. מיט אַ מאָדנעם ציטער, האָט עס אין אַ רגע שפּעטער אַרויסגעברויזט פון אים מיט אַ ברום: (כ׳ציטיר כמעט געגוי, ווי איך האָב עס דאַן פאַרצייכנט) ״איך בין זיך מודה ומתודה, אַז אַ גרויסער פּחד באַפאַלט מיך פון דער מעגלעכקייט אויך, אַז די אתחלתא דגאולה, זאָל חלילה ניט פירן דערצו צו געבן אַ הכשר פאַר געוויסע טיילן פון אונדזער פאָלק צו קענען אַסימילירן זיך. זיי וועלן מיינען, אַז אַזוי ווי מ׳האָט שוין באַוואָרנט די געשיכטע פון ישראל סבא דורך מדינת ישראל און זיי האָבן שוין זייערס געטאָן פאַר די איצטיקע נויטן פון די פּליטים, קענען זיי שוין אַליין פאַרשווינדן אַן אַ שולד־געפיל. דאַרף מען באַצייטנס וואָרענען קעגן דעם, כדי אַלע אונדזערע אַרבעטן דאָ און דאָרט זאָלן גרייטן אַלעמען צו קיבוץ ישראל, וואָס איז אַ דורותדיקער פּראָצעס. לבל ידח ממנו נידח, עס טאָר קיינער ניט פאַרשטויסן און פאַרלאָרן ווערן — איז די ריכטליניע פון אָט דעם חזון!״

אין יענעם אויפטריט, וואָלט איך געזאָגט, אַז מ׳האָט מאָמענטנווייז ממש געשפּירט, אַז דער שר האומה רעדט דורך אים מיט זיין גליאיק אָנגעלאָדן וואָרט.

איך וואָלט זיך דאָ געקענט אָפּשטעלן, איז אָבער פאַראַן נאָך גאָר אַ וויכטיקער מאָמענט, וואָס האָט צו טאָן מיט זיין פאַרווינקלט ווערן אין די

לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. צוליב דער דעליקאַטקייט דערפון, האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ס׳איז איצט די צייט עס אָנצורירן. איך קען עס אָבער ניט אינגאַנצן פאַרבייגיין, ווייל עס האָט אויך אַ שייכות מיט אַ פּיינלעכן גורל, וואָס איז וויזט אויס באַשערט צו גאָר אַ סך פון גרויסע פּערזענלעכקייטן. בפרט אַז מיטן אָנרירן דעם ענין ווערט אויך פאַרגאַנצט דאָס בילד פון דעם מענטשן ווי מיר האָבן אים געזען אין די לעצטע יאָרן פון זיין זיין מיט אונדז, און בעיקר צוליב דעם וואָס ער אַליין, האָט עס אויך אויפגענומען, טאַקע ווי זיין שטייגער, פון היסטאָרישן — כ׳וואָלט געזאָגט — גורל פּערספּעקטיוו, אָבער פאָרט ווייט ניט אַזוי ווי אַנדערע שווערע איבערלעבונגען.

ווען ער דערציילט וועגן די מניעות וועלכע ער האָט באַגעגנט ביים וועלן פאַרווירקלעכן זיין שטרעבן עולה צו זיין קיין ישראל, דערפילט מען מיטאַמאָל דעם האַרץ־ציטער און טיפן צער וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט יעדן ניט איינגעגעבענעם פּרווו, ביז עס האָט זיך אים ענדלעך איינגעגעבן נאָכן צוריקציען זיך אָפיציעל פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווען ר׳איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פון די שיבה יאָרן. ער קערט זיך צו דעם אום עטלעכע מאָל, און וויפל ער זאָל עס ניט וועלן אָביעקטיוו דערקלערן, בלייבט אַלץ אַ שמץ פון ביטערקייט, אָפטמאָל אפילו מער ווי אַ שמץ, אויף געוויסע מענטשן און זייער איינשטעלונג, וואָס האָט דערצו גורם געווען. עס איז געבליבן אַן אָפענע ווונד אפילו שוין נאָכן שלום מאַכן מיט די אָביעקטיווע באַדינגונגען און פאַרשטיין די סיבות. עס האָט זיכער צו טאָן מיט דעם, וואָס ער האָט זיך ניט געפילט מאָראַליש גאַנץ מיט זיך כל זמן ער האָט ניט עולה געווען. דערפאַר האָט ער עס אַזוי טיף אָפּגעפילט.

דעם זעלבן ציטער־געפיל האָט מען ביים לייענען די טיילן ווו ער גיט איבער דעם נשמה געראַנגל זיינעם איידער ר׳איז געקומען צום באַשלוס אַז עס איז געקומען די צייט צוריקצוציען זיך פון אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און שיידן זיך מיט זיין סביבה און לאַנד ווו ער האָט געווירקט איבער פופציק יאָר. אויך דאָ איז דער שמץ ביטערקייט סובלימירט דורך סטאָאישן אָננעמען, אַז ער האָט שוין זיינס געטאָן. ער מעג טאַקע נאָך אפילו זיין זיכער ביי זיך אַז ער ווייסט וואָס די נייע צייט פאָדערט און וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן, דאָך דאַרפן עס שוין אַנדערע, מער פּאַסיקע צו דער נייער צייט, דורכפירן. עס קומט אָבער גאָרניט אַזוי גרינג אָן און טאַקע מיט גרויסע יסורים און ווייטיקדיקע פאַרדרוסן. שוין נאָכן וויסן און אָננעמען עס ווי דער נאַטירלעכער באַשערטער גורל, פאַלט די אָנקומענדיקע איזאָלירטקייט שווער אויפן געמיט, בפרט פאַר אַזאַ ברויזנדיקער פּערזענלעכקייט. נאָך

שווערער און פײַנלעכער ווערט עס, ווען דווקא ווײַנענדיק אין ירושלים, איז אָנגעשטאַנען אַזאַ שטילקייט אַרום אים, ביז כמעט פאַרגעסנקייט סײַ פון חברים דאָ און נאָך מער פון חברים דאָרט. דאָס פילאָזאָפישע פאַרשטיין די אָביעקטיווע סיבות העלפן ניט מער צו פאַרגרינגערן דאָס ביטערע געמיט. אמת, בלויז פאַר געציילטע ברענגט ער אַרויס זײַן שאַרפן ווייטיק פון דערזען זיך פלוצים אַ זייטיקער, אַ פאַרלאָזענער, פאַרשטופּט אין אַן אײַנזאַמער פאַרווינקלטקייט אין סאַמע מיטן פונעם ברויז און קאָך פון ישראל לעבן וואָס ער האָט געהאָלפן אויפקומען. בלויז פאַר געציילטע פאַרטרויט ער זיך און וויל דאָך אַז עס זאָל ניט בלײַבן קיין סוד. (זע זײַן בריוו צו חברים אין "פּראָפּילן און עסייען". געטריי צו זײַן פשטותדיקער ערלעכקייט, פילט ער אַז מ׳דאַרף אָפן רעדן וועגן דעם, ווײַל ס׳איז ניט נאָר זײַן פּראָבלעם און זײַן גורל צו דערפילן זיך מיטאַמאָל אַ פאַרגעסענער חוני המעגל אין דער אייגענער אויסגעבענקטער היים. ס׳איז דער גורל פון אַ סך פון די גאָר גרויסע נאָענטע און ניט אַזוי נאָענטע חברים זײַנע. דאַרף מען דעם ווייטיק אויסשרייען מיט פּײַן, למען ידעו וישמעו.

ביי אונדזער לעצטער באַגעגעניש אין ירושלים מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָבן מיר עס גאָר שאַרף אָפּגעפילט. פאַר מיר איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז גלײַך בײַם אָנקומען קיין ירושלים דאַרפן מיר זיך טרעפן מיט אים. עס האָט מיר אָבער אַ צוויק געטאָן בײַם האַרצן ווען כ׳האָב דערהערט זײַן הייזעריקלעכע שטימע פון יענער זײַט טעלעפאָן:

— טאַקע, זיפּער, מיט שרהקען, און ערשט געקומען און שוין טעלעפאָנירט?

ווען כ׳האָב געפּרוווט זיך פאַרענטפערן אין לײַכטן שפּאַס — וואָס איז עס אַזאַ חידוש? אויב איר קענט ניט הײַנט, זאָל זײַן מאָרגן — איז ערשט דער טשיפּע אין האַרצן שטאַרקער געוואָרן פון דעם צאַפּל אין זײַן קול: — חלילה, איר ווייסט מן הסתם אַליין ניט צו וואָס פאַר אַ מצווה איר האָט איצט זוכה געווען׳. גלײַכצײַטיק הער איך ווי ער טריומפירט ממש רעדנדיק צו זײַן נינאַן, ווי ער וואָלט פלוצים געפונען אַן ענטפער אויף אַ האַרבער קשיא — הערסט, נינאַ, זיפּער געדענקט דאָך נאָך! איך קום שוין צו. עס בענקט זיך זייער, גיט ער צו היימישלעך — כ׳קען ניט לאָזן, אַז נאָר איר אַליין זאָלט האָבן אַ מצווה. איך וויל מקיים זײַן אין אײַך די מצווה פון הכנסת אורחים. כ׳וועל אײַך ניט פאַרמאַטערן, חלילה, איר זענט דאָך אוודאי מיד פון וועג. נאָר געדענקט, דער מאָרגנדיקער טאָג איז אין גאַנצן אונדזערער.

מיר האָבן אים ניט געדאַרפט פרעגן. עס איז אַרויסגעקומען פון זיך אַליין, אַז זעלטן ווען אַ חבר מיט וועלכן מ׳האָט יאָרן מיטגעאַרבעט וואָס

קומט צו פאָרן פון אונדזערע מקומות אין אַ שליחות אַהער, זאָל זיך נעמען די מי צו קומען אים זען אָדער אפילו זיך נאָכפרעגן, און פון דאָ איז דאָך שוין אָפּגערעדט. מ׳פאַרגעסט גאָר אינגאַנצן אים צו רופן אפילו צו אַזעלכע שמחות ווי ער וואָלט געדאַרפט זיין דער אמת׳ער מחותן... ״מ׳טאָר דאָך עס אפילו פאַרן מויל ניט ברענגען: ס׳איז צו אַ שווערער נסיון אָפּט צו דאַרפן צוריקפאַלן נאָך אַ ביסל חיזוק מיט בענקען נאָך יענע יאָרן אין וועלכע עס האָט זיך נאָך אַלץ אַנדערש״ — האָט ער פלוצים אָפּגעהאַקט אין מיטן זאַץ און אַוועק אין אַ שמועס אי מיט אונדז אי מיט נינאַן, אין וועלכן עס האָט אי געפלאַמט די טיפסטע פרייד פון זיין זוכה זיין צו וווינען אין ישראל און נאָך מיט די קינדער צוזאַמען, און אי געצאַפּלט מיט פיינלעכע תרעומתן אויף דער פאַרווינקלטקייט זיינער, וועלכע כאָטש ר׳האָט אפילו מאָמענטנווייז געפּרוּווט לינדערן דורך אָפּדינגען אַ ביסל פון נינאַס טענות — עס האָט זיך געשפּירט, אַז ער קען זיך ניט אַרויסשלאָגן פון דעם עצבותדיקן מצב־רוח, געמוזט עס אַרויסברויזן פון זיך.

ווייסט איר גאָר וואָס, טייערע געדענקערס מיינע — האָט ער אונדז פלוצים אַרומגענומען און שטאַרק געדריקט צו זיך ביי דער באַגעגעניש אויף צו מאָרגנס גאַנץ פרי — דאָ נאָענט וווינט אין אַ פענסיאָנאַט, גאָר אַ טייערער חבר, וועלכער איז נאָך איינזאַמער און עלנטער טאַקע, יעקב לעשטשינסקי, לאָמיר מקיים זיין אַ מצווה און אים גיין זען. איך טעלעפאָניר אים שוין און זאָגן אַז איר ווילט זיך טרעפן מיט אים — האָט ער זיך מיט אַ ווונק צעשמייכלט און אַ טרייסל געטאָן די טשופּרינע, וואָס איז נאָך גאַנץ געדיכט געווען — עס וועט אים הנאה טאָן, שטאַרק דערפרייען. ווער וויל עס דען דאָ אַפילו וויסן וואָס אָט דער טייערער ייד האָט פאַר אונדז געמיינט און וואָס מיר האָבן פון אים געלערנט. נאָר גענוג דערמיט. פון איצט אָן ווילן מיר וויסן וואָס עס טוט זיך ביי אייך. איר זענט דאָך עפּעס פון די געדענקערס. און אַ ניגון זינגט מען נאָך? איז ער געוואָרן גאָר אויפגעלייגט נאָכן הערן פון לעשטשינסקין, אַז מ׳קען צוקומען — ניט אַלע מאָל קען מען, פאַרשטייט איר דאָך. נו, לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען ר׳ יהודה איבן שמואלס ניגון!

בואו, בואו חשבון	הפסד, הפסד מצווה כנגד כנגד
בואו, בואו חשבון	שכרה.
ונחשוב חשבונו של עולם,	ושכר עברה כנגד הפסדה.

דערמאָנען מיר איצט מיט גרויס יראת הכבוד זיינע מעשים, זיין אמונה, זיין חזון, און דעם ניגון וואָס האָט דערהויבן זיין גאַנץ לעבן און לעבט מיט אונדז ווייטער.

ברוך שמו וברוך יהיה לעולמי עד! (1971)

שרה קייזערמאַן ע״ה

(צו די שלשים)

מיטן טויט פון שרה קייזערמאַן, האט דער מלאך פון אייביקן גזר צוגענומען פון אונדז א קאָליר־רייכע און פיל־געשטאַלטיקע פערזענלעכקייט וואס האט שטארק באווירקט איר נאענטן קרייז און דאס היגע קולטור געזעלשאפטלעכע לעבן אין משך פון איבער א האלבן יארהונדערט.

נאך גאר אין יונגען עלטער איז זי געקומען אהער מיט אירע עלטערן פון באטאשאן און באלד געווארן פון די וויכטיקסטע מיטגלידער אין דער געקליבענער חברייא פון דער יידישער סאָציאליסטישער און נאציאנאל געשטימטער פאלקס־אינטעליגענץ וועלכע האט אין ערשטן און אין צווייטן יארצענדלינג פון היינטיקן־יארהונדערט אנגעהויבן צו ארגאניזירן די יידישע אימיגראנטן־מאסע אין פראָפעסיאנעלע פאריינען (יוניאנס) און הילפס ארגאניזאציעס און גלייכצייטיק אויפגעשטעלט דא, נייע נאציאנאלע קולטור געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעם.

נישט קוקנדיק אויף דער מאטעריעלער ארעמקייט און גייסטיקן עלנט אין וועלכן כמעט אלע די וואס האבן זיך דערשלאָגן צו די היגע ברעגעס האבן געלעבט אין די ערשטע יארן, ווערט פאַרט דער קומענדיקער געשיכטע שרייבער באצייכענען יענע יארן און דאס באוויזן זיך פון די ראשונים פון דער קליינער גרופע פאלקס־מענטשן, ווי א מין ״גאלדענער אנהייב״ פון א נייער קולטור תקופה אין דעם לאנד און אין דער שטאט.

איך נוץ בכיוון דאסווארט חברייא ווייל אלע די יחידים האבן זיך געזוכט צוצוטוליען איינס צו דאס אנדערע און געפינען אין דער חברה א שטארקונג און פארבינדונג מיט דעם וואס זיי האבן געטראגן אין זיך, מיטגעבראכט פון זייערע היימען און דאס געוואלט אויסלאָדן און איבערשאפן אויף עפעס נייס וואס זאָל אי געבן זין זייערע איצטיקע איבערלעבונגען און אי זיי אויך פארבינדן מיטן אלגעמיינעם און יידישן לעבן און שאפן אויף וווייטער.

דער סאציאלער און נאציאנאלער ברויז פון דער צייט, האט אין די גרופעס געפונען זייער פולן אויסדרוק און אומעטום האבן זיי זיך געזאמלט ארום יחידים וואס כאטש זיי זענען אליין געווען ביים סאמע אנהייב פון איינשטעלן זייער אייגן פערזענלעך לעבן, און זייערע מיטלען זענען געווען זייער באגרעניצט, זענען אבער זייערע היימען געווארן די ווארעמע נעסטן ווו עס האָבן זיך אויסגעבריט און לעבעדיק געווארן אלע נייע אינסטיטוציעס

און אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע פֿאָרמען וואָס זײַנען נויטיק פֿאַר אַ דערהויבן און חשיבותדיק געזעלשאַפטלעך לעבן.

ס׳איז דעריבער זייער פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס די יונגע שׂרה וויטאַל שפּעטער קייזערמאַן, האָט באַטראַכט איר אייגענעם אַלגעמיינעם וויסן וואָס זי האָט זיך דאָ דערוואָרבן און אירע איינגעבאָרענע פֿעיִקייטן, נישט ווי בלויז אַ פּערזענלעכע דערגרייכונג, נאָר ווי אַ מעדיום מיט וועלכן צו קענען העלפֿן אַנדערע צו אַנטוויקלען זייערע שאַפֿערישע פֿעיִקייטן און דערמעגלעכן זיי צו פֿאַרנעמען אַ חשוב און זיכער אָרט אין היגן לעבן. דאָס איז געווען דער זינען פֿון איר נאָענטן מיטווירקן אין די פֿערזאַר־שולן אָנפֿירנדיק אַ קורס פֿאַר צייכענען פֿאַר אַרבעטער מיידלעך אין ניו־יאָרק, און דאָס איז אויך געווען דער שליסל צו דעם דערפֿאָלג פֿון איר ווערן אַ לערערין פֿון ענגליש אין די קורסן וואָס די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע גרופּירונגען האָבן דאָ אָרגאַניזירט. ס׳איז געווען אַ טייל פֿון דער איבערצייגונג און גלויבן פֿון דער פֿאָלקס־אינטעליגענץ אין יענע יאָרן, אַז זייער וויסן און שאַפֿונגס־כּוח איז געגעבן געוואָרן צו זיי נאָר כּדי געשטעלט צו ווערן אין שליחות פֿון דעם אַרבעטנדיקן פֿאָלק. דאָס קלערט אויך אויף דעם טיפֿערן זין פֿון דעם וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי וועלכע זענען לכתּחילה געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דעם קאָסמאָפּאָליטישן געדאַנקען־גאַנג וואָס האָט אינגאַנצן פֿאַרניינט דאָס אייגענע, נאַציאָנאַל שעפֿערישע, האָבן אונטערן איינפֿלוס פֿון אַ דר. זשיטלאָווסקי, דר. נחמן סירקין, ב. באָראָכאָוו און אַ צאָל אַנדערע וואָרטזאָגער פֿון די פֿאַרשיידנסטע לאַגערן זיך גענומען צוהערן צו זייער אייגן געמיט און בענקשאַפֿט, און ערשט אין די רײַפֿערע יאָרן גענומען פֿאַרטיפֿן זיך אין דעם יידישן קולטור שאַפֿן, כּדי צו קענען זיך אידענטיפֿיצירן דערמיט, און אַ טייל פֿון זיי ווי טאַקע שׂרה און איר לעבנס באַגלייטער חנניא קייזערמאַן האָבן אין יידישן זינען ממש געדאַרפֿט אָנהייבן פֿון אַלף־בית. זיי זענען טאַקע געקומען פֿון יידישע טראַדיציאָנעלע היימען, אָבער אין זייער גאַנג אין דער וועלט אַריין, איז דאָס ביסל יידיש וויסן וואָס זיי האָבן געהאַט אַלץ ווינציקער און פֿאַרנעפּלטער געוואָרן. דאָס קלערט אונדז אויף פֿאַר וואָס שׂרה האָט אין די לעצטע יאָרן ליב געהאַט צו באַטאָנען און באַרימען זיך אַז זי האַלט זיך פֿאַר אַ תּלמידת־חבר פֿון די ראשונים־לערער וואָס האָבן געבויט די היגע יידישע פּרץ און פֿאָלקס שולן.

דערביי פֿלעגט זיך איר צאַרט אָפּן פּנים פֿאַררויטלען מיט אַ צופֿרידענעם חנעוודיקן (כיינעוודיקן) שמייכל, וואָס האָט ווי אויסגעגעבן דעם טיפֿן דאַנק וואָס זי האָט אין זיך געטראָגן צו דעם קרייז יידישע פֿאָלקס אינטעליגענטן וואָס האָבן זי אַריינגעפֿירט אין יידישן שאַפֿונגסקרייז וואָס

האט זי גייסטיק אזוי דערוואַרעמט און באַרייכערט, און איר געגעבן א מעגלעכקייט אויסצולעבן אַלע אירע גרויסע פעיקייטן פאַר אַלץ וואָס איז ווערטיק און קאָנסטרוקטיוו אין יידישן לעבן. „איך בין פון די תלמידות וואָס האָבן קיינמאָל נישט גראַדואירט און קיין דיפּלאָמע נישט געקראָגן. און יעדעס מאָל ווען איך זיץ ביי אונדזערע שול־גראַדואירונגען פרעג איך זיך: וועט דאָס יידישע לערנען אויך ביי זיי ווערן דאָס ליכט פון זייער לעבן?"

עפּעס ענלעכס פלעגט אויך חנניא ע״ה מיט פּאַטאָס און באַגייסטערונג איבערחזרן פיל מאָל, ווען ער פלעגט רעדן וועגן דר. חיים זשיטלאָווסקי און זיין דור: „ער האָט אונדז פּשוט אַנגענומען ביי דער האַנט און אַריינגעפירט צוריק אין יידישן לעבן אַריין, אינעם לאַבירינט ווו מיר האָבן געפונען דעם אוצר פון יידישן שאַפן און וויזיאָנערישן חלום".

ווי קינסטלערישע מענטשן האָבן שרה און חנניא אַנדערש נישט געקענט ווי שאַפן זייער היים אין זייער אייגענעם געשטאַלט. זייער ראַפינירטער געשמאַק און חוש פאַר ליטעראַטור און קונסט האָט זיי געפירט נישט נאָר צו א טיפערן הנאה האָבן ביים געניסן אַ קולטוראיבערלעבונג, נאָר זייער גאַנצער אופן פון לעבן איז געוואָרן אַן אויסדרוק דערפון.

שרה האָט אין איר רעדן געניצט א רייך און בילדעריש לשון, און זיך שטאַרק אויסגעהיט פון הויכע פראַזן און מליצה אויסדרוקן וועלכע זי האָט פּשוט נישט געקענט פאַרטראָגן. איר קריטישער חוש, האָט זי אָבער נישט פאַרפירט צו קוקן פון אויבן־אַראָפּ אויף די וואָס זיינען נישט געווען אַזוי ראַפינירט ווי זי. פון דאַנען שטאַמט איר דורכגענומען ווערן אינגאַנצן מיט א שרייבער, א קינסטלער אין וועלכן זי האָט דערשפּירט אַן עכטן טאָן און קלאַנג אַפילו ווען ר׳ איז נאָך געווען גאַנץ רוי און נישט רייף.

אַפילו אין די יאָרן ווען זייערע מיטלען זיינען געווען זייער באַגרעניצטע, האָט זייער היים געהאַט אַן אייגן פּנים. דער אָפּקלייב פון מעבל און די בילדער אויף די ווענט האָבן גלייך אָנגעוויזן אויף דיר א שטימונג פון קינסטלערישן געמיט וואָס כאָטש ס׳איז היינטיק איז עס פאַרבינדן מיט אַלערליי אָפענע און באַהאַלטענע פּעדעם מיט קולטור איבערלעבונגען פון דורות וואָס זוכן אַן אויסדרוק. אין אָט דער היים האָט מען זיך אויסגעלעבט מיטן נייעם קולטור שאַפן און אויך פּלאַנירט אָדער געצייכנט די קאָנטורן פון נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען. די קאָריפייען פון דער יידישער ליטעראַטור און די גייסטיקע פירער פון דער חברייא, האָבן אין דער היים געפונען די געהעריקע אַטמאָספערע ווו צו לייענען זייערע ווערק. דאָס הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע היגע יידישע שרייבער און קינסטלער ווו זיי האָבן געקראָגן דערמוטיקונג און מיטהילף. ס׳איז נישט געווען די איינציקע היים ווו די חברייא האָט זיך געזאַמלט און געטוליעט

איינס צום אנדערן. די קייזערמאן היים איז אבער געווען דער עיקר אַ מין סימבאל פון נייעם קולטורשאפן. אפילו אין דעם סאציאלן צוזאמענשטויס און אינעם צעפלאקערטן ברידער־קריג צווישן לינקס און רעכטס פון די סוף צוואנציקער און אנהייב דרייסיקער יארן איז דער שטריך נישט פארטושט געווארן.

אין דעם הויז האבן ניי־אריבערגעקומענע געפונען די ווארעמקייט וואס האט לייכטער געמאכט דאס ווערן היימיש אינעם נאָך פרעמדן און קאלטן לאנד. ווי נאר דו האסט אריבערגעטראטן די שוועל פון דער היים, ביסטו גלייך געווארן א טייל פון דעם ״קייזערמאן כאר״, וואס האט ביז נאך חצות געקענט זיך פארזינגען מיט א ניגון, א פאלקס־ליד, א קאמפס־ליד און פון זיך אליין אזוי פארדבקותן זיך אין א שמועס, וואס האט אויפגעעפנט די קוואלן פון וועלכע מ׳האט אמאל אפילו אליין נישט געוווסט אז זיי זענען דא און קוועלן נאָך.

קיין גרויסער בעל־מנגן איז חנניא נישט געווען. ער פלעגט בלויז באוועגן מיט די ליפן און ווי א פארליבטער אין נגינה מיטשעפטשען מיט אלע אברים. דער גאנצער אוצר פון זיין ווארעם־הארציקייט האט דאן ארויסגעזונגען פון אים. מ׳האט עס געמוזט דערפילן און ווערן גערירט ביז טרערן, ווי ער אליין איז עס געווען ווען ער האט אנגעפירט מיטן אזוי גערופענעם כאָר זיינעם, וואס האט אין היפוך צו אלע כללים געזונגען נישט אין איין טאקט און זיך זעלטן צוגעקוקט צו די באוועגונגען פון דעם ״קאפעלמייסטער״. אויסגעזעצט אויפן דיל אין די פארשיידנסטע פּאָזעס, האט זיך געזונגען פון אינעווייניק. פון יעדן איינעם לויט זיין גוסט און געפיל און דאָך איז עס געווען איין איבערלעבונג. דערביי פלעגט שרה וועלכע האט קיין דיסארגאניזאציע ארגאניש נישט געקענט פארטראגן נישט אריינגעמישט זיך מיט קיין וואָרט, נאר עפּעס אזוי זייטיק איז ווער שוין געזעסן ביי דער פּיאַנע און נאכגעגאַנגען און מיטגעגאנגען מיטן ניגון ביז ר׳איז דערפירט געוואָרן צו אן איינהייטלעכן טאַקט און טאָן.

אזוי איז, דאכט זיך, אויך געווען איר אופן פון באאיינפלוסן די חברים און חברות ביים באטראכטן א נייעם פלאן פאר אַ נייער ארגאניזאציע אדער אינסטיטוציע. זי האט געפירט, נישט ארויפצווינגענדיק זיך ווי א פירערין. מיט איר דערפּאַרענעם חוש פאר ארגאניזאציע האט זי באווירקט, אז עס זאל געטאן ווערן אזוי, אז יעדער איינער מיטבאטייליקטער זאָל פילן, אז ער אדער זי טוט לויטן אייגענעם ווילן און אייגענער איניציאטיווע. אין יעדער געזעלשאפטלעכער ארבעט אין וועלכער זי האָט זיך באטייליקט זענען ביי איר די קליינע טעכנישע ארבעטן געווען פונקט אזוי טייער ווי די גרויסע אידייע וואס האט די ארבעט אין וועלכער זי האָט זיך באטייליקט

ארויסגערופן. אויף איר קען מען זאָגן, אז זי איז געווען אי א פירערין אי אן אויספירערין. זי האט אי באגייסטערט און אי אליין באגייסטערט געווען פאר דער אידייע און פאר די מעשים וואס וואקסן פון דעם ארויס. זי איז ממש געווען פארליבט אין ישראל און אין דעם ווערק וואס ווערט דארט געשאפן — איז ביי איר דאס אויפקלערן אנדערע און זאמלען די מיטלען דערפאר געווען אויף איין מדריגה פון אַ הייליקייט אויף וועלכער עס טאר קיין שפּרענקעלע נישט פאלן.

זי האט ממש נשמהדיק געליטן ווען זי האט זיך אנגעטראפן מיט עמיצן וואס האט אנגעווענדט אויף אירע הייליקייטן ווי יידישע דערציאונג און ארץ ישראל א צו־פּראקטישן און צו־ראַציאָנאַלן צוגאנג. דערביי איז זי אבער געווען גאר פּראקטיש אין איר פּריוואטן און געשעפטלעכן לעבן. מיט איר איינגעבארענער אינטעליגענץ, אויסערגעוויינטלעכע ארבעטסזאמקייט און פעיקייטן האט זי באוויזן אויפצובויען א גרויס געשעפט. און וואס העכער זי איז געשטיגן אין סאָציאלן לייטער און נאטירלעכערהייט געגומען אריינוואקסן אין מיטל־קלאס, וואס האט א היפּש ביסל פון דער פּריערדיקער חברייא און שפּעטער צוגעקומענע דערווייטערט פון דעם קרייז און אין בעסטן פאל זענען זיי געבליבן בלויז סימפּאטיקער וואס טיילן אויס צדקה, איז זי פארקערט געווארן א מין שליחה וואס האט באנוצט אירע נייע פארבינדונגען ארויסצורייסן אנדערע פון דער פארגליווערטער פּראקטישקייט און צוציען צו די ארבעטן וואס זענען געווען איר דערהויבנקייט. איר שווונג און פארנעם איז כסדר געשטיגן און אויסגעברייטערט געווארן.

דאס נאציאנאלע און געזעלשאפטלעכע איז געווארן די נשמה־יתרה פון איר לעבן. זי האט געקענט זיין פּראקטיש און אויסגערעכנט ביז קמצנות אפילו אין פּערזענלעכן און פּריוואטן, אבער נישט אין געזעלשאפטלעכן. דא האט די וויזיע און אחריות זי באהערשט אין גאנצן און האט געקענט אין א קליינעם אנהייב גלויבן נישט ווי ער איז איצט, נאר וואס עס קען און דארף פון דעם ווערן. און אזוי האט זי אויך געמאסטן איר צושטייער צו דעם. מיט איר ענטוזיאזם האט זי באווירקט די גאר נאענטע נאכצוטאן אירביישפּיל און די ווייטערע צו ענטפערן איר מאָנען און רופן אויפצושטעלן אינסטיטוציעס דא און אין ישראל.

אירע קרוין־ארבעטן זיינען אלעמאל געווען אין און דורך דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג וועלכע זי האט געהאלפן אויפבויען און אוועקשטעלן אין סאמע מיטן פון היגן געזעלשאפטלעכן לעבן דורך דער פּיאנערן־פרויען ארגאניזאציע, הסתדרות און די שולן. גאָר באזונדערס האט זיך ארויסגעוויזן איר איינפלוס און כח פון ארגאניזאציע ווען זי האט

מיט א צען יאר צוריק באַוויזן צו באַווירקן א גרויסן טייל פון חברים פון פאַרבאַנד צוצושטיין צו איר און אויפבויען דעם "ל. צוקער בנין" פאַר די פּרץ שולן. דער וואַרעמער אָפּרוף פון די חברים און סתם פריינד פון אונדזער דערציאונג, האָט איר פאַרשאַפט א גרויסן נחת־רוח נישט נאָר דערפאַר וואָס זי האָט געקענט דורכפירן דאָס וואָס זי האָט זיך אונטערגענומען, נאָר דער עיקר דערפאַר וואָס דאָס האָט געשטאַרקט איר לאַנג־יאָריקן צוטרוי צו דער באַוועגונג און צו א ריי יחידים אויסער דער באַוועגונג, וואָס זענען איר אַנטקעגנגעקומען מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און אָפּשאַצונג פון איר און ח' צוקערס אַרבעט. דאָס האָט גאָר אין א גרויסער מאָס געלינדערט איר טיפן צער און צוגעלייגטקייט פון געמיט אין וועלכן זי האָט זיך געפונען נאָך די שווערע אומגליקן וואָס זענען איר באַשערט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן.

די אומגליקן זענען געקומען אויף איר פּונקט אין א צייט ווען דאָס סאַמע קרעאַטיווסטע וואָס זי און איר חנניא האָבן געטראָגן אין זיך, האָט אָנגעהויבן באַקומען דעם קינסטלערישן תיקון אין די קינדער, ווען אפילו דער יוגנטלעכער רעוואָלט זייערער האָט אָנגעהויבן אַרויסקומען אין אַן עכט קינסטלעריש־שאַפערישן אופן. זי האָט זיך אַזוי געפרייט מיט דעם און מיטאַמאָל גאָר א ליידיקייט אָן א זין און אָן איינזאַמקייט אָן א ברעג.

איר גאַנצע גייסטיקע וועלט איז געבליבן הענגען אין א חלל ערגעץ און ס'האָט איר דעם אָטעם פאַרהאַקט און אונטערגעבראָכן די אָפּגעשוואַכטע פיס. זי האָט זיך געראַנגלט מיט אירע פיזישע פיינען, און אפילו געפּרוווט וויפל מאָל זיך איינרעדן אַז דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ איז בלויז אַן איינרעדעניש פונעם דאָקטאָר, אָבער אין דער אמתן גוט געוווּסט אַז דאָס געפיל פון עלנט און דעם פּיין פון פאַרלאָזנקייט קען מען אפילו אין חברותא צווישן די נאָענטסטע נישט פאַרערדן און נישט ביייקומען. "איז אויב נישט קענען זיין מיט מענטשן און טוען וואָס מ'וויל און מ'דאַרף" — האָט זי געטענהט צו מיר ווען כ'האָב זי געטראָפן צום לעצטן מאָל שוין — "צו וואָס זשע זיך מאַטערן?"

פון דעסטוועגן, איז זי נאָך יענעם אוונט אין א גאַנץ שווערן וועטער געקומען צו א ליטעראַרישן אוונט. ביי מיין אַפּערהאַלטן איר פאַר וואָס זי איז אין אַזא אוונט אַרויסגעגאַנגען, האָט זי אַזוי אַביסל א פאַרקניפּלטן שמייכל געטאָן און זיך פאַררויטלט "איך קען זיך דען ענדערן און בלויז צוקוקן זיך פון דערווייטן? כ'בין נישט געוווינט צו זיצן ליידיק".

זי האָט געלעבט א פול לעבן און געהאַט א גרויסע מעגלעכקייט צו קומען צום אויסדרוק און דאָך האָט זיך איר לעבנס־פאָדעם איבערגעהאַקט אין סאַמע מיטן, און גאָר אָסך, אפשר דער סאַמע עיקר, איז נישט געקומען

צום אויסדרוק. איך ווייס, אז זי האָט זיך געגרייט צו דערציילן פאר די קינדער, דער עיקר פאַר קאַטיען, דאָס באַליבסטע אייניקל אירס, און פאַר אונדז, די איבערלעבונגען אירע ווי אַ מאַמע און פרוי, אירע האפענונגען און אנטוישונגען, דערגרייכונגען און דורכפאַלן אויפן וועג וואס זי איז געגאַנגען אין לעבן, אָבער זי האָט עס נישט באוויזן — די טראַגישע קנוילן וואס האָבן זי געפענטעט פיזיש און גייסטיק האָבן עס נישט דערלאָזט.

פאסן זיך אוודאי צו איר די ווערטער פון דעם פּאָעט י.י. סיגאל דער נאָענטער פריינד פון די קייזערמאַנס "איך וועל זיך אויסטאָן פון דיין וווּנדיק לייב און דיר וועט גרינגער ווערן" —

אונדז איז אבער שווערער געוואָרן, און דער טרויער אויף איר פארגיין נאָגט און ווייטיקט ווי א וואונד וואס קען נישט געהיילט ווערן.

(1967)

הערשל רייזלער ע״ה

(אַ בלימל אויף זיין קבר)

אַ שמייכלענדיקער, אַלעמאָל אַ באַגייסטערטער איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן אונז יאָר נאָך יאָר און אַלעמאָל מיט אַ נייעם ניגון אין מויל, וועלכן ער איז גרייט מיט אייך צו זינגען כאָטש גלייך אָט דאָ, אין סאַמע מיטן טומל פון ״מיין סטריט״. אין די לעצטע יאָרן — ווען קראַנקהייט און שווערע איבערלעבונגען, האָבן דעם טראָט איינגעהאַלטן און דעם ליבלעכן שמייכל באַהאַלטן אין אַ סך פעלדלער און קנייטשן, האָט די באַגייסטערונג מער געררעדט ווי געזונגען; מער געמאָנט און געטענהט: ״זעט נאָר וואָס מ׳האָט שוין באַוויזן אויפצוטאָן. טוט נאָר אַ קוק וואָס ס׳איז נאָך דאָ צו טאָן!״

אַ פשוטער ליבער מענטש איז ער געווען, ווענמענס ליבשאַפט צו דעם אין וואָס ער גלויבט איז גובר אַלע מכשולים און דערלאָזט ניט קיין ספקות. אויב עס איז ערגעץ דאָ אַ ספק, איז טאַקע ניט גוט, אָבער וואָס קער זיך עס אָן מיט דעם, וואָס מ׳דאַרף טאָן?

און געטאָן האָט ער יעדע זאַך מיט הנאה און מיט פרייד, וואָס קומט פון פילן, אַז ער טוט אַן עבודת הקודש. דאָס דערטראַכטן אַן ענין ביזן סוף איז ניט געווען זיין אויפגאַבע. מיט דעם זאָלן זיך אַנדערע פאַרנעמען. ער — דאַרף טאָן, ווי קען מען דען אַנדערש? איז עס דען ניט קלאָר גענוג, אַז יעדער נייער ביישטייערער פאַר אַ שולע, מיינט יידישע קולטור און קיום; צוגעקראָגן אַ טוער, אַ געבער פאַר ארץ־ישראל, מיינט יידישע גאולה. דאָס קלענסטע טאָן, איז דאָך אַ טייל פון דעם גרויסן, וואָס הייסט שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע יידישע לעבן.

און ניט פאַר יענעם טוט ער, אפילו ניט פאַר דער אידייע בלויז — ער דאַרף דאָס פאַר זיך. ס׳איז זיין יידיש ליד — אָן וועלכן ער קען זיך ניט באַגיין; זיין הסתדרות — אָן וועלכער ס׳קען ניט זיין קיין בנין הארץ; ס׳איז זיין יידישע שולע — אָן וועלכער ס׳איז ניטאָ קיין המשך; זיין יידישע מדינה — אָן וועלכער ס׳איז ניט געמאָלט קיין גאולה.

זיין באַגייסטערונג טייטשט אים אויס אזוי: אַז וויל איז, וואָס איך קען טאָן; אַ גרויסער בעל זוכה איז ער, וואָס ער לעבט אין אַ דור, וואָס האָט זוכה געווען צו דער מדינה, און מיט די פירער און יסוד־לייגער פון דער מדינה, האָט ער אינאיינעם געחלומט און געדינט אין לעגיאָן. אַ קלייניקייט: אַליין צו שטייןביים וויגעלע און דערלעבן צו פירן אונטער דער חופה.

פּאַטעטיש, אָבער ווי געטריי רייזלעריש און פשוט מענטשלעך, איז געוועזן זיין מיטפירן קיין ארץ ישראל זיין לעגיאָנערן מונדיר, ווען ער איז געפאָרן צו דער חתונה פון זיין זון, וואָס איז איצט אַ טייל פון דער מדינת ישראל; קומט דער טאַטע מיטן אַלטן מונדיר דערמאָנען: איך האָב דעם וועג אויסגעטראָטן פאַר דיר. מיין אַלטער מונדיר, איז איצט בלויז סימבאָל, אָבער סימבאָלן זענען געוועזענע שטיקער הייס לעבן, וואָס זענען פאַראייביקט און פאַרמויערט געוואָרן אינעם גאַנג פון איין צייט צו דער צווייטער.

ניט קיין אויסגעטיילטער, ניט קיין פירער — בלויז איינער פון אַ דור אַזאַ איז ער געווען. דער דור, וואָס האָט דאָ געבויט שולן, ביבליאָטעקן, באַוועגונגען; אַ דור, וואָס האָט מיט זיין עצם זיין, געדינט דעם יידישן קיום. מיט זיין אייגן לעבן און מעשים האָט ער געדינט און דינט נאָך.

צו די בילעטן פאַרקויפער און זאַמלער האָט ער געהערט. די פשוטע סאָלדאַטן פון דער באַוועגונג, אין וועמענס זכות זי עקזיסטירט. ניט טעאָריעס פירן זייערע פיס און הייבן אויף זייער האַנט, נאָר אַ גלויבן און אַ ליבשאַפט און אַן הנאה פון טאָן, וואָס מ׳דאַרף און מ׳וויל. מ׳איז ניט יוצא, נאָר מ׳לעבט מיט דער מצווה.

אין צייטן פון לעגיאָן — אַ לעגיאָנער; אין צייטן פון זאַמלען — אַ זאַמלער; און אַז מ׳זינגט אַ ניגון — ווי קען מען דען לעבן אָן אַ ניגון? — איז אינערלעכע דבקות, ניט לויט נאָטן דווקא; און אַז עמעץ זאָגט דברי־תורה צי דברי טעאָריע — איז דאָס אויער אָנגעשפּיצט און דאָס פּנים פול מיט יראת הכבוד צו דעם וואָס זאָגט עפּעס, וואָס רירט אָן די אייגענע נשמה; און אַז ער איז ניט מסכים — שפּרינגט ער אויף ווי אַן אָפּגעבריטער. מוז ניט דווקא זוכן דאָס טאַקטישסטע וואָרט אָפּצוענטפערן. אַן אויסגעשריי רייסט זיך פון אים ניט איינצושטילן. פשוט און עכט האָט ער רעאַגירט.

אַ ליבער מענטש אָן אַ גאַל. זיינע טענות אָבער באַהאַלט ער ניט; און טענות האָט ער אַ סך, זעלטן ווען פּערזענלעכע, אָבער געזעלשאַפטלעכע אָן אַ שיעור: פאַר אים איז צו ווייניק חלוציות אין שול פּראָגראַם, צו ווייניק קולטור טועונג, צו ווייניק ציוניזם ביי די ציוניסטן און צו ווייניק מענטשלעכקייט ביי אונדז אַלעמען. ער ווערט אָבער ניט ברוגז דערפאַר מיט דער אַרבעט, פאַרקערט — זיין באַגייסטערונג פאַר דעם ביסל, וואָס ווערט יאָ געטאָן איז אַזוי נחתדיק פאַר אים, אַז ער איז גרייט זיך צו טיילן מיט דעם מיט יעדן איינעם ווו נאָר ער באַגעגנט אים.

פון זיין חסידישער היים, האָט רייזלער מיטגעבראַכט עפּעס טיפערס פון אַ סתם וויסן, וואָס לערנט די וועגן פון יידיש פירן זיך. אַ טיפע

פאַרוואָרצלטקייט און יידיש פילן און באַנעמען האָט געלעבט אין אים; אַ געפיל פון "בתוך עמי אנוכי יושב", וואָס שטראַלט פון זיך ארויס אַ ליבשאפט אַזאַ צו אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון היימישקייט אין וועלכע דורות האָבן זיך אויסגעוויינט, אויסגעפרייט און פאַרחלומט. אינאיינעם מיטן ביסל אפיקורסישקייט, וואָס לעבט אין יעדן איינעם פון זיין דור, האָט אויך געלעבט אין אים די אמונה פון נצח ישראל און אלץ וואָס טראָגט אין זיך אַ ניצוץ פון דעם, האָט אים געוואַרעמט און געגערט זיין באַגייסטערונג. ניט קיין אָפּגעריסענער פון ערגעץ, נאָר אַ המשך איז ער געווען און צו דעם געגרייט אויך זיינע אייגענע. אויך זיין לעצטער אָנזאָג, ווו מ׳זאָל אים באַהאַלטן, דערמאָנט אין דעם. דעם טאַטנס שול און דעם טאַטנס נוסח איז אים געווען אזוי אייגן, ווי דעם נוסח, אין וועלכן ער האָט זיך אליין איינגעדאַוונט. רוען זיי איצט אינאיינעם.

דאָס ביסל פרייד צו וועלכן ער האָט זוכה געווען, איז ניט געווען מיט דער פולער מאָס. אָבער די באַגייסטערונג און הנאה מיט וועלכער ער האָט זי איבערגעלעבט, איז אַלעמאָל איבערגעגאַנגען אַלע ברעגעס פון אייגענעם האַרץ און אויג.

קורץ, זייער קורץ זיינען געווען זיינע טעג דאָ מיט אונז, און ווי יעדער לעבעדיקער, איז ער אוועק אינמיטן פון זיין אַרבעט — בלייבט זי מיט אונדז, צוזאַמען מיט זיין זיכרון און זיין ערלעך טאָן. לאָמיר עס טראָגן און היטן ווי לאַנג עס וועט אונז באַשערט זיין.

(1954)

ר׳ יואל שטערנטאל ע״ה

(צו די שלשים)

מיט דער פטירה פון ר׳ יואל שטערנטאַל, האָט די מאָנטרעאַלער יידישע קהילה פאַרלאָרן איינעם פון אירע אָנגעזעענסטע געזעלשאַפטלעכע עסקנים וואָס האָט קרוב צו אַ יובל יאָרן געשפּילט א הויפּט־ראָלע אין די וויכטיקסטע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס פון פאַרשיידנסטן כאַראַקטער. מ׳קען זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז יעדער פּראָיעקט פון וועלכן עס איז מין און קרייז, וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו פאַרשטאַרקן יידיש לעבן און שאַפן, איז אים געווען נאָענט צום האַרצן און געקראָגן זיין מיטהילף מיט אַן אָפענער האַנט.

אויף אים קען מען אָנווענדן דעם מאמר חז״ל: ״פּניו כלפּי העם, סימן יפה לו״ (אויב זיין פּנים איז צום פאָלק, איז עס אַ גוטער סימן פאַר אים). זיין קוק אויפן יידישן לעבן און טוען איז נישט געווען באַגרעניצט בלויז צו דעם אזוי גערופענעם אָרטאָדאקסישן קרייז צו וועלכן ער האָט געהערט לויט איבערצייגונג און דער טראַדיציע פון זיין היים, נאָר ער האט אויך אָנערקענט און געהאַלטן פאַר וויכטיק דאָס קאָנסטרוקטיווע און קולטור־ווערטיקע פון אַנדערע קרייזן, וועמעס לעבנס־קוק אויפן יידישן לעבן איז גאָר אנדערש פון זיינעם. צו יעדער פּראָיעקט וואָס האָט עפּעס צוגעטראָגן און באַרייכערט דאָס קהילה לעבן, האָט ער צוגעטראָגן זיין חלק אָפּט דורך שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון דעם, אָדער דורך בלויז העלפן לויט זיינע מעגלעכקייטן. זיין באַליבטער אויסדרוק־ענטפער צו די וואָס האָבן אַמאָל געהאַט טענות צו אים פאַר זיין נישט דיסקרימינירנדיקן צוגאַנג צו די קהילה פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פאַר אַלע שאַטירונגען אין יידישן לעבן איז געווען: ״איך האַלט זיך פאַר אַ פּשוטן באַלעבאָס וואָס יעדער טייל וואָס וויל נאָר זיין אַ טייל פון דעם באַלעבאַטיש־קייט, איז אים נויטיק און טייער...״

זיין קרוין־ווערק, דאָס גרינדן פון דער ״עדת ישראל סינאַגאָגע״ אין 1936 און גלייכצייטיק די העברעישע עלעמענטאר טאָג־שולע און דערנאָך דעם ״תיכון״, וואס האָט צוגעצויגן אַ צאָל פון די בעסטע העברעישע לערער אין שטאָט, האט נישט נאר דאס יידישע אוטרעמאונט דערהויבן צו ווערן איינע פון די אנגעזעענסטע אין היגן קהילה לעבן, נאָר געוואָרן אויך אַ ביישפּיל פאר אנדערע צום נעמען זיך ערנסט צום אויפבוי פונעם היגן שול־וועזן.

נישט קוקנדיק אויף זיין פאַרנומענקייט אין זיינע פאַרצווייגטע געשעפטן, האָט ער אַלעמאָל צייט געהאַט פאַר יעדן וואָס האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ געזעלשאַפטלעכן אָדער פּריוואַטן ענין. ער האָט אַלעמען אויפגענומען מיט דרך ארץ און נישט אוועקגעשיקט מיט ליידיקן נאָר ארויסבאַגלייט מיט אַ שמייכל און אַ מין פאַרענטפערן זיך: ״צרכי עם ישראל מרובין״ (די נויטן פון פאָלק ישראל זיינען אַ סאַך). ס׳איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן און מ׳דאַרף אַזוי פיל געבן, אַז מ׳קען פשוט נישט אַלעמען צופרידנשטעלן אינגאַנצן...״

דער שטענדיקער שמייכל זיינער פלעגט נאָר פאַרוואָלקנט ווערן, ווען ר׳האָט זיך דערוווּסט פון עפּעס אַ טאַט וואָס האָט לויט זיין השגחה (באַגריף, פאַרשטיין) און באַנעמען נישט געשטימט מיטן יידישן מענטשלעכן שטייגער״ יידן טאָרן זיך אַזוי נישט פירן״, האָט ער נישט געשוויגן און אויף זיין געמיטלעכן אופן רעאַגירט אפילו ווען מ׳האָט דערמיט אָנגערירט דעם כבוד פון אַ שטאָט־באַלעבאָס, אַ תקיף. מ׳האט דעריבער ארויפגעקוקט צו אים מיט רעספּעקט און אפילו ליבשאַפט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז געווען זיין ״מתן בסתר״ (העלפן נויטבאַדערפטיקע, אַז קיינער זאָל נישט וויסן). עס זיינען מן הסתם געווען מער ווי די פּאָר טייערע פאַלקסמענטשן וואָס איך האָב געקענט וועלכע האָבן זיך געפירט ווי ער, און פאַרלאַנגט פון מיר (אפשר אויך פון אַנדערע) איך זאָל זיין זייער שליח צו איבערגעבן זייער הילף דאָרט ווי איך ווייס אַז מ׳נויטיקט זיך אין דעם, נאָר מ׳האַלט זיך צוריק פון אויפשטעלן די האַנט. אויסגענומען האָבן זיי אַז זיי דאַרפן נישט וויסן צו וועמען עס ווערט געגעבן און דער נעמער זאָל נישט וויסן פון וואַנען עס קומט. פאַר וואָס זיי האָבן מיך געמאַכט פאַרן שליח, איז פאַרבונדן מיט דעם וואס די פּרץ־שולן האָבן זיך דאַן געפונען אין סאַמע מיטן פון דער יידישער אָרעמקייט, אין מזרח פון ״מיין סטריט״ און גלייך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האבן זיך דאָרט באַזעצט אַ גרויסע צאָל פון דער שארית הפליטה וועמעס קינדער זיינען אָנגעקומען אין די פּרץ־שולן. אַ גרויסער טייל פון די משפחות האבן נישט נאר נישט געקענט צאָלן קיין שכר־לימוד נאָר זיך אויך גענויטיקט אין אלץ. ס׳איז אויך כדאי צו דערמאָנען דאָ, אַז ווען די פּרץ־שולן זענען צוליב דעם געווען אין געפאַר צו פאַרמאַכן זיך און ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן קריגן פינאַנציעלע הילף פון קהילה־פאָנדן, האָבן די קאָנגרעס פירער שטילערהייט אָנגעפרעגט ביי אַ צאָל אנגעזעענע עסקנים זייער מיינונג. מ׳דאַרף געדענקען, אַז דער פּרינציפּ פון קהילה פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יידישער דערציאונג, איז דאַן נאָך געווען אין דער בחינה פון ״טאַבו״ פאַר אַסך קהילה פירער. ווען מ׳האט ר׳יואל שטערנטאל געפרעגט זיין מיינונג, האָט ער אויף זיין באַלעבאַטיש פשוטן שטייגער געענטפערט: ״איך

פאַרשטיי נישט פאַר וואָס מ׳דאַרף נאָך איבערקלערן. ס׳איז דאָך אַ זכות פאַר אונדז וואס זיי זענען דאָרט אין געגנט. ווען נישט וואָס זיי זיינען דאָרט, וואָלטן מיר דאָך געדאַרפט דאָרט זיין.״

ווען כ׳האָב אַמאָל אין אַ שמועס מיט אים באַמערקט, אַז זיין ווארעמע באַציאונג צו יידיש און צום יידישן בוך איז אַן אויסנאַם צווישן מערסטנס פון די אַזוי גערופענע שטאָט באַלעבאַטים, האָט ער מיט אַ שמייכל מיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז ער האָט דאָס מיטגענומען פון זיין טאַטנס הויז וואָס איז געשטאַנען אינעם דערפל מאַלאַטעווקע לעבן כאָטין, בעסאַראַביע. בלויז עפּעס מער פון אַ מניין יידישע משפחות זענען דאָרט געווען און אַלעמאָל געהאָלפן איינס דאָס אַנדערע צו בלייבן יידן. יידישע מעשה־ביכלעך זענען פון די ערשטע אין וועלכע ער האָט אַריינגעקוקט און ס׳איז אים געבליבן א גוטער טעם ביז היינט. בכלל האָט ער ליב ספרים און ביכער און האָט גרויס דרך ארץ פאַר די וואָס האָבן זיי געשריבן. צוליב דעם וואָס דער פאָטער איז נפטר געוואָרן גאָר יונג, האט ער קוים באַוויזן צו לערנען אין חדר אַביסל חומש מיט רש״י. דערנאָך האט די ערשטע וועלט־מלחמה בכלל איבערגעשלאגן דאָס לערנען. דאס ביסל ווייטערדיקע וויסן האָט ער זיך דערוואָרבן מיט גרויסע שוועריקייטן ביי פריוואטע לערער און אליין לייענען. דער טאַטע אַ סאַדעגערער חסיד איז געווען, א קליינהענדלער וואָס האָט קוים אויסגעמוטשעט די פרנסה האָט ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט אריינגעקוקט אין א ספר. פון אים האט ער געלערנט אַז מיט א שמייכל קען מען אַמאָל מער פאַרגרינגערן דעם מצב פון אַ מענטשן ווי מיט סתם העלפן. און ווייל מ׳ווייסט נישט וועלכער וועג ס׳איז דער ריכטיקסטער און בעסטער כדי יידן זאָלן זיין יידן, זאָל מען זיין געהיטן נישט צו דערווייטערן קיינעם...״ איר ווייסט דאך אז קיין גרויסער תלמיד חכם בין איך נישט אבער פון דעם ביסל וואס איך קען, האב איך הנאה און פיל זיך גליקלעך וואס כ׳קען ברוך השם מהנא (מעהאנע) זיין תלמידי חכמים און סופרים און העלפן אנדערע זיי זאָלן עס קענען ווערן״.

קיין מאָנטרעאַל איז ער אָנגעקומען אין 1921 און אַ צאָל יאָרן דורכגעמאַכט קאָלטס און וואַרעמס און סוף כל סוף זיך דערשלאָגן צו אַ מעמד. ער לויבט יעדן טאָג דעם אייבערשטן און דעם לאַנד קאַנאַדע וואָס האָט עס אים דערמעגלעכט. ״פארגעסט נישט אויך, האט ער זיך צעשמייכלט, אַז כ׳געדענק גוט וואָס מענטשן האָבן פאַר מיר געטאָן״...

צוליב זיינע פארצווייגטע געשעפטן און געזעלשאפטלעכער אַקטיוויטעט אין אַזוי פיל אינסטיטוציעס וואס ווען מ׳זאָל וועלן זיי אויסרעכענען וואָלט עס פאַרנומען אַ גאַנצע מגילה, האָט ער נאַטירלעך געהאַט אַ סך אָנהענגער און אויך קעגנער. אין די לעצטע יאָרן האט ער עס

אנערקענט און זיך גוטמוטיק באַקלאָגט: ״כ׳האָב זיך פאַרבונדן מיט אַזוי פיל רצועות אַז איך באוויז קוים צו מאכן אַ ברכה אויף אַלע״.

די וואס האבן אים געקענט בלויז פון אויסנווייניק, האָבן געקענט אַ מענטשן פון מאָדערנעם שניט, וואָס אַלץ פעבלט אויף אים, אַ געניטער און פעיקער געשעפטסמאַן, וואס ווייסט וואס ער וויל און האָט אַן אייגענע מיינונג אין עניינים אויסער געשעפט. אַז איר האָט אים אָבער נעענטער דערקענט, האט מען געשפירט אַז עפּעס אַ ספּעציעלע מענטשלעך ערלעכע וואַרעמקייט לעבט אין אים. ״אַ לייטישער מענטש״ פלעגט מען אַמאָל אַזאַ איינעם באַצייכענען. בלויז יחידי סגולה זענען מיט דעם געבענטשט.

זיין אָפּשיידן זיך פון דעם עולם איז אַן אמתע אבדה שאינה חוזרת, אַ פארלוסט פאר זיין משפחה און פאר אלע וואָס זיינען מיט אים געקומען אין באַרירונג.

יהי זכרו ברוך!

ביכער פון יעקב זיפּער

<u>יידיש</u>

געוועזן איז אַ מענטש,

פינף מעשות פונעם לעבן פון בעש״ט ז״ל, מאָנטרעאַל תש״א — 1940

אויף יענער זייט בוג,

נאָוועלע, מאָנטרעאַל תש״ו — 1946

צווישן טייכן און וואַסערן,

דערציילונגען פונעם לעבן פון אַ שטעטל צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, מאָנטרעאַל תשכ״א — 1961

כ׳בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען,

פּאָעמע, מאָנטרעאַל תשכ״ו — 1965

אין די געצעלטן פון אברהם,

פון די חומש מעשות, מאנטרעאל תשל״ד — 1973,

(באַקומען די ליטעראַטור־פרעמיע פון ״י.י. סיגאַל קולטור־פאָנד״)

פון נעכטן און היינט

דערציילונגען, מאָנטרעאַל, תשל״ח — 1978

<u>העברעיש</u>

איש היה בארץ,

חמשה סיפורים מחיי הבעש״ט ז״ל, הוצאת מ. ניומן, תל־אביב תשט״ו — 1955

מעבר לנהר בוג,

נובילה, הוצאת מ. ניומן, תל־אביב, תשי״ז — 1957

בין נהרות ונחלים,

סיפורים מחיי עיירה אחת בין שתי מלחמות העולם, הוצאת ״המנורה״, תל־אביב, תשכ״ח — 1967

באהלי אברהם,

מסיפורי החומש,

הוצאת מלוא, תל־אביב, תשל״ד — 1974

יעקב זיפּער, אַ זון פון א חסידיש־לומדישע משפחה, איז געבאָרן אין שעברישן און דערצויגן אין טישיוויץ, קליין־פוילן, וואו דער פאָטער ר׳ אברהם שטערן ז״ל איז געווען שוחט און מורה־הוראה, אַ גרויסער למדן און מקובל, מחבר פון ספרים מיט חידושים אויפן תלמוד, קבלה און חסידישע מעשות. צו 19 יאָר איז זיפּער געוואָרן אַ לערער, אָנגעהויבן שרייבן און אַקטיוו אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג. פאַרלאָזט די היים און געלעבט אומלעגאַל אין וואָלין. אין 1925 עמיגרירט קיין מאָנטרעאַל וואו ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די פּיאָנערן־בויער פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונג און אין 1928 געוואָרן פּרינציפּאַל פון די יידישע פּרץ־שולן. אַרויסגעגעבן פינעף ביכער פּראָזע און איין לענגערע פּאָעמע. זיך באַטייליקט אין די וויכטיקסטע יידיש העברעישע זשורנאַלן מיט דערציילונגען, אַרטיקלען און עסייען. געקראָגן פּרעמיעס פאַר דערציאונג און ליטעראַטור פון ״י.י. סיגאַל קולטור פאָנד״, און ״איציק מאַנגער פּרייז פאַר ליטעראַטור שאַפונג אין יידיש״, אין 1982 אין ישראל. די לעצטע צייט האָט ער געאַרבעט אויף אַ נאָוועלע פון קאַנאַדער יידישן לעבן. געשטאָרבן אַפּריל, 1983.